STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05335

# NOAH PANDRE

Zalman Shneour

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Ira & Mrs. Ilana Opatowsky
in honor of
their children, Danielle, Joshua, Jonathan & Sara*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן שניאור

*

נח פאנדרע

## זלמן שניאור

# נח פאנדרע

### דריטער טייל: „צוריק פון אָסטראָג"

JEWISH HERITAGE LIBRARY
71-25 MAIN STREET
FLUSHING, NEW YORK 11367.

פאַרלאַג „ניי-לעבן"
תל־אביב, תשכ"ט — 1969

©

אַלע רעכט געזיכערט

נדפס בישראל תשכ״ט

דפוס „ אור ״ בע״מ
רח׳ לבנדה 36, טעל. 36910
תל־אביב

דריטער טייל:

# „צוריק פון אסטראג“

# אַ וואַרע

## (אַנשטאָט אַ הקדמה)

— מאַך אַ וואַרע, שקלאָווער וואַלד! איינער פון דיינע בעסטע קינדער קומט צו דיר צוריק! בעט אויס מיט סאָסנע־נאָדלען דעם גריבערדיקן שליאַך; וואַרף אַראָפּ דיינע פעכיקע ברוינע צאַפּנס, עס זאַל גוט שמעקן. האָב קיין מורא נישט, וואַלד. זיינע באָרוועסע פיס וועט ער נישט צעשטעכן, אַזאַ קינד! האַרט איז ער אינגאַנצן, און זיין באָרוועסקייט איז לעדער. אויף גלאָז־שערבלעך וועט ער טרעטן און זיך אויך נישט צעקראַצן. נאָר קיצלען וועלן זיי אים ליבלעך, דיינע נאָדלען און צאַפּן, ווי ווייכע קינדער־נעגעלעך דעם טאַטנס פּיאַטעס...

בעט אויס מיט מאָך דיינע זייטיקע סטיעזשקעס! פון אַ מיאוסן אָסטראָג קומט אָן דיין זון. טאָמער שעמט ער זיך צו גיין מיטן ברייטן שליאַך, וועט ער זיך נעמען אָן אַ זייט, איבער דיינע שאָטנדיקע, שוועמלדיקע שטעגעלעך; ווו נאָר יאַגדעס־קלייבער שלאָגן זיך דורך, ווו די ביטרע פוקס נישטערט און ווו דאָס שטעך־חזירל גראַבלט זיך אין וואַרעמע אָוונטן.

שוין באַלד אַוועק אַ זומער. דיינע רויטע יאַגדעס האָט מען שוין לאַנג אויסגעקליבן, ווי צעשאָטענע רויטע קרעלן פון גראָז אַרויס. דיינע שוואַרצע בערעלעך האָט מען אויך צוזאַמענגעשאַרט. צימעסן און איינגעמאַכטס געקאָכט פון זיי. נאָר דאָ און דאָרטן קוקן נאָך איינצלנע בערעלעך, ווי שוואַרצאַפּלען אָן אויגן.

אָנשטאָט זיי זענען דיינע ברוסניצעס צייטיק געוואָרן. דו קענסט לאַנג נישט בלייבן אַזוי און נישט שאַפן עפּעס נייעס. דיינע קאָלירן בייטסטו ווי דיינע פּרותלעך: איין יאַגדע אַראָפּ, די אַנדערע אַרויף.

רויטע און אויסגעוואַרעמטע אין מאָך טוליען זיי זיך, דיינע הענגלעך

ברוסניצעס; און זויער זענען זיי ווי ביי אַן אָרעמאַן אויפן האַרצן. באַהאַלט זיי, כאַטש זיי, אָט די אָרעמינקע רעשטלעך פון זומער! דער־פריש מיט זיי אַ יידיש האַרץ, וואָס איז פאַרשמאַכט געוואָרן פון שטיי־נערדיקן וועג. וואָרום אַ סך וויאָרסטן שפּרייזט דיין אָרעמער גאַסט צופוס און דער שווייס רינט פון אים, ווי אַ הייסער טוי.

אָט דערנענטערט ער זיך, צאַם און ווייך, ווי אַ לייב, וועלכן מ׳האָט פון שטייג אַרויסגעלאָזט. ער ברילט נישט. ער האָט זיך אויס־געלערנט שווייגן צווישן די אייזנס. נאָר דער צאָרן קאָכט אין אים. ציטערט זשעדנע וועלף און טכוירן אין די נאָרעס!

שמשון הגבור איז עס, אין הונדערטסטן גלגול. תחית־המתים איז ער שוין אַ סך מאָל אויפגעשטאַנען אין יידישע שטעטלעך. אין לייב און לעבן אָנגעטאָן זיך, כדי צו העלפן זיינע שוואַכע ברידער. ווו אומגע־רעכטיקייט — דאָרטן איז אויסגעוואַקסן זיין ברייטע פּלייצע, און ווו באַליידיקונג — זיין האַרטע פויסט.

אָבער די פלשתים האָבן אים געפאַנגען... צום הונדערטסטן מאָל געפאַנגען אים. אין אָסטראָג געזעצט, כדי צו ברעכן זיין ווילדע גבורה, כדי צו דערשטיקן זיין אייביקע ליידנשאַפט אָנצונעמען זיך פאַר שוואַכע. אַצינד האָבן זיי אים באַפרייט.

אָ, זיי וויסן גאָרנישט ווען זיי האָבן באַפרייט!... גאָר אין גיכן וועט ער טאַנצן אויף זייער חגא, וואָס איז פול מיט רשעות און דורשטי־קייט נאָך בלוט. בלינד פאַר צאָרן, וועט ער צעטרייסלען די זיילן פון זייער הערשאַפט. אָבער מיט זיי צוזאַמען וועט ער נ י ש ט אומ־קומען, אַזוי ווי אין „שופטים״ שטייט... פון אונטער די חורבות וועט ער אַרויסגיין גאַנץ און וועט אויפלעבן אין אַן אַנדער לאַנד.

ער קען נישט אומקומען, ווייל ער איז אייביק אָט דער גוטער, פּראָסטער שמשון, וואָס ווייסט נישט ווו זיין כוח אַהינצוטאָן און שענקט אים אַלע באַדערפטיקע.

אָן אַזעלכע ווי ער, וואָלט די גערעכטיקייט איינגעשלאָפן, און די בייטש וואָלט קיינמאָל נישט אַרויסגעפאַלן פון הענקערס האַנט.

וואַלד, דו וואַלד! הערסט דו נישט ווי עס קנאַקן שוין אָפּגעפאַלענע צווייגלעך? דאָס ברעכן זיי זיך און ברעקלען זיך אונטער זיינע באָר־וועסע פיס...

בויגן זיך קוסטעס נייגעריק און קוקן אויס אויפן שליאַך. צווישן

צוויי וועגט פון סאָסנע־שטאַמען, ווי דורך אַ ברוינער הייל קוקן זיי, מיט אַ גרינעם סכך־באַלקן צוגעדעקט.

— יאָ! — שאָקלען זיי צו — ער גייט, ער גייט! — נאָר ווער איז דער אַנדערער, וואָס שלעפּט זיך אים נאָך?

# צוריק פון אַסטראָג

## 1.

מיטן לאַנג נישט אויסגעבעסערטן שליאַך, וואָס ציט זיך דורכן וואַלד פון מאָהליוו קיין שקלאָוו איבער דעם פאָלוואַרק קופּיאָל, איבער דעם דאַברייקע־באַרג און איבער מאַקאַראָווקי, גייען צוויי וואָגלער. איינער אַ ברייט־פּלייציקער, אַ געזעצטער, ווי פון אייזן געגאָסן, מיט אַ האַרטן געזיכט; דער אַנדערער — אַ דאַרער מיט איינגעפאַלענע באַקן און איינגעזונקענע אויגן. אויף די רוקנס, אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך, זענען פאַרוואָרפן זייערע קלומיקעס. און איבער זיי, פאַרקוועטשט אונטער די שטריקלעך, ביי יעדערן אַ פּאָר ווינטערדיקע שטיוול מיט לאַנגע, געקנייטשטע כאָליאַוועס. די צוויי פאַרשוויגענע שפּרייזן באָרוועס און די לויזע כאָליאַוועס פּאַטשן זיי, ביי יעדן טראָט, איבערן רוקן, גוט־ברידעריש פּאַטשן זיי:

— אדרבא, גאַנץ פיין, איר גייט אייך, מירן זיך אויסרוען!...

מחמת דער גרויסער היץ, אינמיטן חודש אב, האָבן אונדזערע וואָגלער פאַרקאַטשעט די שווערע, נישט־זומערדיקע פּלודערן, עס זאָל זיין קילער און עס זאָל זיך בעסער גיין. נאָר די ווינטערדיקע באַראַשקענע היטלען האָבן זיי דווקא אָנגערוקט ביז איבער די אויערן. און מ'קען נישט פאַרשטיין צוליב וואָס. דער הייסער שווייס רינט זיי פאַרביי די אויערן אין דינע ריטשקעלעך און די היטלען טוען זיי נישט אויס. זיי בלאָזן נאָר פון זיך, ווי די איבערגעהיצטע קעסלען און גייען ווייטער. פון צווישן די בוימער גיט אָפּטמאָל אַ שיין, בלוי און ליבלעך, דאָס וואַסער פון דניעפּער. אַמאָל נעענטער און אַמאָל ווייטער. אַט־אָ שמייכלט ער אויף,

אַט־אָ פאַרשטעקט ער זיך הינטער די סאָסנעס, שפּילט זיך, דאַכט זיך, אין זלידנע באַהעלטערלעך מיט די צעהיצטע פוסגייער:

— איר וואָלט זיך אפשר געוואָלט אויסבאָדן? ניין? איז דאַרף מען נישט. בין איך נישטאָ. האַ? און אפשר יאָ?

דער גרויסערברייט־פּלייציקער וואָגלער קוקט זיך אָבער גאָרנישט אום אויף די בלויע חנדלעך פון נאָענטן טייך. ער שפּרייזט מיט גיכע אָבער אָפּגעמאָסטענע טריט, פול מיט כוח און געדולד. דער מאָגערער שלעפּט זיך אים קענטיק נאָך. אָט כאַפּט ער גיין צו גיך, אָט ווערט ער אָפּגעלאָזן און שטייט אָפּ. אויף די בליצלעך פונעם בלויען וואַסער, צווישן די בוימער, קוקט ער זיך אום ווי אַ קאָטער אויף מילך.

— זע! — שרייט ער הייזעריקלעך אויף און בלייבט שטיין שלינגענ־דיק דעם גאָרגל — ווייטער דער „ניעפּער״!

די ברייטע פּלייצעס שטעלן זיך נישט אָפּ. זיי גיבן זיך נאָר אומ־געדולדיק אַ הויב אויף, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: שוין געהערט! און גייען ווייטער. די אָנגעבונדענע כאָליאָוועס פּאַטשן בראָוו איבער זיי...

דער מאָגערער גיט אַ לויף, יאָגט אָן, אוןביידע פוסגייער גלייכן זיך אויס. בייביידן זענען די פּנימער פאַרברענט. נאָר ביי איינעם מאַכט די פאַרברענטקייט מער בולט דאָס קערנדיקע געזונטקייט, און ביים צווייטן — די אָפּגעמאָגערטקייט, די מאַטקייט און דעם קורצן אָטעם.

מיט אַמאָל ווערט דער מאָגערער צערייצט. ער פאַרשטשירעט די ציין:

— פאַרמאָרען ווילסטו מיך, פאַנדרע? וואָ־אָס? כ׳בין דיר נישט סענדערס אַ פערד! הערסט?

און גיט זיך מיטן קלומעק אַ וואָרף אין מאָך צווישן די בוימער, רייסט אַראָפּ דאָס וואַטעווע היטל פון קאָפּ, אָטעמט אָפּ און בורטשעט:

— מיט דער באַראַשקע אויפן קאָפּ צי אָן דער באַראַשקע. די זעלבע פּאַפּלעקסיע קריגט מען פון דער זון.

פאַנדרע קוקט זיך אום, בלייבט שטיין און רעדט פאַרלעגן:

— ווייטער צעלייגט זיך, שמחהלע! און ווען קלערסטו זיין אין דער היים? ס׳וועט אונדז נאָך אויסקומען נעכטיקן אין מאַקאַראָווקי.

— וועט אויסקומען! — ענטפערט שמחהלע בייז — מאַקאַראָווקער שיקסעס דאַרפן זיך דיר נאָך אָפּשלוקערצן, פון אַמאָל...

— וואָס בריקעסטו זיך, וואָס? — שפּיצט זיך פאַנדרע אָן — האָסט שוין אויפגעעפנט דיין טריפהנעם מויל? סענדער... פערד... שיקסעס...

קאַשע מיט באַטווינע. סענדערן לאָז אָפּ, זאָג איך דיר! „עליו השלום״ זאָג כאָטש, טורערו!... ביסט נישט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען... קום, זאָג איך דיר!

שמחהלה רירט זיך נישט פון אָרט. ווישט זיך פּאַנדרע דעם שווייס און רעדט מיט געבעט:

— אַפּריער רעדסטו אַליין צו: צופוס און צופוס! אָפּבייסן וועט מען אונדז אויפן פּאַרעכאַד... טו נאַ דיר צופוס! ווו איז עפּעס דיין צופוס?

שמחהלה טורערו שפּייט אויס געדיכט מיט אַ ווייסע שפּייעכץ, טרוקן ווי וואַטע. ער ענטפערט אים נישט צו דער זאַך. ער ווינקט אים נאָר אונטער מיט איין אויגל:

— דער אימפּעט טראָגט דיך, נחקע! דיין „מערע־מעריינעלע״ וואַרט אויף דיר... לויף, לויף, כאַ־כאַ־כאַ! אָבער וואָס זאָל א י ך לויפן? צו מיין יידענע אפשר? מיר קענען ביידע וואַרטן... זעץ זיך, פּאַנדרע!

נחס אויגן צעפּינטלען זיך פאַרשעמטערהייט, ווי ביי אַ חדר־ייִנגל, וועלכן מען כאַפּט ביי אַן עבירהלע. אַ געדיכטע רויטקייט צעגיסט זיך אונטער זיין אָפּגעברענטער הויט. דאָס געדויערט נאָר איין רגעלע. אונטער שמחהלעס ממזרישן קוק כמורעט ער באַלד אָן די קויל־שוואַרצע ברעמען איבער די גרויע אויגן און רעדט מיט אַן אָפּגעהאַלטענעם אָטעם:

— און אַז יאָ, איז וואָס? טורערו! רעדסט שוין ווי קושקע בראַנד. דין־וחשבון דאַרף איך אייך ביידן אָפּגעבן, וואָס? און מיין מערען... דו הערסט? מערען... אויב דו וועסט נאָך אַמאָל, טורערו־גנב.... מערען זאָ... זאָלסטו מיר נישט... מע...

פון נחס גאָרגלדיקן שטאַמלען האָט שמחהלע גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ אָנגערירט פּאַנדרעס אַ ווייטיקדיקן אָרט און אַז מען טאָר דאָ צופיל נישט חכמנען זיך. וואָרים מיט קושקע בראַנד איז שוין אַמאָל, ביים אָרשער וואָקזאַל, שיער נישט געקומען צו אַ בלוטיקן געשלעג פאַר אַזאַ חכמהנען זיך. און זינט דעם, זענען קושקע און פּאַנדרע שונאים. אַ פּשיטאַ־שוין אַצינד, ווען נח איז אַזוי אויסגעהונגערט! אָנדערטהאַלבן יאָר נישט געזען זיך מיט דער פלוניתטע...

האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט, שמחהלע, מיט אַ געלעכטערל פון אַ רודף־שלומניק:

— וואָס האָסטו זיך צעקאָכט, פּאַנדרע? מיינסט אַלע האָבן אַזאַ שוואַרצן כוח ווי דו? לאָז אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

פאַנדרעס צאָרן האָט גלייך אָפּגעלאָזט. פאַר די אָנדערטהאַלבן יאָר זיצן אין אָסטראָג, איז ער געוואָרן צו לייכט אויף ווערן אין כעס. ער פילט דאָס אַליין. עפּעס איז אין אים קאַליע געוואָרן... האָט ער אָנגעקוקט שמחהלעס פאַרמאָרעט פּנים, מיט די טונקעלע קנייטשן פול מיט שווייס, און רחמנות געקראָגן. נישט רעדנדיק מער קיין וואָרט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן שמחהלען אין מאָך און אַראָפּגעריסן דאָס וואַטאָווע היטל. אַ שווייסיקע פּאַרע האָט אַ זעץ געטאָן פון זיינע געשוירענע טונקל־ברוינע האָר, ווי פון אַן איבערגעהיצטן פערד.

— ס'איז דאָך אַן אמת, — האָט ער זיך געטראַכט, — די שקורע ברענגט טאַקע אויף מיר. וואָס איז ער שולדיק?

שוין באַלד דריי טעג, אַז ער ליידט אַזוי, פאַנדרע. אַז מען האָט נישט געטאָרט, האָט מען נישט געטאָרט, איינגעשלאָפן האָט אין אים די בענק־שאַפט נאָך מערען. אין שלעפן די מיאוסע אָפּטריט־פאַס האָט ער פאַר־ברויכט זיין כוח. דערנאָך — אין האַקן האָלץ אין וואַלד, אין זעגן וואָרצ־לען פון בוימער. נאָר אָט, באַלד פיר טעג, זינט מ'האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער גייט אַרויס, האָט זיך ד אָ ס אויפגעכאַפּט. פון דער איינגע־דרעמלטער בענקשאַפט האָט אויפגעברויזט אַ מוראדיקער אימפּעט. ס'האָט אים געהויבן פון אָרט ביינאַכט און געמאַכט פיבערדיק בייטאָג. די הענט האָבן זיך אים געטרייסלט ביים אָנטאָן זיך. ווי אַ וואָלף פילט אַ צוגע־בונדענע ציג הינטער אַ הויכן צוים, אַזוי האָט ער געפילט מערעס ריח פון דער וייטנס. די נאָזלעכער זענען אים געשטאַנען אָנגעבלאָזן ווי די פינפּערלעך. און היינט, זינט ער איז אַרויס פון אָסטראָג־טויער, איז ער מיט יעדן טראָט געוואָרן אַלץ אומרואיקער און אומגעדולדיקער. די ליידנ־שאַפטן האָבן זיך אין אים געוואָרפן ווי געפּענטעטע טייוואָלים. די זון באַקט און אין צעהיצטן קאָפּ טומלט זיך. אָט דערפילט ער אַ חשק שלאָגן זי, מערען, ווי נאָר ער וועט זי דערזען. שלאָגן זי מיט פאַרקריצטע ציין, אַזוי ווי דאָס טוען גוים מיט זייערע ווייבער, פון גרויס פאַרליבעניש... און אָט פאַרגלוסט זיך אים צו געפינען מערען אין איין בלויזן העמד, פּונקט אַזוי ווי ער האָט זי געלאָזן ליגן אין בעט, אין דער נאַכט פון דער שריפה ביים נייעם בגיד... ווי ער געפינט זי אַזוי אין לאַנגן העמד, אַזוי גיט ער זיך אַ וואָרף צו איר און נעמט זי אַרום ווי אין די בחורישע צייטן, בשעת ער האָט זיך געשדכנט צו איר און זי האָט אים דערלאַנגט אין באַק. דורך ביידע אָרעמס, ווי דורך אַ וואַרעמען רינג, וועט ער

אַדורכלאָזן איר גאַנצן פויגלשן קערפּער, און דערנאָך... האַלט זיך, פאַנדרע! נישט צערייס דיין ווייבל ווי אַ וואָלף אַ ציגעלע. אַ מאַמע פון אַ קינד איז זי!... אַ קינד? יאָ. שעפּטעלע גנב האָט דאָס קינד מיט זיינע אויגן געזען. אַ „ווילער יאַטל״, האָט ער געזאָגט. מיט אַ רויטן געבורט־פלעק אויפן העלדזל. פונעם שרעק בשעת דער שריפה קומט דער פלעק. אַזוי האָט מערע געזאָגט שעפּטעלען. נאָר עפּעס רירט אים נישט דאָס קינד, זיין אייגן קינד... ער איז כמעט גערייצט וואָס עפּעס אַן א ו מ־ב אַ ק אַ נ ט קינד וועט אַצינד ליגן צווישן אים און מערען, אַריינמישן זיך, קוויטשען... בשעת ער האָט מערען געלאָזן ליגן אין בלויזן העמד איז נאָך גאָר אַזאַ פאַסקודניאַקל אויף דער וועלט נישט געווען!... זאָל ער קוויטשען, זאָל ער! ער, נח, וועט זיין מערען נישט אָפּלאָזן ביז אין דער פרי. נישקשה. זי וועט נישט שטאַרבן. סענדערס טאָכטער! ערשט צו מאָרגנס אין דער פרי וועט ער זיך אָרומקוקן, ווו איז ער אין דער וועלט... אוף!

ער קוקט זיך אום: די שטאַמען פון די סאָסנעס גלאַנצן העל־ברוין אין דער זון. שמחהלע זיצט אין מאָך און ווישט זיך דעם שווייס מיטן אַרבל. צופרידן אפּנים, וואָס ע ר האָט אויסגעפירט און מ׳האָט זיך צוגעלייגט. דאָס רחמנות, וואָס פאַנדרע האָט מיט אַ מינוט צוריק געפילט צו אים, פאַרשווינדט. ער בורטשעט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

— געדאַרפט בעסער פאָרן מיטן פאַרעכאָד. מ׳וואָלט שוין באַלד געווען אין דער היים.

שמחהלה האָט מיט באַוווּנדערונג באַמערקט, אַז פאַנדרע האָט אי־בערגענומען זיין ראָל. אַלעמאָל בורטשעט ער, שמחהלע, דער שוואַכערער, און פאַנדרע פאַרגלעט. אַצינד — פאַרקערט: פאַנדרע בורטשעט און ער, שמחהלע, מוז נאָכגעבן... ער ווייסט אַפילו פון וואַנען דאָס קומט. פאַר־וואָס ביי פאַנדרען איז אַזוי צעקאָכט דאָס בלוט. אַ סכנה מיט אים אָנהויבן זיך אַצינד. נאָר וואָרט! — קלערט ער — שלאָף זיך נאָר איבער מיט מערען, וועל איך דיר שוין ווייזן! היינט זאָל מיינס אַריבערגיין.

— איז ווי? — מאַכט ער צו פאַנדרען — טשעפּעסט זיך שוין ווייט־טער, מיט די כניאַקעס אויפן רבינס פאַרעכאָד וואָלט דיר געווען בעסער? יעדער גילדענאָדערדיקער חסידל זאָל דיר אויסטאַפּן די ביינער. פרעגן און אויספרעגן. שלום־עליכם! פון וואַנעט אַ ייד אין ווינטערדיקע מלבר־

שים? אָסטראָג? פאַר וואָס אָסטראָג? דאָס גלאָצן מיט די ווערימדיקע אויגלעך...

פאַנדרע האָט אָפּגעזיפצט.

— זיפץ נישט! — טרייסט אים שמחהלע — האַלט זיך אַ ביסל איין, לאָמיר זיך גיין פּאַמעלעך, ס'איז דאָ סלאָבאָדנע. קיינער קוקט דיך נישט אָן. קיינער פרעגט נישט. בוימער. ביינאַכט וועלן מיר זיך פּאַוואָליע אַריין אין שקלאָוו. שטיל, פיין...

## .2

דאָס זיצן אין אָסטראָג ביי אָנדערטהאַלבן יאָר, דער שטענדיקער שרעק פאַר נאַטשאַלסטוואָ, דער דרוק פון גויאישקייט און פון דער פאַר־ברעכערישער סביבה — האָבן אויף פאַנדרען און שמחהלען אַרויפגעלייגט אַ באַזונדער שטעמפּל, אַ שטעמפּל פון פאַרטאַיעטער גערייצטקייט, פון פאַרדאַכט. אַ כמורנעקייט פון מענטשן, וואָס זענען צו לאַנג געבליבן מיט זיך אַליין.

די לעצטע עטלעכע חדשים האָבן זיי אַפילו געאַרבעט אין וואַלד, ביי די זומפּן. שעפּטעלע גנב האָט זיי דאָס אויסגעלייזט פון דעם אָפּטריט־פּאַס. מיט געהיימע וועגן האָט ער דאָס געטאָן, מיט לאַפּקע־געלט גע־שמירט, ביז ער האָט זיי אויסגעלייזט... פאַנדרעס ברייטע לונגען האָבן דאָ פריש אויפגעאָטעמט. אַפילו שמחהלע טורערו האָט, הוסטנדיק, גע־בענטשט שעפּטעלעס גוט־ברודערשאַפט אויף זיין שטייגער: „כחי, כחי, אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין! דאָ גייט כאָטש די לייכע גרינגער אָפּ!"

אָבער נישט דאָס געשמאַקע זעגן פון האָלץ, נישט דאָס פריילעכע אונטערהאַקן פון צוזאַמענגעבונדענע בוימער איז געווען גענוג אָפּצווישן פון זיי דעם שטעמפּל פון פאַרשפּאַרטע אָסטראָזשניקעס. די קרומקייט פון זייער קוק, די אַלטגעבאַקענע האַרטקייט, וואָס האָט אָנגעטאָן זייערע שלעכט־געוואַשענע פּנימער. זיי האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז יענעם דוכט זיך, אַז זיי דוכט זיך. דערפאַר האָט זיך זיי נאָך מער געדוכט...

ווי אַ שטעכיק גראָז האָט זיך דאָס „נישט־גוטע" צעוואַקסן אין זיי. צעוואָרצלט זיך. און פון וועלן פאַרטייען דעם **סוד פון אָס־טראָג** איז ער נאָך שטעכיקער געוואָרן; פון די צעפּאַטלטע האַר אַרויסגעקראָכן, פון די שלעכט־געגאָלטע באַקן, פון די נישט זיכערע

אויגן. געמאַכט זיי אומרואיק, פאַרראַטן. זיי האָבן עס אַליין געפּילט און דערפאַר מורא געהאַט צו באַגעגענען זיך, גלייך פון אַסטראָג, מיט ניי־געריקע יידן. ס'איז דער זעלבער פאַרטאַיעטער שרעק פון פאַרוואָרפענע, האַלב־פאַרווילדעוועטע, וואָס קערן זיך אום צוריק צו אַ ישוב. און ס'איז געווען שטאַרקער ווי די ברענענדיקע אומגעדולד, ווי די קרענקלעכע גע־שפּאַנטקייט, צו זען וואָס גיכער די נאָענטע... דערפאַר איז שמחהלען אַזוי לייכט אָנגעקומען איבערצורעדן פאַנדרען, מ'זאָל בעסער גיין צופוס דורכן וואַלד. זיי האָבן ביידע אַזוי לייכט מקריב געווען די עטלעכע איבעריקע שעה! נאָר דער שטייניקער וועג, אינעם הייסן סוף־זומער טאָג, האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער אַלס זייער פאַרביסנקייט. זיי ביידע האָבן אַליין נישט געוווּסט, ווי אָפּגעווינט זיי זענען פון זון און פון געזונטע טרוקענע לופט. אין די שלייפן האָט געזעצט ווי מיט האַמערס. אַ מוט־נעקייט איז זיי געשטאַנען אין די אויגן, אַ טרוקנקייט אין האַלדז און אַ מאַטקייט אין די קני. מער פון פאַנדרען האָט געליטן שמחהלע, נאָר ער האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין.

היינט ראַנעצקע, פאַרן פאַרלאָזן די כמורנע אַסטראָג־מויערן, האָט מען זיי אומגעקערט די וואַרעמע קליידער זייערע: די גראָבע פאַדיאַווקעס, די שווערע פלודערן מיט די רימענע פּאַסיקעס, די שטיוול מיט די לאַנגע כאַליאַוועס, די באַראַשקענע טיפּע היטלען. אין די דאָזיקע קליידער האָט מען זיי אַרעסטירט מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק, סוף ווינטער; און די זעלבע קליידער האָט מען זיי אַצינד אומגעקערט. עס האָט זיך געפּאַסט גראָד קאַפּויער צום הייסן זומער, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט דרויסן. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ שפּאַט, ווי אַ לעצטער צולהכעיס פון די גויים, וואָס האָבן זיי מיט געוואַלד אַרויסגעשלעפּט פון שטעטלשן לעבן. נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָבן זיי אויף זיך אָנגעטאָן אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזן, און דאָס איבעריקע אַרויפגעוואָרפן אין אָרעמע קלומי־קעס אויף די פּלייצעס. דער געקאָוועטער טויער האָט זיך אויפגעעפנט... נאָר דאָ האָט אויף זיי געוואַרט אַ קליינע איבערראַשונג. אַ גוט־ברודע־רישער שטומער גרוס.

יעפים, דער אַלטער סטאָראָזש זייערער, האָט זיי דערלאַנגט אַ פּאַר־וויקלט פּעקעלע טאַבאַק מיט פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. אַ מתנה פון „קרובים", האָט דאָס געהייסן. זיי האָבן שוין אָבער געהאַט זייער סימן אויף אַזעלכע פּעקעלעך און גלייך דערקענט שעפּטעלעס פלינקע הענטל...

נו, קיין חזיר קען מען דאָך נישט זיין! האָבן זיי זיך ערלעך צעטיילט מיטן סטאַראָזש. אָפּגעגעבן אים אַ גוטן טייל טאַבאַק. קיין זייד־פּאַפּיר האָט ער נישט געוואָלט נעמען. דאָס, מאַכט ער, איז גוט פֿאַר אַ „באַרין", נישט פֿאַר אַ סאָלדאַט!... פֿון אַרבל־אומשלאַג, האָט יעפּים גלייך אַרויס־געצויגן אַ שטיק צייטונג־פּאַפּיר, אָפּגעריסן, פֿאַרדרייט אַ ציהאַרקע, געלעקט דעם ראַנד מיטן שפּיץ צונג, און, לעקנדיק מיט אַ ספּעציעלער סאָלדאַטסקער מינע, גערעדט אַזוי צו זאָגן:

— טאַק־שטאָ, רעביאַטאַ! אייער סטאַראָזש בין איך געוועזן. בייז זאָלט איר אויף מיר נישט זיין. „סלוזשבאַ ניע דרוזשבאַ" (דינסט איז נישט קיין חברשאַפֿט). און אַן עצה מעגט איר פֿון מיר אָננעמען. כ'האָב אַ סך סאָלדאַטסקע מאַניעוורעס דורכגעמאַכט. איך ווייס, פֿון דער זון אין אָס־טראָג האָט איר זיך אָפּגעווינט. אָבער פֿאַרשפּאַרט געזעסן, אָדער אין טונקעלן וואַלד געאַרבעט. גייט נישט אַצינד אין דער היץ אָן אַ היטל! די וואַרעמע היטלען זע איך האָט איר אין די קלומיקעס פֿאַרפּאַקט. איר שעמט זיך אויסזען ווי שלעפּער אויפֿן שליאַך. דאָס פֿאַרשטייט זיך... שעמט זיך בעסער נישט! שוויצט בעסער, רעביאַטאַ, און דעם קאָפּ האַלט צוגעדעקט. אַז נישט, באַהיט גאָט, וועט איר לעבעדיקע נישט דערגיין צו אייערע ווייבער... שוין געוועזן אַזעלכע מעשׂיות מיט אַרעסטאַנטן. באַפֿרייט — און גלייך צעכראַבּרעט זיך. זינגענדיק און אַנטבלויזט אַוועק אין דאָרף. מ'האָט זיי האַלב־טויטע אויפֿגעהויבן אין וועג...

ער האָט זיי אָנגעשראָקן דער בראַווער יעפּים. זיי האָבן געוווּסט, אַז קאַטאָרגע האָט ער פֿיינט צו טרייבן. האָבן זיי אים ווי די לערן־ייִנג־לעך געפֿאָלגט. די באַראַשקענע ווינטער־היטלען אָנגעצויגן איבער די אויערן. אַזוי האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט דורכן ברייטן, באַלויכטענעם שליאַך. נאָר דאָ, אין געדיכטן שאָטן אויפֿן מאָך, האָבן זיי זיך דערלויבט אַראָפּצורייסן די טיפּע היט, און אויסגעמאַטערט — צוגעהערט זיך, ווי דאָס בלוט זעצט אין די שלייפֿן.

— כאָטש אַ קאָפּ בראָנפֿן! — זיפֿצט אָפּ טורערו.

— אַ מאַלעסאָלנע אוגערקעלע! — גיט פּאַנדרע אַ קנאַק מיט דער צונג.

— אַ גלאָז קאַלט ביר, מאָל דיר אויס, איז בעסער!

—אויפֿן פֿאַרעכאַד וואָלטן מיר אַלץ געקראָגן...

ווי זיי זיצן אַזוי און רייצן זיך איינער מיט דעם אַנדערן, ערשט

אַ יונגע גויע גייט אַרויס פון וואַלד אויפן שליאַך, פונקט אַקעגן זיי. זי האָט אַפּנים דערהערט די מענטשלעכע קולכער. אין אַ ראָז און בלוי געפּאַסעקטן לייוונטענעם קליידל איז זי אַרויס, באָרוועס און אין אַ מאַ־לינע־רויטער קאַצאַווייקע אָן אַרבל, אָנגעשפּאַנט אויף דער ברוסט. ווי צווי לאַבנס פּריש אויסגעבאַקן ברויט, האָבן אירע בריסט אויסגעפּילט די קאַצאַווייקע. און מיט גרינע קווייטלעך און פּיאָלעטע צלמימלעך איז געווען אויסגענייט דער שפּיציקער האַלדז־אויסשניט. אין האַנט האָט די גויע געהאַלטן אַ קערבעלע פון בעראָזעווע קאָרע פול מיט ברוסניצעס. די קילע קאָראַלענע רויטקייט פון די דאָזיקע אָסיען־יאַגדעס האָט זיך שיער נישט אַריבערגעגאָסן איבער דער העלפּאַנטצאָן־ווייסקייט פון דער קערבעלע. די פּאַסן זון־ליכט, אין וועלכע די גויע איז אַריינגעטראָפן, האָבן זיך צעקלעטערט און צעשווינדלט איבער איר גאַנצן וווקס. פון קאָפּ ביז די באָרוועסע פיס לאַכנדיק דורכגעטאַפּט זי. די כוסטקע אויף איר קאָפּ האָט זיך צעבליט מיט שלעפערדיקע בלאַסע מאָן־בלומען. איר קאַ־צאַווייקע האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ העלישער פייער איבער אירע זאַטע בריסט, און די ברוסניצעס אין קערבעלע האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. די געוועזענע אַרעסטאַנטן האָבן די פאַרמאַכטע מיילער אויפגעעפנט. אין זייער יאָרן־לאַנגער אויסגעהונגערטקייט, נאָך פאַרבן און ווייבלעכקייט, האָט זיך זיי די גויע אַנטפּלעקט, ווי אַ וווּנדערלעכע איבערנאַטירלעכע געשטאַלט אינעם ראַם פון ברוינע סאָסנע־שטאַמען. און באַלד, נאָכדעם האָט אַ זעץ געטאָן דער דורשט. צוויי דורשטן אויף איין מאָל. צוויי פאַר־באַטענע און אַזעלכע נאָענטע געגנוסן: אַזאַ וואַרעמע ווייבערלעכקייט אין העלע פאַרבן און אַזעלכע קילע יאַגדעס אין דער ווייסער קערבעלע! פון טיפער גלוסטעניש, האָבן אַפילו ביידע פאַרגעסן, ווי פאַרשאַרפט זייערע אויגן זענען געוואָרן אין אָסטראָג.

אַרויס פון די בוימער איז די גויע מיט אַ שמייכעלע פון פויערישער קאָקעטעריע, זי האָט אַפילו געמאַכט אַ דעכעלע מיט דער פרייער האַנט איבער די אויגן. און, אַפּנים, אָנגעשטויסן זיך אָן אָט דעם באַזונדערן קוק, אָן דעם ספּעציעלן אויסדרוק פון באַפרייטע אָסטראָזשניקעס. וואָרום זי האָט גלייך געמאַכט אַ טראָט צוריק, איבערגעצלמט זיך, און ווי אַן אָפּגעבריטע געלאָזן זיך לויפן אַראָפּ שליאַך, צו מאַקאַראָווקי־צו. אירע פולע און געזונטע היפּטן האָבן זיך אַלץ גיכער און גיכער געוויגט און־

טער איר לייוונטענעם געפּאַסקעטן קליידל, ביז זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין בויג פון וואַלד־וועג.

שמחהלע טורערו און פאַנדרע האָבן זיך איבערגעקוקט. אַמאָליקע צייטן וואָלטן זיי אַזאַ גויקע נישט געלאָזן אַזוי גלאַט אָוועקגיין. זיי וואָלטן זי צוגערופן. זי וואָלט אפשר גאָר נישט אַנטלאָפן... „פאַרקויף אונדז די ברוסניצעס, האַרנאַ דיעווקאַ!‟ (שיינע מויד) וואָלטן זיי איר נאָר צוגעשריען און באַוויזן אַ מטבע. זי וואָלט שוין צוגעגאַנגען... נאָר אַצינד, אָנגעשראָקן פון פּאַנישן אָסטראָג, זענען זיי נאָך געווען פאַרקלעמט אין זיך אַליין. איינגעדאַרט איז געווען זייער מענטשלעכע פרייהייט. די פריילעכע צעלאָזנקייט האָט זיי געפעלט. האָבן זיי זיך נאָר שטום איבערגעקוקט. דער גויעס שרעק האָט זיי געמאַכט פילן דעם באַזונדערן קין־שטעמפּל, וואָס דער אָסטראָג האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. און האָבן דאָס שווייגנדיק, אָן ווערטער, געזוכט איינער ביים צווייטן אין פאַרגרעבטן פנים. נישט געווײנלעכעס האָבן זיי אָבער דאָרטן נישט געפונען. צו אָפט האָבן זיי איינער דעם אַנדערן געזען. צוזאַמען געלעבט, צוזאַמען געאַרבעט. נאָר פרישע און פרעמדע מענטשן זעען עפּעס יאָ. אפילו אַזאַ דאָרף־גויע האָט באַמערקט דאָס, וואָס זיי ביידע באַמיען זיך צו באַהאַלטן: דעם איינגעגעסענעם שאָטן פון אָסטראָג. אַ סך וואָכן, אפשר, וועט זיי נאָך אויסקומען אויסצושוויצן דאָס אין שווערער אַרבעט, אויסבלייכן אין דער סביבה פון לייבלעכע קרובים, אויספּאַרען אין באָד, ביז עס וועט פאַרלירן די פאַרדעכטיקע טונקלקייט, די געפערלעכע שאַרפקייט.

— דו ווייסט וואָס איך האָב אָקאָרשט געטראַכט? — מאַכט פאַנדרע און ווישט זיך דעם צעהיצטן פנים מיט דער ברייטער לאַפּע.

— נו? — פרעגט טורערו כלומרשט קאַלטבלוטיק.

— אַ כאַפּ טאָן אַט די שרעקעדיקע גויע דווקא... ווייל זי שרעקט זיך! אַ וואָרף טאָן אין מאָך ווי אין אַ פערינע. צערייסן אויף איר די כאַלסטינקע ביזקל האַלדז. מורא — טאַ זאָל זיין אַן אמת! ליג, שטיקפלייש דו! דערנאָך אָפּנעמען דאָס קערבעלע ברוסניצעס, פרעסן און לאַכן. זי וויינט און איך פרעס. אַ? זי האָט דאָס, זאָג איך דיר, דערפילט, זאָג איך דיר...

— דו הויבסט אָן ווערן אַ מענטש! — כאַפּט זיך שמחהלע אויף — ווי איך בין אַ ייד!...

— אַ וואָס? — פרעגט איבער פּאַנדרע מיט עפּעס אַ באַהאַלטענעם צאָרן — אַן אויסוווּרף ווילסטו זאָגן!

שמחהלע מאַכט אַ מאָדנע מינע און גיט אַ הויב מיט די פּלייצעס. ס'האָט געזאָלט הייסן: כ'האָב געמיינט, אַז דו גייסט שוין אויף אַ דרך, אַז דו האַלסט שוין באַלד אַזוי ווייט ווי איך. אלא וואָס דען — נישט? איז נישט!

נאָך אַ ווײַלע שווייגן מאַכט פּאַנדרע פּאַרטראַכטערהייט:

— ווי אַזוי וועל איך דאָס אַצינד פירן אין בויד די בריאהלעך, די שקלאָווער באַלעבאַטימלעך? שטרוי אויסבעטן אונטער זייערע געבריכן. קישעלעך — אונטער זייערע גילדענאָדער. כ'וועל דאָס, דאַכט זיך, מער נישט קענען. אָפּגעווינט זיך איינגאַנצן. אויס דרך־ארץ פּאַר זייער איידלקייט! און דער נייער נגיד מיטן מילכיקן פּליך — דו הערסט, טורערו, פּאַלט ער מיר אַריין אין דער בויד, זאָג איך דיר, אַ... מעשה וועל איך אים אָפּטאָן!

— אַז איך זאָג דיר, פּאַנדרע, — דערפרייט זיך שמחהלע ווידער אַמאָל — איך זאָג דיר דו הויבסט אָן צו ווערן אַ מענטש...

— אַ ראַזבאָיניק! — שאָקלט פּאַנדרע צו, קלערט אַ ווײַלע און רעדט ווײַטער:

— איך ווייס אסור נישט, וואָס מיט מיר איז געוואָרן. אָט גיי איך. דער אימפּעט טרייבט מיך טאַקע. ביסט גערעכט. אָנדערטהאַלבן יאָר אַ ווייב נישט געזען. קוים עטלעכע חדשים געלעבט מיט איר. געוואַלגערט זיך איר צו די פיס. נאָר עפּעס קלער איך נישט וועגן איר, ווי ס'האָט געדאַרפט צו זיין. דאָס יינגעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן, ליגט מיר גאָרנישט אין קאָפּ. אַ פייער ברענט אין מיר. שלאָגן וואָלט איך זי געוואָלט. איידער וואָס וועון — שלאָגן: ביסט אויסגעקומען אַזוי לאַנג אָן מיר? אַ? אויסגעקומען?... און דערנאָך אַ טראַסק אין טיש: וועטשערע זאָל מיר ווערן! פּאַסאָליעס מיט פלייש זאָל מיר ווערן! פאַרן אַוועקגיין אין אָסטראָג, האָב איך געגעסן קאַלטע פּאַסאָליעס... באַגנוגנט זיך. אַצינד וויל איך הייסע! דו הערסט!

— ווי איך בין אַ ייד! — פרייט זיך שמחהלע — ביסט געוואָרן גאָר, גאָר אַ מענטש, זאָג איך דיר, ביסטו געוואָרן!

— אַזאַ יאָר צו דיר! — מאַכט פּאַנדרע שווערמוטיק און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— אויך מיר אַ יצר־הרע! — לאַכט פון אים שמחהלע — און וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען איך דערצייל דיר, וואָס מ י ר גלוסט זיך?

— נו, — ווערט פאַנדרע בייגעריק.

— קילן דאָס האַרץ ווילט זיך מיר. קוילענען אָקסן אויף טרפה. אָקסן און קעלבער. ס'אַלץ איינס. נישט עלע דער שוחט מיטן חלף — איך אַליין! נישט צוליב פרנסה. גלאַט אַזוי. פופצן חדשים אין שעכט־הויז נישט געווען. דו ווייסט וואָס דאָס איז? כ'בין געוווינט אַלע ביינאַכט צוקוקן זיך, ווי דער שוחט קוילעט. ווי רויטע פייערן, וואַרפט זיך דאָס בלוט איבער די אָקסענע העלדזער. ס'האָט זיך אין מיר אָנגעזאַמלט. איך האַלט דאָס מער נישט אויס. מ'האָט מיך אָפּגעריסן פון מיין אַרבעט, איז נאָט אייך!...

— נו, דו ביסט דאָך אַלעמאָל געווען אַ גוטער רוצח — קוקט אים פאַנדרע אַריין אין די אויגן. — און מענטשן וואָלסטו נישט געקענט קוילענען? און מיך אויף די נאַרעס אין אָסטראָג האָסטו נישט געוואָלט שעכטן?...

— נו, גענוג צו דרשנען! — שפּרינגט אויף שמחהלע, דאָס מאָל דער ערשטער. — געגאַנגען זאָל ווערן! אָט באַלד, אַ פּאָר וויאָרסט פּאַר מאַקאַראָווקי, לאָזט זיך אַראָפּ אַ זאַמד צום דניעפּער, וועלן מיר זיך אויסבאָדן. דעם אָסטראָג אַ ביסל אַראָפּשווענקען. די טרפהנע בלוטן אָפּקילן...

זיי האָבן ווידער אָנגערוקט די וואַרעמע היטלען, אַרויפגעוואָרפן די קלומיקעס אויף די פּלייצעס און געלאָזן זיך גיין אַראָפּ שליאַך. די סאָס־נעס און געדיכטע יאָדלעס, רעכטס פון וועג, האָבן זיך ביסלעכווייז גע־נומען פאַנאַנדעררוקן, שיטערער ווערן. דאָס ליכט האָט גענומען אַרייג־שיסן אין גאַנצע סנאָפּעס דורך די בוימער־קרוינען, און אַ טרוקענע געלבקייט פון זאַמד האָט זיך גענומען מישן אין דער גרויער גרינקייט פונעם מאָך. ווי אַ בלוי ריזיק אויג האָט אַ לאַך געטאָן דאָס וואַסער פון דניעפּער און פאַרשווונדן געוואָרן. און פּלוצלונג האָט דאָס שפּילעוודיקע וואַסער ווידער אויפגעשיינט און אויפגעשימערט מיט אַ רונדיקן בלויען בויג ביים סאַמע עק זאַמד, ווי אַ בת־מלכה, וואָס פּיעשטשעט איר קיילעכ־דיקע, פולע היפט אין אַ גאָלדענעם בעט. עס האָט אַ וויי געטאָן מיט פרישקייט פון ווערבעס, אין דער פּעכיקער דושנעקייט פון סאָסנע־וואַלד האָט עס אַריינגעשטראָמט...

— אַט דאָ, — מאַכט שמחהלע אַ דעכל איבער די אויגן — קען מען זיך אַ באָד טאָן! נאַ... צו אַלדי קאַדיק! קליידער ליגן אויפן ברעג... יידעלעך, דאַכט זיך פּאַליושקען זיך, אין זייער מאַמ —

ער האָט נישט דערזאָגט זיין גוט־וואָרט. אינמיטן שטראָם, ווי פון אונטערן וואַסער אַרויס, האָט אַרויסגעשאָסן אַ גאָרגלדיקער, דערוואָרגע־נער געשריי:

— ליי־זשקע־ע! אוי־י! ראַטע־ע... גור־גור־גור!

— מען טרינקט זיך! — האָט פּאַנדרע אויפגעברומט און געכאַפּט לויפן צו די בערגלעך זאַמד ביים ברעג. אין לויפן — אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם קלומיק, דאָס ברודיקע העמד האַסטיק אַרויסגענומען פון גאַרטל, פּאַרקאַטשעט און איבערן קאָפּ געשליידערט. דעם פּאַסעק אָפּגעלאָזט, געלאָזט פאַלן, געטאַנצט אויף איין פוס, דערנאָך אויף דעם אַנדערן, ביז ער האָט די שווערע פלודערן אינגאַנצן פאַרלוירן. דאָס האָט אויסגעזען שמחהלען אַזוי קאָמיש, אַז ער האָט זיך צעלאַכט פון פולן האַלדז. אָבער פּאַנדרע האָט זיך אַפּילו נישט אומגעקוקט. „האַלט זיך!״ האָט ער געשריען צום וואַסער, וואַרפנדיק די שטיקער אַנטועכץ פילנדיק ווי, גלייכצייטיק מיט די מלבושים, באַפרייט ער זיך פון פאַרדאַכט צו מענטשן, צו זייער שפּלדיקער נייגעריקייט, פון מאַטקייט, פון בייזע מח־שבות צום ווייב און פון גראָבע ליידנשאַפטן צו דער אַנטלאָפענער גויע... די פרייד פון ראַטעווען אימיצן האָט אים אַרומגעכאַפּט, פּונקט ווי אין די גוטע צייטן, פאַרן אָסטראָג... אַזוי דערלייכטערט, אינעווייניק און דרויסן, האָט ער דעם וואַלד און וואַסער אַנטפּלעקט אַ קערפּער פון אַ באַפרייטן שמשון, ברוין ווי נוס איז דער קערפּער געווען, בויגיק ווי גומע און מאַסיוו ווי אייזן. ברייט אין די פּלייצעס און שמאָל אין בויך. יעדער שטיק מוסקול האָט, ווידערשפּעניק און נאָכגיביק, געטאַנצט אונטער דער גלאַטער הויט. נאָר די איקרעס פון די פיס האָבן אויסגעזען צו שווער, באַלעגאָליש...

ערשט דאָ האָט אַפּילו שמחהלע טורערו דערזען, ווי איבעריק און מיאוס עס זענען די קליידער, וואָס אימיצער האָט צוגעקלערט און אָנ־געהאָנגען אויף אַזאַ מענטשלעכע געשטאַלט ווי פּאַנדרע איז. „העט אַ שיינקייט פון אַ יונג! העט אַ מסירת־נפש ראַטעווען אַ מענטשן!...״ דאָס קיצלדיקע געלעכטערל איז שמחהלען געבליבן שטיין אין האַלדז,

ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער אָט דאָ אויף אַן אָרט צווישן וואַלד און וואַסער, געפּאַטשט לאַדעזשקעס און וואָלט געשריען: „בראַוואָ פּאַנדרע! אין דיין טאַטן אַריין!...״

# ר׳ זימל פּאַקנטרעגער

## .1

שוין באַלד אַ יאָר צוואַנציק, אַז זימל טראָגט אַרום זיין שווערע קראָם אויפן רוקן. פון שקלאָוו קיין קאָפּוסט, פון קאָפּוסט קיין אָרשע און צוריק. פון שקלאָוו קיין רישקאַקי — דאָס בית־עלמין שטעטל; פון רישקאַקי קיין מאָהליוו, דורך מאַקאַראָווקי און צוריק.

ער איז אַ פּאַקנטרעגער פון אַלטן, גאָר אַלטן שניט. קיין שום ניי־צייטיק ווינטל איז נאָך נישט געווען בכוח דורכצובלאָזן דעם שוואַרצן, גליטשיקן לייוונט, אין וועלכן ער בינדט צונויף זיינע ספרים. אין זיין פּאַק קריגט מען נאָר רומל ספרים: סידורים, מחזורים, ווייבערשע קרבן־מנחהס, בענטשערלעך, שיר המעלותן, פּעקלעך ציצית וכדומה.

אַ שווערע סחורה זענען ספרים. און דאָס ניי־מאָדישע פּאַפּיר איז נאָך שווערער. „אַמאָל, זאָגט זימל, האָבן זיך יונגע ווייבלעך באַגנוגנט מיט געוויינלעכן פּאַפּיר. פּראָסט פּאַפּיר איז לייכטער. הייגט, ברוך השם, האָבן זיי געקראָגן אַ יצר־הרע צו קרבן־מנחהס אויף „ריגאַל״. ווילנער מאָדעס! און די מאַנסבילן טוען זיי נאָך... ריגאַל איז דען פּאַפּיר? בליי איז דאָס, נישט קיין פּאַפּיר! צו מיינע קראַנקע פיס, זאָגט זימל, אויף די עלטערע יאָרן, פּאַסט מיר נאָך ריגאַל!...״

אַזוי קלאָגט זיך זימל דער פּאַקנטרעגער. אָבער ווייבער האָבן ביי אַזעלכע זאַכן קיין רחמנות נישט. מאָדע איז שטאַרקער פון רחמנות. „אויב איר, ר׳ זימל, סטראַשען די ווייבער, וועט אונדז נישט ברענגען אַ וויל־נער קרבן־מנחה אויף „ריגאַל״, ווייסן מיר אַליין ווו דער „סקלאַד״*) געפינט זיך...

---

*) סקלאַד — ביכער־לאַגער פון הויפּט־פאַרקויפער.

נישט אַנדערש, אַז פון שלעפן יאָרן־לאַנג אַזאַ מוראדיקן פּאַק, האָט זיך ביי זימלען דער האַלדז און נאַקן אַראָפּגעבויגן, און דער אונטערשטער טייל פון רוקן, איבער זיין געזעס, איז ביי אים איינגעפאַלן. אינעם דאָזיקן אַריינבויג פון די לענדן פּאַסט זיך אַזוי גוט אַריין דער גרויסער רומל־פּאַק אין דער גליטשיקער שוואַרצער טוך. און דער ריזיקער קנופּ פון פּאַק, מיט די שוואַרצע עקן — ווי די פליגלען פון אַ פלעדערמויז, פּאַסט זיך אַזוי גוט אַריין אין אַראָפּגעבויגטן האַלדז און נאַקן. אַ פּאָר רויטע הענט מיט קלעם־פינגער האַלטן אים דאָרטן פעסט.

הכלל, איינער איז אָנגעמאָסטן פאַר דעם צווייטן. דער פּאַק אָן זימלען איז, דאַכט זיך, אַ האַלבער פּאַקנטרעגער, און זימל אָן דעם פּאַק, איז אויך אַ האַלבער פּאַקנטרעגער. אָן דעם פּאַק איז זימל נישט זיכער מיט זיינע פלאַכע פיס אין די ברייט־נאָזיקע שטיוול. ער גייט וואַקלענדיק און דער געזעס איז ביי אים בולט־אויסגעבויגן ווי ביי אַן אָפּגעפּאָרעטער גאָרסעט־טרעגערין. דער בויך אַראָפּגעהאָנגען און די ליטקעס — צופיל אַרויסגעשטעקט. מיט איין אונטערשייד, וואָס אָנשטאָט אַ ווייבערישן אונטער־קליידל פון לאַסטיק, ליגט דאָ, ווי אויסגעגאָסן, אַ גלאַנציקע ראַצעמאָרענע קאַפּאָטע מיט אַ שפּאַלט. אַזוי גייט זימל אָן דער משא פון פּאַק, און זיינע אויסגעבויגענע פליישן וויגן זיך מיט אַ מין אויסטערלישער עלעגאַנץ פון אַן אנדרוגינס.

פון פאָרנט איז דווקא נישטאָ קיין שום סימן פון דער דאָזיקער מאַן־ווייבערישקייט. פון פאָרנט זעט מען נאָר אַ פּאָר רויט־אָנגעגאָסענע אויגן מיט אומרואיקע גליענדיקע שוואַרצאַפּלען, אויסגעקראָכענע ווייעס, אַ טרויעריקן קוק, צו דריי האָר אויף די איינגעפאַלענע באַקן און אַ בערדל — שוואַרץ ווי קויל און דין ווי אַ פּענדזל. שיטערע וואָנצעס איבער אַ האַלב־אויפגעעפנטן מויל, לעבער־פלעקן אין די משופּעדיקע שלייפן, אַ פליכצוואַטער שטערן, אַ מאַסקע פון אַן איבערגעמאַטערטן מענטשן, וואָס כאַפּט דאָס גאַנצע לעבן דעם אָטעם און קען אים נישט דערכאַפּן; וואָס יאָגט זיך נאָך, יאָרנלאַנג, נאָך אַ גילדן פּרנסה און קען עס נישט דערגרייכן.

פונעם שווערן אָטעמען אונטערן פּאַק, פון אייביקער אָנשטרענגונג, אין היץ און אין קעלט, האָט זיך אים אויך דער קול פאַרענדערט. געטרייצט און דערשטיקט גאָרגלט זיך דאָס ביי אים אין האַלדז, בלעזלט זיך ווי אַן איבערגעהיצט געקעכצל. אָט־אָט לויפט עס אַריבער און פאַרלעשט

זיך אַליין... נאָר דער פייער פון לעבן איז אין זימל פאַקנטרעגער אַ סך שטאַרקער, ווי מען קען מיינען.

אין ליובאַוויטשער בית מדרש, ביי דער טיר, אויפן לאַנגן דעמבענעם טיש פון חברה תהילים זאָגער, פּאַקט ער אָפּטמאָל אויס זיין רומל־סחורה. נאָר צום צווייטן מנין טוט ער דאָס, ווען באַלעבאַטים דאַוונען. וואָרום אָרעמע לייט, פון ערשטן מנין, קויפן נישט און האָבן נישט פאַרוואָס צו קויפן.

דאָס גרויסע קניפּל מיט די עקן פון אַ פּלעדערמויז ווערט אויפ־געעפנט. די שוואַרצע, גליטשיקע טוך־וואָל כאַפּט אַרום דעם גאַנצן פּאַק, איז איינע פון יענע שטאָפן, וואָס לאָזן קיין לופט און וואַסער נישט דורך. און חברהשע יתומים מאַכט מען פון אַזאַ ענלעכן שטאָף מייטקע־לעך, כדי עס זאָל זיך נישט אָפּטראָגן... אָט די דאָזיקע טוך ווערט אַצינד פייערלעך אויפגעבונדן און אין איר טויטער שוואַרצקייט גיבן לעבעדיק אַ בליאַסק די געדרוקטע שער־בלעטער, די גאָלדענע אותיות אויף די קאָלירטע איינבונדן און רימענע רוקנס. קליינע איבער גרויסע הויפן זיך די ספרים און „בלעטער" נישט־געבונדענע אין מייסטערהאַפטע עטאַזשן, צענגאָרנדיקע „שטיבעלעך". מיט געניטע הענט מאַכט זיי זימל פאַקנטרעגער חרוב. ער נעמט פון מיטן קופּע און וואַרפט אויף רעכטס און לינקס. ער טראַכט, דאַכט זיך, גאָר נישט דערביי, אָבער יעדער רוק און יעדע האַנט־באַוועגונג האָט אַ זין. בלעטער לייגן זיך אויף בלעטער און טאָוולען אויף טאָוולען. יעדער מין אויף זיין אָרט מיט די אותיות צו די בית־המדרש לייט. די שוואַרצע טוך ווערט ביסלעכווייז פאַרשווונדן אונטער דער ווייסקייט פון געדרוקט פּאַפּיר, ווי אַ שאָטן אין אַ בלאַסער ליכטיקייט, און צוויי ווייסע אין גאָלד־באַפליטערטע פליגלען צעפּעכערן זיך פון זימלס רעכטער האַנט און לינקער האַנט. אויפן סאַמע גרונט פון צעוואָרפענעם פּאַק באַווייזט זיך זימלס אָפּגעטראָגענער טלית. ער וויקלט זיך אין אים איין און שגורעוועט זיך אַרום מיט תפילין. די פּאָלעס פון זיין גרויסן טלית גיסן זיך אַצינד צונויף מיט דער ווייסקייט און פאַר־ביקייט פון די רומל־ספרים. אַזוי שטייט זימל אין זייער מיטן, אַזוי צע־שאָקלט ער זיך און צעדאַוונט זיך, און זיינע פליגלען דערגרייכן פון איין עק תהילים־טיש ביזן צווייטן. אָט די שוואַרצקייט פון זיין פּענדזל־בער־דעלע, אָט די רויטקייט פון זיינע גליענדיקע אויגן — אָן וויעס, ווערן אַצינד אַזוי בולט שאַרף אין דער געלבלעכער ווייסקייט פון טלית און

פון זיינע רומל־ספרים. ער איז אַצינד מאָדנע אינטערעסאַנט, זימל פּאַקנ־טרעגער. זיין טלית פּלאַטערט ביים דאַוונען, און מיט אים צוזאַמען רירן זיך, דאַכט זיך, די צעפּעכערטע ספרים פוןביידע זייטן... ווער־ווער — נאָר יינגלעך וואָלטן פאַר אים געוויס מוראדיק דרך־ארץ געהאַט, ווען נישט דאָס קולכל זיינס, וואָס גאָרגלט זיך וואָכעדיק אַפילו אום שבת, וואָס בלעזלט זיך, ווי אַ ביליק געקעכצל, אַפילו בשעתן דאַוונען. מ׳איז שוין געוווינט דערצו, אַז זימל זאָל מישן האַנדל און תפילה אינאיינעם. אין איין אָטעם ענטפערט ער זיינע נייגעריקע קונדן, גיט אַ גלאָץ און אַ רעד צום רבונו של עולם, אַ קוק אין סידורל און אַ קוק אויף די פינ־גער פון קונה.

## .2

מער, ווי אַלע באַבערדלטע יידן, זענען חברה יונגוואַרג נייגעריק אויף זיינע ספרימלעך. טאַפּן זיי מיט ציטערדיקע פינגער און פרעגן מיט ציטערדיקע קולכער. אָבער זימל ווייסט גוט, פון זיין לאַנג־יאָריקער פּראַקטיק, אַז פון ז י י ע ר ט אַ פּ ן וועט גאָרנישט אַרויסקומען, סיידן די טאַטעס וועלן צוגיין און וועלן אויך אָנהויבן צו טאַפּן; סיידן די קליינע חברה־לייט האָבן אָוועקגעלקחנט אַ פּאָר קאָפּיקעס ביי דער מאַמען. נאָר דאָס טרעפט אַזוי זעלטן... דערפאַר טרייבט זיי זימל מיט פאַראַכטונג פון זיין סחורה, ווי פליגן פון קעז. ער דאַוונט און טרייבט:

— אַי, יהי כבוד ד׳ לעולם... געלט האָסטו? מ׳נאַם נאַם נאַם... אַ בענ־טשערל? צוויי קאָפּיקעס. אַי, ממזרח שמש עד מבר־או... אָוועק! על השמים כבודו כיל־כיל־כיל... אַ, נו, נו! ד׳ הפיר עצת גויים!... כיל־כיל־כיל...

דאָ גיט זימל פּאַקנטרעגער פלוצלונג אַ טאַפּ דעם „של ראש", דער־נאָך דעם „של יד", אַ קוש די שפּיצן פינגער און אַ פּאַטש אַ זשעדנע הענטל פון אַ חדר־יינגל, וואָס איז אים פאַרקראָכן צו ווייט אין די בענטשערלעך. די אַלע פיר באַוועגונגען קומען אַזוי האַסטיק, געקייטלט איינס נאָך איינס, פונקט ווי זיי אַלע וואָלטן געהערט צוזאַמען. אָבער די יינגלעך, ווי פליגן אַרום קעז, לאָזן זיך נישט אָפּשרעקן פון אַזעלכע פלינקע פּעטשלעך. זיי שפּרינגען אָפּ און שפּרינגען צו. זיי באַוווּנדערן די מאָדנע געצאַצקעטע שער־בלעטלעך אויף די חסידישע נישט־געבונ־

דענע ספרים. אויף די „שערים״ שטייען דאָפּלטע לייבן, וואָס זעען אויס ווי קעץ, ענלעך צו די הילצערנע לייבן אויפן ארון קודש. איין לייב קוקט רעכטס און דער צווייטער לינקס; די צינגער ווי די זרקא־טראָפּ אויסגעבויגן. זיי באַרימען זיך, דאַכט זיך, די לייבן, ווי דרדקי־יינגלעך: „אַהאַ, כ׳האָב מיך טאַקע הויך אַרויפגעדראַפּעט! אַהאַ, כ׳בין טאַקע אַ לייב!...״ אונטער די לייבן שלענגלען זיך מיני עקדישן, און שופרות מיט הדסן זענען דאָ געדיכט אָנגעוואָרפן. הושענות און הערבער פון הירשן אויך נישט געזשאַלעוועט, און אַלץ ליגט פעסט אָנגעלייגט אויף זיילן מיט ברייטע פיס. אָט דאָס הייסט מאָלן אויף דער וועלט!

ביי דער שוועל פון אַזעלכע פּראַכטפולע „טויערן״ וואַלגערן זיך מאָדנע ווערטער: „ווילנאָ״, אָדער „וואַרשאַ״. וואָס ווייסן שקלאָווער חדר־יינגלעך, וואָס ווילנאָ אָדער וואַרשאַ באַדייט! פאַר זיי האָט אָבער אַלץ אַ טייטש און אַלץ איז אַ ראשי־תבות. נישטאָ קיין אומזיסטע יידישע אותיות אויף דער וועלט!

גיט איין קונדס אַ ווונק צום צווייטן, אַ גמרא־קעפּל צו אַ דרדקי־יינגעלע:

— זע, פּינקע, ווייסט וואָס „ווילנאָ״ מאַכט?

— נו, נו?

— וואָס ווילן יונגע לייט נאָר אכלען״...

— זע, זע! און „וואַרשאַ״? וואָס איז דאָס וואַרשאַ?

— וואַרשאַ מאַכט: „וואָס ווילן אַלע הבים שמייסן יינגלעך״...

דאָס דרדקי־יינגעלע חידושט זיך אַ ביסל וואָס די שער־בלעטלעך פון הייליקע ספרים זאָגן אַזוי גראָב אויס „פון חדר״... נאָר וויבאַלד פּייוקע אוריס, דער גמרא־בחור, ווייסט אַלץ, טאָ זאָל ער אים זאָגן, וואָס איז טייטש „האלמנה והאחים ראָם״... אָט דאָ אויף די שער־בלעטער לעבן „ווילנאָ״! וואָס „האלמנה״ איז — ווייסט ער; אַן אלמנה איז אַן אלמנה, און „אחים״ זענען ברידער. יאָ, אָבער וואָס איז דער טייטש „ראָם״?

דאָ ווערט פּייוקע אַליין אַ ביסל מטושטש. ראָם? וואָס איז „ראָם״ ווייסט ער נישט? „ראָם״ איז דער טייטש: ער האָט זיי געזען. די אלמנה מיט די ברידער האָט ער זיי געזען...

דאָס דרדקי־יינגעלע בלייבט שטיין פאַרגאַפּט פון פּייוקעס ידיעות. כאָטש אין פלוג איז דאָך אַ קשיא: ווו געזען? וואָס געזען? ווער ווען האָט געזען? אַ רעטעניש. די זעלבע רעטעניש ווי זימל פאַקנטרעגער

מיט זיינע צעוואָרפענע „פליגלען" איבערן טיש און מיט זיין גאָרגלדיקן דאַוונען... נאַ, אַבי איינגעטייטשט: „די אלמנה מיט די ברידער ער האָט זיי געזען". נישטאָ קיין אומזיסט־געדרוקטע ווערטער אויף דער וועלט!

און ווען מען איז גאָר פלינק און מער פּאָספּעיעט, צווישן זימלכּ אַנגעשריי און פּאַטש איבער דער האַנט, איבערצוקערן אַ ספר אויף דער לינקער זייט, דערזעט מען גאָר־גאָר אַן אויסטערליש וואָרט, אַ וואָרט וואָס מאַכט שטוינען אַלע קינדערשע אויגן און פּאַרכאַפּט דעם אָטעם מיט זיין טערקישן קלאַנג: „תושלבע" הייסט דאָס וואָרט. תושלבע? זעט, קינדער, וואָס איז תושלבע? פייוקע, ווייסט נישט וואָס איז תושלבע?

פייוקעס טיפע ידיעות אין לשון קודשדיקע טייטשן און אין ראשי־תבותן ענדיקן זיך דאָ. אָט־אָט! עס ליגט אים אויף דער צונג, און וואָס איז תושלבע קען ער זיך בשום אופן נישט דערמאָנען. באַלעבאָטשעט ער וואָס עס מאַכט זיך:

— תושלבע איז... איז... אַלע ספרים ענדיקן זיך אַזוי... ס'מוז זיין... אָט־אָט, דער נאָמען פון דרוקער...

— עם הארץ! — פאַלט איבער אים פלוצלונג אַראָפּ אַ זיסלעכער צבועצקער קול.

צוויי פּעטע שפּעלטעלעך אנשטאָט אויגן קוקן אויף פייוקען; פליי־שיקע ליפּן טשאָקען מיט פרומען שפּאָט. דאָס איז בערע רחמיאלס, דער אונטער־שמש. פעטער אורי, פייוקעס טאַטע, איז אַצינד אין וועג פּאַר־טרעט ער, בערע רחמיאלס, פרייווייליק דעם אָרט פון אַ טאַטן:

— ווי? ווי האָסטו געזאָגט? שייגאָץ! נישט צייט צו וויסן איז דיר נישט צייט? „תושלבע" מאַכט דאָך „תם ונשלם שבח לאל בורא עולם" — געענדיקט דעם ספר, געלויבט דער אויבערשטער. אַי־אַי־אַי!... טצ... טצ!

איטשייזשע, פעטער זשאָמעס אויסגעגעבענער זון, פייוקעס שוועס־טער־קינד, גייט אַן מיטן טלית און תפילין אויפן לומדישן דיספּוט צווישן בערע רחמיאלס און צווישן דעם צען־יאָריקן פייוקען. ער איז אַן אויפ־געקלערטער, איטשייזשע. מישט ער זיך אַריין און לאַכט אַ ביסל אָפּ:

— יאָ, יאָ, פייוקע! ס'הייסט: געלויבט דער אויבערשטער, וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון אַ מחבר...

בערע רחמיאלס, דער צבועק, דער פרייוויליקער פאַרטרעטער פון פייוקעס טאַטן, איז כלל נישט צופרידן פון אַזאַ חכמהנען זיך איבער

הייליקע ספרים. פון די פעטע שפּעלטעלעך, אונטער די סיווע ברעמען, קריכן אים אַרויס אַ פּאָר וואַסערדיקע שוואַרצאַפּלען. ער הויבט אָן בייז צו קייען די אונטערשטע ליפּ, צעדאַוונט זיך מיט קאָפּ־שאָקלעריי אויף הייַנטיקע עזות־פּנימער און טרעט אָפּ.

אָבער קינדער פאַרשטייען נישט אָט די אַלע חכמות פון די דער־וואַקסענע. זיי זעען די ספרים מיט ז י י ע ר ע אויגן, און טייטשן די געהיימנישפולע שער־בלעטלעך און עק־בלעטלעך מיט ז י י ע ר ע ווערטער. פון די ספרים מיט „ווילנא״ אויפן שער בלעטל שמעקט מיט אַ פרישערן ריח פון דרוק. ער גיט זיך אָפּ דער ריח מיט שבתדיקייט, מיט אָנגעוואַרעמטע שטרוי אין אַ הייסער זון... און די ספרים מיט „וואַרשא״ אויפן שער־בלעטל שמעקן ביליקער, פאַרלעגן. אַ ווייטער ריח פון טוכלעקייט הערט זיך פון זיי. זייערע אותיות זענען אַ קאַפּעלע צע־שווומען; קאָסטן זיי טאָקע וואָלוועלער ביי ר׳ זימלען... „וואָס ווילן אַלע רביס?״... הע־הע...

און זימל פאַקנטרעגער גייען אויך אָן אָט די אַלע ראשי־תבותן פון זיינע ספרים, ווי דער פאַראיאָריקער שניי. וואָס קומט דערפון אַרויס? אַז מען לייזט נישט קיין געלט. זיינע זויערע אויגן לויפן אַרום אין זייערע רויטע רעמלעך, אין לעפלעך אָן וויעס. פון די דאַוונער און יינגלעך ביים טיש לויפן זיי צו די תפילות אין סידור, און פון סידור — צום רבונו של עולם. די פרייע רעכטע האַנט שפּרינגט, ווי אַ וועוועריקע, פון „של ראש״ צום „של יד״ און פון „של יד״ צום מויל און פון מויל צו די ביי־געריקע קינדערשע הענטלעך: פּאַטש! און דאָס דאַוונען און קרעמערישע קורצע ווערטער קאָכן זיך צוזאַמען ביי אים אין האַלדז, ווי אַן איבער־געהיצט געקעכצל:

— וכרות עמו הברית — כיל־כיל־כיל! טשעפּע נישט! החתי, האמורי, והפריזי, נו, אָה! האָסט צוויי קאָפּיקעס? כיל־כיל־כיל! ואת זעקתם... על ים סוף. מ׳נאָם, מ׳נאָם, מ׳נאָם... פאַרך! אָה, אָה, וואַרט־וואַרט!

## 3.

פון אַרומצופירן זיין ספרים־קראָם מיט פערד און וואָגן האָט זימל קיינמאָל נישט געוואָלט וויסן. צו זיין אַ באַלעגאָלע און פאַקנטרעגער אין איין און דער זעלבער צייט האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט. „נאָך

ווייניק מיר, אַזוי פלעגט זאָגן זימל, דער יאָך פון ווייב און קינדער, זאָל איך נאָך אָנטאָן אַ פערדישן כאָמעט אויפן האַלדז? מוחל!״

נאָך איינמאָל, מיט די ערשטע ימים נוראימדיקע פרעסטלעך, האָט זימל, פאַרשוויצטערהייט, געכאַפּט אַ הוסטעלע אויפן אָרשער שליאַך. פון דעם הוסטעלע איז אין עטלעכע טעג אַרום געוואָרן אַ הוסט און אַ שטע־כעניש אין זייט. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז איבער די ימים טובים. אונטערן גרויסן שוואַרצן פּאַק, מיט די פלעדערמויז־עקן, האָט געקייכט און צאַפּלדיק געקנייטשט זיך זימלס קעפּעלע מיט די רויט־אָנגעגאָסענע אויגן, מיט דעם פּענדזל־בערדעלע אויף דער פליכעוואַטער גאָמבע.

זענען צו אים צוגעשטאַנען ר׳ ישראל דער גבאי און נאָך חשובע יידן פון ליובאַוויטשער בית־המדרש, ער זאָל אויפהערן צו שלעפּן אַזאַ פּאַק אויפן רוקן. ס׳איז פּקוח נפש. ער וועט זיך נאָך, שונאי ישראל, די לונ־גען אָפּרייסן.

מ׳האָט מיט אים געטענהט, איינגעשמועסט, אויסגעהאָלפן מיט אַ ביסל מזומן. ר׳ סענדער דער באַלעגאָלע, עליו השלום, האָט זיך גע־לייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, דעם גאַנצן צעך האָט ער גע־שטעלט אויף די פיס. אַלע באַלעגאָלעס און שמייסער האָבן געהאָלפן אין דער מצוה און מען האָט איינגעהאַנדלט אַ מציאה, אַ פערדל פאַר ר׳ זימל פּאַקנטרעגער. ס׳איז אַפילו געווען איינער פון יענע פערדלעך, וואָס זענען באַשריבן ביי מענדלי מוכר ספרים: אָפּגעבאַרעט און שווער אויפן גאַנג. אַבי ר׳ זימל זאָל זיך מער די לונגען נישט רייסן. אַזאַ פערדל איז בכל־אופן ביליקער ווי אויסצוהאַלטן אַן אלמנה און יתומים, להבדיל, און אין אַ בייזער שעה זאָל נישט זיין אויסגערעדט...

אַן אַלט וועגל האָט אים ר׳ סענדער, עליו השלום, אויך אויסגעבאָרגט. אַ מין גויאישקע פורל, אין וועלכן ר׳ סענדער פלעגט פירן כלערליי מיני אָפּפאַל און שמאַטעס. מ׳האָט דאָס וועגל אַ ביסל אַרומגעוואַשן און דער־לאַנגט אַ מתנה ר׳ זימלען. אַ צווייַדייטיקע מתנה איז דאָס געווען.

— נאַ, פאַרניצט געזונטערהייט, ר׳ זימל! אַז גאָט וועט אייך העלפן, וועט איר אויסצאָלן...

און ר׳ זימל האָט אַוועקגעלייגט זיין שוואַרצן פּאַק, ווי אַ בר־מינן, אין רויען וועגל אַריין, גענומען די שטריק־לייצעס אין די הענט און אַוועקגעלאָזן זיך טיאָפּען מיט זיינע אויסגעקרימטע שטיוואַלעס נאָכן

אָרעמען שפּאָן. ווייל שלעפּן אי די פּאַפּירענע סחורות, אי דעם פּאַקנ־טרעגער גופא, האָט דאָס פערדל קיין כוח נישט געהאַט.

זויער און געדריקט איז זימל נאָכגעגאַנגען נאָך זיין אָדלער. „ניאָ, ניאָ, שלימזל!"... און אַליין געפילט זיך זייער פּאַסקודנע. אַן דעם פּאַק ספרים אויף די אַריינגעדריקטע לענדן איז אים געווען אַ סך שווערער צו גיין. אַ האַלבער גוף האָט אים געפעלט. דעם שטענדיק איינגעבויגענעם קאָפּ האָט ער סיי ווי סיי נישט געקענט האַלטן גלייך. דער אויבערשטער טייל גוף און דער אונטערשטער האָבן בשום אופן נישט געקענט מושוה ווערן צווישן זיך צו גיין בשותפות. אַ ברעכעניש איז געשטאַנען אין רוקן. דער שליאַך האָט זיך געשאָקלט אונטער זיינע אויסגעקרימטע פיס. כדי צו האַלטן גלייכגעוויכט האָט אים געפעלט די משא צווישן די לאַ־פּאַטקעס און געזעס. דאַכט זיך, אַזאַ פרייער, אַזאַ אויסגעבויגענער אָרט — און דער פּאַק, אויסצופילן אים, איז נישטאָ... ווען מען נעמט ביים קעמל פּלוצלונג אַוועק דעם האָרב, וואָלט ער זיך, מסתמא, אויך נישט בעסער געפילט. און טאָמער ווייניק — טראָגן זיך אַליין אויף די פיס, מוז מען נאָך זאָרגן פאַרן פּאַדלע־פערד אויך, ער זאָל גיין, נוקען אים מוז מען, ציען פאַר די לייצעס, אויסקירעווען, אָפּהאַלטן באַרג־אַראָפּ. ביי יעדן פּלוצלעכן, צו שטאַרקן צי, וואָס דאָס פערדל טוט, פאַרלירט ר׳ זימל דעם האַלט אונטער די פיס, און מוז זיך, נאָכשפּרינגענדיק, אַ כאַפּ טאָן ביים האַל־צערנעם ראַנד פון וועגל.

אַן אָפּגעמאַטערטער, אַן אָפּגעאָסענער מיט שוויס האָט ר׳ זימל קוים דערטריבן זיין ברויט־געבער ביז קאָפּוסט, אַ וועלכע צוועלף וויאָרסט פון שקלאָוו, און אָפּגעשטעלט זיך לעבן גרויסן בית המדרש.

אַ פאַרגרעבטע שטאָט איז קאָפּוסט, כאָטש דער רבי ר׳ לייבעלע שניאורסאָן זיצט דאָרטן. צעגעלניעס און קאַכעלניעס אָרום און אַרום. אַ סך גראָבע יונגען אַרבעטן דאָרטן, און די ייִנגלעך זענען נישט בעסער פאַר די דערוואַקסענע. מ׳איז געווען געוווינט פון קדמונים צו ר׳ זימל אונטערן פּאַק, אָבער נישט צו ר׳ זימל לעבן פּאַק. האָט מען אים אויפגענומען „נאָ הוראַ":

— זעט, ר׳ זימל פּאַקנטרעגער, דאַכט זיך!

— ר׳ זימל מיט אַ וואָגן שמות!

— געוואָרן אַ באַלעגאָלע, דער פּאַקנטרעגער!

— אורראַ! ר׳ זימל!

אויסגעפּאַקט מיט מזל די שווערע סחורה אויפן בית־המדרש־טיש — איז גיי ווייס וואָס פריער צו היטן: צי די אויסגעפּאַקטע ספרים, צי דאָס אויסגעשפּאַנטע פערד אין הויף. סיי דאָ, סיי דאָרטן גראַבלען זיך פלינקע פינגערלעך פון מזיקים. דאָ שלעפּן זיי בענטשערלעך, טאַפּן וואַרשעווער הגדות מיט צאַצקעס, און דאָרטן ציען זיי סטרונעס בײַם פערד פון עק, פלעכטן אים איין שטעכעלקעס אין גריווע, קאַלופּן אים מיט שטרויעלעך אין די רירעוודיקע אויערן. לויף אַהער און לויף אַהין, כאַטש נעם און פאַרקויף ספרים אונטערן פערדס עק, אָדער נעם און בינד צו דעם סוס צום בית־המדרש טיש. — און קויפן? פון קויפן איז גאָר קיין רייד נישטאָ. באַלעבאַטים טאַפּן אַפילו, שמעקן, ווײַצלען זיך און קויפן טוען זיי נישט. פון די ווערטלעך, וואָס בכבודיקע יידן און יונגעמאַנטשיקלעך וואַרפן אים צו, שטויסט זיך ר׳ זימל אָן, אַז מ׳האַלט אַז ער איז נתעשר געוואָרן און פאַרקויפט ספרים פון ווילטאָג וועגן. ווײַבאַלד, ר׳ זימל, איר האָט זיך, אָן עין הרע, געקענט אַרויפשלאָגן אויף אַ פערד און וואָגן, זענט איר דאָך מער נישט קיין נצרך אַזאַ... היינט וואָס רייסט איר אַזאַ מקח?... אָן אַנדערש מאָל, ר׳ זימל!...

ערשט דאָ האָט זיך זימל אַרומגעזען, וואָס פאַר אַ שלעכטע עצה עס האָבן אים געגעבן ר׳ ישראל גבאי און חשובע שקלאָווער באַלעבאַטים. נאָר איין בענטשערל האָט ער פאַרקויפט. אַ צווייטער האָט אימיצער אַוועק־געלקחנט. און אַ מעסטעלע האָבער דעם פערד האָט מען אויך געמוזט קויפן. העט אַ פּאַדלע! פאַרברויכט מער הוצאות הדרך, ווי ער אַליין. האָבערל ווילט זיך אים!...

אַ וואָך צייט האָט זיך ר׳ זימל אָפּגעמוטשעט מיט זיין ברויט־געבער, צווישן קאָפּוסט און אָרשע. און אויף דער צווייטער וואָך איז ער אָב־געפאָרן צוריק אין שקלאָוו. מכות רצח האָט ער, בשעת דעם לעצטן פאָר, דעם פערד געשלאָגן; דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ אויסגעגאָסן צו זיינע אָפּגעהאָנגענע ליטקעס. ביים באַלעגאָלישן צעך איז ער שטיין געבליבן און, הוסטנדיק, אַריינגעלאָפן מיטן בייטש־שטעקל צווישן די אָנגעפּעלצטע, רויט־פּנימדיקע צעך־לייט:

— ר׳ סענדער! קכי־קכי... יידן ראַטעוועט מיך! וואָרום, וואָרום... קכי־קכי־קכי!

מ׳האָט אים מיט פאַראייניקטע באַלעגאָלישע כוחות „געראַטעוועט“. דאָס פערדל פאַרהאַנדלט ווי נישט איז מיט אַ פּאָר רובל היזק. דעם

אויסגעליענעם וועגל האָט ר׳ סענדער צוריק אַרויפגעפירט צו זיך אויפן הויף, און ר׳ זימל האָט אָנגעבויגן האַלדז און נאַקן, אַריינגעפּאַסט דעם שוואַרצן פּאַק מיט ספרים אין טיפן אויסבויג, צווישןביידע לאָפּאַטקעס און געזעס, אָנגעכאַפּט די פלעדערמויז־עקן פונעם קנופּ מיט ביידע הענט, און ווידער דערפילט די ערד אונטער די אויפגעלעבטע פיס. האַ־האַ, עס גייט זיך גאָר אַנדערש! אַ ליכט אין די אָנגעגאָסענע אויגן איז אים אויפ־געגאַנגען. ער האָט אַפילו ביסלעכווייז אויפגעהערט צו הוסטן, און די ברעכעניש אין רוקן איז אויך אַוועק. געהאַקטע באַנקעס וואָלטן אים אויך בעסער נישט אויסגעהיילט. ער האָט באַשיינפּערלעך דערזען, צום לעצטן מאָל זיך איבערצייגט, אַז נישט ער אַן דעם פּאַק, נישט דער פּאַק אָן אים — קענען ווייט אַוועקגיין. האַ־האַ, קיין גוטער ייד זאָל פּערדישע הילף נישט באַדאַרפן!

ס׳האָט זיך ווידער גענומען לייזן צו ביסלעך, נישט צו פּאַרזינדיקן. אמת, קיין גרויסע גליקן פון פּאַק האָט ער קיינמאָל נישט געמאַכט. וואָס פּאַר אַ גליקן קען מאַכן אַ יידישער פּאַקנטרעגער, אַז אַזעלכע מעשה־ביכלעך פאַר דינסט־מיידלעך ווי „עזריאל מיטן בער״ און „די בלוטיקע דאַלאַרעס״ קאָסטן סך הכל דריי קאָפּיקעס? און דער „איסקלאַד״ (סקלאַד) אין מאַהילעוו גיט אים אַראָפּ ראַבאַט ווייניקער ווי אַ קאָפּיקע פון שטיק. און איבער אַ געבונדענעם סידור פאַר אַן עברי־ייִנגל דינגט זיך אַ טאַטע פון קינדער אַ וואָך נאָכאַנאַנד און כדי צו פּאַרקויפן אַ ווילנער „קרבן מנחה״ אויף ריגאַל־פּאַפּיר מוז דאָך אַ בתולה חתונה האָבן; און ביז מען זעצט אָפּ אַ גאַנג משניותן, אויף אַ דרשה־געשאַנק, מוז דאָך ערשט אַן איידעלער בחור טאָן אַ שידוך. און איידער אַ באַלעבאָס קויפט אַ זיידע־נעם פּעקל ציצית, טאַפּט ער אויס, מיט פּאַרטאַבאַקטע פינגער, עטלעכע וואָלענע פּעקלעך, כדי צו זען דעם אונטערשייד... כאַטש נעם און פיר זיי דערנאָך אין באָד, די אויסגעטאַפּטע פוכיקע וואָלענע ציצית. נאָר גאָר־נישט, אַ דאַנק דעם אויבערשטן דערפאַר! מען לעבט זיך דורך:

החתי, האמורי הפריזי והיבוסי... כיל־כיל־כיל... טשעפּע נישט! ואת זעקתם שמעת על ים סוף... מ׳נאָם־נאָם־נאָם... צוויי קאָפּיקעס האָסטו? אָה, אָה, נו!... ותתן אותות ומופתים... כיל־כיל־כיל — אַוועק, שיי־געץ דו!

# זימלס קאָנקורענט

**.1**

שוואַך זענען די פאַרדינסטן פון רומל ספרים. ר׳ זימל האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט באַקלאָגט, און וואָלט זיך אפשר אַזוי ווייטער דורכגעשלאָגן ביז אויף די עלטערע יאָרן. דאַרף זיך אָבער אויפן שקלאָווער האָריזאָנט באַווייזן אַ צווייטער פאַקנטרעגער. און דער איז פאַרלאָפן ר׳ זימלען אַלע שליאַכן און פאַרביטערט אים זיין ברויט.

נישט איינגעבויגן אונטערן פאַק, ווי דער אייביקער ייד, איז דער נייער מוכר ספרימניק אָנגעקומען, נישט מיט אַרויסגעקוועטשטע אויגן, פון אָנשטרענגען זיך אין היץ און אין קעלט, און נישט מיט צווי הויקערס, ווי ביי ר׳ זימלען, איינער אַן אויבערשטער, דער צווייטער אַן אונטערשטער, צווישן וועלכע דער ספרים־פאַק פאַסט זיך אַזוי גוט אַריין... דער נייער פאַקנטרעגער איז דווקא געווען אַ סטאַטנער חברה־מאַן אין אַ קורצן באַקוועמען רעקל. די הויזן אַריינגעטאָן אין נישט געפאַלדעוועטע שצאַגלעסקע כאַליאַוועס. אַ ברייטער אָפּגעברענטער פנים מיט כוואַטסקע העלע אויגן. אַן אַרומגעשוירן רויטלעך בערדל. און נישט קאַפּאָטע־לאַנגע רומל ספרים האָט ער אַרומגעטראָגן, און נישט שווער־בלעטערדיקע חסידישע פאַפּוסעס, נאָר לייכטע, ביי־געבונדענע, קלאָר־אותיותדיקע ספרימלעך. און קורץ אַרומגעשניטן זענען די דאָזיקע ספרימלעך געווען, ווי די שצאַגלעסקע רעקלעך פון היינטיקע יונגע לייט און פון נייעם פאַקנטרעגער גופא.

דער אינהאַלט פון די ספרימלעך איז געווען נישט בעסער ווי זייער אויסזען. אַלץ דקדוק־ספרים, אד״ם הכהן׳ס שירים, אליקום צונזערס לידער, די העברעאישע וועלט־געשיכטע פון קלמן שולמאַן, בלאָשטיינס „קאַלט און וואַרעם״, פרוגס רוסישע „סטיכאָטוואָרעניעס״, יהושע שטיינ־

בערגס ווערטער־ביכער, געבונדענע „השחרס״ פון סמאָלענסקינען, מאַפּוס „אהבת ציון״... הכלל, גאָלע טריף־פּסולס; ליטווישע, פּוילישע און גאַליציישע אפּיקורסות, וואָס מען טאָר גאָר אין אַ יידיש הויז נישט אַריינלאָזן. ווי יעדער סם־המות האָט דאָס פאַרנומען אַ קליינעם אָרט. מיט איין אָרעם האָט דאָס דער נייער פאַקנטרעגער געקענט אַרומנעמען. די גאַנצע קראָם איז געווען איינגעוויקלט אין אַ צעראַטע, און די צעראַטע אין אַ טוך מיט קווייטלעך. גרינג, שיין, באַשיצט, באַקוועם.

די פרומע פּיקס פון שטעטל האָבן גלייך גענומען אַרומפּאַדיען, אַרומשמעקן, אויספאָרשן:

— פון אַט אַזאַ פּעקל קען דאָס אַ פאַקנטרעגער לעבן?

האָט אָבער דער נייער חברה־מאַן געקוקט גלייך אין די זלידנע אויגעלעך, באַטראַכט די פאַרשפּיצטע נעזלעך און זייער רואיק אָפּגעענטפערט:

— צו וואָס טויג מיר שלעפּן גרויסע פּעק און פאַרדינען אַ צווייער. בעסער אַ פּעקעלע — און פאַרדינען אַ זלאָטע.

— אַזוי גאָר? — האָבן זיך די פּיקס איבערגעקוקט, איבערגעשמעקט זיך מיט פאַרטאַבאַקטע נעזער — אַבי דו האָסט בעלנים. המ... וואָס אַ שטייגער קען אַריין אין אַזאַ געבונדן ביכעלע? אָט אָ ווי אָט דער דאָ! מער טאָוול ווי געדרוקטע בלעטער.

— היי, — מאַכט דער חברה־מאַן — פאַרנעמט אויך אַ סך אָרט, פונדעסטוועגן קייען עס נאָר בהמות.

— געהערט אַ לשון? — קוקן זיך איבער די פרומע לייט — פון די דאָזיקע, ווייזט אויס, פון די יעניקע...

האָבן זיך די אַלטע לייט פון אים דערווייטערט, הויבנדיק מיט די פּלייצעס, שמעקנדיק טאַבאַק מיט האַרץ, כדי צו פאַרטרייבן דעם שלעכטן ריח פון „טריף־פּסול״. און באַלד נאָך זיי האָבן זיך גענומען גנבענען יונגעלייטלעך און כלה־מיידלעך און ייִנגלעך פון די עלטערע כיתות. ווי עס ציט מייז צו טריפה חלבנע ליכט, אַזוי האָט זיי געצויגן צום געבלומטן פּעקל פון נייעם פאַקנטרעגער. צען מאָל אַרומגעקוקט זיך און געהאַנדלט. קיין בית־מדרש וועט דאָך אַזאַ חברה־מאַן דעם תהילים־טיש נישט אָפּגעבן, ער זאָל דאָרט אויספּאַקן זיינע שיינע סחורה. האָט מען זיך געגעבן אַן עצה. מ׳האָט געהאַנדלט הינטער ר׳ ישיעלעס חורבה, ביי די אָרשער ברעמלעך, ביים גרויסן מיל „אונטערבאַרג״. אויסגעלייגט דאָס פּעקל אין גראָז,

צעפּעכ'ערט די רייך־קאַלירטע הילעס אויף אַ גרינעם פרישן גרונט, ווי אויסלענדישע פּירות אויף פייגן בלעטער. דאָס האָט צעהיצט די אַפּעטיטן און צעפלאַקערט די אויגן, דער נייער פּאַקנטרעגער האָט אַפּנים גוט געוווסט, ווי אַזוי אויפצורייצן יונגע הערצער, עס זאָל זיך זיי גלוסטן. און מקחים האָט ער געריסן! יאָ, ער האָט באמת דערוויזן, אַז זיין סחורה איז נישט קיין היי... פּאַר איבערלייגענען בלאַשטיינס „קאַלט און וואַרעם" — פינף קאָפּיקעס. פּאַר אַ דקדוק — צוואַנציק קאָפּיקעס, און קלמן שולמאַנס „מסתרי פּאַריז" איז געגאַנגען אין די גילדנס. מ'האָט זיך געבערענט מיט די מקחים, ווי מיט הייסע לאָקשן, און מ'האָט געקויפט. דער יצר־הרע איז געווען גרויס. וואָרום אויסער זייער שיינקייט האָט נאָך פון די ביכלעך געשמעקט מיט נייעם דרוק און מיט אַ פעטלעכן ריח פון פרישן קאַלענקאָר. די סלינע פון אונטער דער צונג האָט גערונען.

היינט דער עצם איינטענהן און האַנדלען! דער נייער פּאַרשוין האָט נישט גערעדט מיט טרוקענע „סינען" ווי מ'רעדט אין רייסען און נישט מיט צעשוווּמענע „זינס". נישט „סלעפּן", פלעגט ער זאָגן, נאָר שלעפּן, און נישט „זשיבעציק", נאָר זיבעציק. געשלייפט און געקאַנטיקט יעדעס וואָרט. גרויסשטאָטיש און וואָגיק האָט זיך עס אָנגעהערט. מ'קען עפּעס אַראָפּדינגען פון „זשעכציק קאָפּיקעס", אָבער גיי שטעל זיך און דינג אַראָפּ פון „זשעכציק" קאָפּיקעס! אַן אומזיסטע טרחה.

און טאָמער פלעגט צוגיין אַ באַרישניע און נאָכפרעגן זיך נאָך אַ ביכל, — דעם נייעם נגידס טאָכטער מיט באַמבעלעך אין די בלאַסע אויערן, דעם מילנערס כלה־מויד מיט דעם אויסגעפּאַשעטן שיינעם פּנים — פלעגט דער נייער פּאַקנטרעגער גאָר אַראָפּנעמען דאָס היטל: מעשה־קאַוואַליער פּאַרבויגט זיך און אַרויס מיט רוסיש. אָבער וואָס פּאַר אַ רוסיש! בלויזע „דעיעפּריטשאַסטיעס" *), וואָס געפינען זיך נאָר אין קירפּיטשניקאָווס גראַמאַטיק און קיינער באַנוצט זיך נישט מיט זיי. „אָבדומיוואַיאַ"... אַזוי פלעגט דער חברה־מאַן קייטלען זיין איידעלן געשפּרעך מיט די באַרישניעס, באַקלערנדיק, הייסט דאָס, „אי איסכאָדיאַ"... און אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט הייסט דאָס, „אי איזבעגאַיאַ" — און אויסמיידנדיק איבעריקע רייד...

דער אָטעם פלעגט ביי די באַרישניעס פאַרכאַפּן פון אַזאַ פּאַרציע „דעיעפּריטשאַסטיעס". כ'מיין, ווער וועט זיך דאָס אַריינטרויען אין אַזאַ

*) פּאַרטיציפּירס.

געשלעגגל פון שווינדל־קאַמערן מיט אָפענע טירן, אין וועלכע מען קען בשלום אַריין, אָבער נישט אַרויס?... פלעגט מען האַלב שעמעוודיק באַ־צאַלן, וואָס דער פאַקנטרעגער הייסט, אַבי נישט פלאָנטערן זיך.

אויסגעקויפט דאָס ביסל סחורה, וואָס יענער האָט פון ערגעץ־ווו גע־בראַכט אין זיין צעראַטע, איז מען דרייסטער געוואָרן:

— ע... ווי הייסט ער אַ שטיגער? — האָט מען געפרעגט.

— ווי הייס איך? — האָט ער, וווּנדערנדיק זיך, צוריק געענטפערט — לייזער וואָלפאָוויטש דראַבקין.

מ'האָט זיך האַפּערדיק אָנגעהערט: „ווי? לייזער דראַבקינען קענט איר נישט? ס'אַ חידוש!"

זיין ברייטער בכבודיקער נאָמען, ווי ער אַליין האָט זיך אָנגערופן, האָט זיך אָבער בשום אופן נישט פאַרפלאָנצט. די טייערע טריף־פּסול בי־כעלעך — יאָ. דער נאָמען נישט. כדי אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק זיינעם אויף דעם יונגן דור, האָבן אים די פרומע באַלעבאַטים דעם נאָמען פאַר־קירצט. ל י י ז ש ק ע האָבן זיי אים אַ נאָמען געגעבן, אַזוי ווי אַ לויף־יינגל פון קראָם. ל י י ז ש ק ע דער פאַקנטרעגער.

די געשעפטן זיינע האָט דאָס אַ האָר נישט געשאַדט. אָבער דער ביטול־נאָמען איז אים פאַרט געבליבן: לייזשקע.

## 2.

אין די ישיבות און אין די עלטערע חדרים האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ניי ווינטל. מ'האָט געלייענט אויף פּראַקאַט קלמן שולמאַנס וועלט־געשיכטע, און ערשט איצטער דערזען ווי אָפּגעלעבט עס איז דער „יוסיפון" מיט זיינע מאָדנע מעשות פון אַלעקסאַנדער מוקדון. באַלעבאַטישע מיידלעך זענען אַוועק אויף רייזן מיט דעם מחבר בלאָשטיין אין קאַלטע און וואַרעמע לענדער. האָבן געחזרט אויף אויסנווייניק פּרוגס לידער און זיך שטאַרק געוווּנדערט ווי אַ ייד קען דערגיין צו אַזאַ הויכער מדרגה פון רוסיש פּונקט אַזוי ווי פּושקין... *) און עטלעכע מתנגדישע רביים, פון די יינגערע, האָבן גענומען לערנען תנ"ך מיטן ביאור פון מלבי"ם, וואָס האָט זיך ביז איצט גערעכנט אַלס געכאַפּט אין יענער מעשה... קלענערע יינג־

*) דער גרעסטער רוסישער פּאָעט.

לעך האָבן אויך נישט געשלאָפן. זיי האָבן מקנא געווען זייערע עלטערע ברידער און שוועסטער און אָפּגעשפּאָרט גראָשנדלעך פון די אָנבייסנס, און קאָפּיקעס געשלעפּט ביי די מאַמעס פון די טיש־קעסטעלעך. אַזוי אַרום צוזאַמענגעשלאָגן די נויטיקע מטבע איינצוהאַנדלען ביי לייזשקען קליי־ניטשקע לשון־קודשדיקע מעשה־ביכלעך מיט ניקוד, וואָס גייען אַרויס אין וואַרשע. פרומע טאַטעס האָבן געכאַפּט די חדר־ייִנגלעך איינגעבויגן איבער מאַרק טווען׳ס „פּרינץ און בעטלער״, איבער די מעשיות פון די „ברידער גרים״. אַלץ איבערגעזעצט אין אַ שיינעם העברעאיש. און די גמרא־בחורים זענען גלאַט אַרומגעגאַנגען משוגענערהייט און געחזרט „פּקד פּקדתי״ פון אַן אָפּענעם „מורה הלשון״. האָבן די טאַטעס געטאָן דאָס, וואָס גאָט האָט געבאָטן, געריסן פאַר די אויערן, געפּאַטשט און געוואָרפן די דערטאַפּטע ביכלעך אַן דרערד:

— אַז איך דאַרף נישט האָבן דיין דקדוק!

— אויף וואָס טויג מיר דיין קלמן שולמאַן!

— וואָס פאַר אַ מחותן ביסטו מיט... מיט די ברידער גרים?

נאָר ס׳האָט נישט געהאָלפן. די יונגוואַרג האָט אָפּנים יאָ „געדאַרפט״ און יאָ „געווען מחותנים״. וואָרום לייזשקע איז, פון צייט צו צייט, פאַר־שווונדן פון שטעטל מיט אַ ליידיקער צראַטע. און אָנקומען פלעגט ער צוריק, מיט אַ פול־געפּאַקטער, מיט אַ נייע לאָדונג פון אַפּיקורסות פאַר שקלאָווער יוגנט.

זימל, דער איינגעפונדעוועטער רומלניק האָט לכתחילה שפּאַטיש־זויער אָנגעקוקט זיין קאָנקורענט פון דער ווייטנס. קיין שלעכטס נישט גערעדט פון לייזשקען אַפילו דאַמאָלסט, ווען די דאַוונער אין ליובאַוויטשער בית המדרש פלעגן זיך צוזאַמענרעדלען, נאָך שחרית, הינטערן בעלעמער און גיסן אויפן נייעם פאַקנטרעגער פעך און שוועבל. ס׳האָט אים נישט געלוינט. מיט זיין רומל־סחורה איז זימל געווען זיכער, ווי דער קאָראָבקע־האַלטער אויף כשרער שחיטה. וואָס קענען אים שאַדן עטלעכע אַריינגעשוואַרצטע גענדזלעך פון שחיטת־חוץ? עט... זאָלן אַנדערע נאָכלויפן נאָכן שמוגלער און שלעפן אים צום רב... נאָר גאָר אינגיכן האָט ער גענומען באַמערקן, אַז די גאַנצע יוגנט פאַלט פון אים ביסלעכווייז אָפּ. ייִנגלעך האָבן אויפ־געהערט צו טאַפּן זיינע ספרימלעך בשעתן דאַוונען, אויפגעהערט שלעפּן די טאַטעס ביי די טליתים, זיי זאָלן עפּעס קויפן. מיידלעך האָבן אָנגעווירן דעם חשק צו זיינע דריי־קאָפּיקינע פרומע מעשה־ביכלעך. און יונגעלייט

האָבן עפּעס געגומען קוקן אָפּלאַכעריש אויף אים און אויף זיין שוואַרצן פּאַק. אַזוי קוקן נאָר אויסגעוואַקסענע בחורים אויף זייער אַמאָליקן אלף־בית רבי, וואָס האָט זיי געוואָרפן צוקערקעס און געזאָגט, אַז דאָס וואַרפט אַ מלאך...

אומרואיק איז געוואָרן ר׳ זימל: האַ? מען גראָבט אים טאַקע אונטער די פּרנסה! אַפּריער האָט ער זיך שטילערהייט באַקלאָגט פאַרן מורה־הוראה הינטערן עמוד. דערנאָך — פאַרן גבאי אין מזרח־וואַנט. ביסלעכ־ווייז איז ער אַרויס מיט קלאָג־לידער פאַר אַלע חשובע באַלעבאַטים אין ליובאַוויטשער בית־המדרש: געוואַלד, יידן! וואָס שווייגט מען! אָט דער לייזשקע, אָט דער טריף־פּסולניק, אָט דער, פון שדים ווייסן ווו געקומענער, רייסט אים דעם ביסן פון מויל.

האָבן זיך גבאי און מורה־הוראה און חשובע באַלעבאַטים עטלעכע מאָל געשושקעט, נאָכן דאַוונען, צווישן ארון־קודש און בעלעמער. און יאָשקע דער שערער איז אויך איינמאָל און צוויי מאָל צוגעשטאַנען צו אַזאַ אסיפה־לע אויף איין פוס, כאָטש קיינער האָט אים נישט גערופן און קיינער האָט אים נישט געבעטן עפּעס צו טאָן. מ׳האָט נאָר געשמועסט, יאָ... אַז לייזשקע איז עפּעס גאָר נישט קיין גלאַטער פאַרשוין. ער מוז ערגעץ־ווו האָבן צו טאָן מיט חברה. פאַראַן אַזעלכע חברות, וואָס פאַרשפּרייטן ביכלעך, „ביל־דונג" הייס דאָס ביי זיי. אָדער... אפשר איז ער גאָר פון חאַצע דעם קירזשנערס קאָמפּאַניע, אָט פון די „ציצילּיסטלעך"... ער הויבט כלומרשט אָן מיט ביכעלעך אויף ריינעם לשון קודש און אויסלאָזן וועט זיך מיט שדים ווייסן וואָס... איז, מילא, חאַצע דער הינקעגדיקער איז כאָטש אַן אייגענער. אָבער וואָס האָט מען צו ליידן פון אַזאַ מין נישט־געבעטענעם אורח?

נו, נו. יאָשקע דעם שערער דאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַריינשטופּן. יאָשקע דער שערער פאַרשטייט אַליין וואָס ער האָט צו טאָן. מיטן אַלטן פּריסטאַוו האָט ער געגעסן געפילטע פיש און געשפּילט אין קאָרטן. און דער נייער פּריסטאַוו... דער נייער פּריסטאַוו האָט אים אַפילו אַראָפּגעוואָרפן פון די גאַניק־טרעפּלעך פאַר וועלן אונטערשמידן די פּריי־סטאַוויכע מיט צוויי פעטע געגדז, און אים — דעם פּריסטאַוו אַליין — מיט צוויי פינף־און־צוואַנציקער. קהל האָט אים, יאָשקען, אַריינגעפירט אין אַזאַ בלאָטע... אָבער אָט דאָ קען ער דערווייזן, אַז ער איז אַ טרייער אונטערטאַן, אַז ער האַלט פון פּראַוויטעלסטוואָ.

און אין איין העלן טאָג, ביי די אָרשער ברעמלעך, איז אויף לייזשקען און אויף זיין פעקל אָנגעגאַנגען דער נייער פריסטאַוו מיטן אוריאַדניק. דער פריסטאַוו האָט אַ דריי געטאָן די דראָטענע וואָנצעס זיינע און אָנגע־בלאָזן די גזלעוואָיסקע אויגן, כדי אינגאַנצן ווערן ענלעך צו ניקאָלאַי דעם ערשטנס פּאָרטרעט, וואָס הענגט נאָך עד היום אין דער אַלטער פּאָטשט. און דער אוריאַדניק, דער פּיאַניצע, האָט אָנגעצויגן אַ מוראדיקע וואַזש־נעקייט איבער זיין פּאַרפּאַלענעם, צעקנייטשטן געזיכט און שטרענג אַ גאַרגל געטאָן:

— פּאַספּאָרט!

און גיב נאָר אַ קוק! — לייזשקע דער פּאַקנטרעגער איז אַ האָר נישט נתפעל געוואָרן. ער האָט רואיק אַראָפּגענומען דאָס היטל, רואיק פּאַרנויגט זיך, אַרויסגעצויגן דעם פּאַס פון בוזים־קעשענע, געענטפערט אין אַ גוטן רוסיש אויף אַלע קלאָץ־שאלות:

— און וואָס פאַר אַ ביכער שלעפּסטו דאָ אַרום? — האָט זיך דער אוריאַדניק ווייטער אינטערעסירט.

— די ביכער? אַך, פּאַזשאַלויסטע! ס׳זענען אַלץ דערלויבטע ביכער. ער פּאַרקויפט זיי לויטן פּרייז, וואָס שטייט אויף זיי געדרוקט. ער האָט אַפילו אַ דערלויבעניש אויף דעם. און אָט האָט ער אַ דאַנק בריוו פון „אָבשטשעסטוואָ פּראָסוועשטשעניאַ״ *). אין פּעטערבורג געפינט זיך די חברה. אָט איז איר שטעמפּל אויפן בריוו...

איבערגעקוקט, ווי גאָר אַ גרויסער ידען, אַלע פּאַפּירן און דורכגע־בלעטערט אַלע ביכער, האָט אים דער פריסטאַוו אומגעקערט דעם פּאַס, געהייסן פּאַרבינדן דאָס פּעקל און נאָך איידער לייזשקע איז דערמיט פּאַר־טיק געוואָרן האָט דער פריסטאַוו אַ הויב געטאָן צוויי פינגער צום קאָזיראָק. אָט ווי ער האָט זיך צעזעגנט מיט לייזשקע־פּאַקנטרעגער! און באַלד אַ דריי געטאָן זיך אויף די אָפּצאַסן און שאַרף פון האַלדז אַרויס, אַ ברום געטאָן צום אָנגעזאַמלטן עולם יידן:

— ראַזאָיטיס! (צעגייען זיך!).

אַזאַ איבערגאַנג פון „אָפּגעבן טשעסט״ און אָנבייזערן זיך האָט שטאַרק אונטערגעשטראָכן דאָס, וואָס דער נייער פריסטאַוו האַלט פון „געבילדעטן״ פּאַקנטרעגער און וואָס ער האַלט פון די „פינצטערע״ יידע־

---

*) חברה, וואָס פּאַרשפּרייט בילדונג צווישן יידן.

לעך, וואָס האָבן זיך אַזוי נייגעריק אַרומגעקליבן זען, וואָס מיט לייזשקען וועט דאָ געשען. אַרויספּרייזנדיק מיט זעלנערישע טריט פון רעדל, האָט זיך דער פּריסטאַוו באַגעגנט מיט יאַשקע דעם שערערס היניטיש־איבער־געגעבענע אויגן און האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ. דעם פּריסטאַווס אָפּגעקערטע דראָטענע וואָנצע האָט יאַשקען טיף אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן:

— הייסט דאָס... ד אָ ס מ אָ ל אויך נישט געראָטן!... אוי־אוי, נאָך זייער ווייט פון ווערן חבר־לאַפּ מיטן אדון.

פון דאַמאָלסט אָן האָט מען געקראָגן דרך־ארץ פאַר לייזשקען, וואָס קען זיך האַלטן אַזוי איינפאַך מיט קליין און גרויס און מיט אַזוי פיל ווערדע — מיט נאַטשאַלסטוואָ. „געהערט אַ דברן מיטן פּריסטאַוו?...". אָפּהענטיק זענען געוואָרן די, וועלכע האָבן זיך פריער אַזוי היציק איינ־געשטעלט פאַר זימלען מיט זיין פּאַק. אויף זיין קלאָגן זיך אַצינד, אין ליובאַוויטשער בית־המדרש, האָט מען נאָר צעפּירט מיט די הענט אונטער די טליתים.

— גיי מאַך! אַז אַלץ ביי אים: „דאַזוואָליענאָ צענזוראָיו"... *).

דעם „דאַזוואָליענאָ" האָבן יידן אַרויסגערעדט פאַרגרייזט, מיט אַ קוועטש אויפן „ליע" און „צענזוראָיו" אויך פאַרקערט, מיט אַ קוועטש אויפן „ראָ". נאָר דער איינדרוק, פון די צוויי אויסטערלישע ווערטער, אויף זימלען איז דערפון קלענער נישט געוואָרן. ער האָט פאַרלוירן יעדע האָפענונג אַוועקצויאָגן לייזשקען פון שקלאָווער ביכער־מאַרק.

אַזוי איז דער נייער פאַקנטרעגער איינגעגלידערט געוואָרן אין דער גייסטיקער באַלעבאַטישקייט, ווי טריפהר בענקל אין קיך. זימל — דאָס כשרע בענקל, לייזשקע — דאָס טריפהר. ווער עס וויל קויפט ביי דעם, ווער עס וויל — ביי יענעם. פון קהל קען מען קיינעם נישט נויטן. נישטאָ אַמאָליקע צייטן!

## 3.

זינט דעם האָט מען זיי געזען, דיביידע קאָנקורענטן, אויף די שליאַכן, וואָס ציען זיך צווישן אָרשע, שקלאָוו און מאָהליוו. דער איינער איינגעבויגן, אָנגעדרודלט, מיט אַ פּאַק — שוואַרץ און שווער ווי דער

*) דערלויבט פון דער צענזור.

יידישער גלות; און דער צווייטער — אַ פריילעכער, מיט אַ פריילעכן קווייטלדיקן פּעקל אונטער דער פּאַכווע. זימל און לייזשקע, צוויי קולטור־טרעגער, צוויי שליחים פון געדרוקטן וואָרט. איינער פון דער אַלטער צייט, דער אַנדערער — פון דער נייער. שוואַרץ ווי אַ בר־מינן איז דער רומל געלעגן אין אויסקרימונג, צווישן רוקן און געזעס, ביי זימלען. אַ שטיק אָפּגעשטאַנענע צייט ביי אַ צוויי הויקערדיקן קעמל אויפן רוקן. די אויגן פון דעם דאָזיקן אַפּאָסטאָל זענען געווען זויער, פאַרלאָפן מיט בלוט פון אייביקער מאַטערניש. אין ברוסט ביי אים האָט עפּעס אונטערגעכריפּעט. און פריילעך און האָפערדיק האָבן געבליט די קווייטלעך אויף לייזשקעס פּעקל און זיינע אויגן האָבן אויך געבליט, פון זיין אָפּגעברענטן פּנים אַרויס, מיט דער שׂמחה פון היינטיקן טאָג און מיט דער זיכערקייט אין מאָרגן.

אויף די זעלבע שליאַכן זענען ביידע געגאַנגען, נאָר מען קען נישט זאָגן, אַז זיי זענען געגאַנגען א י ן וועג. עפּעס אַ שטומער קידער־ווידער־גאַנג איז דאָס געווען. גייסטו, לייזשקע, אויף אָרשע, גיי איך, זימל, אויף שקלאָוו. גיי איך מאָהליוו, טאָ גיי־זשע, דו ממזר, אויף קאָפּוסט. אויף קאַראַצקעס גיי! ווו איך פאַרקויף מיין רומל, זאָלסטו נישט פאַרקויפן דיינע טריף־פּסולס, און פאַרקערט. אַ שטומער אָפּמאַך איז דאָס געווען, ביי וועלכן זימל האָט זיך געהאַלטן פעסט און פאַרביסן און וועלכן לייזשקע האָט נאָר מקיים געווען, וועלנדיק טאָן אַ צוליב דעם פאַרביטערטן קאָנקור־רענט. אויף קרייץ־וועגן פלעגט מען זיך אָפּטמאָל באַגעגענען. דער שוואַר־צער רומל־פּאַק פלעגט זיך מיט פינצטערער שׂנאה שאָקלען אַקעגן דעם געקווייטלטן אַפּיקורסות־פּעקל. אָט אָט פאַלט ער אויף אים אַרויף און צעקוועטשט אים... נאָר לייזשקע, דער טרעגער פון פריילעכן פּעקל האָט קיין מורא נישט. „גוט מאָרגן, ר׳ זימל״. אַזוי שרייט ער צו דעם שוואַרצן פּאַק פון דער ווייטנס. רייצט זיך מיט אים מיט זיין ברייטהאַרציקער פריינט־שאַפט. וועער דאַרף זי, אָט די פאַרדאַכטיקע גוטברודערשאַפט? אויף כּפּרות דאַרף זי זימל פאַקנטרעגער האָבן. כחי־כחי, ענטפערט ער מיט אַ בייזן הוסטעלע, קערט אָפּ דעם קאָפּ אונטערן קנופּ מיט די שפּיצן, וואָס זעט אויס ווי אַ טויטע פלעדערמויז. דער שוואַרצער פּאַק שווימט פאַרביי.

ר׳ זימל, אַז ער הונגערט זיך אויס אויפן וועג, וואַשט ער זיך די הענט מיט אַ קווערטעלע — אַ הויכע בלעכערנע פּושקע מיט זשאַווער־בלאָטער־לעך. מיט דער פּאַלע ווישט ער זיך אָפּ און פון פּאַק שלעפּט ער אַרויס אַ שטיק שוואַרץ ברויט מיט אַ קאָפּ פון אַ הערינג. ער עסט זיפצנדיק,

קוויקנדיק זיך מיט דער געזאַלצנקייט פון הערינג, מיט דער רויער ביטער־קייט פון אַ ציבעלע. עס ברענט אויפן האַרצן און שוין פאַרן בענטשן הויבט דאָס אים אָן צו שלוקערצן. און נאָכן בענטשן הויבט זיך אים אָן גלוסטן אַ הייסער טרונק.

— אוף, אַ גלאָז טיי! — זיפצט ער צום שטויביקן שליאַך און פאַר־וואַרפט אומבאַהאָלפן דעם אָפּגעבויגטן קאָפּ, און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז איינער פון די יידן, וואָס זענען אַרויס פון מצרים. זכרנו את הדגה!... אַנגעגעסן זיך אין קנעכטשאַפט מיט הערינג און ציבעלעס און זוכט אַ גע־פאַרעטן טייניק אין דער פרייהייט פון מדבר. נאָר נישטאָ קיין נסים מער. משהס שטעקן וועט נישט מאַכן רינען קיין הייסינקן טייעלע פון אַ שטיין אין ר׳ זימלס פאַרזשאַווערטער קווערטל אַריין... אוף — אוף!

לייזשקע, אַז ער איז הונגעריק — נעמט ער אַרויס אַ פּרעפּיצע פון בוזים און אַן עפּל פון קעשענע. אַ ביס פון דער רעכטער האַנט און אַ ביס פון דער לינקער. עס איז זאַפטיק און לייכט צום עסן און צום פאַרדייען. זימל האָט איינמאָל אַזאַ סעודה צוגעזען, פאַרבייגייענדיק מיט זיין שוואַרצן פּאַק, האָט ער זיך צעשפּייט און צעפּעקעט עטלעכע קלאַפּטער נאָכאַנאַנד. אַזאַ אכילה האָט אים אויסגעזען ווי אַ שקאָצעריי: העך, אַ... נפש! שוין איבער פערציק יאָר, זאָגט מען, און עסט נאָך בויגל מיט עפּל ווי אַ דרדקי־יינגעלע, טפו!

ר׳ זימל, אַז ס׳קומט די צייט פון זון־אונטערגאַנג, לאָזט ער אַראָפּ זיין שווערן פּאַק אויף אַ באַרג אַראָפּ, רייבט זיך אָפּ די הענט מיט אַ גרי־נעם בלאַט, און שטעלט זיך צו מיט די קרומע פיס צו אַ בוים און שאָקלט זיך מיטביידע הויקערס — מיטן אויבערשטן און מיטן אונטערשטן. ער דאַוונט מנחה מיט געשלאָסענע אויגן. די וועלט אַרום זיך זעט ער נישט. נאָר די אותיות פון סידור, וואָס ער קען אויסנווייניק, פליען אַרום אים. לייזשקע, אַז ער ווערט מיד, — גראָד מנחה־צייט באַפאַלט אים אַלעמאָל אַ מאַטקייט, — זעצט ער זיך אַנידער ביים שליאַך אין אַ שאָטן, נעמט אַרויס אַ ביכל און לייענט פאַר הימל און בוימער מיט מאָדנער התפעלות און מיט אויסטערלישן טראַפּ. פרוגס לידער האָט ער ליב. לייענט ער זיי אַמאָל אין לשון־קודשדיקער איבערזעצונג, אַמאָל אין אָריגינאַל. ער קריצט אַ ביסל מיט די ציין בשעת אַזאַ לייענען, פּונקט ווי ער וואָלט יעדעס מאָל אָפּגעביסן אַ שטיק פרישע פּרעפּיצע און אַריינגעפּאַרן מיט די ציין אין אַ זאַפטיקן עפּל. די זעלבע גשמיותדיקע הנאה פילט זיך אין זיין לייענען.

— ס׳וועדשין סינאַיאַ! — אַזוי רופט לייזשקע אויס און פאַרוואַרפט דעם קאָפּ צו די סאָסנעס, ווי צו אַ פּובליקום. און אַזוי דעקלאַמירט ער ווייטער דאָס משה־ליד:

פונעם שפּיץ באַרג סיני — דאָס וויגעלע
פון אומשטערבלעכע געדאַנקען —
צו די ליבע געצעלטן איז ער פרייליך
אַראָפּגעשטיגן.

אויסגעלייענט אַזוי אַ גאַנצן קופּלעט פאַרן וואַלד, איז לייזשקע מוסיף אַן אויסרוף פון זיך אַליין:

— די געשמאַקייט!

נאָר ער גיסט דאָס אַזוי קונציק צונויף מיט דאָס אָקאָרשט געלייענטע און מיט די זעלבע פייערלעכע טראָפּ; די אויסגעגלאָצטע, רויטשטאַמיקע סאָסנעס וואָלטן באמת געקענט גלויבן, אַז אַזוי שטייט טאַקע אין בוך: „די געשמאַקייט!״

„ווי׳יעוואָ דושע!״ — דעקלאַמירט ווייטער לייזשקע פאַקנטרעגער.

אין זיין נשמה האָבן פריילעך געקלונגען
די קלוגע ווערטער פון די געטלעכע באַפעלן:
און פלאַמענדיק מיט וווּנדערלעכע אותיות,
האָבן געברענט די לוחות — —

און אַ זאָג פון זיך אַליין:

— די זיסקייט!

„עס האָבן נאָך געדרייכערט ווייטע בערג
אין דורכזיכטיקן נעפּל — אַ נישט־קלאָרע זעאונג.
געשווינדלט האָבן שטריכן בלאַסע אין פאַרטאָג,
געוויינט האָבן אומגעזעענע פליגלען —

— די האַרציקייט!

דורכפאַרנדיקע באַלעגאַלעס האָבן זיך פון צייט צו צייט אָנגעשטויסן אויף אַזאַ סצענע און געמיינט, אַז לייזשקע איז משוגע געוואָרן. האָבן זיי אָפּגעהאַלטן די פערד מיט אַ „טפררו״ און געקנאַקט מיט די בייטשן פון די קעלניעס אַראָפּ כדי אויפוועקן לייזשקע פאַקנטרעגער פון זיין שכורער התפעלות:

— אוי, דו דאַרטן! אַזוי דאַוונסטו דאָס?

און לייזשקע ציטערט אַפילו נישט אויף. דעם צייג־פינגער שטעקט

ער אַריין אין ביכל און דעם קאָפּ פאַרוואַרפט ער צום אָנגעפּאַרענעם באַ־לעגאַלע אויף דער קעלניע:

— קום נאָר אַהער דו עם־הארץ דו! וועסטו הערן אַ דאַוונען וועסטו הערן...

אַ סטאַדע רויטע וואָלקנדלעך איז אַדורכגעלאָפן
הייסע טוי־טראָפּנדלעך צעשיטנדיק —

— דאָס געמעל!

געווען אַפילו יונגע און נייגעריקע באַלעגאַלעס, וועמען לייזשקעס באַגייסטערונג האָט פאַרכאַפּט אויפן מיטן שליאַך. אַ מענטש סמאַקעוועט אַזוי — מוז דאָך עפּעס זיין!... אַזעלכע פלעגן אָנבעמען לייזשקעס איינ־לאַדונג, אַראָפּנידערן פון דער קעלניע און מיטן בייטש־שטעקל אונטערן אָרעם אַוועקגעזעצט זיך מיט לייזשקען אין גראָז ביים אָפענעם ביכל. און לייזשקע האָט זיך נישט געפוילט און איבערגעחזרט הויך אויפן קול דאָס גאַנצע ליד פון סאַמע אָנהויב. „ס׳ווערשין סינאַיאַ!" פון די באַרג־שפּיצן פון סיני! דו הערסט, דו שוטה איינער! דאָס וויגעלע פון אייביקע געדאַנ־קען... אַ — געשמאַקייט! צו די ליבלעכע געצעלטן איז ער אַראָפּגעשטיגן. אַ טיפקייט, אַ? וועגן משהן און באַרג סיני רעדט זיך דאָ, דו באַלעגאָלע דו, אָט, הער, אַ!

אין זיין נשמה האָבן פרייליך געקלונגען
די קלוגע ווערטער פון די געטלעכע באַפעלן.

— די... מחיהדיקייט!

פאַרשטאַנען האָבן די, ביים פאַלע אָנגעכאַפּטע, באַלעגאָלעס זייער וויניק פון אַזאַ מין פּאָעזיע. פונדעסטוועגן פלעגן זיי צוריק אַרויפשטייגן אויף דער קעלניע פאַרטראַכטערהייט. ניאָ, ניאָ, ניאָ!... אַ שטיק משוגע־נער אָט דער לייזשקע, נאָר אַ קאָפּ האָט ער אַ גוטן. לייענט רוסיש ווי אַן „אשרי". „וויאָ!".

די, וועלכע פאָרן מיטן פאַרעכאָד, זעען אָפט מאָל לייזשקע פאַקנטרע־גער ווי ער באָדט זיך. זיין געבלומלטער פעקל מיט ספרים ליגט אויפן זאַמד, די קליידער הענגען אויף אַ ווערבע און לופטערן זיך. און לייזשקע אַליין שטייט ביזקל ברוסט אין וואַסער און שטשירעט די ווייסע ציין זיינע צו די פאַסאַזשירן. אַ נאַקעטער, מיט זיינע ברייטע פלייצעס, מיט זיין רויטלעכער אַרומגעשאָרענער באָרד, זעט ער נישט אויס ווי קיין ייד. די שוימיקע כוואַליעס, וואָס צעפאַלדעווען זיך פון אונטערן פאַרעכאָד, וואַרפן

זיך אויף לייזשקען, און ער לאָזט זיי שלאָגן איבערן געשאָרענעם קאָפּ, טוקט זיך און לאַכט. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט דאָך געציטערט. אַפילו אין אַ שיפל איז מען אין סכנה בשעת אַזאַ כוואַליע. אים אַרט דאָס נישט. און טאָמער ווערט עס אַ ביסל צו שטורעמדיק אַרום לייגט ער זיך גאָר אויפן רוקן. די כוואַליע וויגט אים אַרויף און אַראָפּ, און ער האַלט זיך. אַ שוים נעמט אַרום דעם אָפּגעבערענטן האַלדז, ווי מיט אַ קאָל־נער פון ווייסע פעדערן, און לייזשקע שטעקט אַרויס דעם טונקעלן קאָפּ פונעם דאָזיקן קאָלנער און — כאַ־כאַ־כאַ! מ׳זעט באַשיינפּערלעך, אַז ער האָט פון אַזאַ שקאָצעריי אַ ווילדע הנאה. נישט איין פּאַרדאַרטער ישיבה־בחור, וועלכער פאָרט דורך מיטן פּאַרעכאָד, איז אים, טיף אין האַרצן, מקנא: אָט לעבט אַ מענטש אויף דער וועלט!... דורך פעלדער און וועל־דער גייט ער. פראַנק און פריי, רעדט לשונות, עסט ווען ער וויל, רוט ווען ער וויל, און באָדט זיך...

בשעת אַזאַ הנאה האָבן פון באָדן זיך דערזעט ווען־נישט־איז לייזשקע, ווי זימל, זיין קאָנקורענט, קומט אָן מיטן פּאַק אויפן צעקרימטן גופּעלע. שוויצט, כאַרקעט, פאַרשטויבט און פאַרמאַרעט. נישט קיין הנאה פון דער וועלט, נישט פון זומער. און דער שוואַרצער גלות איז אויף אים אָנגעע־לאָדן, ווי אויף דעם אייביקן יידן. קריגט ער אויף אים רחמנות און שרייט אים גוט־ברודעריש פון וואַסער אַרויס:

— ר׳ זי־מל! קומט, זייט זיך טובל אַ קאַפּעלע, אַי־אַי!

זימל ענטפערט נישט, בורטשעט פאַר זיך און וואָגלט אַוועק ווייטער. מאַכט לייזשקע אַ דעכעלע איבער די אויגן, מיט דער נאַסער דלאָניע, און קוקט אים נאָך. דער שטיק גלות האָצקעט זיך ביי זיין קאָנקורענט, צווישן הויקער און געזעס, ביז ער ווערט פאַרשוווּנדן.

# שלום געמאַכט

## .1

איינמאָל, אין זייער אַ הייסן טאָג, האָט לייזשקע פּאַקנטרעגער אָנגעיאָגט ר׳ זימלען אין קאַפּוסטער וואַלד. ר׳ זימל איז געזעסן אונטער אַ בוים, מיט איין אויסגעטאָנענעם שטיוול און געקרעכצט. לעבן אים איז געלעגן, אַן אויפגעריסענע, דאָס גליטשיקע שוואַרצע טוך פון פּאַק, און פון זיין געפּלאַצטן בויך האָבן געשטראָמט, צום שליאַך־אַראָפּ, די אויסגעשאָטענע רומל־ספרים, ווי ווייסע און קאַלירטע קערנער פון אַב צעקוועטשטער טונקעלער פּרי.

—ר׳ זימל! — איז צו אים לייזשקע צוגעלאָפן אָן שום הקדמות — דער פּוס?

ר׳ זימל האָט גאָרנישט געענטפערט. נאָר אָפּגעקערט דעם קאָפּ און עפּעס געבורטשעט. זיין שוואַרצע פּענדזל־בערדעלע האָט זיך דערביי בייז געשאָקלט.

מאַכנדיק אַ מינע, אַז פון ר׳ זימלס „ענטפער" איז ער זייער צופרידן, האָט לייזשקע געמאַכט נאָך אַ טראָט, נענטער:

— ע... אפשר זאָל איך אייך העלפן?

זימל קייט די אונטערשטע ליפּ און ענטפערט נישט.

נישט רעדנדיק מער קיין וואָרט, לאָזט לייזשקע אַראָפּ זיין געקווייטלטן פּעקל פון אונטערן אָרעם און שאַרט צוזאַמען זימלס צעשאָטענע ספרים־קראָם. יידישע ביכלעך באַזונדער, מתנגדישע סידורים באַזונדער, חסידישע — באַזונדער, חומשים באַזונדער, ביז אַלץ איז געלעגן ר׳ זימלען צופוסנס אין שיינע קופּקעלעך, געאָרדנט לויט גרויס און אינהאַלט. זינט ר׳ זימל איז אַ פּאַקנטרעגער אויף דער וועלט, האָט ער אַזאַ געצאַצקעטע אָרדענונג צווישן זיינע אייגענע רומל־ספרים נישט געזען... מיט דער זעלבער רואי־

קער שווייגעוודיקייט נעמט לייזשע אַרויס פון בוזים־קעשענע אַ הילצערנע פושקעלע און פון פושקעלע אַ נאָדל פּאָדים, אַוועקגעזעצט זיך, אַ צי געטאָן די צעריסענע שוואַרצע טוך צו זיך אויף די קני, און ווי אַ געניטע נײַטאָרקע — איבערגעדרייט דעם טוך אויף דער לינקער זייט, געמאַכט אַ דאָפּלטן קנייטש אַרום גוואַלד־ריס, באַפּעסטיקט די ווינקלען און אַרײַנגעבראַכט איין קנייטש אין צווייטן, און אַזוי דורכגענייט דעם גאַנצן ריס, אויף הין און צוריק, עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד.

ר׳ זימל איז דערביי געזעסן אָנגעדרולדט, געריבן זיך דעם קנעכל פון פוס, געהוסטלט און געוואָרפן אַלע מאָל אַ קרומען קוק אויף לייזשקעס מלאכה: „אַלץ קען ער, דער ממזר!״... ער איז כלומרשט געווען אומצופרידן, וואָס דער טריף־פּסולניק האָט זיך אים דאָ אַרײַנגעמישט אין זײַנע געשעפטן. און אין דער אמתן — געפילט, אַז יעדער נייער שטאָך, וואָס לייזשקע טוט אין דעם שוואַרצן טוך, ציט אים, ר׳ זימלען, אַרויס אַ דאָרן פון האַרצן.

— נאָ, — מאַכט לייזשקע צו זיך אַליין כלומרשט, און בייסט אָפּ דעם פּאָדים — ווו, ווו, נאָר דאָ, אויף דעם זעלבן אָרט, וועט זיך שוין מער נישט רייסן!

ווען דאָס גאַנץ־געוואָרענע טוך איז ווידער געלעגן אויסגעשפּרייט אין גראָז און די קופּקעס ספרים האָבן זיך ווידער אויסגעטורעמט אין איר מיטן, האָט ר׳ זימל דערפילט אַז... אין פלוג געגומען האָט ער קעגן לייזשקען גאָרנישט. יענער האַנדלט מיט טריפה ביכלעך און ער — מיט כשרע ספרים. וואָס פאַר אַ קאָנקורענציע קען מאַכן אימיצער וואָס האַנדלט מיט חזיר־פלייש אַ יידישן קצב?...

לייזשקע האָט אַפּנים אַראָפּגעלייענט פון ר׳ זימלס שטערן, אַז יענער איז ווייכער געוואָרן, האָט ער פּאַוואָליע אַרײַנגעטאָן די נאָדל־פּאָדים אין פושקעלע, דאָס פושקעלע — אין בוזים־געשענע, און פּאַוואָליע אַ רעד געטאָן:

— יאָ... וואָס האָט ער געוואָלט פרעגן? אפשר וועט אים ר׳ זימל זאָגן, וואָס דאָ איז מיט אים געשען?

— ס׳איז גאָרנישט. — מאַכט ר׳ זימל אָן דער זייט און רייבט זיך דעם קנעכל פון פוס — אַבי דער פּאַק איז גאַנץ.

אַצינד שווייגט שוין לייזשקע. שמייכלט פאַר זיך. און גראָד דאָס

שווייגן מאַכט קיצלען ר׳ זימלס צונג. רעדט ער כמעט קעגן אייגענעם ווילן:

— כ׳מיין, וואָס זאָל דאָ געשען? געוואָלט האָט ער אַרויפקריכן מיטן פּאַק אָט־אָ־דאָ, אונטער אַ בוים. אויסרוען זיך האָט ער געוואָלט. דער שליאַך איז אָבער דאָ צו נידעריק און דער וואַלד אַ סך העכער... האָט ער זיך פֿאַרטשעפּעט מיטן פּאַק אָן סוק. ווי מיט אַ מעסער האָט דאָס אים דעם פּאַק אויפגעשניטן. די ספרים האָבן זיך פּלוצלונג אויסגעשאָטן. נו, האָט ער, זימל, פֿאַרלוירן דעם האַלט. צו גרינג איז אים געוואָרן פֿון הינטן... אויסגעגליטשט זיך און אויסגעגלונקען אַ קנעכל. נאָ, אַבי די סחורה איז גאַנץ.

— נאָ, — מאַכט אים לייזשקע נאָך דעם „נאָ" — ביז קאָפּוסט וועט איר אַצינד אייער פּאַק אַליין נישט דערטראָגן. מ׳וועט וואַרטן צוזאַמען, ר׳ זימל, אַ פֿורל וועט דורכפֿאָרן, וועט זי אייך פֿאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס מיט־נעמען. פֿאַרנאַכט פֿאָרן דורך גענוג ליידיקע פֿורלעך...

— האָט קיין דאגה נישט! — ווערט ר׳ זימל ווידער ברוגז פֿאַר אַזאַ עצה, וועלכע שמעקט מיט מזומנע הוצאות — גייט אייך געזונטערהייט! כ׳וועל מיר שוין אַליין געבן אַן עצה. עס שיט זיך ביי מיר נישט מיט קאָפּיקעס.

זעט לייזשקע, אַז ער האָט דאָ געמאַכט אַ פֿעלער. פֿאַרשטעלט ער זיך, אַז ער האַלט נאָך אינמיטן וואַרט, גיט זיך כלומרשט אַ כאַפּ:

— און אַז נישט אַ פֿורל בין א י ך דאָ!... שאַט ר׳ זימל, ווייסט איר גאָר וואָס? מירן נישט וואַרטן. איר וועט טראָגן מיין פּעקל און איך אייערן. ביז סאַמע קאָפּוסט, גוט?

— איך, אייער פּעקל? — מאַכט ר׳ זימל פֿאַרביסן און רוקט זיך אָפּ — איך אייער... אייערע טריף־פּסולס?

— פֿע, — מאַכט לייזשקע גוטמוטיק — אַ ייד אַ למדן ווי איר, אַן אַלטער פֿאַקנטרעגער, זאָל אַזוי רעדן פֿון לשון־קודשדיקע ביכער! פֿון אמתן לשון־קודש... אָט זעט!

און ער כאַפּט זיך צו צו זיין קווייטלדיקן פּעקל און הויבט אים אָן אויפצופּאַקן.

— אַז איך וויל גאָרנישט זען! — מאַכט זימל פֿינצטער און גיט זיך אַ רוק אַוועק.

נישט הערנדיק וואָס זיין קאָנקורענט בורטשעט דאָרטן, גיט זיך לייזש־

קע אַ רוק מיטן פּעקל צו אים און בינדט אויף דאָס קווייטלדיקע טוך. פון טוך קריכט אַרויס אַ ברוינע צעראַטע און פון צעראַטע שלעפּט לייזשקעס געניטע האַנט אַרויס אַ בוך. דעם צווייטן באַנד פון קלמן שולמאַנס „וועלט־געשיכטע".

לייזשקע גיט אַ מיש מיט דער רעכטער האַנט און די לינקע גיט ער אַ הויב צום שליאַך און צו די סאָסנע־בוימער קעגנאיבער, פּונקט ווי ער וואָלט זיי אויך איינגעלאַדן צו זיין פאַרלעזונג, וואָס ער וויל דאָ האַלטן פאַר ר' זימל פאַקנטרעגער, און הויבט אָן אַזוי:

— כוס זהב!... אַ גאָלדענער בעכער איז די רוימישע מלוכה אין גאָטס הענט. אַ גאָלדענער בעכער פול מיט פאַרגיפטעטן ווייַן... איר הערט אַ מלי־צה! פון אים, פון בעכער הייסט דאָס, האָבן געטרונקען אַלע פעלקער, האָבן אויסגעזויגן, שיכור געוואָרן, דול געוואָרן, אַנידערגעפאַלן און מער נישט אויפגעשטאַנען. די... די טיפקייט! הערט, הערט!

ער דערכאַפּט אינמיטן דעקלאַמירן ר' זימלס נייגעריק־געוואָרענעם קוק און גיט זיך צו אים פלוצלונג אַ ווענד:

— נו, וואָס זאָגט איר? מיט וואָס, אַ שטייגער, נישט קיין כשרער ספר? ווייניק צרות האָט אונדז די רוימישע מלוכה אָנגעטאָן?...

— ו ו י ל נ אָ!... — ווערט ר' זימל צוטריטלעכער און גיט אַ טאַפּ דעם שער־בלאַט, — אַ שיינער דרוק! נאָר „ווילנאָ" זאָגט מען, מאַכט: וואָס ווילן יונגע לייט נאָר אכלען, כע־כע...

— ו ו אַ ר ש א!... — מאַכט לייזשקע און נעמט אַ ספר פון ר' זימלס אָפענעם פאַק — און „וואַרשא", זאָגט מען, מאַכט: וואָס ווילן אַלע רבים שמייסן יינגלעך.

און ביידע קאָנקורענטן האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. דאָס איז געווען אַן אומגעריכטער שלום. און וואַלד און הימל זענען געווען עדות.

## 2.

גרויס איז געווען די פאַרוווּנדערונג אין קאָפּוסט, ווען מ'האָט דער־זען, אַז די געוועזענע בלוט־שונאים קומען אָן צוזאַמען און נאָך אויף וואָס פאַר אַן אופן: ר' זימל אונטערהינקענדיק מיט לייזשקעס פּעקעלע טריף־פסולס אונטער דער פאַכווע, און לייזשקע — איינגעבויגן אין דרייען מיטן גרויסן רומל־פאַק אויפן רוקן.

דער זעלבער ווונדער האָט זיך דערנאָך איבערגעחזרט אין שקלאָוו. „בילדונג" און „רומל" זענען אָנגעקומען צוזאַמען, אַלט־געבאַקענע פרומ־קייט און אַפּיקורסות האָבן זיך פאַרחברט.

מ'האָט זיי שפּעטער מיט עטלעכע טעג געזען צעשיידן זיך אויפן שליאַך, אָבער גאָר פריינדלעך. דו אַהער, איך אַהין! „אַ גוטן טאָג", „אַ גוט יאָר!" — ווי מענטשן, וואָס האָבן זיך איינגעטיילט די וועלט. אין ביידנס פּעק זענען אויך פאַרגעקומען גרויסע ענדערונגען. זימלס פּאַק איז קלענער געוואָרן, לייזשקעס — גרעסער. טריף־פּסול האָט זיך אַרייַנ־געפּרעסן אין זימלס כשרער קראָם, און רומל איז אַריינגעקראָכן אין לייזשקעס „פּראָסוועסטשעניע"־ (בילדונג) ביכער. נישט אַנדערש — ביידע פאַקנטרעגער האָבן דאָ בכיוון צעמישט די יוצרות: כשר מיט טרפה, פּינצטערניש מיט ליכט, כדי עס זאָל זיך בעסער לייזן. אַפּנים ביידע האָבן זיך אַרומגעזען, אַז דאָס שטרענגע אָפּגרענעצן זיך פון דעם אַנדערנס ספרים רייסט יעטוועדערן אָפּ פון אַ האַלבן עולם. האָט יעדער צעמישט זיין זאַלץ מיטן צווייטנס וואַסער. גענומען איינער ביים צווייטן אויף קאָמיסיע, געביטן זיך, אויסגלייכנדיק די „שמיציקלעך" פון די מקחים מיט אַ צוגאָב: ר' זימל — לייזשקען די חסידישע מעשה פון „עזריאל מיטן בער", און לייזשקע — זימלען אַ לשון־קודשדיקע קינדער־מעשהלע מיט נקוד, געדרוקט אין וואַרשאַ. און דאָס געשעפט האָט זיך צעבליט.

אויף די גרינע שליאַכן אין די זומער־טעג און אין די בתי־מדרשים, ווו מען נעכטיקט איבער, קוקט לייזשקע אַריין אין די חסידישע ספרים, וואָס ער האָט גענומען אויף קאָמיסיע ביי ר' זימלען, און זיין שפּאָטישער שמייכעלע פון אַ „קענער" ווערט פאַרשוווּנדן לייענענדיק די מעשיות פון ר' נחמן בראַצלאַווער... יאָ, פּרוג אַליין וואָלט זיך נישט געדאַרפט שעמען אָנצושרייבן אַזאַ זאַך ווי די „מעשה מיט די זיבן בעטלער", און יידישע קינדער וואָלטן דאָס געמעגט לייענען אַנשטאָט די איבערזעצטע גויאישע מעשיות פון די „ברידער גרים".

און ר' זימל, ווען ער רוט זיך אויס אונטערוועגנס, כאַפּט אַ קוק אין לייזשקעס אַ ספר, אין דער וועלט־געשיכטע פון קלמן שולמאַן, למשל. די מליצהדיקע באַשרייבונג פון חורבן ירושלים, פון די קרייץ־פאַרער און פון דער „פּאָסטוכער גזירה" האָבן זיך נישט מיט וואָס צו שעמען אַקעגן די זעלבע מעשיות אין „שבט יהודה", וואָס אַלע פרומע לייט לייַ־נען. נאָר דאָרטן, אין „שבט יהודה", איז עפּעס אַלץ פאַרשוווּמען, אַן

אַ טאָג און אָן אַ יאָר, אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. דאָ, ביי קלמן שולמאַ־נען, איז אַלץ דערציילט כסדר מיט יידישע און גויאישע יאָרן ביי דער זייט. ווי אין לוח איז דאָ אַלץ אויסגערעכנט אויף דעם טאָג און אויף דער שעה. מען ווייסט אַ טאָלק. עס גלויבט זיך גאָרנישט, אַז אַ יידישער מחבר זאָל אַזוי פיל וויסן.

ביסלעכווייז גלייכן זיךביידע ספרים־פעק אויס. אויך לייזשקע נעמט זיין פּאַק אויפן רוקן, ווייל אונטער דער פּאַכווע קען ער אים שוין מער נישט טראָגן. צופיל אָרט פאַרנעמען נישט־געבונדענע רומל־בלעטער, זימלס געשטאַלט גלייכט זיך ביסלעכווייז אויס: אַלץ גרינגער און גרינ־גער ווערט די משא צווישן זיין אונטערשטן און אויבערשטן הויקער. און לייזשקעס סטאַטנער וווקס בויגט זיך אַ קאַפּעלע איין אונטער דער לאַסט פון די נייע סחורות. און... דאָס געשעפט בליט.

דהיינו: באַלעבאַטים, וואָס האָבן פריער נישט געוואָלט שטיין אין לייזשקעס ד׳ אמות, דערנענטערן זיך צו אים אַצינד ווי צו אַ בעל־תשובה און באַשטעלן ביי אים, דאָ אַ קרבן־מנחה פאַר אַ פאַרקנסטער טאָכטער און דאָרטן אַ גאַנג משניותן פאַר אַ בר־מצווה־יונג. און פאַרקערט — יונגע־לייטלעך האָבן אַצינד מער דרך־ארץ פאַר ר׳ זימלען. מען קוקט מער נישט אָן זיינע אויסגעלייגטע סחורות מיט אַ שמייכעלע פון „געביל־דעטע״. טאָמער דאַרף אימיצער האָבן אַ לשון־קודשדיקן דקדוק, און טאָמער איז, צווישן אונדז רעדנדיק, אימיצער אַזוי הויך אַוועק אין רוסיש, אַז ער דאַרף שוין האָבן קירפּיטשניקאָווס גראַמאַטיק, קען ער עס, שטי־לערהייט, דורך ר׳ זימלען אויך באַשטעלן. נישקשה, ר׳ זימל וועט דאָס אים אַריינברענגען אין שטוב אַריין. אָט צו וואָס פאַר פריידענקערישקייט ר׳ זימל איז דערגאַנגען!

דורך די פאַראייניקטע כוחות פון ר׳ זימלען און לייזשקען זענען דורכ־געבראָכן געוואָרן שטעכיקע צוימען. די אַלטע צייט און די נייע צייט האָבן גענומען אַריינטרעטן איינער צו דעם צווייטן אין גאָרטן, אָפּרייסן אַ פאַרבאָטענע פרי פון אומבאַקאַנטע בוימער. טאַטעס און קינדער דער־נענטערן זיך שעמעוודיק. מ׳כאַפּט אַ קוק, איינער ביים אַנדערן, אין די איינגעהאַנדלטע ספרימלעך. און דינע, יונגע ברעמען און אַלטע אָנגעכמור־רעטע — פאַרשאַרן זיך פון גרויס פאַרווונדערונג. אַזוי ווי די פאַקנטרעגער צווישן זיך, אַזוי די יונגע און מיושבדיקע קונדן זייערע.

יאָ, נישט אַלע פאַרטראָגן דאָס העלע ליכט פון דער זון און נישט

אַלע — די טיפּע טונקלקייט פון דער נאַכט. אָבער אַלעמען איז ליב דער בין־השמשות. פאַרנאַכטלעך, ווען שיין און שאָטנס זענען אויסגעמישט... אַזאַ מין בין־השמשות האָבן לייזשקע און ר׳ זימל געבראַכט אויף שקלאָוו מיט זייער שותפות.

עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז חנא, דעם דיינס בחור, האַנדלט איין יהושע שטיינבערגס ווערטערבוך. און טרעפט ביי וועמען? ביי ר׳ זימלען! און איטשייזשע, פעטער זשאַמעס בן־יחיד, דער אויפגעקלערטער, קויפט אַ גע־נוצטן גאַנג משניותן, שטעטינער דרוק און אין לעדער געבונדן, נישט ביי אַן אַנדערן, נאָר דווקא ביי לייזשקען. אַ מציאה. אוןביידע זענען העכסט צופרידן.

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט! — אַזוי מאַכט ר׳ זימל טרעפנ־דיק זיך מיט לייזשקען אויפן שייד־וועג, צווישן שקלאָוו און מאָהליוו — וואָס איז דיר אָפּגעקומען, אַז דו האָסט פאַרקויפט מיין גאַנג משניותן? דער באָבעס ירושה צוגעלייגט?

— און אייך, ר׳ זימל, וואָס איז אָפּגעקומען, אַז איר האָט פאַרהאַנדלט שטיינבערגס ווערטערבוך? געמיינט ס׳וועט ליגן ווי אַ שטיין. אָט, זעט איר דאָך!

נישט אַנדערש, אַז ביידע האָבן שטומערהייט באַשלאָסן „קאַליע צו מאַכן" איינער דעם צווייטן. ר׳ זימל וויל פרום מאַכן לייזשקען און לייזשקע האָט אַ טריף־פּסולע כוונה אויף ר׳ זימלען. וואָרום ביידע, ווען זיי באַגע־גענען זיך, שמייכלען זיי אין באָרד אַריין מיט גאָר אַ באַזונדער שמייכע־לע — און מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, וואָס מוז באַדייטן: „יאָ, געטראָפן דאָס אָרט. מיינע שונאים זאָלן אַזוי לעבן!"... נאָר צולייגן צו אַזאַ קליג־לען זיך, לייגן זיי ביידע נישט צו. געלויבט דער אויבערשטער! מען לעבט זיך דורך.

מ׳זעצט זיך אַוועק אין געדיכטן שאָטן פון נוס־בוימלעך. דער ריח פון נוסענע טונקל־גרינע בלעטער איז מחיהדיק, און פאַכן טוען זיי ווי אַ גוטער פאָכער, ווען אַ ווינטל גייט דורך. די נישט־צייטיקע ניס, צווילינג־לעך און דריילינגלעך און פירלינגלעך, שטעקן אַרויס זייערע שפּיציקע נאַקעטע הינטנס פון די גרינע ווייבערישע הויזלעך. אַ גאַנץ ווונדער ווי זיי וואַקסן, אָט די ווילדע וואַלד־ניס. פריער זענען זיי גרינלעך־ווייס. דערנאָך, סוף זומער, ווערן זיי רויט־ברוין ווי קופּער. נאָר די מייטקעלעך זייערע בלייבן אַלעמאָל גרין. אונטער אַזעלכע שיינע בוימלעך רעדט זיך

נאָך פריילעכער פון געשעפט. רעדט מען אַזוי לאַנג און מען רעכנט זיך, ביז מען גייט איבער צו נעמען אין מויל אַריין. לייזשקע שאַנעווען ר׳ זימלס פרומקייט, טוט ער אים אַ נחת־רוח און וואַשט זיך די הענט פון ר׳ זימלס פאַרזשאַווערטן קווארטל, וואָס זעט אויס ווי אַ הויכע פושקע מיט צוויי הענטלעך. דערפאַר, אַז עס קומט צום עסן גופא, האָט שוין לייזשקע מער שליטה איבער ר׳ זימלען און איבער זיינע קבצנישע מאכ־לים. ר׳ זימל, ווי זיין שטייגער איז, נעמט זיך צו זיין האַלבן לעבל שוואַרץ ברויט און צו אַ האַלבן הערינג אין אַ פּאַפּירל. נעמט ביי אים לייזשקע אַוועק דעם הערינג פון דער האַנט און לייגט אים אַוועק, אויפן גראָז, אַ גוטן שטיק רעטאַך, אַ זיסע באַרנע...

ר׳ זימל הויבט אָן פינטלען מיט זיינע רויט־אָנגעגאָסענע אויגן און לייזשקע גיט אים צו פאַרשטיין:

— נישט געזונט, ר׳ זימל, צו עסן הערינג אונטערוועגנס. בפרט אין אַזאַ היץ. אַ ברענעניש אויפן האַרץ איז דאָס, נישט קיין עסן.

ר׳ זימל גיט נאָך בורטשענדיק אונטער די שיטערע וואָנצעס. ער עסט ברויט מיט רעטאַך, דערנאָך ברויט מיט באַרנע און איז מודה, אַז יאָ!... ס׳איז טאַקע אַ מחיה. עס קייט זיך אַזוי בעסער אין אַ זומערדיקן טאָג, עס גליטשט זיך. עס דורשט זיך נישט.

נאָר אַז עס קומט אויס צו באַנוצן זיך מיט לייזשקעס מעסערל, קוקט ער אים אָן מיט פאַרדאַכט. ער פוילט זיך נישט און שטעקט דאָס מעסערל אַריין דריי מאָל אין דר׳ערד. אָפּגעכשרט, הייסט דאָס... ערשט דערנאָך שיילט ער מיט אים דעם רעטאַך.

צעלאַכט זיך לייזשקע זיין שותף הויך אויפן קול:

— איר מיינט באמת, ר׳ זימל, אַז קיין בעסערן מאכל ווי זייף מיט בולקע האָט אַזאַ אַפּיקורס ווי איך קיינמאָל נישט געגעסן? אָדער גע־באַקענע בולבעס געטונקט אין חלבנע אָנגעצונדענע ליכטלעך... ווי?

מיט דער צייט האָט טאַקע ר׳ זימל אויפגעהערט צו כשרן לייזשקעס מעסערל. אָט וואָס פאַר אַ צוטרוי ער האָט שוין געהאַט געוווּנען צום שותף. ער האָט אָבער נישט חושד געווען וואָס פאַר אַ מיאוסער בעל־דבר עס זיצט נאָך אין אָט דעם אַלטגעבאַקענעם אַפּיקורס און צו וואָס אָט דער פאַרטאַיעטער בעל־דבר וועט אים, ר׳ זימל פאַקנטרעגער, דערפירן.

### .3

דעם זעלבן זומער, אין זייער אַ הייסן טאָג, סוף חודש אב, האָבן זיך די אַמאָליקע קאָנקורענטן און איצטיק טרייע שותפים באַגעגנט אויפן מאָהליוור שליאַך, עטלעכע וויאָרסט פאַר מאַקאַראָווקי. לייזשקע איז געגאַנגען קיין מאָהליוו און ר׳ זימל קיין שקלאָוו. באַגעגנט האָבן זיי זיך דאָרטן, ווו דער געלער זאַמד צערוקט די סאָסנע־בוימער פון וואַלד, צעפרעסט דעם מאָך און לאָזט זיך אַראָפּ ביז צום ברעג דניעפּער. פון די זומער־היצן איז דער דניעפּער אַ סך שמאָלער געוואָרן און שלאַנגיש־פינקלענדיק געדרייט זיך צווישן צוויי זאַמדן אויף דעם ברעג און אויף יענעם ברעג. און, מיט אַ פאַרטאַיעטן פאָנפע־געזאַנגל, געטראָגן זייבע האָס־טיקע וואַסערן אין סאַמע מיטן שטראָם. דעם זאַמד אויף די ברעגעס האָט ער נאָר געלעקט מיט פלאַכע וואַסער־קנייטשעלעך. און קוקנדיק אויף זיי האָט זיך געקענט דוכטן, אַז מען וואָלט אים געקענט, דעם דניעפּער, אַריבערגיין מיט נאַקעטע פיס און אפילו די לענדן נישט פאַרנעצן.

ביידע פאַקנטרעגער האָבן אָפּגעלייגט זייערע שווערע פעק אויפן זאַמד. אַרויסגענומען קלייבינקע נאָטיץ־ביכעלעך, געלעקט די שפּיצן פון שלעכט־פאַרשניצטע בלייפענעס. פאַרשריבן און גערעכנט. קיין סך צייט האָט אָבער ביידנס בוכהאַלטעריע נישט פאַרנומען. אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען זיי שוין געווען פאַרטיק מיט זייערע חשבונות און צוגעביסן. אייי־נער פון לייזשקעס מאכלים איז דאָס געווען: בויגל מיט באַרנעס.

די היץ, נאָך האַלבן טאָג, איז שווערער געוואָרן, דער זאַמד האָט גע־שימערט מיט שטעכיקע געלבע פונקען. האָבן זיך ביידע שותפים פאַר־רוקט מיט זייערע פעק אין שאָטן, אַזוי אַז פון איין זייט, האָבן זיי געזען דעם דניעפּער און פון דער אַנדערער זייט — דעם שליאַך.

ר׳ זימלען איז עפּעס געווען גוט אויפן האַרצן. מיט אַ פאַרטאַיעטער צופרידנקייט האָט ער געקוקט דורך אויגן־שפּעלטעלעך אויף זיין פּאַק, אויף זיין שותף. פריער פלעגט ער אַליין, ווי אַ קראַנקער זשוק, אַרומ־קריכן אויף די שליאַכן. קיין שמייכל האָט ער קיינמאָל נישט געטאָן. דער פּאַק איז געווען שווער און דאָס האַרץ — נאָך שווערער. און אַצינד, געלויבט דער אויבערשטער. „צוויי זענען בעסער ווי איינער” שטייט אין פּסוק. ס׳איז טאַקע אַן אמת.

אָט די שטילע צופרידנקייט, די לייכטע הנאה נאָכן בייגל מיט דער

פרישער באַרנע, די קילקייט פון שאָטן האָבן אים ביסלעכווייז צעקיצלט די מילץ און אַרויפגעשוימט אין דער פּענדזשע־בערדעלע מיט אַ שטילינקן „כי־כי־כי".

לייזשקע האָט אויסגעלופּעטביידע אויגן. ער האָט כמעט קיינמאָל נישט געזען זיין שותף זאָל אַ לאַך טאָן, גלאַט אַזוי, פון זיך אַליין. און נאָך איידער ער האָט אַ פרעג געטאָן, האָט אים שוין ר׳ זימל אַליין גענומען פאַרענטפערן זיין געלעכטערל:

— דו הערסט דאָך, לייזשקע, איך קום היינט פרי אָן פון רישקאַקי און גיי פאַרביי דעם שקלאָוועט בית עולם, אָט דאָרטן, ווו אַ שטיק פון אַלטן געמויערטן צוים איז איינגעפאַלן און איז דערוויל פאַרלאָטעט מיט פלעקענער. דערהער איך ווי אַ יידענע לייענט פון אַ „מענה־לשון" *) און יאָ־אָמערט! וואָס זאָל איך דיר זאָגן! אַ שטיין האָט געקענט צעגיין... איך גיב אַ קוק דורכן צוים — ס׳איז דעם טרייבערס אלמנה. יאָשע דעם טרייבערס, פאַראַיאָרן אין דער צייט איז ער געשטאָרבן. זיצט די אלמנה איבער זיין קבר און פאַרגייט זיך נעבעך. איך הער זיך צו: עפּעס פון אַ מאָדנעם מענה־לשון לייענט זי... וואָס דען! די יידענע האָט אַ ביטערן טעות געהאַט. אַנשטאָט אַ „מענה־לשון" האָט זי געבראַכט צו שלעפּן אַ ספר פון אַ טרייבער אויפן בית עלמין. „דיני מנקר" מיט עברי־טייטש. יאָמערט זי הויך אויפן קול און האָט טענות צום רבונו של עולם: „אַי, און מען נעמט דעם קלאָץ און מען שטעלט אַנידער, און מען נעמט דעם זאַד און מען לייגט אַרויף. און מ׳נעמט אַ מעסער און מ׳שניי—דט!!"... אַי־אַי, מ׳שניידט! אַ קלייניקייט. מ׳שניידט! זי האָט אַוודאי געמיינט, אַז דאָ רעדט זיך פון חבוט־הקבר"... יידענע! — שריי איך צו איר דורכן צוים — איר האָט דאָך אַ טעות געהאַט! ס׳איז דאָך נישט קיין מענה־לשון, ס׳זענען דאָך גאָר דינים פון אַ מנקר! וואָס קלאָגט איר וואָס?... ערשט דאָ האָט זי זיך געכאַפּט, אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט: ווי איז מיר, ווינד איז מיר!... שאַ! זאָג איך, נעמט זיך נישט צום האַרצן. איר קענט, זאָג איך, האָבן גלייך אויפן אָרט אַ נייאינקן „מענה־לשון". איר דאַרפט, זאָג איך, אַפילו צוריק אַהיים נישט גיין, אַזאַ מהלך... נו, נו, ווּעסט גלויבן? געלייזט טאָקע גאַנצע פופצן קאָפּיקעס אויפן אָרט.

— אַז גאָט וויל, — לאַכט לייזשקע און גלעט זיך דאָס אַרומגעשווירן

*) אַ ספר מיט תחינות און תפילות וואָס מען זאָגט אויפן בית עלמין.

בערדל — אַז גאָט וויל, ווערט אַ יידישער פאַקנטרעגער גליקלעך אַפילו אויפן בית עלמין.

אַ ווײַלע איז מען געזעסן און מען האָט פאַרדייעט די בייגל מיט באַרן, דאָס פריילעכע מעשהלע מיט דעם טרייבערס אלמנה. און לייזשקע דער אַפיקורס האָט דערזען, אַז ר׳ זימל איז גוט אויפגעלייגט, האָט ער זיך גענומען „קאַליע מאַכן״ אים, ווי זיין שטייגער איז:

— אוף! — מאַכט ער און פאָכעט אויף זיך מיט אַן אָפגעריסענעם טאָוול פון אַ ספר — ווער פון אונדזערע יידן, ר׳ זימל, האָט נאָך אַזוי הנאה פון זומער ווי איך און איר? יידן ווייסן דען פון זומער? פריער גייט ספירה, זיבן וואָכן נאָכאַנאַנד טאָר מען זיך נישט באָדן, נישט שערן זיך, אויסער ל״ג־בעומר, איין טאָג! איידער וואָס ווען — רוקט זיך אָן שבעה־עשר בתמוז. און איידער מען האָט נאָך פּאָספּעיעט אָפּטובלען זיך, ערשט אַהאַ! די ניין טעג זענען שוין דאָ. תשעה באב קומט אָן אין וואָלענע זאָקן, מיט שטעכלקעס אין די בערד און מיט זיצן אויף דער ערד. און איידער מ׳האָט נאָך צייט אָטכאַיען זיך פון תענית — גייט שוין קושע דער שמש אַרויס פאַרטאָג מיט אַ לאַמטערנע: „יידעלעך, שטייט אויף צו סליחות!״

— ווער ווער, — מאַכט ר׳ זימל האַלב־שלעפעריק — נאָר דו האָסט ספירה און תעניתים נישט אָפּגעהיט. ווי אַ גוטער גוי האָסטו זיך געבאָדן! קיין סוד נישט. אַלע וועלכע פאָרן מיטן פאַרעכאָד ווייסן דאָס...

— איך רעד דען פון מיר? — גליטשט זיך לייזשקע פון האַנט — איך רעד גלאַט אַזוי, וואָס יידן האָבן געמאַכט פון זומער. און דערפאַר טאָקע, רעכן איך, זענען יידישע קינדער אַזעלכע סטאַטיקלעך אינדערהיים און אַזעלכע ווילדע שטיפער אויף דער גאַס. אַנדערש קאָן דאָס גאָר נישט זיין. פּרוּווט, ר׳ זימל, פאַרזייען בולבעס אין אַ קעלער, וועט איר זען ווי משונהדיק זיי וועלן זיך אייך צעוואַקסן. איך געדענק מיך נאָך, אַלס אַ ייִנגל, מיט וואָס פאַר אַ ביטער האַרץ איך פלעג גיין, אין די הייסע זומער־שבתים, לערנען פרק אין חדר. אַפילו נאָסקע־טרעגער רוען זיך שבת אויס. פאַר יידישע חדר־ייִנגלעך איז אַפילו דער שבת קיין שבת נישט. זיצן מיר אַזוי, איך און מיינע חברימלעך, אין חדר. די פיסלעך הענגען אַראָפּ ווי בליי פון די הויכע הילצערנע בענקלעך. און דרויסן, דורך דעם רבינס פענצטער, זעען מיר אַ זומער בליט. אַ קאַרטינע (אַ בילד) זאָג איך אייך — איינגעפאַסט אין אַ ברודיקער בערוועגע וואַנט, גרין,

אַלערליי סאָרטן גרינס. אַ בלויער שטיק פון אַ טייך, אַ בלויער שטיק הימל מיט ווייסע וואָלקנדלעך. און אויף דעם גרינס באַוועגן זיך קאַלירן. קליינע קינדער שפּילן, ווייסע ציגן שפּרינגען דורך. גענדז גייען צום טייך. גויעס אין רויטע כוסטעס שווימען פאַרביי. און דאָ ביים טיש זיצט אַ רבי, זויער און פאַרקרימט פון שבתדיקן שלאָף. ער שלוקערצט. דעם טשאָלנט האָט ער נעבעך שלעכט פאַרדייעט. און דאָס קרומע מויל טייטשט איין: דעם מאין באת! ווייס, מענטש, פונוואַנען דו ביסט געקומען! מטפה סרוחה — פון אַן עפּושדיקן טראָפּן. און וואָהין גייסטו? צו אַן אָרט פון ווערים גייסטו... ס'אַלץ עקביא דער זון פון מהללאל! זיינע ווערטער זענען דאָס. אַ מרה־שחורה פלעגט אויף מיר אָנפאַלן פון ר' עקביאס חכמה. כאָטש נעם און לייג זיך אַוועק, אָט דאָ אויף אַן אָרט און שטאַרב.

— ביסט אַ „פּושט" — מאַכט ר' זימל אין זיסן האַלב־דרימל און באַהאַלט אַ שמייכעלע אין זיין פּענדזשע־בערדל — אין אַ יידישער שטוב טאָר מען דיך נישט אַריינלאָזן!

פונעם שמייכעלע דערקענט אָבער לייזשקע, אַז ס'האָט אַ ביסעלע ר' זימלען צענומען, דערמאָנט אים די אייגענע „גוטע" קינדערשע יאָרן. וואָרט, קלערט ער זיך, דו וועסט ביי מיר באַלד אַ קאַפּעלע בעסער האָרכן! און רעדט אין אים ווייטער אַריין:

— און וואָס מיינט איר, ר' זימל, איז געווען דער סוף? מ'האָט דאָך געוואָלט אונדז אָנשרעקן, האָט מען געוואָלט. און אַרויסקומען פלעגט גראָד פאַרקערט. וואָרום ווי נאָר מיר זענען אַרויס פון חדר, נאָך אַזאַ פאַרציע מוסר־השכל, פלעגן מיר זען, אַז מיר זענען שוין סיי ווי סיי פאַרפאַלן. גאָרנישט מיט נישט זענען מיר. סיי אויף דער וועלט, סיי אויף יענער וועלט. הייסט וואָס האָבן מיר אַזוי צו שאַנעווען זיך אַליין און די שבתדיקע הויזלעך? פלעגן מיר, אימיצן אויף צו־להכעיס, דראַפּען זיך אויף צוימען, אַריינקריכן אין פרעמדע סעדער, גנבענען האַרטע עפּעלעך, אָנמאַכן זיך בויך־ווייטיק, און קומען אַהיים צעדראַפּעטע מיט געוואַלד־ריסן אין די מייטקעלעך. אַזוי, ר' זימל, טרעפט זיך אָפּט מאָל מיט אַ כניאָק אַ פּרוש אויך. וואָס מער ער טובלט זיך, אַלץ מער חלומט זיך אים שדים ווייסן וואָס. נאַקעטע ווייבער שטיקן אים ביינאַכט...

זימל האָט זיך אויסגעטשוכעט. לייזשקעס לעצטע ווערטער מיט זיין געזאַלצן שמייכעלע האָבן אים אַ ברען געטאָן אין האַרצן. שוין לאַנג האָט ר' זימל אַליין נישט באַזוכט זיין ווייב און קינדער אין זייער דאָר־פישער הייזקע, ווייט־ווייט פון דאַנען... ער האָט דאָס שוין אָפּט מאָל

געטאָן אין זיין וואַנדער־לעבן. נאָר דאָ, היינטיקן זומער, די לעצטע צייט, האָט ער טאַקע בייזע חלומות. פון וואַנען־זשע ווייסט ער דאָס אַלץ, אַט דער חברה־מאַן? אַ פאַרקליידטער יצר־הרע איז דאָס, נישט קיין פּאַקב־טרעגער!

— וו...אָס באַ־באַלעבאָטשעסטו דאָרטן? — פּאַרזאַאיקעט זיך ר׳ זימל פון אויפכאַפּ — וואָס פּרוש? ווי קומט אַהער אַ פּרוש?

— כע, — פּאַרשפּיצט לייזשקע די אויגעלעך נאָך מער — איר געדענקט גאָר נישט? דאָס ווערט דאָך דערציילט אין אייערן אַ ספר, וואָס איר האָט מיר געגעבן אין קאָמיסיע, מיט איינעם פון דעם בעש״טס תלמידים. אַט אָ! איין ווײלעטשקע! אַט איז דער ספר. אָט דאָ מוז ער זיין:

„...און זי האָט אים אויסגעבעט דריי בעטן, איינע פון גאָלד איינע פון זילבער און איינע פון העלפאַנד־צאָן. אַלע מיט טייערע בעטגעוואַנטן און אויסגעשפּריצט מיט בשמים. און גלייך האָט זי גענומען אַראָפּרייסן פון זיך די טייערע קליידער אירע, געשטיקט מיט אבנים טובות ומרגליות. דערנאָך די העמדער... איין העמד פון פּורפּור־זייד און איינע פון הימל־בלויען ליין, און איינע פון שוואַרצן אַטלאַס... זי האָט דאָס בכיוון פריער אָנגעטאָן, כדי צו מאַכן פלאַקערן זיין יצר־הרע. ווי זי האָט אַ ריס געטאָן דאָס לעצטע שוואַרצע העמד, אַזוי האָט איר לייב אַ לויכט געטאָן פון ריס, ווי די זון פון די וואָלקנס. און דער מקובל האָט פאַרמאַכט די אויגן פון בלענדעניש און געשריען: לילית! שמע ישראל!...״

ר׳ זימל שפּרינגט אויף. זיינע נאָזלעכער זענען אָנגעבלאָזן. ער אָטעמט שווער:

— וואָס... וואָס איז דאָס פאַר אַ מין לייענען אינמיטן וואַלד? ווער בעט דיך ווער?

ער מוז זיך אָבער באַלד באַהערשן און אַנטשוויגן ווערן. וואָרום עס דערהערן זיך ווייכע באָרוועסע טריט. און פּונקט אַנטקעגן זיי ביידן, אויפן באַלויכטענעם שליאַך, אינעם גרינעם הייל פון צווייגן, באַווייזט זיך אַ גויע... אַן ענלעכע גויע, ווי אין חסידישן ספר. זי איז נאָר אַ ביסל אַנדערש אָנגעטאָן. אָנשטאָט אַ רויט העמד פון פּורפּור־זייד, טראָגט זי גאָר אַ קורצע בלוט־רויטע קאַצאַווייקע מיט גרינע שטערנדלעך; און פון אונטן דער פייערדיקער יאַקעלע גיסט זיך, איבער אירע פולע קני, אַ געפּאַסקעט לייוונטענע קליידל, און די קאָלירטע פּאַסקעס ווינקען ביים גיין. און אַ האַלדז־באַנד פון גרויסע קרעלן לאָזט זיך איר אַראָפּ איבער איר פולער ברוסט. און איר קאָפּ־כוסטע בליט מיט מאָן־בלומען אויף

אַ שוואַרצן גרונט. און די זעלבע קרעלן וואָס אויפן האַלדז, נאָר קלענערע, טראָגט זי אין איין האַנט, אין אַ קערבעלע פון ווייסער בעראָזעווער קאָרע. אָנגעריסענע ברוסניצעס צי הויפנס קרעלן?... און איר קיילעכדיקער פּרצוף־פּנים לויכט פון ווייבלעכקייט און מיט פרישקייט, און אירע ליט־קעס וויגן זיך, וויגן זיך, וויגן זיך...

ר׳ זימל איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל און מיט אַ פּאַר־כאַפּטן אָטעם אינמיטן זידלען זיך: אַ כשוף האָט אים דאָ לייזשקע דער אַפּיקורס אָנגעטאָן. נישט אַנדערש, אַז דאָס איז דעם מקובלס נפקא... אַ לעבעדיקע לילית פון ספר אַרויס, אינמיטן וואַלד, אינמיטן העלן טאָג. —

# אינעם וואַסער דריידל

## 1.

געוועזן איז דאָס די זעלבע יונגע גויע, מיט דעם קערבעלע ברוסניצעס אין דער האַנט, וועלכע האָט מיט עטלעכע מינוט צוריק אויפגעוועקט די בייזע מחשבות אין פאַנדרעס צעהיצטן קאָפּ...

עפּעס אַ כישוף איז אין איר געלעגן, אין אָט דער אויסגעפּוצטער וואַלד־שיקסע. פון פאַנדרעס שאַרף־ברענענדיקע אויגן איז זי אַנטלאָפן און אָנגעגאַנגען איז זי מיט איר דאָרפיש־פאַרשמיצטן שמייכעלע אויף די פאַקנטרעגער. די דאָזיקע צעכראַשטשעטע יידן האָבן איר בכלל נישט אויסגעזען אַזוי געפערלעך ווי די צווי אָקאָרשט געזעענע, פאַרטאַיעטע און געזונטע האָלאַדראַנצעס אין וואַלד. זי האָט אָבער גלייך באַמערקט, אַז אויך דאָ האָט זי אַריינגעבראַכט אַן אומרואיקייט... וואָרום אָט דער זשיד מיט דער רעטאַך־בערדעלע האָט אויפגעעפנט אַ מויל, ווי אַ וואָראָנע און איז אַזוי שטיין געבליבן. אויך מיר אַ נפש!...

האָט זי בכיוון גענומען וויגן מיט די פולע היפטן, אויסגעבויגן די ברוסט אונטער דער רויטער קאַצאַווייקע און געשאָקלט מיט די אָנגע־הויפטע ברוסניצעס אין דער ווייסער קאָרע־קערבעלע, ווי אַ מכשפהטע — מיט אַ פייער־פאַן פול מיט גליענדיקע קוילן און מיט ווייררויך...

אַ יצר־הרע־שמייכעלע האָט זיך אַרויסגעשלענגלט פון אונטער לייזש־קעס אונטערגעשוירענע וואָנצעס. אַריינקוקנדיק אין ר׳ זימלס אָפענעם מויל, האָט ער זיך נאָך גערייצט מיט אים:

— כמעט אַזאַ נפקא ווי אָט דאָ אין ספרל, ביים מקובל...

„כ׳בין אינגאַנצן קאַליע געוואָרן...״ טראַכט פיבערדיק ר׳ זימל און פינטלט מיט די רויט־פאַרלאָפענע אויגן.

ער וויל אַנטלויפן און קען נישט. צום אָרט האָט אים די גויע צוגע־

שמידט מיט אירע הייסע קאַלירן. פאָכעט ער אויף זיך פאַרשעמטערהייט מיט איין אומבאַהאָלפענער דלאָניע און שטאַמלט עפּעס:

— אַ... אַ היץ! אוף!

— אַזוי? ס׳איז אייך הייס?... — ווינקט אים צו לייזשקע — ס׳איז מיר אויך הייס, ווי איך בין אַ ייד!

אַפּנים ער האָט איבערגעזאַלצן. וואָרום מיט אַמאָל קומט פאָר, פאַר זיינע ממזריש־פאַרשפּיצטע אויגן אַ זאַך, אויף וועלכער ער האָט זיך בכלל נישט גערעכט. מיט אַמאָל גיט ר׳ זימל אַ כאַפּ דעם פּאַק זיינעם, מיט איין הויב אויפן אַקסל, און לאָזט זיך לויפן אַראָפּ־זאַמד צום ברעג דניעפּער, אונטערטענצלענדיק, ווי אַ דערשראָקענער באָק, און וואָרפנ־דיק משונהדיק מיט זיינע ביידע הויקערס אונטער דער ראַצאַמערענער קאַפּאָטע.

— ווּהין? ר׳ זימל! — שרייט אים לייזשקע נאָך מיט ברייט אויפ־געריסענע אויגן. אַ קשיא אויף אַ מעשה. אפשר האָט זיך ר׳ זימלען גע־רירט אין קאָפּ פון אַזאַ היץ און פון נאָך עפּעס... אים, לייזשקען, האָט שוין געגומען פאַרדריסן, וואָס ער האָט דאָ געשפּילט די פרייוויליקע שלאַנג ביים עץ־הדעת. ער האָט זיך אָבער באַלד באַרואיקט, וואָרום, אָנ־שטאָט אָפּטאָן אַ מעשה, האָט גאָר ר׳ זימל אַ וואָרף געטאָן זיין פּאַק אויפן ברעג וואַסער און האַסטיק געגומען אויסטאָן זיך. איבערן שוואַרצן ספרים־פּאַק זענען געפלויגן: די קאַפּאָטע, דער טלית־קטן, דער קאַש־קעט...

— האַ־האַ! — צעלאַכט זיך שטילערהייט לייזשקע דער טריף־פּסול־ניק — די פייערדיקע שיקסע איז שוין אַוועק און ביי אים ברענט נאָך!

הויך אויפן קול אויפצולאַכן האָט ער שוין מורא געהאַט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז צופיל רייצן זיך אַציינד מיט ר׳ זימלען טאָר מען נישט. האָט ער אויפגעהויבן זיין אייגענעם פּאַק, אָנגעלאָדן אויף זיך און אויך אַראָפּגעלאָזן זיך צום וואַסער.

— באָדן זיך, איז באָדן זיך! — מאַכט לייזשקע תמעוואַטע און לייגט אָפּ זיין פּאַק.

נאָר זימל ענטפערט נישט. זימל קוקט אים אַפילו נישט אָן. ער רייסט נאָר האַסטיק פון זיך דאָס לעצטע אָנטועכץ. און ווען לייזשקע האַלט נאָך ביים אַראָפּוואַרפן זיין קורצן רעקל, שטייט שוין זימל אדם־באַקעט און מיטן רוקן צו אים.

צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט לייזשקע דערזען דעם אויסגעהאָ־

רעוועטן צעקרימטן גוף פון זיין געוועזענעם קאָנקורענט; דעם טיפן אויסקרים, צווישן רוקן און לענדן, וואָס דער אַמאַליקער גלות־פּאַק האָט געמאַכט. אויבן — יידישלעך געבויגן און שוואַך און אונטן געזעצט, שוועך־פּליישיק — אַ פונדאַמענט פון אַ לייב, וואָס איז געווינט צו טראָגן אויף זיך צו שווערע לאַסטן. און איז אײַנגאַנצן באַדעקט מיט שוואַרצע בערשטל־האָר, ווי אַ וואַלד־מענטש.

— אַפּנים אַ גרויסער בעל־תאווהניק! — קלערט ביי זיך לייזשקע. — פּרום־פּרום און עס גלוסט זיך אים אָן עין־הרע.

און מיטן מויל וואָרנט ער צום האָריקן רוקן אַזוי:

— פּאַוואָליע, ר׳ זימל!

זימל ענטפערט נישט. דרייט זיך אַפילו נישט אום. מיט אַ מין צו־להכעיס לאָזט ער זיך לויפן אין וואַסער, בשעת לייזשקע האַלט נאָך אין אַראָפּציען די שטיוול. האָץ־האָץ! מיט די קרומע פיס, אַז ס׳איז אַ מחיה צו קוקן.

די פּלוצלעכע קאַלטקייט פון וואַסער גיט אים אַ ברען זיינע צע־היצטע פּיאַטעס ווי מיט הייסע קוילן. דאָס צערייצט אים נאָך מערער. ער אַנטלויפט פון „פייער" און דאָ איז ווידער „פייער".

ער האָט גענומען שפּרינגען אין דער ברענענדיקער קילקייט, זוכן אַן אָרט, ווו אָפּצוטובלען זיך מיט איין מאָל און גלייך, אויפן שטעל, נישט געקענט געפינען. דער דניעפּער איז פון די זומער־היצן געווען האַלב אויסגעטרוקנט, און געלבע פעלדן זאַמד און שטיינדלעך האָבן אַרויסגעקוקט פון דעם גרינלעכן וואַסער־פּלאַך. אַפילו ביזקל די קני איז דאָס וואַסער נישט דערגאַנגען. די פלאַמענדיקע קאַצאַווייקע אויף דער גויעס הויכער ברוסט האָט זיך נאָך זינדיק און שיכור געהוידעט פאַר זיינע אויגן: „און זי האָט אים אויסגעבעט דריי בעטן"... ווי איינער, וועלכער זוכט צו לעשן אויף זיך די ברענענדיקע פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע, האָט ער אַ לויף־געטאָן עטלעכע טריט ווייטער, און נישט געעניט, מיט אַ זייטל, אַריינגעשניטן זיך אין שטראָם. האַ־האַ! געלויבט איז דער אויבערשטער! דאָס וואַסער איז מיטאַמאָל טיפער געוואָרן, דערגאַנגען ביז איבערן גאַרטל. דער דניעפּער האָט אָבער דאָ מוראדיק געצויגן אונטער די פיס, און אויפן פלאַך פון וואַסער האָבן זיך דאָ געדרייט שפּיציקע גריבלעך, ווי איבערגעהאַקטע „פימפּערלעך", געשרויפט־געשרייפלט זיך און געשטאַנען אויף איין אָרט. אַן אָנזאָג פון טיפע גריבער פאַר באַהאַוונטע. נאָר ווי קומט ר׳ זימל צו וויסן אַזעלכע זאַכן! אַז באַדן באָדט ער זיך

אײן מאָל אין אַ שמיטה, און דאָס אױך — אין דער שטילער, לעבלעכער אַזױרע. ער האָט נאָר געהערט זאָגנדיק, אַז אײנמיטן זומער װערט דער דניעפּער פלאַך, און צעניאַריקע ײנגלעך גײען אים אַריבער. אױסער אין סאַמע מיטן שטראָם, װוּ דער פאַרעכאַד פאָרט דורך; דאָרטן מוז מען אַריבערשװימען. נאָר צום מיטן דניעפּער איז נאָך װײַט.

און נישט טראַכטנדיק קײן סך מאַכט ר׳ זימל: „האָפּ!" און גיט זיך האָסטיק אַ טובל ביז איבערן קאָפּ. און שפּרינגט צוריק אַרױס אַ פאַר־שױמטער, אַ שפּײענדיקער מיט װאַסער, װי אַ ים־קאָטער.

ער האָט גלײך דערפילט אַ דערלײכטערונג. די ברענענדיקע קעלט אין אונטערשטן האַלבן גוף האָט זיך פאַרטײלט אין אײן מחיהדיקע קיל־קײט איבער אַלע אברים. „האָפּ!" מאַכט ער נאָך אַמאָל און גיט זיך נאָך האַסטיקער אַ טובל־אָפּ. די קיצלדיקע קילקײט דרינגט טיפער אין לײב אַרײַן. און אױפן האַרצן װערט אים אױך גרינגער. די ביטערקײט װאָס ער האָט מיט אַ רגע צוריק, געפילט צו לײזשקען זײַן שותף, צעשמעלצט זיך אין װאַסער אַרום אים. דאָס קװיקעניש פון באָדן זיך און די צופרידנ־קײט מיט זיך אַלײן גיסן זיך צונױף אין אײן טעם. אַן אױסגעמישטע עולם־הזה און עולם־הבא. און דאָס שטענדיק פאַראומערט געזיכטל צע־שײַנט זיך בײַ אים, װי בײַ יענעם מקובל, װאָס האָט גובר געװען דעם יצר־הרע... פאַרגאָסן מיט װאַסער און זון און הנאה גיט ער זיך אַ דרײ אױס מיטן פּנים צום ברעג און טובלט זיך װײַטער. נאָר אַצינד — רואי־קער, נחתדיקער: אָנקוקנדיק לײזשקען, צװישן אײן טונק און צװײטן, מיט אַ שפּיציקער מינע פון אַרױספאָדערונג. עס הײסט: „זאָמד דיר אין די אױגן, בעל־דבר דו! האָפּ! אױף דײַנע קונצן פײַף איך אַצינד! האָפּ!"

ר׳ זימל האָט נאָך נישט באַמערקט, אַז ס׳איז נישט קײן שמחת־תורהדיקע האָפּקע, בײַם חסידישן מורה־הוראה אױף דער פאָדלאָגע, אַז בײַ יעדן טוק שװענקט אים דער האַסטיקער שטראָם אַװעק אַ ביסל זאַמד פון אונטער די פּיאַטעס און גיט אים אַ צי פאַר די פיס אַ ביסעלע אין אַ זײַט, אַלץ נענטער און נענטער צום מיטן טײַך, װוּ די פאַרעכאַדן גײען דורך.

— מאַלאָדיעץ, ר׳ זימל! — שרײַט צו אים לײזשקע פון ברעג און פינקלט צו אים מיט אױגן און צײן. און דאָס גיט ר׳ זימלען נאָך מער חשק. דער צו־גיכער איבערגאַנג פון זינדיקע מאַנסבילישע מחשבות צו ײנגלישער שטיפערישקײט האָט אים אינגאַנצן פאַרשיכורט. אַ טײַערע זאַך —װאַסער! נישט אומזיסט, הײסט דאָס, טובלען זיך די אמתע חסידים

אַלע אינדערפרי, פאַרן דאַוונען!... אויב אַזוי, טאַ נאַ־זשע דיר! האַפּ! און טאַקע נאָך אַמאָל — האַפּ!

נאָר אינמיטן טריאומף פון טוקן זיך און פּליושקען זיך דערפילט ר׳ זימל, אַז דער זאַמד מיט די קײלעכדיקע שטײנדלעך אונטער אײן פּיאַטע האָבן געגעבן אַ פּאָר אַראָפּ. גיט ער דאָך אַ כאַפּ דעם אויסגע־גליטשטן פוס און אַ שטעל אַרויף, ווי אויף אַ צו הויכן טרעפּ. ערשט דער האַלט פון דער צווייטער פּיאַטע שווימט אַוועק. מיט דעם כוח פון אַ הרעבליע ביי אַ וואַסער־מיל גיט דאָס אים אַ ריס און דריי־אום. און אַנשטאָט לייזשקע, צווישן צוויי פּעק ספרים אויפן זאַמד, דערזעט ער גאָר, אַז הימל און וואַסער און ברעגעס גייען אַ קאַראַהאָד.

ער ווייסט אָבער, אַז ער מוז זיך אַ נעם טאָן וואָס נענטער צום זאַמד. ווּ איז אָבער דער זאַמד? בוימער און וואַסער טאַנצן פאַר די אויגן... ווּ — „רעכטס" און ווו — „לינקס" איז ער נאָר משער אין זיין פאַרצווייפלונג. ער גיט זיך אַ שליידער אויף „טאָמער יאָ" און טרעפט אַריין... אין רעכטן מיטן פון דער אומברחמנות שלעפּנדיקער קראַפט. ווי אַ גרויסע חיה, כאַפּנדיק אַ קליינינקע, אַזוי גיט זיך אויף אים דער שטראָם אַ וואָרף; מורמלט איבער אים ווי אַ קאַץ איבער אַ מייזל, פאַרגייט זיך איבער אים אין אַ בייזוויליקן הודזשען... געוואַלד! ווו איז לייזשקע? ער מוז דאָך דאָ ערגעץ־ווו זיין. ערגעץ־ווו אָט דאָ. אָקאָרשט איז ער דאָך געזעסן פונקט אַקעגן אים. „לייזשקע!" שרייט ער אויף און הויבט אָן צו שלאָגן מיט די פיס און הענט, ראַנגלען זיך ווי אַ פיש אין נעץ.

און פלוצלונג דערזעט ער מיט איין אויג, אַז לייזשקע שווימט אַוועק פון אים, רוקט זיך אָפּ מיטן ברעג צוזאַמען ערגעץ־ווו אין אַ זייט. הייסט דאָס — אַז פונקט אַזוי גיך שלעפּט אים, זימלען, דער שטראָם אַראָפּ־וואַסער?

— איך טרינק זיך! — לויפט ר׳ זימלען דורך אַן אייז־קאַלטער גע־דאַנק און דאָס וואַסער אַרום ווערט אויך קעלטער — פאַר מיינע זינד איז דאָס געקומען...

נאָר די שרעק פאַר עפּעס מוראדיקעס, וואָס רוקט זיך אָן, איז שטאַר־קער פאַרן תשובה־געדאַנקל. די נשמה מוסרט זיך און דער גוף ראַטעוועט זיך. פון וואַסער דריידל כאַפּט זיך אַרויס אַ פליכעוואַט שוואַרץ קעפּל מיט אַ פּענדזל־בערדעלע און שרייט הייזעריק פאַרכליִנעט:

— ליי־זשעקע־ע! ראַטעט־ע!

און דאָס וואַסער, ווי קאַלט שיטער בליי, רייסט זיך אַריין אין

גאָרגל... אַי, אַי! אָנכאַפּן זיך, איינקלעמען זיך; איינבייסן זיך מיט די נעגל, מיט די פיס, מיט די ציין! נאָר נישטאָ אין וואָס... פון יעדן גראָבל שפּרינגען אַרויס בלעזלעך. און אין דער האַנט בלייבט גאָרנישט... דער גוף ווערט שווער. אַ מוראדיקער הוסט שטיקט. נאָר אויסהוסטן זיך קען מען נישט. די אויגן קריכן פון קאָפּ פון אומזיסטער אָנשטרענגונג.

**.2**

לייזשקע דראַפּקין האָט זיך געלאָזן אויסגעטאָן צווישן זיין פּאַק ספרים און ר׳ זימלס, און אין האַרצן שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם אומזיסטן טריאַטער, וואָס ער האָט דאָ געהאַט אינמיטן וואַלד, ביים ברעג דניעפּער. ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, ווי אַ חסיד, אַ פּאַקנ־טרעגער כאַפּט ברענען פון יצר־הרע און לויפט לעשן זיך מיט קאַלטע טבילות. טאַקע עפּעס אַ מעשה פון חסידישע ספרימלעך, וואָס דער „אָנגע־צונדענער" חסיד גופא האָט אים געגעבן אין קאָמיסיע... אַן אַנטיק אין דער וועלט ווי אַלע האָבן דאָ גוט געשפּילט! ער, לייזשקע, מיט זיין רייצן זיך, ר׳ זימל — דער אויבערשטער זאָל אים אויך ווייטער געבן כוח אין די לענדן! היינט די שיקסע מיט דער רויטער קאַצאַווייקע, כאַ־כאַ! אויף איר האָט ער זיך גאָר נישט געריכט...

איינהאַלטנדיק ווי נאָר מעגלעך דעם גראָבן געלעכטער, האָט ער, מיט פאַרפעצטע אויגלעך, צוגעקוקט, ווי ר׳ זימל האָצקעט זיך דאָס אין וואַסער. אַט פאַרשווינדט ער און אַט באַווייזט זיך זיין פּליכעוואַט קעפּל מיט צוויי שפּיציקע פּאות אויף די פּליכעוואַטע באַקן, און פון זיין קויל־שוואַרצן פּענדזל־בערדעלע גיסט זיך, ווי פון אַ צעבראָכענעם שוואַרצן טשייניק. „הען ווי ער האָט זיך דאָס צעהאָפּקעט, דער כניאָק!" טראַכט זיך לייזשקע און מיט דער האַנט דיריגירט ער אים, פון ברעג, נאָך יעדן טוק. ס׳הייסט: אדרבא, ר׳ זימל! האָפּ!... און טאַקע נאָך אַמאָל!"

מיטאַמאָל זענען לייזשקעס שפּילעוודיקע אויגן געבליבן שטיין. די האַנט איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. ער האָט באַמערקט, אַז ר׳ זימל טובלט זיך מער נישט ווי פריער, נאָר עפּעס באַברעט ער זיך דאָרטן אין וואַסער מיט פיס און הענט. אפשר וויל ער דאָ ווייזן אַ קונץ? אַ ביי ערט סאָרט „טריט־וואַסער", ווי מען איז געגאַנגען אַמאָליקע יאָרן. אדרבא, ר׳ זימל!

אָבער ר׳ זימלס תנועות ווערן צאַפּלדיקער, די העויות משונהדיקער.

ערשט דאָ דערזעט לייזשקע, אַז ר׳ זימל שטייט מער נישט אויף איין אָרט, נאָר עפּעס ווירבלט אַרום אים און טראָגט אים אַוועק. קיין גוף זעט מען מער נישט אָן. נאָר אַ פליכעוואַט קעפל, ווי אַן איבערגעקערט פענדל מיט אַן אויסגעשייערטן דנאָ, שאָקלט זיך איבערן וואַסער אַרויף און אַראָפּ.

— ר׳ זימל? — גיט לייזשקע דערשראָקן אַ רוף — ס׳הייסט: איר חכמהט זיך, צי איר טרינקט זיך?

אין דעם אַוועקגעשווומענדיקן קעפל עפנט זיך אויף אַ מויל... פון פליכעוואַטן קעפל ווערט איין גרויס מויל, און דאָס מויל שרייט הייזעריק־קוויטשענדיק:

— לייזש־קע־ע!

לייזשקעס פּנים צעקרימט זיך. זיין ייִנגער מויל עפנט זיך אויף צו שרייען, רופן עמיצן צו הילף, נאָר ער פאַרשעמט זיך און שרייט נישט. ער כאַפּט נאָר רייסן פון זיך די לעצטע שטיקער פון זיין אָנטועכץ, נישט אַרויסלאָזנדיק זימלס קעפל פון אויג. אָבער פון גרויס שרעק און איילעניש האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיינע אייגענע תחתונים, אַז ער שפּרינגט נאָר אויף איין אָרט און בריקעט משונהדיק מיטביידע פיס, ווי אַ גע־פּענטעטע פערד, וועלכן מען שמייסט נאָכאַנאַנד איבער די הינטערשטע „באַבקעס"...

זימלס קעפל באַווייזט זיך נאָכאַמאָל פון וואַסער. עס שרייט, נאָר אַצינד — אָן ווערטער. עס דערגרייכט נאָר אַ כאָרכלדיק מעקען פון אַ נישט־דערקוילעטן באָק:

— מי־ע־ע!

— פאַרפאַלן ר׳ זימל! — שיסט דורך לייזשקען דורכן צעטומלטן קאָפּ.

ער גיט זיך אַ וואָרף אויף דער ערד, כדי אַזוי אַרום וואָס גיכער זיך באַפרייען פון זיין הויזן־פּלאָנטער און דערהערט פּלוצלונג הינטער זיך אַ טופּעניש פון צוויי שווערע באָרוועסע פיס. און נאָך זיי — אַ צווייטע פּאָר פיס. לייכטערע. איידער ער קוקט זיך אום, גיט עמיצער, אַ האַלב אויסגעטאָנענער, געזונטער פאַרשוין אַ פלי פאַרביי אים, אַראָפּ־וואַרפנדיק דערביי זיין לעצטן שטיק מלבוש. אַ נאַקעטער שמשון הגיבור, מיט האַרטע געשטריקעוועטע פליישן און מיט אַ שרעקלעך ברייטן רוקן גיט אַ שפּרונג אין וואַסער, נישט אומקוקנדיק זיך, גאַרנישט זעענדיק, אויסער דאָס קעפל אויפן וואַסער. לייזשקען דוכט זיך אויס, אַז זיין

הייסער ווילן האָט זיך דאָ פאַרקערפּערט. אָנגעטאָן זיך אין פלייש און האַסטיקייט און טוט דאָס, וואָס ער אַליין האָט דאָ געוואָלט טאָן —
ראַטעוועו ר׳ זימלען!

דער צווייטער פאַרשוין לויפט דערווייל אָן אַן אָנגעטאָנענער, מיט אַ וואַטאָווע היטל, מיט אַ קלומיק אויף דער פּלייצע און בלייבט שטיין לעבן לייזשקען מיט אַ דריי־גאָרנדיקער, פאַרסאָפּעטער שאלה:

— ווו? ווו? ווו?

— אָט דאָרטן! — ווייזט אָן לייזשקע אויף דעם פליכעוואַטן קעפּל, וואָס באַוועגט זיך אין שטראָמיקן שוים.

ער קוקט זיך איין אין פאַרגרעבטן פּנים פונעם אָנגעלאָפענעם פאַר־שוין. עפּעס באַקאַנט קומען אים פאָר: דאָס וואַטאָווע היטל, די האַרטע אויגן, די אויסגעבויגענע נאָז... נאָר די גויאישקע פרעמדקייט ליגט אויס־געגאָסן אויף אָט די באַקאַנטע זאַכן. גיט ער נישט זיכער אַ ווייז אָן אויף דעם אָוועקגעשווומענעם נאַקעטן שמשון:

— ווער איז ער?... דער!...

דער אָנגעלאָפענער פאַרשוין רוקט אַרויף דאָס וואַטאָווע היטל און אַנטבלויזט אַ נידעריקן שטערן מיט אַ שישקע:

— און מיך דערקענסטו שוין נישט? דו טריף־פּסולניק דו! שעמסט זיך מיט מיר?

— שמחהלע! — רופט אויס לייזשקע — און... דער איז פּאַנדרע? — שטויסט ער זיך שוין אַליין אָן און שטרעקט אויס אַ פינגער נאָכן נאַקעטן שווימער. — פון... פון אָסטראָג?

שמחהלע ענטפערט נישט. ער לאָזט נאָר בייז אַראָפּ די אויגן, דרייט אויס דעם רוקן צו לייזשקען און לאָזט זיך גיין מיטן זאַמד, ביים ברעג, כדי אָנצויאָגן זיין אָוועקגעשווומענעם חבר.

פּאַנדרע האָט דערווייל געלייגט האַסטיקע „קלאַפּטער״ אַראָפּ וואַסער, האַלטנדיק זיך אויף איין זייט און אייננורענדיק אַלע ווײַלע דאָס פּנים אין שוים, כדי וואָס שאַרפער דורכצושניידן די געפערלעכע וואַסער־דריידלעך און איבעריאָגן דעם שטראָם. פון אַזאַ דרייפאַכיקער טרייב־קראַפט האָט זיך פּאַנדרעס גרויסער גוף געטראָגן, פייל פון בויגן, צו איין ציל — צו דעם שוואַרצן פליכעוואַטן קעפּעלע, וואָס טוקט זיך נאָך, קוים־קוים צוקנדיק, און גייט אונטער. כדי אונטערצוגעבן מוט דעם האַלב־דערטרונקענעם, האָט פּאַנדרע, צווישן איין „קלאַפּטער״ און דעם צווייטן, געגעוועט מיט אַלע כוחות:

— האַלט זיך! האַ־אַלט זיך!...

לייזשקע איז געבליבן שטיין איינער אַליין נעבן די ספרים־פּעק. סיי זיין נאַקעטקייט, סיי זיינע פּלודערן אין האַנט האָבן אים אַצינד אויסגעזען איבעריק. אַ פאַרשעמטער און אַ צעטומלטער, איז ער געשטאַנען און האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט, וואָס אַזאַ ברייטער אייזערנער גוף ווי פּאַנדרעס איז, קען זיך אַזוי לייכט און בויגיק באַוועגן איבערן וואַסער. פע, לייזשקע! קענסט נאָר ווייזן קונצן ביים באָדן זיך, ווען שיקסעס קוקן דיר נאָך פון פאַרעכאַד... און ווי נאָר עס קומט צו עפּעס, שטייסטו מיט די אויסגעטאָנענע תחתונים אין די הענט!

אַפּנים, אַז דער לייבן־גוף פון דעם האַסטיק־שווימענדיקן גרויסן גוף האָט אַריינגעדרונגען אין זימלס פאַרגאָסענע אויערן און געשטאַרקט זיין אָפּגעחלשט האַרץ. דער קאָפּ זיינער האָט שטאַרקער אַ צאַפּל געטאָן. דאָס מויל זיינס האָט זיך אויפגעעפנט צו טאָן אַ געשריי, און... געמאַכט בול־בול־בול. נאָר איין האַנט זיינע האָט זיך אַרויסגעוואָרפן איבערן וואַסער־דריידל — אַ שטומער געשריי פון אַ האַלב־דערטרונקענעם. נאָך האַסטיקער שניידנדיק אינעם שטראָם־אַראָפּ, מיט איין זייט און מיטן פּנים, ווי אַ העכט, איז פּאַנדרע אַנגעפלויגן אויף דער אויפגעהויבענער האַנט און אויסגעשטרעקט נאָך איר, איבערן נאַקן, זיין אייגענעם לינקן אָרעם, מיט אַ האַלב צענדליק נאַסע פינגער. ווי אַן אויסטערלישער „שלום־עליכם״, איבערן קאָפּ פאַרוואָרפן, האָט דאָס אויסגעזען פון דער ווייטנס לייזשקען און שמהלען; ווי אַן אומגעלומפּערטע באַגריסונג פון אַ לעבעדיקן אַ האַלב־טויטן.

דאָס אַרויסגעשטעקטע הענטל האָט זיך אָבער גלייך, און מיט אַן אומדערוואַרטעטן ווילדן כוח איינגעקלעמט אין פּאַנדרעס לינקן אָרעם. דורכן פאַרוואָרפן דעם אָרעם איבערן קאָפּ האָט פּאַנדרעס האַנט נישט געהאַט דעם געהעריקן כוח אויפצוהויבן אַ משא, מאַכן אַ שטאַרקע באַוועגונג. און פּאַנדרע האָט גלייך דערפילט, אַז נישט ע ר שלעפּט, נאָר מ׳שלעפּט אי ם.

אַנגעכאַפּט זיך אָן דער אויסגעשטרעקטער האַנט, האָט זיך דער גאַנצער געזונקענער גוף אַ צאַפּל געטאָן אונטערן וואַסער, ווי אַן אָנגעטראָטענע ים־חיה. אַ צווייטע האַנט האָט זיך אַ הויב געטאָן, ווי אַ פינגערדיקער, זשעדנער טאַפּ־האָרן, אַרומגעכאַפּט פּאַנדרעס האַלדז און איינ־

געגעגלט זיך אין אים,ביים סאַמע גאָרגל, מיט אַזאַ פאַרקראַמפּטן כוח, אַז פאַנדרען איז גלייך אויסגעגאַנגען דער אָטעם.

ערשט דאָ האָט זיך פאַנדרע געכאַפּט, אַז ער האָט דאָ געמאַכט דעם זעלבן פעלער, וואָס אַלע צר־היציקע שווימער מאַכן, ביים ראַטעווען אַ מענטשן. ער האָט פאַרגעסן וואָס פאַראַ שוואַרצן כוח עס באַזיצן אַפילו די שוואַכסטע נפשות ביים טרינקען זיך. אַצינד האָט ער אַליין אַנגעטרויט, דעם ווילד־געוואָרענעם האַלב־דערטרונקענעם גראָד יענע אברים, וועלכע זענען אַזוי נויטיק צו האַלטן זיך איבערן וואַסער, צו אָטעמען, צו געבן ראַטונעק...

ער האָט זיך צו שפּעט געכאַפּט. אויף די איינגעקלעמטע צוויי האָ־ריקע אָרעמס האָט זיך נאָך אָנגעהאַנגען אַ קאַלטער גליטשיקער גוף פון עפּעס אַ מוראדיקן מענטש־קראַב, אָנגעגאָסן מיט בליי; און, פאַרן אָרעם און האַלדז, געשלעפּט פאַנדרעס פאַדערשטן האַלבן גוף אין אַ נאָך קעלטערן כף־הקלע, אין אַ גרינלעכער פינצטערניש. מיטן קאָפּ אַראָפּ האָט דאָס אים געשלעפּט און מיט די פּיס אַרויף.

## 3.

פאַנדרעס פלוצלעכע פאַרלירן זיך איז אָבער אַריבער אַזוי גיך, ווי ס'איז אויף אים אָנגעקומען, ווי שוין אַ סך מאָל — אין די געפערלעכסטע מינוטן פון ראַנגלען זיך פאַרן לעבן. פונקט ווי בשעת הרגענען די וואָלפיכע אין ווינטערדיקן וואַלד און ווי בשעת שלאָגן זיך אין אָסטראָג מיט טשור־רילאָ קאַטאָרזשניק, אַזוי האָט ער זיך אויך אַצינד געצוווּנגען געלאַסענער און באַקלערטער צו ווערן.

— האַלט קאָפּ, נח! — אַזוי האָט ער זיך אין האַרצן אָנגעבייזערט אויף זיך אַליין, זינקענדיק מיטן איינגעקלעמטן גוסס.

ער האָט אויפגעהערט צו שלאָגן מיט די פּיס, כדי נישט צו פאַרלירן קיין איינציקע באַוועגונג אומזיסט, און כדי קלאָר צו מאַכן זיך ווו ער איז דאָ אין דער וועלט. ער האָט זיך געלאָזן אַראָפּשלעפּן אין תהום אַריין אַזוי ווייט, ווי ס'איז געגאַנגען. און פלוצלונג — אַ ריס געטאָן זיך מיט אַ זייט, וועלנדיק אַזוי אָפּטרייסלען פון זיך, מיט איין צוג, די איינגעקלעמטע, ווערגנדיקע משא. אָבער די פאַרקראַמפּטע הענט און נעגל זענען, דאָ אונטערן וואַסער, געווען שטאַרקער פאַר אים. אונטערן וואַסער האָט דער פרעמדער גוף פאַרלוירן פון זיין געוויכט און דער ווידערשטאַנד

פון וואַסער האָט אויך פּאַנדרען נישט דערלויבט צו אַנטוויקלען דעם גאַנצן שווונג פון זיין גבורה... ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן. און דער פרעמדער גוף האָט זיך נאָך זשעדנער איינגעקלעמט און נאָך שווערער געצויגן צום אָפּגרונט.

דאָס ביסל לופט אין פּאַנדרעס ברייטער ברוסט האָט שוין אינגאַנצן איבערגעברענט, און ער האָט דערפילט, אַז אָט, אָט ציט ער אַריין דאָס וואַסער איןביידע לונגען און ווערט דערשטיקט. בלייבט אַצינד איבער נאָך איין־איינציקער מיטל, דער לעצטער מיטל —

שלאָגן!

מיט דער פרייער רעכטער האַנט האָט ער פיבערדיק געגומען טאַפּן אַרום זיך, אונטערן וואַסער. דעם עמפינדלעכסטן אָרט ביי דער איינגע־קלעמטער וואַסער־שרעקעניש האָט ער געזוכט און אָנגעטאַפּט דאָס פליי־כעוואַטע קעפל פונעם גוסס. עס האָט זיך אין אים איינגעגעסן צווישן אונ־טערמויל און לינקער פלייצע, ווי אַ זשעדנער קאָפּ פון אַ ריזיקער פּיאַווקע. אין אָט דעם דאָזיקן קאָפּ האָט ער זיך בלינדערהייט אָנגעצילט, געמאַכט אַ פעסטן, נישט צו־האַרטן קולאַק און אַ זעץ געטאָן.

פּאַנדרע האָט צו־גוט געקענט דאָס געוויכט פון זיין בינטל פינגער. אָט די פינף פינגער, וואָס ברעכן נייע פּאַדקאָוועס ווי בייגל, ווען זיי נעמען זיך צוזאַמען אין איין האַרטער פויסט, וואָלטן זיי געקענט צע־ברעכן דעם שאַרבן פון אַן אָקס, נישט נאָר דאָס קעפּעלע פון אַ מענטש־לעכן נפש. שטיקנדיק זיך מיטן איבערגעברענטן אָטעם, האָט ער נאָך פונדעסטוועגן געהאַט געגוג ווילן צו רעגולירן דעם קלאַפּ: ער זאָל נישט ממיתן, נאָר באַטויבן.

דאָס מאָל האָט ער געהאַט גליק. די איינגענעגלטע הענט זענען גלייך ווייך געוואָרן, אָפּגעלאָזן זיך פּאַרהלשטע. ערגעץ־ווו אַראָפּגעזונקען.

פּאַנדרע האָט זיך באַלד אַ שפּאַלט געגעבן, מיטן געשווירענעם קאָפּ, דורך וואַסער אַרויף, הוסטנדיק און סאָפּענדיק, ווי אַ פּאַריאָגטער אָקס, אַריינגעצויגן אין זיך די לופט, איינמאָל און צוויי מאָל, אַ וויש געטאָן די פּאַרפּליוכעטע אויגן און געכאַפּט אַ קוק: ווו אַ שטייגער איז דאָס פליכעוואַטע קעפּעלע?

קיין שום סימן פון דערטרונקענעם איז מער נישט געווען אויפן וואַסער.

נישט טראַכטנדיק קיין איבעריקע רגע, און מיט נישט־אָנגעזעטיקטע

לונגען, האָט זיך פאַנדרע אַ שפּאַלט געטאָן קאָפּ־אַראָפּ אין שטראָם אַריין. און, שוין זייענדיק אונטערן וואַסער, ברייט אויפגעעפנט די אויגן.

אַ מוטנעקייט פון בוטעל־גלאָז האָט אים אַרומגעכאַפּט, ס'האָט גע־וואַיעט אין די אויערן ווי אויף אָנגעצויגענע טיף־באַהאַלטענע סטרונעס. פאַנדרע האָט גיך געגומען טאַפּן מיט ביידע הענט אַרום זיך. די הענט זיינע האָבן זיך צען מאָל פאַרגרעסערט אין דעם גרינעם תהו־ובהו און אויסגעזען ווי פליגלען. אַן אַדורכגעשווומען פישל האָט זיך פאַרגרעסערט אין אַ גרויסער שלאַנג... און פּלוצלונג, גאָר נאָענט, ביי דער סאַמע נאָז, האָט ער דערזען אַ גרויסן שאָטן פון אַ משונהדיק פאַרגרעסערטן גוף. דער שאָטן איז צו אים אַרויפגעשווומען פון גרונט און פאַרטונקלט די גרינע האַלב־ליכטיקייט... דער אָנגעטאָפּטער גוף איז שוין אַצינד געווען איבּ־גאַנצן קאַלט און נאָכגיביק. נאָר מורא האָבנדיק, אַז די סכנה פון האָריקן קלעם זאָל זיך נישט איבערחזרן, האָט פאַנדרע אויסגעמיטן די קלעמענ־דיקע הענט און אָפּגעזוכט דעם קיילעכדיקן טייל פון שאָטן. דעם האַלדז און נאַקן.

דער קליינער פליכעוואַטער קאָפּ האָט זיך אָבער אונטערן וואַסער געגליטשט פון דער האַנט, ווי אַ שליימיקע קנויל. נישט געווען פאַר וואָס אָנצוכאַפּן. אַ באָרד אפשר פאַראַן?

פאַנדרעס האַנט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט צו דער גאָמבע און אָנגע־טאַפּט אַ נאַסן פענדזל. אָט דאָס איז אַ באָרד? אַפּנים אַ באָרד!...

אָנכאַפּנדיק דאָס דאַזיקע האָריקע עקעלע, מיט אַ שטיק אונטערמויל צוזאַמען, איז פאַנדרע גיך אַרויפגעשווומען. אַ וואָרף געטאָן זיך אויפן רוקן. אָפּגעאָטעמט. דאָס האַרץ, האָט געקלאַפּט רואיק. קיינער האָט אים אַצינד נישט געצווונגען אַראָפּצוזינקען, דערפאַר האָט ער לענגער אויס־געהאַלטן. אַ וואָרף־טועגדיק זיך, מיטן רוקן אויפן פלאַך פון וואַסער, האָט ער אויסגעמאַרקירט אַזוי, אַז דער גאַנצער גוף זיינער זאָל זיך לייגן אין דער ברייט פון שטראָם, כדי וואָס גיכער איבערצוקרייצן אים, און אַז דאָס קעפּל פון דעם דערטרונקענעם זאָל זיך לייגן אויף זיין לענד, מיטן מויל און נאָזלעכער — איבערן וואַסער.

שווער גראַבלענדיק מיט איין פרייער האַנט און שטויסנדיק מיט ביידע ברייטע פיאַטעס, איז ער אין איין מינוט אַרויס פון רייסנדיקן שטראָם און פון אַלע זיינע דריידלעך אין פלאַכן וואַסער אַריין, נאָענטער צום זאַמדיקן ברעג. צעריסן אַזוי מיט עטלעכע שוימיקע שטויסן אַלע

כיטרע פעטליעס פון דניעפּער און אַרויסגעשלעפּט נאָך זיך דעם נאָכ־גיביקן פרעמדן גוף פאַר דעם פענדזשע־בערדעלע.

אַריינשווימענדיק, אויפן רוקן, אין פלאַכן וואַסער, האָט ער מיט איין פיאַטע אָנגעטאַפּט דעם זאַמדיקן גרונט; אַראָפּגעזעצט זיך אַזוי, מיט איין פוס אונטער זיך, און איז גלייך אויפגעשפּרונגען אויף דעם זעלבן פוס, ווי אויף אַ שטאַרקער פרוזשינע. און מיט אים צוזאַמען — דער געראַ־טעוועטער.

שטייענדיק אַצינד נאָר ביזקל גאַרטל אין וואַסער, האָט פאַנדרע אַ קוק געטאָן אויף דעם פאַרחלשטן נפש, וועלכן ער האָט אַלץ געהאַלטן פאַר דעם אונטערמויל און בערדעלע און זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. ער האָט בשום אופן נישט געקענט גלויבן, אַז אָט דער שוואַכער צעהוי־קערטער גוף מיט די נאַסע פּאותלעך און מיט קרומע פיס האָט אָקאָרשט אַזוי מערדערלעך געוואָרגן, אַזוי בלייאיק געשלעפּט אין תהום אַריין

א י ם!... אים, פאַנדרען!

ער האָט דעם פאַרפענעם קאָפּ אַ טרייסל געטאָן, אָפּגעשאָקלט דאָס נעבעכדיק פנימל פון וואַסער און דערשראָקן אַ טראָט געטאָן אויף הינטן: עס קען נישט זיין! ס׳איז דאָך דער שקלאָוווער פאַקנטרעגער! דער שווער ר׳ סענדער, עליו השלום, פלעגט ביי אים נעמען אויף פּראָקאָט חסידישע מעשה־ביכלעך אַלע פרייטיק פאַר ליכט־בענטשן...

— ר׳ זימל, ר׳ זימל! — האָט ער אים געכאַפּט טרייסלען מיט ביידע הענט — איר?

ר׳ זימל האָט נישט געענטפערט. דאָס פליכעוואַטע קעפּל האָט ער פאַרוואָרפן אויף פאַנדרעס אָרעם און פון די אויערן, נאָזלעכער און בער־דעלע האָבן גערונען דינע קאַלטע ריטשקעלעך. און די פּאות זענען אַזוי אומבאַהאָלפן געווען איינגעקלעפּט אין די געלבע איינגעפאַלענע באַקן.

צום זאַמדיקן ברעג זענען געלאָפן צוויי פאַרשוינען: איינער אַ נאַ־קעטער מיט אַ פּאַר הויזן אויפן אָרעם — לייזשקע, און דער צווייטער אַן אָנגעטאָנענער מיט אַ קלומיק אויף דער פּלייצע — שמחהלע טורערו.

פאַנדרע האָט זיי אָקעגן אַרויסגעטראָגן ר׳ זימלען, ווי אַ קוואַטער טראָגט אַרויס אַן עופהלע צום סנדק. מיט דעם אונטערשייד, וואָס ד אָ ס עופהלע האָט נישט געקוויטשעט. געשוויגן האָט עס און געטריפט וואַסער.

טויט־דערשראָקן, וואָס פון אַ שפּיל אין יצר־הרע האָט זיך אויסגע־לאָזט אַזאַ ערנסטע מעשה, איז לייזשקע אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און צוגעפאַלן צו פאַנדרען:

— ער לעבט? ער לעבט ר׳ זימל? ער לעבט?

נאָר איין שמחהלע, ווי זיין שטייגער איז, האָט נאָך געהאַט מוט קצביש־גראָב צו חכמהנען זיך:

— נישקשה פון אַ בן־פּקוע! אַ געמלטער כאָטש?...

שווער סאָפּענדיק און הוסטנדיק, האָט פּאַנדרע אָנגעכמורעט די שוואַרצע ברעמען און אַ ברען געטאָן שמחהלעס פּנים מיט זיינע גרויסע גרויע אויגן:

— ס׳איז ר׳ זימל!

אַ זאָג געטאָן און איינגאַנצן אַרויס אויפן זאַמד, אָנגעכאַפּט דעם געראַטעוועטן נפש פּאַרביידע פּלייצעס און גענומען טרייסלען. דער קאָפּ האָט זיך אומבאַהאָלפן מיטגעשאָקלט, נאָר עפּעס האָט פּאַנדרעס אויער יאָ דערטאַפּט אַ מין דערשטיקטן זיפץ, טיף אין די לונגען פונעם פּאַר־חלשטן. האָט ער דעם נאָכגיביקן גוף גלייך איבערגעדרייט אויף איין אָרעם, ווי אויף אַן אַקס, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. צענומען ביידע פיס, ווי אַ גרויסע שער, און אַזוי פּאַוואָליע גענומען וויגן אים. דער נאַסער גוף האָט זיך צעשאָקלט ווי אַ געלאַסענער אומרו פון אַן אַלטן וואַנט־זייגער.

דורך דער דאָזיקער באַוועגונג האָט דאָס איינגעשלונגענע וואַסער נישט־רעגלמעסיק גענומען רינען פון ר׳ זימלס לונגען, ווי פון אַן איבער־געקערטער פאַרשטאָפּטער כלי. אָט מיט אַ ברייטן פּליוך און אָט טראָפּנ־ווייז. דער אונטערמויל האָט דערביי קוים, קוים געצוקט.

נישט קענענדיק צוזען ווי גראָב מען מינטערט ר׳ זימלען, זיין שותף, האָט זיך לייזשקע געשטעלט אויף די קני און אונטערגעשטיצט דעם אי־בערגעקערטן גוף מיט ביידע דלאָניעס, ביים רוקן און ברוסט, און אַזוי געהאָלפן שאָקלען אים. דאָס האָט אים אויסגעזען מענטשלעכער...

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אויפן זאַמד צעגאָסן אַ היפּשע בלאָטקעלע, וואָס איז גלייך איינגעזאַפּט געוואָרן. אויף ר׳ זימלס מויל האָט זיך באַ־וויזן אַ ברוינלעכע ראָפּע, דערנאָך אַ פּאָר טראָפּן בלוט... ס׳האָט זיך דערהערט אַ כריפּענדיקער פייף פון אַ פאַרקראַמפּטן לופט־רער, אַ פייף פון אַ האַלדז, וואָס שטיקט זיך מיט אַ ביסן... און גאָר פּלוצלונג האָט, פונעם אַראָפּגעהאָנגענעם קאָפּ, געגעבן אַ שאָס אַרויס אַ שאַרפער הוסט, וואָס האָט דערשיטערט סיי דעם נאַסן גוף, סיי די ביידע ראַטונעק־געבער.

— ער לעבט, ער לעבט! — גיט לייזשקע אַ געשריי און שפּרינגט אויף אויסער זיך פאַר פרייד.

ווי מען לייגט אַוועק אַ קראַנק קינד אין וויגעלע, אַזוי פּאָרזיכטיק האָט פאַנדרע אויסגעצויגן ר׳ זימלען אין הייסן זאַמד, און שטייענדיק אויף די קני, איינגעבויגן זיך איבער אים:

— נישקשה, ר׳ זימל, איר וועט גאַנץ זיין!

# אויפן וועג קיין מאַקאַראָווקע

## .1

אַז ר׳ זימל איז געקומען צו זיך און אַ ביסל דערוואַרעמט זיך, האָבן זיך די געוועזענע אַרעסטאַנטן אויסגעבאָדן. שמחהלע טורערו האָט אַפילו נישט זייער שטאַרק געהאַלטן פון וואַסער, נאָר דערזעענדיק אַרום זיך די נאַקעטע לייבער פון פאַנדרען, לייזשקען און פון ר׳ זימלען, האָט ער דערפילט אַ באַדערפעניש אַראָפּצושווענקען פון זיך אַ ביסל דעם מאַהליווער אָסטראָג.

דאָס שטראָמיקע דניעפּער־וואַסער האָט זייביידן דערפרישט. דאָס וואַסער האָט דערפרישט די צעהיצטע לייבער און ר׳ זימלס הוסטעלע — זייערע געמיטער. אָקאָרשט, דאַכט זיך, אַרויס פון אָסטראָג און שוין גע־ראַטעוועט אַ מענטשן... אמת, געראַטעוועט האָט נאָר פאַנדרע און שמחה־לע האָט נאָר שפּעטער געהאָלפן מינטערן... נאָר פאַנדרעס העלדישקייט האָט אַזוי וואַרעם געלויכטן. זי האָט זיך, דאַכט זיך, אַצינד צוזאַמענ־געגאָסן מיט דער הייסער ליכטיקייט פון טאָג, מיט די שפּילעוודיקע גאָלד און בלוי פון דניעפּער, מיט דער בלענדנדער געלבקייט פון זאַמד אויף ביידע ברעגעס, מיט דער פרייִלעכער גרינקייט פון נאָענטן וואַלד. אַזוי האָט זי באַשטראַלט אויך שמחהלען, דעם פאַרביטערטן חבר זייִנעם פון אָסטראָג. זיין פינצטערע בייסיקייט האָט זי דערוואַרעמט. זיין אָפּלאַכן פון גאָט און מענטשן, ביידע, סיי שמחהלע האָבן געברויזט אַצינד פון אַ באַהאַלטענעם מענטשלעכן שטאָלץ, פון אַ נייעם פאַרגעניגן צו לעבן אויף דער וועלט, און — אויסגעלאָזט די גאַנצע פרייד צום האַסטיקן שטראָם. פּאַטש־פּאַטש מיט הענט און פיס, יעדער אויף זיין שטייגער. פאַנדרע מיט אַ שניידיקן קלאַפּטער־לייגן, און שמחהלע — מיט פּאָליאָשקען זיך ביים ברעג.

דערפרישט אַזוי אין לייב און זעל, זענען דערנאָך די ביידע אָסטראָג־

חברים געגאַנגען אַ סך פריילעכער מיטן שליאַך אַראָפּ, קיין מאַקאַראָווקי. דער שאָטן פון אָסטראָג, הינטער זייערע פּלייצעס און קלומיקלעך, איז דאַכט זיך, בלאַסער געוואָרן. די מאַסקע פון כמורנעקייט און פאַרדאַכט איז געוואָרן ווייכער, אָפּגעשווענקט זיך אין דניעפּער, אַזוי ווי אַן איינגע־געסענער שמוץ. אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שרעק פאַר שטעטלשע יידן און פאַר זייער קלעפּיקער נייגעריקייט. „ראַז־דוואַ", פאַנדרע און „ראַז־דוואַ", שמחהלע! געגאַנגען זאָל ווערן מיט די באָרוועסע רגלים אויפן שליאַך! אָט, נאָך אַ פּאָר מאָל אויסבאָדן זיך, באַגעגענען זיך מיט יידן און די קרומקייט פון קוק וועט גלייך ווערן, די פאַרגויאישטע פּנימער וועלן יידישלעכער ווערן. אָט, מ׳וועט אַ ביסל אויסגלייכן די אברים, ביי די ווייבער, אונטער די היימישע פּערינעס, און דער ריח פון פּאָניעס באָרשטש, אין אָסטראָג, וועט זיך אויסוועפן פון זיך אַליין...

דערוואָרעמט פון פאַנדרעס נאָענטקייט, איז שמחהלע אַצינד מער נישט אָפּגעשטאַנען, געזשומעט עפּעס אַ פריילעכס אונטער דער נאָז און נייגעריק אַרומגעקוקט זיך, ווי ער וואָלט אימיצן איינלאַדן: אדרבא, זאָלן זיך אַצינד שטאָטישע יידעלעך באַגעגענען וויפל זיי ווילן. זאָלן זיי נאָר פאַנאַנדערפרעגן, טאַפּן אין די קלומיקעס. שלום עליכם, עליכם שלום! מ׳וועט זיי שוין זאָגן פון וואַנען מען גייט. נישטאָ וואָס צו שעמען זיך! מ׳האָט זיי געראַטעוועט אַ פאַקנטרעגער האָט מען זיי. אַ גאַנצן ר׳ זימלען מיט אַ פּענדזשע־בערדעלע און מיט פּאותן. זאָלן זיי אים אָניאָגן, אויב עס גלוסט זיך זיי, אויפן מאַהליוזער שליאַך; אים מיט לייזשקען דעם טריף־פּסולניק. און זאָלן י ע ב ע דערציילן אויב זיי ווילן... אָבער מיר, פאַנדרע און איך, גייען מיר באָרוועסערהייט קיין שקלאָוו דורך מאַקאַ־ראָווקי און טוט אונדז עפּעס! פיר־פיו־פיו!...

אויך פאַנדרע, וואָס האָט זיך נאָך מיט אַ שעה צוריק, אַליין געטרונ־קען מיט ר׳ זימלען צוזאַמען, האָט זיך געפילט אַצינד ווי ניי־געבוירן. זיינע אויגן האָבן געלויכטן מיט זייער שטיפערישער גרויקייט פון די בחורישע יאָרן, און זיינע באָרוועסע ברייטע פּיאַטעס האָבן זיך לייכט און בויגיק געלייגט אויפן פלאַך פון גריבערדיקן שאָסיי, ווי די פיס פון אַ גרויסער קאַץ. די היץ איז ליבלעכער געוואָרן און די ליידנשאַפטלעכע בייזקייט צו מערען האָט זיך אַ ביסעלע אָפּגעקילט. כאַ־כאַ, ער וועט בכיוון אָנקומען אין דער נאַכט, ווען מערע שלאָפט שוין. קליפ־קלאַפּ, אין דער הילכיקער טיר פון פיר־הויז! ווער איז דאָרטן, אַ־ וואָיטעק דער בריוונ־טרעגער! אַ בריוו פון נחן! אַזוי שפּעט?... אַ?... ער וועט נאָכמאַכן זיידע־

וואָיטעקס קולכל, אַזוי לאַנג ווי ס׳וועט זיך לאָזן. נאָר זי, מערע־מערייינעלע, וועט שוין דערקענען די אמתע „בורצאַדלע" פון איר נחן... אויףביידע הענט, ווי אַ פעקל, וועט ער זי צוטראָגן צום בעט. אָט פונקט ווי ער האָט זי אויפגעהויבן, אַוועקגעלייגט און איינגעדעקט, ווען זי איז אים דאָס לעצטע מאָל נאָכגעלאָפן אין בלויזן העמד און געפּרוווט אָפּהאַלטן אים, ער זאָל נישט לויפן צום נייעם נגידס שריפה. הלואי וואָלט ער זי דאַמאָלט געפאָלגט...

פאַרוואונדערט האָט ער זיך אַצינד אַליין צוגעהערט צו זיינע מחשבות. ווי לויטער זיי זענען געוואָרן אַקעגן די פריערדיקע, מיט אַ שעה צוריק, איידער דעם ראַטעווען פון ר׳ זימלען. ער האָט נישט געוווסט, אַז דאָס איז די אינערלעכע באַפרייאונג פון אַ מענטשן, וואָס האָט עפּעס אויפגע־טאָן, און אַ שיינע זאַך אויפגעטאָן, אויף זיין אייגענער אחריות און מיט זיין אייגענעם גוטן ווילן. נאָך גאַנצע אַנדערטהאַלבן יאָר פאַרשפּאַרט זיין, האָט ער זיך היינט צום ערשטן מאָל, באַנוצט מיט זיין גבורה ווען ער אַליין האָט געוואָלט; נישט אונטער די געשרייען פון „נאַדזיראַטעל" און נישט אונטער די ביקסן־רערן פון קאָנוואָי... ס׳איז דיר נישט די אומגע־לומפּערטע אַפּטריט־פּאַס, פאַניע־גנב! ס׳איז דיר נישט אויסהאַקן אונ־טערגעפוילטע בוימער אין זומפּיקן וואַלד!...

אויסער דער נאַטירלעכער פרייד פון ראַטעווען אַ מענשטן, האָט פאַנדרע געטראָגן אין זיך נאָך אַ גרויסע באַפרידיקונג: די שמחה פון ב אַ ל ו י נ ו נ ג. אָקאָרשט אַרויס פון אָסטראָג און שוין פאַרדינט עפּעס, געלויבט דער אויבערשטער. נישט קיין געלט, חס־ושלום. ביי ר׳ זימלען וועט ער דאָך קיין געלט נישט נעמען. נאָר גלאַט אַ מתנהלע. דאָס יאָ. מען רעדט דאָך אין שקלאָוו, אַז ר׳ זימל איז מסוכן קאָרג. ס׳איז שקר וכזב. פאַרן פאַנאַנדערגיין זיך, זיי אויף מאַקאַראָווקי און די פּאַקנ־טרעגער אויף מאָהליוו, האָט ר׳ זימל אויפגעעפנט דעם פּאַק און געשענקט אים אַ פּאָר מעשה־ביכלעך פאַר מערען: „עזריאל מיטן בער" און „די בלוטיקע דאַלאָרעס". ער, פאַנדרע, איז אַזש רויט געוואָרן ווי אַ ייִנגל. „מ׳דאַרף נישט!" מאַכט ער, שטופּט אָפּ זימלס האַנט. מאַכט צו אים ר׳ זימל: „און איך האָב פיינט אָן אומזיסטע טרחה!..." וועלכע טרחה? — „און אַרויסשלעפּן אַ יידן פאַר דער באָרד פון וואַסער, איז נישט קיין טרחה?" לייזשקע טריף־פּסולניק האָט שיער נישט געקראָגן די פאַפּליעקסיע פאַר לאַכן. ר׳ זימל האָט זיך צעוואָרעמט און צוגעגעבן נאָך אַ תחינהלע פאַר מערען. „נאַ, מאַכט ער, עס גייט צו די ימים־נוראים, וועט זיך סענ־

דערס טאָכטער קענען אויסוויינען ביי תשליך און אויסבעטן אַ גוט יאָר״. דאָס איז פאַר מערען. און אים, פאַנדרען גופא, האָט ר׳ זימל געשענקט אַ שיינינקע מזוזהלע אין אַ מעשן שיידעלע מיט אַ קלייעכדיק פענצטערל. און פון פענצטערל קוקט אַרויס, ברוגזדיק און הייליק אַ „שדי״... אַ צאַצקע נישט קיין מזוזהלע! אין שקלאָוו אויף די אַלטע באַלעבאַטישע פריטעל־קעס, זעט מען גאָר נישט אַזעלכע שצאַגעלסקע מזוזהלעך. מען זאָל זיי אַפילו זוכן מיט ליכט! זימל האָט אים טאַקע געזאָגט, אַז דאָס מזוזהלע איז אַ וואַרשעווער.

ער האָט זיך צעלאָזן ר׳ זימל, אָט דער ר׳ זימל, וועלכער איז נאָך מיט אַ שעה צוריק געלעגן אַ געחלשטער אין זאַמד. אַ וואָרט האָט מען מיט אים מער נישט געקענט אויסרעדן, ער זאָל נישט שיטן מיט מתנות. פאַנדרע האָט נאָר פאַרבייגייענדיק אַ זאָג געטאָן, אַז די שריפה ביים נייעם נגיד האָט אים און ר׳ סענדערן, עליו השלום, אומגליקלעך געמאַכט. נישט אַ פערד איז אין שטאַל געבליבן, נישט פרנסה — אין שטוב. ס׳איז געקומען צו רייד... האָט אים ר׳ זימל גלייך אויפן אָרט געשענקט אַ נייאינקן בענטשערל אין אַ בלויער פאַפקעלע, מיט גאָלדענע אותיותלעך אויף דעם פאָדערשטן טאָוועלע. אַלע ברכות זענען אין בענטשערל דער־קלערט אין עברי־טייטש. וואָס פאַר אַ ברכה מען דאַרף מאַכן אויף אַ דו־נער און אויף לאַקריץ; אַז מען דערזעעט אַ קיסר און אַז מ׳עסט געפּרעגלטן אייאייר־וואָרצל און לאַטיק... מען האָט אַפילו אין ק״ק שקלאָוו קיינמאָל נישט געוואָרט, אַז דער רוסישער קיסר זאָל אַהינצו אַראָפּפאָרן. און אַזעלכע מאכלים, ווי „לאַטיק״ און „אייאייר־וואָרצל״ האָט נאָך קיין שקלאָ־ווער תושב קיינמאָל אין די אויגן נישט געזען. פונדעסטוועגן איז דאָס אַלץ אין בענטשערל געווען אָפּגעדרוקט שוואַרץ אויף ווייס. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך.

— האָב נאָר, — אַזוי האָט אים ר׳ זימל געטרייסט — אַנגעגרייט אַ גוטן בענטשערל אין בוזעם, מזונות וועלן שוין מירצעשעם זיין!

ניין, ווי גאָט פאַרלאָזט אים נישט! ווו האָט ער דאָ היינט געקענט קלערן פון ברענגען מערען אַ מתנה? אַז אַרויס איז ער, היינט ראַנעצקע, פון אָסטראָג ווי אַן אַנטלאָפענער גזלן און געלאָפן מיט שמחהלען, דורכן וואַלד, ווי צוויי ווילדע מענטשן. און אָט טראָגט ער אַצינד אין קלומיק צוויי מעשה־ביכלעך און אַ תחינה. פאַר סענדערס שטוב אַ מזוזהלע און פאַר זיך אַליין — אַ בלויאינקן בענטשערל. הייסט עס, אַז גאָט וועט אים אויך אויף ווייטער נישט פאַרלאָזן. מען וועט קריגן אַ פערד, מען וועט

זיך צוריק אַרויפזועצן אויף דער פריש־אָפגעפּאַרבטער קעלניע פון דער אַלטער בריטשקע, און מ׳וועט לעבן. וויאָ, פּאַנדרע!

## .2

דאָס האַרץ האָט ביי זייביידן שטאַרק געצויגן. ביים געזעגענען זיך היינט מיטן אָסטראָג, איז נאָך געווען צו פרי עפּעס צו קויפן. און אַפילו די קראָמען וואָלטן שוין יאָ געווען אָפן, וואָלטן זיי זיך אויך געשעמט, גלייך פון פּאַרטאָג, אַוועקלאָזן זיך אויפן מאַרק אין די ווינטער־מלבושים, מיט די וואַטאָווע היטלעך אויף די קעפּ.

זיי האָבן גערעכנט אָנצוקומען מיטאָג־צייט אין מאַקאַראָווקי, און דאָרטן לאָזן זיך וווילגיין. פּאַר פּויערים איז נישטאָ וואָס צו שעמען זיך. זיי טאַפּן נישט, זיי קריכן נישט אין לעבער, ווי יידן. פּאַר עטלעכע קאָפּי־קעס קען מען ביי זיי איינהאַנדלען אַ האַלבן פּויערישן לאַבן ברויט, אַ גוטן רעטאַך, אַ פּאָר אייער.

דער חשבון איז געווען אַ ריכטיקער. אָבער דורך דעם עסק מיט זימלען: דאָס ראַטעווען אים, דאָס מינטערן אים און דערנאָך באָדן זיך, זענען פאַרלאָפן געגאַנגען גוטע צוויי איבעריקע שעה. און דאָס נישט האָבן אין מויל פון אינדערפרי אָן האָט זיך אַצינד שטאַרק געלאָזט פילן.

נישט קענענדיק מער פאַרטראָגן די ציעניש אין האַרצן, פלעגן זיי, אַמאָל שמחהלע, אַמאָל פּאַנדרע, פאַרלויפן פון שליאַך צווישן די ביימער און אָפּפליקן עטלעכע ברוסניצע־יאַגדעס אין טרוקענעם מאָך. אָבער די דאָזיקע ביים־וועג ברוסניצעס, זענען נאָך געווען האַלב־גרין און ביטער־זויער אין טעם.

— ווי, אַ שטייגער, — קרימט זיך פּאַנדרע פּאַר זויערקייט — ווי האָט דאָס פריער די שיקסע דערטאַפּט אַזעלכע רויטע ברוסניצעס אין קערבעל׳ע, אַ? גויים האַבן מזל.

— זאָג דעם אמת — הויבט אים שמחהלע ווידער אָן צו טשעפּען — מיינסטו דו טאַקע די רויטע ברוסניצעס, צי אפשר, טשאַסאָם, די רויטע שיקסע אויך? די הגדה צי די קניידלעך?

פּאַנדרעס האַרץ איז אַצינד פריי, מאַכט ער נישט מער קיין אָנ־שטעלעניש:

— איך מיין ביידן! — ענטפערט ער און לאַכט.

— נאַ! — איז מיט אים שמחהלע צופרידן — אַז גאָט וועט געבן

וועסטו באַלד זיין אין מאַקאַראָווקי. וועסטו ביי איר די ברוסניצעס אָפּ־קויפן און אפשר נאָך עפּעס... אין דאַרף וועט זי זיך מער נישט שרעקן. וועסט זען. עפּעס שמעק איך, זאָג איך דיר, אַז זי איז אין מאַקאַראָווקי. מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז מיקיטעס טאָכטער, דאַכט זיך מיר. געדענקסט דאָך מיקיטען! אַ בעל־גוף אַן ערל. אַ קונד אונדזערער געווען אַמאָל אין יאַטקע. פלעגט קומען פאַר די חגאות קויפן נישט־געטרייבערטע זאַדיקעס. אין וועגל פלעגט ביי אים אָפט מאָל זיצן אַ שיקסעלע, אַ פּאַמפּעשקע, זאָג איך דיר. אַן איין־איינציקע טאָכטער זיינע, קאַטערינקע, געדענקסט?

פאַנדרען האָט זיך דערמאָנט: אַ הויכער גוי מיט אַ פלאַקסענער באָרד. אַ לאַנגע און שמאָלע באָרד ווי אַ רעטאַך פון פאַקליע. קליינינקע אויגעלעך האָט דער גוי געהאַט מיט פאַרריסענע גרויסע נאָזלעכער, וואָס האָבן אים צוגעגעבן אַן אויסדרוק פון פויערישער כיטרעקייט און חוצפה. נאָר באמת איז ער געווען אַ גוטער גוי, אַן ערלעכער, געווען באַקאַנט אין די יידישע יאַטקעס, און אין וועגל פלעגט ביי אים זיצן אַ שיקסל, אַ לאָכעדיקס, מיט ברוינע אויגן און ברוינע האָר, אונטער אַ קאָלירטער כוסטקעלע. זאָל דאָס טאָקע געווען זיין קאַטערינקאַ? ווי אַ בוים איז זי דאָך אויסגעוואַקסן.

— וואָס אַרט דיך? — מאַכט שמחהלע, פּונקט ווי ער וואָלט געטראָפן פאַנדרעס געדאַנקען — איך האָב אַן אויג, זאָג איך דיר. מיר וועלן זיך טאָקע אַראָפּלאָזן צו מיקיטען אין כאַטע עפּעס איינקויפן. וועסטו זען, אַז ס'איז זי. זי — זאָג איך דיר!

די יונגע גויע, וואָס איז פון זיי פריער אַנטלאָפן, שטעלט זיך פאַנדרען ווידער פאַר. איר פלאַמענדיקע קאַצעווייקע איז געשפּאַנט אויף איר פויעריש־גרויסער ברוסט. דער אויסשניט פון האַלדז לאָזט זיך אַראָפּ אונטער דער קאַצעווייקע ווי אַ שפּיציקער שטיק פון אַן אָנגעהויבענער קאָווענע. ראש־השנה מאַכט מען „שהחיינו" איבער אַזוינע שטיקער... און דאָס קליידל אירס, ראָז און בלוי געפּאַסעקט, שאָקלט זיך איבער אירע ברוינע, שטאַרקע פיס. איבער אירע היפטן. מערע שווימט ערגעץ־ווו אַוועק... און אינמיטן הונגער, וואָס ציט אים ביים האַרצן, גנבעט זיך אַרויס אַן אַנדער הונגער, אַ מער פאַרטאַיעטער, אַ מער בייסיקער הונגער.

— איך שטאַרב עסן! — גיט ער פּלוצלונג אַ בריל צו שמחהלען און ווייסט אַליין נישט, וועלכער הונגער איז דער שטאַרקערער.

שמחהלע האָט לצעוודיק פאַרדרייט דאָס מויל אָן אַ זייט. געוואָלט עפּעס אַ זאָג טאָן און געבליבן מיטן וואָרט אויף די פאַרקרימטע ליפּן.

וואָרים אַ בלאָז פון אַ קינדיש טראָמייטערל האָט זיך דערהערט פון הינטן און אַ באַסאָווער קול האָט סטראַשענדיק אַ רוף געטאָן:

— העי, ווי! כטאָ טאַקאָי? סטאָי — אָי! (אוי, איר! ווער איז דאָס? שטיי!).

פאַרציטערט זענען שטיין געבליבןביידע געוועזענע אַרעסטאַנטן. דער פינצטערער אָסטראָג האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשלוקערצט ערגעץ־ווו. אַ פאַרפלויגענער שאָטן האָט זיי אָנגעיאָגט. עפּעס ווייטער אַ צרה! מ׳האָט אימיצן אַרויסגעשיקט נאָך זיי...

נאָר איידער זיי האָבן נאָך פּאָספּיעט אַרומצוקוקן זיך, ערשט אַ צוויי־ראָד־מאַשינדל לויפט אויף זיי אָן, שטיל ווי אַ רוח, און שפּאַלט זיך אַריין מיט דער פאָדערשטער גלאַנציקער ראָד צווישן זייביידן. אַ פאַרדעכ־טיקער שוואַרצער פאַרשוינדל גיט אַ שפּרונג אַראָפּ און כאַפּט אָן פאַנדרען פאַרן אַרבל.

— סטאָי!

דערשראָקן קוקן זיי ביידע אָן דעם פאַרשוינדל. אָן אַגענטל פון דער מאַהליוער פּאָליציי אַוודאי. אַ קליין נפשל שטייט צווישן זיי מיט אַ ברוינעם קאַשקעט. דער גרויסער קאָזיראָק אַראָפּגעלאָזט איבער די שאַרפע אויגן. די ברוינע הויזן אונטערגעשפּילעט ווי ביי אַ צוויי־ראָד־פאָרער. אַ שוואַרץ בערדעלע פאַרשטעלט די גאָמבע און די באַקן. אַ קוק, ווי מיט אַ מעסער אין האַרצן. נאָר די ווייסע ציינדלעך בליאַסקען געמיין פון דעם שוואַרצן בערדעלע אַרויס. קריצט ער זיי? לאַכט ער מיט זיי?

פאַנדרע איז געשטאַנען בלאַס און פאַרגאַפט. עפּעס שרעקלעך און באַקאַנט איז דאָס פּנימל. צי האָט ער אָט דעם נפש בישט געזען אין קאַנצעלאַריע פון אָסטראָג?... נאָר שמחהלעס פּנים האָט זיך גלייך גענומען אויסלויטערן. ער האָט אַרויפגעשאַרט דאָס וואַטאָווע היטל, כדי בעסער זען, אַ וויש געטאָן דעם אָנגעלאָפענעם שווייס און נישט זיכער אַ מעקע געטאָן:

— כ׳וואָלט שווערן, ע־ע־

— ע־ע־ע! — מישט אים איבער דאָס ברוינע פאַרשוינדל. ער לאָזט אָפּ פאַנדרעס אַרבל און גיט אַ שאַר־אַרויף זיין גרויסן קאַשקעט ביזקל שפּיץ קאָפּ.

— שעפּטעלע! — שרייען אויס שמחהלע און פאַנדרע ביידע אין איין קול.

דאָס אָנגעפאָרן פאַרשוינדל קוקט זיך פאַרזיכטיק אַרום, און ערשט

דערנאָך גיט עס אַ שפּריץ אין פּויסט אַ פולן מויל געלעכטער. קוים וואָס ער האַלט איין זיין צוויי־ראָד פאַר לאַכן.

ביידע אָסטראָג־חברים באַטראַכטן אים נאָך אַלץ מיט אויפגעריסענע אויגן. שעפּטעלע גנב און נישט שעפּטעלע. אַ בראָך זאָל אים לייגן! ווו האָט ער אויסגעקראַצט אַזאַ קיילעכדיק בערדעלע, אַזעלכע טאַטערישע אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעלעך?

— טפו זאָלסטו ווערן! — קומט פאַנדרע צו זיך — די לעבער האָסטו מיר אָפּגעריסן מיט דיינע חכמות.

— איז וויפל פּנימער האָסטו דאָס, דו גנב? — ווונדערט זיך שמחהלע און גיט אַ מאַך מיט די פּלייצעס — זע, פאַנדרע, אַ נאָמען נאָך אים! אַן אמת בערדל...

— אַז מ׳איז אַ גנב, — מאַכט שעפּטעלע זייער ערנסט — אַז מ׳איז אַזאַ גנב ווי איך, מוז מען קענען שפּילן פּורים־שפּיל. אַלע טאָג עפּעס אַנדערש. אַ מער נאָך, אַז איך בין אַ „ביעגלער״*). נאַר... זעט, קינדער, קומט בעסער אַוועק פון שליאַך. אַ סך גלייכער פאַר מיר און פאַר אייך...

שעפּטעלע האָט אַריינגעשלעפּט זיין נייאינקן צוויי־ראָד צווישן די בוימער, און גלייך נאָך אים זענען אין וואַלד אַריינגעלאָפן שמחהלע טורערו און פאַנדרע. שעפּטעלע האָט פלאַך אַוועקגעלייגט זיין מאַשין אויפן קילן מאָך און די אָסטראָג־חברים האָבן אָפּגעלייגט די קלומיקעס.

שעפּטעלע וואַרפט־אָפּ זיין קאַשקעט פון די לאַנגע פעך־שוואַרצע האָר, און זיין קול קלינגט דאָ, אין וואַלד, אַ ביסל זיכערער:

— געוואָלט שוין פאַרקירעווען צוריק. געמיינט איר זענט שוין אין מאַקאַראָווקי. אין דאַרף וואָלט איך נישט אַריינגעפאָרן. ס׳איז מיר דאָרטן אַ ביכל... הכּלל, אין מאַקאַראָווקי דאַרף איך זיך נישט ווייזן. טרעף איך מיט אַמאָל אַן צוויי פאַקנטרעגער אויפן שליאַך. געזען דאָ צוויי פאַרשווינען? וועמען? דעם און דעם? זיי האָבן מיר אַפילו די נעמען אָנגערופן. אָקאָרשט געבאָדן זיך מיט זיי. עפּעס האָבן זיי צווישן זיך געלאַכט. געוואָלט זיך אָפּשטעלן, בראַיען מיר אַ קאָפּ, נאָר איך האָב גלייך אָפּגעצויגן.

שמחהלע און פאַנדרע קוקן זיך פילדייטיק איבער. און שעפּטעלע רעדט ווייטער:

— זענט איר גאָר אַוועק צופוס ווי די טאַראַקאַנעס, זענט איר גאָר? אַ שיינע אַרבעט האָט איר מיר אָנגעמאַכט. געמיינט, איר וועט אָפּפאָרן

*) אַן אַנטלאָפענער.

מיטן פּאַרעכאָד. מ׳האָט מיר שוין צו וויסן געגעבן ווען מ׳לאָזט אייך אַרויס. הינע איך פון אינדערפרי ווי אַ הונט. כ׳שטיי ביים מאָהליוועוער פּריסטאַן און די שקורע ציטערט אויף מיר. וואָרים זוכן טוט מען מיך אומעטום. אַ פּאַרעכאָד קומט אָן און אַ פּאַרעכאָד גייט אַוועק. די העכט זענען נישטאָ! איך לויף אַהער, איך לויף אַהין. פון דער „אַרבעט״ אָפּגעריסן זיך —

— עס „אַרבעט״ זיך עפּעס גוט? — שלאָגט אים איבער טורערו מיט זיין געזאַלצענעם שמייכעלע.

— געלויבט איז גאָט! — ווערט שעפּטעלע זייער ערנסט, ווי אַן איינגעפונדעוועטער סוחר, וואָס ווערט אויסגעפרעגט פון אַ צווייטן סוחר אויף קרעדיט — עס אַרבעט זיך גאָר גוט. אונטער די אויגן זענען מיינע „יאַטן״ נישט אַזעלכע בריות! אַז איך בין ביי זיי איז עפּעס אַנדערש.

— דו! — ווונדערט זיך פּאַנדרע — דו נעמסט נאָך אַלץ אַריין גאָט אין קאָן? באַלד סליחות־צייט, שעפּטעלע!

— יעדער אויף זיין שטייגער! — באַליידיקט זיך שעפּטעלע אַ האָר נישט — נגידים, אַז זיי שפּילן קאָרטן גאַנצע נעכט, נעמען אויך אַריין דעם רבונו של עולם אין קאָן. כ׳האָב זיי געזען שפּילנדיק אין מאָהליוו, אין דאַנציג אויף דער קור... זיי מעגן? מעג איך אַוודאי. מיט בלוט און מיט אַנגסט קומט מיר יעדער רובל אָן. זיי קומט אָן גרינגער, זאָג איך אייך...

## 3.

ער רעדט געלאַסן, שעפּטעלע. און רעדנדיק העקלט ער אָפּ דאָס דריי־עקיקע לעדערנע בייטעלע פון צוויי־ראָד, ציט אַרויס אַ פלאַך פלעשעלע מיט עפּעס אַ ברוינע משקה, שרויפט אָפּ דאָס בלעכערנע הייבל פון פלעשעלע, גיסט זי אָן פול און דערלאַנגט פּאַנדרען ער זאָל פּאַרזוכן, דערנאָך שמחהלען. דערנאָך גיסט ער אָן זיך אַליין.

— אַי, אַי! — מאַכט פּאַנדרע און פּאַסמאַקעוועט זיך — שעפּטעלע, עס איז דאָך עפּעס גאָר אַן אַנטיק!

— פראַנצויזישער קאָניאַק! — דערקלערט שעפּטעלע מיט אַ זייער באַהאַוונטער מינע — אַ טעם, אַ?... איז וויפל, פּאַנדרע, האָבן מיר זיך נישט געזען?

— שוין באַלד אַ יאָר. נאָר גרוסן פון דיר האָב איך געהאַט. אַמאָל מיט טאַבאַק, אַמאָל אָן טאַבאַק... דאָ, מיט אַ וועלכע פיר חדשים צוריק,

האָט מיר דיינער אַ „יאַט" געבראַכט אַ גרוס פון מערען. אַז דו האָסט זי געזען, מערען, מיט מיין יאַטל אויף די הענט, ביים פאַרעכאַד אין שקלאָוו, דאַכט זיך, ביי זונדל גאָטס גנבס הייזקע...

— יאָ, — לאָזט שעפטעלע אַראָפּ די אויגן, ווי פאַרשעמט פון פאַנדרעס דאַנקבאַרן קוק — מ'האָט געטאָן וואָס מ'האָט געקענט. מ'האָט געשמירט. מ'זאָל דיך אָוועקנעמען פון די אָפּטריטן און מ'זאָל דיך באַלד נאָכן „סראַק" אַרויסלאָזן. קאָנסט נאָך נישט פאַניעס פאַראַנדקעס. נאָכן סראָק הויבן ערשט אָן גיין פּאַפּירן אין קאַנצעלאַריע. און איידער מען שרייבט דיך אַריין אין אַלע פּאַפּירן, גייען אַריבער חדשים. זיי האָבן צייט די פּיאַניצעס, וואָלסט נאָך אויף סוכות אויך אינדערהיים נישט געווען.

— ביסט אַ גוטער־ברודער! — לויבט אים פאַנדרעס אין די אויגן — צען נייע נגידים אַ כפּרה פאַר איין שעפּטעלען. נאָר זע, שעפּטעלע, היט זיך די ביינער! דו פאָרסט מיר צופיל אַרום אויף דיין „רעדל"... און ווי אַז מען כאַפּט דיך?

— אַז מ'כאַפּט מיך האַ־האַ, וועל איך דערציילן די מעשה!.. — אַזוי צעלאַכט זיך שעפּטעלע און ציט אַרויס אַ בלאַנקן פּיסטאָל פון דער הינטער־קעשענע, לייגט אים ליבלעך אַוועק אויף איין קני און גלעט אים מיט דריי פינגער, ווי מען גלעט אַ קליין קעצעלע. דער בלאַנקער מעטאַל האָט זיך, צעשמייכלט אונטער אַזאַ צערטלעכקייט.

— פאַרשטייסט? — פאַרקוועטשט שמחהלע איין אויג און מיט דעם צווייטן קוקט ער אָן פאַנדרען — פאַרשטייסטו שוין, וואָס פאַר אַ פּריקע דיין שעפּטעלע איז?

— און וואָס האָ סטו געמיינט, דו קצב־יונג? — אַזוי וועגדעט זיך שעפּטעלע האַלב־ערנסט, האַלב־שפּאַסיק צו שמחהלען — מיינסט מען גנבעט די גרענעץ אין טלית און תפילין? אָדער מען שטאָפּט אָן אַ קעשענע גאָלדענע זייגערס מיט אַ קאָך־לעפל? געלויבט איז גאָט, שעפּטעלע ווייסט וואָס ער האָט צו טאָן.

— שעפּטעלע! — שלאָגט אים פאַנדרעס איבער — לאָז שוין גאָט צו רו! אפשר האָסטו בעסער מיט וואָס צו פאַרבייסן? איך שטאַרב.

— היינט וואָס־זשע שווייגסטו? — רופט זיך אָפּ שעפּטעלע. ער גיט זיך ווידער אַ כאַפּ צו דער דריי־עקיקער בייטל פון צוויי־ראַד, ציט אַרויס אַ דאַרע קישקע אין ריינעם פּאַפּיר איינגעוויקלט, שניידט אָפּ רעדעלעך און צעטיילט.

מ'האָט נאָך אַ מאָל געמאַכט לחיים, און טאַקע אַ דריטן מאָל. דאָס

בלעכענע הייבל פון דעם קאַניאַק־פלעשעלע איז דריי מאָל אַרומגעגאַנגען אַלע דריי געוועזענע חברים פון אָסטראָג. און צווישן איין לחיים און צווייטן, האָט מען פאַרביסן מיט דער קנאָבלדיקער דאַרער קישקע.

שמחהלע קייט געשמאַק און טשעפּעט זיך. אַנדערש קען ער נישט:

— איז אַן גוטשינקע זאַכן לאָזטו זיך גאָר פון שטוב נישט אַרויס? ווי?

— וואָס דען? — מאַכט שעפּטעלע — אַלע גוטשינקע זאַכן איבער־לאָזן פאַר די נגידים? דיר, פאַנדרע, האָב איך שוין, דאַכט זיך, איינמאָל געזאָגט, אין אָסטראָג, דאַכט זיך: איך האַלט, אַז א י ך בין בילכער...

— כ׳געדענק, כ׳געדענק! — שאָקלט צו פאַנדרע און פאַסמאַקעוועט זיך. פונעם קאַניאַק אויפן ניכטערן מאַגן איז אַוועק אַ זיסע פאַרע איבערן מוח, און אַ נעפּלדיק שלייערל האָט זיך געזומען וויגן פאַר די אויגן. אַלץ איז געוואָרן גוט. אַלץ איז געוואָרן רעכט. אַבי מ׳זיצט צוזאַמען און מען חברט זיך.

— יאָ, — דערמאָנט זיך פּלוצלונג שעפּטעלע — אַ פּעקעלע טאַביק פון מיר האָט איר היינט געקראָגן?

— געקראָגן, געקראָגן! — ענטפערן ביידע אָסטראָג־חברים צוזאַמען.

— איך מוז אַלץ וויסן, צי מיינע „יאָטן״ נאַרן מיך נישט. אָט, נעם, פאַנדרע! כ׳האָב דיר געבראַכט עטלעכע רובל צום פאַרעכאָד. אַן אומזיסטע טרחה געווען. קומסט אַהיים אויף ליידיקע ווענט. איז אָט! שטופּ מיר נישט די האַנט צוריק! איך שענק קיינעם נישט. וועסטו האָבן, וועסטו אָפּגעבן. און אָט איז אַ קאָנווערטל מיט מיין אַדרעס. ס׳וועט דיר צונוץ קומען. ס׳איז נישט מיין אַדרעס. מיין נישט!... נאָר מ׳וועט מיר שוין אָפּגעבן. וועסט עפּעס דאַרפן — שרייב אָן!

— כ׳וועל אָנשרייבן, כ׳וועל אָנשרייבן! — זאָגט נאָך פאַנדרע מיט אַ צעשוווּמענעם שמייכעלע און דרייט דאָס קאָנווערטל צווישן די האַרטע פינגער, ווי עפּעס גאָר אַן איידעלע צאַצקע פון גלאָז, נאָר מיטאַמאָל פאַר־טראַכט ער זיך:

— איך — דיר שרייבן? — וואָס וועל איך דיר שרייבן?

—וועסט דאַרפן! — רעדט צו אים שעפּטעלע ווי פון סידור אַרויס — וועסט אַמאָל דאַרפן...

— בייס דיר אָפּ די צונג, שעפּטל! דו הערסט? אויף וואָס וועל איך דיך עפּעס דאַרפן? אויף איינברעכן שלעסער אפשר?

— כ׳האָב דיר שוין אַמאָל געזאָגט, — מאַכט שעפּטעלע גאַנץ רואיק,

און גיט אַ טרייסל מיט די געדיכטע אָפּגעלאָזענע האָר אויף דעם שפּיציקן קעפּעלע — אַז מ׳זיצט איינמאָל, זיצט מען אַ צווייט מאָל. פּאָר גניבות צי פּאָר שלעגעריי. ס׳אַלץ איינס. עס ציט... ווו וועסטו אַהינטאָן דיין כוח, פּאַנדרע? אַצינד, נאָכדעם ווי מ׳האָט דיר אָנגעטאָן די געברענטע צרות אומזיסט און אומנישט. עס מוז אַרויסגיין — זאָג איך דיר. פּאָר נישט געבן קלעפּ דעם פּריסטאַוו ביסטו געזעסן און פּאָר אמתע קלעפּ וועסטו נאָך זיצן. עס מוז אַרויס דער פּאַרטאַיעטער כוח. מיינסט, אַז דו וועסט אַצינד קענען פירן די מערידאַלניקעס צום פּאַרעכאָד און פון פּאַרעכאָד? יידענעס מיט קאָשיקעס אַרומפירן און קוים דערהאַלטן די נשמה? ס׳איז נישט פּאָר דיר פּאַנדרע! געדענק!

— מיינע ווערטער! — וווּנדערט זיך פּאַנדרע און גיט זיך אַ קער צו שמחהלען — היינט אין דער פרי... געדענקסט?

שמחהלע לאַכט... צי האָט ער טשאַסאַם שעפּטעלען נישט אַריינגע־בורטשעט עפּעס אין אויער אַריין? עפּעס אָפּגערעדט צווישן זיך?... די פּאַרע פון פייערדיקן קאָניאַק ברויזט אויף אין פּאַנדרעס קאָפּ. ער שטעלט זיך אויף:

— זאָג נאָר שעפּטעלע! מיינסט, אַז דו האָסט מיין יידענע געגעבן עטלעכע קערבלעך און מיר דאָ עטלעכע קערבלעך קענסטו שוין מיר זאָגן דעות, וואָס איך האָב צו טאָן? מיר, פּאַנדרען? נאַ, נעם דיר אַוועק דיינע געלאַטכנטע ממתקים, מיט דיינע אַדרעסן, און טראָג זיך אָפּ! וואָרים איך צעברעך דיר דאָ באַלד דיינע עצמות מיט דיין גנבישער מאַשין צוזאַמען...

— שאַ — שאַ — שאַ! — שפּרינגט שעפּטעלע אויף ווי אַ וועווער־קעלע — האָסט נישט געדאַרפט נעמען קיין ביסל משקה אויפן ניכטערן מאָגן! באַהאַלט בעסער, פּאַנדרע, דיינע קולאַקעס פּאָר גויים! ס׳וועט דיר צונוץ קומען. וועסט זען...

אַלע דריי האָבן זיך אויפגעשטעלט. שמחהלע האָט אָנגערוקט דאָס וואַטאָווע היטל איבער די אויגן, אויפגעקליבן דאָס צעשאָטענע געלט, דעם קאָנווערטל מיטן אַדרעס און אַריינגערוקט אין פּאַנדרעס קלומיק. ער האָט דערביי געבורטשעט נישט צו שעפּטעלען, נישט צו פּאַנדרען, נישט צו זיך אַליין:

— וואַרפט זיך מיט געלט! — אַ קדחת וואַרפט אים. ער ברענגט דאָך די גרויסע אַפּותיקי דער ווייב ברענגט ער! ר׳ זימלס אַ תחינה ברענגט ער איר! די יוכע האָט זיך שוין אין אים ווידער צעקאָכט. מיך האָט ער

שוין היינט געוואָלט שלאָגן, פאַר אַ וואָרט. גרינג אויף גרימצאָרן איז ער מיר געוואָרן! הען! אַז מ׳קען נישט נעמען קיין ביסל משקה, נעמט מען נישט.

שעפּטעלע האָט דערביי אויפגעהויבן זיין צוויי־ראָד און פאָרזיכטיק אַרויסגעקוקט אויפן שליאַך, צווישן די סאָסנעס.

— נאַ, — מאַכט ער — קינדער! איר בלייבט נאָך דאָ אַ ווײַלעצקע, איך מוז אָפּציען. גלייכער נישט אַרויסצוגיין אויפן שליאַך אַלע אויף איין מאָל. און דו ברודער־נח, זיי נישט ברוגז! אָט וועסט קומען אַהיים, וועסט אָנקנייפּן דיין יאַטל אין „מחילה״, וועסט זיך אויסשלאָפן מיט מערען זייט ביי זייט —

מערע איז פון תמיד געווען פאַנדרעס שוואַכער אָרט. ער האָט פּלוצלונג אַ שפּרונג געטאָן צו שעפּטעלע און אַ הויב געטאָן אים מיט זיין צוויי־ראָד צוזאַמען, ווי מ׳הייבט אויף אַ קינדער צאַצקעלע.

שעפּטעלען איז דאָס מוטער־מילך איינגעפאַלן: אָט־אָט צעשיטן זיך אים אַלע ביינדעלעך, און קיין שרייפל וועט אין זיין פאַר־מאַשינדל אויך גאַנץ נישט בלייבן. ער גיט אַ קוק אַראָפּ — ערשט אַ נס איז געשען. פאַנדרעס ווייסע ציין לאַכן צו אים אַרויף גוטמוטיק און מיט זעלבן שמייכל לאָזט אים פאַנדרע צוריק אַראָפּ אויף דרערד. אים און זיין מאַשינדל. פּאַוואָליע, ווי מען לאָזט אַראָפּ אַ קינד מיט זיין רייט־וועגעלע.

— גוט דערשראָקן זיך, אַ? — צעלאַכט זיך פאַנדרע און כאַפּט זיך אָן ביים גאַרטל — דו האָסט מיך פריער איבערגעשראָקן, אַצינד — איך דיך! זענען מיר ביידע — קוויט... פאָר געזונטערהייט, שעפּטעלע!

# פּאַנדרע אַן אָקסנקעמפּער

## 1.

קיין גאַנצן וויאָרסט זענען פּאַנדרע און שמחהלע נישט אָפּגעגאַנגען, נאָכן געזעגענען זיך מיט שעפּטעלען, און די פעלדער, וואָס רינגען אַרום מאַקאַראָווקי, האָבן זיך גענומען אַנטפּלעקן.

דער וואַלד האָט זיך קודם־כל צערוקט ווי אַ גרויסער טויער, ווו די פּריטעלקעס זענען — אַלטע סאָסנעס און דער בויגן — די בלויקייט פון הימל. אינעם דאָזיקן שאַרף־קאָלירטן טויער, האָט גענומען שיינען דאָס מאַטע גאָלד פון אָפּגעשניטענע — און דאָס גלאַנציקע גאָלד פון נאָך נישט־באַרירטע פעלדער; צוזאַמענגעפּעכערטע סנאָפּעס און רונדע סטאָגן פון אויסגעדראָשענע שטרוי.

מאַקאַראָווקי האָט זיך נישט אָנגעזען. זי איז געבליבן ערגעץ־ווו ביי־דעריקער פון די פעלדער, אין אַ טאָל. און נאָך אַ ווייטער בילן פון הינט און אַ צעגאַנגענער בלויער רויכל האָבן אָנגעזאָגט, אַז ערגעץ־ווו, אין אַ באַרג־אַראָפּ, איז דאָ אַ ישוב.

פון אונטער די באָרוועסע פּיאַטעס ביי אונזערע צוויי פוס־גייער, זענען אויף אַלע זייטן געשפּרונגען גרינע און ברוינע סוף־זומער גרילן. ווי די פונקען פון אַ געשמידטן אייזן זענען זיי געשפּרונגען. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די באָרוועסע גראָבע מענטשן־פיס שרעקן איבער אַלע ווילע, און טראָט נאָך טראָט, אַ נייע גרינינקע דינפּיסיקע קאַפּעליע פון כלי־זמר־לילעפּוטלעך. כאַפּט יעדערער סמיטשיק און פידל אונטער פּאַכווע און... שפּריץ! שפּריץ!... היפּן אַוועק ווו עס מאַכט זיך, טרעפן אַריין אין אַ פרעמדן מוזיק־פּאַראיין, און פּאַדאַוואַי פידלען די איבערגעריסענע נגינה, ווי ביי זיך אינדערהיים...

דער גרויסער פעלד־אָרקעסטער פון די גרילן האָט אַזוי אַ האָר נישט געליטן פון די נישט־געבעטענע, שווער־שפּרייזנדיקע פיר מענטש־

לעכע פיס... די פעלדער אַרום האָבן געזאָטן פון אַ פלייסיקן איינטאָניקן מזמר, ווו יעטוועדער איז פידלער און יעדער איינער — קאַפּעלמייסטער. אַלע ווי איינער, איינער ווי אַלע.

— סאַ־סאַ־סאַ! און סאַסאַ!... אָן אָנהויב און אָן סוף, אָן אינהאַלט און אָן ציל. סתם הפקר־פּעטרישקע און געפידלט זאָל ווערן!... און פונ־דעסטוועגן איז דער טרוקענער און צעשאָטענער ניגון אַרויסגעקומען אַזוי ברייט און זאַט, אַזוי בחברותאדיק־אויסגעהאַלטן — ער האָט זיך אָנגעה־הערט ווי אַן איינגעהאַלטענער זונען־געלעכטער, וואָס שיסט און זידט דורך אַלע שפּעלטעלעך פון דער ערד און דורך אַלע זאַנגען־רערלעך. ער האָט זיך אָנגעהערט ווי די שטים פון אַלע איבערגעזיסטע זאַפטן אין דער ערד, וואָס זענען איבעריק געבליבן נאָכן פעלדער־שניט און יערן אונטער דער הייסער זון: סאַ־סאַ־סאַ און סאַסאַ!...

די דאָזיקע איינטאָניקע זיד־מוזיק פון דער ערד, האָט זיך אין דריבנע ציטערונגען איבערגעגעבן אונדזערעביידע וואָגלער, דורך די באָרוועסע פיס. ווי דורך גרויסע און לעבעדיקע קאַמערטאָנען האָט זי זיך איבער־געגעבן, דורכגענומען זייערע לייבער, צעלאָפן זיך איבער דער הויט און ליבלעך געקיצלט, ווי פּענכערלעך פון וואַרעמע זעלצער־וואַסער.... סאַ־סאַ־סאַ און סאַ־סאַ!

אין די אַלערליי גאָלד־שאַטירונגען פון די אַראָפּ־באַרגיקע פעלדער האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצופרייגן איינצלנע ווייסע פלעקן פון פויערים און פויערטעס, פון שניטער און גאַרבן־בינדער, אין אַלערליי פּאָזעס פון שטיין, פון געבויגנקייט און פון זיצן.

— כ׳האָב מורא, — מאַכט שמחהלע — אַז אין דאָרף וועלן מיר קיין ציינדל קנאָבל נישט קריגן. זעסט דאָך! אַלע זענען אין פעלד.

פאַנדרע האָט אַ מאַך געטאָן מיט די פּלייצעס. די פּאַרע פון שעפּטעלעס קאָניאַק איז אים געשטאַנען אין קאָפּ. אינעם גאָלדיקן שיין פון די פעל־דער איז פון דער פּאַרע אויך געוואָרן גאָלד. אַ וואַרעמער שפּינוועבס איז אים געהאָנגען פאַר די אויגן. יאָ קריגן, נישט קריגן וואָס צו אכלען... אַבי מ׳איז פריי, מ׳גייט צווישן פעלדער. ס׳איז גוט אויף גאָטס וועלט!

כדי צו אָפּקירצן דעם וועג, האָבן זיך די געוועזענע אַרעסטאַנטן גע־נומען אין דער קרום, דורך די אָפּגעשניטענע תבואה־פעלדער. די קורצע קאָרן־וואָרצלען האָבן אָבער געשטאָכן ווי דראָטענע בערשטלעך און גיך מיד געמאַכט די פּיאַטעס. האָבן זיך פאַנדרע און שמחהלע, געמוזט קאַליע

מאַכן דאָס פאַרגעניגן פון גיין באָרוועס, געמוזט אַרויסציען די שטיוואַלעס פון די קלומיקעס און אַריינגעקראָכן אין די דושנע כאַליאַוועס.

נעבן דעם גרעסטן סטאָג שטרוי, אינמיטן פעלד, איז געשטאַנען אַ הויכער גוי, אַ ביסל איינגעהויקערט איז ער געשטאַנען און זיין לאַנגע גרויפלאַקסענע באָרד איז אַראָפּגעהאָנגען, ווי אַ צייטיקער רעטאַך. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ סערפּ און מיט דער צווייטער האָט ער באַדעכלט די אויגן. די גרויע אויגן זענען געווען פאַרשוווּמען אין שאָטן. נאָר אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע באַזלעכער פון אַ קורנאָס האָבן אָנגעקוקט די אומבאַקאַנטע.

וואָס נעענטער נח און שמחהלע זענען צוגעגאַנגען, אַלץ באַקאַנטער האָט זיי דער גוי אויסגעזען. טורערו האָט אויך געמאַכט אַ דעכעלע איבערן שטערן און אַ זאָג געטאָן צו פאַנדרען:

— מיקיטאַ! ווי איך בין אַ ייד — מיקיטאַ!

נישט וואַרטנדיק, ביז פאַנדרע וועט אויך דערקענען, וואָס פאַר אַ מיקיטאַ דאָס איז, האָט זיך שמחהלע אַ לאָז געטאָן צום גוי:

— באָך נאַ פּאָמאָץ, כאַזאַין! (אַ גאָט־העלף, באַלעבאָס!).

אַז פאַנדרע איז נאָענט צוגעגאַנגען, האָבן שוין שמחהלע און מיקיטאַ פריינדלעך גערעדט צווישן זיך, ווי צוויי אַלטע באַקאַנטע. שמחהלע, ווייזט אויס, האָט שוין פּאָספּעיעט צו דערציילן פון וואַנען זייביידע קומען דאָס אָן. וואָרים מיקיטאַ האָט שמחהלען פויעריש־גוטמוטיק געטרייסט:

— ביאַדאַ... ניטשאַוואָ! (אָן אומגליק... ס׳מאַכט נישט!).

ווי יעדער פויער פון דאָרף, וואָס קען דעם טעם פון פּאָדאַטקעס און פון אוריאַדניק, פון אבות־אבותינו אָן, האָט אויך מיקיטאַ געקוקט אויף יעדער אַריינמישן זיך פון פּאָליציי, צי גערעכט, צי אומגערעכט, ווי אויף אַן אָנשיקעניש. זיצן אין אָסטראָג, אַבי נישט פאַר גניבה און גזילה, איז אויך נישט קיין פלעק אין דער משפחה. פאַרקערט, ס׳הייסט אַ מענטש האָט געליטן פאַרן אמת:

— ניטשאַוואָ! מיט אַלעמען קען עס טרעפן. אָפּגעזעסן — פּטור געוואָרן. נו, אַצינד וועט גאָט העלפן!

— און אים גערעדנקסטו נישט? — ווייזט אָן שמחהלע אויף פאַנדרען, — געדענקסט? אַמאָל מיינער אַ שכן אין יאַטקע געווען. בי (נח)... פּאַר... אַריינפאָרן דעם פּריסטאַוו אין מאָרדע איז ער אָפּגעזעסן...

אַזאַ כראַברעקייט, ווי דערלאַנגען דעם פּריסטאַוו ווו עס געהערט צו זיין, האָט פאַנדרען שטאַרק געהויבן אינעם גויס אויגן. מיט אַזאַ מוראַ־

דיקן פאַרנעם אין די ענינים פון געבן אין מאָרדע קען זיך, באמת, קיין אָנגעשראָקענער פויער פון דאָרף נישט פאַרמעסטן! און נישט־וויסנדיק ווי אויסצודריקן זיין באַוווּנדערונג, האָט אים מיקיטאַ גלייך פאַרבעטן זיצן אין שאָטן פון סטאָג.

— אַ דאַנק! — מאַכט שמחהלע אָנשטאָט פאַנדרעַן — מיר איילן זיך!... יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? דו, מיקיטאַ, האָסט דאָך אַמאָל געהאַט אַ טעכטערל, אַ בת־יחידקע... וואָס מאַכט זי? עפּעס זעט מען זי דאָ נישט אין פעלד.

— אָקאָרשט איז זי דאָ געווען, — מאַכט מיקיטאַ און שמייכלט אין דער שמאָלער באָרד — אָ־כאָ! פון דעם מיידל איז שוין געוואָרן אַ מויד — אַ יאַגדע. אויף דעם חתן אויף אירן וואַרט זי היינט. אַ סאָלדאַט. אויסגע־דינט זיך אין פּאָלק. קומט ער היינט פון שטאָט. פּוצט זי זיך אַ גאַנציקן טאָג. ברוסניצעס האָט זי פאַר אים אָנגעקליבן. דאָנאָ־סלאָוואָ (מיט איין וואָרט) — ווייבערשע עסקים!

— ברוסניצעס? — פרעגט איבער שמחהלע און קוקט זיך איבער מיט פאַנדרעַן — מיר דאַכט, מיר האָבן זי געזען אין וואַלד מיט אַ קערבעלע. נישט אין אַ רויטער קאַצאַווייקע, דיין טאָכטער? אָט, זעסט, זי האָט זיך פאַר אונדז דערשראָקן און אַנטלאָפן. אַנטלאָ־אָפן...

— אָט, ווי כאַ־כאַ! — צעלאַכט זיך מיקיטאַ פון זיין מוידס חכמה — אָט אַ ציג אַ שפּרינגענדיקע. געמיינט — בראָדיאַגעס... ניטשאַוואָ!

— ווי קומט דאָס, — פרעגט זיך נאָך שמחהלע — וואָס אין אַזאַ גאַריאַטשקע אויף די פעלדער לאָזטו זי אַרומלויפן?

— איין איינציקע איז זי ביי מיר, — שמייכלט מיקיטאַ — דער חתן איז בילכער. צוויי פּאַראָבקעס געדונגענע אַרבעטן ביי מיר. זי איז דאָך ביי מיר די באַלעבאָסטע אויך. מיין אַלטיטשקע „צאַרסטוואָ ניעביאַסנאָיע” *) איז שוין באַלד פינף יאָר געשטאָרבן. ווייסט דען נישט? איז אָט באַלע־באַטעווע זי ביי מיר, מיין קאַטערינקאַ. דערלאַנגט דעם זיידן עסן. מיין אַלטיטשקן „באַטקאָ” הייסט עס. — ער זיצט אויף דער פּריזבע און וואַ־רעמט די קראַנקע פיסלעך, דער אַלטיטשקער. פונדעסטוועגן — מיין נישט!... אָט ערשט איז זי דאָ געווען און געהאָלפן מיר אַ שעה־צוויי. אינדערפרי האָט זי מיר אויך געהאָלפן. אַ גוטע מויד — כוואַלאַ טע־ע באָזשע! **).

---

*) עליו השלום.

**) געלויבט איז גאָט.

פון דעם גויס באַרעדעוודיקייט און פון זיין טאַכטערס מעלות, האָט פּאַנדרען געגומען ציען אונטערן לעפּעלע. ער האָט דאָס נישט אויס־געהאַלטן.

— איך שטאַרב עסן! — גיט ער מיט אַ מאָל אַ ברום צו שמחה־לען — קום!

— ווייסט אפשר נישט? — גיט שמחהלע פּאַרזיכטיק אַ פרעג ביים גוי — מירן עפּעס קריגן צו עסן אין דאָרף? פּאַר.... פּאַר געלט. קיין „כאַרטש" ביז שקלאָוו נישט מיטגענומען.

— עסן איז אַ גוטע זאַך... — איז מיקיטאַ מסכים — גיי, סימכאַ (שמחה) צו מיר אַהיים! אָט דאָ אַראָפּ־פעלד, וועסט געפינען אַ שטעגעלע אין דאָרף אַריין. מיין קאַטערינקאַ וועט אייך געבן ברויט מיט קוואַס, אייער פרישע, אַן אוגערקע. אַלץ איז דאָ. וועסט זאָגן איך האָב געהייסן. און געלט — מען דאַרף נישט, סימכאַ! אָט וועט באַלד זיין חתונה ביי מיין קאַטקען, וועלן מיר קומען אין שטאָט איינקויפן. ביי דיר אין יאַטקע וועלן מיר אויך זיין. מירן זיך שוין אויסרעכענען, סימכאַ!

## 2.

קווער דורך מיקיטאַס פעלד, האָבן זיך די אָסטראָג־חברים אַראָפּגע־לאָזט קיין מאַקאַראָוקי.

שטאָלץ איז מאַקאַראָווקי אויף אירע ברויט־פעלדער, וועלכע ליגן גוט אין דער זון, אויף שיינע באַרג־אַראָפּן. דער וואַלד אַרום באַשיצט זיי פון צו שטאַרקע ווינטן און די זון ציט צו זיך אַרויף די זאַנגען פריער ווי אויף אַנדערע פעלדער אינעם זעלבן געגנט. די קאַרשן־בוימלעך, וועלכע גרענעצן דאָ אָפּ איין נחלה פון דער צווייטער, באַזאָרגן שקלאָוו מיט די ערשטע פרות אויף „שהחיינו". דערפאַר אָבער, בשעת דער שניי שמעלצט זיך, ליידט מאַקאַראָווקי פון פאַרפלייצונגען. אַלע פרילינג־וואַסערן לויפן זיך צונויף, אונטן אין דאָרף; מאַכן טייכלעך פון אירע גאַסן און ברוני־מער — פון די שטאַלן. און ס'קומט אָפּט מאָל אויס צו ראַטעווען דעם סקאָט אויף די הויכע פעלדער אין די שייערן. נישטאָ קיין מעלות אָן חסרונות.

— עס גייט אַ גאַנג, אַ? — אַזוי מאַכט שמחהלע צו פּאַנדרען און פאַרקוועטשט אַן אויג.

פון שמחהלעס העוית גיט פּאַנדרען אַ צופּ אין האַרצן. נאָר ער מאַכט

זיך, אַז ער פאַרשטייט נישט וואָס שמחהלע מיינט, אַז דאָס מיינט ער מיקיטאָס כאַטע מיט קאַטערינקען צוזאַמען... מאַכט פאַנדרע אַן אָנשטעל פון אַ הלעיטנו — אַ פּרעסער, ביי וועמען די קישקע שטייט העכער פון אַלע זאַכן אויף דער וועלט, און גיט גראַבלעך אַ ברום:

— כ׳וואָלט שוין בעסער געהאַלטן ביים קוואַס מיט ברויט!

— פון שיקסעס האָסטו אַמאָל מער געהאַלטן! — גלויבט נישט שמחה־לע, קוקט אים אָן פון אַ זייט און הויבט איין פּלייצע.

נאָר פאַנדרע ענטפערט נישט. אַ רויכל איז אים פאַרצויגן איבער די גרויע אויגן אונטער די שוואַרצע ווייעס. שעפּטעלעס קאָניאַק שטייט אים נאָך אַפּנים אין קאָפּ. און גיי ווייס, פון וואָס אַזאַ יונג טראַכט זיך, איילב־דיק אין דאָרף אַריין, ווי נאָך ירושה.

פריער איז אויסגעוואַקסן דאָס קליינטשיקע קלויסטערל, מיט אַ גרי־נעם קיילעכדיקן קנויל איבער זיין פּיראַמידע־דעכל און מיט אַ מעשענעם צלם איבען קנויל. דערנאָך האָבן זיך באַוויזן די ווייס־געפאַרבטע פענצ־טער־רעמלעך פונעם זעלבן קלויסטערל.

וואָס נעענטער אַלץ קלאָרער איז געוואָרן, אַז דער קנויל איבערן קלויסטערל איז פריש געפאַרבט, און אַז זיין גרינע בלוילעכקייט פּאַסט זיך בכלל נישט גוט צו דער אָפּגעבליאַקעוועטער גרינקייט פון זיין שינדל דעכל.

— עפּעס איז דער צלם נידעריקער געוואָרן! — וווּנדערט זיך שמחהלע.

פאַנדרע, וועלכער איז נאָך האַרט פאַרן אָסטראָג, אַרומגעפאָרן מיט סענדערס פערד, איז געווען מער באַהאַוונט אין דעם, וואָס עס קומט פאָר אין די אַרומיקע מקומות.

— האָסט נישט געהערט? שוין אַ מעשה פון צוויי יאָר. אַ דונער איז אַריין, דורכן צלם, אין קלויסטער און פאַרברענט אים דעם קיילעכדיקן קאָפּ. אַ יאָר אפשר, איז דאָס קלויסטערל געשטאַנען אָן אַ קאָפּ. אַצינד, ווייזט אויס, האָט מען עס פון דאָס ניי צוגעשטוקעוועט. הען אַ גרינקייט פון אַ קאָפּ! פאַרטאַטשעס!

— עס גייט דיר, זע איך, פאַנדרע, אום לעבן! — הויבט שמחהלע שפּאַטיש מיט די פּלייצעס — ס׳איז דיר אַ גרויסע נפקא מינה.

שמחהלע דער קצב האָט באמת נישט פאַרשטאַנען נח פאַנדרען, וועל־כער איז שוין אַזוי פיל אַרומגעפאָרן דורך וואַלד און פעלד און האָט זיך געוווינט צו די ווייכע איבערגאַנגען פון קאָלירן אויף גאָטס וועלט. פאַנדרע

האָט אָבער נישט געהאַט קיין ווערטער, ווי צו דערקלערן דאָס און האָט געשוויגן.

אונטערן קלויסטער אַרום זענען דערוויייל אויסגעוואַקסן די כאַטקעס מיט שטרוי באַדאַכט. פון הויכן פעלד האָבן דערפּאַר די הייזקעס אויסגעזען ווי פאַרשוואַרצטע, פאַר־דריי־יאָרעדיקע קופּעס שטרוי, מיט נאָך שוואַר־צערע פּירקאַנטיקע לעכער אַריינצוגיין. נאָר איין כאַטע אין אַ זייט, איז געווען אַ ביסל העכער, מיט אַ ווייסן קוימען און מיט שינדלען געדעקט.

— אָט דאָס איז מיקיטעס מלוכה! — האָט אָנגעוויזן שמהלע.

פון משופּעדיקן אָפּגעשניטענעם פעלד האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט צום שטעגעלע, וואָס פירט שוין אין סאַמע דאָרף. זיי האָבן אָבער קיין צען טריט נישט געמאַכט און געמוזט שטיין בלייבן. אָנגעשפּיצט זיך. אַרומגעקוקט זיך. צו זייערע אויערן האָט דערגרייכט אַ טעמפּער שטויסן, ווי מיט אַ הילצערנעם טוקאַטש אין אַ גרויסער מצה־שטויסל. אָבער נישט אַזוי רעגלמעסיק. אַמאָל איינס נאָך איינס. אַמאָל זעלטענער. און נאָך יעדן שטויס — אַ וויבערשער געשריי מיט אַן אויפשרעק און מיט אַ קוויטש און גלייך אויף זיי, מיטן זעלבן שטעגעלע, זענען פון מיטן דאָרף געלאָפן אַ פּאָר שקצימלעך מיט אַנטבלויזטע ליין־ווייסע קעפּלעך און אין לאַנגע לייוונטענע העמדלעך. און נאָך די שקצימלעך, אין איין לאַפּטיעלע און נאָכשלעפּנדיק אַ צווייטן פוס פאַרבונדן אין אַ סך אָנוטשעס, האָט זיך געשאַרט־געהאָצקעט אַ גויעלע מיט אַ גרויסן אָפּגעברענטן פליך אין איינע הויזן און אַ העמד. לויפנדיק אַזוי האָט ער מיט אַ פאַרסמאָרקעטן שיטערינקן קולכל געשריען סתם אין דער וועלט אַריין:

— מי־קי־טאַ—אַ!

פּאַנדרע האָט שוין געוואָלט אַ לויף טאָן אים אַנטקעגן, פרעגן וואָס איז, נאָר שמהלע האָט אים אָנגעכאַפּט בײַם אַרבל:

— אויב אַ שריפה — בין איך נישטאָ. גענוג וועט מיר זיין שריפות! און דיר — אויך...

— מען זעט נישט קיין רויך! — קוקט זיך פּאַנדרע גיך אַרום און גיט זיך פּאָרט אַ ריס צום אַלטיטשקן גויעלע.

דערזען אַ שטאָטישן מענטשן, מיט באַשטיוולטע פיס און אין טונקעלע קליידער, האָבן זיך די לויפנדיקע שקצימלעך אָפּגעשטעלט, אַריינגעשטעקט זיך די הענטלעך אין די מיילער און אין אַן אַנדער אָרט — אויך. גענומען רוקן זיך אויף הינטן... נאָר דער אַלטער גויעלע אַליין האָט גיכער גענומען שלעפּן זיין קראַנקן פיסל נאָך דער רירעוודיקער לאַפּטיעלע און פון זיין

שוואַרצן מויל האָבן זיך נאָך שרעקנדיקער געגומען רייסן די שיטערינקע, אומבאַהאָלפענע אויסגעשרייען:

— טאַטקי! מאַטקי!... זאַביעט דעווקו זאַביעט! (טאַטעלעך! מאַמע־לעך! ער וועט זי ממיתן די מויד. ער וועט זי ממיתן!).

— וואָס איז, דיעד! — איז אויף אים פאַנדרע אָנגעלאָפן מיט זיין גאַנצן ווקס.

ציטערנדיק מיט אַלע אברים, האָט צו אים דער אַלטיטשקער אַרויפ־געשריען:

— זאַביעט יעטאַ קאַטערינקו... מאַ—אַטקי! (ער וועט זי ממיתן, קאַ־טערינקען, מאַמעלעך!).

— ווער? ווער ממיתט — שרייט אים פאַנדרע איבער — קאַטערינקען?

— אַ בוהאַי טרעקליאַטי, — מאַט — (אַ בייק אַ פאַרפלוכטער, מאַמ—).

פאַנדרע האָט גלייך תופס געווען, אַז דאָס שרייט צו אים נישט קיין אַנדערער, ווי קאַטערינקעס זיידעלע. דער זעלבער, וואָס איז קראַנק אויף די פיסלעך און וואַרעמט זיך אויף דער פריזבע. לויפט ער אַליין, הייסט עס, קראַנקערהייט, מיט די שקצימלעך, צו מיקיטען אין פעלד אַריין, כדי צו זוכן ראַטונעק. אַזוי שלעכט האַלט דאָס מיט קאַטערינקען?

נישט וואַרטנדיק מער ביז דער אַלטיטשקער וועט זיך אָפּשפּייען און אָפּסמאַרקען, האָט פאַנדרע אַ וואָרף געטאָן זיין קלומיק פון פּלייצע, אַ גע־שריי געטאָן צו שמחהלען: „בעם!" און אַליין געלאָזן זיך לויפן צו דער גרויסער געשינדלטער כאַטע, צו מיקיטעס היים אין עק דאָרף.

## 3.

ווייט לויפן איז פאַנדרען נישט אויסגעקומען. נאָך עטלעכע שפּרונג האָט ער דערזען פאַר זיך אַ נידעריקן פּאַרקאַן, וואָס רינגלט אַרום מיקי־טעס באַשינדלטע כאַטע. נעבן אָפענעם טויער, מיט אַ שטיק איינגעפאַלענעם פּאַרקאַן, ווייזט אויס — פון אימיצן אָקאָרשט איינגעריסן, האָט זיך גע־שטופּט אַ קופּקעלע דערשראָקענע אַלטע גויעס און שקצימלעך; בכלל, אַלץ וואָס איז געבליבן שניט־צייט אינדערהיים. אַלע האָבן זיך געטומלט, געצלמט זיך, געשריען, אַריינגעקוקט צעשראָקן אין הויף און אָפּגעלאָפן אויף צוריק. פון הויף האָט זיך אַצינד דייטלעך געטראָגן די שווערע שטויסן אין האַלץ אַריין און די האַרצרייסנדע געשרייען פון אַ יונגער גויע:

— מאַ־אַטקאַ! ראַטויטטשאַ!... (מאַ—מע! ראַטעוועט!).

ווי נאָר די אַלטע פויערטעס האָבן דערזען פּאַנדרען לויפן, האָבן זיי צו אים גענומען פאָכען מיט הענט און פאַרטוכער:

— סיודאָי! סיודאָי! (אַהער, אַהער!).

אַזוי ווי עס טרעפט אָפט מאָל מיט מענטשן, וואָס נעמען אַ ביסל משקה אויפן ניכטערן האַרצן, אַפילו מיט שטאַרקע מענטשן: זייער באַוווסטזיין צעטיילט זיך אין אַ זיסן נעפל, און איין „איך" ווינקט ליבלעך צום צווייטן „איך" — אַזוי האָט זיך אַצינד אויך פּאַנדרען אויסגעדוכט, אַז נישט ער אַליין לויפט, נאָר עפּעס אַ צווייטער פּאַנדרע. ער אַליין לויפט נאָר מיט און קוקט זיך צו ווי „יענער" לויפט... און איז טשיקאַווע צו וויסן ו ו אָ ס דערפון וועט דאָ אַרויסקומען... יעדער שרעק פאַר אַ סכנה איז פון אים געוואָרן ווייט. אַן איבערגרעגעצטע דרייסטקייט האָט אים באַהערשט, אַ ייִנגלישע לייכטקייט האָט אים געטראָגן. כמעט אַ ליידנשאַפטלעכן באַגער האָט ער געהאַט, אַז די סכנה, אין איינגעבראָכענעם הויף, זאָל זיין וואָס גרעסער, דער ראַטונעק וואָס מען דאַרף דאָ געבן זאָל זיין וואָס שווערער. אדרבא!... ער איז אַריבערגעשפּרונגען איבערן איינגעפאַלענעם שטיק פּאַרקאַן און נישט דורכן אָפענעם טויער. כדי עס זאָל זיין וואָס שווערער... אויף די אַלטע „באַבעס", וואָס פאָכען און צלמען זיך, האָט ער זיך אַפילו נישט אומגעקוקט.

ווי נאָר ער איז אַריינגעשפּרונגען אין מיקיטעס הויף, האָט ער אויף דער ערד, נישט ווייט פון איינגעריסענעם פּאַרקאַן, קודם־כל דערזען דאָס בעראָזעווע קערבעלע מיט די צייטיקע ברוסניצעס, וועלכע האָבן זיך אים פריער, אין דושנעם וואַלד, אַזוי געגלוסט. אַצינד זענען די ברוסניצעס געלעגן צעשאָטענע, ווי ווילדע צווייגלעך קרעלן, און דאָס קערבעלע — צעטאָפּטשעט. אַ ביסל ווייטער, נעבן אַ סלופּ פון גאַנץ־געבליבענעם פּאַרקאַן, האָט זיך געריבן אַ שוואַרצע יונגע קו מיט אַ ווייסן פלעק אויף איין ליטקע. זי האָט דערביי שטיל און פאַרשעמט גערעוועט, פאַרענטפערט זיך אַפּנים פאַר עמיצן, וואָס דורך איר בהמהשער קאָקעטעריע און דורך איר נישט אָנשטענדיקן קאַוואַליר, וועלכער האָט זיך געלאָזן פאַרפירן אַהער אין הויף, איז דעם באַלעבאָס געשען אַזאַ היזק מיטן פּאַרקאַן. און אָט דאָרטן בוקעט ער זיך נאָך, דער שיינער בחור, וויל עמיצן אומברענגען. און זי? וואָס זאָל זי אַצינד טאָן? זי איז דאָך נאָר אַ שוואַכע נקבה איז זי... מאָ—אָ!

ווייט זוכן דעם צעיושעטן „קאַוואַליר" האָט פּאַנדרע נישט באַדאַרפט, צווישן דער בלינדער וואַנט פון מיקיטאַס כאַטע און צווישן פּאַרקאַן, איז

געווען אָפּגעצוימט, מיט דיקע פלעקענער, אַ בלומען־גערטל. איבער די בידעריקע פלעקענער האָבן יאָלדיש און זוניק־גליקלעך אַריבערגעקוקט האַלב־צייטיקע טעלער־גרויסע פּאָדסאָלניקעס. אויף אָט דעם צוים האָט זיך אָנגעזעצט אַ מוראַדיק גרויסער בוהאַי, אײַנגעגאַנצן מילך־ווייס מיט ברייט־צעבויגענע שפּיציקע הערנער. פון דער וואָלכישער פּאַראָדע. דעם באַ־וואָפנטן קרויסין קאָפּ האָט ער שטאַרק אַראָפּגעבויגן פּאַר וואַוטהע און אַזוי האָט ער געשטויסן, ווי אַ באַנומענער, זעץ נאָך זעץ. ער האָט קענטיק אײַ־מיצן באַלאַגערט און געשטורעמט דעם צוים, ווי אַן אַלטמאָדישע פעסטונג, מיט אַן אייזערנעם טאַראַן.

אַ שטיק צוים איז שוין געווען אַרײַנגעבויגן. אַ פּאָר קעפּ פון די פּאָדסאָלניקעס זענען שוין געלעגן צעטאָפּטשעט אונטער דעם בוהאַיס קלאָען, און פאַרשעמט געשמייכלט, ווי גראָב־באַליידיקטע, נישט־עכטע זונען... אָבער אַרײַנרייסן זיך, מיטן גרויסן גוף, דורכן פּאַרבויגענעם טייל פון צוים, האָט נאָך דער צעווילדעוועטער בוהאַי נישט געקענט. האָט ער דערפאַר געבוכצעט אָן אויפהער און מיט גרויס התמדה, מיט אַ פייף געסאָפּעט פון געדראָלענעם בוים אַרויס, דורך אָנגעבלאָזענע פּאַר־שוימטע נאָז־לעכער, און ווילד געקייקלט זײַנע בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. פון דער זייט האָט עס אויסגעזען, אַז דער בוהאַי אַליין זעט שוין נישט קלאָר וואָס ער טוט דאָ, נאָר אַ בייזע אומגעלומפּערטע גבורה יאָגט אים. ער אַליין איז האַלב־משוגע פון זײַן אומגעלומפּערטקייט, אָבער אויס־פירן מוז ער; מעג עס אים קאָסטן פּעל און הערנער!... וואָס אויספירן?... ס'אַלץ איינס. געבוקעט און געשטויסן זאָל ווערן. זײַן גאַנצער בייקישער האָנאָר שטייט דאָ אין שפּיל!

פּאַנדרע איז פּאַרזיכטיק פּאַרלאָפן פון הינטן. און ערשט דאָ האָט ער דערזען דעם אמתן ציל פון צעיושעטן בייק. הינטערן צוים, אין סאַמע ענגן ווינקל, צווישן פּאַרקאַן און כאַטע, האָט זיך איינגעטוליעט אַ באַר־וועסע יונגע גויע. איר פּייער־רויטע קאַצאַווייקע איז געווען צעשפּילעט, איר בלוי־און ראָז געפּאַסעקט קליידל — צעריסן. די כוסטע, מיט בלאַסע מאָן־בלומען אויף אַ שוואַרצן גרונט, האָט זיך איר אַראָפּגעגליטשט אויף איין אַקסל; און איבער דער כוסטע איז געלעגן אַראָפּגעקייקלט אַ צעפּלאָ־שעטער שווערער צאָפּ פון ברוינלעך־גאָלדלעכע האָר, אַזוי דיק ווי אַ פויסט און געפלאָכטן ווי אַ קיטקע. קיין ספק נישט: ס'איז די זעלבע שיקסע, וואָס איז פריער אַזוי פּאַרפּירעריש אַרויסגעלאָפן פון הייסן וואַלד מיט דעם

קערבעלע קילע ברוסניצעס און וועלכע איז אַזוי מיידלש־צעשראָקן אַנט־לאָפן פון זייביידן... ס'איז קאַטערינושקאַ, מיקיטעס טאָכטער.

כדי אַוועקצונעמען און באַשיצן וואָס מער פון איר פולן גוף, האָט זיך קאַטערינקע אַריינגעשפּאַרט אין שאַרפן ווינקל מיט איין זייט און מיט ביידע הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים. אָבי נישט צו זען אַזוי נאָענט דאָס ווייסע שרעקעניש, די צעווילדעוועטע אויגן און באַהאָרנטן קאָפּ. זי האָט נאָר דריבנע געציטערט, געכאַפּט לופט דורך פאַרביסענע ליפּן, ווי אַ נאַקעטע אין פראָסט. איר הויכע ברוסט האָט זיך גיך און קראַמ־פּענדיק באַוועגט, און, נאָך יעדן געלונגענעם שטויס פון דעם מזיק, האָט זיך פון איר פאַרביסענעם מויל אַרויסגעריסן אַ באַנומענער קול. פונקט ווי דער בוהאַי וואָלט, מיט זיינע שפּיציקע הערנער, געטראָפן נישט אין האָרטן האָלץ פון צוים, נאָר אין איר ווייכן היפּש אַריין.

— מאַטקאָ! טאַ—אַטקאָ! — האָט זי געוואָיעט.

אָט די מענטשלעכע משונהדיקע קולות, אויסגעמישט מיט דער בייסנ־דיקער רויטקייט פון דער קאַצאַווייקע, וועלכע באַוועגט זיך און ווינקט ביי יעדן געשריי, האָט, אַפּנים, נאָך מער צערייצט די בייקישע עקשנות. איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל, ער, דער עלסטער אין סטאַדע, מוז זי דאָ דורס זיין! אים אַ טויט, אָדער דער קאַצאַווייקע אַ טויט! זעץ! זעץ!

דער דיקער צוים האָט פּלוצלונג אַ קרעכץ געטאָן און איינגעפאַלן. אויפגעריסענע שטיקער ערד האָבן אַ שאָס געטאָן דעם בוהאַי אין די אויגן, און אים אַ רגעלע בלינד געמאַכט. דער האָרנדיקער קאָפּ האָט זיך ווילד אַ וויג געגעבן פון אונטן אַרויף, דערנאָך אַראָפּ. אָפּגעטרייסלט זיך פון דער פאַרבלענדעניש; און מיט דער גאַנצער פופציק־פּודיקער משא פון צעווילדעוועטע בלוט און פלייש און הערנער — אַ ריס געטאָן זיך איבער דער איינגעפאַלענער פעסטונג. אָט־אָ וועט ער זי, די גליענדיק־רויטע חוצפּה, דורכשטעכן...

נאָר זע! וואָס איז דאָס? עמיצער אַ מוראדיק־שווערער, צוויי מאָל אַזוי שווער ווי ער אַליין, האָט זיך אים אָנגעהאָנגען פון הינטן, ציט אים ביים עק אויף צוריק... פאַרן עק? אים, דעם שטאַרקסטן אין סטאַדע?... צעטרעטן, דערשטעכן, צעזעצן! מאַ—אָה!

ס'איז געווען די העכסטע צייט אָפּצושטעלן דעם מזיק. נישט קלערנ־דיק אַפילו, ווי שטיפעריש און אומבאַזאָרגט ער באַנעמט זיך אין אַזאַ געפאַר, האָט פאַנדרע, אין דער לעצטער מינוט, אַ כאַפּ געטאָן דעם בוהאַי פאַרן שטייפן עק. דורכן לייכטן נעפּל פון קאָניאַק אין קאָפּ און אין די

אויגן האָט זיך אים, פֿאַנדרען, נאָך אַלץ געדוכט, אַז נישט ער, נאָר אַן אַנדערער פֿאַנדרע טוט דאָס... כאַ־כאַ, אַ בייקישן עק איז באַקוועם אָנצו־כאַפּן. אויבן איז ער דין און אונטן דיק און האָריק. ער גליטשט זיך נישט פֿון די הענט. צי, פֿאַנדרע!

ער האָט די גאַנצע עקשנותדיקע משא פֿון לעבעדיקן פֿלייש האַסטיק אַ שלעפּ געטאָן צו זיך. פֿאַרגעשטעלט זיך, אַז דאָס וויל ער אויסקערעווען אַ משא־פֿערד פֿון אַ שמאָלן טויער אַרויס. דער בוהאַי האָט אַ ציטער געטאָן אונטער אַזאַ אומגעריכטן, געהיימנישפֿולן כּוח, וואָס איז אים באַפֿאַלן פֿון הינטן. ער איז שטיין געבליבן צווישן פֿאַרקאַן און כאַטע, צווישן דער רויטער קאַצאַווייקע וואָס וואַיעט און רייצט זיך מיט אים און צווישן דעם שטומען שונא פֿון הינטן, נישט אַהער, נישט אַהין. זיין שטאַרקסטער אָנפֿראַל, דער שטויס פֿון אַלע שטויסן, איז אַזוי מאָדנע גע־שטרויכלט געוואָרן. אָפּגעהאַקט זיךביים סאַמע ציל.

אָבער באַלד האָט דער דערשטוינטער בוהאַי געמאַכט אַ פּאָר טריט אויף צוריק. נאָך איין טריט — און ער איז אַרויס פֿון קלעם צווישן צוויי ווענט. און גאָר פּלוצלונג און מיט דער גאַנצער וואוט אַ וואָרף געטאָן מיטן האָריקן קאָפּ צום נייעם שונא. זיין גאַנצע צעיושעטע פֿלייש־מאַסע האָט דערביי געשפּילט די ראָל פֿון אַ טרייב־ראָד. און אָט דער לעבעדיקער, צעוויגטער באַרג האָט פֿאַנדרען געגעבן אַ טראַג אין דער לופֿט, ווי אַ דריי־בענקל אַרום אַ סלופּ פֿון „ריזן־טריט״... דאָס האָט אים אָפּגעשאָקלט פֿון האָריקן עק און אַ שליידער געטאָן מיט דער זייט אָן פֿאַרקאַן.

קיין צייט צו אָפּרייבן דעם אָפּגעקלאַפּטן זייט האָט פֿאַנדרע נישט געהאַט, וואָרים גלייך נאָכן שליידער האָט ער דערזען, ווי אַ פֿאַרשליימטער קאָפּ מיט צוויי שפּיציקע הערנער דרייען זיך צו אים אויס, מיט אַ שנאָרך און מיט אַ כראָפּ און מיט ראָפּע ביים מויל. און צוויי רויטע פֿאַרגלייזטע אויגן זוכן אים, דעם אַנידערגעפֿאַלענעם, מיט יענעם מוטנעם קוק פֿון אַ ווילדן מזיק, וואָס מאַכט שטאַרן דאָס בלוט אין אַלע אָדערן.

ערשט אַצינד האָט זיך פֿאַנדרע אינגאַנצן אויסגעטשוכעט. די זיסע פֿאַרע פֿונעם קאָניאַק איז אַוועקגעפֿלויגן. פֿוןביידע צעטיילטע פֿאַנדרעס, פֿון דעם נעפּלדיקן, שטיפֿערישן און פֿון דעם אמתן, שטאַרקן און אויס־גערעכנטן, וועלכער האָט זיך ביז אַהער בלויז צוגעקוקט, איז געוואָרן א י י ן פֿאַנדרע. בליץ־שנעל האָט ער דערכאַפּט דעם אַנטרונענעם עק פֿון בוהאַי, אָנגעהאָנגען זיך אָן אים און ווידער געלאָזן זיך מיטשלעפּן. דער הויכער פֿליישיקער רוקן פֿונעם מזיק האָט זיך אַצינד פֿאַרוואַנדלט

פאַר אים אין אַ מין דריי־באַריקאַדע, קעגן די מאוימדיקע הערנער וואָס יאָגן זיך נאָך אים.

דער בוהאַי, וועלכער האָט שוין געמיינט, אַז אָט, אָט דורסט ער זיין שונא, האָט דערפילט, אַז די אַראָפּגעשליידערטע משא האָט זיך ווידער אָנגעהאָנגען פון הינטן און בויגט אים די הינטערשטע פיס צו דער ערד. דאָס האָט אים איינגאַנצן משוגע געמאַכט. ער האָט גענומען פּאַבריקעווען, דריגען מיט די הינטערשטע און פאָדערשטע קלאָען, ווי אַ בייזער פערד, וואָס וויל פון זיך אַראָפּוואַרפן אַ צו־שווערן רייטער. ער האָט זיך נאָך דערביי געדרייט אין קרייז, אַרום זיך אַליין, און וואוטיק, מיט געשלענגלטע באַוועגונגען, געוואָרפן מיט די הערנער פון רעכטס נאָך לינקס און פון לינקס נאָך רעכטס. פון אָט די אַלע דריי האַסטיקע תנועות צוזאַמען האָט זיך באַקומען אַ מין נכפה־געדריי. אַ כאַלערע־געשלענגל פון איין גרויסן האָריקן גוף. און פאַנדרען איז אוממעגלעך געוואָרן עפּעס אונטערצונעמען, אויסצורעכענען וואָס נישט איז אין אַזאַ ווילדן מיש־מאַש...

אָנגעהאָנגען אָן עק, האָט ער זיך געמוזט מיטדרייען. ווי ס'האָט זיך געלאָזן. מענטש און בהמה האָבן זיך אויסגעמישט. איין רגע האָט זיך פאַנדרע דערמאָנט אין דעם נייעם נגידס בהמה, ווי ער לויפט מיט איר, פאַרפלאָכטן מיט אירע הינטערשטע קלאָען פון ברענענדיקן שטאַל. נאָר דאָרטן האָט ער געשלעפּט און דאָ — שלעפּט מען אים... אים פאַנדרען.

דאָס געדריי ווערט ווילדער. ער לויפט־מיט און עס שווינדלען אים פאַר די אויגן צוים און כאַטע און פאַרקאַן און אָנגעלאָפענע מענטשן אין הויף. און ווידער דער איינגעריסענער צוים מיט אַ רויטן אויפבליצן פון קאַטערינאַס קאַצאַווייקע... ס'איז דיר נישט דעם נייעם נגידס בהמה, פאַנדרע!

## 4.

דער געדאַנק, אַז די שיינע קאַטערינקאַ קוקט זיך אַצינד צו, אין וואָס פאַר אַ יינגליש־ אומבאַהאָלפענער לאַגע ער, פאַנדרע, דער גרויסער גיבור, איז דאָ אַריינגעפאַלן, האָט אים ווי מיט אַ האָרן אַ שטויס געטאָן אין צעהיצטן קאָפּ... דער מאַנצבילשער האָנאָר זיינער האָט זיך אין אים אויפגעכאַפּט. עס מעג אים קאָסטן דאָס לעבן, אָבער דער געצווונגענער קאַראַהאָד, מיטן בוהאַי, מוז אויפהערן, און — גלייך אויף אָן אָרט. נאָכ־טאַנצנדיק, ווי אַ באַנומענער הינטערן בוהאַי, מיטן עק פאַרקלעמט אין

ביידע הענט, האָט ער מיט די אויגן גיך אָפּגעזוכט אַ פּריי שטיקל אָרט, כדי דער מזיק זאָל אים נישט אַ שליידער טאָן אָן אַ האַרטע זאַך. און פלוצלונג — ברייט אַ שטעל־געגעבן ביידע פיס, אָפּגעלאָזט דעם עק, און, אין איין אָטעם, אַ וואָרף געטאָן זיך צום מיטן בויך פון בוהאַי. פון דער פּראַקטיק האָט פאַנדרע געוווּסט, ווי שווער עס איז אויסצוקראַצן דעם עלנבויגן מיט איין און דער זעלבער האַנט... פונקט אַזוי שווער מוז זיין דעם בוהאַי צו דערשטעכן אים מיט די הערנער, אויב ער וועט זיך אים צוטוליען צום בויך, ביז ער וועט געפינען אַן אויסוועג... אויף יעדנפאַלס האָט ער אויסגעשטרעקט ביידע הענט אָפּצושלאָגן אַ צו פלוצלעכן שטויס אין האַרצן.

פון דער פלוצלעכער לייכטקייט אין עק און פון דער האַרטער באַרי־רונג אין זייט, האָט זיך דער בוהאַי דערשראָקן. אָפּגעשפּרונגען אַ פּאָר טריט, און זיינע מוטנע אויגן האָבן געגומען זוכן דעם, וועלכער טרייבט מיט אים אַזעלכע בייזע קאַטאָוועסן. אַצינד האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע שפּיל. פאַנדרע איז מער נישט געווען דער שווערער וואָרף־שטיין אויפן עק, נאָר די אָקס אַליין; די אָקס פון דעם מזיקס באַוועגונגען. דער בוהאַי גיט זיך אַ וואָרף און צילט מיט די הערנער און פאַנדרע גיט אַ שפּרונג און טוליעט זיך אים צו מיטן בויך. גיי, שטעך די אייגענע ליטקע!

פאַנדרען האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַרויפשפּרינגען אויפן ווייסן רוקן, אויסרוען זיך אַ ווײַלע, נאָר ס'האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. דער בוהאַי איז פאָרט געווען פלינקער. נאָכדרייענדיק זיך אַזוי נאָכן שונא, האָט ער פאַנדרען געטראָפן מיטן פלאַך פון האָרן אין איין זייט. דאָס האָט געווירקט ווי אַ פּאַך פון אַ קלאָץ, אָבער נישט ווי אַ האָרן־שפּיז. פאַנדרע האָט אַ פאַל געטאָן. אַ געוואַלד האָט זיך אויפגעהויבן אין הויף. אַ וואָיען פון אַלטע „באַבעס": פּראָפּאַוו סאַרדעשני! (פאַרלוירן דער האַרציקער!). דעם אַנידערפאַל, צווישן דעם בוהאַיס קלאָען, האָט אָבער פאַנדרע פלינק אויס־גענוצט: פלאַך אַ וואָרף געטאָן זיך אויף קני און עלנבויגנס און אַזוי דורכגעשפּרונגען ווי אַ זשאַבע, דורכן בוהאַיס דריגענדיקע פיס, אויף דער צווייטער זייט. ס'איז געווען די זעלבע זאַך, ווי דורכצולויפן צווישן די רעדער פון אַ גיך־פאָרנדיקן וואָגן. נאָר ס'האָט זיך אים איינגעגעבן. די גרויסע געפאַר האָט אים געמאַכט שאַרף אויף יעדן פרייען ווינקל ערד, צווישן דעם בוהאַיס פיסנאָגעס.

די בלוט־פאַרגאָסענע אויגן פונעם מזיק האָבן דעם צוויי־פיסיקן שונא

געזוכט אַצינד אויף דער סאַמע ערד. אָט דאָ רעכטס איז ער דאָך אַני־דערגעפאַלן דער רירעווודיקער שונא! מהאָ! ווו איז ער דאָס דאָ?

אין אָט דער רגע פון שנאָרכן און זוכן אים ר ע כ ט ס איז גאָר פאַנדרע אויפגעשפּרונגען פון דער ל י נ ק ע ר זייט. מיט דער זעלבער בויגיקער פלינקייט פון אַן אַריבערגעבויגטער שטאָלענער ספרוזשינע, ווי ער איז שוין אַמאָל אויפגעשפּרונגען צו דערלאַנגען דעם אַ סך העכערן טשורילאָ־קאַטאַרזשניק אין דער ברייטער מאָרדע אַריין, איז ער אויך אַצינד אויפגעשפּרונגען און אָנגעכאַפּט דעם בוהאַי מיטביידע שווערע לאַפּעס פאַר איין האָרן.

— דערזשי! (האַלט) — אַזוי האָט פאַנדרע גראָב־גויאיש אַ ברום געטאָן, כדי זיך אַליין צוצוגעבן מוט. ער האָט זיך קרום איינגעשפּאַרט מיט איין שטיוול אין דער ערד און אַ רייסנדיקן בויג געטאָן דעם בוהאַיס קאָפּ, מיטן גאַנצן כוח און מיט דער גאַנצער וואָג פון גוף, ווי ער וואָלט געוואָלט אַראָפּבויגן אַן איינגעזשאַווערטן הויבל, אָפּברעכן אַ העלפט פון אַ ריזיקער פאָדקאָווע. דעם בוהאַיס הערנער האָבן טאַקע אַזוי אויסגעזען...

אַ ברילענדיקער כריפּ פון גרויסע נאָז־לעכער און פון אַ מויל מיט ראָפּע האָט אויפגעשאַלט. דער גרויסער פיר־קאַנטיקער קאָפּ פונעם מזיק האָט פאַמעלעך נאָכגעגעבן. איין בלוטיק אויג האָט זיך אויסגעדרייט אַרויף און דער אָנגעכאַפּטער האָרן האָט זיך אַראָפּגעבויגן. דאָס האָט פאַנדרע ווידער אויסגענוצט, איבערגעוואָרפן איין האַנט צום צווייטן האָרן און מיט אַ געוואַלדיקער אָנשטרענגונג געצומען אויסדרייען דעם בוהאַיס פאַרשוימטע מאָרדע צום הימל און די שפּיצן הערנער צו דער ערד.

דער מזיק האָט פאַרדאַפּלט זיינע כוחות אַרויסצודרייען זיך פון מאומי־דיקן נאַקן־ברעכנדיקן צוואַנג. ער האָט זיך אויך איינגעשפּאַרט מיט אַלע פיר קלאָען אין דער קרום, און מיט זיין גאַנצער משא אָנגעלענט זיך, דורך די פאַרכאַפּטע הערנער, אויף פאַנדרעס הענט. דערביי געמאַכט קורצע און שניידנדיקע באַוועגונגען מיט זיין אַרשין־דיקן האַלדז. ווי קורצע און דערשיטערנדיקע פולווער־אויפרייסן האָבן זיך די דאָזיקע האַלדז־באַוועגונגען איבערגעגעבן אין פאַנדרעס אָנגעשטרענגטע אָרעמס. און אויסגעהאַלטן האָט ער, אי די שווערע משא אי די שליידער־באַוועגונגען, נאָר דערפאַר, ווייל מיט יעדן צוק פון מזיקס האַלדז האָט ער, פאַנדרע, פּונקט אַזוי פיל פאַרדאַפּלט די קראַפט פון זיינע אייגענע לאַפּעס, אויסרוענדיק זיך נאָך איין סעקונדעלע צווישן איין צוקן און צווייטן. די גרויסע אָנ־שטרענגונג האָט זיך אַזוי איבערגעוואָרפן ווי אַ פופציק־פודיקער אומרו

פון די מענטשלעכע הענט אין די הערנער, און פון די הערנער אין די מענטשלעכע הענט. און פּאַנדרע האָט געפילט, אַז אָט־אָט מוז עפּעס געשען. אָדער זיינע אָרעמס רייסן זיך אים אַרויס פון די פּלייצעס, אָדער דער האַלדז פון בוהאַי רייסט זיך אַרויס פון דער ברייטער בהמהשער ברוסט.

אמת, אין זיין אַמאַליקער פּראַקטיק אין שעכט־הויז, פּאַרן פּריזיוו, איז אים נישט איינמאָל אויסגעקומען אַוועקצולייגן אַזאַ גרויסן אָקס צו דער שחיטה. אָבער דאָרטן זענען עס געווען געפּענטעטע אָקסן, טעמפּע קאַסטרירטע באַשעפענישן. פוילע איבערגעקאָרמעטע און האַלב־שיכורע פון דער זיסער בריי אין ברויז. און דאָ — אַ ווילדער, פייערדיקער זכר, אַ פרייער צעלאָזענער בוהאַי, וואָס דאַרף האַלט אין סטאַדע אויף „פּלאַד״; צערייצט און צעיאַכמערט פון צופיל אָפּגעבן זיך מיט צענדליקער דאָרפישע בהמות... פינף שחיטה אָקסן זענען נישט אַזוי פלינק און נישט אַזוי שטאַרק ווי אָט דער פופציק־פודיקער מזיק.

כדי צו האַלטן מוט, האָט פּאַנדרע, מיט אַ גרויסן אָנשטרענגען פון ווילן, פאַרגעשטעלט זיך, אַז דאָס איז אויך אַ שחיטה־אָקס, אַז ער מוז אים גוט האַלטן און פלאַך אַוועקלייגן אויף דער ערד, אַז נישט... אַז נישט וועט ער טריף ווערן. ער טאָר זיך נישט וואַרפן בשעת שחיטה, ער טאָר נישט...

דער שטומער צוויי־קאַמף פון „ווער וועמען״ האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ גוטע מינוט. דער שווייס האָט פּאַנדרען געשאָסן פון אַלע הויט־לעכעלעך און געבלענדט די אויגן ווי הייסע זאַלץ־וואַסער.ביידע, מענטש און בהמה, האָבן טיף און מאוימדיק געקרעכצט. האָט פּאַנדרע צונויפגענומען די לעצטע כוחות און נאָכאַמאָל אַ ריס געטאָן דעם בוהאַיס קאָפּ, אַראָפּ צו דער ערד. דער איבערברוך איז געקומען. דאָס ווילדע צוקען אין מזיקס האַלדז האָט אויפגעהערט. פּאַנדרע האָט דאָס גלייך דערשפּירט און איבער־געביטן זיין פּאָזע. אָנשטאָט צו שטיין מיט איין זייט צום האָרנדיקן קאָפּ, האָט ער זיך געשטעלט א י ב ע ר אים. איבערגערוקט איין שטיוול און צעגומען ביידע פיס ווי אַ גרויסע שער. אַזוי האָט ער געווונען מער געוויכט איבער זיין ווילדן קעגנער. נאָך איין ווײלעטשקע — און אַ גרויסע צונג האָט זיך ווייך אַרויסגעגליטשט פון פיר־קאַנטיקן מויל, אַראָפּגעלאָזן זיך ווי אַ טויטער לעקער וואָס מ׳העגנגט אויף צום רויכערן. אַ שטראָם מיט ראָפּע האָט אַ שפּאַר געטאָן פון איין זייט מויל. די בלוטיקע אויגן האָבן זיך האַלב־צוגעמאַכט, די קלאָען — אָפּגעלאָזט. און די פופציק־פודיקע פלייש־מאַסע האָט געגעבן אַ קלאָציקן פאַל אויף איין זייט, אויסגעצויגן

זיך ווי גרויס זי איז. דער אָנגעבלאָזענער ווייסער בויך האָט טעמפּ געמאַכט „בום״, ווי אַ שלעכט־אָנגעצויגענער קעסל־פּויק.

אָבער פֿאַנדרע איז נאָך אַלץ שטיין געבליבן איבערן אַנידערגעפֿאַלענעם ריז. ווידער אָנגעכאַפּט אים און פעסט געהאַלטן ביי איין סטאַרטשענדיקן האָרן, ער זאָל נאָכאַמאָל נישט אויפשפּרינגען. איןביידע פּלייצעס האָט ער געפּילט אַ שטאַרקן ווייטיק. דער געזאַלצענער שווייס האָט אים די אויגן געגעסן. אַן אויפגעבלאָזענער ווייסער באַרג האָט זיך כריפּענדיק באַוועגט אין אָט דער בלענדעניש. דעם בוהאַיס בויך איז דאָס געווען. נאָר פֿאַנדרען האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט, אַז די לעבעדיקע משא וואַרפט זיך אויף אים, שפּרינגט אים אין די פֿאַרלאָפֿענע אויגן. ניין, ער קען אים נאָך נישט פֿאַרטרויען, דעם געפֿאַלענעם מזיק!

ערשט אַצינד איז שמחהלע טורערו צוגעלאָפן מיט זיין לאַנגן אָפּגעלאָזענעם גאַרטל. קאַטערינקע און די אָנגעלאָפענע באַבעס אין הויף האָבן אויך צוגעטראָגן שטריק. דער אַלטיטשקער גויעצל, מיקיטאָס „באַטקאָ״, איז פון ערגעץ־ווו צוגעקראָכן מיט איין לאַפּטיעלע און צעכראַבעט זיך:

— בינדט אים, קינדער, בינדט אים! — אַזוי האָט ער געקאָמענדעוועט מיט זיין שיטערינקן קולכל און געשטופּט זיך אַלעמען צווישן די פיס.

מ׳האָט דעם בוהאַיס האַלדז און הערנער אַרומגעפּלאָנטערט מיט שטריק, אומגעלומפּערט געבונדן אים אָן אַ טאַלק, ווי צעשראָקענע ליליפּוטן טוען מיט אַ געפֿאַנגענעם ריז. דעם לאַנגן עק פון שטריק האָט מען פעסט איינגעבונדן אָן אַ סלופּ.

דערשיטערט פון דער איבערנאַטירלעכער קראַפט, וואָס האָט אים אַנידערגעוואָרפן, איז דער גרויסער בוהאַי געלעגן ווי אַ באַצויבערטער און געלאָזן טאָן איבער זיך וואָס מען האָט געוואָלט. ער האָט נאָר בהמהש פֿאַרוווּנדערט געגלאָצט מיט די גרויסע אויגן, וועלכע זענען איצט געווען נאָס פון בייקישע טרערן. ער האָט אַפילו נישט געקלערט אויפצושפּרינגען. מיט אַן אַרויסגעהאָנגענער צונג איז ער רואיק געלעגן און די געהיימניש־פולע איבערקראַפט האָט זיך נאָך געטראָגן איבער אים...

אויף דער ערד נעבן אים, און נישט ווייניקער מאַט פון אים, איז אַן איינגעקאָרטשעטער געזעסן — פֿאַנדרע. ווי נאָר מ׳האָט דעם בייקס הערנער פֿאַרכאַפּט מיט שטריק, האָט ער זיך אַ זעץ געטאָן, כמעט אַ פֿאַל געגעבן, אויפן געזעס; און אַזוי איז ער זיצן געבליבן, מיט אַראָפּגעלאָזענע אָרעמס און פּלייצעס, שווער געכאַפּט דעם אָטעם און דעם געזאַלצענעם שווייס

געלאָזן רינען אין די אויגן. קיין חשק נישט געהאַט אַפילו אַ וויש צו טאָן זיך. זאָל עס רינען!... ניין, אַזוי מיד האָט ער זיך נישט געפילט אַפילו דעמאָלט, אין אָסטראָג, ווען ער איז מיט אַ צעשונדענער גאָמבע אויפגעשטאַנען נאָך אַוועקלייגן פלאַך אויפן דיל טשורילאָ דעם קאַטאָרזשניק...

מיקיטעס שוואַרצע קו, מיט דעם ווייסן פלעק אויף דער ליטקע, האָט זיך נאָך אַלץ געריבן אָן אַ סלופּ ביים איינגעריסענעם טייל פון פּאַרקאַן, האָט נעבעך בהמהש און מיט חרטה געקרעכצט אין טיפן בויך. פּאַרענטפערט זיך אַפּנים, וואָס איר מגושמדיקער ווייסער קאַוואַליר האָט דאָ אָנגעמאַכט אַזאַ טאַראַראַם:

— מאָ—אָ!... אסור אויב איך בין שולדיק...

# קאַטערינושקאַ

## .1

ביי דעם דעמבענעם נאַקעטן טישל, אונטער אַ ווילדן באַרן־בוים, אין מיקיטעס הויף, האָבן זיך ברייטלעך צעזעצט פּאַנדרע און שמחהלע און געלאָזן זיך ווילגיין. קאַטערינקאַ, אַ צעפלאַמטע, אַ פּריש־איבערגעטאָנענע, האָט זיי באַדינט. און געטאָן האָט זי דאָס מיט דער גאַנצער דאַנקבאַרקייט פון אַ גוטמוטיקער גויע, וועלכע מ׳האָט אָקאָרשט געראַטעוועט פון אַ ביי־זער סכנה.

דער שטיק פּאַרקאָן נעבן טויער, וואָס דער צעווילדעוועטער בוהאַי האָט איינגעשטויסן, האָט מען, ווי־נישט־איז און אויף דערווייל צורעכט־געמאַכט; מען האָט צעטריבן די נייגעריקע דאָרף־„באַבעס" מיט די שקצימלעך. דער שולדיקער איבערן גאַנצן האַרמידער, דער מילך־ווייסער בוהאַי אַליין, איז שוין געשטאַנען אַציגד אויף אַלע פיר קלאָען, אַ האַלב־געפּענטעטער און אַ צוגעבונדענער האָט ער געגלאָצט מיט בייקיש־פּאַר־ווייַנטע אויגן און געלעקט די שליימיקע ראָפּע אַרום מויל. קוקנדיק אויף אים האָט טרויעריק געמוקעט מיקיטעס שוואַרצע קו. איז אָט ווי עס האָט זיך געענדיקט דער גאַנצער ראַנדעווו מיט דעם ליבן גרויסן בוהאַי. מענטשן האָבן נישט פּאַרגונען!... דער קאַוואַליר שטייט אַ געפּענטעטער. און זי אַליין — מוה! ווי צו אירע בהמהשע יאָרן... זי ווייסט, אַז מ׳האָט שוין עמיצן אַוועקגעשיקט אויף דער לאָנקע נאָך מיטרען דעם פּאַסטוך. אַ פלאַקס־קעפּיקער שגצל איז העגדום־פּענדום אַוועקגעלאָפן... מהו! און מיטרע וועט מסתמא באַלד קומען מיט דער לאַנגער קנאַקנדיקער בייטש, וועלכע דער־לאַנגט וויַיט, און „בייסט" זיך פּאַר אַ מייל...

אָבער די מענטשן אונטערן באַרן־בוים האָבן זיך, וויַיזט אויס, ווייניק וואָס געקימערט איבער דער קו און איר געליבטן. אויפן שלעכט געהור־

בעלטן טיש איז געווען אָנגעשטעלט די גאַנצע ברכה פון דאָרף: אַן אָנ־געהויבענער לאַבן האַלב־פרישער קאָרענער ברויט אויסגעטונקט אין צו־געבראָטנטן מעל, איבערגעצויגן מיט ברוינע שפּעלטעלעך און פּאַרלענ־גערט, אויף איין זייט, דורך אַ רויען זשליפּיעץ. די גאַנצע געשמאַקייט האָט דאָ דאַכט זיך, אויסגעשאָסן אין דעם הייסן אויוון; דורך מער און ברויט־קאָרע דורכגעריסן זיך און אַזוי פאַרבאַקן געוואָרן...

גרינע אוגערקעס מיט בולבעוואַטע זיסע בעזער און מיט פאַרצויגענע ביטערע נאָפּלען, אָקאָרשט פון בייט. אַזוי ווי זיי וואַקסן סוף־זומער אין גאָרטן, אַזוי זענען זיי דערלאַנגט געוואָרן...

אַ בכבודיקער רעטאַך, אַזוי גרויס און לאַנג און שפּיציק ווי מיקיטעס באָרד... זיין גרינע טשופּרינע, מיט אַ שטיק האַרטן קאָפּ, האָט קאַטערינאַ אָפּגעשניטן. אַ געקעפּטן דערלאַנגט צום טיש. און זיין געזונטע ווייסקייט האָט זיך אַצינד אַרויסגעטיילט פון דער ערדיקער שאָלעכץ, ווי אַ קיי־לעכליקער שטיק מירמלשטיין פון אַ שוואַרצן רעמל.

געבאַקענע קאַרטאָפּליעס אין די פעלצלעך. לעדערדיקע און קנאַקנ־דיקע. שווערע ערדיקע בייטעלעך פול מיט שפּייז און אַן אַ שלעסל... זייער ערד־ריח לאָזן זיי הערן ערשט דאַמאָלסט, ווען מען גיט זיי אָפּעטיטלעך אַ קייקל צווישןביידע דלאָניעס זיי זאָלן ווייכער ווערן... און אַז מען ברעכט זיי אויף, גיבן זיך אַ שפּאַר זייערע מעליקע געדערים. פון דער אַשיקער שאָלעכץ אַרויס, אין אַ לייכטער שמעקעדיקער פאַרע. אַזוי באַ־זאַלצט מען זיי און אַזוי דערטראַגט מען זיי, ווי איבערגעפּילטע בעכער צו די ליפּן. מן פון הימל קען מחיהדיקער נישט זיין!

אייער, האַרט־געקאָכטע אין ציבעלע־שאָלעכץ, אויפן דאָרפישן שטיי־גער, כדי צוצוגעבן זייער טויטער ווייסקייט אַ קאָליר פון פלייש. אַזאַ אָפּגעפּאַרבטע שאָלעכץ פון אַן איי ברעכט זיך אויף מיט גאָר אַן אַנדער חשק. און די גלאַנציק־בלוילעכע ווייסקייט פון האַרטן ווייסל — קוקט אַרויס לעבעדיקער, אָנציענדער. ווי אַ געזונטע ברוסט פון אַ קופּערנעם פּאַנצערל.

אין אַ טונקל־גרויער ערדענער שיסעלע האָט געלבלעך געלויכטן די פעטע דאָרפישע סמעטענע. פול מיט דער קילקייט פון פירהויז, פון וואַנען קאַטערינאַ האָט עס אַרויסגעטראָגן, און מיט דער זאַטקייט פון זומערדי־קער פּאַשע.

אַ בינטל גרינע ציבעלעס מיט איבערגעצייטיקטע „סטרעלקעס" צווישן די גרינע הילזן, האָט זיך ווייס־גרין און ביטער־זיס צעפּעכערט אויפן עק

טיש און ממש געבעטן זיך, מען זאָל אָפּבייסן די וואָרצלדיקע ווייסע בערד און טונקען אין זאַלץ.

אין אַ הילצערנעם רוסיש־געלאַקטן שיסל האָט זיך געטורעמט אַ גרויסער הויפן מאַלאָסאָלנע אוגערקעס, וואָס האָבן שוין פאַרלוירן זייער גרינקייט און געוווּנען אין געשמאַק און ריח. זיי זענען געווען איבערגעגאָסן מיט וויניקן ראָסל און באַשאָטן מיט „אוקראָפּ"־קערנדלעך.

אַ גרויסע ליימענע קרוג מיט ברויט־קוואַס, איז דאָ אויך געשטאַנען. און אין קרומלעכע, צווייי־קאָפּיקענע גלעזער האָט ער זיך געגאָסן ווי מוטנער אַלטער בורשטין. זיין גרינלעכער שוים האָט זיך נישט לאַנג געהאַלטן. ער איז באַלד נאָכן אָנגיסן צעגאַנגען אין דער אייגענער שטאַרקייט און קילקייט.

אַלס אַ פאַרבייסן האָט קאַטערינקאַ צוגעטראָגן, אין אַ קליין מולטערל, דעם בעסטן דאָרפישן „קאָמפּאָט" — פרישע בינען־האָניק אין „סאָטעס", ווו די זעקס־קאַנטיקע איידעלע וואַקס־קעמערלעך, גאַנצע און צעבראָכענע, קלעטערן שטאָק אויף שטאָק. פון אַלע „שטאָקן" פליסט האָניק און אַלע קעמערלעך שווימען אין אַ דורכזיכטיקער זיסער פליסיקייט. לויטן אויסזען און ריח האָט מען געקענט דערקענען, אַז דאָס איז דער אמתער „ליפּיעץ", וואָס די בינען קלייבן צונויף בשעת די ליפּעס (לינדן) בליען. אַ האָניק, וועלכער צוקערט קיינמאָל נישט און נעמט דורך די ביינער מיט זיין אָנשטעקנדיקן, פעטלעכען גערוך. און ווירקלעך, ווי נאָר קאַטערינקאַ האָט אַראָפּגעשטעלט דאָס פולע מולטערל, האָט ער גלייך פאַרשמעקט דעם גאַנצן טיש און פאַרטויבט די גראָבלעכע ריחות פון די אַנדערע שפּייזן. אַפילו די מאַלאָסאָלנע אוגערקעס און גרינע ציבעלעס האָבן זיך גענומען אָפּגעבן מיט „ליפּיעץ".

איבער אָט די אַלע ריחות, קאָלירן און טעמים האָט זיך אַציַנד אויסגעטיילט, גאָר באַזונדערס, קאַטערינאַס לאַכנדיקער פּנים, אירע קיילעכדיקע פּלייצעס, אירע טאַנצנדיקע היפטן, אירע טיף־רויטע ליפּן איבער די שאַרפע ציינער און אירע בלאַסע קרעלן איבער איר אָפּגעברענטן האַלדז. אירע קאַרע אויגן אונטער לאַנגע באַגולדעטע וויעס און אירע קופּערנע עקערעך האָר פון אונטער דער שוואַרצער קאָפּ־כוסטע מיט ראָזעווע מאָןבלומען. מ'האָט בשיינפּערלעך געזען, אַז ז י איז דאָס דער פּועל־יוצא פון אָט דער גאַנצער קאָלירטער שפע אויפן טיש. אויף אָט די אַלע ברכות פון דער ערד האָט זי זיך אויפגעהאָדעוועט און זיי אַלעמען אַריינגענומען אין אירע יונגע אברים. די ווייסקייט פון רעטאַך, די ברוינקייט

פון ברויט, די זאַפטיקייט פון אוגערקעס, די פעטקייט פון סמעטענע, די ווייכקייט פון די מעליקע הייסע בולקעס און די האַרטקייט פון די געהאַכטע אייער. און דער איבערפלוס פון געזונט און יוגנט גיסט זיך זיס און דורכזיכטיק, ווי דער ליפּיעץ־האָניק, איבער אירע לאַכנדיקע ליפּן.

זינט פאַנדרע און שמחהלע זענען אַוועק אין אָסטראָג, האָבן זיי ביידע אַזאַ פאַרביקע, שמעקנדיקע און זאַפטיקע שפע אויף איינמאָל נישט געזען. אַלע פינף חושים פון אונדזערע באַפרייטע אויסגעהונגערטע אַרעסטאַנטן האָבן זיך אויפגעעפנט, אַזוי צו זאָגן, כדי איינצונעמען אין זיך די ברכה פון דאָרף. וואָס מער זאַפט און זומער אַריינצונעמען אין זיך, נאָך אָדערהאַלבן יאָר חזירישן באָרשטש אין טורמע. יעטוועדער חוש האָט זיך אַצינד געקוויקט אויף זיין שטייגער. די אויגן האָבן זשעדנע געשלונגען די זאַטע שוואַרצקייט פונעם קאָרענעם ברויט מיט דער מעליקער קאָרע פון אויבן; די געפּאַסעקטע גרינקייט פון די זיסע אוגערקעס, דעם גאָלדענעם גלאַנץ פון האָניק, די העלפאַנטביין־ווייסקייט פון דער סמעטענע און דעם פאַרצעלייענעם גלאַנץ פון די האַרט־געקאָכטע, האַלב־געשיילטע אייער. די אויגן זענען איבערגעלאָפן פון קאָליר צו קאָליר און נישט געוווּסט אויף וואָס פריער אָפּצושטעלן זיך. די מתנות פונעם זומער האָבן זיך דאָ צעפּעכערט אויפן פויערישן טיש, ווי דער עק פון אַ פּאַווע, אַראָפּגעהאָנגען איבער זיינע ברעגעס, ווי פון אַן איבערגעלאָדענער קאָרב, פול מיט גוטע זאַכן.

די נאָזלעכער האָבן טיף אין זיך געצויגן די באַזונדערע און געמישטע ריחות: די קיצלדיקע ביטערקייט פון די ציבעלעס, די זויערלעכע שטאַרקייט פון קוואַס, דעם יערנדיקן אוקראָפּ־גערוך פון „מאַלאָסאָל”... די הענט האָבן געציםטערט, קייקלענדיק די געבאַקטע קאַרטאָפליעס, ברעכנדיק די דיקע לוסטעס ברויט, טונקענדיק די ציבעלע־קעפּלעך אין גראָבן זאַלץ, גיסנדיק דעם שוימיקן קוואַס אין די קרומע גלעזער. און די אייגענע אויערן האָבן זיך צוגעהערט ווי דער האַרטלעכער רעטאַך קנאַקט אונטער די באַק־ציינער, ווי די מעליקע ברויט־קאָרע קרעכצט, ווען מען בייסט זיך אין איר איין, ווי די געלכלעך פון די האַרטע אייער מאַלן זיך שטאָפּיק און געדיכט מיט דער געשמאַקער זויערקייט פון קאָרענעם ברויט. עס קוויטשעט אַזש אויף די יאַסלעס און דער קוואַס מאַכט גול־גול־גול

אין צעהיצטן דורשטיקן האַלדז. הייבט די צונג און דער גומען! וועגן זיי איז אָפּגערעדט! די האָבן זיך צוגעזען און געזונגען...

אַ ניגון האָבן זיי געזונגען!... אָט דעם וווּנדערלעכן שטומען ניגון פון געשמאַקן עולם־הזה קענען נאָר געזונטע, גוט־אויסגעהונגערטע מענטשן, וועלכע גייען אָפּ אַ פּופּצן וויאַרסט אויף דער ניכטער, שוויצן זיך גוט דורך און באָדן זיך דערנאָך אויס. ווייניקסטנס האָט די דאָזיקע מוראדיקע הנאה געפילט אַצינד נח פאַנדרע, וועלכער האָט זיך נאָך, אויסער דעם, אַזוי שטאַרק אָנגעשטרענגט ביים ראַטעווען ר׳ זימלען און ביים אַוועק־לייגן דעם בייזן בוהאַי. ער האָט פיבערדיק אַריינגענומען אין זיך די לייב־לעכע הנאה, און געפילט, מיט אַלע אברים געפילט, אַז זי קומט אים, ווי לעקאַך — אַ מחותן... די אמתע בעל־שמחהטע איז אָט די קאַטערינקאַ. צוליב איר איז די גאַנצע סעודה. און ער רייבט אַריין... נישקשה, זאָל זי אַ ביסל אַרומפּאַדיען אָט די געשמאַקע גויקע, אַ געזונט אין אירע זייטלעך... טפו! אַזוי, להבדיל, פלעגט ער אַמאָל ווינטשן מערען. אַך, דער אָסטראָג! דער אָסטראָג ליגט אים נאָך אין די ביינער.

אויסגעשוויצט פון גיין און פון אָקסן־קאַמף ווי ער איז געווען, האָט ער זיך נישט אַזוי גיך אָנגעזעטיקט מיטן קילן קוואַס. דערפאַר האָט אָבער דערנאָך אַ זעץ־געטאָן דער אמתער וועלפישער הונגער. צוויי הענט, צוויי אויגן און צוויי און דרייסיק געזונטע ציין האָבן זיך פאַרוועט. איין גלוסטעניש, צו דעם יענעם מאַכל, איז געלאָפן וועט־געלויף מיט דער אַנדערער גלוסטעניש. איין מויל בסך־הכל און אַזוי פיל גוטע זאַכן, אָן עין־הרע... און קאַטערינקאַ, די אויסגערוטע און זאַטע דאָרפישע בת־יהידה האָט מיט אַ פעטינקן שמייכעלע צוגעזען און צוגעהערט זיך ווי אַלץ וואָס זי האָט אָנגעשטעלט, פאַר אירע אָנגעלעגטע געסט, ברעכט זיך און שניידט זיך און קנאַקט און ווערט צעמאַלן און פאַרשלונגען, אַז ס׳איז אַ מחיה צו קוקן. אמת, שטאָטישע לייט עסן אַ ביסל צו גיך. אין דאָרף, ווי הונגעריק מען זאָל נישט זיין, איילט מען זיך נישט אַזוי. אָט דער מאָגערער פאַרשוין, נאָיס חבר, שלינגט שוין אַ ביסל צו גיך; ווי אַ סאַראָקע אין ווינטער שלינגט ער. דערפאַר אָבער נאָי (נח), אָט דער איליאַ מוראָמעץ*) וואָס איז פון וואַלד אַרויסגעשפּרונגען, און געקומען צו לויפן ראַטעווען זי — אַלץ וואָס ער טוט איז שיין. יעדע באַוועגונג

*) אַ רוסישער לעגענדאַרער גיבור.

זיינע נאָגט זי זיס אונטער דער הויכער ברוסט, קיצלט זי אין זייט. עס ווילט זיך איר זאָגן אים אַ גוט וואָרט, נאָר זי שעמט זיך. רעדט זי פאַר־שטעלטערהייט צוביידע געסט, און ווינטשעוועט פאַר איינע הוצאות שמחהלען אויך:

— עסט, עסט, גוטע מענטשן! עסט געזונטערהייט!

פילט זיך דערפאַר שמחהלע אַלס אַ גאַר נאָענטער מחותן, ביי אַזאַ חתונה, אינמיטן העלן טאָג. ווינקט ער אונטער מיט איין אויגל און רעדט צו פאַנדרען, מיט אַן אָנגעשטאָפּטן מויל:

— נו, בחקע! האָסט דאָך געוואָלט פאָרן מיטן פאַרעכאַד, האָסטו דאָך געוואָלט! וואָס האָסטו אָנגעווירן? אַ שלעכטער אָנבייסן אפשר? און מיט דער שיקסע, זאָג איך דיר, קען מען זיך אויך נישט פאַרסמען... הען ווי זי וואָרפט קוקערס! איך זאָל געוועזן זיין דו... אויף ד י י ן אָרט...

— פּרעס! — שלאָגט אים פאַנדרע איבער, און אַ היץ גיט אים אַ זעץ אין פנים. כאַפּט ער און בייסט אָפּ אַ ציבעלע דעם גאַנצן קאָפּ, כדי שמחהלע זאָל מיינען, אַז דערפון איז אים הייס געוואָרן...

**2.**

ערשט נאָכן אָוועקלייגן דעם בוהאַי, ווען קאַטערינקאַ האָט זיך דער־וואָגט אַרויסצוגיין פון דעם שמאָלן בלומען־גערטנדל, איבער דעם איינ־געריסענעם צוים, ערשט דאַ האָט זי אין דעם ברייט־פּלייציקן גיבור דער־קענט דעם „נאַי״ (נחן) פון דער יידישער יאַטקע. דער זעלבער „נאַי״, וועלכער האָט אַמאָל געקניפּט אַלע דינסט־מיידלעך, בשעת אויסטיילן חלקים פלייש פון קלאָץ. זי איז נאָך דאַמאָלסט געוועזן אַ יונג שיקסל און פלעגט זיצן ביים טאַטן אין וואָגן. דער טאַטע מיקיטאַ פלעגט צען מאָל מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער גייט אָוועק, און פלעגט זיך הייס דינגען איבער אַ פרישן זאַדעק אויף חגא. און זי איז געזעסן אין שטרוי. ווי אַ קוואָקעכע, און צוגעקוקט זיך. אָט דער זעלבער „נאַי״ איז איר שוין דאַמאָלסט געפעלן געוואָרן מיט זיין שוואַרצער טשופּרינע, מיט די פריילעכע גרויע אויגן און מיט זיין מוראדיקער גבורה ביים צעהאַקן די גראָבסטע קנאָכנס. זי האָט זיך נישט געוווּנדערט, וואָס די מוידן שטופּן זיך אַזוי צו זיין קלאָץ און קוואָטשקען אונטער זיינע גראָבלענדיקע פינגער, ווי די גע־כאַפּטע הינער. זי האָט כמעט מקנא־געווען די שטאָטישע מיידלעך, וועלכע זענען אַזוי פריי און נישט שעמעדיק און קויפן איין ביי ווען ז י י

געפעלט. אַט, ביי יידן קויפן די מאַנסבילן קיין פלייש נישט איין, ווי דער טאַטע אירער, ס'איז אַ ווייבערישער עסק...

די דאָזיקע דערינערונגען האָבן צוגעגעבן איר דאַנקבאַרקייט, פאַרן ראַטונעק, וואָס נאָי האָט איר געגעבן, אַ באַזונדערע מיידלשע וואַרעמקייט, אַ שוועבנדיקע לייכטקייט — אַלע אירע באַוועגונגען. און פאַנדרע, מיט זיין גאַנצער אויסגעהונגערטער מאַנסבילשאַפט, האָט דאָס געפילט אין יעדן קער פון איר היפט, אין יעדן בויג פון איר קאָפּ, אין יעדן צולויפן צום טיש — צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט. ער האָט זייער גוט געזען, אַז קאַטערינקאַ וואָלט זיך געקענט איינשפּאָרן נישט איין טרחה, אַז זי וואָלט געקענט דערלאַנגען עטלעכע עסן־זאַכן אויף איין מאָל. נאָר זי צעטיילט דאָס אומישנע, כדי וואָס אָפטער צוצוגיין צום טיש און וואָס נעענטער אָנזען דעם, וועלכער האָט זיך געשטעלט צווישן איר טויט־שרעק און צווישן ווילדן בוהאַי. און אַזוי גיך ווי זיין ערשטער דורשט און הונגער האָבן זיך געשטילט, האָט זיך אַן אַנדער הונגער אויפגעכאַפּט, אַ נאָגנדיקער, אַ הייסער, אַ ביי־נשמה־ציענדיקער. זיסע מורעשקעס זענען אים געלאָפן איבערן רוקן, פאַרקליבן זיך אין די פינגער און געמאַכט זיי ציטערן; און כדי צו פאַרמאַסקירן אַט דעם נייעם הונגער האָט ער זיך געוואָרפן, בשעתן עסן, פון כמורער שוויגעוודיקייט אין איבערגעטריבע־נער פריילעכקייט, און פון זשעדנעם שלינגען אין אַ פאַרקלערטן קייען.

אַריינרייבנדיק געשמאַק, האָט אים שמחהלע גענומען אָנקוקן פון דער זייט מיט פאַרדאַכט. ער האָט באַמערקט, אַז פאַנדרע אַכלט עפּעס נישט ווי ער וואָלט באַדאַרפט צו אַכלען, נאָך אַזאַ וועג און נאָך אַזאַ אָנהאָרעווען זיך. פאַרקוועטשט ער, שמחהלע, ממזריש איין אויג און ווינקט אונטער מיט דעם צווייטן:

— דו מעלה־גרהסט מיר עפּעס ווי אַ מילכיק קעלבל, נחקע! האָסט דאָך געשריען, אַז דו שטאַרבסט עסן, האָסטו...

— איך עס נישט?... — ווונדערט זיך פאַנדרע און כאַפּט רייבן מיט אימפּעט אויף ביידע באַקן און אַ רויטקייט שפּאַרט אים אָן אין דער אָפּ־געברענטער הויט פון פּנים.

נאָר מיטאַמאָל צערייצט אים דאָס לאַכנדיקע פייערל אין שמחהלעס אויגן און ער צעברומט זיך:

— טאַפּסט מיך, אַ? וואָס בין איך דיר? אַן אָקס אויף ברייז?... פּרעס! אָבער שמחהלע ווערט אַ האָר נישט נתפּעל:

— איך אויף דיין אָרט וואָלט איך אומזיסט־אומנישט דאָס לעבן נישט איינגעשטעלט. מילא, ר׳ זימלען אַרויסשלעפּן פאַר דער באָרד — אַ מצוה־זאַך. אָבער דו, קאַטערינקאַ־מאַלאַדיצאַ, כ׳האָב דיך אָפּגעשלאָגן פון בוהאַי? — באַצאַל! האָסט אָנגעקליבן ברוסניצעס פאַר דיין חתן? — כ׳וויל אויך ברוסניצעס...

— הענג זיך אויף, טורערו!...

פּאַנדרע האָט זיך אָנגעכמורעט און גענומען עסן מיט אַ געמאַכטער זשעדנעקייט. שמחהלע איז אים דאָ אַ ביסל איבעריק געוואָרן. וואָס דאַ־קוטשעט ער אים? דאָס — גייט מען צו גיך אויפן שליאַך. דאָס — זיצט מען צו לאַנג. דאָס געפעלט אים נישט ווי ער עסט. דאָס טשעפּעט ער זיך מיט אים סתם אַזוי, ווי מיט אַ יינגעלע...

נאָר אינמיטן בייזערן זיך גיט ער אַ הויב די אָנגעכמורעטע אויגן, פאַרגעסט אינגאַנצן, אַז טורערו קוקט אים נאָך יעדן ריר מיט דער ברעם, און צעלאַכט זיך פון פולן האַלדז. וואָרום ער דערזעט ווי קאַטערינקאַ נעמט צוזאַמען ביים פּאַרקאַן, די צעשאָטענע ברוסניצעס, קלייבט אַרויס די גאַנצע פון די צעטראָטענע. אין דער צעבראָכענער קערבעלע פון בעראָזעווער קאָרע קלייבט זי זיי צונויף... און אינמיטן אויפקלייבן, מאַכט זי פּלוצלונג אַ קולאַק דעם געפּענטעטן בוהאַי, וועלכער האָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן:

— או—או! טרעקליאַ—אַטי! (או, או, פאַרפלוכטער).

די צוזאַמענגענומענע רעשטלעך יאַגדעס האָט קאַטערינאַ, לאַכנדיק, אויך דערלאַנגט אירע אורחים. אַבי נאָך אַן איבעריק מאָל צודריקן זיך, מיט איין קיילעכדיקער זייט צום טיש, נעענטער צו פּאַנדרען. זי האָט שוין אַפּנים אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זי האָט דאָס געקליבן אין וואַלד צוליב איר חתן, וועלכער דאַרף קומען פון שטאָט, נאָך הייגט פאַרנאַכט... צווישן אַלע קאַלירן און רעשטלעך שפּייזן אויפן טיש, האָט דאָס רעשטל ברוסניצעס אויפגעלויכטן מיט אַ קאָראַלענער רויטקייט, ווי די קרעלן אויף קאַטערינאַס האַלדז, פאַרבלאַסט אַלע אַנדערע קאַלירן אויפן טיש און צוגעגעבן אים עפּעס יום־טובדיקס. אַ שיכורע פריילעכקייט פון אַ יאַריד.

פּאַנדרעס פינגער האָבן זיך נישט־ווילנדיק אַ ציי־געטאָן צום נייעם כיבוד, און געבליבן אַזוי אויסגעצויגן ביים ראַנד פון דעם צעבראָכענעם קערבעלע. ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט... שמחהלע איז טאָקע געוועכט.

מיקיטאַ האָט, דאַכט זיך, אויך געזאָגט אין פעלד, אַז דאָס האָט קאַטערינאַ געקליבן פאַר איר „נאַזשיצאַני״ (חתן)...

— מען מעג פאַרזוכן? — האָט ער קווענקלדיק אַ פרעג געטאָן.

— פאַרזוך גוטער מענטש, פאַרזוך! — האָט אים קאַטערינאַ שעלמיש־לאַכנדיק אַריינגעקוקט אין די אויגן. איר שפּילעוודיקע מינע איז אָבער גלייך פאַרפלויגן. צום צענטן מאָל האָט זי היינט פאַרחידושט דאָס, וואָס אַזאַ גיבור אַ מאַנסביל האָט אַזעלכע יינגלשע גרויסע אויגן. און אַזוי פרעמד איז זייער גרויער בליאַסק אונטער די שוואַרצע וויעס. פּונקט אַזוי פרעמד זענען די צו ווייסע ציין אונטער די שוואַרצע ווענסעלעך. אַ זשיד נישט זשיד. אַ ציגיינער נישט ציגיינער. און ביי איר „נאַזשיצאַני״ זענען די וויעס ווי ראַגאַזשע און די וואַנסעס ווי ראַגאַזשע...

— איז אַצינד — שרעקט זי איבער שמחהלעס געמיינער קולכעלע — אַצינד, קראַסאַוויצע, האָסטו שוין נישט מורא פאַר א ו נ ד ז?

„ער נעמט זיך שוין אויך אַריין אין כלל״, בייזערט זיך פאַנדרע אין האַרצן. „אונדז״!

דער גויעס אויגן לויפן אום. זי פאַרשטייט נישט, וואָס שמחהלע מיינט צו זאָגן.

— פריער אין וואַלד, — פאַרטייטשט איר שמחהלע — האָסטו זיך דערשראָקן פאַר אונדז, ווי פון גזלנים ביסטו אַנטלאָפן.

— דאַ טאַק אוזש... (שוין איינמאָל אַזוי) — מורמלט קאַטערינאַ פאַר־לעגן — נישט געוווּסט, נישט דערקענט אַז... אַז ס׳איז „נאַי״.

— אַזוי? נאַי? — חזרט איבער טורערו מיט אַ געזאַלצענעם שמייכעלע.

קאַטערינאַ דרייט זיך אויס אַ ביסל ברוגזלעך און גייט אַפּ פון טיש. אויך איר וואָלט לייכטער געווען, ווען אָט דער מיאוסער מענטש וואָלט דאָ ביים טיש נישט געזעסן. וואָס קוקט ער איר נאָך? וואָס שטעכט ער זי אַזוי מיט די „פּאַהאַנע״ אויגעלעך? נאָר ס׳איז נאָיס חבר. זי קען דאָ גאָר־נישט מאַכן.

פונעם ברוגזדיקן גאַנג ווערן אירע היפּטן נאָך בויגיקער. דער רוקן גלייכט זיך אויס. דער יונגער קאָפּ מיט דער געבלומטער כוסטע פאַרוואַרפט זיך. מען זעט אַפילו די שטראַמע „בייט״ צווישן אירע פּלייצעס. פאַנדרע לאָזט אַפּ די זויערע ברוסניצעס און פאַרקוקט זיך אויף דעם רוקן. ער עסט אים מיט די אויגן. אים אַרט שוין גאָרנישט, וואָס שמחהלע קוקט אים נאָך.

אפנים, כדי מער נישט צו רייצן דעם צוגעבונדענעם בוהאי, האָט קאַ־טערינאַ, נאָך פאַרן גרייטן דעם טיש, אויסגעטאָן איר מאַלינע־רויטע קאַצאַ־ווייקע. און איר געפּאַסעקטע קליידל, וואָס זי האָט צעריסן איבערן צוים, פאַרביטן אויף אַ ווייסן לייוונטענעם. נייע לאַפּטיעלעך האָט זי אַרויפגע־כאַפּט אויף אירע באָרוועסע פיס און פאַנדרע האָט מיט שטוינונג דערזען, ווי אַן אמת־שיינער פּאַסט אַלץ, וואָס זי זאָל נישט אָנטאָן. פאַרקערט, יעדע נייע אָנטועכץ מאַכט בולטער אַ נייעם חן, אַנטפּלעקט אַן אומבאַקאַנטן רייץ. קאַטערינאַס שיינקייט איז אַצינד אַרויס פון אירע קאָלירטע שאָלעכצן, וועלכע ער האָט געזען אין וואַלד און דאָ, הינטערן צוים פון בלומען־גערטנדל, זי איז אַריין אין אַ נייער ווייסער שאָלעכץ. דערפון איז קאַטערינאַ געוואָרן אַ ביסל גרעסער, דערוואַקסענער, ווייבערישער. איר ווייסע „כאַלאַסטינקע" (לייון) איז אַראָפּ נענטער צום לייב און אירע שטאַרקע בריסט האָבן נאָך מער אָנגעשפּאַרט, מיט זייער צייטיגקייט, אונטערן זויבערן לייוונט, ווי איבערגעוואַקסענע גרויסע יאַדרעס אין אַ דורכזיכטיקער פּרי. נאָר איין רויטע שנירל, וואָס איז געווען דורכגעצויגן אין דער כאַלאַסטינקע ביים האַלדז, האָט איר באַלויכטן אָט די קילקייט פון געוועב. און דער בלויער אָפּגעבליאַקעוועטער גאַרטל, וואָס האָט פויל אַרומגעכאַפּט אירע היפּטן, האָט זיך שפּילעוודיק און פויעריש־חנדלדיק געבאָמבלט ביים גיין, מיט זיינע אַראָפּגעהאָנגענע פרענדז, אין איר פולן שויס און אויף איר יונגן אָנגעצויגענעם בויך. און די שיין־פאַרבונדענע, שוואַרצע און געבלומטע כוסטע אויפן קאָפּ, האָט געשאַפן אַ שניידיק־שאַרפן קאָנטראַסט צו דער ווייסער כאַלאַסטינקע און צום בלאַס־רויטן בייטש קרעלן... צווישן אָט די קאָנטראַסטן האָט דער האַלדז און נאַקן אַרויסגעקוקט אַזוי פאַרפירע־ריש און אַזוי וואַרעם, אַז ביי פאַנדרען האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט פון דער גויעס אַוועקגיין, מער ווי פון איר צוגיין...

שמחהלע האָט דער ברוגז־געוואָרענער קאַטערינאַ עפּעס נאָכגערופן, אַז זי איז אַ „האַרנאַ דיעווקאַ", אַ שיינע מויד הייסט דאָס. און זי דאַרף גאָר נישט ברוגז ווערן... און פאַנדרען האָט ער,דערביי, אַ ביסל שטילער, אַ זאָג געטאָן אַ פּאָר גראָבע ווערטער וועגן דער גויעס בוזים און אַנדערע טיילן... נאָר פאַנדרע האָט אים גלייך אָפּגעשטעלט, אַ טורקע געטאָן אים מיטן עלנבויגן און אויך אַ רוף געטאָן:

— קום אַהער, קאַטערינושקאַ!

אויף זיין קול האָט זיך קאַטערינאַ גלייך אָפּגערופן און צוריק־

געקערט זיך צום טיש. אין אירע ברוינלעכע אויגן האָט געלויכטן אַן איבערגעגעבנקייט פון אַ טרייען הונט און אַ פרייד פון אַ יונג־בלוט נאָך אַן איבערגעלעבטער גרויסער געפאַר.

אַנווייזנדיק אויפן טיש, וואָס איז נאָך געווען געדיכט פאַרשטעלט מיט שיריים פון אַ רייכן דאָרפישן מאָלצייט, און סטראַיענדיק זיך דער קול זאָל ברומען וואָס ווייכער, האָט זי פאַנדרע אַ פרעג געטאָן:

— זאָג נאָר, קאַטערינושקאַ, ווו האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזוי גרייטן צום טיש?

— אַ ווידאָמאַ, — לאַכט צו אים קאַטערינאַ — ביי יידן! דער טאַטע האָט געוואָלט נאָך אַמאָל חתונה האָבן און אַריינגענומען אַ שטיפ־מאַמע אין שטוב. בין איך אַוועק קיין שקלאָוו און געשטעלט זיך דינען ביי יידן. איז דער טאַטע דערנאָך געקומען און מיך אָפגענומען. „כ׳וועל מער נישט חתונה האָבן”. זאָגט ער...

— ביי וועמען האָסטו דאָרט געדינט? — ווערט פאַנדרע שטאַרק נייגעריק.

— אַ ווידאָמאַ! — מאַכט קאַטערינקאַ — ביי חיימען. אַ רייכער ייד, חיים. וואָס אָקעגן די יאַטקעס...

פאַנדרע איז זיצן געבליבן געפּלעפט פון דעם דאָזיקן ענטפער. דאָס מויל האָט זיך אים אַזש אויפגעעפנט פון בייזער פאַרוואונדערונג. און דאָ זיצט נאָך שמהלע און גיסט בוימל אויפן פייער:

— דו הערסט דאָך ביי וועמען? ביי ד י י ן נייעם נגיד! ווי איך בין אַ ייד. נו?

— לאַנג האָסטו דאָרטן געדינט? — פרעגט פאַנדרע שטילערהייט און דערקענט נישט זיין אייגענעם קול. אַזוי הייזעריק איז ער מיט אַמאָל געוואָרן.

— ניין. נישט לאַנג. נישט קיין גוטער מענטש איז ער, חיים. כ׳האָב מורא געהאַט צו בלייבן מיט אים אַליין אין שטוב. ווי איך בלייב מיט אים אַליין — אַזוי אַלערליי ווערטער אַזעלכענע... קריכט נאָך מיט זיין שטוב־כאַלאַט. טשיקעוועט אין קיך אַריין. אַ פליך ביז די אויערן. קינדער — דערוואַקסענע. און אַליין — טפו! ניע דאַי באָזשע! (באַהיט גאָט!)

— דו הערסט? — מאַכט שמהלה מיט אַ שלעפערדיק־בייזער מינע־לע — געהערט וואָס אַ מערידאַלניק פאַרגינט זיך? יונגע שיקסעס גיב אים? און אַ מכה וויל ער נישט?

פאַנדרען האָט שאַרף אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן פון שמחהלעס פירוש. ער האָט אַזש אַ ליפּ פאַרביסן. די אַלע חשבונות מיטן נייעם נגיד זענען אין אים מוטנע אויפגעשווומען ווי הייוון אין אויפגערודערטן וויין. די שלימזלדיקע שריפה האָט זיך אים קלאָר דערמאָנט, דאָס ראַטעווען דעם נייעם נגידס בהמה, דאָס שטעלן זיך אַקעגן דעם פריסטאַוו. דאָס בעטלען פון ר׳ סענדערן, עליו השלום, דער נייער נגיד זאָל געבן צו־שטייער אויפן משפט, און די צוויי דריי רובלדיקע, וואָס יענער האָט ר׳ סענדערן צוגעוואָרפן פון קאָרטן... אַלץ ווייסט ער דורך מערעס בריוו און פון שעפטעלען. און אָט דער דאָזיקער נפש האָט נאָך אַן עזות צו קריכן צו... צו יונגע גויעס. צו קאַטערינקען!... ווי אַ וואַנץ דאַרף מען אים צערייבן! טורערו איז גערעכט!... שאַ, פאַנדרע! און אין פלוג געגומען, וואָס איז דאָס דיין עסק? אַ שומר פון דאָרפישע שיקסעס ביסטו געוואָרן? און פונדעסטוועגן — פאַרוואָס פאַרדריסט דאָס אַזוי? פאַרוואָס זעגט דאָס אַזוי איבערן לונג און לעבער?

# אויפגעפרעסן די ברוסניצעס

.1

פּאַנדרעס ווערטלען זיך מיט קאַטערינושקען האָט איבערגעריסן מיטרע דער פּאַסטוך ער איז אַנגעלאָפן פון דער לאַנקע מיט זיין בלעכערנער טרובע און מיט דער לאַנגער בייטש — פאַרוואָרפן אויפן אַקסל. און, כדי אָנצושרעקן זיינע אַנטלאָפענע קעסט־קינדער — מיקיטאַס שוואַרצע קו און דעם ווייסן בוהאַי, האָט ער נאָך, פאַרן אַריינקומען אין טויער, אַ שברים־תרועה געטאָן אין זיין לאַנגער טרובע; אַ פּאַסטוכישן שטייגערל אויסגעדרייט...

ווי אַ פאַרבענקטער אָפּקלאַנג פון טויאיקע לאָנקעס און גראַזיקע פּליינען האָט זיך דער טרוב אַראָפּגעגעבן אין די לאַנגע אויערן פון דער קו און פון איר געפּענטעטן „קאַוואַליער". „טרו־טאַ־טאַ"... די פעלדער רופן, די גרעזער ווינקען...

אָבער גלייך נאָכן טרובען האָט זיך דערהערט דער שאַרפער קנאַל פון מיטרעס לאַנגער און קניפּלדיקער בייטש. ווי אַ שאָס אָן פּולווער איז עס איבערן פאַרקאָן אַריבערגעפלויגן. דער שולדיקער בוהאַי האָט אַ ציטער געטאָן, אַ ריס געטאָן זיך. אָבער דער קורצער סלופּ און די שטאַרקע שטריק האָבן אים פעסט געהאַלטן. האָט ער גענומען טרייסלען מיטן גרויסן האָריקן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּשאָקלען פון זיינע שלעכטע מעשים און פון דער שווערער באַצויבערונג וואָס פּאַנדרעס קראַפּט האָט אויף אים אָנגעוואָרפן.

און מיקיטאַס שוואַרצע קו, מיטן ווייסן פלעק אויף דער ליטקע, האָט זיך עפּעס אויך געפילט נישט מיט אַלעמען. אומרואיק האָט זי זיך איבערגעשטעלט אויף אירע קלאָען, געדרייט מיט די לאַנגע אויערן און טרויעריק געמוקעט. ס'הייסט: „מיטרע לעבן! דער בוהאַי איז גאָט די נשמה שולדיק! איך, איך! איך אַליין..."

און דאָ האָט שוין מיטרע־פּאַסטוך מיט זיינע כלים און לאַפּטשעס

אַריינגעשפּרייזט אין מיקיטאַס הויף, און — פּאַדאַוואַי זידלען און שילטן דאָס אַנטלאָפענע „פּאַרל", יעטוועדערן באַזונדער.

— אַך דו סטערוואָ! — ווענדעט ער זיך מיט שוים ביים מויל, ווי מען ווענדעט זיך צו אַן אויסגעלאַסענער מויד, ווען מען כאַפּט זי ביי אַן עבירה, — דו שוואַרצע פּאַסקודע! דו ווייס־לאַפּיקדיקע סיסנאַהע דו! ווייניק דיר, דו אַזוינע און אַזוינע, אין פעלד? דאַרפסטו נאָך, דו נפקא, פאַרפירן דעם בוהאַי צו זיך אַהיים, אין דיין מאַמען אַריין! פאַר דיר אַליין ווילסטו דעם בוהאַי האָבן? פאַרגינסט נישט, הייסט דאָס, טאָמער וועלן זיך אויך אַנדערע בהמות „לויפן" מיט אָט דעם גולם? טו, נאַ־זשע דיר! און נאַ דיר!...

אַזוי לאָזט אויס מיטרע פאַסטוך זיינע שטראָף־רייד מיט אַ קנאַל פון דער לאַנגער בייטש איבער דער בהמהס רוקן. אַ לאַנגער געדראַלענער פלעק שפּרינגט אַרויס אויף דער בהמהס פעל, און, פאַררייסנדיק דעם עק און מוקענדיק פון ווייטיק, רייסט זי זיך אַרויס פון אָפענעם טויער.

— און דו? — ווענדעט זיך אַצינד מיטרע־פאַסטוך צום שיינעם „בחור" — האָסט נישט, דו אויסוווּרף, ווו דיין בויאַנסטוואָ אַהינצוטאָן? פאַרקאַנעס איינוואַרפן, ווייבער שטויסן, דו „ניעכריסט"? נאָך רויטע קאַצאַווייקעס יאָגן זיך? דיין גלייכן זענען זיי?... וואַרט, וואַרט! לאַמיך דיך קאַרשט אָפּפענטען, דו הילצערנע מאַרדע! וואַרט, וואַרט!...

פאַנדרע, שמחהלע און קאַטערינושקאַ האָבן זיך געהאַלטן פאַר די בייכער צוהערנדיק, ווי מיטרע טענהט זיך אויס מיט זיינע קעסט־קינדער. דער ערשטער איז פאַנדרע אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך פאַרחידושט, ווי רואיק און זיכער מיטרע דער פאַסטוך פענטעט אָפּ דעם האַרביקן ריז. אָט די זעלבע ווילדע חיה, וואָס איז ערשט מיט אַ שעה צוריק געוועזן אַזוי געפערלעך, אַזוי ווידערשפּעניק, אויף וועלכער ער, פאַנדרע, האָט אַזוי פיל כוחות אַוועקגעלייגט, דרייט אַצינד אונטערטעניק מיט די האַריקע אויערן, לאָזט זיך אָפּפענטען, און לויפט אַרויס פון הויף, אונטער מיטרעס אָנגעשריי, מיט דראָבנע טריטלעך. אַפּנים דער ריח פון מיטרעס אַנטועכץ איז אַן אַנדערער, נישט קיין שטאָטישער. אַ לייבלעכער ריח פון איין און דער זעלבער משפחה. פונקט אַזוי, ווי היינט דער בוהאַי, האָבן אַמאָל ר' סענדערס פערד פיינט געהאַט זיינע קצבישע בגדים. געביסן זיך, געדריגעט...

מיט אַ חברישן קוק האָט פאַנדרע אַרויסבאַגלייט דעם גרויסן בוהאַי. מיט אַזאַ קוק באַגלייטן אוודאי ערלעכע און שטאַרקע קעמפער זייערן

אַ באַזיגטן קעגנער, ווען מען פירט יענעם אַרויס, אונטער די הענט, פון דער אַרענע אין צירק... אַ שטומע צונג אַפילו, אָט דער גרויסער בוהאַי. אָבער אַ בכבודיקער האָרן־שטויסער און בויך־אויפשפּאַלטער! ביין. זיין בייקישן כבוד, דעם כבוד פון אַן עלטסטן אין סטאַדע און פון אַ „הער־צער־ברעכער", ביי אַלע בהמות, האָט ער פאָרט נישט געלאָזן פאַר־שוועכן... מוה־ה!

אָנגעלאָכט זיך אַ פולן בויך, ווישט זיך שמחהלע אָפּ די אָנגעלאָפענע טרערן, פאַרקירעוועט איין אויגל אונטער דער באַראַשקענער היטל און מאַכט שטילערהייט צו פאַנדרען:

— מילא דו און קאַטערינקאַ לאַכן — פאַרשטיי איך נאָך. ס'איז אייך פריילעך, אָבער וואָס לאַך איך?

אויף זיין רעטעניש־שפּראַך האָט אים נאָר פאַנדרע אָפּגעענטפערט מיט אַ האַרטן קוק, ווי מען קוקט אַן אַן איבעריקן און פאַרזעסענעם גאַסט.

— נאַ, — לאָזט שמחהלע בורטשענדיק אַראָפּ די אויגן אונטער דעם דאַזיקן שטייפן קוק — איך זע דאָך שוין, אַז דיר און דער שיקסע האָט אָנגעשפּאַרט... הייגט וואָס פּלאָנטער איך זיך דאָ? איז לאָמיך בעסער גיין צושפּאַרן זיך ביז די היץ וועט אָפּפאַלן...

פאַנדרע שווייגט אַן אָנגעכמורעטער.

— אַ דאַנק דיר! — ווענדעט זיך שמחהלע אויף גויאיש צו דער שיקסע, מיט אַ באַהאַלטענעם שפּאַט — אַ דאַנק דיר, קאַטערינקאַ, פאַר ברויט און זאַלץ! צו דיין חתונה וועל איך דיר פאַר דיין כיבוד שענקען אַ גוטן זאַדיק. האָב קיין מורא נישט!... ווייז! ווו קען מען זיך דאָ צושפּאַרן אַ ביסעלע?

— אָט דאָרטן! — ווייזט אים קאַטערינושקאַ אָן און אָטעמט לייכטער אויף — אָט דאָרטן אין גערטל, ווו די פּאָדסאָלנוכעס.... (זון־בלומען). אַ גרינע בייט איז דאָרטן פאַראַן אין שאָטן. סיי ווי סיי האָט דער בוהאַי צעטאָפּטשעט. ניטשאַוואָ!

שמחהלע האָט גענומען זיין קלומיק און, זינגענדיק עפּעס אַ געמיין ניגונדל, אַוועקגעשפּרייזט צום בלומען־גערטל מיטן איינגעריסענעם בוים. נאָר עטלעכע מאָדנע ווערטער מיט אַן אויסטערליש־פאַרדרייטן גמרא־ניגון, האָבן דערגרייכט צו פאַנדרעס אויערן:

— אי, שור שנגה את השי־ווי־ווי־י־ק־קסע! *)

פאַנדרע האָט אָבער קיינמאָל קיין משניות נישט געלערנט און שמחה־לעס מיין נישט פאַרשטאַנען.

### .2

ווי נאָר שמחהלע איז פאַרשוווּנדן הינטערן קילן ווינקל פון כאַטע, האָט פאַנדרען שטאַרק גענומען קלאַפּן דאָס האַרץ. אַזאַ יינגלישע האַרץ־קלאַפּעניש האָט ער שוין נישט געפילט זינט ער האָט חתונה געהאַט. נאָר בשעת ער איז נאָכגעלאָפן מערען און יענע האָט אים נישט גע־וואָלט — דאַמאָלסט יאָ.

— ווי קום איך צו פאַרגלייכן אַ שיקסע מיט מערען... בייזערט זיך פאַנדרע אין האַרצן, אָבער עפּעס איז דאָ שטאַרקער פון אים. ער בייזערט זיך און דאָס האַרץ קלאַפּט פון בלייבן אויג אויף אויג מיט קאַטערינושקען. נישט די מידקייט פון גיין צו פוס אַזאַ ווייטן וועג אין אַזאַ היץ, נישט דאָס טרינקען זיך מיט זימלען צוזאַמען, נישט דער קאַמף מיטן בוהאַי, נישט דאָס שטאָפּיקע דאַרפישע עסן — זענען בכוח איינצושלעפערן די מאָדנע אומרואיקייט וואָס האָט אים אַציינד אַרומגענומען. און דאָ שטייט נאָך קאַטערינושקאַ אַזוי נאָענט, בלוט־און־מילך און זון, און דערציילט לאַכנדיק, ווי דער בוהאַי איז זי פריער באַפאַלן. זי באַמערקט אַפילו נישט, ווי איר נישט־געקינצלטער אָפענער לשון גיסט בוימל אויפן פייער, מיט איר פויערישן הומאָר, וואָס גיט זיך אָפּ מיט גראָז און שטאָל און נאַטירלעכע באַדערפענישן, דערציילט זי, אַז שוין באַלד אַ חודש, ווי די יונגע בהמה זייערע ברענגט מיט זיך אַראָפּ, אַלע עטלעכע טעג, אויף כיבוד דעם ווייסן באַיק פון סטאַדע. אַ נייעם בוהאַי האָט מאַקאַראָווקי געקויפט „אויף פלאָד". אויפן לעצטן פאַסכע־יאַריד האָט מען אים איינ־געהאַנדלט. אַ גוטע פאַראַדע אויסגעזוכט. אַלע פויערים האָבן געגעבן צושטייער... איז אָט האָט ער זיך פאַרנאַדיעט דער זעלבער בוהאַי. שלעפּט זיך נאָך, אַזאַ גרויסער האַרניקער זכר נאָך זייער שוואַרצער בהמלה. אַ „פאַטיכע" צו קוקן! עפּעס ווי דער סטאַראָסטע פון דאָרף זאָל זיך געווען נאָכשלעפּן נאָך אַ קליין מיידעלע... טיאַ־טיאַפּ מיט אַלע פיר

*) אַ, אַן אָקס וואָס האָט אַ שטויס־געטאָן אַ שי־יק־סע! איבערגעדרייט פון שור שנגח את הפרה.

קלאָען. און אַן אַקט מיט איר, מיט דער בהמהלע! זי ווייסט גוט, די הולטאַיקע, ר ו ע ן אַלע אַרבעטן אויפן פעלד. גראָד דאַמאָלסט ברענגט זי אַראָפּ דעם ווייסן חתן אירן, וועלכער איז צען מאָל גרעסער פון איר. פאַרן זיידעלע אונדזערן האָבן זיי אויך קיין מורא נישט. וואָס קען ער מאַכן דער אַלטיטשקער? יאָגן זיך אפשר נאָך זיי, מיט זיינע קראַנקע פיסלעך? זיצט ער אויף דער פריזבע און קרעכצט... קומט ער זיך אַזוי גאַנץ רואיק, דער טייערער חתן, עפּנט אויף דעם טויער מיט די הערנער, זליאָקעט אויס דער בהמהס פאַילע, פרעסט אויף איר היי, צעטאָפּטשעט איר אונטערלעגער. און זי, די שוואַרצע כלה זיינע, שטייט נאָך דערביי אַ הונגעריקע און מוקעט. אַזאַ שטיק נאַר דאָס איז! ווינטשעוועט נאָך, קענטיק, אַז ס'זאָל אים זיין צו געזונט. און פּאַטשט זיך מיטן עק איןביידע באָקעס. און ווי נאַר ער פרעסט זיך אָן דער בוהאַי, אַזוי הויבט ער זי אָן צו האָליובען אונדזער בהמהלע...

— אָ? — מאַכט זיך פאַנדרע תמעוואַטע — ווי אַזוי האָליובעט ער זי? — גיט ער שטיל און הייזעריק אַ פרעג און פילט, ווי דאָס גאַנצע לייב ברענט אויף אים.

— אַ וויעדאָמאָ (מען ווייסט)! — דערקלערט אים קאַטערינושקאַ פּראָסט און פּשוט — שטעלט זיך דיבאָם און מיט די פאָדערשטע קלאָען — אַ וואָרף זיך איבער דער בהמהלע. אונדזער בהמהלעס רוקן גיט זיך אַזש אַ בויג און אַ קנאַק אונטער אַזאַ „מאַכינע". אָט־אָ ברעכט ער זי איבער, אַזאַ בוהאַי! נאָר „ניטשאַוואָ". זי האַלט אויס...

— און היינט, — דערציילט קאַטערינושקאַ, נישט אָפּשטעלנדיק זיך — היינט קומט זי פּלוצלונג אַהיים. אין וואַלד האָט זי ברוסניצעס גע־קליבן, אין פעלד — דעם טאַטן געהאָלפן און פאַרלאָפן אַהיים געבן דעם זיידעלען עסן, ערשט — אַהאַ! די בהמהלע מיט איר בוהאַי זענען דאָ! האָבן, קענטיק, זיך גאָר נישט געריכט אויף איר... הויבט זי אויף, אויף קאַטאָוועס, אַ שטיק האָלץ און טוט אַ פּאַך אויפן בייק. געמיינט, ער וועט זיך דערשרעקן. „ניאַ טוט־טאַ בילאָ!" (עס הויבט זיך גאָר נישט אָן), אַז ער גיט זיך דאָס נישט אַ מאָרדעווע אויף איר, דער בייק! איר רויטע קאַצאַווייקע האָט אים, זעט אויס, די בייקישע אויגן אויסגעשטאָכן, די רויטע ברוסניצעס — אין קערבעלע... זי האָט אָן דעם אינגאַנצן פאַרגעסן.

— יאָק נאַפּרעטש (ווי ער שטורעמט דאָס אָן)! — מאָלט אים קאַטערינושקאַ דאָס בילד און מאַכט צעשראָקענע אויגן — ווי ער האָט דאָס פאַרריסן דעם עק, ווי ער האָט דאָס אָנגעצילט די הערנער! אַ באַ־

האָרנטער באַרג פלייש איז אויף איר אָנגעלאָפן. מיט איין טראַסק — איינגעוואָרפן אַ שטיק פלאַנקן, אָט דעם זעלבן שטיק, לעבן טויער, וואָס „באַי" האָט אויך געהאָלפן פאַרריכטן. אַ גליק האָט איר געטראָפן, וואָס זי האָט זיך פון ערשטן קלאַפּ אַרויסגעדרייט. זי ווייסט אַליין נישט ווי ס'האָט זיך איר איינגעגעבן. אַזוי האַסטיק איז דער קלאַפּ געווען... האָט זי זיך געלאָזן לויפן צום טיר פון כאַטע. געוואָלט איינשליסן זיך. אָבער דער בוהאַי איז איר דעם וועג פאַרלאָפן. מיטן ברייטן הינטן פאַרשפּאַרט דעם אַריינגאַנג. אַ גליק איז איר געשען, וואָס איר איז איינגעפאַלן אַ וואָרף צו טאָן דאָס קערבעלע ברוסניצעס. פּאַדאַוואַי זעצן דאָס קער־בעלע מיט די נאַרישע הערנער און דריגען מיט די קלאָען איבער די צעשאָטענע יאַגדעס! דערוייל־וואָס האָט זי פּאָספּיעט אַריבערדראַפּען זיך מיט די באָרוועסע פיס איבערן צוים פון בלומען־גערטל. אַ שטיקל קליידל אָפּגעריסן, אַ קנעכל צעשונדן. ווען נישט די ברוסניצעס ווייסט זי נישט וואָס פון איר וואָלט געוואָרן. דער בוהאַי האָט זי אָבער אין גערטל אויך דערשמעקט. דערנאָך איז ער, „באַי", אָנגעלאָפן...

— און אויף דיר, קאַטערינושקאַ, — גיט פּלוצים פאַנדרע הייזעריק אַ פרעג און נעמט זי אָן ביי דער האַנט — אויף דיר האָט זיך קיינמאָל אַ מענטש... אַ מאַנסביל אַזוי נישט געוואָרפן?

קאַטערינושקאַ פאַרשאַרט די ברעמען אונטער דער כוסטע פון אַזאַ פּלוצלעכער שאלה און פון פאַנדרעס קוק. זיינע אויגן זענען אַצינד מוטנע און מיט בלוט פאַרלאָפן, ווי פריער ביים צעווילדעוועטן בוהאַי. זי גיט נישט־ווילבדיק אַ ריס איר האַנט פון זיין האַנט:

— טשאַהאָ (ווי)? איך פאַרשטיי נישט. וואָס הייסט אַ... מענטש וואַרפט זיך?

— דיין התן — דער סאָלדאַט! — מאַכט פאַנדרע שטיל און פרעגט, און פילט ווי דאָס אַמאָליקע קצבישע גראָבקייט צו ווייבער קערט זיך צו אים אום.

אַ געדיכטע רויטקייט פאַרגיסט קאַטערינאַס פּנים. דאָס צווען, אַמאָל אין יאַטקע, ווי „באַי" קנייפּט די יונגע דינסט־מיידלעך, דאָס אַנטלויפן פון אים הייגט אין וואַלד, ווי פון אַ בראָדיאַגע, דאָס ראַטונעק וואָס ער האָט איר הייגט געגעבן, אַלץ מישט זיך ביי איר צונויף אין איין גרויסער אומרואיקייט.

— זשאַנאַטי! (אַ באַווייבטער) — אַזוי שאָקלט זי מיט איר געבלומל־

טער קאָפּ־כוסטע — ווי שעמסטו זיך נישט „נאַי״?... אָט וועל איך נעמען און דערציילן היינט מיין חתן...

— דערצייל, דערצייל! — לאַכט פּאַנדרע מיט יאַשצערקעס — אויך מיט אים וועלן מיר זיך ספּראַווען...

ער פילט, אַז דער שיקסעס אָרנטלעכקייט האָט אים אַריבערגעוויגן. קאַטערינושקאַס צוריקגעהאַלטנקייט איז אָבער נישט אויף אַזוי פיל „געפּערלעך״ ער זאָל זיך אינגאַנצן אָפּקילן. ער האָט נאָר פאַרגעסן ווי צו רעדן מיט אַזעלכע צו־יונגע שיקסעס.

און אָנשטאָט צו באַרואיקן זי רייצט ער זי נאָך מער:

— און פאַרוואָס האָסטו מיר אָוועקגעגעבן אָט די רעשטלעך ברוס־ניצעס? האָסט דאָך פאַרן חתן געקליבן. דער טאַטע דיינער האָט מיר געזאָגט. אָט וועל איך נעמען און אינגאַנצן אויפעסן. אַ יאַגדע זאָל אים נישט בלייבן... אַ?

## .3

קאַטערינושקאַ גיט פאַרדריסלעך אַ וואָרף מיט די אַקסלען, אָבער פון טיש גייט זי נישט אַוועק. די דאָזיקע אומצופרידענע באַוועגונג קילט פּאַנדרען אָפּ. באמת, וואָס האָט ער זיך צו איר צוגעטשעפּעט?... די מיד־קייט פון היינטיקן טאָג און די זאַטקייט פון פויערישן אָנבייסן קומען אויף אים אָן ווי אַ באַרג. די שווערע אויגן־הייטלעך ציען זיך אַראָפּ. עמיצער אַ פּוכיקער, אַ וואַרעמער, אַ זיס־שיכורער קיצלט אים, דאַכט זיך, אין זייט, שעפּטשעט אים אויפן אויער:

— שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן...

פּאַנדרע גיט געשמאַק אַ געניץ.

אַצינד, אַז פּאַנדרע איז שוואַכער געוואָרן, איז די נקבה אין קאַטע־רינושקאַן שטאַרקער געוואָרן, הייסער געוואָרן, נייגעריקער.

— קום בעסער, נאַי! — מאַכט זי צו אים מיט אַ באַרמהאַרציקן שמייכל, אַזוי ווי עס שמייכלט אַן עלטערע שוועסטער צו אַ יונגערן שטי־פּערישן ברודער — קום, כ׳וועל דיר בעסער געבן אַן אָרט אין היי־שפּייכלער. ווייך, קיל. וועסט זיך אויסרוען. און אָט — די זון וועט אַראָפּ, וועסטו דיר אַוועקגיין קיין שקלאָוו צו דיין ווייב... זאָג, אַ שיין ווייב האָסטו עפּעס?...

— אַ שיינע, גאָר אַ שיינע! — לאַכט פּאַנדרע, ציענדיק זיך אויף אַלע ביינער.

— אַ? — איז כלומרשט צופרידן קאַטערינושקאַ — נו, און געלויבט איז גאָט! געלויבט איז גאָט!

נאָר פּאַנדרע דערכאַפּט אין איר „לויבן גאָט" — אַ באַהאַלטענע ווייבערישע פאַרדראָסיקייט, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט אין בחורישע יאָרן... און די הייסע אומרואיקייט כאַפּט זיך אין אים ווידער אויף.

ווי דורך אַ שיכורן נעפּל איז נאָך איר פּאַנדרע נאָכגעגאַנגען, פּילנ־דיק אַ שלעפּערדיקייט און אַ באַגער אין אַלע אברים: דורך דער קילער פּירהויז זענען זיי אַריין אין אַ מין שמאָלן בערווענע־קאָרידאָרל, צווישן צוויי הילצערנע טירלעך. רעכטס — צום שטאַל, לינקס — צום היי־שפּייכלער, אַ שטאַרקער שנאָרכען פון אַ פערד ביים זאַשעק האָט זיך דערהערט אין דער האַלב־טונקלקייט.

— אַ פערד? — וווּנדערט זיך פּאַנדרע — אַרבעט גאָר נישט שניט־צייט אין פעלד?

— אונדזערער אַ זשערעבטשיק! (לאַשעק) — דערקלערט אים קאַ־טערינקאַ — נאָך נישט קיין אָנגעפּאַדקאָוועטער. דער טאַטע כאָליעט אים. ווילסט אים זען?

— באַווייז! — מאַכט פּאַנדרע מיט אַן אויפגעקאָכטער זשעדנעקייט. די באַלעגאָלישע בענקשאַפט נאָך דער וואַרעמער נאָענטקייט פון אַ פערדל האָט זיך אין אים אויפגעוועקט. שוין אַנדערטהאַלבן יאָר נישט געפּאַטשט אַ סוס איבער דער ציטערדיקער ליטקע.

קאַטערינושקאַ האָט אַ שטופּ געטאָן דאָס רעכטע טירל. און אין דער קאַרגער ליכטיקייט פון שטאַל האָט פּאַנדרע גלייך דערזען אַ שיינעם יאָריקן לאָשעק, מיט אַן אויסגעצויגענעם בויך, מיט אַ מאָגערלעכער שפּיציקער מאָרדע איבערן זאַשעק און מיט דינע פיס — אין שטרוי פון געלעגער. זיין גרוי־גלאַטע פעל האָט זיך איבערגעגאָסן אין אַ זילבער־דיקן גלאַנץ און אין טונקל־גרויע מאַטאָווע „עפּל"... אויף דעם דאָזיקן אַטלאַסענעם גרוי האָט נאָך וווּנדערלעכער און פרעמדער אויסגעזען די ברוינע נישט־געשווירענע אויפגעברויזטע גריווע. פונקט פון אַזאַ פרעמדער „מאַסט" (פאַרם) איז געווען דער רייכער, נאָך נישט־אויסגעוואַקסענער עק. צוויי פאַרשידענע „בלוטן" האָבן געשפּילט אינעם לאָשעק. פּאַנדרע איז נשתומם געוואָרן:

— ווי קומט צו אייך אַזאַ צאַצקע? ס'איז דאָך אַ פּריצישע פּאַראָדע...

— אַך, יאָ! — גיט אַ לאַך קאַטערינושקאַ — נישט דו דער ערשטער וווּנדערט זיך. אַ סלוטשאַי (צופאַל) אַזאַ געווען. דעם פּאַמיעשציקס אַגער איז באַפאַלן אונדזער יונגע קליאַטשע דאָ אין הויף. דער פּאַמיעשציק האָט אים אַ ווײַלע אויסגעשפּאַנט פון קאַרעטע. אַ האַלאַבליע געדאַרפט פאַרריכטן. און זײַן אַגער האָט גלײַך דערשמעקט אונדזער קליאַטשעלע. האָט ער זיך אָפּגעריסן פון צוים און אַ פּאַרסאָפּעטער אַרײַנגעריסן זיך אין הויף. אוי־אוי האָט ער געהירזשעט!... דער פּריץ האָט זיך דערנאָך געטשעפּעט צום טאַטן, געלט געמאָנט ביי אים. פאַר אַזאַ „אַרבעט”, מאַכט ער, וואָלסטו ביי מיר, מאַכט ער, אין פערדן־זאַוואָד באַצאָלט אַ פינף־און־צוואַנציקער...

— איז אַרויסגעשפּרונגען אַזאַ לאַשעק! — בליאַסקעט פאַנדרע מיט זײַנע לאַכנדיקע אויגן.

און לאַכנדיק אַזוי לייגט ער אַרויף זײַן האַרטע לאַפּע אויף דעם האַרטן הינטן פון פערדל. די גרוי־זילבערנע פעל האָט זיך דריבנע געצאַפּלט אונטער די מאַזאָליעס פון דער האַנט, ווי אַ לעבעדיקער וואַרעמער אַטלאַס. דאָס האָט פאַנדרען דערמאָנט אָן דעם אומגעקומענעם „שמענדריקען”, סענדערס „איידעמל אויף האָבער”. זײַן גלאַטיקע פעל, זײַן ציטעריקייט, אָבער ד י איז נאָך איידעלער, נאָר פייערדיקער. יעדער נייער גלעט האָט אַרויסגערופן אַ נערוועאישן צוקן אין די הינטערשטע פיס. און כ׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער ראַסאָוועער לאַשעק ציט און ציט די אַטלאַסנע טריקאָ־הויזן איבער זײַנע שלאַנקע ליטקעס און קען זיי נישט אַרויפציִען... פאַנדרע האָט שוין אַליין נישט געמערקט, אַז ער גלעט נאָך אַלץ. ווי אַ פאַרשיכורטער איז ער געשטאַנען. דער וואַרעמער ריח פון שטאַל האָט אים געקיצלט אין נאָז. אָט דער זעלבער ריח, וועלכן ער האָט אַזוי אָפט געשפּירט אין די בחורישע יאָרן, נאָכלויפנדיק, אין די פרייע פאַרנאַכטן, נאָך דאָרף־שיקסעס. אָט דאָ נישט לאַנג, דאַכט זיך, איז עס געווען... דאָס שטרוי האָט שטיל געשאָרכעט אונטער דעם לאַשעקס אומרואיקע, נישט־געפּאַדקאָוועטע קלאָען. און פאַנדרען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אימיצער ליגט דאָ צוואָרפן אים צופוסן, הייס און נאַקעט, און שושקעט מיט טרוקענע ליפּן: „נאַי, ראַדנאַי! קום צו מיר!”...

ווי אַ ווײַטער פאַרשוווּמענער ווידער־קול פון ליבלעכע ווערטער און הייסע זיפצן האָט אים דאָס שאָרכען פון שטרוי אָפּגעקלונגען. און דער שאַרפער ריח פון שטאַל און זאַשעק איז געוואָרן שטאַרקער פון אַלע געטראַנקען אין דער וועלט. ס׳איז געווען דער ריח פון זינד, פון

יונג־בלוט און פון האַסטיקע מאַנסבילשע און ווייבערשע כוחות, וואָס מישן זיך שטורעמדיק צוזאַמען.

און פלוצלונג, גלעטנדיק אַזוי דעם לאַשעק, טרעפט זיך נאָך אַן, אין דער האַלב־טונקלקייט, קאַטערינושקעס האַנט. זי גלעט אויך. אויף דעם לעבעדיקן אַטלאַס פון דער ליטקע האָבן זיך זייערעביידע הענט צוזאַמענגעטראָפן. די דאָזיקע באַרירונג איז געווען אַזוי אומגעריכט און אַזוי פייערדיק — ווי אַ בליץ האָט זי געטראָפן...

ווי דער פריצס אָגער אויף דער פויערישער יונגער קליאַטשע, אַזוי האָט זיך פּאַנדרע געוואָרפן אויף קאַטערינושקאַן. ער האָט זי ווילד געגעבן אַ פּאַק אין ביידע שטאַרקע אָרעמס און פיבערהאַפטיק, מיט דער גאַנצער אויסגעהונגערטער, אויסגעבענקטער הויט פון לייב, דערפילט איר פרישע דאָרפישע זאַפטיקייט. אונטער דער דינער און קילער כאַלאַסטינקע האָט זיך געצאַפּלט אַ לעבעדיקער באַהאַלטער פול מיט יוגנט. די כאַלאַסטינקע גליטשט זיך איבערן רונדן מיידלשן לייב ווי אַ פיינע שאָלעכץ אויף אַן איבערגעצייטיקטער גרויסער פלוים. זי צאַפּלט זיך, דאַכט זיך, קאַטע־רינושקאַ, און רייסט זיך. פונדעסטוועגן שווייגט זי... ער גיט זי אַ הויב אַ ביסל העכער און וווּנדערט זיך וואָס זי איז אַזוי לייכט, אַז מען לאָזט זיך נישט, ווי קאַטערינקאַ מאַכט אַן אָנשטעל, איז מען דאָך אַ סך, אַ סך שווערער...

— ניע טרעבאַ, נאַי, ניע טרעבאַ! — אַזוי בעט זי זיך שטיל זיין געפּאַנגענע און שטופּט אים כלומרשט אָפּ מיט איין רונדער פּלייצע, און מיט די הענט נעמט זי אים אַליין אַרום, זיין האַלדז־און־נאַקן. אירע אַראָפּגעהאָנגענע קרעלן אויפן האַלדז גיבן אַ ריר־אָן זיין צעהיצטן פּנים און בריען אָפּ מיט זייער קילער גלאַטקייט. דאָס בלוט גיט אים אַ זעץ אין קאָפּ.

### .4

האַסטיק טרעט פּאַנדרע אַרויס פון לאַשעקס שטעלכל און איינגע־בויגן, כדי נישט אָפּקלאַפּן זיך און קאַטערינושקאַן אָן פריטעלקע, גיט ער אַ שטויס די אַקעגנדיקע טירל און כאַפּט זיך אַריין, איינגעקאָרטשעט און פּאַרטאַיעט, ווי אַ רויבער מיט זיין גזילה אויף די הענט, אין היי־שפּייכלער. אַ לעקאַכדיקע דושנעקייט נעמט אים אַרום און אַ שאָרך פון טרוקענע גראָזן. ער וויל אַראָפּלאָזן זיין רויב און קען נישט. קאַטע־

רינושקאַ האַלט אים שטאַרק אַרומגענומען, ווי אײנע, וואָס טרינקט זיך — אָן אַ בערוועגע. פאַנדרעס שטאַרקער האַלדז איז איר לעצטער האַלט אין ים פון היי... „ניע טרעבאַ“, שושקעט זי אים הייס אויפן אויער, „ניע טרעבאַ!“

אַ זודיקע בייזקייט נעמט אים אָן. מיט איין שאָקל וואַרפט ער זי אָפּ אין היי. זי מאַכט אַ פּאָר גרויסע אויגן און שרייט אויף, ווי פריער, ווען דער בוהאַי איז זי באַפאַלן אין בלומען־גערטל. נאָר אַצינד — אַ סך איינגעהאַלטענער, שטילער:

— טאַטקאָ! (טאַטעלע).

— שווייג! — גיט פאַנדרע פּונקט אַזוי שטיל און איינגעהאַלטן אַ ברום איבער איר, און רייסט פון איר איר לייוונטענעם אָנטועכץ. איר לייב איז בויגיק, האַרט און הייס; און עס שמעקט פון אים מיט יענעם ריח פון אומבאַרירטער מיידלשאַפט, וואָס קיין ריח אין דער וועלט קען זיך מיט אים נישט פאַרגלייכן. ער באַטויבט אַפילו דעם היי־גערוך.

פאַנדרע, ווּ ביסטו? פון אָסטראָג טראָגסטו דער ווייב דיינער, דיין מערען, די גאַנצע גבורה דיינע! אַנדערטהאַלבן יאָר האָסטו זי געזאַמלט, פאַרטאַיעט אונטער די אַרעסטאַנטן־קליידער. אַ פרעמדער דאָרפישער גויע גיסטו אָפּ מערעס חלק. ווי דעם פריצס אָגער באַפאַלסטו אַ פויערישע קליאַטשע. וואַרט, וואַרט! דער פריץ וועט נאָך קומען מאָנען פאַר דעם טייערן כוח פון זיין אָגער.

פאַנדרע הערט נישט מער דעם קול, וואָס רופט אים ערגעץ־ווּ, פון דער טיף פון היי, פון די ליכטיקע שפּעלטעלעך אונטער דער קראָקווע. זיין זעגל איז אַוועקגעשווומען, מערע — אַוועקגעשווומען. און זיין לייב שווימט באַזונדער, „אָן אַ קאָפּ“, אין די דושנע כוואַליעס פון היי. אַ קור־צער אויסגעשריי. אַ שושקעניש פון טרוקענע גראָזן. קרעכצן. און דער לאָשעק אין דעם אָקעגנדיקן שטאַל הירזשעט זאַט און צופרידן: „הי—אי! אָט אַזוי לעבט מען אויף דער וועלט...“

אין פאַנדרעס אָרעמס קנאַקן קנאַכן אַלע קנאָכן פון זיין לעבעדיקער רויב. אַזוי נאָכגיביק האָט אוודאי געקנאַקט דער רוקן פון מיקיטאָס יונגער קו, ווען דער גרויסער בוהאַי האָט זי באַדעקט. „ניטשאָוואָ זי האַלט אויס“... שווימען דורך אין נעפּלדיקן זכרון אַ פּאָר ווערטער פון קאַטערינאָס פרי־ערדיקער דערציילונג. קאַטערינאָס זיפצן און שטיקן זיך רייצן אים אַצינד. ער קריצט אויף איר מיט די ציין אין זיין הייסער בייזקייט. ער שעפּטשעט

איבער איר מאָדנע אָפּגעריסענע ווערטער. ווי פֿון היץ שעפּטשעט ער צו איר:

— שווייג, אַ... זאָג איך דיר... כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט זיין היינט מיינע. אַנטלאָפן ביסטו פֿון מיר אין וואַלד, אַ? שווייג? די גאַנצע ברוסניצעס דיין סאָלדאַט אָוועקגעטראָגן... „איך וויל אויך ברוסניצעס!" שמחהלע האָט דאָס מיר געזאָגט... די גאַנצע ברוסניצעס וויל איך... שווייגן זאָלסטו!

ער ווייסט שוין אַליין נישט וואָס ער רעדט. ער ווייסט אַליין נישט, אַז דאָס רעדט פֿון אים דאָס נקמה־נעמען פֿון דער גאַנצער טרפֿהנער גויאישקייט, וואָס האָט אים אָנדערטהאַלבן יאָר געמוטשעט, זיין לייב אויסגעהונגערט און זיין זעעל אָפּגעריסן פֿון גאָט און מענטשן, צווישן אים און מערען אַן אייזערנע קראַטע געשטעלט. סענדערן דערטרונקען, הרוב־געמאַכט די שטוב, געפּטרט אַלע דריי פֿערד, אַלע דריי ברויטגעבער אין איין האַלב יאָר. געפּטרט אַ? איז נאָט אייך, חזירים! איר קענט מיך אָפּשליסן פֿון דער גאָרער וועלט. אָבער פֿאַר אייערע טעכטער בלייב איך אַלעמאָל — פֿאָנדרע. נח פֿאַנדרע. אייערע בת־יחידהס זענען פֿאַר מיר די כּפּרה. איך בין ביי זיי בילכער ווי אייערע סאָלדאַטן... שווייג, סטערוואַ!

— אַך טיעך־טיעך! — זיפֿצט פֿויעריש אָפּ קאַטערינושקאַ און גלעט אים פֿונדעסטוועגן.

— טשעפּע נישט! — גיט ער איר גראָב אַ שטויס די האַנט.

אַ נישט־פֿאַרברויכטע ווילדקייט ברויזט נאָך אין אים. ער האָט זיך היינט אָנגעשטעקט פֿון בוהאי, קעמפֿנדיק מיט אים. מיט הערנער, ווען ער וואָלט זיי געהאָט, וואָלט ער איצט קאַטערינושקאַן געשטויסן. מיט די קלאָען געטראָטן. מיט אַ שליימיקער בערשטל־צונג לעקן איר געזיכט... די כּוחות פֿון בהמה און חיה שטייען אין אים אָצינד דיבאָם. זיי זענען די שטאַרקערע. און דאָס מענטשלעכע אין אים איז שוואַך, גאָר שוואַך. קוים וואָס ער אָטעמט צווישן קלאָען און ציינער און הערנער און בלוטיקע אויגן.

נאָר ביסלעכווייז גייט דער ערשטער טשאַד אָוועק. דאָס מענטשלעכע באַפֿרייט זיך. דער מענטש שטאַרקט זיך איבער דער בהמה. דאָס געפֿיל פֿון מוטנער נקמה גייט־איבער אין אַ טיפֿער בענקשאַפֿט. אין אַ זיסן ווייטיק אין האַרצן, אין אַ זודיקן רחמנות:

— קאַטינקאַ, קאַטערינושקאַ! — בויגט ער זיך איבער איר איבער נאָכאַמאָל.

קאַטערינאַ כליפּעט שטילערהייט.

— וויין נישט! — בעט ער זיך ביי איר — דו האָסט דאָך אויך געוווּסט, אַז אַזוי וועט זיין. שוין היינט אין וואַלד. דערפאַר ביסטו אַנטלאָפן?... זאָג, זאָג, קאַטערינושקאַ!

די זעלבע ווערטער ווי פריער, נאָר זיי קלינגען גאַנץ אַנדערש. זי נעמט אים אַרום מיט איין האַנט. איר געבלומטע שוואַרצע כוסטע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט. אירע קרעלן זענען פאַרוואָרפן. אירע רויטלעכע האָר מישן זיך מיט היי. איר שמייכלען מישט זיך מיט טרערן.

נח פאַנדרע טרייסט זי. און דאָס בלוט צעפלאַקערט זיך אין אים ווידער אַמאָל. „פאַיעטאַנטשיק”, צעפּצעכעלע”, אַזוי שעפּטשעט ער צו איר. און באַמערקט אַפילו נישט, אַז דאָס זענען די זעלבע ליבלעכע צונעמענישן, וואָס ער איז געוווינט געווען צו שעפּטשען, פאַרליבטערהייט, מערען אויפן אויער. „טערמאַמעטערל”, „דייזשקעלע”...

ער איז ווי איינער, וואָס זיין הייס געליבטע ווייב איז ביי אים געשטאָרבן. און, נעמענדיק אַ צווייטע, כדי צו טרייסטן זיך, רעדט ער צו איר, אין דער טונקלקייט, ווי צו דער געשטאָרבענער; רופט זי מיט באַגראָבענע נעמען.

אַי, פאַנדרע, פאַנדרע! דאָס אויך אַוועקגענומען ביי מערען און אַוועקגעגעבן אַ פרעמדער? פריער די בלוט פון די אָדערן, די אָנגעזאַמלטע גבורה, אַצינד — די זיסע צונעמענישן אויך, די יאָדערדיקע פאַרליבטע ווערטער פון קצב און באַלעגאָלע...

נאָר ס׳איז אים אַצינד אַלצאיינס. ווי אַ פאַרפאַלענער שיכור, בשעת מען דערלאַנגט אים אַ נייע כוסה. מער געשיכורט, וויניקער געשיכורט — ס׳איז אַלצאיינס!

ער באַגרייפט נאָר, נישט גאַנץ קלאָר, אַז אַלץ קערט זיך אום ווי אין אַ כישוף־ראָד, אַלץ חוזרט זיך איבער אויף ד ע ר וועלט: די וואָלפיכע — אין טשורילאָ־קאַטאַרזשניק, דאָס שלעגעריי מיט טשורילאָן — אינעם קאַמף מיטן בוהאַי, און די היי־שפּייכלער און שיקסעס פון פאַר דער התונה — דאָ אין מיקיטאָס שפּייכלער און אין קאַטערינושקאַן. אַלץ גלגולט זיך. פון וואַנעט מען קומט, אַהין גייט מען. נייע באַגעגענישן, נייע צוזאַמענטרעפענישן. אָבער די אַקס איז די זעלבע. אָט איז ווייטער די זעלבע זינד, דאָס זעלבע גליק אויף דער ערד, ווי אַמאָל! איבער מערעס קאָפּ האָט זיך עס אַריבערגעוואָרפן ווי אַ כוואַליע. שעפּטעלע גנב איז

אפשר אויך גערעכט. „ווער ס׳איז אַמאָל געזעסן אין אָסטראָג וועט נאָך זיצן...” אויך גערעכט. נישטאָ וואָס אָנצוווערן!

„נאָך, נאָך!” צעשרייט זיך אין אים דאָס בלוט. אַריינעמען אין לייב וואָס מער פרעמדע לײַדנשאַפט! אָט אַזוי ווי פֿריער ביים עסן — וואָס מער טעמים און ריחות... צונויפפלעכטן זיך! צוזאַמענגיסן זיך! ווער האָט דאָס געשטעלט פאַפירענע גרענעצן צווישן פאַלק און פאַלק. צווישן גע־שלעכט און געשלעכט, צווישן יוגנט און גבורה — ווען דער פייער פון באַפרוכפערונג נעמט זיי אַרום? ווער וואַרפט זיין מלבוש צווישן לייב און לייביכע, בשעת זיי לעכצן איינער צום צווייטן?

זי גיט נאָך קאַטערינאַ. זי כליפעט נישט מער, זי זיפצט נישט מער. זי האָט זיך אָנגעפּאַסט אָן נחן מיט איר ווייבערישן נאַטור־געפיל. אַ בער־יאָזקע אין שטורעם, אַז עס וויל נישט צעבראָכן ווערן, מוז עס זיך בויגן; בויגן זיך מיט צעפלאָשעטע גרינע צעפּ וווהין עס וואַרפט און ציט. פון פאַרבלאָנדזשעטע בוימער אין גרויסן פעלד האָט דאָס קאַטערינושקאַ געלערנט. אַזוי איז זי גאַנץ געבליבן.

די צוויי קעגנזאַצן, וועלכע שלאָגן זיך אַרום אין יעדן מענטשן, דער גוטער גייסט און שלעכטער גייסט, דער יצר־הרע און יצר־טוב, זענען געזעסן אין תפיסה מיט פאַנדערן צוזאַמען. איינגעשפּאַרט, ווי ער אַליין, זענען זיי געזעסן און געבענקט נאָך פרייע לופט.

שטאַרקער פון אַלע שטעטלשע יידן איז נח פאַנדרע. פונקט אויף אַזוי פיל זענען אין אים אַלעמאָל שטאַרקער געווען דאָ גוטע און דאָס בייזע. און פונקט אויף אַזוי פיל מער האָט זיי געשטיקט דער אָסטראָג.

און אָט בשעת ראַטעווען זימלען און קעמפן פאַר קאַטערינושקאַן מיטן בייק, האָט זיך דער יצר־טוב באַפרייט מיטן גאַנצן אימפּעט אויפ־געאָטעמט, נאָך אָנדערטהאַלבן יאָר תפיסה, מיט זיין גאַנצער ברייט־האַרציקייט. דער שטן אָבער איז נאָך אַלץ געבליבן פאַרשפּאַרט אין דער פינצטערניש פון לייב, אַ געקייטעטער, אַ זינדיקער, אַ פיל־אויגיקער, מיט טויזנט מיילער פון גלוסטעניש.

אָפּגעריסן זיך פון קייט האָט ער זיך ערשט ביי מיקיטען אין טונ־קעלן היי־שפּייכלער. ערשט דאָ האָט ער זיך צעבליאַסקעט מיט אַלע זיינע פעט־רויטע מיילער: נאָך, נאָך און נאָך וויל ער! אויך אים מוז מען באַפרייען. ביזקל סוף באַפרייען. אַלע זיינע קייטן צעברעכן. נאָך, נאָך!

בעט זיך ביי אים, ביים שטן, קאַטערינושקאַ:

— לאָז מיך!

ענטפערט ער איר שיכור און פאַרפרעסן. מיט האַלבע, פאַרכלינעטע ווערטער ענטפערט ער:

— ניין, איך לאָז דיך נישט אָפּ, קאַטערינושקאַ! אַ בוהאַי בין איך אַ פליישיקער. אַן אָגער פונעם פריצס פערד־זאַוואָד. באַפרייען זיך. באַפרייען זיך. נאָך, נאָך!

— נאַי, ראָדנאַי! — זיפצט זי טיף אָפּ און נעמט אים אַרום. דער קרבן נעמט אַרום דעם פייניקער, מיט ווייבליכער אונטערטעניקייט, מיט יסורים און דאַנקבאַרקייט. אַ צעשטורעמטער פעלד נעמט נאָר אַזוי אויף דעם האַסטיקן זומער־רעגן.

ווי האָט זי געזאָגט: „נאַי ראָדנאַי?" נאָר ד אָ ס האָט נאָך גע־פעלט פון אַמאָל... און אָט האָט אויך דאָס אָפּגעקלונגען פון תבואה־שייערס אין שפייכלערס, פון פאַר־חתונה־יאָרן. אָפּגעשלוקערצט זיך פון די בחורישע הולטאַיסטוועס. אַלץ חזרט זיך איבער.

אַצינד איז שוין די מאָס אינגאַנצן פול געוואָרן. דער קרייז האָט זיך געשלאָסן. דאָס עפּעלע האָט זיך איבערגעזעטיקט מיט זאַפט און זון. אָפּגעריסן זיך. אַוועקגעקייקלט זיך.

פונקט אַזוי גיט זיך קאַטערינושקאַ אַ ריס פון נחן און קייקלט זיך פון אים אַוועק איבערן היי:

— ניע, ניע! לאָז! נאַזשיצאָני פרידעט! דער חתן וועט באַלד קומען פון שטאָט... דער טאַטע — פון פעלד... ניע, ניע!

פאַנדרעס אויסגעשטרעקטע זשעדנע אָרעמס לאָזן זיך אָפּ, קאָרטשען זיך איין, ווי ריזיקע פּיאַווקעס. אַ האַלב־געחלשטער, אַ טויט־מידער גליטשט זיך שווער אַראָפּ דער קאָפּ. זיין באַוווסטזיין דערטרינקט זיך אינעם שמעקעדיקן היי ווי אין אַ גרינעם שוים. ער שלאָפט איין אַ האַרטן שלאָף, אַן חלומות, ווי אַ מסוכן־קראַנקער נאָך אַ שווערן קריזיס. — — —

## .5

אַ האַנט טרייסלט אים. האַרטע פינגער שטורכען אים. עמיצער אַ שוואַרצער, אַן אומברחמנותדיקער שטייט איבער אים איינגעבויגן און רייסט אים פון שלאָף אַרויס, ווי ער — ר' זימלען פון גרינעם דניעפּער־תּהום. „האַ? ווער איז דאָס? וואָס ווילט איר?"

אַ באַקאַנטער גראָבער קול ברומט איבער אים:

— גענוג צו פּאַפּן און גענוג צו דריכבּיען! קום!

שמחהלעס קול דאַכט זיך, ווי קומט ער אַהער?

פּאַנדרע טרייסלט זיך אויף. זעצט זיך. רייבּט זיך די אויגן און פרעגט הייזעריק, ווי אין היגערפּלעט:

— וואַ—אַס?

— אַ נאַז! — ענטפערט אים שמחהלע צום גראַם — אַהיים קום!

„אַ היים קום..." עס רעדט זיך נאָר אַזוי. ער האָט דען נאָך אַ היים? די פענצטערלעך פון סענדערס הייזקע זענען אויסגעלאָשן פאַר אים. מע־רעס בעט איז קאַלט... אין די ביינער פרעסטלט עפּעס. אַך, ער וואָלט נאָך אַזוי געלעגן און „געדיכבּיעט". פאַרגעסן זיך! שלאָפן. שלאָפן!

נאָר די אומבּרחמנותדיקע האַנט רייסט ווידער:

— קום!

— שוין שפּעט? — פרעגט פּאַנדרע אַ דערשלאָגענער.

— מ׳קומט באַלד פון פעלד. מיקיטאַ וועט באַלד קומען. קענסט נאָך האָבּן אַ חתונה.

— וועלכע חתונה?

— מיינסט אַוודאי כ׳האָב גאָרנישט געהערט ווי דו האָסט געראַבּאַ־טעוועט! אָדער צוליב וואָס, למשל, האָ טמיד די גויע אָפּגעשיקט אין גערטל שלאָפן?... בין איך אַ גוטער חבר, צי נישט?... זאָג כאָטש: „אַ דאַנק!"

ווי פון אַ שלאַנג געביסן שפּרינגט פּאַנדרע אויף פון היי. ער ציט כמורנע די ברייטע פּלייצעס, ווי אַ שמשון וואָס וויל אויף זיך צערייסן די געהיימנישפולע שטריק און קען נישט... קיין שום גבור איז נישט בכוח צו צערייסן די פּעטליעס פון בייזע מעשים.

אַצינד האָט ער זיך שוין איינגאַנצן אויסגעטשוכעט. ער געדענקט קלאָר, אַז ער האָט פאַר מערען, פאַר ז י י ן מערע־מעריינעלען געטראָגן עפּעס אַ גרויסע, גאָר גרויסע מתנה, וואָס ר׳ זימלס תחינות און מעשה־ביכלעך, אין זיין קלומיק, קענען זיך גאָר דערמיט נישט פאַרגלייכן. נאָר אימיצער אַ נישט־פאַרגינער האָט זיך אַריינגעמישט, אַ שטויס־געטאָן זיינע אָרעמס, צעפּליוכעט דאָס טייערע, דאָס פּייערדיקע אין אַ פרעמדן שויס. און אָט דער שמחהלע, אָט דער מנוול, האָט אויך שטילערהייט געהאָלפן, באַ־האַלטן זיך, געטשיקעוועט און אונטערגעהאָרכט הינטערן וווינגל. אַצינד וואָלט ער נאָך געוועט אַ בעלן מ׳זאָל אים באַצאָלן פאַר זיין חברשאַפט... אפשר גאָר דערלאַנגען אים אין באַק אַריין?

אַפּנים שמהלע האָט באַמערקט דעם בייזן פּייער אין פאַנדרעס אויגן. וואָרום ער האָט גענומען אָפּטרעטן אויף הינטן, אַ בורטשע געטאָן אַ ביסל ווייכער:

— וואָס גלאָצסטו מיך אָן, וואָס? נעם דעם קלומיק און קום!

אויף די ציפּקעלעך, ווי גנבים, זענען זיי ביידע אַרויס פון דער האַלב־טונקעלער פירהויז. די זון האַלט ביים פאַרגיין. אַ הונט צעהאַווקעט זיך. רופט עמיצן: „האַוו, האַוו, קוקט! זיי גייען דאָך טאַקע אַוועק, אָן אַ גוטן טאָג, די שיינע לייט!...״

ביים אַרויסגיין פון טויער גיט פאַנדרע אַ וואָרף מיט ביידע אויגן צום פענצטערל פון כאַטע, וואָס גייט אַרויס אין הויף. דאָרטן זיצט אַ קאָפּ. קאַטערינאַס קאָפּ, אָן אַ כוסטע, באַגלייט אים אַרויס. די אויגן אירע זענען רויט. זי האָט ערשט, דאַכט זיך, געוויינט. פונדעסטוועגן באַגלייט זי אים מיט אַ טרויעריקער ליבשאַפט, מיט אַ צעדריקטן שמייכל אויף די פולע ליפּן.

דרויסן, אויף דער פריזבע, זיצט דער „דיעד״, קאַטערינאַס זיידעלע. ער וואָרעמט נאָך אַלץ די קראַנקע פיסלעך אויף דער לעצטער זון.

דערזען, אַז די אַנגעלעגטע געסט, וואָס האָבן געראַטעוועט זיין אייניקל, גייען אַוועק איינגעטונקען אין היי, צעשמייכלט ער זיך מיט אַ פאַרוועלקטן מויל און מיט איין געלבן צאָן:

— גוט געשלאָפן?

— אַ דאַנק, אַ דאַנק!

— וואָס איילט איר זיך אַזוי, זעמליאַקעס? אָט מיקיטאַ וועט באַלד קומען פון פעלד, וועט ער אייך באַדאַנקען. מ'עט נעמען צו גלעזעלעך.

— נישטאָ קיין צייט, דיעד! אין שקלאָוו וועט מען זיך זען.

— ✶ —

אַ הונדערט קלאַפטער ווייט פון דאָרף, דאָרט ווו דאָס שטעגעלע צו מאַקאַראָווקי גיסט זיך צונויף מיטן גרויסן שליאַך, באַגעגען ביידע פוס־גייער אַ סאָלדאַט. יענער גייט נישט פעסט אויף די פיס. קענטיק — אַ ביסל אָנגעשניאָקעט. זיין צוזויפגעוויקלטער שינעל איז אים אָנגעטאָן איבער זיין פּלייצע און אונטער־אָרעם, ווי אַ קרומער בייגל. אַ שיינער דאָרפישער יונג, מיט געלבלעכע וואָנסעלעך, מיט שפּיציקע רויטע באַקנ־ביינער. אין איין האַנט האַלט ער אַן אַרומגעבונדענע האַרמאָשקע און

מיט דער צווייטער האַנט האַלט ער זיך פאַרן זעלנערישן לעדערנעם גאַרטל מיט אַ רינג. זעלנערישער האַנאַר פון איין זייט און גרייטע „מוזיק" פון דער צווייטער זייט, אַזוי, ווייזט אויס, וויל ער דאָס אַריינ־מאַרשירן אין דאָרף און באַצויבערן אַלע מאַקאַראָווקער שיקסעס.

שמהלע קוקט זיך שאַרף איין אין דעם זעלנערס פאַרגאָסענע אויגן. און פאַנדרען גיט אַ טיאָכקע אין האַרצן. ער קערט אָפּ דעם קאָפּ.

איבערגעקוקט זיך מיט חשד. פאַרבייגעגאַנגען — פאַרשטאָפּט זיך שמהלע דעם גראָב־צעשמייכלטן מויל מיט איין דלאָניע און, אָפּגייענדיק אַזוי ווייט, אַז דער סאָלדאַט זאָל נישט קענען דערהערן, גיט ער פּלוצלונג אַ שאָס אַרויס מיט אַ דערשטיקטן זלידנעם געלעכטערל און אַ וואָרף מיטן קאָפּ און מיט איין אויגל צו זיין חבר.

פאַנדרע כמורעט זיך אָן. ער ווייסט וואָס דאָס מיינט... קוקט ער אַוועק און בורטשעט פאַרלעגן:

— וואָס שוין ווייטער פאַ... פאַר אַ שטיק? טורערו!

— איך לאַך! — שטיקט זיך שמהלע מיט זיין כלומרשט תמעוואַטן געלעכטערל — געקליבן, געקליבן, זאָג איך קאַטערינקאַ... ברוסניצעס געקליבן פאַר איר התן דעם סאָלדאַטשוע... און לסוף האָט זיי גאָר נחקע פאַנדרע אויפגעפרעסן! כאַ־כי־כי־ססס...

# אַ פולער וואָגן נייעס

## .1

פאַרשעמט, ווי אַ גרויסער יינגל, וועלכער האָט אָנגעטראָפן דעם, וועמען ער האָט פון הינטן־אַרום אָפּגעטאָן אַ מיאוסע מעשה, אַזוי האָט זיך פאַנדרע דערוויטערט פונעם זעלבער אַראָפּ־שליאַך. אויף קאַטערינאַס בראָך וועט ער אַצינד מוזן שפּילן. אָט דער בלאָנדער שגץ מיט זיין האַרמאָשקע !...

אַ זיסלעכע שוואַכקייט איז אים געשטאַנען אין אַלע אברים, אַ ווייכע טרויעריקייט — ווי נאָך שטעלן געהאַקטע באַנקעס, ווען עס ווילט זיך אויסציען די פיס, ליגן רואיק, זופן הייסע טיי און נישט טראַכטן. אַפילו דער האַרטער שלאָף אין היי־שפייכלער האָט אים נישט אָפּגעפרישט.

לויט אָט דער נישט־זיכערקייט, אין גאַנצן גוף, האָט פאַנדרע ערשט אַצינד דערפילט ו ו אָ ס ער האָט קאַטערינושקען אָוועקגעשענקט. ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי זשעדנע — אַ גבור וואָלט דערפון געקענט געבוירן ווערן ביי מערען זיין ווייב. נישט קיין ממזר אין מאַקאַראָווקי...

אַצינד איז שמחהלע טורערו דער גוטער פוסגייער. און ער, פאַנדרע, ער זאָל זיך נישט געווען שעמען, וואָלט ער זיך אויסגעצויגן אין די טרוקענע בוים־נאָדלען, ביים שליאַך, און וואָלט געלאָזן דעם אָוונט קומען איבער זיך.

אָבער דער וועג קיין שקלאָוו איז נאָך גאַנץ ווייט. מען מוז גיין, גיין...

אין די וואָלקנדל'עך איבערן וואַלד האָט זיך דורכגעוואָרפן אַ לייכטע רויטקייט. סאַראָקעס האָבן זיך גענומען ציען אַהיים. הויך און באַפרייט פון טאָגיקער פליענישׁ, פון כאַפּן און גזלנען. און זייער זשעדנער געשריי איז אַצינד געוואָרן ווייכער, קיילעכדיקער. פונעם האַרטן „קררא״ איז געוואָרן „קכאַ, קכאַ״, פונקט ווי זיי וואָלטן געגאָדיעט פאַרבענקטערהייט. קכאַ, קכאַ! צו די נעסטן, צו די קינדער! קכאַ!

טיף אין וואַלד האָט זיך צעשריען אַן אומבאַקאַנט פויגל, אָפּגע־צימבלט איינס נאָך איינס: „צאַס־צאַס־צאַס!" און גלייך אַנטשוויגן גע־וואָרן. ס'האָט זיך אָנגעהערט, ווי אַן אומגעדולדיקער כלי־זמר וואָלט זיך גישט דערוואַרט ביז די גאַנצע קאַפּעליע פון עלטערע וועט אָנשטעלן אירע כלים. איז ער אַרויסגעשפּרונגען מיט דריי אייליקע קלעפּלעך אין זיין מעשענעם „באָם־ציק־צאַק" און פאַרשעמט זיך פאַר זיין אייגענער אומגעלומפּערטקייט...

אַלץ קולות, וואָס זאָגן־אָן דעם פאַרנאַכט אין וואַלד. אָבער גראָד אָט די פאַרנאַכטיקע קלאַנגען האָבן פאַנדרען נאָך טרויעריקער געמאַכט. וואָס נעענטער צו שקלאָוו, אַלץ שווערער אויפן האַרצן. שמחהלע, דער ביטערער גראָבער יונג, מיט זיינע שטעכעדיקע ווערטלעך האָט זיך שלעכט אַריינגעפּאַסט אין אָט דער אומעטיקייט. נמאס און מאוס איז עס פאַנדרען געוואָרן. כאָטש איין באַקאַנטער ייד וואָלט אָנגעקומען מיטן שליאַך. מ'וואָלט געגאַנגען אַ פּאָר וויאָרסט צוזאַמען. מ'וואָלט זיך דורכגעשמועסט.

אַפּנים דער רבונו־של־עולם אַליין האָט דערהערט זיין שטיל געבעט. אַ פּאָר וויאָרסט ווייטער האָבן אַקעגן גענומען פאָרן גויעשקע פורלעך.

— אַטקעדעוואָ, זעמליאַקי? (פונוואַנען, לאַנדסלייט?) — האָט זיי שמחהלע האָפערדיק אַ פרעג געטאָן.

— אָט... פון שקלאָווער מאַרק! — האָבן אים קודלאַטע גויים אָפּ־געענטפערט מיט מאַכאָרקע רויך, אַרויסגעזויגן פון די גרויסע פּיפּקעס, און ווייטער געפאָרן.

גאָר אומגעריכט איז אָנגעפאָרן אַ יידישער וואָגן פול מיט בעבעכעס. אַ ברייטע יידענע איז געזעסן אויף אַ צוזאַמענגעבונדענער פּערינע, מיט צוויי קינדערלעך פון ביידע זייטן. אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע. דער באַ־בערדלטער אָנטרייבער אויף דער קעלניע איז פאַנדרען אויסגעקומען באַקאַנטלעך. די לאַנגע האָר זיינע פון אַ לאַטיש — אויך. און ווי ער קוקט זיך אַזוי איין, מאַכט דער אָנטרייבער „טפּררו!" און שרייט אַראָפּ מיט אַ גאָר באַקאַנטן, אָנגעשפּאַלטענעם קול:

— פאַנדרע, דו, שלום־עליכם!

פון די געלבע און רויטע האַרמאָשקע־קנייטשלעך, אַרום די אויגן, האָט זיך גענומען אַרויספרייגן אַ פריינדלעכער פאַרוווּנדערטער קוק. און ביי דער ברייטער יידענע אויפן פּנים איז אַרויסגעשווומען אַ שמייכעלע.

נאָר עפּעס האָט זיך פּאַנדרע אָפּגעווענדט אין אָסטראָג פון יידישע פּנימער. ווי פאַרשטעלטע האָבן זיי אים אַלע אויסגעזען.

— ס׳איז דאָך ר׳ זונדל! — גיט אים שמחהלע אַ טורקע מיטן עלנבויגן.

— אַ—אַ!... עליכם־שלום! — דערפרייט זיך פּאַנדרע ווי מיט גאָר אַ נאָענטן. מיט היימישער וואַרעמקייט גיט אים אַ שלאָג פון דעם אָפּגעברענטן צעקנייטשטן פּנים אויף דער קעלניע מיט דער פרייקייט ביים ברעג דניעפּער און מיט הכנסת־אורחים, וואָס זונדל פּראַוועט אַ גאַנצן יאָר אין זיין אָרעמער ברעטער־הייזקע.

— אַ—אַ! — מישט אים זונדל איבער — דערקענסט שוין נישט קיין יידן ... היינט פון אָסטראָג? וואָס?

— היינט ראַנעצקע! — ענטפערט פאַר אים שמחהלע.

— ניט מיטן פאַרעכאָד?

— נישט געגלוסט זיך עפּעס...

— גוט געטאָן! — לויבט ר׳ זונדלביידע פּוסגייער — דעם רבינס פאַרעכאָד גייט נישט, שוין באַלד אַ וואָך. צו מיעלקע (פלאַך) איז דאָס וואַסער.

— און איר, ר׳ זונדל, וווהין? — פרעגט פּאַנדרע — קיין מאַהליוו? אַזוי שפּעט?

— אין אַזעלכע היצן איז נישט שפּעט. אַנדערש האָט דער באַלע־באָס פון פערדל נישט געוואָלט... אָט, מיין שנור מיט די אייניקלעך באַגלייט איך. פון דאָרטן פאָרן זיי אויף פּאָסעליעניע. מיין קאָפּל — ווייסט דאָך...

דער זיבניאָריקער יענקוץ, זונדלס אייניקל, וואָס איז ביז איצטער געזעסן מיטן פינגער אין נאָז און זיך גוט איינגעהערט, האָט זיך מיט־אַמאָל געגעבן אַ שטעל־אויף אויף די דינע פיסלעך, איבער דער פּערינע, און, באַרימעריש, מיט אַ קינדישן קוויטש, אויסגעשריען:

— איכ׳ל, איכ׳ל טאַקע געפאָרט צום טאַטן טאַקע! אין, אין „סימביך״! אוי, אוי, סאַכאַ ווײַ—טקייט!

ס׳הייסט: ער פאָרט טאַקע צום טאַטן קיין סיביר, אוי ס׳אַראַ ווייט־קייט!...

**.2**

דרייזע, די מאַמע זיינע, האָט אים, מיט אַ גוטן פּאַטש איבער דער

פּלייצקע, צוריק אָוועקגעזעצט אויף דער פאַרבונדענער פּערינע. יענקוץ האָט אָבער נישט געוויינט. ער איז נאָר געבליבן זיצן אַ רויטער, אַ פאַרשעמטער, וואָס זיין גרויסע „מודעה" מיטן קוויטש איז אַזוי מיאוס דורכגעפאַלן. כדי צו טרייסטן זיך אַ ביסל, האָט ער צוריק אַריינגערוקט דעם פינגער אין נאָז.

— יאָ, כ'האָב עפּעס געהערט! — מאַכט פאַנדרע לאַכנדיק. די היימישע סצענע, וואָס ער האָט דאָ געזען אין וואָגן, האָט אים צעקיצלט — געהערט ה אָ ב איך. שעפּטעלע האָט עפּעס איבערגעגעבן, אַז מ'האָט אייער קאָפּלען פאַרשיקט. נאָר וואָס, ווער, וועמען — ווייס איך נישט.

— באַלד נאָך דיין אַרעסט, — שאָקלט זיך זונדל פרום פון דער קעלניע אַראָפּ —איבער כישין דעם דאָקטאָר... אַ נייעס ביי קאָפּלען דורכצופאָרן זיך אויף אַ... געליענעם שליטן. גראָד מוז דאָס טרעפן אום שבת. נו, נו, איז אים אויסגעפאַלן באָקאָם — קאָפּלען. און אָט, אויף די עלטערע יאָרן, מוז איך זיך שלעפּן באַגלייטן מיינע אייניקלעך. גאָט ווייסט ווהין... צי וועל איך זיי נאָכאַמאָל זען... געוואָרט, געוואָרט ביז דער דניעפּער האָט אויסגעטריקנט, שלעפּ זיך אַצינד!...

— און פאַראַן כניאָקעס, — ווינקט שמחהלע מיט זיין אויגל — וואָס קליגן זיך נאָך טרינקען אין אַן אויסגעטריקנטן דניעפּער.

— טרינקען זיך? — כאַפּט זיך ר' זונדל אויף פון זיין פאַרזאָרגטקייט — אויף אַן אמת? ווער?

— וואָס דען אויף צו פלייסן? — זימל!

— זימל פאַקנטרעגער? ווי קומט ער?

— באַשערט געווען פאַנדרען אַ טרחה! — ווינקט אונטער שמחהלע אויף זיין חבר — ווי אַ נאַסן וויעכעטש האָט ער אים אַרויסגעשלעפּט דעם כניאָק. שוין געמיינט — אויס ר' זימל!

— כ'ווייס וואָס! — פאַרשעמט זיך פאַנדרע — און פאַרוואָס, ר' זונדל זענט איר בעסער נישט געפאָרן מיטן פאַרעכאַד פון דער קאָמפּאַניע?

— מיטן גויעשקן פאַרעכאַד? אַן אומזיסטן בילעט וועלן זיי דיר אַצינד אַ יידן געבן?... האָב איך בעסער אויסגעבאָרגט אַ פערדל מיט אַ וועגל אין צעך און פאָר מיר פּאַוואָליע.

— וואָס עפּעס מיטאַמאָל? — וווּנדערט זיך פאַנדרע — ביים גויעשקן פּריסטאַן פלעגט איר דאָך פאַרקויפן קיכלעך...

— וואָס רעדסטו וואָס? זינט אַנשל פאַראָמשציק איז נהרג געוואָרן —

— אַנשל פאַראָמשציק? ווי? אָט דער —

— אונדז צו לאַנגע יאָר! אַנגעלאָפן אַ פאַרעכאַד, פון אָט דער שיינער „קאָמפּאַניע" בשעת אָפּלאָזן דעם קאַנאַט, און צעטרושצעט אַנשלען דעם שאַרבן, מיט זיין אייגענעם ראָד, ווי אַ וועלשענעם נוס, נעבעך. נישט פאַר אונדז געדאַכט, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט! שוין אַ מעשה באַלד צוויי חדשים. נו האָבן דאָך יידן עדות געזאָגט, אַז ס'איז געווען בכיון... אַ פּראָטאָקאָל האָט מען דער קאָמפּאַניע געמאַכט און אַ משפט גייט. ס'האָט זיי שוין, מאָל דיר אויס, אָפּגעקאָסט אַ רעכטע מטבע. אַז יידן ווילן מיט דער קאָמפּאַניע נישט פאָרן — איז שוין אָפּגערעדט. דער שיינער קאַפּיטאַן איז אויך אַרויס אַ געניזוקטער. דער זעלבער טראַסק, וואָס האָט געממיתט אַנשלען, עליו השלום, האָט דעם גוי מיט דער קאָקאַרדע אויך געבראָכן רוק און לענד. ליגט נאָך דער חזיר אין שפּיטאָל אין מאָהליוו און ער וועט נאָך מירצעשעם הינקען!... נו, איז אַוועק פון דאַמאָלסט אָן אַ שנאה מיט דער קאָמפּאַניע...

פאַנדרען האָט פאַרקוועטשט דאָס האַרץ אויף דער מיתה־משונה פון אַנשל פאַראָמשציק. אויף זיך אַליין. אָט אַזעלכענע זאַכן האָבן זיך אָפּ־געטאָן אין שטאָט און ער האָט נישט געוווסט. באַגראָבן לעבעדיקערהייט איז ער געווען.

פרעגט שמחהלע:

— יאָ, ווי קומט עס אָבער, ר' זונדל, איר זאָלט פאָרן אויף מאָהליוו? מיט דער אָרשער באַן פאָרט מען, דאַכט זיך, אויף „סימביר". דער קאָפּ האָט זיי געדאַרט, די באַלעגאָלעס אין צעך?

— הערסט דאָך — מאַכט זונדל „גאָט גנב" — אויף דעם קלאָג איך דאָך! דרייזע מיט די קינדער פאָרן דאָך ווי פּאָסעליענצעס מיט אומזיסטע בילעטן. כלאָפּאָטשען מיר שוין אַזוי אַ שיינע פּאָר חדשים. כאָטש קומען קומט דאָס איר על פּי זאַקאָן. נאָר פּאַניע קוואָס! גיי טענה זיך מיט אים אויס! דערוויילע־וואָס איז שוין באַלד אַוועק דער זומער. אַריינפאָרן אין „סימביר" מיט קליינע קינדער אין די גרויסע קעלטן איז אויך נישט פון די געשמאַקע זאַכן. און די פּאַפּירן ליגן שוין גרייט ביים מאָהליווער גובערנאַטאָר אין קאַנצעלאַריע. נאָר ביז דער שקלאָווער פּריסטאַוו, ימח שמו זאָל ער ווערן, וועט זיי אַרויסטרעבעווען — איז אויס זומער. וועט זיך דאָ דרייזע מוזן וואַלגערן נאָך אַ האַלב יאָר אויב מ'פאָרט נישט גלייך... און יענער דאַרטן, קאָפּל, האַלט אין איין האַקן בריוועלעך: קום און קום! פּאַדאַוואַי ווייב און קינדער זאָל מען אים! נישט געדאַרפט,

אַזאַ תכשיט, פאַרן אום שבת אין כישין דעם דאָקטאָרס שליטן, נישט געדאַרפט. אָט!

### 3.

יענקוץ איז ווידעראַמאָל אויפגעשפרונגען אין וואָגן, אויף די דינע פּיסלעך. דעם זיידנס באַרעדעוודיקייט האָט אים צעוואָרעמט. דער זיידע דערציילט דאָ אַלץ זאַכן, וואָס ער, יענקוץ, ווייסט זיי ווי זיינע שמוציקע פינף פינגערלעך. ער ווייסט בעסער!... פאַרגלוסט זיך אים אויך אַריינ־שטעלן אַ וואָרט. אַ פול קעפּל מיט סצענעס האָט ער און אַזוי ווייניק ווערטער. צעקרייעט ער זיך און צעזאַאיקעט זיך קינדיש און אין גרויס איילעניש:

— אוי, אוי, ביי אונדז טאַקע געווען דער פּריסטאַוו. אוי, ס׳אַראַ איוואַנסקי קנעפּ! די מאַמע טאַקע געוויינט, די מאַמע. איכ׳ל ניט מורא, איכ׳ל...

ס׳הייסט: ביי זיי אין שטוב איז טאַקע געווען דער פּריסטאַוו. אַ גע־וואַלד וויפיל יונ׳סקע קנעפּ ער האָט! די מאַמע האָט געוויינט, נאָר ער, יענקוץ, האָט נישט מורא געהאַט...

אַ פּלעם איבערן מויל פון דרייזעס פולער האַנט האָט אים צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער פּערינע. נאָר איר יינגלס „אויסזאָגן פון חדר״ האָט זי צערייצט. און טאַקע, פאַרוואָס קומט דאָס עפּעס סענדערס טאָכ־טער זאָל האָבן דעם מאַן, דעם אָסטראָזשניק, שוין היינט ביינאַכט ביי זיך? און זי, דרייזע, דער זעלבער יחוס, דאַכט זיך, ווי מערע, מוז נאָך וואָגלען חדשים לאַנג צו איר קאָפּלען, ערגעץ־ווו אין דער גויעשער פרעמד. שלעפּן זיך אויף וועגענער, פאַרעכאָדן און באַנען... ס׳איז מער נישט, ווייל סענדער האָט געבאַמקעט אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, האָט זיך שטאָט איינגעשטעלט פאַר זיין איידעמל. און קאָפּלען, זונדל גאָטס גנבס בנאָק, האָט שטאָט פיינט. האָט מען אים פאַרהוקעט און פאַרטוקעט. אַ פינגער אין קאַלטע וואַסער האָט קיינער נישט אַריינגעטאָן אים צו ראַטעווען פון פאָניעס הענט...

אָנקוקנדיק אַזוי פון וואָגן אַראָפּ פאַנדרעס געזונטן פּנים, זיינע בריי־טע פּלייצעס, האָט זיך אין איר אויפגעכאַפּט אַ גראָבע קנאה, אַ בייזער ווילן אַ שטאָך צו טאָן די, וועלכע זענען גליקלעכער ווי זי. מאַכט זי

אַ זיסע מינעלע, פּאַרציט פּרום די עקן פון טיכל אויפן קאָפּ, שמייכלט כלומרשט אַראָפּ צו פּאַנדרען און די אויגן ברענען ביי איר:

— פרעגסט זיך גאָר אויף קיינעם נישט נאָך?... כ׳קען דיר אָפּגעבן אַ גרוס פון מערען, קען איך דיר. זי איז היינט נאָכן אָנבייסן געווען ביים פּריסטאַן. געוואָרט, ווי אַלעמאָל, אויפן פּאַרעכאָד...

דרייזעס זיסלעכע און צווייטייטיקע מינעלע האָט פּאַנדרען אויסגעזען פּאַרדעכטיקט. אין זיין פּאַרזיכדיקטקייט קעגן מערען האָט אים אַזאַ פּלוצ־לעכער גרוס געטראָפן, ווי אַ שטויס אין האַרצן. אים האָט זיך גלייך אויסגעדוכט, אַז פרעמדע הענט מישן זיך אין זיינע משפחה־זאַכן. האָט ער מיט אַ האַלבן מויל, ווי אַ פּאַרשעמטער יינגל, קוים, קוים אַרויס־געבורטשעט:

— אַז... אַזוי? ביים פּאַרעכאָד? איז... איז וואָס מאַכט זי?

— וואָס זאָל זי מאַכן? — פרעגט איבער דרייזע און איר שמייכעלע ווערט נאָך האָניקדיקער און דער קוקעלע ברענט ביי איר ווי ביי אַ וואָל־פיכע, — זי טראָגט זיך אַרום מיטן יינגעלע אויף די הענט. אַ שיינער יינגעלע, נאָר דער רויטער לאַפּיק (לאַטקע) אויפן העלדזל...

— אָ, דער פלעק? — שפּיצט זיך פּאַנדרע אָן — ס׳איז גאָרנישט! כ׳איז פון דער שריפה... זי האָט זיך דערשראָקן...

— זי נעמט זיך אָבער צום האַרצן. אַ מאַמע! זי נעמט זיך אַלץ צום האַרצן. אַפילו קושקע דעם פּרעסערס שטיקלעך... זי קען אים נאָך אַלץ אין די אויגן נישט קוקן...

— קושקע בראַנד? — ווערט פּאַנדרע אומרויִק — וואָס שוין ווייַ־טער דאָרטן?

— וואָס זאָל זיין? ער האָט זיך נישט זייער שיין באַנומען. אָט, וועסט קומען אַהיים וועסטו שוין הערן...

— יידענע! — שרייט אויף דרייזען אָן זונדל גאָטס גנב — יידענע, שווייג שוין בעסער!

— וואָס איז דאָ וואָס צו שווייגן? — וואָרפט צו דרייזע דעם שוער אירן אַ פּאָר פרומע אויגעלעך — גאַנץ שטאָט ווייסט, אַז... מערע האָט קושקען געפּאַטשט אינמיטן דער נאַכט און פון שטוב אַרויסגעוואָרפן...

פּאַנדרע וויל אַ שפּרונג טאָן צום וואָגן, אָנכאַפּן דרייזען ביי ביידע פּעטע אָרעמס, אַ טרייסל טאָן זי אַזוי, אַז אַלע באַהאַלטענע און שוואַרצע רכילותלעך זאָלן פון איר אַרויסשפּרינגען מיט איין מאָל, ווי די צייטיקע

קערבדלעך פון אַן אָנגעפּוילטן מאַן־קאָפּ. נאָר ער האַלט זיך איין. ער ווערט נאָר בלאַס, און פרעגט זיך געלאַסן:

— גאָר אַזוי? ע... ווען איז דאָס געווען?

אַ זלידנע פרייד צעטאַנצט זיך אין דרייזעס פאַרביטערט האַרץ. לויט פּאַנדרעס בלאַסקייט און לויט זיינע געציילטע ווערטער זעט זי, אַז ס׳איז אים גוט אַריין אין לעבער. זינגט זי זיך אַזוי כלומרשט, אָן אַ שום כוונה, און קוקט ערגעץ־ווו אין וואַלד איבער פּאַנדרעס קאָפּ:

— ווען זאָל עס זיין?... נאָך דער סעודה אין חברה־לויה איז עס געווען. אָנגעזויפן זיך — קושקע און אַוועקגעטראָגן, כלומרשט, מערען איר חלק פיש און געגדזגס. אויסגעזוכט אַ צייט... האַלבע נאַכט קלאַפּן אין לאָדן, קריכן צו שטרויענע אלמנות...

— נו, נו, יידינע! — צעשרייט זיך שוין זונדל נישט אויף קאַטאַ־ווּעס און ווינקט צו איר מיט די אָנגעקנייטשטע אויגן.

און באַלד נאָכן אָנשרייען גיט ער זיך, מכלומרשט לאַכנדיק, אַ קער צו פּאַנדרען:

— וואָס איז דאָ וואָס צו דערציילן? גאַנץ שטאָט האָט געלאַכט פון, פון... קושקען. אַי־אַי האָט זי אים געבאַיקערט, זאָג איך דיר!...

— מיט... מיט... מיט אַ „סטיוול״ טאַקע! — שפּרינגט אויף יענקוץ.

— אוי־אוי, „צי״ אים „געסלאָגן״!

נאָר אַצינד באַשטראָפט נישט מער דרייזע דעם תכשיטל אירן. זעצט אים מער נישט אַוועק אויף דער פערינע מיט אַ פלעם איבערן פּיסקל. פאַרקערט, זי גיט אים אַ גלעט מיט אַ פּאָר מאַמע־אויגן, באַדאַנקט אים שטום, דעם אַנטיקל, וואָס העלפט איר אַזוי גוט אין אירע רכילות.

דערקענט פּאַנדרע אָן דעם קעציש בליאַסק אין דרייזעס אויגעלעך, אַז מיט אָט דער צעשוומענער, זיס־זויערער יידענע איז נישטאָ וואָס צו רעדן, און אַז קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען. גיט ער פּלוצלונג אַ זאָג: „פּאָרט געזונט!״ צו זונדלען אויף דער קעלניע, דרייט זיך אויס מיטן רוקן צו דרייזען און לאָזט זיך גיין, אַראָפּ שליאַך, מיט געלאַסענע אָבער פעסטע טריט. און שמחהלע מיט זיין קלומיק — נאָך אים.

זונדל גאָטס גנב ציט אויס דעם קאָפּ פון דער קעלניע און קוקט אַ ווײַלע נאָך ביידע פוסגייער, פינטלענדיק, ווי ער וואָלט זיינע אויגן נישט געגלויבט. דערזען, אַז פּאַנדרע איז טאַקע אַוועק, צעקאָכט ער זיך און צעפּאָכעט זיך מיט דער בייטש איבער זיין שנור אויף דער פערינע אין וואָגן:

— אָו־אָו! דו גראָבע דייזשע! דו טרפהנער מויל! דיין שכתדיקע טיכל האָט דיר דאָך טאַקע קאָפּל געקויפט פאַר כישינס געגנבעטן פערד! שווייגן דאַרפסטו! דו! צו... צו מערען גלייכסטו זיך?... טפו!...

נאָר אָנשטאָט אַראָפּלאָזן די בייטש אויף דרייזען לאָזט ער אויס זיין האַרץ צום אויסגעבאָרגטן פערדל. שמיץ־נאָך־שמיץ און צי־נאָך־צי פאַר די שטריקענע לייצעס:

— ניאָ, ניאָ, ניאָ! פאַדלע! צו אַלדי שוואַרצע יאָר. ניאָ! —

# חאַצע קירזשניער אויפן שליאַך

### 1.

אַוועקגעגאַנגען פון זונדל גאָטס גנבס פורל — האָט זיך פּאַנדרעס פּנים פאַרצויגן מיט אַ פּינצטערניש. די נאָדל, מיט וועלכער קאָפּלס יידענע האָט אים ווייבעריש־כיטרע אַ שטאָך געטאָן, איז זיך צעוואָקסן, צעשלענגלט זיך, דערקראָכן ביזן האַרצן און געטאָטשעט: „קושקע בראַנד... מערע... מערע, קושקע בראַנד...״ אומעטום קושקע! דאָ כאַפּט ער אויס „שודאַקעס״, דאָ מאַנטשעט ער אויס „שמענדריקן״ ביי סענדערן און פאַר־שמייסט אים. אַצינד קריכט ער נאָך צו מערען אויך?... שוין לאַנג גע־דאַרפט אים אָפּרייסן די ראהקע! אָט ביים אָרשער באַן האָט שוין אַמאָל, פאַרן „זיצן״, געהאַלטן דערביי. עס האָט זיך אָנגעהויבן פון קאַלטער רעטשקענער קאַשע מיט מילך, וואָס קושקע האָט געגעסן פון האַלאַטשיק און ער, פּאַנדרע, האָט ביי אים געבעטן פאַרזוכן... געדאַרפט שוין דאַ־מאָלסט מאַכן פון אים אַ פליישיקע קאַשע. האָבן זיך אָבער גוטע ברי־דער — באַלעגאָלעס אַריינגעמישט. נאָר אַצינד, ווי נאָר ער קומט אַהיים —

דער אומבאַקאַנטער ווייטיק פון אייפערזוכט האָט פּאַנדרען געטריבן, צוגעגעבן האַסטיקייט זיין טראָט און אַ פרישן ברען — זיינע אויגן. זיין אָפּגעלאָזנקייט איז אינגאַנצן אַוועק. און שמחהלע האָט אַצינד קוים פּאַספּעיעט נאָך אים. פונקט ווי היינט אינדערפרי, באַלד נאָכן אַרויסגיין פון אָסטראָג.

— האָסט זיך דאָך שוין אָנגענואפּט! — בורטשעט שמחהלע קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם — היינט וואָס לויפסטו?

פּאַנדרע האָט זיך געמאַכט, אַז ער הערט נישט. נאָר וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אַלץ שוואַכער איז געוואָרן זיין כעס. די מוטנע טרויע־ריקייט האָט זיך אומגעקערט. אָט ערשט האָט ער זיך דאָך אַליין נישט געקענט באַהערשן. נאָכגעגעבן דעם שטן. און אָט צאָלט זיך עס אָפּ...

דער שוואַרץ יאָר האָט אָנגעטראָגן זונדלס פּורל מיט זיין שנור!... ווער האָט זי געצויגן פאַר דער מיאוסער צונג?... יאָ, מערע האָט טאַקע קושקען געבראַכן דיביינער מיט ר' סענדערס אַ שטיוול. וואָס אמת איז אמת. אָבער אַריינלאָזן אים אינמיטנדערנאַכט האָט זי לכתחילה נישט געדאַרפט. ניין! בשום אופן נישט געדאַרפט...

און דער וואָרעם האָט געטאָטשעט און געטאָטשעט.

אַ וויאָרסט פינף פאַר שקלאָוו האָט אַ שמעק געטאָן מיט „אונטער־באַרג", ווו דער דניעפּער און די אָזערע גיסן זיך צוזאַמען אונטער דער הרעבליע פון דער גרויסער מיל. אַלס ערשטע שטאַפעטע פון די דאָזיקע מקומות, זענען אָנגעפלויגן עטלעכע ווילדע קאַטשקעס אין איין שמאָלן דריי־עק. ווי באַפליגלטע פיילן זענען זיי געפלויגן, ערגעץ־ווו אַהיים, אין אַ געמויזעכץ אַריין. מען האָט קלאָר געהערט דאָס פייפנדיקע פאָכען פון זייערע פליגלען. אפילו ביי שמחהלען דעם גראָבן יונג, דעם אַפּלאַכער, האָבן זיך אויפגעבלאָזן די נאָז־לעכער. ער האָט דערשמעקט די היים אין דער נאָענט און איז אומרואיק געוואָרן, ווי אַ חיה אַרום דער פאַרלוירענער לאָך צו איר נאָרע.

און גאָר אומגעריכט, פאַרקערעווענדיק מיטן אויסבויג פון שליאַך, דערזעט פאַנדרע אינעם ראָזעווען אָוונט־נעפּל פון וואַלד, ווי אימיצער הינקט, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שוואַרצער קוליע, און אַ ווייסער לייכטער קלומיק באַמבלט זיך ביי יענעם אויפן רוקן.

דערהערנדיק טריט הינטער זיך, גיט דער פאַרשוין אַ קער דעם קאָפּ איין מאָל און צוויי מאָל, און הויבט אָן צו האָצקען זיך פאַמעלעכער.

דאָס האָט פאַנדרען אויסגעזען, ווי ווען דער הינקענדיקער פוסגייער וואָלט גוט געוווּסט, אַז ער און שמחהלע דאַרפן אָנקומען פון הינטן, מיטן זעלבן שליאַך... און אַן אָנשטעל וויל יענער מאַכן, אַז ס'איז נאָר אַזוי זיך, אַ צופאַל אַזאַ.

דערנענטערט זיך — וואַקסט פון ווייסן קלומיק אויס אַ ברודיקע טוך, פון וועמענס גראָב־צוזאַמענגעבונדענע שפּיצן עס שטופן זיך, ווי שוואַרצע שעפּסן פון צוים, גויעשע וואַטאָווע מאַגערקעס. דער קאָפּ הינטער דעם דאָזיקן קלומיק גיט זיך ווידער אַ דריי־אום און... פאַנדרען גיט עס פריילעך אַ טיאָכקע אין האַרצן. ער דערקענט די פייערדיקע אויגעלעך אונטערן שוואַרצן דאַשעק, די וועלפיש־שפּיציקע אויערלעך איבערן פאַרשמאַלצע־וועטן ראַנד פון קאַרטוז. ניין, דאָס מאָל האָט אים טאַקע גאָט אַליין צוגעשיקט דעם, וועגן וועמען ער האָט נישט איינמאָל געטראַכט אין

אָסטראָג... ס'איז חאַצע דער הינקעגדיקער קירזשנער גופא. טאָקע אָט דער „ציציליסט", דער קהלשער טרפה לעפל, דער שטילער מאַכער פון אַלע רייסערייען צווישן באַלעבאַטים און באַלמעלאָכעס פאַר וועמען אַלע אַרבעט־געבער אין שטאָט עס האָבן מורא, ווי פאַר פייער, און וועמען קיינער האָט נאָך קיינמאָל נישט געכאַפּט ביי דער האַנט. אַפילו דער בייער פּריסטאַוו, דער המן, וועלכער ליגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אויסצונעמען ביי נאַטשאַלסטווא, אַפילו אים האָט זיך נאָך דערווײַלע נישט איינגעגעבן צו באַשטראָפן אים, דעם הינקענדיקן חברה־מאַן. פליקט ער זיך, דער פּריסטאַוו, די דראָטענע וואָנצעס, קריצט מיט די וועלפישע ציין, און חאַצע דער הינקענדיקער שטעקט אים אַרויס אַ צונג הינטערן זילבער־גרויען שינעל מיט די רויטע עפּאָלעטן:

— ישקני!... איך ביי גויעשקע היטלעך ביי איך... און טו מיר עפּעס!

פֿאַנדרע געדענקט גוט, אַז זינט דעם משפט זייגעם אין אָקרוזשנאָי־סוד האָט ער זיך געקליבן דורכצושמועסן מיט דעם הינקענדיקן חברה־מאַן אויף דער פריי, פרעגן ביי אים, אפשר ווייסט ער וואָס עס טוט זיך דאָ אויף דער וועלט? פאַרוואָס מען פאַרמשפט מענטשן פאַר גאָרנישט מיט נישט? פאַרוואָס אָנצורירן דעם אַרבל פון אַ פּריסטאַוו איז אַ שווערערער חטא ווי אונטערצינדן. וואָרים אָט האָט דאָך שמחהלע טורערו באַקומען מיט דריי חדשים אָסטראָג ווייניקער ווי ער... חאַצע נעמט זיך דאָך אָן פאַר עוולות, אַ פאַרזאָרגער פון אָרעמעלייט איז ער דאָך פון תמיד־אָן, מוז ער וויסן. אדרבא, זאָל ער טאָקע זאָגן וואָס ער טראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן.

אָנגעזאָלצן, ווי עס איז אים אַצינד געווען, פון דרייזעס רכילותן, האָט זיך פֿאַנדרע דערפרייט, וואָס ער וועט דאָ קענען אַראָפּרעדן פון האַרצן. און ווי אַ וווּנדער און אַ גוטער צייכן האָט אים אויסגעזען דאָס, וואָס זיין באַהאַלטענער ווונטש איז מקוים געוואָרן, באַלד נאָכן אַרויסגיין אויף דער פריי, עטלעכע וויאָרסט פאַר שקלאָוו...

## .2

חאַצע דער קירזשנער בלייבט שטיין און קוקט אַרויס פון אונטערן דאַשעק, שאַרף און פאַרטאַיעט. אויפן געזונטן פנים, וואָס גייט אויף אים אָן מיט אַזאַ ברייטער פריינדלעכקייט

— אַ גוט־נאָוונט! — צעשמייכלט זיך פֿאַנדרע — אַ שקלאָווער ייד, דאַכט זיך?

— אַ שקלאָווער, אַ שקלאָווער! — ענטפֿערט חאַצע אָפּ פֿריינדלעך, אָבער צוריקגעהאַלטן.

— אוי, אַ כאָלערע! — גריסט אויך שמחהלע טורערו אויף זיין שטייגער — ווו מען זייעט דיך נישט — דאָרטן וואַקסטו!

פֿאַנדרע שטופּט אָפּ שמחהלען מיט איין האַנט, און די צווייטע לאַפּע זיינע לייגט ער ווייך אַראָפּ אויף חאַצעס מאָגערע פּלייצקע:

— האָסט מיך דערקענט?

— המ... — מאַכט חאַצקע און שאָקלט פֿון זיך פֿאַוואָליע אָפּ פֿאַנדרעס האַנט — דיך נישט דערקענען?

ער נעמט פֿעסט אָן זיין שוואַרצע קוליע אונטערן אָרעם און הויבט אָן צו האָצקען זיך אַראָפּ־שליאַך. ווי איינער זאָגט: „איך האָב נישט קיין צייט צו באַלעבאָטשען". זיין לייכטער קלומיק מיט די היטלען באַמבלען זיך ביי יעדן טראָט און פֿוןביידע זייטן, ווי די אונטערפֿירער, גייען אים נאָך שמחהלע און פֿאַנדרע.

פֿאַנדרע איז אַ ביסל פֿאַרשעמט פֿון חאַצעס קילן קבלת־פּנים. ער האָט גלייך באַמערקט, אַז יענער מיידט־אויס זיין צו גאָענטע גוט־ברודערשאַפֿט. היינט פֿאַרוואָס האָט ער זיך פֿריער אַזוי אומגעקוקט?...

— וואָס הערט זיך עפּעס אין שקלאָוו? — פֿרעגט פֿאַנדרע גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין.

— גאָרנישט, — ענטפֿערט חאַצע און האָצקעט זיך ווייטער — דער גרינער קלויסטער שטייט אויפֿן זעלבן אָרט. יאָשקע דער שערער שטופּט זיך נאָך אַלץ צום נייעם פּריסטאַוו. נאָר דער אדון, כאָטש גיב אים אַ קרענק, וויל קיין יידישע פּיש נישט פֿאַרזוכן!... אָבער דו, נח, זאָרג זיך נישט, וועסט זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט!

— ביי וועמען? — שפּיצט זיך נח אָן.

— ביי אַלעמען... ביי דיין ווייב, למשל.

פֿאַנדרען דאַכט זיך אָבער, אַז דער קירזשנער האָט אים געגעבן אַן אָנצוהערעניש. לאָזט ער אים נישט גליטשן זיך:

— און ביי וועמען נאָך?

— ביין אַ סך אַנדערע — ענטפֿערט שוין חאַצע אַ ביסל קלאָרער — אַלע וויסן דאָך, אַז מ'האָט דיך פֿאַרמשפּט פֿאַר... פֿאַר גאָרנישט.

ווי בוימל צעגיסן זיך חאַצעס ווערטער איבער פֿאַנדרעס האַרצן.

דער פּאַרטאַיעטער ווייטיק נאָך דרייזעס רכילותן לינדערט זיך. ער פילט, אַז חאַצע נעמט אים שטילערהייט אַריין אין קאָמפּאַניע מיט אַלע באַעוולטע, פאַר וועלכע ער שטעלט זיך איין דאָס גאַנצע לעבן — רופט ער זיך אָפּ פאַרטראַכט, ווי אַ מענטש וואָס רעדט צו זיך אַליין.

— און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דו ווייסט שוין, אַז מיר קומען אַן... פריער, ווען דו האָסט זיך אומגעקוקט...

— אוודאי האָב איך געוווסט, — זאָגט חאַצע פּראָסט און פּשוט, — כ'האָב דיך שוין היינט געזען אין מאַקאַראָווקי. אַלטע „באַבעס״ האָבן זיך געשטופּט אַ קוק טאָן דורך אַ פּאַרקאַן. האָב איך זיך אויך אַריינגעשטופּט. אַ בוהאַי, זאָגן זיי, האָט זיך דאָ פריער צעיושעט, שיער אַ שיקסע נישט צעטרייבערט. און אַ ייד פון שטאָט האָט אים אַוועקגעלייגט...

— אַך, דאָס! — לאַכט פּאַנדרע פאַרשעמט.

— זע איך, — מאַכט חאַצע און שפּיצט אָן זיינע אויגעלעך, — זע איך, ווי דו זיצט אונטער אַ בוים, ווי אַ טערק אין גן־עדן, און אַ יפה־פע (אַ שיינהייט) טראָגט דיר אונטער פון פויגל־מילך...

נאָר דאָ מישט זיך אַריין שמחהלע טורערו. ער איז אומצופרידן, וואָס חאַצע רעדט די גאַנצע צייט מיט פּאַנדרען און נישט מיט אים, און דער־פאַר וואָס שקלאָוו וואַרט אויף פּאַנדרען און נישט אויף אים. גיט ער אַ בורטש:

— מען ווייסט, יאָ. אומעטום שטעקסטו די נאָז דיינע!

— פּאַרקערט, — ענטפערט חאַצע זייער רואיק — איך שטעק גאָר־נישט. דערפאַר טאַקע בין איך אַוועק.

— נישט אָנגעשטאַנען דיר צו וואַרטן אויף אונדז? — טשעפּעט זיך שמחהלע.

— מיט מיין קאַווילע (קוליע) וואָלט איך סיי ווי סיי נישט געקענט נאָכלויפן נאָך אייך. איך גיי מיר פּאַמעלעך. וואָס ביי אייך אַ שעה איז ביי מיר — דריי. פונדעסטוועגן, — ווענדעט ער זיך ווידער צו פּאַנדרען, — פונדעסטוועגן האָב איך גערעכנט, אַז מיטן שליאַך וועט איר אָנקומען, הינטער מיר, אַ סך פריער...

— גע... געכאַפּט אַ דרעמל, — פאַרענטפערט זיך פּאַנדרע און קוקט בשעת מעשה איבער חאַצעס אויגן, אין הימל אַריין.

שמחהלע גיט אַ מעקע אין זיין קאַלטאַנאַוואַטן בערדל: „יאָ ר׳ אברמל — אַ דרעמל! מיט אַ קאַץ אויף אַ קעמל!״ און צו חאַצען גיט ער זיך אַ קער אַזוי שפּיציק־כיטרע:

— און דו, תנא־ברא מיינער? פונוואַנען — דו? וואָס שלעפּט זיך עפּעס אַ הינק... אַ קירזשנער אַרום אינמיטן טאָג אויפן שליאַך?

ס'האָט אויסגעזען, ווי ווען יעדער איינער וואָלט געוועז טאָפּן ביים צווייטן „אין וואָגן" און קיינער לאָזט זיך נישט. דער קירזשנער איז דאָך אָבער אַ געשאָסן פויגל — ענטפערט ער שטיל און גלייכגילטיק:

— עס גייט דאָך עפּעס צו אָסיען. גיי איך מיר פּאַוואָליע איבער די דערפער. כ'פאַרקויף ווינטער־היטלעך די גויים. אייגענע אַרבעט. אין שטאָט זיצט מען אָן אַ שטאָך מלאכה. הייגט וואָס דאַרף איך וואַרטן ביז גויים ווען קומען אויפן יאַריד? אַזוי פאַרקויפט זיך בעסער, אָן טומל...

— און מער גאָרנישט? — פאַרקוועטשט שמחהלע איין אויגל.

— וואָס טשעפּעסטו זיך, וואָס? — גיט אויף אים פּאַנדרע אַ ברום.

— זעט נאָר ס'אַראַ פאַרליבעניש! — גיט שמחהלע אַ וואָרף מיטן קאָפּ — זינט ווען ביסטו דאָס געוואָרן אַזאַ מחותן מיט, מיט...

— מחותן, נישט־מחותן — כמורעט זיך שוין פּאַנדרע אָן — לאָז אַ מענטשן רעדן. מ'רעדט דאָך נישט צו דיר.

— איך זאָג, — פאַרקרימט שמחהלע דאָס גרויסע מויל זיינע — צוליב היטלען אַליין, זאָג איך, וואָלט ער זיך אויף זיין קאַווילע נישט אומגע־שלעפּט, זאָג איך, אין אַזאַ היץ. לוקסיי דעם דעסיאַטניק קען ער דאָס דערציילן, נישט מיר...

האַצע דער הינקענדיקער, וועלכער האָט ביז אַהער געשוויגן אָדער געענטפערט מיט אַ האַלבן מויל, דרייט זיך מיטאַמאָל אויס אויף זיין קאַווילע, ווי אויף אַן אָקס, און זיינע אויגעלעך שטעכן פון אונטערן דאַשעק ווי אָנגעגליטע נאָדלען.

— און דו — מאַכט ער שאַרף צו שמחהלען — ביסט אפשר אַן אָנגע־שטעלטער ביים פּריסטאַוו? יאַשקע דעם מסורס אַ חבר אפשר? שעם זיך נישט. זאָג שוין דעם אמת!

— כאַ־כאַ! — כאַפּט זיך פּאַנדרע פאַר די זייטן — אַ קלאָג צו דיר, טורערו! גוט אַריינגערעדט אין דיר, וואָס?

דער טרפהנער נאָמען פון גוי, וועלכער האָט אים אַריינגעפּאַקט אין הד־גדיא און האַצעס ספּעציעלע מינעלע, טרעפן שמחהלען ווי אַ פּליאַסק מיט אַ נאַסער שמאַטע אין פּנים. ער וויל עפּעס אַ זאָג טאָן אַ גראָבקייט און קען נישט, ווי פאַרכלינעט מיט ברודנע וואַסער.

זיין צעטומלטקייט נוצט נאָך האַצע דער הינקענדיקער אויס און שפּילט אויף אים מיט ברענענדיקע אויגן און מיט שטעכיקע ווערטער:

— און טאָמער ביסטו נאָך נישט דעם נייעם פּריסטאַווס באַהעלפער, קענסטו אַצינד ווערן. יאַשקע דער שרעער האָט נאָך אַלץ צום נייעם פּריסטאַוו קיין הצלחה נישט. אַפילו פּאַרמסרן לייזשקע דעם פּאַקנטרעגער האָט זיך אים נישט איינגעגעבן... איז אַט, שמחהלע, פּרוּוו דו אַקאַרשט! אפשר וועט זיך זיך ד י ר איינגעבן...

— נו־נו־נו! — גייט איבער שמחהלע פון צעטמולטקייט צו גרימ־צאָרן — שפּרינג, הינקענדיקער טשאָרט! וואָרום איכ׳ל איכ׳ל... כ׳וועל דיך באַלד...

## .3

פּאַנדרע שטעלט זיך צווישן זיין אויפגערעגטן חבר און צווישן חאַצע דעם קירזשנער, ווי צווישן צוויי צעקריגטע הענער. אַ קלוגעטשקער שמייכל שלענגלט זיך אויף חאַצעס ליפּן אונטער די שיטערע וואָנסעלעך... ער ווייסט, אַז ער האָט אָנגעטאַפּט דעם שוואַכן אָרט ביים צעלאָזעגעם חברה־מאַן. אין ווינקל האָט ער אים פאַרשטופּט. קיין פּיפּס וועט ער מער נישט טאָן. אַצינד קען ער רעדן פרייער, דאַרף זיך מער נישט פאַרטאַיען פון שמחהלעס שפּיציקע אויגן און פון זיינע שאַרפע אויערן.

לאָזט מען זיך ווידער אַוועק זאַלבעדריט מיטן שליאַך. נאָר אַצינד הינקט שוין נישט מער חאַצע קירזשנער אינדערמיטן, נאָר ביי פּאַנדרעס רעכטער האַנט. און פּאַנדרע אינדערמיטן טיילט אים אָפּ פון זיין צאָרנ־דיקן חבר.

— אַט ערשט אַרויס פון פּאַניעס הענט און שוין איינגעשטעלט זיך פּאַר פּאַניען? — אַזוי מוסרט פּאַנדרע שמחהלע טורערו — עס גייט דיר אין לעבן, טאָמער טשעפּעט אימיצער פּאַניע־גנבס מלוכה?... און איך, חאַצע! — אַזוי גיט ער זיך אַ קער צום קירזשנער — ווי איך בין אַ ייד!... כ׳האָב דיך געוואָלט זען. כ׳האָב געהלשט דיך זען.

— דו מיך? — שטעלט אויס חאַצע קירזשנער אַ פּאָר פאַרשנדיקע אויגן.

— איך דיך! וואָס וווּנדערסטו זיך? נאָך בשעתן משפּט אין אָקרוזש־נאַי סוד האָב איך געטראַכט אַז, אַז... ווי איך בין אַ ייד! כ׳האָב געטראַכט, אַז מ׳מוז ביי דיר אַ פרעג טאָן וואָס דו זאָגסט... דו האַלסט דאָך נישט, זאָגט מען, פון פּראַוויטעלסטווע. איז אַט... וואָס זאָגסטו צו פּאַניעס יושר אין מיין דיעלאָ? און בכלל —

— און אין מיין דיעלאָ?... — שטעלט שמחהלע אָן אַ פּאָר גזלנישע אויגן.

— אין דיין דיעלאָ אויך! — גיט פּאַנדרע אַ בויטש מיטן קאָפּ. — אָבער דו, דאַכט זיך, אַזוי צו זאָגן, שטעלסט זיך דאָך איין פּאָר פּ—

— דיך אַרט דאָך — כאַפּט אונטער חאַצע דער הינקענדיקער — וואָס איך גיי איבער די דערפער מיטן פּאַק היטלען און... לאָמיך דיר זאָגן גאַנץ קלאָר וואָס דו מיינסט, און איך רעד מיט די גוים איבעריקע זאַכן... ווי?

— איך? — גיט זיך שמחהלע אַ מאָרדעווע נישט צו פּאַנדרען, נישט צו חאַצען, נאָר צו זייביידן — איך שטעל זיך איין? מיר אַרט פּאָר פּאָניעס מלוכה, נאָכדעם ווי... ווי... טפו!

— טאָ טשעפּע זיך נישט! — לאָכט פּאַנדרע און פּילט, אַז מיט זיין לאַכן האָט ער איינגאַנצן אָפּגעקויפט חאַצעס האַרץ. און חאַצע דער הינקענדיקער ווערט טאַקע זייער בייגעריק און טרייבט אים אונטער:

— נו, נו! און וואָס איז ווייטער געוואָרן? נאָכן משפּט...

— ווייטער, אין אָסטראָג, האָט מען גערעדט מיט שעפּטעלען. אַ גנב אַפילו, אָבער זאַכן האָט ער גערעדט וואָס דו האָסט זיי אויך געמעגט זאָגן. כ׳האָב אָבער קיינמאָל נישט געוווסט ווען עס רעדט פון אים דער גנב און ווען דער ערלעכער מאַן. האָב איך ביי דיר געוואָלט דערגיין דעם רעכטן אמת...

— דערגיי, דערגיי! — שמייכלט חאַצע און האָצקעט זיך גאָר האָר־פּערדיק אויף זיין קאַווילע. אָט אין שטאָט, — מאַכט ער אַ ביסעלע שטילער און קוקט זיך אום אויף שמחהלען — אין שקלאָוו, וועל איך דיר אַמאָל שבת זאָגן ווו צו קומען, אין פראַנצקאָוועער וואַלד אפשר, אָדער הינטער די אָרשער ברעמלעך...

— פּאַנדרע, — כאַפּט אָן שמחהלע זיין חבר ביים אַרבל, — קריך נישט, זאָג איך דיר, ווו מען דאַרף נישט! מער פעלט דיר נישט...

— האָסט דאָך עפּעס געזאָגט, — נאָדלט אים חאַצע מיט די שוואַרצע אויגלעך פון אונטערן דאַשעק — אָט ערשט האָסטו דאָך געזאָגט, אַז דיך אַרט נישט! האָסט אַפילו אויסגעשפּייט...

— לאָז אים! — פאַרגלעט נח פּאַנדרע — ער האָט זיך נאָר ליב צו טשעפּען — שמחהלע. איך קען אים בעסער. אַז מען דאַרף נישט, וועט ער נישט רעדן... נאָר דו, חאַצע, זאָג מיר בעסער אַ וואָרט, עפּעס דיינס אַ וואָרט זאָלסטו מיר זאָגן...

— אַ וואָרט? — טראַכט נאָך חאַצע דער קירזשנער — וואָס פאַר אַ וואָרט?...

— עס זאָל מיך נעמען! — צעהיצט זיך פאַנדרע — עס זאָל מיך טרייבן! עס זאָל מיר אין די ביינער אַריין!

— נו אָט, למשל — האַצקעט זיך חאַצע — אָט ביסטו אָפּגעזעסן פאַר אַ בלבול, פאַר גאָרנישט... וויפל ביסטו אָפּגעזעסן?

— אַנדערטהאַלבן יאָר!

— און אָפּטריטן געריניקט — גיט צו שמחהלע — ב י י ד ע...

— איז אָט זעסטו דאָך! — שאָקלט צו חאַצע קירזשנער — ווען דו וואָלסט אויפגעהויבן אַ האַנט גלאַט אַזוי אויף איינעם, אויף אַ „באַש־בראַט”, וואָלסטו אויך אָפּגעזעסן מיט כל־ערליי גנבים און גזלנים? מ׳וואָלט שוין ביי אַ טרונק בראָנפן דורכגעקומען... עס טרעפט זיך. ווי? און דאָ — אַ פּיאַניצע אַן ערל, וויבאַלד ער טראָגט אַ שינעל מיט קנעפּ, איז עפּעס אַנדערש. טו אים אויס דעם שינעל — בלייבט אַ פּיאַניצע. און פונדעסטוועגן... אַנדערטהאַלבן יאָר, זאָגסטו, ביסטו אָפּגעזעסן? האָסט אפשר אַ טראַכט געטאָן וואָס אין אַזאַ צייט קען אַ מענטש אויפטאָן? אַזאַ געזונטער יונג ווי דו! ווער האָט דאָס די העזה צו פאַרשפאַרן דעם כוח פון אַ געזונטן אַרבעטער גאַנצע אַכצן חדשים נאָכאַנאַנד, פאַר... פאַר אָנרירן אַ פינף־קאָפּיקענעם יונסקן קנעפל? ווי? אַזאַ כוח געהערט אַלעמען! מען באַהאַלט נישט קיין פייער אונטער אַ באַק־דייזשע. אָדער דער פייער לעשט זיך אויס, אָדער די דייזשע צינדט זיך אָן.

— וועלכע דייזשע? — פאַרשטייט נישט פאַנדרע.

— דעם אָסטראָג מיין איך! — גיט שאַרף אַ זאָג חאַצע דער היצ־קענדיקער און בלייבט שטיין. זיינע אויגן ברענען. ער אָטעמט גיך און אין זיין שטילינקן קול מישט זיך צו אַ מין איינגעהאַלטענער הייזעריקער ברום פון חיה. — איך מיין אַ ל ע אָסטראָגן, אַ ל ע זאַקאָנעס, אַ ל ע פּריסטאַווען! דו, זאָגסטו, האָסט געטראַכט אין אָסטראָג צו רעדן מיט מיר? און איך האָב געטראַכט צו רעדן מ י ט ד י ר, ווען דו וועסט קומען צוריק...

— דו מיט מיר? — ציטערט פאַנדרע אויף פון אַ טיפער פרייד — ס׳איז אַן אמת?... הער, חאַצע, זאָל איך אַזוי געזונט זיין! זאָל איך שטאַרבן... זאָל... וווּ? אין פראַנצקאָווער וואַלד?... ווען? מעגסט זאָגן! שמחה איז אַן אייגענער מענטש.

נאָר האַצע איז שוין ווידער געלאַסן, איינגעהאַלטן. ער האָצקעט זיך פּאַמעלעך אויף זיין קאַווילע און באַטראַכט יעדעס וואָרט:

— קאָך זיך נישט! מ'עט דיר שוין זאָגן!

— פּאַנדרע! — גיט אים שמחהלע ווידער אַ שלעפּ פאַרן אַרבל — מיינסט טאַקע מיט אַן אמת?

— נו, גוטע ברידער! — ברעכט פּלוצלונג האַצע דער קירזשנער אָפּ, אָבער מען זעט, אַז אַ פרייד גלימערט ביי אים אין די שוואַרצע אויגן און די אויערלעך ברענען ביי אים פון ביידע זייטן קאַרטוז ווי צוויי שפּיציקע פלעמלעך — קריגט אייך געזונטערהייט צווישן זיך!... אַזוי גיך, ווי איר מיט אייערע רגלים, קען איך סיי ווי סיי נישט גיין. און... ס'איז בעסער מען זאָל אונדז נישט זען צוזאַמען אַריינגיין אין שטאָט.

רופט זיך אָפּ שמחהלע:

— כע! אַ מאָדנע זאַך. שעפּטעלע גנב האָט פריער פונקט אַזוי געזאָגט: נאָר נישט צוזאַמען!...

— שמחה! — שטעלט אויף אים פּאַנדרע אָן זיינע גרויע אויגן — ווי קענסטו פאַרגלייכן?

האַצע קירזשנער האָט מער קיין וואָרט נישט גערעדט. ער האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, „אַ גוטן!" הייסט דאָס. פאַרקלענערט זיין הינקענדיקן טראָט און גענומען אָפּשטיין. אין פינף מינוט אַרום איז ער שוין געבליבן ווייט הינטער די צוויי געזונטע פוסגייער.

נאָר סיי שמחהלע סיי פּאַנדרע, ביידע האָבן זיי געהאַט אַ געפיל, אַז ביי זיך אין האַרצן איז האַצע דער קירזשנער אויסער זיך פאַר פרייד. און אַז ער איז פון זיי אַצינד אָפּגעשטאַנען בכיון, פונקט אַזוי, ווי ער האָט זיי פריער אָפּגעוואָרט אויפן שליאַך... און צופרידן איז ער, האַצע דער „ציציליסט", ווי אייגער וואָס האָט דאָס זייניקע אָפּגעטאָן...

שמחהלע האָט זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט און באַטראַכט דעם אָפּגע־שטאַנענעם קירזשנער. פון דערווייטנס האָט ער אים מיט זיין הינקען אויסגעזען ווי אַ פאַרזיכטיק־שפּרינגענדיקער מענטשן־שפּין, וואָס קריכט צוריק אין נאָרע און לייגט דערווייילע אויס זיינע דינע שטאַרקע נעצן, מיט קלעפּיקע פעטליעס, אויף שליאַכן און דערפער, אויף וועלדער און שטעגן אַרום שטאָט. און עס פאַרטשעפּען זיך אין זיי באַלמעלאָכעס און

פויערים, ייִנגלעך און מיידלעך. אַפילו אַזאַ זיבן־פּודיקער „העכט”, ווי נח פאַנדרע, האָט זיך אויך פאַרפלאָנטערט... נישט פריער — שפּעטער וועט אים אָט דער חאַצע קירזשנער אַ צי טאָן נאָך זיך, און וועט אים פאַרשלעפּן ערגעץ־ווו, ווו ס'איז פריי און געפערלעך... היט זיך, נח פאַנדרע!

# פאַרלוירן קרעדיט

## .1

אַ וויאָרסט צוויי פאַר שקלאָוו איז שוין אין סאָסנע־וואַלד געוואָרן גוט טונקל. נאָר די ראָזעווע וואָלקנדלעך אין דערווייטנס האָבן נאָך שוואַך באַלויכטן דעם וועג און אומגעביטן אַלע פאַרבן — דער ברוינלעכער קאָרע פון די שטאַמען צוגעגעבן אַ קופּערנע רויטקייט און די גרינע נאָדל־קרוינען אַ בלוילעכע שוואַרצקייט. דער דיקער שטויב אויפן וועג איז געלעגן ווי טרוקענער ליים, און דער ברייטער פּאַס הימל איבערן קאָפּ האָט אויסגעזען פיאָלעט.

דער שליאַך האָט זיך אַצינד צעשלענגלט און גענומען גיין אַראָפּ צום „אונטערבאַרג״ צו. ס׳הייסט: צו שקלאָווער פאָרשטאָט פון מאָהליוווער זייט, ווו דער דניעפּער און אָזערע גיסן זיך צוזאַמען ביי דער גרויסער מיל. טאַקע צוליב דעם וואָס דער וועג איז דאָ אַזוי משופּעדיק, איז ער געבראָכן אין זיגזאַגן, כדי שווער־באַלאָדענע פורן זאָלן דאָ, אָן געפאַר, קענען אַרויפפאָרן און אַראָפּפאָרן. בפרט אָסיען־צייט און סוף ווינטער, ווען דער שניי איז נאַס און דער באַרג־אַראָפּ איז מוראדיק גליטשיק.

די סאָסנע־ביימער האָבן זיך דאָ צעעפנט אין איין גרויסן טויער, ווי פאַר מאַקאַראָווקי, אַנטלאָפן אויף צוריק און איבערגעלאָזן דעם וועג די יונגע האָריקע יאָדלעס און ווילדע קוסטעס, זיי אַליין, הייסט דאָס, זאָלן באַגלייטן די פוסגייער ביז סאַמע „אונטערבאַרג״...

אויף פאַנדרען מיט שמחהלען האָט אַ וויי־געטאָן מיט נאָענטקייט פון שטאָט און מיט סמאַלענעס פון געברענטן סכך. עטלעכע קלאַפּטער ווייטער, לינקס, האָט זיך אין דער טיף וואַלד באַוויזן אַ ווייסער שמע־קעדיקער רויכל, וועלכער איז געקראָכן איבער דער ערד. דאָס האָט אים דער אוונט־ווינטל געצווונגען, דעם פעכיקן רויכל, ער זאָל קריכן צווישן די קוסטעס „אויפן בויך״.

שמחהלע האָט זיך אָנגעשפּיצט, ווי אַ וואָלף וואָס דערגעגטערט זיך צו אַ ישוב. ער האָט געגומען ציען מיט קרומלעך־שאַרפער נאָז.

— קאַליאַדעס *) אַפּנים.

— קאַליאַדעס? — איז פאַנדרע מסופק, — אַזוי נאָענט פון שטאָט?

— אָדער פאַסטוכער האָבן צעלייגט אַ פייער.

— אָט!... די סטאַדע איז שוין לאַנג אינדערהיים.

— וויפל אַזייגער קען יעצט זיין?

פאַנדרע האָט פאַרוואָרפן די אויגן, ווי אַ געניטער באַלעגאָלע וואָס איז געוווינט צו דערקענען די צייט לויטן אויסזען פון הימל:

— שוין אוודאי זיבן אַ זייגער.

און ווי זיי טרעפן אַזוי ביידע, איז שוין דאָס רויכל געבליבן הינטער זיי און זיי האָבן אַן אים פאַרגעסן.

אין דער ראָזעווער טונקלקייט פון בין־השמשות האָט זיך באַוויזן דער גאַנצער יידישער ישוב פון „אונטערבאַרג", ווי אַ געמאָלטע קאַרטינע. איינגעשלאָסן איינגאַנצן צווישן פראַנצאָווקער וואַלד, צווישן הויכן ליימיקן באַרג און אויסגוס פון דער אָזערע. בסך הכל איז דער גאַנצער אונטער־באַרג איין געסקע, נאָר אין דער שפּיץ פון שליאַך־געשלענגל האָט דאָס אונדזערע פוסגייער אויסגעזען ווי אַ גאַנצע שערענגע פון טונקעלע מענטשן־נעסטן, וואָס האָבן זיך איינגעטוליעט אין אָוונט־שאָטן און אין אָפּגלאַנץ פון וואַסער. און אין די דאָזיקע נעסטן לעבט מען און מען זאָרגט; מען פרייט זיך, מען קינדלט און מען דאַוונט... און ווייטער, איבערן „אונטערבאַרג", אויף י ע נ ע ר זייט אויסגוס פון אָזערע, האָט זיך צעוואָרפן שקלאָוו מיט איר געמויערטער גרינער שול פון יעקאַטע־רינאַס צייטן, מיט איר גרינעם פינף־קעפּיקן קלויסטער, להבדיל, מיט אירע אַלטע בתי־מדרשים און מיטן קיילעכדיקן טורעם־קאָפּ פון סטאַן, ווו מ׳האָט אים, פאַנדרען, איינגעזעצט צום ערשטן מאָל, אין דער נאַכט פון דער שריפה ביים נייעם נגיד...

אַרום אָט די גרויסע בנינים האָבן זיך די געוויינלעכע הייזקעס געטוליעט ווי די שוואַרצע שעפּסן. דאַך איבער דאַך האָבן זיי אַרויס־געקוקט, און קוימען איבער קוימען האָבן נייגעריק געצויגן די ציגן־רויטע

---

*) קאַליאַדעס הייסט אין רייסען — דאָס ברענען אויף אַ לויזע פייער פעטע וואָרצלען און צווייגן און דאָס אַרויסציען פון זיי פעך און דיעגאַכץ, אויף אַ זייער פּרימיטיוון אופן.

און געוויסטע העלדזער: „האַ? וואָס? ווער? ווו?"... נישט קיין הייזער, נאָר אַ שטומער אַנגעלויף פון ווייבערישע באַשעפענישן, מיט דעקער אָנשטאָט פּאַטשיילעס און מיט אויסגעגלאָצטע פענצטערלעך אָנשטאָט אויגן. און אַלץ איז געווען אַזוי מאָדנע באַלויכטן מיט אַ לעצטן שטראַל, וואָס לויכט, דאַכט זיך, אי פון מערב אי פון דער טיף אַזערע אַרויס, ווו ער שפּיגלט זיך אָפּ.

די געוועזענע אַרעסטאַנטן האָבן זיך כמעט פאַרשעמט פאַר אַזאַ זשעדנער נייגעריקייט פון די ווייטע הייזקעס. זיי האָבן געכאַפּט אַראָפּ־לאָזן די ווינטערדיקע פלודערן איבער די כאַליאַוועס, איבערבינדן די גאַרטלען, אָפּפּאָכען זיך מיט די וואַרעמע היטלען; כדי אָפּצוקילן זיך אַ ביסל פון וועג, כדי אויסצוזען אַ ביסל אָנשטענדיקער, שטאָטישער... גאַנצע אַנדערטהאַלבן יאָר אָפּגעריסן פון דער היים, ווי זיי זענען געווען, האָבן זיי די ווייטע טונקעלע קופּעס הייזער אויסגעזען אַצינד פריציש איינגעשלאָסן אין זיך, באַלעבאַטיש גאווהדיק. דאָס האַרץ האָט זיי פאַר־קוועטשט און צוזאַמען מיטן אָוונט־ווינטל, וואָס איז צו זיי אַרויפגעקראָכן פון אַזערע־פּלאַך, האָט אויף זיי געווייעט אַ טרויער, וואָס האָט נישט קיין נאָמען. אַ טרויער, וואָס נאָר געפאַלענע ביי זיך אַליין קענען אים; געפאַ־לענע, וואָס קערן זיך אום צו די מקומות פון זייער געוועזענעם כבוד.

וואָס נידעריקער זיי זענען אַראָפּ פון הויכן שליאַך־געשלענגל, אַלץ גראָבער און ממשותדיקער זענען געוואָרן די הייזקעס פון דער פאַרשטאָט, פאַרחושכטער, רויער. נאָר איבער די ווייטע שקלאָווער הייזער, אויף יענער זייט אַזערע, האָט נאָך געשוועבט דער חן פון בין־השמשות. און פלוצלונג האָט זיך דער שליאַך שניידיק אַ קער געטאָן און צעקושט זיך מיט דעם אָנהויב פון דער שטויביקער געסקע — „אונטערבאַרג".

ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן די זעלצער־וואַסער־בודקע פון אַלטע געהובלטע ברעטער, מיט אַ שוואַרצער עקיקער לאָך פון אַן אָפענער טירל, מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענעם אייזערנעם פּרענט, צום אָפּשליסן דאָס טירל. די זעלבע בודקע, ווו פאַנדרע פלעגט, אַלע שבת נאָכן טשאָלנט, לויפן קילן זיין הייסע ליבע צו מערען מיט קאַלטע זעל־צערקע, און ווו וואָוקע דער ממזורוק מיטן געגאָלטן קעפּל פלעגט געבן אויף באָרג...

פון דער עקיקער בודקע־לאָך האָט זיך אַרויסגערוקט אַ געשוירן קעפּל מיט גרויסע אָפּגעשטאַנענע אויערן. לעבעדיקע אויגלעך האָבן אָנגעקוקט די צוויי משונהדיקע פּוסגייער, אָנגעקוקט און באַהאַלטן זיך.

דאָס האַרץ האָט פּאַנדרען געוווּמען קלאַפּן פון אַזאַ „באַגעגעניש" מיט דער אַלטער בודקע. ער האָט זי אָנגעקוקט ווי אַ מצבה אויף די בחורישע יאָרן, אין וועמענס געהיימנישפולן, טונקעלן „אינווייניק" עס לעבט נאָך אַלץ דער קליינער שומרל — וואָווקע. טאָג און נאַכט זיצט ער דאָרטן און וואַרט אויף פּאַנדרעס נשמה, זי זאָל זיך אומקערן פון אַסטראָג. און אָט האָט ער זיך אומגעקערט.

פּאַנדרע האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַ טרוקעניש אין מויל און אַ גלוסטעניש נאָך אַ גלאָז זעלצער־וואַסער. די מידקייט פון וועג, די אָנשטרענגונגען פון טאָג, דאָס ביטערניש פון די רכילות וואָס האָבן צו אים גיפטיק אַראָפּגעטריפט פון זונדל גאָטס גנבס וואָגן, דאָס אַלץ איז זיך אַצינד צוזאַמענגעלאָפן אין איין פאַרשטעלונג פון אַ קופּערנעם אָנגע־קילטן סיפאָן, פון געצאַצקעטע צווײ־הענטלדיקע גלעזער, און אין איין שאַרפער גלוסטעניש נאָך דאָס בלעזלדיקע, קיצלדיקע, דעם אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע זעלצערקע.

— איך שטאַרב אַ טרונק! — גיט ער טיף אַ זיפץ צו שמחהלען — קום, לאָמיר אַריינגיין!

## 2.

שמחהלע האָט זיך בייז אַרומגעקוקט, צי די אונטערבאַרגער יידן זעען נישט זייער אָנקומען ווי די האָלאָדראַנצעס, אין וואָרעמע מלבושים, מיט די קלומיקעס אויף די פּלייצעס, און ווי אַזוי די אונטערבאַרגער יידן קוקן אויף דעם... ער האָט נאָך נישט פּאָספּעיעט צו באַשליסן, צי אָפּרוען זיך דאָ, ביים „אונטערבאַרג" צי נישט, ערשט פון בודקע לויפט אַרויס זאָוול, דער געוועזענער שמייסער ביי קושקע בראַנד. די שוואַרצע טשופּ־רינע רייסט זיך ביי אים, ווי אַ וויכער, פון אונטערן היטל מיטן צעבראָ־כענעם קאָזיראָק. אָפּגעריסן איז ער און זיינע שטיוול זענען גראָב פאַרלאַטעט. לאַטע אויף לאַטע.

— ברודער נח! — אַזוי פאַלט ער צו צו פּאַנדרען, ווי צו אַ גאָר נאָענטן קרוב — אַ גוטשינקן שלום־עליכם דיר! וואָווקע זאָגט מיר, אַז דאָס ב י ס ט ו... גלויב איך נישט. ערשט איך גיב אַ קוק — ווי איך בין אַ ייד — דו!

פּאַנדרע האָט קושקע בראַנדס שמייסער געקענט פון באַלעגאָלישן צעך. נאָר אַז מען זאָל זיין אויף „דו" און אויף „גוט־ברודער" געדענקט

ער עפּעס נישט. די שנאה צו קושקן און צו אַלץ וואָס געהערט זיך אָן מיט קושקן וועקט זיך אײַן אים אויף. מעסט ער אָפּ זאַוולען, פון דער ווילדער טשופּרינע ביז די פּאַרלאַטעטע שטיוול, און גיט אַ פרעג מיט פאַרדאַכט:

— וואָס טוסטו דאָ? — טרייבסט גאָר נישט קושקעס פערד?

— כע־הע! — שאַרט זיך צו אים זאַוול שמייסער און מאַכט מיטן עק — איך — ביי קושקען? ס'איז שוין אַ מעשה, ברודער נח, פון ווינ־טער אָן. זינט דיין מערע האָט אים געבויקערט מיט אַ שטיוול, האָט ער אויסגעגאָסן דעם כעס צו מיר. אַזאַ פּרעסער!

די נישט גוטקייט פון דרייזעס רכילות, אויפן וואָגן, האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט. ווי אַ גיפט האָט זיך די שפּלדיקייט צעגאָסן אין פאַנדרעס אויפגעקאָכט האַרץ. געוואָלט האָט ער אויסדרייען זיך צו זאַוולען מיטן רוקן און אַריין אין בודקע אָפּקילן זיך, אָבער די ברענעדיקע נייגעריקייט איז געווען נאָך שטאַרקער. גיט ער אַ רעד, כלומרשט פאַרבייגייענדיק, מיט אַ האַלבן מויל:

— יאָ, זונדלס שנור האָט מיר עפּעס געזאָגט... וואָס איז דאָס דאָרטן געווען?

אויף אַזאַ פראַגע האָט זיך, ווייזט אויס, זאַוול שמייסער קוים דער־וואַרט. נאָר ער האַלט איין דעם אימפּעט. ער פאַרריכט דאָס היטעלע אויף די טרוקענע האָר, באַלעקט זיך ווי אַן אַכלער פאַר אַ בייעם געריכט, קוקט זיך, כלומרשט אַרום, צי קיין זייטיקע אויערן הערן נישט וואָס ער וויל דאָ אַנטפּלעקן, און ציילט ווערטער מיט אַ פאַרשושקעטן קול:

— וואָס איז געווען? אַ שיינע מעשה איז געווען. אָט וועסטו הערן. כ'וועל דיר דערציילן כסדר, וואָס פאַר אַ גוטן פריינד דו האָסט: ווי נאָר מ'האָט דיך אַרעסטירט, האָט קושקע בראַנד מיט כלערליי קונצן אויסגע־באַרגט „שמענדריקן" ביי דיין שווער, עליו השלום, און האָט אים פאַר־שמיסן אויף טויט, צעקאַליעטשעט „שמענדריקן". ר' סענדער, עליו השלום, האָט אים דערנאָך געמוזט פאַרקויפן מאיר פּענטען פאַר זיבן קאַרבן. מ'האָט אים שוין לאַנג אָפּגעשונדן „שמענדריקן". אָט דאָ, אין פראַנצאָווקער וואַלד, ביים אָזערע, וואַלגערן זיך נאָך די ביינער זיינע.

— דאָס ווייס איך! — מאַכט פאַנדרע אומגעדולדיק.

נאָר זאַוול שמייסער לאָזט זיך נישט אַרויספירן פון שפּאַן. ער איילט

זיך נישט. ער ציט אַרויס וואָס מ׳קען פון יעדן וואָרט. ער דערציילט כסדר:

— און נאָך דעם, ווי ר׳ סענדער, עליו השלום, איז געוואָרן אַ קדוש, ווייסטו דאָך מסתמא, וואָס קושקע בראַנד האָט פאַנאַנדערגעבלאָזן אין צעך?

— כ׳ווייס נישט, — גיט פאַנדרע אַ זאָג הייזעריק־דערשטיקט.

— „זייער רעכט", האָט קושקע בראַנד געזאָגט. ר׳ סענדער מיט זיינע ברידער האָבן אַמאָל געהרגעט אַ מענטשן אין וואַלד און באַגראָבן. אַ גוי אַפילו, אָבער אַ מענטש... באשר, א מעשה — דער גוי איז געווען איינער פון די גויים, וואָס זענען אַמאָל באַפאַלן זייער טאַטנס בויד, בשעת פירן די פּאָטשט מיט אָרשער שליאַך. האָט מען זיך, הייסט עס, מיטן ערל אָפּגערעכנט. איר מיינט, מאַכט קושקע, ר׳ סענדער איז אַלעמאָל געווען אַ פרומאַק? כע־הע!... איז בלוט, מאַכט קושקע, צאָלט זיך אָפּ...

פאַנדרע האָרכט מיט פאַרקלעמטע ציין. ער טראַכט: אָט ערשט אַריינ־געשטעלט אַ פוס אין שטאָט און שוין פלאָנטערט מען אַרום אים רכילות, קלעפּיקע פעדים, ווי שפּינען אַרום אַ פליג... אַ גאַנצן טאָג איז מען גע־גאַנגען מיטן וואַלד און ס׳איז געווען גוט און פריי. און דאָ — איינער אויפן צווייטן... עס פאַרגלוסט זיך אים שטאַרק אַראָפּצולאָזן זאַוולען אַ פליאַסק איבערן חוצפּהדיקן פנים. נאָר ער האַלט זיך איין און פרעגט, כלומרשט, זייער געלאָסן:

— און וואָס האָט צעך געזאָגט?

— צעך האָט אים, מאָל זיך אויס, גוט אַריינגעזאָגט. ביז היינטיקן טאָג זאָגט מען דאָס אים: „וואַרט, וואַרט, קושקע! אָט פאַנדרע וועט קומען פון אָסטראָג, וועט ער זיך מיט דיר אָפּרעכענען".

— המ!... — מאַכט פאַנדרע אַ ביסל געקילט.

— נאָר דאָס איז אַלץ גאָרנישט, — שעפּטשעט זאַוול און קוקט זיך כלומרשט אַרום צי זייטיקע אויערן הערן נישט. דערזעט ער וואָוקעס געשווירן קעפּעלע און גיט אויף אים אַ מרוק:

— נאַ, וואָוקע! דו קריך צוריק אין בודקע! נישט דיין עסק!...

— דאָס איז אַלץ גאָרנישט, — גיט זיך זאַוול ווידער אַ קער צו פאַנדרען, און מאַכט אַ פאַרסודעטן פנים — פאַריקן ווינטער, נאָך דער סעודה אין חברה לויה, מאַכט ער צו מיר, קושקע בראַנד, קום, מאַכט ער, זאַוול, מירן אָפּטראָגן מערען איר חלק פיש און געגדזנס, מאַכט ער.

נו, ער איז דאָך באַלעבאָס און איך בין שמייסער. בין איך געגאַנגען. נאָר פאַרן טיר לאָזט ער מיר שטיין אויף דער גאַס. וואַרט, זאָגט ער, כ׳וועל איר אַליין אָפּגעבן — מערען! און קלאַפּט אָן אין לאָדן....

— אַזוי האָט ער געזאָגט? — כריפּעט פאַנדרע.

זאַוול זעט גוט מיט זיינע ממזרשע אויגן פון אונטערן צעבראָכענעם דאַשעק, וואָס פאַר אַ שווערן איינדרוק זיינע געצויגענע ווערטערלעך מאַכן אויף פאַנדרען. בלייבט ער בכיון אַ ווײַלע שטיין, כדי נאָך מער אָנצושפּאַנען נחס אומגעדולדקייט:

— און מערע? — קען זיך פאַנדרע נישט דערוואַרטן — זי האָט גאָר קיין מורא נישט געהאַט... אויפצומאַכן?

— וואָס זאָל זי מורא האָבן? — באַלעקט זיך זאַוול שמייסער שטי־לינקערהייט — אַז קושקע בראַנד קלאַפּט אין פירהויז מיט דער קליאַמקע און טענהט: די מאַמע דיינע האָט דיר געשיקט דיין חלק פון דער סעודה. די מאַמע, זי וואַשט נאָך אין לויה־בית־מדרש דאָס געפעס. די מאַמע. זי וועט ערשט קומען פאַרטאָג... איז וואָס האָט מערע געדאַרפט מורא האָבן?

זאַוול פאַרשאַרט דערביי תמעוואַטע ביידע שוואַרצע ברעמען אונטערן דאַשעק, גיט אַ הויב מיט די פּלייצעס, און אין האַרצן קוועלט ער אָן וואָס פאַנדרע איז אַזוי צערייצט. נאָר באַלד כאַפּט ער זיך, אַז זיינע לעצטע ווערטער האָבן פאַנדרען געקענט אַ ביסל באַרואיקן. עס לייגט זיך אויפן זינען: די מאַמע האָט געשיקט, היינט וואָס זאָל דאָ מערע האָבן באַזונדערע כוונות?... ציט זאַוול צוריק און ציילט ווערטער:

— געבליבן איז ער דאָרט זיצן, קושקע דער פרעסער, אַ... רעכטע ווײַלע. כ׳האָב געמיינט מען זיצט און מען שמועסט. מערע בייסט צו און קושקע שמועסט. מיר האָט ער דאָך נישט געהייסן אַריינגיין. איז מיר געוואָרן גוט קאַלט אויף דער גאַס. כ׳האָב שוין געוואָלט אָנרוקן דעם קאַלנער און אַוועקגיין. ערשט מיטאַמאָל פּראַלט אויף די טיר —

— אונדזער טיר? — פרעגט איבער פאַנדרע ווי אַ דערשטיקטער.

— אייער טיר. ביידע טירן פון שטוב און פון פירהויז און מערע מיט איין באַרוועסן פוס שפּרינגט אַרויס און... טראַך — טאַראַראַך, זאָג איך דיר! טראַך — טאַראַ — ראַך... און קושקע לויפט אַרויס איינגעבויגן, מיט אַ ליידיקן קאַשיק. אַ טריאַטער געוועזן צו קוקן. ווי איך בין אַ ייד!

## .3

אַ גראָבלעכער שמייכל האָט זיך דורכגעשלענגלט אויף שמחהלעס בייזן פּנים. נאָר פאַנדרע האָט אַפילו קיין שמייכל נישט געטאָן. זיינע גרויע אויגן זענען שטאַר און קיילעכדיק געוואָרן אָנגעשטעלט אויף זאַוולס פּנים. ער האָט שווער געאָטעמט. דעם געוועזענעם שמייסער איז פון אַזאַ קוק געוואָרן אַ ביסל קאַלעמוטנע: צי האָט ער נישט איבערגעכאַפּט די מאָס ביים אויפרייצן אַזאַ יאַט ווי פאַנדרע? האָט ער זיך דעריבער ווידער אַ כאַפּ געטאָן אויף צוריק, געגומען פאַרגלעטן:

— נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט. דיין מערע האָט אים נאָך אָפּגעטאָן אַ שענערע מעשה. באַלד נאָך די קלעפּ מיטן שטיוול האָבן געגומען פליען אויפן שניי די חלקים געגדזנס און פיש און טייגעכץ. און איין פּעטע בלינטשע — פּאַטש רבי קושקע בראַנד איבערן פּליך!... ווי מיט אַ נאַסע שמאַטע זאָג איך דיר. אָן זייטן האָט מען געקענט בלייבן.

אָבער שמחהלע טורערו גלויבט נישט אַלצדינג. שמחהלע טורערו האָט אַ שאַרפערן קוק:

— זאָג מיר נאָר — שלאָגט ער איבער דעם שמייסער — זאָג מיר נאָר. תנא־ברא מיינער, אַז דו ביסט שוין יאָ אַזאַ תכשיט, היינט פאַר וואָס־זשע האָט דיך קושקע בראַנד פּאַרט אַרויסגעוואָרפן?

זאַוולען דעם שמייסער פאַלט אַזאַ קלאָץ־קשיא אַראָפּ ווי אַן אומגע־ריכטע שטרויכלעניש אין מיטן צעלויפן זיך:

— פאַר וואָס... ע־ע... פאַר וואָס מיך? ער... קושקע? פון... פון זיין קאָפּ זאָל איך אַזוי וויסן. ער האָט זיך פון דאַמאָלסט אָן אָנגעזעצט אויף מיר, האָט ער. דערפאַר וואָס איך האָב געזען ווי אַ יידענע בויקערט אים מיט אַ שטיוול איבערן קאָפּ. ס׳איז אים נישט אָנגעשטאַנען...

— און מער גאָרנישט? — שפּיצט שמחהלע אָן די אויגעלעך זיינע.

— וואָס נאָך זאָל זיין? — מאַכט זיך זאַוול תמעוואַטע.

נאָר דערזעענדיק ווי שמחהלעס שאַרפע אויגן עקבערן אים, פאַלט אים איין דאָס האַרץ, זאַוולען דעם שמייסער. צעכניקעט ער זיך בכיון, רעדט מיט אַ ווייגענדיקן קול, כדי צו פאַרדעקן זיין צעטומלעניש:

— אַז אין צעך האָט ער אויף מיר ביי אַלעמען אָנגערעדט, דער געלער פּרעסער! אָן אַ ביס ברויט געלאָזן מיך. שלאָג איך זיך אַזוי אַרום אַ גאַנ־ציקן זומער. דאָס ביי די פאַרעכאַדן, דאָס אונטערן באַרג...

קריגט פאַנדרע רחמנות אויפן שמייסער, וועלכן שמחהלע פאַרהערט, ווי אַ דרדקי ייִנגעלע. צו דער ביטערניש פו די אויסגעהערטע רכילות מישט זיך צו אַ צופרידנקייט מיט מערעס גבורות. דער דורשט הויבט אים ווידער אָן צו פּייניקן.

— נו — מאַכט ער צו זאַוולען מיט פאַראַכטונג — מירן נאָך רעדן מכוח דעם. קום, טרינקען אַ גלאָז זעלצערקע!

ווי אַ ווילדער הונט וואָס לויפט פאַראויס דעם לייב, דערשמעקט פאַר אים רויב און ווייזט אים דעם וועג, אַזוי איז זאַוול שמייסער אונ־טערטעניק אַריינגעלאָפן דער ערשטער אין בודקע און מיט גרויס פרסום אַ ביל געטאָן אויף וואָווקען:

— גיכער, וואָווקע! פאַנדרע גייט. דריי גלעזער! פאַר אונדז אַלעמען...

אָבער וואָווקע דער ממזרוק האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

די ברעטער־בודקע מיטן לייכטן דיל האָט זיך אַ שאָקל געטאָן אונ־טער פאַנדרעס אייזערנעם טראָט. ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף דער הילצערנער באַנק,ביים ווענטל, און באַלד פאַרגעסן צוליב וואָס ער איז אַריין. די טונקלקייט אין בודקע האָט אים אַרומגעכאַפּט ווי אַ שלייער. ער האָט זיך פאַרטראַכט. טריף און זיס האָט זיך אים פאַרגעשטעלט מע־רעס לייב, ערגעץ־ווו אין דער טונקלקייט. דער חשד איז נאָך איגגאַנצן נישט צעגאַנגען. יאָ, ברעכן די ביינער, האָט זי קושקען געבראָכן. אָבער ווי אַזוי האָט זי זיך דאָס דערוועגט אַריינלאָזן אַ פרעמדן מאַנסביל, אַ שונא, אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? און ער, פאַנדרע, האָט זיך פון מאַקאַראָווקי אָן דאָס לעבן גענומען, וואָס ער האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן איר, אָפּגעגעבן זיין כוח קאַטערינושקאַן...

— נו!... — וועקט אים אויף שמחהלעס קול.

ער גיט זיך אַ כאַפּ אויף. וואָווקעס געשוירן קעפּל מיט די אָפּגע־שטאַנענע אויערן בלייכט זיך הינטערן סיפאָן און סטאַיקע. דאָס פּנים ווי ביי אַ בוילע. די שפּיציקע באַוואַקסענע שלייפן — ווי די הערנער ביי גאָר אַ יונגן בייקל. נאָר עפּעס נישט אַזוי פריינדלעך ווי אַמאָל, פאַרן אָסטראָג, איז אַצינד וואָווקע דער שבתניק. אויף וואָס וואַרט ער דאָ?

— נו, וואָווקע! — אַזוי גייט פאַנדרע אַרויס מיט דעם אַמאָליקן צעלאָזענעם שבת־בריטלעכן לשון, — פּליוכע מיר אָקאַרשט אָן אַ גלאָז זעלצערקע, אָבער פון די אמתע זעלצערקע! עס זאָל בוראַטשען אין בויך, וואָווקע! עס זאָל בייסן די צונג. אַלעמען צו גלאָז. וואָווקע! דריי גלעזער.

פּאַנדרע האָט אָבער זיין אייגענעם קול נישט דערקענט. זיין באַלע־גאַלישע ברייטלעכקייט פון די בחורישע יאָרן איז אַציינד, נאָכן אָסטראָג, אין די אָוונט־שאָטנס, אַרויסגעקומען עפּעס צו הילכיק און נישט זיכער. ווי אַ צו הויכע „יעלה״ ביי אַ פאַרקילטן חזן. און ס׳האָט אויך נישט געהאַט די אַמאָליקע ווירקונג. וואָרים וואָוקע האָט זיך נישט געכאַפּט צום צאַפּן פון סיפּאָן. ער האָט נאָר געטאַפּט די פינגער זיינע און פאַנדרען מיט זיינע געסט אָנגעקוקט מיט קענטיקן חשד:

— יאָ... — גיט ער אַ מעקע — דע... דע... דער טאַטע —

— וואָס זאַאיקעסטו מיר דאָ? — שטעלט זיך פּאַנדרע אויף — וואָס פאַר אַ „טאַטע״ וואָס?

זאָוול שמייסער שטעלט זיך אויך אויף און העלפט פּאַנדרען ווי אַ משורר אַ חזן.

— אויך מיר אַ נפש!... גיס אָן זאָגט מען דיר!

— איך... איך קען נישט געבן אויף באָרג! — רעדט וואָוקע קוים אַרויס.

— אַך, דו, סוקין־סין! — בייזערט זיך פּאַנדרע און זיין טרויעריקע גוטמוטיקייט קערט זיך צו אים ווידער אום — ביי דיר, אַזאַ צוציק, האָב איך שוין אויך פאַרלוירן מיינע נאמנות? פּאַנדרע וועט דיר נישט אָפּ־צאָלן?

— אַך, דו פּאַסקודניק, דו! — העלפט אים זאָוול שמייסער — דו קענסט נח פּאַנדרען צי דו קענסט אים נישט?...

טרעט וואָוקע אַרויס אַקעגן זאָוולען גאָר חוצפּהדיק:

— דו... איר קומט מיר דאָך דריי קאָפּיקעס פאַר זעלצערקע, קומט איך דאָך!

זאָוול גיט פאַרלעגן אַ קוק אויף זיינע פאַרלאַטעטע שטיוול, דערנאָך אויף פּאַנדרען און שמחהלען. נאָר פּאַנדרע מאַכט אים אַ צייכן ער זאָל זיך אָנידערזעצן און שווייגן. און אַליין שאָקלט ער מיטן שווערן קאָפּ, נישט אויף זיך אַליין, נישט אויף וואָוקען.

— אָן אָסטראָזשניק בין איך ביי דיר געוואָרן? ווי? וויש דיר פריער אָפּ די נאָז, וואָוקע!... פייף מיר אָן, זאָג איך דיר, דריי גלעזער פאַר אַלעמען. דו הערסט? פאַוולס דריי קאָפּיקעס וועל איך איר אויך באַצאָלן. וואָרים, וואָרים... איך צעקוועטש דיר דאָ באַלד דעם סיפּאָן דיינעם ווי אַ פאַרעפּושטע איי!

## .4

וואָוקע פאַרקרימט זיך און גיט אַ כליפּ. ער האָט מורא פאַר פאַנ־דרעס קול און פאַר שמהלעס גזלנישע אויגן אָבער אַנגיסן זעלצערקע גיסט ער פאָרט נישט אָן. ער האָט פאַרלוירן דעם צוטרוי צום אַלטן קונד.

— נאַ דיר! זע, דו סוקין־סין! — ווערט פאַנדרע נאָך ווייכער און כאַפּט זיך צו זיין קלומיק. ער שלעפּט פון דאָרטן אַרויס שעפּטעלעס פּאַפּירענע רובלס און גיט זיי אַ וואָרף אויף דער סטאָיקע:

— זעסט, צוציק? געלט איז דאָ ווי שפּענער!

שמהלע פאַרקוועטשט איין לאַכעדיק אויג אויף פאַנדרען:

— צונויצגעקומען? וואָס? געוואָלט אָוועקוואַרפן...

— נאַ, צאַל! — וואָרפט אים פאַנדרע צו די פּאַפּירלעך — ווערג זיך מיט זיי!...

דער אָנבליק פון אַזוי פיל געלט באַרואיקט וואָוקען. ער גיט אַ וויש די פאַרטרערטע אויגן, פאַרענטפערט זיך:

— אַז דער טאַטע האָט געזאָגט, דער טאַטע —

— פייף! — גיט אויף אים פאַנדרע אַ ברום.

דער קופּערנער סיפאָן צעכריפּעט זיך, צעקוויטשעט און צעכאָרכלט זיך און פילט אָן דריי טיפע גלעזער, אָן הענטלעך. אַזעלכע גלעזער זענען באַשטימט פאַר בעסערע קונדן. די אַנדערע גלעזערנע כלים מיט צוויי הענטלעך — זענען אויף אָפּצונאַרן. דאָרטן גייט אַריין מער גלאָז ווי זעלצער־וואַסער...

אַלע דריי קונדן, שמהלע, זאַוול שמייסער און פאַנדרע, טרינקען דורשטיק. דעם שטאַרקסטן אָטעם האָט אָבער פאַנדרע. טרינקט ער אויס זיין גלאָז גיכער פון אַלעמען.

— אַי, וואָוקע, — מאַכט ער און פּאַסמאַקעוועט זיך — ס׳איז עפּעס נישט דאָס! עס בייסט גאָר נישט אויף דער צונג, עס בורטשעט נישט. עס גרעבסט זיך נישט. דו האָסט זיך מיר עפּעס אויסגעוועפּט, וואָוקע!

עס גלוסט זיך אים גאָרנישט צו חכמענען זיך. ער וויל דאָס נאָר נאָכמאַכן די אַמאָליקע שטיקלעך פון פאַר דער חתונה, כדי אַרויסצורופן דעם אַמאָליקן טעם אין זעלצער־וואַסער, די אַמאָליקע פרייד פון לעשן דעם שבתדיקן דורשט. גאָר שוין ביי דער צווייטער גלאָז דערפילט ער קלאָר, אַז יענע פרייד איז מער נישטאָ און וועט שוין, אפשר, קיינמאָל מער נישט זיין. ווער האָט דאָס אָוועקגערויבט פון אים? דער אָסטראָג?

דער ווייטער וועג? צי דאָס... וואָס מערע האָט אַזוי שפּעט געעפנט די שטוב־טיר אַ פרעמדן מאַנסביל? ער ווייסט דאָס אַליין נישט. נאָר זען זעט ער באַשיינפּערלעך, אַז דאָס טרינקען אַצינד זעלצערקע איז פּונקט ווי עסן טשאָלנט אינמיטן וואָך. ס'איז נישט דאָס. אַ רער איז ערגעץ־ווו פאַרשטאָפּט געוואָרן...

בלייבט ער זיצן פאַרקלערט. הערט זיך צו צו זיך אַליין. מיטן פינגער ווייזט ער נאָך וואָוקען אָן, יענער זאָל אָנגיסן דריי פרישע גלעזער.

זאַוולס חניפהדיקער קול וועקט אים אויף. זאַוול האָט זיך אָפּגעפרישט און צוריקגעקראָגן זיין חוצפּה און זיין לשון:

— גוט וואָס איך האָב דיך געטראָפן, נח. זאָל איך אַזוי געזונט זיין! איך קוק שוין לאַנג אויף דיר אויס. דער פּאַיעטאָן סענדערס איז נאָך גאַנץ. די שליטן אויך. שטייען ביי אייך אין שטאַל. נאָר כאָמעטן ווערסטו מוזן קויפן ניי...

— פאַרקויפט די כאָמעטן? — כאַפּט זיך פאַנדרע אויף.

— וואָס האָבן מערע און דיין שוויגער געזאָלט טאָן?... נאָר האָב קיין צער נישט, נח! אָט ווערסטו זען, אם ירצה השם, ווערסט באַלד צוריק אַרויף אויף דער קעלניע. דער נייער נגיד וועט מוזן געבן צו שטייער...

— א י ך וועל נעמען ביי א י ם? — גיט פאַנדרע אַ וואָרף מיטן קאָפּ — ביי אָט דעם?... טפו!

— צעך וועט דיך אויך נישט פאַרלאָזן! קושקע בראַנד וועט, זאָג איך דיר, צעפּלאַצט ווערן. אָט ווערסט זען!

נאָר אינמיטן רעדן אַזוי זיס, פאַרגעסט זאַוול אינגאַנצן, אַז ער טרייסט פאַנדרען, דעם צוריקגעקומענעם אָסטראָזשניק. זיינע אויגן צינדן זיך אָן מיט זשעדנעקייט:

— זע, פאַנדרע, לאָמיר מאַכן שותפות. לאָמיר צוזאַמען שפּאַנען פּאַיעטאָנען, פירן סחורות און „שודאַקעס" צום באַן אין אָרשע. קושקע בראַנד זאָל צעלאָפּניעט ווערן!

שמחהלע צעלאַכט זיך מיט זיין געזאַלצענעם געלעכטערל:

— לאָמיר! הען... לאָמיר! וואָס גיבסטו, ר' זאַוול אין נדן? די צע־ריסענע שטיוול דיינע?

פאַנדרען אַליין געפעלט אויך נישט אַזאַ שידוך. זאַוולס איבערשפּרינ־גען פון רכילות צו גוט־ברודערשאַפט און פון טרייסט צו שותפות־מאַכן געפעלט אים נישט. ער זעט, אַז זאַוול שמייסער באַהאַלט עפּעס פון אים,

אפשר ווייסט ער נאָך ערגערע זאַכן ווי די, וועלכע ער האָט דערציילט מיט אַ שושק און מיט אַ האַלבן מויל?

אַ הייסע בייזקייט צעברענט זיך אין אים. אַ נס וואָס אין בודקע איז שוין טונקל און מען זעט נישט איינער דעם אַנדערן אין די פּנימער.

פייערלעך צינדן זיך אָן אויף דער גאַס, אין די יידישע פענצטערלעך. זומערדיקע מעריב־פייערלעך. ווייבער האַקן לעבער אויף וועטשערע. האַק־מעסער פּלייסן זיך: האַק־האַק־האַק.

וואָווקע הויבט זיך אָן פּאַרקען ביי אַ לעמפּל. דרייט אַ קנויט.

— מ׳דאַרף נישט! גיט פאַנדרע פינצטער אַ מאַך מיט דער האַנט. ער וויל אַציינד מער קיין מענטשלעכע אויגן נישט זען. אַ טיפע בענקשאַפט נאָך מערען נאָגט אין אים און אַ בייזע צערייצטקייט פון אין דער פרי. יאָ, אַנדערש וועט דאָס היינט ביינאַכט נישט גיין! אַ טראַסק־טאָן מיטן קולאַק אין טיש וועט ער, ווי נאָר ער פאַלט אַריין אין שטוב. דערציילן מוז זי אים אַלץ. און נאָך היינט ביינאַכט, ווי און וואָס איז געווען, ביז אַ האָרעלע... אַן אַרעסטאַנט איז דיין מאַן געווען, טאָ נאַ־דיר אַן אַרעסטאַנט!

אויף דער שטילער „אונטערבאַרג״־געסקע, הינטער דער דינער ווענטל פון בודקע שרייען אויף פאַראייַנצלטע קולות:

— אָט קוקט, קוקט!

— אַי־אַי־אַי!

— געררויכערט, געררויכערט און אָנגעכאַפּט זיך!

— עס דערקלייבט זיך אַראָפּ־באַרג!

— זעט, זעט!

און גלייך נאָכדעם, לויפן זיך אַ סך קולות צונויף אין איין הור־האָ. אַן אָפּשיין פון אַ ווייטן פייער צעפלאַטערט זיך אין דער שוואַרצער טונקל־קייט פון בודקע, ווי אַ צעבראָכן פליגל.

פאַנדרע רוקט אַרויס דעם קאָפּ פון בודקע און קוקט זיך אום. אין די אויגן גיט אים אַ בלענד אַ מין פייערדיקע, צעבראָכענע קרוין. איבער דער שוואַרצקייט פון די הויכע סאָסנעס אין וואַלד איז די קרוין אָנגעטאָן. איבער דעם אָרעמינקן ישוב פון „אונטערבאַרג״, מיט זיינע געלינקע פייערלעך קעניגט די זומער־נאַכט אַליין. שאָקלט מיט איר העלישער קרוין. און פונקען ווי צעשמאָלצענע גאָלד, קייקלען זיך פון איר מלוכה־קרוין אין דער רויטלעכער שוואַרצקייט פון באַרג־אַראָפּ.

# דער וואַלד ברענט!

## 1.

ווי אַן אויסלייזונג פון זיין שווערן געמיט איז פאַר פאַנדרען געקומען דאָס ברענען פון וואַלד. אויפן שוואַרצן גרונט פון דער נאַכט האָט דאָס אים געוווּנקען מיט אַ העלישער פרייד. ער האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט ווי אָן אַ גאָב פון הימל. אָט איז אַצינד אַן אָרט, וווּ אויסצובושעווען דעם פאַרטאַיעטן כעס אויף קושקע בראַנד, אויף זאַוולס רכילות, די בייזע מחשבות — איבער מערען...

פאַר די צוזאַמענגעטוליעטע הילצערנע הייזקעס פונעם „אונטער־באַרג״ איז נאָך דערווייל די סכנה געווען ווייטלעך. איבערן הויכן גע־שלענגלטן שליאַך איז נאָך דער פייער געשטאַנען, ביז די קוסטעס פון משופּעדיקן באַרג־אַראָפּ נאָך נישט דערקליבן זיך. נאָר אין זיין אַראָפּ־געפאַלנקייט און אין זיין בישט געזונטער מורא, צו גיין אַהיים מיט אַזאַ אָנגעלאָדן האַרץ, האָט נח געזוכט איינצושמועסן זיך אַליין, אַז די סכנה פאַרן „אונטערבאַרג״ איז שוין מוראדיק גרויס.

האָט ער זיך געגעבן אַ ווענד צו זיינע חברים ביים זעלצער־וואַסער טיש:

— זעט, קינדער, וואָס עס טוט זיך!... קומט!

און האַסטיק אַרויסגעשפּרונגען פון דער הילצערנער בודקע.

שמחהלע האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין קלומיק און אויך אַרויסגעלאָפן. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען דעם פייער איבערן שוואַרצן וואַלד, האָט ער זיך צעשריען:

— וואָס „קומט״? וווהין „קומט״?

— מירן העלפן לעשן! — מאַכט פאַנדרע, ווי איינער וואָס רעדט פון אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער זאַך.

— וואַ־אַ־אַס? — ציט אויס שמחהלע מלא רציחה — מ י ר ן לעשן? וואָס פאַר אַ „מירן" וואָס?

ער איז שטאַרק צערייצט שמחהלע. דער פייער איבערן וואַלד דער־מאָנט אים דעם נייעם נגידס ברענענדיקע שטאַל... די בייזע עדות קעגן אים, דער משפט... ער איז ווי אַן אָפּגעריסענער פון תליה, וועמען מען באַווייזט אַ נייע פּעטליע...

— איך — לעשן? — צעשרייט ער זיך נאָכאַמאָל — אַ שריפה?... בין איך נישטאָ!

— האָסט דאָך געזאָגט, — זוכט אים פאַנדרע צו באַרואיקן — האָסט דאָך פריער אין וואַלד געזאָגט, אַז עס איז „קאַליאַדעס"... שיינע קאַליאַ־דעס! איין האַלאַוועשקע און גאַנץ „אונטערבאַרג" גייט אַוועק מיטן רויך.

נאָר שמחהלע לאָזט זיך מער נישט איינרעדן. די הענט ציטערן ביי אים פון אויפרעגונג. ער פאַרוואַרפט זיין קלומיק איבערן פּלייצע און רוקט אָן דאָס וואַרעמע היטל איבער די אויגן. מיט אַ מינע פון אַ מענטש, וואָס האָט עפּעס פעסט באַשלאָסן:

— איז גייסטו? — מאַכט ער צו פאַנדרען האַרט און קורץ — צי דו גייסט נ י ש ט?

— וווהין — מאַכט זיך פאַנדרע תמעוואַטע.

— ווו־הי־ין — קרימט אים איבער שמחהלע און שטשירעט זיינע שלעכטע ציין אַקעגן פייער פון וואַלד — אַ... אַהיים צו אַל־די־קאַדיק!

— און לאָזן יידן ברענען? — —פרעגט איבער נח פאַנדרע גאַנץ שטיל.

שמחהלע דרייט זיך צו אים אויס מיטן רוקן און מאַכט אַ פּאָר האַס־טיקע טריט. דערנאָך בלייבט ער שטיין. ער איבערלייגט זיך.

נאָר פון דער פינצטערניש, ביי דער גרויסער מיל, און פון דעם וואַסער־געראויש אין דער הרעבליע שווימט פּלוצלונג אַרויס אַ ווילדע פיגור אין טראַנטעס. אירע פאַרזאָרגטע קנייטשעלעך זענען רויט באַלויכטן. אויפן אָרעם, ביי דער ברוסט, וויגט זי אַ העלן פּעקעלע, ווי מען וויגט אַ שרייענדיק קינד:

אַ—אַ—אַ בייאינקע—ע
אויגעלעך האָסטו שיינינקע.

זי וואַרפט אַ פלינקן קוק אויף שמחהלען און פאַנדרען. זי דערקענט זיי גלייך מיט אירע משוגענע דורכדרינגענדיקע אויגן. זי בינדט זיי,

דאַכט זיך, גלייך צוזאַמען מיט דער סביבה: מיט דער בודקע, מיט וואָווקען, מיטן ברענענדיקן וואַלד. אירע גראָבע ליפּן עפענען זיך אויף, אירע חיה־ציין גיבן רויט אַ גלאַנץ אַקעגן דער שריפה. אירע פּאַרטאַיעטע לאַך־קנייטשעלעך צעטאַנצן זיך אַרום אירע בולטע אויגן און מויל. און אַ פאַסקודנינקע, פאַנפאַטע לידעלע צעגיסט זיך איבערן שיטערן טומל פון „אונטערבאַרג״:

ניטשיינע האָב איך אַ קוק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ!
פאַרן פאַנדרע, פאַרן שמחה
דאָ, טאַקע דאָ.
צוויי אַסטראַזשניקעס פון מאָהליוו
דאָ, אויכעט דאָ.
פאַר די זעלצער, פאַר דער בודקע —
איכאַ, איכאַ, כאַ!
מיטן וואַלד און מיטן פייער
איכאַ — איכאַ — איכאַ — כאַ!

שמחהלע שרעקט אויף אינמיטן נאָכטראַכטן, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. די בייזע היימישע נביאטע דערמאָנט אים אינגאַנצן אָן דער באַעגטקייט פון ווייב און שטוב. אומזיסט וועט חיה־שרהקע די משר־געגע קיינמאָל נישט זינגען. מסתמא זאָגט זי אָן עפּעס אַ נייע צרה...

גיט ער ווידער אַ קער זיין פאַרביסענעם, רויט־באַלויכטענעם פרצוף־פּנים:

— איז גייסטו נישט? ניין?

און, נישט וואַרטנדיק אויף פאַנדרעס ענטפער, פאַרענדיקט ער אַזוי:

— איז ווער דאָ פאַרברענט מיט חיה־שרהקען צוזאַמען!

אין דער דאַזיקער בייזקייט איז דאָ אַ באַהאַלטענער פאַרוואָרף, וואָס נאָך אַ גאַנצן יאָר צוזאַמענזיין אין אַסטראָג מוז ער אַצינד גיין אַהיים איינער אַליין, איבער די פינצטערע גאַסן. און נאָגנדיקע געוויסנביסן איז דאָ, וואָס ער לאָזט איבער אַ יידישן ישוב אונטער אַ ברענענדיקן וואַלד און אַנטלויפט צום ווייב... אָבער די מורא פאַר חיה־שרהקעס נביאות און פאַרן נייעם פּריסטאַוו, וואָס האָט זיך ליב צו שטופּן אויף אַלע שריפות, איז נאָך גרעסער. כאַפּט ער דערפאַר די פּיס אויף די הענט און אַנטלויפט צו דער פינצטערער מיל צו, צום בריקל, וועלכער פירט

אין שטאָט אַריין. און דער פייכטער רעש פון דער הרעבליע שלינגט איין זיינע אייליקע טריט.

### 2.

פאַנדרען טוט אַ ווײלע באַנג, וואָס ער לאָזט זיין חבר פון אָסטראָג אַוועקגיין איינעם אַליין אין דער נאַכט אַריין. אָבער באַלד כאַפּט אים אַרום אַ צופרידנקייט, וואָס אַצינד, נאָך אַזוי פיל חדשים פון טרעטן איינער דעם צווייטן אויף די נאַגניאָטקעס, פון רעכענען זיך איינער מיטן צווייטן, איז ער אינגאַנצן פריי. פריי פון יעדער חברשאַפט, פון יעדן נאָכקוקן... ער איז צופרידן וואָס קיינער טרייבט אים מער נישט אַהיים. און ער וועט דאָ קענען אויסבושעווען זיין בייזע קראַפט, זיין האַרצווייטיק, זיינע פאַרדאַכטן... איינער אַליין.

— נאָ, — מאַכט ער צו וואָוקען — באַהאַלט דאָ מיין פעקעלע!

און אַליין גיט ער זיך אַ וואָרף צום פייער אויפן באַרג. ער מישט זיך אויס מיט אַ גאַנצער כאַפּטע אונטערבאַרגער יידן, וועלכע לויפן שוין באַרג־אַרויף מיט לאָפּעטעס און קאָטשערעס און גראַב־אייזנס.

— אוי, אוי! — שרייט עמיצער סאָפּענדיק — עס דערקלייבט זיך, עס דערקלייבט זיך...

— שפּילן זיך אין פלאַקערס!

— וואַרפן ברענענדיקע ציהאַרקעס אין אַזאַ טריקעניש!

— „פּאַד־סוד” דאַרף מען זיי אָפּגעבן אַזעלכע חברה־לייט!

— ס'וואָלט נישט געשאַדט פּאַקן זיך!

— מאַלע וואָס!... זאָל גאָט היטן!

— מען פּאַ־אַקט זיך שוין!

און דורך אַלע קולות זעגט זיך דורך חיה־שרהקעס פּאַנפּאַטע לידעלע:

אַ—אַ—אַה באַי—אינקע!
אַט־אָ ברענט אַ וועלדעלע!
מיר פּאַר דיינע אויגעלעך!
באַלד וועט זיין אַ שריפהלע
דאָ, טאַקע דאָ! — — —

— די משוגענע! — סאָפּעט אַ ייד און שפּאַרט זיך אָן אויף זיין לאָפּעטע.

געדאַרפט איר פּלעטן דעם מוח! — קריצט עמיצער מיט די ציין.

די צערייצטקייט גיט זיך איבער ווי דער פייער אין וואַלד. אַ דריטער כאַפּט אַ קאָם טרוקענע ליים, צילט אָן אויף חיה־שרהקעס קול און גיט אַ שליידער אַראָפּ־באַרג, אין דער טונקלהייט אַריין.

— אַי! — דערהערט זיך אַ דערשראָקענער קוויטש און דאָס לידעלע ווערט גלייך פאַרשטומט.

די יידן מיט די קאַטשערעס צעלאַכן זיך. זיי ווערן זיכערער ביי זיך. מען גיט זיך אַ לאָז מונטערער צום ברענענדיקן וואַלד.

עמיצער דערלאַנגט פּאַנדרען אַ גרויסן גראַב־אייזן. און פּאַנדרע פאַרוואַרפט אים איבערן פּלייצע, ווי אַ זעלנער זיין ביקס. אַזוי לויפט ער אַרויף־שליאַך, פון וואַנען ער האָט זיך, דאָ נישט לאַנג, אַראָפּגעלאָזט מיט שמחהלען צוזאַמען. ער לויפט אין געשלענגל פון באַרג־אַרויף און אים דוכט זיך, אַז שוין לאַנג לאַנג, אַ זומער־טאָג אַ יאָר און אַ שטיק אָוונט, זינט ער איז אַרויס פון אָסטראָג, פּלאָנטערט ער זיך אין אַלע אויסבויגונגען פון שליאַך און וואַלד און קען זיך נישט אַרויספּלאָנטערן. אַ כישוף האָט מען אים אָנגעטאָן: ער לויפט אַהיים צו מערען און דער וואַלד ציט צוריק, צוריק... אַ סך שלוחים האָט דער וואַלד: זימל דעם פאַקנטרעגער, דעם בוהאַי, קאַטערינושקאַן... אַצינד — דעם פייער.

און אָט לויפט ער צוריק צום וואַלד, מיטן גראַב־אייזן אויף דער פּלייצע, און פרעגט ביי זיך אַליין: ווי וואָלט געווען, ווען קאַטערינושקאַ וואָלט אים נישט אַריינגענומען אין אירע פויערישע אָרעמס, ווען זי וואָלט אים אַזוי נישט אויסגערדיבט, וואָלט ער דען געקענט לאָזן וואַרטן מערען און לויפן צוריק, אַרויף־באַרג צום וואַלד?

— ניין! — ענטפערט ער זיך אַליין מיט אַ מין צדוק־הדין און מיט אַ כעס — רעכט אויף דיר, פּאַנדרע! לעש, ממזר! ווער פאַרברענט!

וואָס נעענטער צו די ברענענדיקע שוואַרצע סאָסנע־קרוינען, אַלץ צעריסענער און צעזייטער ווערט דאָס פייער. ער אַנטפּלעקט זיך אין צע־שאָטענע גרופּעס, ווי אַ שונא וואָס פאַלט אָן... די שטיוול לויפן אַריין אין אַ מין פעלד פון רויטער גרויזאַמער ליכטיקייט. עס דערהערן זיך די קראַקערייען פון דורכגעברענטע צווייגן, די זיפצן פון דער פעכיקער קאָרע. די געפּלאַצטע צאַפּן פון די יאָדלעס שיסן ווי קינדערשע ביקסעלעך. אין דעם ברענענדיקן מאָך זידט עס און עס שיפּעט און שושקעט און עס שלענגלט זיך. די רויע היץ פון דער שריפה שלאָגט זיך דורך דורך

דער קילקייט פון אָונט, ווי אַן אָנגעגליטער פּרעס־אייזן דורך אַ דורכ־זיכטיקן טיול. דוכט זיך פֿאַנדרען, אַז דאָס איז בלויז אַ מין פֿאַרזעצונג פון דער בייטאָגיקער היץ, אַן אויסטערליש אָפּשפּיגלען פון דער גרויסער תמימא היינט אין וואַלד. אין מערב איז די זון פֿאַרגאַנגען, צווישן העלישע וואָלקנס, און אָט איז זי שוין ווידער אויפגעגאַנגען אין פינצטערן וואַלד, פון דער צווייטער זייט...

קורצע בליצן, פלאַטערנדיקע שמאַטקעס־פייער טראָגן זיך איבער פֿאַנדרעס קאָפּ און ער פֿאַרשטייט נישט וואָס דאָס איז. נאָר אַ ביסל נענטער דערקענט ער אַן דעם צעשראָקענעם קוויטשען און פּיסקען, אַז דאָס זענען די אונטערבאַרגער שוואַלבן. פון זייערע טיפע לעכער אין דעם אָפּגעשפּאָלטענעם ליים־באַרג זענען זיי דאָס אַרויסגעפלויגן אויסצופאָרשן, ווו עס האַלט מיט דער שריפה. מענטשן לויפן אונטן, זיי — אויבן. ס׳איז איין סומאַטאָכע. און באַלויכטן פונעם פייער אין וואַלד בליצן זייערע ווייסע בייכלעך און בלויע פליגלען אַהין און צוריק. קרייצן זיך דורך אין איין בייזן אָנזאָג: צוויץ, צוויץ!... ערגעץ־ווו ווייט, אין די נישט־באַרירטע בוים־קרוינע, שרייען הייזעריק סאָראָקעס. ווי אויפגעוועקטע נישט־כשרע פֿאַרשוינדלער, דערשמעקנדיק פּאָליציע, אַזוי שרייען זיי זיך איבער אין דער פינצטער, וואָרענען איינער דעם צווייטן:

— אַ ברררראַק! אַ ברררראַק! קררראַ!

און אַ סאָווע, אַ מכשפה, צעכאָכאָטשעט זיך אַ סך ווייטער, נאָכטיק־פֿאַרשווומען און מאַוימדיקער:

— או — הו — האָ האָ!

ס׳הייסט מקוים געוואָרן מיין שוואַרצע נבואה? אַ? נאָט אייך!

ווי אַ לעכעלדיקע טישטוך מיט העלע שלענגלדיקע פרענז, אַזוי פויזעט דאָס פייער איבער די טרוקענע גראָזן און נאָדלען אויף דער ערד און דערקלייבט זיך צו די שטאַמען פון סאָסנעס. פונעם פלאַכן פייער שטעקט זיך אַרויס אַ צונג און הויבט אָן זשעדנע צו לעקן די פּעכיקע שאָלעכצדיקע קאָרע. אַ גאָלדענע וועווערקע טיילט זיך אָפּ פון דער ערד, גיט אַ שפּרונג און קאַראַבקעט זיך גיך־גיך איבערן ברוינעם שטאַם. זי דערקלייבט זיך דאָרטן ווי אין אַ נעסט. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום גייט אַרויס פון „נעסט” אַ שטראַל פייער, אַ צווייטער און אַ דריטער. אַ גאָלדענער ריזן־קאָם באַרשט די טונקל־גרינע קודלעס פון דער סאָסנע, ביז זיי צעפלאַטערן זיך אין פייערדיקע קרוינען. פון זייערע אַראָפּגעהאָנגענע שפּיצן הויבט עס אָן צו שיטן מיט ראַקעטן. שטייט דאָ נאָענט אַ צווייטע

סאָסנע — אַזוי צינדט זיך אָן קרוין פון קרוין. און די גאָלדענע וועוועריצע באַווייזט דאָ נישט אַריינצוגליטשן אין אַ פּינצטערן „נעסט”, נאָר זי טרעפט אַריין אין אַ העלישן פלאַם. אָדער זי באַגעגנט זיך, שוין אין מיטן שטאַם, מיט אַ צווייטער וועווערקע, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ, מיט אַ בייזן זידן און מיט פונקען, איר אַקעגן.

און ווייטער, אין דער טיף־שריפה, צווישן די אָפּגעברענטע פּאַרקוילטע שטאַמען, מיט גליענדיקע פונקעלעך־רובינען אויסגעזעצט, טוען זיך אָפּ עפּעס מאָדנע זאַכן. דאָרטן זעענען זיך מתדמה מיני נאַקעטע פייערדיקע לייבער, משוגע־טאַנצנדיקע אַנטבלויזטע נקבות, העלישע קאַטערינושקאַס מיט שפּיציקע בריסט און מיט פלאַטערנדיקע געבלימטע כוסטעס און מיט אין פייער־שאָטן און רויך־געפּאַסעקטע, צעריסענע קליידלעך. דער וואַלד ברענט און דאָס האַרץ ברענט. קושקע בראַנדס רויטע האָר קרייזלען זיך איבער אַ מוראדיקן העלישן פליך. מערע לאַכט צו אים געמיין און זינדיק. איר אַנטבלויזט לייב איז זיס און גיפטיק ווי די זינד אַליין. זי לאַכט פון פאַנדרען מיט אַן אָפענעם הולטייסקן מויל און מיט גליענדיקע ציין: „אַהאַ, אַזוי לאַנג געזאַמט זיך אין אַסטראַג? אויפן שליאַך געהולטאַיעוועט? געלאָזן וואַרטן אויף זיך? איז מיר קושקע אויך גוט!...”

**3.**

כדי צו פאַרטומלען אין זיך אַט דעם גאַנצן מיש־מאַש פון פיבערדיקע פאַרשטעלונגען, כאַפּט זיך פאַנדרע צו צום גראָבן, מיט אַ גאַנצער שורה יידן פון לינקס און רעכטס.

לעשן אַ ברענענדיקן וואַלד איז דאָך נישט שייך צו זאָגן. נאָר איין מיטל איז דאָ פאַראַן: אויסצוגראָבן אַ ברייטע קאַנאַווע, מאַכן אַ טיפע גרענעץ צווישן דעם פייער און צווישן די נאָך נישט־באַרירטע קוסטעס און בוימער. און אַזוי האָבן די אונטערבאַרגער יידן, מיט פאַנדרען אָן דער שפּיץ, אויך געטאָן. זיי האָבן געמאַכט אַ פראָנט צווישן אונטערבאַרג און צווישן ברענענדיקן וואַלד. גראָב־אייזנס און לאָפּעטעס אויף און גראָב־אייזנס און לאָפּעטעס אָפּ. דער וואַלד האָט אויף זיי געשאָסן מיט ברענענדיקע שישקעס. מיט הייסן פריסיק און פונקען די אויגן געוואָלט אויסברענען. און די שוואַרצע מענטשעלעך האָבן אים צוריק געשאָטן מיט זאַמד און שטיקער ערד; עקשנותדיק אַראָפּגעבויגן די רידלעס. און

אַלץ ברייטער און טיפער געגומען אָפּגרענעצן זיך פון זיינע ברענענדיקע לײדנשאַפטן, ווי פון אַ מגיפה.

שווער איז צו שטיין און גראָבן אויף אַ משופּעדיקן באַרג־אַראָפּ. מען מוז אונטערשפּאַרן דעם גוף מיט איין פוס און אַזוי אַרבעטן. די גאַנצע משא פון קערפּער און שווונג פון גראָב־אײַזן פאַלן אויף איין אָנגעשפּאַרטער ליטקע. מוז מען זיך אַלע ווײַלע בײַטן. פון איין פוס איבערשטעלן זיך אויף דער צווייטער.

און דאָ שלאָגט נאָך די היץ אין פּנים ווי פון אַ קאַלך־אויוון, זי דרינגט דורך די גראָבע קליידער, די הויכע כאַליאַוועס. פון פאָרנט סמאַ־ליעט, פון הינטן איז קאַלט.

אָבער פאַנדרע האַלט זיך פעסט. אין עטלעכע מינוט האָט ער זיך שוין צוגעוווינט צו אַזאַ האַלב־אײַנגעבויגענעם שטאַנד, און ער האַלט אין איין וואַרפן דעם אויסגעגראָבענעם זאַמד דעם לאַכנדיקן פײַער „אין פּנים אַרײַן". ביז אַ גרויסע קאַנאַווע טיילט אים אָפּ פון דער וואַלד־שריפה.

עפּעס נישט קיין גרויסע חיה, אַ פוקס, ווייזט אויס, שפּרינגט אַרויס פון די פונקען, פון יענער זייט קאַנאַווע. אירע שוואַרצע אויגעלעך זענען באַלויכטן פון טויט־שרעק און פונעם פײַער. זי שפּרינגט אַרײַן אין דער אויסגעגראָבענער גרוב און לויפט ווידער אַרויס. אין מויל טראָגט זי, ביים פעלכל פון האַלדז, אַ נאָך קלענערע חיהלע. אירס אַ מוזיניקל אפּנים... פאַר מענטשן האָט זי אַצינד קיין מורא נישט. די שריפה פון וואַלד איז פאַר איר שרעקלעכער.

— אַטו, אַטו־ו! — שרייט איר פאַנדרע נאָך, כלומרשט צו איבער־שרעקן זי. און אין האַרצן ווינטשט ער איר: „לויף געזונטערהייט!" די סצענע איז אַזאַ רירנדע, אַז ער קוקט איר נאָך אַ ווײַלעטשקע, אין דער פינצטער אַרײַן, מיט אַ ברייט־צעשמייכלטן פּנים. די אַנטלאָפענע פוקס, מיט איר קינד אין מויל דערמאָנט אים אַ צווייטע פוקסל, וואָס ער האָט איינמאָל, נאָך פאַרן אָסטראָג, דערזען, זיצנדיק אויף ר' סענדערס קעלניע. ער האָט זי דערזען אין וואַלד צווישן די שטאַמען פון די סאָסנעס. אַליין ברוין ווי קאָרע איז זי געשטאַנען, אויף דריי לאַפּקעס, צוגעטוליעט צו פונקט אַזאַ ברוינעם שטאַם פון אַ סאָסנע — און געהאָרכט. געמיינט, אַז אויפן דאָזיקן גרונט, וועט קיינער איר פעלכל נישט דערקענען. אָבער ווי נאָר זי האָט דערהערט פאַנדרעס געלעכטער, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ „באַהעלטעניש" איז נישט זיכער. האָט זי אַראָפּגעלאָזט פון בויך

אַ פערטע לאַפּקע, אַ שאַר געטאָן מיטן רייכן, האָריקן עק, אַ שפּרונג געטאָן פייל פון בויגן און... פאַרשווונדן.

פאַנדרע גיט זיך צוריק אַ נעם צו זיין גראַב־אייזן און דערשרעקט זיך אַליין. עפּעס אַ האָריקער קנויל אויסגעטונקט אין אָנגעשטאָכענע בוים־נאָדלען און בלעטער רירט זיך אים צופוסנס. אים דאַכט זיך, אַז די אַנטלאָפענע פוקס איז גאָר נישט אַנטלאָפן. נאָר פאַרטאַיעט זיך דאָ, אין קאַנאַווע, און טשאַטעוועט אַ ביסל צו טאָן... ער הויבט אויף דעם גראַב־אייזן צו שלאָגן און האַלט זיך איין, בויגט טיפער אַראָפּ דעם קאָפּ און פאַרשעמט זיך פאַר זיין שרעק. ער דערקענט, אַז ס'איז גאָר אַ גרויסער שטעך־חזירל, וואָס איז פאַרקראָכן אַהער פון ברענענדיקן וואַלד, אָפּגע־שלאָגן זיך אָן זיינע שטיוול און זיך פאַרקנוילט.

נעמט אים פאַנדרע אַרויף אויף זיין גראַב־אייזן, ווי אַ בעקער נעמט אָן אַ לאַבן ברויט אויף זיין לאָפּעטע, און לאָזט אים דעם שטעך־חזירל, ער זאָל זיך פריי אַראָפּקייקלען באַרג־אַראָפּ, צווישן די פינצטערע קוסטעס.

— נאַ! — שרייט ער אים נאָך — מאַרש צום אונטערבאַרג! נאָר זע, צעברעך מיר נישט דעם „פליישיקן טעפּל״!

— אַהער, אַהער! — שאַלן פּלוצלונג אויף עטלעכע קולות פון איין זייט. מען איז דאָרטן הינטערשטעליק געבליבן אין געראַנגל מיטן פייער און מען רופט נאָך הילף.

— אַהער, אַהער, אַהער! — שרייט מען פון אַ צווייטער זייט.

פאַנדרע קוקט זיך אַרום און דערזעט, אַז נאָר ער אַליין האָט זיך אַריינגעגראָבן אין צענטער פון ברענענדיקן וואַלד. אָבער פון רעכטס און לינקס האָט זיך דער פייער אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ העלישע פּאָדקאָווע, מיט די שפּיצן צום טונקעלן „אונטערבאַרג״.

נישט אַלע כוחות זענען גלייך. נישט אַלע קענען אַזוי האַסטיק און אָן אויפהער גראָבן. נישט אַלע זענען זיך אַזוי מוסר־נפש ווי פאַנדרע... האָט זיך דער פייער אַריבערגעוואָרפן איבער די שמאָלע קאַנאַווקעס, וואָס יענע האָבן באַוויזן אויסצוגראָבן, און פאַרכאַפּט די קוסטעס אַראָפּ־באַרג. בלייבט פאַנדרע שטיין מיטן שווערן גראַב־אייזן אין האַנט און ווייסט נישט וווהין פריער צו לויפן.

זאָוול דער שמייסער וואַקסט פּלוצלונג אויס לעבן אים. פאַנדרעס הייסער אימפּעט, נאָכן אַרויסגיין פון אָסטראָג, נאָך אַ גאַנצן טאָג וואָגלען איבערן אָנגעגליטן שליאַך, האָט אים געמאַכט שטוינען, אויפגעוועקט אין

אים די בעסטע מענטשלעכע כוחות. זעט ער נאָכצוטאָן פאַנדרען ווי
אַ לערן־יינגל טוט נאָך אַ מייסטער.

— דו? — פרעגט פאַנדרע פאַרוווּנדערט — כ'האָב געמיינט, אַז דו
זיצט נאָך אין בודקע.

און אין האַרצן טראַכט ער זיך: „אפשר איז ער גאָר נישט אַזאַ פּאַרך,
ווי ס'האָט זיך מיר פריער געדוכט?...״

זאַוול פאַרשטייט מיטן קוק וואָס פאַנדרע טראַכט וועגן אים און
וואָס זיין פאַרוווּנדערטע פראַגע באַדייט. ענטפערט ער אים אָפּ פאַרסאַ־
פּעט, אָבער באַשיידן.

— איך לעש דאָ די גאַנצע צייט.

— דאָ — מאַכט צו אים פאַנדרע — וועט שוין דער פייער נישט
אַראָפּגיין. לויף דו רעכטס, איך — לינקס. אָבער געגראָבן זאָל ווערן!

— אַהער, אַהער! — שאַלן ווידער אויף פאַרשטיקטע קולות.

פאַנדרע און זייוול צעלויפן זיך אויף ביידע זייטן. זייערע שאָטנס
צעפלאַטערן זיך, וואַקסן אויס מאָוימדיק אינעם רויטן שיין. און באַלד
ווערן זיי פאַרברענט, ווי שוואַרץ פּאַפּיר, אין דער הייסער ליכטיקייט.
רעכטס און לינקס גיסט זיך דער פייער אַראָפּ־באַרג, ווי צעשמאָלצן גאָלד
און צינגלעט, נאַשנדיק די פאַרטריקנטע קוסטעס.

פאַנדרע וואַרפט זיך ווידער אַריין מיט לייב און לעבן אין פייער און
אין רוס. הייסער פּריסיק שיט זיך אַרום אים און פונקען מיט רויכיקע
עקעלעך שיסן אים אין די אויגן. דאָס זענען סאָסנע־נאָדלען וואָס ווערן
צו גיך פאַרברענט. מוז פאַנדרע אַראָפּרוקן די טיפע וואַטאָווע היטל זייבע
איבער די אויגן און אַרויפציען די הויכע אָנגעקנייטשטע כאָליאָוועס. אַזוי
אַרבעט ער פאַרבלענדט און פאַרפּאַנצערט. ר' סענדער, עליו השלום,
פלעגט זאָגן, אַז גאָט באַשאַפט די רפואה פאַר דער מכה. ס'איז טאַקע אַן
אמת! אַ גאַנצן טאָג האָט ער, פאַנדרע, געפלוכט און געשאָלטן, וואָס ער
מוז אויף זיך שלעפּן די ווינטער־קליידער. פאַניע־גנב מיט זיין אָסטראָג
איז שולדיק! דער פּריסטאָוו איז שולדיק! אַלע זענען שולדיק. און אָט
זענען אים די גראָבע מלבושים צונוץ־געקומען. ווי וואָלט ער דאָ גע־
קענט שטיין און לעשן אָן זיי? געלויבט דער אויבערשטער אויך דערפאַר!

**4.**

ער גראָבט געשמאַק און שפּירט די סמאָלענעס פון זיינע אייגענע
מלבושים, דעם פאַרעדיקן שווייס פון זיין אייגענעם לייב. דער אָטעם

ברענט ווי אין קדחת. די אָדערן שלאָגן אין די שלייפן. אָבער פּאַנדרע טרעט נישט אָפּ.

— נאָך, נאָך! — מונטערט ער זיך אַליין און צעוויגט שטאַרקער זיין גראַב־אייזן.

— נאָך, נאָך, נאָך! — חזרט ער איבער ליידנשאַפטלעך, ווי בשעת אָפּגעבן זיך מיט קאַטערינושקאַן היינט בייטאָג, אין מיקיטעס טונקעלן היי־שפּייכלער. דער פּיין פון לייב און די שווערע האָרעוואַניע גייען ביסלעכווייז איבער אין אַ טעמפּער הנאה פון מסירת־נפש, פון פאַרגעסן זיך אַליין. וואָס מיר אַסטראָג? וואָס מיר ווייב און קינד? דער איינגע־שלאָפענער פּאָזשאַרניק פון אַמאָל וועקט זיך אין אים אויף מיטן גאַנצן כוח. דער זעלבער פּאָזשאַרניק, וועלכער האָט איבערגעלאָזן מערען איי־נינקע אַליין אין שטוב, בשעת זי איז געווען אין די חדשים, און אַליין איז ער אַוועקגעלאָפן געבן ראַטונעק דעם נייעם נגיד... דער רעשט אָנגע־זאַמלטע קראַפט, וואָס איז אים איבערגעבליבן נאָך ראַטעווען זימלען, נאָכן בוהאַי און נאָך קאַטערינושקאַן, מוז אויסגעבושעוועט ווערן ביז אין דעק! עס מוז אויסגעגאָסן ווערן, אָט דאָ, אין טייכן שווייס, ביז דער „אונטערבאַרג״ וועט אָפּגעראַטעוועט ווערן!

ער גיט אַ וואָרף מיטן קאָפּ און אַ שפּיי מיט טרוקענע שפּייעכץ אין די פריערדיקע צינגער אַריין. גויים זאָגן אַפילו, אַז אין פייער טאָר מען נישט שפּייען. ס׳איז אַ זינד. נאָר ער מוז דאָס אַצינד טאָן. דעם העלישן שונא אויף צו להכעיס. אָן אַרויספאָדערונג איז דאָס.

— הע — עך! צערעוועט ער זיך אויףביידע לונגען — אַ רוח אין אייער טאַטנס אַריין!

ער האַקט דורך וואַרצלען און וואַרפט זאַמד און שפּענער אין דער לופטן און עס דאַכט זיך אים, אַז ער טובלט זיך אין פייער. אַרויף און אַראָפּ מיטן קאָפּ און גראַב־אייזן. אַרויף און אַראָפּ. דעם גאַנצינקן טאָג טובלט ער זיך אַזוי. אויפן שליאַך — אין דער הייסער זון. אין דניעפּער — מיט ר׳ זימלען, אין היי — מיט קאַטערינושקאַן. אַצינד די לעצטע טבילה — אין רויטן גלות פון דער וואַלד־שריפה. אַלע שלעכטע מחשבות אויף מערען מוזן דאָ אויסגעברענט ווערן, אַלע זינד — מיט דער שיקסע אין דאָרף...

— הע — עך, אַ רוח אין אייער טאַטנס טאַטן!

ס׳הייסט: אין אייך פייערדיקע צינגער, נאַכטיקע וואַלד־רוחות מענטשלעכע זינד און מענטשלעכע באַגרענעצטע כוחות! אין אייך בענ־

קענישן צו לויפן אַהיים מיטן קלומיק ווי שמחהלע! פֿאַנדרע איז שטאַרקער פֿאַר אייך. פֿאַנדרע וועט אייך אַלעמען גובר זיין!

און דער גראַב־אייזן גייט אַלץ האַסטיקער אַרויף און אַראָפּ, אײַך הויפן זאַמד פֿאַספעיעט נאָך נישט אַראָפּצופֿאַלן און דער צווייטער יאָגט אים אָן. הייסע אַש אַקעגן קילן זאַמד און זאַמד אַקעגן אַש... דער דורשט, אַזוי ווי די וואַלד־שׂריפֿה, צעברענט זיך אין אים.

— וואַסער! — גיט פֿאַנדרע אַ רעווע פֿון זיין קאַנאַווע אַרויס. ריזיק און געהיימנישפֿול ברומט זיין קול פֿון די רויטע פֿלאַמען אַרויס.

עמיצער אַ פֿאַרסאַפּעטער, אַ שוואַרצער, אַן אונטערבאַרגער ייד, ווייזט אויס, טראָגט אים צו אַ בלעכערנעם עמער גלייך צום מויל. פֿאַנדרע שאַרט אַרויף זיין אַפּגעסמאַליעטע, וואַטאַווע היטל און ווי אַ פֿאַריאָגטער פֿערד טרינקט ער פֿון בלעכערנעם גראָבן ראַנד. ער פֿילט דערביי אי אַ מוראדיקן פּיין פֿון דורשט אי פּונקט אַזאַ מוראדיקע הנאה צו לעשן דעם דורשט. ער מוז זיך פּשוט איינהאַלטן פֿון זיין ווילן איינבייסן זיך מיט אַלע ציין אין בלעך פֿון עמער. נאָר פֿאַרשמיסענע מלחמה־פֿערד, נאָך אַ גרויסער שלאַכט, קענען אַזאַ דורשט.

דער עמער שווימט אַוועק צו אַנדערע יידן מיט גראַב־אייזנס אין די הענט. און דער געראַנגל מיטן פֿייער גייט ווייטער.

דער וואַלד הודשעט פֿון ברענענדיקע ליידנשאַפֿטן. ער לעקט אַרום זיך מיט פֿייערדיקע צינגער גרויזאַם־פֿריילעך און זשעדנע. דער רויטער אָפּשיין וואַרפֿט זיך און כאַכאָטשעט שטום. ער האָט דאַכט זיך, ווילד הנאה פֿון דער סומאַטאָכע וואָס ער האָט אָנגעמאַכט אין די ליימיקע שוואַלבן־נעסטן פֿון „אונטערבאַרג". עמיצער אַ העליש שיכורער, אַ בייז־צעהוליעטער שפּרייזט פּונדערווייטנס. מיטן זעלבן שליאַך, ווי פֿאַנדרע בייטאָג, קומט ער אָן. מיטן שאַרפֿן ריח פֿון פּעך און געסמאַליעטן סכך איז ער אַרומגערויכערט, און אַרומגערינגלט מיט רירעוודיקע קאַרליקלעך־משרתים. ער, דער גרויסער, שפּרייזט פֿריילעך געלאַסן און זיי, די קליינע, האָפּקען און טענצלען און שאָקלען מיט די שפּיציקע פֿייער־מיצלעך. די אָנגעצונדענע סאַסנע־קרוינען, אויף די שוואַרצע אַפּגעסמאַליעטע שטאַמען, זעען אויס ווי גרויסע פֿאַראַד־פֿאַקעלן אין די הענט פֿון שוואַרצע און זייער הויכע לאַפּיטוטן, וועלכע מאַכן אַ וואַרע זייער הערשער. די פֿלינקע פֿייער־שדימלעך (אָדער אָנגעצונדענע קוסטעס) טאַנצן אַוועק און קומען צוריק. טראָגן נאָך דעם רויט און געלב־שימערדיקן שלעפּ; אָדער

זיי פאַרלויפן פּאַראויס און שיטן אויס ברענענדיקע שישקעס און פונקען און פּריסיק...

נאָר ער גייט און גייט **ד ע ר מ א ו י מ ד י ק ע ר** און קומען קומט ער אַלץ נישט אָן. ער וויל אַראָפּגיין צום אונטערבאַרג און קענען קען ער נישט.

פּאַנדרע מיט זיין גרויסן גראָב־אייזן שטייט אים אין וועג!

שטעקט ער אַרויס אַ פייערדיקע צונג פון רויטן פּיסק — שיט אים פּאַנדרע אָפּ מיט קאַלטן זאַמד. גיט ער אַ טראָט — האַקט אים פּאַנדרע אָפּ די פייערדיקע פינגער פון די פיס. כאַפּט ער די צונג צוריק און שפּרינגט אָפּ מיט די רויכערדיקע ווונדן אויף די פיס, קאָרטשעט זיך איין און קוקט זיך בייז אום: די רירעוודיקע פייער־שדימלעך זאָלן אים העלפן.

אָבער ווי אַזוי זאָלן זיי אים העלפן? אַז די קאַנאַווע, אין וועלכער פּאַנדרע לויפט אַרום, ווערט אַלץ ברייטער און טיפער. אָפּגעשטעלט דעם פייערלעכן מאַרש אויף דער לינקער זייט, איבערן „אונטערבאַרג".

— אַהער, אַהער! — דערגרייכט זאַוולס הייזעריקער קול צו פּאַנדרעס אויערן.

לאָזט ער איבער זיין קאַנאַווע אויף אויסגערוטע יידן און לויפט רעכטס אויף זאַוולס קול. ער געפינט דעם שמייסער זיצנדיק, אַ האַלב־געחלשטן, אין **ז י י ן** קאַנאַווע. נעמט ער איבער אָט דעם אָפּגעשוואַכטן אָרט און אַרבעט אַזוי לאַנג, ביז דער מאַרש פון פייער ווערט אויך דאָ אָפּגעשטעלט און אָפּגעגרענעצט.

פאַרגינט זיך שוין פּאַנדרע אויסצוגלייכן דעם רוקן און אַרויפּציען די וואַטאָווע היטל פון אויגן און אויערן. ער קוקט זיך אַרום און האָרכט. ערגעץ־ווו, פון דער טיף, שטייגן ווייבערישע קולות, אַ קינדערש געוויין און עס סקריפּען פורן. דער „אונטערבאַרג" גלויבט נאָך נישט, אַז ער איז געראַטעוועט. דער אונטערבאַרגער ישוב פּאַקט די בעבעכעס:

— חאַ־אַשע! די פּערינע!

— יענקעלע ווו איז?... יענקעלע!

— דעם טאַטנס פּו־ו־טער גי־יב!

— מאַ־אַמע!

פּאַנדרע זעט אָבער קלאָר, מיט אויגן פון אַ געניטן פּאָזשאַרניק, אַז די געפאַר איז אַריבער. דער וואַלד ברענט נאָך טאַקע, אָבער צום „אונ־טערבאַרג" איז אים דער וועג אָפּגעשלאָסן. די פייערדיקע שפּיצן פון דער

העלישער „פאָדקאָווע" זענען אָפּגעשניטן. די ליניע פון די ברייטע קאַנאַ־וועס און פייער האָט זיך אויסגעגלייכט.

און נאָך איינע איז דאָ, וועלכע ווייסט שוין אויך, אַז די געפאַר איז אַריבער. דאָס איז חיה־שרהקע די משוגענע. ווי אַזוי זי האָט דאָס דער־שמעקט קען מען נישט וויסן. זי ווייסט אָבער פאָרט!... איר פאַסקודניקע לידעלע שטייגט שוין, פון דער נאַכט אַרויס, און קלינגט מיט טרייסט און מיט באַדויערן. איר פעקעלע אויפן אָרעם שאָקלט זי, אינמיטן דער סומאַ־טאָכע פון אונטערבאַרגער ווייבער, און זינגט צו אים אַזוי:

א—אַ—אַ באַאינקע!
מיר פאַר דיינע אויגעלעך!
ס'וועט נישט זיין קיין שריפהלע
דאָ, טאַקע דאָ!

אָנגעשפּאַרט אויף זיין גראָב־אייזן הערט זיך פאַנדרע צו און צעלאַכט זיך. ס'איז אפשר דאָס ערשטע מאָל וואָס חיה־שרהקעס בייזע נבואה פון פריער איז נישט מקוים געוואָרן...

# איינער אַליין

## .1

שוין באַלד האַלבע נאַכט איבערן רויכערדיקן וואַלד. דער יידישער ישוב איז געראַטעוועט. איבערגעשניטן דעם מאַרש פון פייער, איבער די קוסטעס, אויפן „אונטערבאַרג".

מיט די שפּיצן אַראָפּ, ווי אַ גרויסע פּאָדקאָווע, איז פריער דער פייער געגאַנגען און געשאָסן מיט ברענענדיקע שישקעס. אַצינד האָט אים אַ ברייטע קאַנאַווע אָפּגעגאַרטלט און פאַריאָגט זיינע העלישע פלאַנקען אַרויף באַרג. און דער וואַלד־פייער האָט זיך דערשראָקן פאַר אַזאַ אַנ־שטורעם פון מענטשלעכער קראַפט און איז אָפּגעטרעטן צוריק, אויף מאַקאַראָווקי.

מיט זיין פאַרסמאַליעטן אַרבל ווישט זיך אַצינד פאַנדרע אַרום דעם קלעפּיקן האַלב־פאַרטריקנטן שוויס. ער באַמערקט אַפילו נישט, אַז ער שמירט נאָך מער אויס, זיין פאַרשוואַרצטן פּנים. מיט אַש און מיט סאַזשע, און ווערט אַליין ענלעך צו אַ פאַרלאָשענעם פּיען, צו אַ רוח פון אַן אָפּגע־ברענטן בוים.

פאַרגלוסט זיך אים אַ קוק צו טאָן אויף וויפל דער שונא פּייער איז פאַרטריבן געוואָרן. שפּרינגט ער אַריבער, מיט די גרויסע שטיוואַלעס, די אויסגעגראָבענע קאַנאַווע און קוקט זיך אַרום.

צווישן די אויסגעסמאַליעטע שטאַמען, מיט אָפּגעברענטע צווייגן און קרוינען, איז די נאַכט דאָפּלט פינצטער. שוואַרצע נאַכט טוליעט זיך צו חשכדיקע צווייגן־האַלאָוועשקעס. נאָר רויטינקע, איינגעגעסענע פונקען באַלויכטן גרויזאַם די אויסטערלישע צייכענונגען פון אָפּגעסמאַליעטע צעצווייגטע בוים־אָרעמס.

אין דער טיף וואַלד טאַנצן נאָך קליינינקע פייער־שדימלעך — ברענענדיקע קוסטעס. זיי שפּרינגען אויף און לאָזן זיך אַראָפּ. דאַכט זיך,

אַז זיי גייען אַ האָפּקע. אויסגעברענטע יאָלקעס רויכערן ווי ליולקעס. זשעדנע, פֿאַרמאַסקירטע מײַלער ציִען פֿון שוואַרצע טשובוקעס. גלימערט עס אויף און עס שלאָפֿט איַין אונטערן אַש, אין די אויפֿגעברענטע יאָדלע־וואָרצלען.

און גאָר ווײַט לויכטן נאָך הויכע סאָסנע־פֿאַקעלן. דער מלך־פֿײַער האָט זיך אומגעדרייט מיט זײַן בראָקאַטענעם שלעפּ צום „אונטערבאַרג". און זײַנע שוואַרצע און הויכע נעגער־לאַפּיטוטן זענען פֿאָראויס אַוועק, מיט זייערע אָנגעצונדענע פּעכיקע שטאַנגען, צו באַלויכטן אים דעם וועג אויף מאַקאַראָווקי.

דער גאַנצער שטח פֿון אויסגעברענטן וואַלד, מיט זײַנע אויפֿגלימערנ־דיקע פֿונקעלעך און רויכעלעך און קוילנדלעך, זעט אַצינד אויס ווי אַ גרוי־סער „ביוואַק" פֿון געהיימנישפֿולע, שטומע און סאַזשע־שוואַרצע זעלנער אין לאַנגע שינעלן. צעוואָרפֿן האָבן זיי זיך די נאַכטיקע בעל־דברס אין גרופּקעלעך, אַרום זייערע אויסגעלאָשענע מאַרש־קעסלען. זייט ביי זייט זיצן זיי שטומערהייט, דרימלען און רויכערן זייערע איינגעאַשטע ליולקעס און ציהאַרקע־רעשטלעך. די דאָזיקע פֿייערלעך טליִען אויף אין העליש־רויטע סגלן, צרהס, און קמצן, רײַסן אויף אַ שטיקעלע נאַכט, באַלויכטן מאָדנע בולבעוואַטע נעזער, שטאַרע אויגן, פֿאַרריסענע שאַרפֿע ברעמען, קרומע ציין, פֿאַרדרייטע מײַלער און לעשן זיך ווידער אויס.

— זדראָוואָ רעביאַטאַ! (זייט געגריסט, קינדער!) אַזוי גלוסט זיך פֿאַנדרען באַגריסן אָט די אונקערפּערלעכע זעלנערס, אָט די שטומע בעל־דברס און בעטן ביי זיי פֿײַער פֿאַר זײַן אייגענער „ציהאַרקע".

נאָר מיט אַ מאָל, ווי דורך אַ צו שטאַרקן ציִ פֿון אַ גרויסן טשובוק, פֿלאַמט אויף איין ליולקע, און אַקעגן איר — אַ פֿאַרלאָשענע ציהאַרקע בליט אויף מיט אַ רויטלעכן צוויבער־שיין. און ביי דעם ציטערדיקן בליץ פֿון דער אויפֿגעגליטער וואַלד־סמאָלע דערקענט פֿאַנדרע, אַז ס'איז נישט מער ווי אַן אויסגעברענטער קוסט, אַ טליענדיקער פּיִען פֿון אַ סאָסנעלע... די גאַנצע פֿאַרשטעלעניש פֿאַרשווינדט. אויס מיטן „ביוואַק" און מיט די מאָדנע שטומע זעלנער. נאָר דער אויפֿגעלעבטער, פֿרישער פֿלעמל ברענט ווי אַ יאָרצײַט־ליכטל אין אויסגעסמאַליעטן וואַלד, שמייכלט פֿאַרשנדיק אין פֿאַנדרעס אויסגעשמירטן פּנים:

— וואָס, פֿאַנדרע? האָסט זיך עפּעס גוט דערשראָקן?

און אַ שטילער נאַכט־שרעק כאַפּט טאַקע פֿאַנדרען אַרום. ער פֿילט זיך, ווי פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ רעדל פֿון רוחות. צווישן חברה כת־לצנים,

וואָס שפּילן זיך מיט פינצטערניש און פייערלעך און פלאָנטערן אים מיט שוואַרצע קונצן, נישט־געשטויגן נישט־געפלויגן, אַזוי וואַרפט דאָס אים פון חלום צו וואָר און פון וואָר צו חלום אין די אויסגעברענטע פעכיקע שטאָמען פון יונגינקע יאָלקעס רויכערן ווי פייער־פאָנען, טליען ווי רעשטלעך זינד קעגן מערען זיין ווייב, פאַרגעבן זיינע פאַרדאַכטן אויף איר.

ער דרייט אויס דאָס פּנים צום „אונטערבאַרג״. דאָרט אונטן האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט. אין דער בודקע פון זעלצער־וואַסער, ביי דעם סאַמע אָנפאַנג פון ישוב, ברענט נאָך אַ לעמפּל. וואָווקע, ווייזט אויס, וואַרט נאָך אַלץ אויף אים אָפּצוגעבן אים זיין קלומיק. און אין דעם קופּערנעם סיפאָן מוז נאָך זיין זעלצער־וואַסער, וואָס זידט אַזוי קיל און קיצלט אין האַלדז! דער גאַנצער אויסגעשוויצטער, שטאַרקער גוף לעכצט אַזוי נאָך דעם.

## 2.

אין בודקע טרעפט ער ווידער אָן זאַוולען. זאַוול וואַרט אויף אים. ער ווייסט דאָך, אַז פאַנדרע מוז קומען אָפּנעמען זיין קלומיק. נאָר דער־זעענדיק אים ביים שיין פון לעמפּל, דערשרעקן זיך סיי וואָווקע סיי זאַוול. מיטן גראָב־אייזן אויף דער פּלייצע, מיט פאַרסמאַליעטע מלבושים און מיטן אויסגעשמירטן פּנים זעט ער טאַקע אויס ווי אַ שוואַרצער רוח אַ ריז, אָקאָרשט געקומען פון צווישן די שוואַרצע בעל־דברס אין וואַלד, וועלכע האָבן מיט אים דאָרט געשפּילט אין סאַזשע און פייער אין באַ־העלטערלעך...

אָנגעטרונקען זיך — פליוכעט אים נאָך וואָווקע אָן ביידע הויפנס פול מיט זעלצער־וואַסער און פאַנדרע וואַשט זיך דערמיט אַ ביסל אָפּ. דאָס זעלצער־וואַסער בייסט אין די אויגן, אָבער עס רייניקט בעסער ווי פּראָסטע וואַסער. פאַנדרע באַקומט אַ שטיקל מענטשלעכע צורה.

— נאַ, — מאַכט ער צו וואָווקען — עמיצער האָט מיר אַריינגערוקט אין האַנט אַ גראָב־אייזן, וועסטו אָפּגעבן!

רעדט צו אים זאַוול מיט אַ קרום שמייכעלע:

— נו, אָט אָנגעראַבאָטעוועט זיך פאַרן „אונטערבאַרג״... מיינסט זיי וועלן אונדז... דיר זאָגן אַ דאַנק?

פאַנדרען געפעלט נישט, וואָס זאַוול שמייסער האָט איבערגענומען

שמחהלעס ראָל אונטערצושטעכן אַלץ און אַלעמען. און אין האַרצן ווייסט ער דאָך, אַז נישט צוליב דאַנק האָט ער  א ל י י ן  געלאָשן דעם ברענענדיקן וואַלד, נאָר כדי אויסצובושעווען זיין כעס און זיינע בייזע מחשבות. רופט ער זיך אָפּ אַזוי:

— אויף כפּרות דאַרף איך זייער דאַנק!

און נאָך אַ ווײַלעצקע טראַכטן:

— און איך האָב געמיינט, אַז דו טוסט דאָס אויך נישט צוליב אַדאַנק... בשעת כ'האָב דיך געפונען זיצן אין קאַנאַווע.

— איך? — גיט זאַוול אַ הויב מיט די פּלייצעס — מער נישט ווי צוליב דיר האָב איך געלאָשן!...

פּאַנדרע קוקט אים אָן פאַרוואונדערט. אין זאַוולס אויגן בליאַסקעט אַ פּייכטער גלאַנץ, ווי ביי אַ הונט וואָס לאַשצעט זיך צום באַלעבאָס.

— מער נישט ווי צוליב דיר — דערקלערט אים זאַוול שמייסער און קערט אָפּ די אויגן — אַז  ד ו  קענסט לעשן באַלד נאָכן אָסטראָג, אויפן וועג צו דיין ווייב, קע... קען איך אויך!

פּאַנדרע לאָזט אויך אַראָפּ זיינע גרינע אויגן. ער האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעוווינט פון אַזאַ איבערגעגעבנקייט.

„ער איז אפשר טאַקע נישט אַזאַ פאַרד"... טראַכט ער זיך, גיט אַ נעם זיין קלומיק און וויל גיין. זאַוול באַט זיך אָן צו באַגלייטן אים. נאָר פּאַנדרען גלוסט זיך אַציגד צו זיין אַליין. די איינדרוקן פונעם לאַנגן זומער־טאָג — דער ערשטער טאָג אויף דער פריי — דריקן אים:

— אַן אַנדערש מאָל, זאַוול; איך, איך... לאָז מיך היינט אַליין!

ער רוקט אָן די וואַטאָווע היטל איבער די אָנגעהיצטע אויגן, טראַכט אַ ווײַלע און גיט צו אַ ביסל ווייכער:

— און מכוח טרייבן פערד צוזאַמען, וועט מען נאָך זען.

און גייט אַרויס. די ברעטער־בודקע גיט זיך אַ וויג נאָך אים, נאָך זיין אַרויסגעטראָטענעם שווערן גוף, און אַ שאָקל זיך אויף צוריק, ווי זי וואָלט אים צוגעווונטשן:

— אַ גוטע נאַכט, נח!

פּאַנדרע איז נאָך גוט אויסגעשמירט אין סאַזשע און פאַרשטויבט מיט אַש. נאָר עס אַרט אים נישט וואָס וואָרקע און זאַוול קוקן אים אַזוי נאָך. ער טראָגט אַוועק דעם שמוץ פון דער וואַלד־שריפה, ווי אַ טויט־מידער זיגער — זיינע וווּנדן און מעדאַלן אין דער נאַכט אַריין. קיין נייגעריק אויג וועט אים אַציגד נישט דערקענען. ס'איז אויך גוט.

ער גייט אַריבער דעם הילכיקן בריק, איבער דער הרעבליע ביי דער גרויסער מיל, און שפּרייזט איינער אַליין מיט זיין קלומיק אויף דעם פּאַסעק ערד, צווישן ביידע שקלאָווער וואַסערן, צווישן דניעפּער און אַזערע. די שטאָט מיט אירע שיטערע פייערלעך רוקן זיך אים אַקעגן.

זיין כעס אויף קושקע בראַנד און דער חשד זיינער אויף מערען איז צעשאָטן געוואָרן, גראָב־אייזנוויז, צוזאַמען מיטן זאַמד פון קאַנאַווע, אינעם ברענענדיקן וואַלד. זיי האָבן אויסגעפלאַקערט מיט די פּעכיקע סאָסנעס און אויסגערונען מיטן שוויס. אַ זיסע שוואַכקייט כאַפּט אים אַרום, אַ קינדערשער אומעט גלעט אים. די מאַמע זיינע וואָלט נאָך געלעבט, וואָלט ער אַצינד, קומענדיק אַהיים, געזעצט זיך ביי איר אויפן בעט און וואָלט געוויינט. אפשר אויסוויינען זיך אַזוי ביי מערען אויפן בעט? ניין. אַ ווייב איז נישט קיין מאַמע.

די שריפה פון אונטערבאַרגער וואַלד האָט אויפגערודערט אַלע נייגעריקע אין שטאָט. ערשט אַצינד, נאָך אַלעמען, האָבן זיך אַלע פּוילאַקעס געגומען ציען אַ קוק טאָן ווי האַלט דאָס מיטן „אונטערבאַרג". אַצינד, אַז דאָס פייער האָט אָפּגעטרעטן — קען מען זיך שטיין און קוקן און געניסן. און קיינער וועט דיר נישט זאָגן: נעם אַ גראָב־אייזן און העלף, זיי מוחל, לעשן!...

שאַרט זיך פּאַנדרע פון אָט די נייגעריקע פּוילאַקעס אָן אַ זייט. ער גייט האַרט ביים אויסגוס פון אַזערע און כאַפּט אַלע ווײַלע אַ קוק אויף זיין שוואַכן שאָטן, וועלכער גליטשט זיך נאָך אים, אין שוואַרצן גלאַנץ פון וואַסער.

אינעם שלאָפנדיקן וואַסער שפּיגלט זיך אָפּ דער ווייטער פייער פון דער אַנטרונענער וואַלד־שריפה, ווי אַ נשמה טליעט עס אין אָפּגרונט.

אַ טיאָכקע גיט פּלוצלונג פּאַנדרען אין האַרצן. לויט ווי מען האָט אים געשריבן און ווערליק ער אַליין איז זיך משער, מוז דאָ ערגעץ־ווו זיין דאָס אָרט, דער אָפּגעריסענער ברעג איבער דעם אויסגוס פון אַזערע, ווו זיין שווער, ר' סענדער עליו השלום, איז דערטרונקען געוואָרן צוזאַמען מיט „שמאַרעוואָזן" — זיין לעצטן פערד.

אָט איז אַ משופּעדיקער אָפּריס. אָט דאָ, מן הסתם, האָט זיך שמאַרעוואָזן פאַרגלוסט צו טרינקען... צי טליעט דאָ נישט ר' סענדערס נשמה פון אָפּגרונט אַרויס? ווי דער ווייטער אָפּגלאַנץ פון דער וואַלד־שריפה ווינקט זי צו אים. גיט אים אָפּ שלום אויף זיין צוריקוועג אַהיים...

זיינע טרויעריקע נאָכדענקענישן שלאָגט איבער אַ גראָבע גויאישע

שטים. אַ באַקאַנטע הייזעריקע שטים און אַ קלונג פון שווערדן. ער קוקט אַריין אין דער פינצטער. אַ זילבער־גרויער שינעל שפּאַנט אַקעגן אים, מיטן ברעג פון צווייטן וואַסער. אַ הויכע פיגור מיט עפּאָלעטן. און נאָך איר — אַ צווייטער שינעל, אַ טונקעלער, אַ קורצער. די קורצע פיגור רעדט הייזעריק:

— אַשצע האַריטש, וואַשע בלאַהאָראָדיע! (עס ברענט נאָך, אייער הויכגעבורט!).

דערקענט פאַנדרע אין די צוויי שאָטנס דעם נייעם פּריסטאַוו און ליקסיי דעם דעסיאַטניק זיינעם. אויסגעשלאָפן האָבן זיי זיך צו מאַכן פאַראַנדקעס אין „אונטערבאַרג". אַצינד, ווען ס'איז שוין נאָך אַלעמען. אַפּנים געשיכורט הייגט, אַזוי ווי אַלעמאָל, ביים פּאָסט־מייסטער...

דער ווייטיק איבער ר' סענדערס טויט גייט ביי פאַנדרען איבער אין אַ צאָרן. די אונטערשטע ליפּ הויבט אים אָן צו ציטערן. אפשר דערלאַנגען אַצינד, גאָר אומגעריכט, דעם שונא־ישראל אין קאָלנער, אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין? ס'איז האַלבע נאַכט און פאַרסאַזשעט איז ער אויך. ווער וועט וויסן?...

ניין, עס טויג נישט. ער וועט שוין מוזן שלאָגן פאַר איינע הוצאות ליקסייען דעם דעסיאַטניק אויך. וואָס האָט ער צו אים? האַלט זיך איין, פאַנדרע! דיין טאָג וועט נאָך קומען...

שטייט ער אַזוי אין אָפּריס פון דעם אַזערע־ברעג, מיט פאַרקריצטע ציין און מיט אַ גרויסן קולאַק אין קעשענע. נאַ, מאַכט ער אַ פּשרה, וועט זיך דער פּריסטאַוו נעמען טשעפּען, פרעגן ווער עס גייט, וווהין מען גייט, ווי זיין מיאוסער שטייגער איז, אַזוי וועט ער, פאַנדרע, נישט קוקן אויף ליקסיי דעם דעסיאַטניק און וועט דעם אַדון־הגדול דערלאַנגען מיטן קולאַק אין טרפהנעם פּנים אַריין... אלא וואָס דען, נישט? — איז נישט.

צום גליק, צו זיין אייגענעם גליק, עטלעכע גאַסן פאַר זיין היים באַמערקן זיי אים נישט. נישט דער פּריסטאַוו, נישט ליקסיי דער דע־סיאַטניק, דער שוואַרצער שאָטן פון הויכן אָפּגעריסענעם אַזערע־ברעג פאַרדעקט אים אינגאַנצן. זיי שפּרייזן אַוועק, די פאַראַנדעק־מאַכער, ביידע שטאַרק פאַרהאַוועט. נאָר די שפּאַגעס קלינגען זיי נאָך אונטער די שינעלן.

— נאַ, ס'וועט זיך נאָך מאַכן! — סאַכעט פאַנדרע נאָך מיט זיין האַרטער לאַפּע. — ס'וועט נאָך גאַנץ זיין!

ער סטראַשעט אין דער פינצטער און אַ שוידער לויפט אים איבערן רוקן. ס׳איז דער זעלבער שוידער, וועלכן ער האָט דערפילט אַמאָל אין וואַלד, ווען ער איז ניצול געוואָרן פון טשורילאָ־קאַטאַרזשניקס געוואָר־פענעם שטיין. אויך דאָ אַצינד איז ער ניצול געוואָרן פון אַ גרויסער געפאַר. אויף איין האָר איז עס געהאַנגען ער זאָל באַפאַלן „נאַטשאַל־סטוואָ" און אָפּרעכענען זיך פאַר אַלע איבערגעלעבטע יסורים, פאַר סענ־דערס טויט, פאַר די פערד, און אַליין דערביי אומקומען...

אין דער זעלבער צייט דרינגט אים עפּעס דורך אַ מאָדנע זיכערקייט, ווי אַ ווייטע נבואה דרינגט עס אים דורך, אַז נישט צום לעצטן מאָל טרעפט ער זיך דאָ מיטן צורר־היהודים. אָה, אָה. מ׳וועט זיך נאָך באַגע־גענען! ס׳וועט נאָך אפשר אויסקומען אויסצובאַהאַלטן זיך אַזוי ווי שעפּטל גנב באַהאַלט זיך אויס. אָבער נישט גלאַט אַזוי פאַר אַ בלבול, אָדער פאַר אַן אויסגעטראַכטן אָפּגעריסענעם קנעפּל... ניין!

### 3.

און אָט איז דער בלוי־געטינקעוועטער אַפּטייק. אין דער נאַכט זעט מען נישט די דאָזיקע בלויקייט, נאָר מען פילט זי. און אָט ציט זיך שוין דער מאַרק מיט זיינע שורות הילצערנע קרעמלעך. איינס אויף איינס אָנגעליפּעט, ווי אַ בינשטאָק. דער נאַכט־שומר קלאַפּט ערגעץ־ווו מיט זיין קאַלעקאָטקע. אָט גיך־גיך און אָט פּאַמעלעך: „היט אייך, גנבים! איך יענקל־דער־שומר בין וואַך! קאַלאַ—קאַלאַ—קאַלאַ—קאָט! אָט וואָס!...

און אָט איז דער סטאַן מיטן טורעם, ווו מען האָט אים, פּאַנדרען, פאַרשפּאַרט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, אינמיטן שריפה ביים נייעם נגיד. דער טורעם מיט זיין קיילעכדיקן קאָפּ שניידט זיך אַריין אין אויסגעשטערנטן הימל. און זיין אָפּגעקראָכענע גרינע פאַרב זעט אַצינד אויס, ווי מיט אַש באַשאָטן, גרוי.

פּאַנדרען גיט עס אַ ציי אין האַרצן. ער לאָזט אַראָפּ די אויגן. ווי אַ שונא קוקט אויף אים דער קיילעכדיקער קאָפּ פון טורעם איבער די קראָמען. ווי אַ שטומער היטער פון גויאישן געזעץ, וועלכער איז בחברותא מיטן פּריסטאַוו:

— דו קומסט שוין, אַסטראָזשניק דו, אַהיים, אַ?... נאָר איך האָב אויף דיר אַן אויג! איך קוק דיר נאָך אומעטום!...

און אָט זענען די יאַטקעס.

פֿאַנדרע דערקענט אין זיי אָן דעם ריח פֿון נישט פֿרישע קנאָכנס און פֿריש פֿלייש. די נאַכט האָט אויסגעפּילט מיט שוואַרצע שאָטנס דעם פּוסטן „חית״ פֿון די דאָזיקע פֿלייש־געוועלבלעך. שורה קעגן שורה, מיט אַ געשלאָסענעם פֿינצטערן רוקן. נאָר די אָפּגעשאָבענע קלעצער בלייבן זיך נאָך שוואַך אינעם פֿינצטערן „חית״ פֿון פֿאָרנט.

צעוואָרפֿן ליגן אומעטום שטיקער לעבן. פֿון „אונטערבאַרג״ ביז די יאַטקעס וואַלגערן זיך גאַנצע שטיקער פֿון פֿאַנדרעס יוגנט. אומעטום ווו ער גיט זיך אַ קער צאַפּלען זיי זיך ווי נישט־דערשאָכטענע קעלבער. וואָס ווילן זיי פֿון אים? וואָס זויגן זיי אים זיין בלוט? קנאַפּ אַנגעליטן זיך? ער, פֿאַנדרע, גייט זיך אַצינד אַליין פֿון אָסטראָג. ער איז מיד. לאָזט אים צורו!

נאָר ז י י לאָזן נישט. אָט דאָ, אויף דער פֿאַרבלוטיקטער יאַטקע־קלאָץ, פֿאַר שמחהלעס צוגעשלאָסענעם געוועלבל, האָט די יוגנט אָוועק־געלייגט איר קודלאָטן קאָפּ און וויינט אָן אַ קול: „נחקע! נחקע—ע!״.

פֿאַנדרע גיט זיך שניידיק אַ דריי אויס. ער קען מער נישט קוקן אויף דער אַמאָליקער קלאָץ, וועלכע ער האָט פֿאַרקויפֿט שמחהלען, דאַמאָלסט, ווען ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פֿון דער יאַטקע... ער דרייט זיך אויס און דערזעט דעם ביים נגידס הויז מיטן גרינעם גאַניק און גרינעם שטאַכעטל, ווו עס וואַקסן זומער־צייט רויטע בלומען. דאָרטן שלאָפֿט מען שוין. נגיד און נגידיכע. די אָפּגעבראַנטע שטאַל איז אָפּגעבויט. אירע נייע בערוועס טורעמען זיך איבער דעם פֿאַרלאָטעטן פֿאַרקאָן. יאָ, אָפּגעבויט, מיט געלט מאַכט מען אַלץ. און דו, פֿאַנדרע?...

ער מאַכט אַ קולאַק קעגן די פֿאַרמאַכטע, ווייס־באַמאָלטע לאָדן:

— נויטיק געדאַרפֿט... אַ—אַך!

דאָס איז נישט אַזוי אַ דראָאונג קעגן דעם נייעם נגיד, ווי קעגן זיך אַליין.

דאָס באַדייט: אָט, אָפּגעפּוילט אַזוי פֿיל חדשים אין אָסטראָג. צוליב וועמען, צוליב וואָס? צוליב דעם כבוד פֿון אָט דעם מערידאַלניק? אומ־זיסט אַרויסגעוואָרפֿענע כוחות! מען וואַרפֿט זיך נישט מיט אַזעלכע זאַכן. איינגעהאַלטן און קאַרג אויף גבורה דאַרף מען זיין, פֿאַנדרע! וואָס מער כוח מען האָט, אַלץ ווייניקער דאַרף מען עס צעשענקען. וויל מען רייך זיין, דאַרף מען קאַרג זיין. וויל מען שטאַרק זיין, דאַרף מען קאַלט זיין. אָט וואָס, פֿאַנדרע. פֿאַר עפּעס אַ גרויסע זאַך אויסברענגען — איז עפּעס אַנדערש. אָט פֿאַר עפּעס אַ זאַך וואָס חאַצע דער הינקענדיקער זאָגט...

ווי אַ מגילה האָט זיך אין פּאַנדרעס האַרטן און מידן קאָפּ אויפגע־וויקלט דער היינטיקער דורכגעלעבטער זומער־טאָג, פון זעקס אינדערפרי, זינט ער און שמחהלע טורערו האָבן פאַרלאָזן די טויערן פון דעם מאַהלי־ווער אָסטראָג, ביז אַצינד שפּעט אין דער נאַכט. בילד נאָך בילד האָט זיך עס געוויקלט, און אויפטוי נאָך אויפטוי האָט זיך צעשימערט. דער ראַטונעק וואָס ער האָט געגעבן ר׳ זימל פּאַקנטרעגער, דאָס באַגעגעניש און געשפּרעך מיט שפּעטעלען; דאָס אַוועקלייגן דעם צעיושעטן בוהיי; דער מאַלצייט אונטערן באַרנבוים מיט מיקיטען אין הויף; דאָס אַרומ־נעמען קאַטעריגושקאַן אין פרישן היי; דאָס אַנטרעפן אויפן שליאַך זונדל גאָטס גנבס פּורל; דער ערשטער שטאָך פון דרייזעס רכילות. דערנאָך חאַצע דער הינקענדיקער מיט זיינע חברים אויפן אָוונטדיקן שליאַך. זאַוול שמייסער אין בודקע. דער מוראַדיקער צאָרן אויף קושקע בראַנד און אויף מערען. די שריפה אין וואַלד. דאָס לעשן די שריפה עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד...

ער האָט אַצינד באַטראַכט ווי דאָס וואָלט געשען מיט אַן אַנדערן: געוואַלד, וואָס אין איין זומער־טאָג קען אָפּגעטאָן ווערן, ווען מען איז פריי, ווען מען האָט פרייע הענט! הייגט וואָס קען אויפגעטאָן ווערן אין אַ חודש, אין אַ יאָר, אין אַזוי מיאוס געפּטרטע אַנדערטהאַלבן יאָר! עס הויבט אָזש אָן צו שווינדלען אין קאָפּ. ער האָט פריער קיינמאָל נישט געטראַכט וואָס הייסט „צייט" און וואָס פאַר אַ טייערע זאַך דאָס איז. ביז אַהער האָט ער, פּאַנדרע, גלאָט אַזוי געלעבט פון איין טאָג אויפן צווייטן טאָג, ווי אַן אָקס אויף בריי, וועלכער קלערט גאָר נישט, אַז דאָס קאָרמעט מען אים אויף שחיטה...

איז דאָך טאַקע האַצע דער קירזשנער גערעכט ווי דער טאָג! וואָס פאַר אַ „פּאָלנע־פּראַוואָ" (פולע רעכט) אַזאַ האָבן דאָס ווילד־פרעמדע מענטשן צו פאַרשפּאַרן אַ געזונטן יונגן־מאַן ווי ער איז, מיט אַזאַ פאַר געזונטע הענט, פאַר גאָרנישט מיט נישט, פאַר עפּעס אַן אָפּגעריסענעם קנעפּל ביי אַ שיכורן פּריסטאַוו? ווער האָט דאָס אַזאַ „פּאָלנע־פּראַוואָ" צו לאָזן פוילן אַזוי פיל גבורה און אימפּעט, מאַכן דערפון אַש און בלאָטע, פאַרשמוצן מיט אָפּטריט־פּעסער, מיט צוגעטראַכטער נישט־נויטיקער אַר־בעט?... טאָמער ווייניק — האָט מען נאָך פאַר אָט דער טייערער פאַר־לוירענער צייט דערטרונקען ר׳ סענדערן, געפּטרט פערד און וואָגן, פאַרפוילט און פאַרשאַכערט די כאָמענטן. אַצינד הויב אָן אַלץ פון דאָס ניי! אַלץ פון דאָס ניי, נח פּאַנדרע!

איז דאָך טאַקע האַצע דער הינקענדיקער גערעכט! צעהרגענען, צע־מזיקן און חרוב מאַכן דאַרף מען ז י י אַלעמען... ז י י אַלעמען!... אָבער ווער זענען דאָס די „זיי״? ווו זיצט ער, דער שונא? דאָס האָט האַצע קירזשנער נישט געזאָגט. נאָר ער, פּאַנדרע, פילט דאָס אַצינד אַליין. ווי אַ גרויסע שפּין זיצט דאָס ערגעץ־ווו אינמיטן דער נאַכט. מיט טויזנ־טער בייזע אויגעלעך זעט דאָס אין דער פינצטער און זייַנע שפּינוועבס־פעדימער זענען צעוואָרפן אומעטום. שטעט און שטעטלעך און דערפער זענען אין זיי פאַרפּלאָנטערט. צענדליקער טויזנטער מענטשן צאַפּלען זיך אין זיי... האַצע דער קירזשנער מוז יאָ וויסן, ווו עס זיצט. בשעת ער רעדט שמייכלט ער אַזוי זיכער און געזאַלצן. מסתּמא וועט ער דעם סוד אויס־זאָגן אויף דער ערשטער סכאָדקע אין פראַנצאָווקער וואַלד, אָדער אין אַ פוסטער דירה, ביי די אָרשער ברעמלעך — דאָרטן, ווו די „ציציליסטן״ קלייבן זיך צוזאַמען אַלע שבת... ער, פּאַנדרע, וועט טאַקע גיין אַהין. ער מוז וויסן. ער מוז דאָס אַלץ דערגיין ביזקל סוף...

ער גיט זיך ווידער אַ דריי אויס צו שמחהלעס יאַטקע־קלאָץ. דאָרטן ליגט אַלץ דער קודלאַטער קאָפּ, ז י י ן א י י ג ע נ ע ר ק א פּ. אַ טעמפּער און פאַרשטאָפּטער קאָפּ, און ווייַנט...

ער גיט אַ טאַפּ זייַנע אייגענע אויגן. זיי זענען נאַס. טרערן גיסן זיך איבער די באַקן.

— דו וויינסט נאָך! דו חמור דו!... — אַזוי זידלט פּאַנדרע אויס זיך אַליין.

און ער ווישט זיך די אויגן מיט אַ האַרטן קולאַק און שווערט זיך אין האַרצן: אָט קרענקען זאָל ער, ווייטיקן זאָל ער, פון אָרט זאָל ער דאָ נישט אַראָפּגיין! אויב ער וועט זיך מער איינשטעלן פאַר אַזעלכע צעקראָכענע נפשות ווי דער נייער נגיד, און אויב ער וועט אָפּגעבן זייַן גבורה אויף שיקסעס און אויף שלעגערייען מיט גראָבע יונגען. קאַטע־רינושקאַ איז געווען די לעצטע שיקסע. דער נייער נגיד — דאָס לעצטע אומזיסטע איינשטעלעניש... אָט נאָר פאַר אָרעמע, פאַלש־פאַרמשפּטע, פאַר געיאָגטע און געפּלאָגטע דאַרף מען זיך איינשטעלן. פאַר זיי — יאָ!...

ער גיט אַ קוק מיט אויסגעווישטע טרוקענע און אויפגעלויכטענע אויגן — ערשט דער קודלאַטער קאָפּ אויף דער יאַטקע־קלאָץ, זייַן אייגע־נער קאָפּ פון די יונגע יאָרן, איז פאַרשוווּנדן... דערשראָקן זיך, אַפּנים, פאַר זייַן האַרטער שבועה און אַוועק, ווי אַ שאָטן, פון צווישן די פינצטערע יאַטקעס אין דער נאַכט אַריין.

## ביים תנכ׳ניק

### .1

זינט די תוכחה האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן פּאַראָמשציקס הויז און אַנשל איז דערהרגעט געוואָרן דורך זיין אייגענעם קאַנאַט, איז דעם נייעם נגידס שקאָלע־בחורל געוואָרן גאָר אַ סטאַטיק. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס זענען אָנגעלאָפן אויף דעם פּאַראָמשציקס ביטערן טויט, און האָט תשובה געטאָן.

צעדראַפּעט ווי ער איז געווען, איז ער קודם־כל אַוועק אַהיים און האָט זיך איבערגעבעטן מיט זיין עלטערער שוועסטער, וואָס טראָגט פּערל־באָמבעלעך אין די אָפּגעצויגענע אויערן און איז שטענדיק מעלה־גרה אַ מאַנדל־בייגעלע און איז ענלעך צו אַ ציג. צווייטנס האָט ער איר פון דאַמאָלסט אָן אויפגעהערט צו זינגען דאָס פּאַסקודנע לידעלע: „קאַזי־קאַזינע שהלך לגינה ואכל לבאָטשווינע״. דריטנס ווען מערע פּאַנדרעס מיטן קינד אויף די הענט קומט בעטן מען זאָל איר אָנשרייבן אַ בריוול צו איר מאַן אין אָסטראָג, דערגייט עס מער נישט, צווישן ברודער און שוועסטער, צו שטויסן זיך מיט די עלענבויגנס: „גיי, שרייב דו!״... „ביסט נישט קראַנק אַליין צו שרייבן!״ עס דערגייט אויך נישט דערצו, די זויערע נגידיכע זאָל אָנהויבן קרימען איר פּאַרמעט־געלן פּנים. וואָרים דער שקאָלע בחור לויפט איר דער ערשטער אַקעגן:

— קומט, איכל אייך שרייבן!

ער באַמיט זיך אַפּילו אויסצופּיינען, דער שקאָלע־בחור, פּאַר דער פרעמדער יונגער ווייבל מיט די לאַנגע געטאָקטע פּיס, מיטן לאַנגלעך־בלייכן פּנים און מיט די קאַרע הייסע אויגן אונטער די דינע ברעמען. דאָס זכרל אין אים האָט זיך היינטיקן זומער געגומען רירן. און דאָס פרעמדע ווייבל זעט אים אויס ווי אַ פּאַרוואָגלטע באַטשאַניכע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון איר באַשערטן. זוכט זי איר נעסט, מיט איר

עופעלע אויף די הענט, און קען נישט געפינען... און אַלעמאָל, ווען זי גייט אַוועק מיטן אָנגעשריבענעם בריוול אין האַנט, קוקט ער אַריין אין שפּיגל, דער שקאָלע־בחור, צופּט זיך דעם פּוך אונטער דעם רויטלעכן נעזל: צי שפּראָצן אים שוין נישט די וואָנסעלעך אַרויס?

בשעת שרייבן מערען דעם אַדרעס האָט אים אַפילו איינמאָל אָנגע־נומען אַ מאָדנע חשק צו באַרימען זיך.

— ווהין שרייבן? — מאַכט ער זיך, אַז ער ווייסט נישט.

רופט זיך אָפּ מערע:

— קיין מאָהליוו. ווייסט דאָך...

— ווייטער מאָהליוו? — גיט ער זיך אַ קרים ווי גאָר אַ גרויסער שרייבער — שרייבט אַמאָל קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.

מאַכט מערע גרויסע אויגן:

— וואָס עפּעס יעקאַטערינאָסלאַוו? מיין נח איז דאָך אין מאָהליוו!

— זוי — גיט דער שקאָלניק אַ הויב די פּעדער — אוי, וואָלט איך אייך אויסגעדרייט אַ גרויסהאַרטיקן רוסישן „יע”!...

נאָר באַלד דערפילט ער, דער לעקיש, אַז ס'האָט זיך אים אַרויס־געכאַפּט; אַז די יינגלשע באַרימעריי, מיטן גרויסהאַרטיקן „יע” קען להכעיס דער הויכער שיינער ווייבל נישט געפעלן ווערן. אָט לאַכן שוין אירע קאַרע אויגן, כאָטש דער פּנים אירער איז בלאַס און שטאַר, ווי פריער.

האָט ער זיך אינגאַנצן צעטומלט, דער קליינער קאַוואַליער, און גע־נומען רייבן זיך די רויט־געוואָרענע נאָז. שיער־שיער נישט צעוויינט זיך פאַר בושה. נאָר מערע פאַנדרעס האָט מעשה עלטערע שוועסטער אַ שמייכל געטאָן. איר שמייכל איז אַצינד אַרויס פון אירע הייסע אויגן און צעגאָסן זיך איבער איר גאַנצן פּנים. און לויכטנדיק אַזוי, מיט גוטס־קייט און וואַרעמקייט, האָט זי אים נאָכאַמאָל געבעטן ער זאָל נעמען און שרייבן קיין... מאָהליוו.

דער שקאָלע־בחור איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער. שוין אַ געוויסע צייט פילט זי, אַז אַלע מאַנסבילן, גרויס און קליין, ווערן עפּעס אומרואיק ווען זיי געפינען זיך נאָענט לעבן איר. זיי עפענען די מיילער, סאָפּען מיט די נעזער, קייען די צונג און פינטלען מיט די אויגן. עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן געבליבן שטיין אינדערהויך, ביי אַן אָפּגרונט, ביי אַ גליטשיקן ראַנד פון אַ ברונעם, און וואָלטן געוואָרן שווינדלדיק. אַ באַזונדער ריח און אַ באַזונדער וואַרעמקייט מוז פון איר

אַרויסשטראָמען. זי איז ווי אַ לעבעדיקע פייערפּאַן פול מיט הייסע קוילן און מיט שווערן ווייַ־רויך. ווער עס טרעט אַריין אין אירע דלד־אמות ווערט עפּעס נאַרישעוואַטע און שאַרט זיך אַרום איר ווי אַ פאַרטשאַ־דעטער... אָנגעהויבן האָט זיך דאָס שוין סוף ווינטער מיט קושקע בראַנד, נאָך דער סעודה פון חברה־לויה. און וואָס ווייטער אין וויעסנע און אין זומער אַריין ווערט דער טשאַד אַרום איר אַלץ שטאַרקער. זיינע סימנים האָט זי שוין געמערקט ביי זאַוול שמייסער אויפן פּנים, בשעת ער האָט זיך געשאַרט צו אים ביים פאַרעכאָד און, כלומרשט, פאַרענטפערט זיך פאַר איר. זי האָט דאָס געזען ביים נייעם נגיד אויף די בלאַסע אָפּגערונענע באַקן ווען יענער דערזעט זי ביי זיך אין שטוב. און אַצינד — אַפילו ביי זיין ייִנגל, אָט ביי דעם צוציק, וואָס גייט נאָך אין שקאָלע און האָט נאָך נישט קיין סימן פון וואָנסעלעך.

מערע איז אין האַרצן שטאָלץ אויף איר באַהאַלטענעם ווייַבערשן כוח. און נישט קוקנדיק אויף איר מוראדיקער בענקשאַפט נאָך נחן, איר מאַן, פילט זי עפּעס אַ מאָדנע רחמנות אויף אָט די אַלע פאַרטשאַדעטע מאַנסבילן. זי וואָלט זיי געוואָלט אַרויפלייגן אַ האַנט אויפן שטערן און פרעגן מיט אַ קול פון אַ פאַרזאָרגטער מאַמע:

— וווּ טוט דיר ווייַ, קינדעלע? אָט דאָ?

דעם זעלבן רחמנות־געפיל האָט זי אַפילו צו קושקע בראַנד, ווען זי דערזעט אים אין מאַרק אָדער ביים ברעג דניעפּער, ווי ער זיצט אויף זיין קעלניע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און וואַרט דאַכט זיך, פאַנדרע זאָל צוריקקומען פון אָסטראָג און אָפּרעכענען זיך מיט אים דערפאַר, וואָס ער איז געקראָכן צו זיין ווייַב אינמיטן דער נאַכט...

ס׳טייטש! זי ווייסט דאָך זייער גוט, אַז קושקע איז אַן אייביקער שונא פון סענדערס משפּחה. שטענדיק האָט ער באַרעדט און געהאַווקעט. אָפּגעשלאָגן שודאַקעס. פאַרשמיסן „שמענדריקן״... זי אַליין האָט אים פאַר זיין גראָבקייט געמוזט בויקערן מיט דעם טאַטנס אַ שטיוול אינמיטן דער נאַכט. און פונדעסטוועגן האָט זי אויף אים אַצינד שטענדיק רחמנות, ווי אויף אַן אָפּגעשמיסענעם גרויסן ייִנגל. און אַז זי דערפילט אין זיך די דאָזיקע נישט זייער כּשרע רחמנות — דערשרעקט זי זיך אַליין. וואָרים מיט איר ערלעכן ווייַבערישן חוש פילט זי, אַז נאָר איין טריט טיילט אָפּ אַזאַ מין מוטנע רחמנות פון שוואַרצע זינד.

אין די דאָזיקע בריוועלעך קלאָגט זי זיך פאַרשטעלטערהייט, אַז איר איז שלעכט. זייער שלעכט. אַז איין גאָט זאָל איר העלפן. נאָר וואָס פאַר

אַ מין שלעכטס דאָס איז און פון וואָס דער אויבערשטער זאָל איר אַרויס־העלפן — דאָס שרייבט זי נישט. און פאַנדרע פאַרשטייט טאַקע נישט, וואָס זי מיינט צו זאָגן. ער פאַרשטייט נישט דעם עיקר. און ענטפערט גאָרנישט צו דער זאַך. וועגן אַלץ אין דער וועלט ענטפערט ער איר, נאָר נישט מכוח ד ע ם.

און אָט אַפילו אַצינד, ווען זי קומט אויסגיסן דאָס האַרץ אין אַ בריוול, פאַרענטפערן זיך פאַנדרען פאַר אירע בייזע מחשבות, האָט זי אויך קיין מנוחה נישט. אינעם שקאַלניק באַמערקט זי די זעלבע סימנים פון טשאַד און פילט צו אים די זעלבע פאַרדעכטיקטע רחמנות. הען, ווי ער כראַבעט זיך דאָס, דאָס הענדל:

— ע... שרייבט בעסער קיין יעקאַטערינאָסלאַוו!

— הער, — שמייכלט זי צו אים ווי אַן עלטערע שוועסטער, נאָר ווי אויף צו־להכעיס קומט ביי איר דאָס שמייכעלע אַרויס אַ שעלמישער — שרייב מיר היינט צו מיין נח עפּעס... רעכטס. דערציילן דאַרף מען קיינעם נישט. וועסט נישט דערציילן?

— ניין. — שאָקלט דעם נייעם נגידס בחורל מיטן קאָפּ און ווערט רויט. ער פילט זיך אָבער ווי אַ שטיקעלע העלד אין אַ ליבע־ראָמאַן, וואָס די שוועסטער זיינע, די „ציג", לייענט שטילערהייט. עס נאָגט אים ביים האַרצן, וואָס ער איז נאָך אַ ייִנגל און נייגעריק איז ער אויך.

מערע האָט זיך שוין אינגאַנצן אָפּגעוווינט צו שרייבן, ווי די שטוב גייט אונטער, ווי די מאַמע שטייט אַ גאַנציקן טאָג ביי אַ טישל אין מאַרק און לייזט גאָרנישט; אַז ס'איז שוין מער נישטאָ ביי וועמען צו לייען און וואָס צו פאַרקויפן פון דער באַלעבאָטישקייט איז שוין אויך מער נישטאָ. דער עיקר איז דאָך נישט ד אָ ס. דער עיקר איז, אַז אַ פייער ברענט אין איר. אַ נישט גוטער ווילדעוועט אין איר. אָבער נח וועט דאָך סיי ווי סיי נישט פאַרשטיין.

זי שעמט זיך פאַר די הייסע ווערטער, וואָס ברויזן איר אין קאָפּ. זי זוכט אַ פּאַסיקן לשון, כדי נישט אַרויסרעדן זיך, ווי אַ שיכורע גויע, פאַר אַזאַ בר־מצוה־שנעק.

— איז שרייב! — מאַכט זי צום נייעם נגידס שקאַלניק און פאַר־רויטלט זיך נאָך איידער זי זאָגט אַרויס איין וואָרט.

דאָס ייִנגל טונקט אומגעדולדיק אין טינטער און מאַכט אַן אַנשטעל פון אַ דערוואַקסענעם, וואָס דערזעט אומגעריכט, ווי ווייבער באָדן זיך און קוקט ברייטהאַרציק אַוועק אין אַן אַנדער זייט.

— שרייב אים, — אַזוי רעדט מערע קוים אַרויס — שרייבט אים אַזוי: „מיין טייערער מאַן, נח־לעבן ע... ע... וואָס מאַכסטו? און און... געשריבן? אַז איך דערמאָן מיך, אַז מיר האָבן זיך צעשיידט אַזוי גיך אַז איך ווייס, אַז דו דאַרפסט שוין באַלד קומען אַהיים, קען איך זיך שוין גאָר נישט דערוואַרטן. נישט דערוואַרטן... און און... ס'איז מיר שלעכט, אַז איך קען דיר גאָר נישט אַרויסזאָגן. די מאַמע איז אַ גאַנציקן טאָג אין מאַרק און איך געפין זיך מער קיין אָרט נישט. דאָס עסן גייט מיר נישט איין. און ווי איך גיב אַ קוק... אַ קוק... שרייב, ווי איך גיב אַ קוק אויף דעם בעט, ווו דו ביסט געשלאָפן, אַזוי הויבן מיר אָן צו חלשן די הענט. און ווי עס קומט די נאַכט אַזוי... אַזוי שלאָף איך נישט. עס וואַרפט מיר אין היץ און קעלט. און גאָט זאָל געבן דו זאָלסט שוין וואָס גיכער קומען. וואָרים... וואָרים איך ווייס נישט וואָס פון מיר וועט זיין אָן דיר, מיין מאַן. און —

— נישטאָ מער קיין אָרט אויף דער אָטקריטקע! — אַזוי רופט זיך אָפּ דער שקאָלע־בחור און הויבט אויף צו מערען אַ פּאָר בלאָנדזשענדיקע אויגן.

— מער נישטאָ? — וווּנדערט זיך מערע. זי איז ווי אין היגער־פלעט, זי האָט נאָך גאָרנישט געזאָגט און מען מוז שוין פאַרענדיקן.

— טו שרייב, — זאָגט זי מיט אַ געפּאַלענער שטים — שרייב נאָך צו מיט קליינינקע אותיותקעס: „פון מיר און פון מיין מאַמען און פון דיין יינגעלע וואָס לעכצן נאָך דיר...” אַזוי שרייב נאָך צו...

עס ווערגט איר אין האַלדז. זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און טרערן קאַפּען איר איבער איר קינד אין שויס. איר האַרט שוין אַצינד נישט וואָס דעם נייעם נגידס בר־מצוה־יינגל זעט און וואָס ער קוקט זי אָן מיט דערשראָקענע און באַגייסטערטע אויגן פון אַ בחורל, וועמען אַ פרוי האָט זיך באַוויזן אָדם־נאַקעט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן.

## 2.

ווען די גלוטן פון תמוז זענען שטאַרקער געוואָרן און די פרעש האָבן זיך צעשריען מיט שטאָלענע טרילן אין די פאַרנאַכטיקע זומפּן, ביים ברעג אָזערע, האָט זיך נאָך שטאַרקער צעשריען דאָס בלוט אין מערעס אָדערן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז די פייערן פון תמוז זיצן ביי איר אינעווייניק אין לייב, די שטאָלענע סטרונעס פון די פרעש קלינגען ביי איר אין די אויערן, און נאָר זי אַליין הערט זיי אַזוי שרייען.

האָט זי געגומען זוכן טרייסט, טרעפן און וועטן זיך מיט זיך אַליין. אויב ס׳וועט דורכפאָרן דורך דער גאַס אַ רויטער פערד, וועט נח קומען אינמיטן הודש אב, אַזוי ווי ער באַדאַרף צו קומען. און אויב אַ שוואַרצער פערד וועט אָנפאָרן — דאַמאַלסט, דאַמאָלסט... זי וויל גאָר נישט קלערן וואָס דאַמאָלסט וועט זיין. דאַמאָלסט וועט זי מער נישט אויסהאַלטן.

די בלויע קאָרטן־טרעפערקע, מיט אירע וויינפערלעך אויפן שטערן און פינטעלעך אויף איר בלויען קליידל, האָט זי צום ערשטן מאָל אָנגע־רעדט צו וואַרפן קאָרטן און „טרעפן”. נאָר די סומאַטאָכע פון אַנשל פּאַראָמשציקס טויט האָט דאָס איבערגעריסן אין רעכטן מיטן. פון דאַ־מאָלסט אָן איז מערע צערייצט ווי פון נישט אַ דערפילטער גלוסטעניש. צו דער בלויער קאָרטן־וואַרפערקע גייט זי נישט מער. יענע איז עפּעס צו קלוג. ווינקט צופיל מיט די אויגעלעך, טשמאָקעט צופיל מיט די ליי־פעלעך. זי קען נאָך אַרויסבאַלעבאָטשען דאָס, וואָס ביי מערען איז פאַר־שטעקט אין טיפן האַרצן. דערנאָך וועט זי דאָס דערציילן טעמען, און טעמע וועט דערציילן אַנדערע ווייבער ביים דניעפּער. אָט צו „זגאַכערס” וואָלט זי יאָ געגאַנגען, צו ציגיינערס, צו גוטע יידן. נאָר זי שעמט זיך נאָכצופרעגן אויף זיי. וואָרים זי הויבט אָן צו רעדן מכוח דעם, אַזוי דאַכט זיך איר, אַז אַלע קוקן אויף איר מיט קעציִשע אויגן, ווייסן פאַרוואָס עס ווילט זיך איר טרעפן. אַז מיינען מיינט זי דעם מאַן אירן, אויסלויטערן אירע שלעכטע מחשבות... אַזוי גייט זי אום און שטיקט זיך צווישן די מאַנסבילן ביים ברעג טייך. פון זונדלס הייזקע צום פאַרעכאָד און פון פאַרעכאָד צו זונדלס הייזקע. נאָר איר קינד ראַטעוועט זי. זי האַלט עס שטאַרק אַרומגענומען, ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך און כאַפּט זיך אָן אַ שטרויעלע, אַ טייערע שטרויעלע. אַ ליבינקע שטרויעלע.

איינמאָל דערהערט זי עפּעס רעדן פון אַ תנכ׳ניק און דערמאָנט זיך, אַז אין עק שקלאָוו, ביי די אָרשער ברעמלעך, וווינט אַ קורצינקער יידעלע. וואָס מישט אויף אַ תנכ׳ל און טרעפט. און עס לויפן צו אים אָרעמע ביטערע הערצער, פאַרזעפּענע מיאוסע דינסט־מיידלעך. פאַרנאַכט קומען זיי צו אים צוגיין, פאַרוויקלט אין פאַטשיילעס, כדי קיינער זאָל זיי נישט דערקענען. מען לייגט אים אַוועק אַ פּיאַטאַקל אויפן טיש און ער נעמט צו שטילינקערהייט, שטעקט אַריין אַ ביינערנע טייטל אין פאַרמאַכטן תנכ׳ל און מאַכט אויף. פאַר ווייבער מישן זיך ביי אים שטענדיק אויף ווייבערישע סדרות מיט ווייבערישע נעמען און פאַר מאַנסבילן — מאַנס־בילשע סדרות מיט מאַנסבילשע נעמען. לייענט ער איבער אַן אויפגע־

מישטן פסוק און טייטשט און טרעפט, וואָס עס איז געווען און וואָס עס ו ו ע ט זיין...

און נאָך אין דעם זעלבן פאַרנאַכט, ווען סענדעריכע איז געקומען פון מאַרק, לאָזט איבער מערע דאָס קינד אויף דער באָבעס הענט מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס האָט פאַרגעסן עפּעס אַ זייער בויטיקע זאַך. און אַליין לאָזט זי זיך לויפן אין עק שטאָט. זי איז פאַרוויקלט אין איר שטוב־פאַטשיילע ווי אַ דינסט־מיידל. זי קוקט זיך אַרום ווי אַ גנב. און אין האַנט האַלט זי גרייט אַן אַנגעוואַרעמטן אָפּגעשפּאַרטן קופּערנעם פּיאַטאַקל. אַזוי פאַרשלייערט און צעשראָקן לאָזט זי זיך אַריין צום תנכ׳ניק אין הייזעלע.

דער קורצינקער תנכ׳ניקל האָט בלויע טרויעריקע אויגן און אַ גרויסן בולטן שטערן, וואָס פּאָרט ביי איר אַרויס אונטער דער זיידענער יאַר־מאַלקע. ער נעמט מערען אויף מיט אַ טרויעריקער פריינדלעכקייט און מיט אַ שטילינקן קאָפּ־שאָקלען און מיט אַ שמייכעלע, ווי איינער זאָגט: „קוים דערמאָנט זיך אויף מיר?... שוין לאַנג געדאַרפט קומען...״

מערען פאַרקוועטשט דאָס האַרץ. זי זעצט זיך און פאַרגעסט אַוועק־צולייגן דעם פּיאַטאַקל אויפן טיש. ביי דינסט־מיידלעך איז זיך דער תנכ׳ניק נוהג פריער צו נעמען דעם פּיאַטאַקל און ערשט דערנאָך „טרעפן״. נאָר נישטאָ קיין סודות אין שקלאָוו. דער תנכ׳ניק דערקענט מיט זיינע געניטע אויגן, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. אַ ביטער האַרץ, נאָר אַ שטאָלצע. סענדערס טאָכטער... האָט ער גאָר נישט געזאָגט, נאָר פאַרריכט דאָס זיידענע יאַרמאַלקעלע אויפן ווייסן בולטן שטערן און פון אונטער אַ טישטוכל, ווי אַ חלה נאָך קידוש, אַרויסגעצויגן אַן אַלטן תנכ׳ל, אַ פאַרשמאַלצעוועטן, אין לעדער־געבונדן. אַ פלאַכן טייטל פון הירשביין האָט ער אַ הויב געטאָן, ווי גאָר אַ הויכער סאָרט קלעזמער זיין סמיטשיק; אַריינגעטראָפן מיטן שפּיץ צווישן די פאַרמאַכטע בלעטער פון ספרל און אויפגעמאַכט.

און גאָט האָט געהאָלפן און עס האָט זיך אויפגעמישט, נישט קיין אַנדערע ווי די דרייסיקסטע פרשה אין חומש בראשית, אין דער סדרה „ויצא״. אַ ווייבערישע, נישט קיין מאַנסבילישע פרשהלע.

און דער תנכ׳ניקל, מיט זיין שטילן פאַרטראַכטן קול, האָט גענומען לייענען די פרשהלע, פערלען יעדעס וואָרט, איינטייטשן אויף זיין שטיי־גער און טרעפן וואָס עס איז געווען און וואָס עס ו ו ע ט זיין...

— „ותרא רחל״... און רחל האָט דערזען. „ותרא״ איז אויך פון לשון:

זי האָט מורא געהאַט... איך זע אַ גרויסן שרעק, אַ שרעק פאַר אַ שריפה, וואָס האָט צעשטערט דעם שלום פון הויז...

— אַ שריפה... אַן אמת... — זאָגט נאָר מערע און צאַפּלט זיך אונטער איר פאַטשיילע. שלוכצן שטיקן זי, ווי אַ פרומען יידן אונטערן טלית, בשעת שופר־בלאָזן.

— הבא לי בנים! — לייענט ווייטער דער תנכ׳ניקל מיט אַ קוועטש אויפן וואָרט „נים״. איך זע אַ שלאָס־מם... אַן אָסטראָג, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט! אַ בלבול און אַן אָסטראָג און... און אַ קינד ווערט געבוירן.

— יאָ, יאָ. —— וויינט מערע אונטער דער פאַטשיילע.

— און איך זע ווייטער „ואם אין מתה אנכי״, איז דער טייטש: אַז נישט שטאַרב איך... איר גאַרט און לעכצט נאָך אייער ליבן מאַן און ווילט שטאַרבן...

מערע זאָגט שוין מער נישט נאָך. אַ שלוכץ רייסט זיך אַרויס פון איר אַראָפּגעפּאַלענער פאַטשיילע.

דערזעט דער תנכ׳ניקל, אַז ער האָט שוין צו שטאַרק צענומען דאָס הויכע שטאָלצע ווייבל, צעשאָקלט ער זיך ווי אַ מגיד, איבער דעם הייליקן ספרל און צעטרייסט זיך ווי אליהו הנביא:

— שטייט אָבער אַ ביסעלע ווייטער: „ויבא אליה״... און ער איז צו איר געקומען. און די פרשה איז פרשה „למד״. למד — איז דרייסיק. אין אַ „מאָנאַט״ אַרום וועט אייער ליבער מאַן קומען צו אייך און איר וועט פאַרגעסן אַלדאָס בייז און וועט נאָך האָבן נחת פון קינדער ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. אמן... דאָס קאָסט פינף קאָפּיקעס!

מערע שווייגט. זי איז אַזוי פאַרשיכורט פון די זיסע טרייסט־רייד, וואָס גיסן זיך אויף איר ווי אַ וואַרעמער שפּריי־רעגנדל, זי איז אַזוי פאַרטאָן מיט זיך און מיט איר מאַן, אַז זי הערט אַפילו נישט, ווי דער תנכ׳ניקל האָט מפסיק געווען, צוגעמאַכט דאָס ספרל, אַ קוש קעטאָן די שפּיצן פינגער און פאַרלאַנגט זיין פּיאַטאַקל. אַלץ האָט זיך ביי איר צוזאַמענגעגאָסן אין איין טרייסט. הא? פינף קאָפּיקעס? אָט! אַ דאַנק. אַ דאַנק...

מערע איז אַרויסגעלאָפן פון תנכ׳ניקס הייזקע, ווי פון אַ שוויצבאָד. ס׳איז שוין געווען פינצטערלעך אויף דער גאַס. זי איז האַסטיק געלאָפן צוריק אַהיים, צום קינד. אוף! געוואָרן לייכטער צו לעבן אויף דער וועלט.

פון אירע גיכע טריט האָט זיך צעפלאַטערט איר שטוב־פאַטשיילע.

אַהער געפּלויגן איז זי, ווי אַ פאַרחושכטע פויגל מיט אויסגעפּליקטע פעד־
דערן. אַצינד שפּראָצן שוין איר נייע פליגלען הינטער די פּלייצעס... גע־
לויבט איז גאָט. „למד״ איז דרייסיק. דרייסיק טעג.

זי האָט געגומען ציילן, גאַרן. שווער, ווי נישט־גלייכע און נישט־קיילעכדיקע בוי־שטיינער האָבן זיך געקייקלט די טעג און האָבן זיך בשום אופן נישט געוואָלט צוזאַמענשטעלן אין איין וואַנט, אין איין זי־כערן בנין. שמונה־ווילד האָבן זיך געהויפּט די פאַרגאַנגענע טעג און נעכט. און די קומענדיקע זענען נאָך געווען ווייט. דער דייטשמערישער „מאַנאַט״, וואָס דער תנכ׳ניק האָט געזאָגט, האָט ביי איר געקלונגען אין די אויערן מיט אַ באַזונדערן קלאַנג. ווען ער וואָלט געזאָגט „חודש״, וואָלט דאָס געווען אַ יידישער חודש. אַכט און צוואַנציק טעג. ער האָט אָבער געזאָגט... אַ מאַנאַט. דרייסיק טעג. אין פינטל אַריין. על פי חשבון האָט דאָס טאַקע געשטימט. געווען איז זי ביים תנכ׳ניק אינמיטן תמוז און נח דאַרף טאַקע אַרויסקומען פון אַסטראָג בערך אינמיטן אב. היינט וואָס־זשע האָט דאָ דער תנכ׳ניק אויפגעטאָן ? ער האָט אָבער געזאָגט „מאַנאַט״, פּונקט דרייסיק טעג. מסתמא אויך געוויס. נחס בריוו זענען אַפילו געווען נישט קלאָר. ער אַליין האָט נאָך נישט געוווסט, ווו ער האַלט מיטן „זיצן״. שווער צו דערגיין אַ טאָלק ביי פאָניע־גנב אין קאַנצעלאַריע. מען סטאַרעט זיך יאָ פאַר אים... מערע האָט אים אָבער געטרייסט: ז י ווייסט אויך געוויס.

נאָר וואָס נעענטער עס איז געקומען צום סוף פון „מאַנאַט״, אַלץ אומרואיקער איז זי געוואָרן, אַלץ אומזיכערער. אויב דער תנכ׳ניק האָט זי אָפּגענאַרט, וועט זי צו אים אַריינלויפן אין שטוב, פאַרנאַכטלעך, בשעת ער דרשנט פון חומש פאַר פאַרזעסענע דינסט־מיידלעך. אַלע וויסטע חלו־מות וועט זי אויסלאָזן צו זיין קאָפּ און צו זיין זיידענער יאַרמאַלקע.

זי איז אומגעגאַנגען מיט אַ געשפּאַנטן פּנים פון אַ מענטשן, וועמען עס טוען וויי די ציינער און שעמט זיך צו קרעכצן. טאָמער וועט מען זאָגן... אַז אים טוען וויי די ציינער. זי האָט קיינעם נישט געקענט קוקן אין די אויגן, ווי זי וואָלט זיך באַנאַרישט און געטאָן אַ פאַלשן נדר. יעדער איבעריקער וואָרט צו איר האָט איר וויי געטאָן, ווי מען וואָלט איר באַרירט אַן אָפענע וווּנד. קיינער האָט נישט געטאָרט פרעגן ווען נח וועט צוריק קומען. זי פלעגט שווייגן אָדער ענטפערן בייז, ווי פאַר אַ באַ־האַלטענער באַליידיקונג. אַפילו די מאַמעלע אירע, סענדעריכע, אָט דאָס דאַרע־קישקעלע אָנגעפילט מיט טרוקענע צרות, האָט אויך מורא געהאַט

צו רעדן מיט איר אַ וואָרט. זי האָט געפילט ו ו אָ ס דער טאָקטער טוט אַזוי וויי. אויף די שפּיצן פינגער איז זי אַרומגעגאַנגען אין שטוב. אַלץ פאַרשוויגן איר.

אָבער אויך זי האָט נישט אויסגעהאַלטן:

— וואָס וואַרפסטו זיך, וואָס? — האָט זי איינמאָל אַרויסגעפּלאַצט, קומענדיק אַן אָנגעהאָרעוועטע און אויסגעהונגערטע פון מאַרק — געבוג צו וואַרפן זיך! ווערסט גאַנץ זיין. גיי בעסער אַריין צו חישין דעם דאָקטאָר, וועט ער דיר עפּעס געבן צום איינעמען!

# ביים דאָקטאָר

**.1**

נישט אַלע טעג זענען גלייך אין זייער אומרואיקייט, און נישט אַלע נעכט ברענען מיט זייער שוואַרצן פייער דאָס לייב. נאָר די לעצטע פּאָר וואָכן, פאַר פאַנדרעס צוריק קומען וואַרפט זיך מערע אין די הייסע נעכט פון חודש אב, ווי אַן אָנגעטראָטענע שלאַנג, ווי אַ יונגע וואָלפיכע, וואָס האָט אַ לאַפּע פאַרקלעמט אין אַן אייזערנער פּאַסטקע... זי האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו שלאָפן.

איז סענדעריכע שטאַרקער צוגעשטאַנען צו איר טאָכטער, זי זאָל אַריין צום דאָקטאָר, ער זאָל איר עפּעס געבן „צום איינעמען". זי האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, איינגעגעסן אין איר, ביז מערע האָט נאָכגעגעבן.

וואָס אמת איז אמת. זינט חישין דער דאָקטאָר, דער אַלטער בחור, האָט צוריק געפונען זיין פערד, וואָס קאָפּל — זונדלס בנאָק, האָט ביי אים אַוועקגעגנבעט און זינט ער האָט צוריקגענומען אַרומפאָרן אין זיין ניי־איבערגעלאַקטער קאַליאַסקע, אַזוי איז ער צוריק אַריין אין פּאַטשאָט אין גאַנץ שקלאָוו. און אַז ס׳איז געקומען צו וויבאָרעס האָט מען א י ם אויסגעקליבן פאַר אַ קאַזיאָנעם ראַבינער, א י ם און נישט קראָל דעם בעל־גאוה, דעם צווייטן שטאָטישן דאָקטאָר.

זינט דעם איז חישין נאָך פריינדל׳עכער געוואָרן צום פּראָסטן עולם. ער האָט זייער גוט געוווסט, אַז דאָס האָט ער ז י י צו פאַרדאַנקען פאַר אַזוי פיל ווייסע „גאַלקעס" *). האָט ער פון אָרעמע פּאַציענטן, וואָס קומען צו אים, אָנגעהויבן נעמען נישט מער ווי אַ גילדן. דאָס זעלבע וואָס דער שטאָט־פערשעל נעמט. אַמאָל דאָס אויך נישט. שלאָגט מען אים אָפּ,

---

*) די ווייסע הילצערנע גאַלקעס, אָדער קייקלעך, זענען ביי די וואַלן פּ אַ ר, און די שוואַרצע — ק ע ג ן.

פון דאַמאָלסט אָן, אַלע טירן. און קראָל זיין קאָנקורענט עסט קעסט ביי זיין רייכער מיאוסער ווייב, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט צוליב נדן, און ווערט צעפּלאַצט.

איינגעוויקלט איבערן קאָפּ אין איר גרויער שטוב־פאַטשיילע, ווי אַ זינדיקע נשמה, האָט זיך מערע איינמאָל פאַרנאַכט אויסגעקליבן גיין צו דאָקטאָר חישין.

זי איז געגאַנגען שעמעוודיק און פרעסטלענדיק ווי צו דער חופה. וואָרים זי און סענדעריכע, איר מאַמעלע, ווייסן דאָך זייער גוט, אַז די בעסטע רפואה וואָלט געווען — נח זאָל צוריק קומען... נאָר ביי איר, אַזוי ווי ביי דער מאַמען, איז דאָס געווען אַ מין אָפּגערעדטער ליגן: חישין דער דאָקטאָר וועט עפּעס געבן „צום איינגעמען".

און בשעת מערע איז פאַרנאַכטלעך, איינגעבויגענערהייט, אַריין צום דאָקטאָר אין שטוב, איז שוין ביי אים, אין פאָדער־קאַמער, געזעסן די לעצטע פּאַציענטקע. אַ דיקע צעשוואָמענע יידענע, מיט אַ געלבלעכן פּנים און מיט לעבעדיקע אויגן, וואָס האָט איר אַ ביסל דערמאָנט די קאָרטן־וואָרפּערקע ביים פּאַרעכאָד.

— רבונו־של־עולם!... — האָט יענע גענומען זיפצן, ווי נאָר מערע איז אַריין.

און אַז מערע האָט זיך, פאַררוקט אין אַ ווינקל, אָוועקגעזעצט וואַרטן, האָט די יידענע אָנגעהויבן ווינקען מיט אירע לעבעדיקע אויגן אויף דער צוגעמאַכטער טיר פון דאָקטאָרס קאַבינעט:

— רבנות פּראַוועט ער דאָרטן היינט, צי וואָס? מען וואַרט און מען וואַרט, מען וואַרט און מען וואַרט. אַ חלשות גייט אונטער. און און און —

מערע האָט נאָר אַרויסגערוקט די נאָז פון פאַטשיילע און געשוויגן. זי האָט קלאָר געזען, אַז די יענטעוואַטע יידענע נודיעט זיך און חלשט פאַרטרייבן די צייט מיט אַ קאַפּעלע רכילות.

נאָר די יענטע האָט זי נישט אָפּגעלאָזט. געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז מערע, און נישט זי, האַלט אין איין רעדן, און זי וויל אויך אַריינשטעלן אַ וואָרט:

— האָט קיין פאַריבל נישט, וואָס איך פאַל אייך אַריין אין די רייד... וואָס פאַר אַ „באָלעז" (קרענק) האָט איר?

— כ׳ווייס?... — מאַכט מערע — און באַהאַלט דאָס אַרויסגעשטעקט שטיקל פּנים אין פאַטשיילע.

— בלוט און מילך! — רעדט ווייטער די יענטע און באַטראַכט מערען פון קאָפּ ביז די פיס — כ׳מיין, וואָס קען אייך פעלן? זאָל דאָס אַלע יידישע טעכטער פעלן! מסתמא... ווערט דאָס אָנגערופן... אויף דער צייט!... וואָס האָט איר געזאָגט?

מערע האָט געשוויגן:

— אָך — כאַ! אויף מיר געזאָגט געוואָרן, — מאַכט די יידענע און פּאַסמאַקעוועט זיך מיט אירע אייגענע „באַלעזן״ — ביי מיר, ברוך־השם, איז ווו איר גיט אַ נעם און ווי איר טוט אַ טאַפּ, און ווי איר גיט אַ ריר און ווי איר טוט אַ קוק איז, איז, איז —

דעם דאָקטאָרס קאַבינעט האָט זיך פּלוצלונג געגעבן אַ מאַך אויף און פון דער געעפנטער טיר האָט זיך שטיל, ווי אין פּאַנטאָפּליעס, אַרויס־געמאַכט אַ הויכע ווייבערשע פיגור מיט שיינע קיילעכדיקע היפטן, וואָס וויגן זיך ביים גיין. דער קאָפּ אַרומגעוויקלט אין אַ שטוב־פּאַטשיילע, אַזוי ווי מערע. די פיגור איז מערען אויסגעקומען באַקאַנט. זי וואָלט שווערן וואָלט זי, אַז ס׳איז מושע, זונדל גאָטס גנבס טאָכטער, קאָפּלס שוועסטער. יאָ, אָט האָט זי אַפילו אַ שלוקערץ געטאָן. הייסט עס, אַז ס׳איז צוריק געוואָרן שלום, צווישן איר און דעם דאָקטאָר. קאָפּל איר טייערער ברודער, האָט דאָך אָפּגעטאָן אַ מעשה מיטן דאָקטאָרס פערד און שליטן, און מ׳האָט זיך צעקריגט... אַצינד האָט זי שוין, אַפּנים, מוחל געווען, וואָס חישין האָט קאָפּלען פאַרשיקט קיין „סימביר״. ער היילט זי שוין ווייטער פון איר שלוקערץ און לאָזט נישקשהדיק וואַרטן זיינע אַנדערע פּאַציענטן.

מושע האָט, קענטיק, דערפילט, אַז מען באַטראַכט זי שאַרף. וואָרים זי האָט זיך אומגעדרייט און פון דער פּאַטשיילע אַרויסגערוקט אַ שטיקל שטערן, אַ פּאָר מאַטע אויגן, פליישיקע ליפּן און דערזען אַ פּאָר אַנדערע נייגעריקע אויגן, גוט־באַקאַנטע קאָרע אויגן.

אַ רגעלע האָט זיך מערע און מושע אָנגעקוקט פון אונטער די שטוב־טיכער. מושעס קוק האָט געבליאַסקעט מיט באַהאַלטענער אייפערזוכט. זי איז געווען זיכער, אַז אַלע יונגע ווייבלעך גייען אַהער צוליב דער זעלבער זאַך ווי זי. בפרט נאָך אַזאַ שטרויענע אלמנה, ווי מערע פּאַנדרעס.

„דו אויך דאַ, כשרע נשמה מיינע?״ אַזוי האָבן אירע אויגן געפרעגט.

מערעס וויעס האָבן אַ ביסל געגנומען ציטערן פון אַזאַ אומפאַרשעמט־קייט. אָבער באַלד איז איר קוק האַרט געוואָרן. אירע אָפענע הייסע אויגן

האָבן שפּאָטיש אָפּגעענטפערט: „האָב נאָר קיין מורא נישט, כ׳וועל דיר דיין מציאה נישט אויסכאַפּן!...״

מושע האָט אַזאַ קוק נישט אויסגעהאַלטן, זי האָט זיך גיך פאַר־שלייערט אין איר פאַטשיילע און אַרויסגעשווומען אויף די ציפּקעלעך, וויגנדיק מיט אירע שיינע היפּטן.

די יענטעוואַטע יידענע, וואָס האָט זיך זשעדנע צוגעקוקט צו דער שטומער סצענע, האָט אַצינד איינגאַנצן פאַרגעסן אויף אַלע אירע „באַ־לעזן״, אַ וואַרף געטאָן ביידע קוקערלעך פון די שמאַלציקע גריבעלעך, באַלעקט זיך און שוין געהאַט בדעה אָנצוהייבן רכילותן מיט גאָר אַ נייער פרישקייט. נאָר ס׳איז געשען אַ נס. דעם דאָקטאָרס קורנאָסע שטוב־שיקסע, אין אַ ווייסן פאַרטוך, האָט די יענטע אַ רוף געטאָן אין קאַבינעט. מערע האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און געבליבן זיצן אין ווינקל איינע אַליין, פאַרוויקלט ווי אַ בעל־תשובהטע אין איר גרויער שטוב־פאַטשיילע.

## 2.

די אויפגעעפנטע און פאַרמאַכטע טיר פון דאָקטאָרס קאַבינעט, האָט אויף איר אַן אָטעם־געטאָן מיט דעם באַזונדערן געמישטן ריח פון קליינ־שטעטלדיקער דאָקטאָריע. מיטן פאַרעלטערטן גערוך פון יאָדאָפאָרם, וואַ־לעריאַנקע און שלעכטע ציין. אין איר געדריקטן געמיט איז איר אונטער־געגאַנגען אַ נישט־גוטקייט פון דעם דאָזיקן ריח, ווי אַמאָל, בשעת טראָגן איר קינד, אין די ערשטע חדשים....

זיצט זי אַזוי אין דער פאַרנאַכטלעכער האַלב־טונקלקייט און הערט הינטער דעם ווייס־אָפּגעפאַרבטן, הילצערנעם טירל פון קאַבינעט יעדעס וואָרט, וואָס דער דאָקטאָר רעדט צו זיין פּאַציענטקע און אַלץ וואָס די יענטע רעדט אין אים אַריין. ווונדערט זיך מערע וואָס פריער, בשעת מושע זונדלס איז דאָרט געווען, האָט מען קיין פּיפּס נישט געהערט. מסתמא זענען חישין און זונדלס טאָכטער געווען אַ ביסעלע ווייטער פון קאַבינעט... אפשר גאָר אין שלאָפצימער.

דער וואָרעם, וועלכער טאָרעט מערען אין די נעכט, כאַפּט זיך אויף. און עפּעס אַן אומבאַקאַנטע אומרייניגע קנאה צינדט זיך אין איר אָן. ווי איבערגעוואַלד קריכן איר אין קאָפּ געדאַנקען, אַז מושע, אָט די אָפּ־געפּאָרענע קראַסאַוויצע, מיט אירע קיילעכדיקע היפּטן און פוסטע אויגן איז פ ר י. וואָס זי וויל טוט זי.. וויל זי, היילט זי זיך ביים דאָקטאָר

אין שלאָפצימער; מאַכט זיך נישט קיין צימעס פון דעם, וואָס לייט זאָגן. זאָלן זיי זאָגן! זי איז זונדלס אַ טאָכטער און שפּייט אויף אַלע שייי־נע לייט...

מערע האָט זיך אַליין געכאַפּט ביי אָט די דאָזיקע מחשבות, און מיט אַ זיסן שוידער פאַרגעשטעלט זיך, אַז דער דאָקטאָר חישין, אָט דער הוי־כער פאַרזעסענער בחור, מיט דעם שוואַרצן בערדעלע און מיט דער געלב־לעכער בלאַסקייט פון איידעלן פּנים, וועט איר אפשר הייסן אויסטאָן זיך. ער מוז זי דאָך אויסהערן...

כדי צו פאַרטרייבן דעם מאָדנעם שוידער און די נישט־כשרע מחש־בות באַמיט זי זיך אונטערצוהערן ווי די יענטע טענהט זיך אויס מיטן דאָקטאָר.

דעם דאָקטאָרס קול, געלאַסן און ווייך:

— איז „פּאַזשאַלעסטע”, זיצט רואיק און דערציילט וואָס עס טוט אייך וויי!

דער יענטעס קול, פאַרהאַוועט און פאַרזיפּצט:

— אַך, גאָספּאָדין דאָקטאָר, פרעגט בעסער וואָס עס טוט מיר נ י ש ט וויי! די פיס ציטערן מיר און די הענט טרייסלען זיך מיר. אין די אויערן זשומעט מיר, אין בויך בורטשעט מיר טאָג און נאַכט, און אונטער דער לעפעלע זויגט מיר. און דאָ, הינטערן רעכטן אויער האָב איך שוין אַ „גוז”. און אַליין בין איך, דאַכט מיר, אויך נישט אין גאַנצן געזונט...

דערהערט זיך דעם דאָקטאָרס קול נאָך שטילער, נאָך ווייכער, ווי ער וואָלט דערביי געשמייכלט אין בערדל:

— וואָס הייסט „איר אַליין” זענט אויך נישט אינגאַנצן געזונט?

— א י ר, דאָקטאָר, זאָלט נישט וויסן, הייבט ווי אַזוי זאָל א י ך וויסן? אויף דעם שקלאָוער „פערשעל”, אָט דעם שוואַרצן „מורזע”, און אויף דאָקטוירים געזאָגט געוואָרן, ווי איך ווייס וואָס מיט מיר טוט זיך. זאָל מען זיי שמירן אויף ווייסע חלה אַלע „מאַשצן” (זאַלבן), וואָס זיי פאַרשרייבן מיר. העלפן העלפט דאָס מיר ווי אַ טויטן באַנקעס.

— וואָס טויג אייך שילטן דאָקטוירים? דערציילט בעסער אַלץ פּאַ־דראָבנע.

— וואָס איז דאָ, ברוך השם, וואָס צו דערציילן? אָט ווי איך שטיי אויף אינדערפרי, אַזוי הויבט דאָס מיר אָן, נישט פאַר אייך געדאַכט, צו בורטשען אָט דאָ אָ אונטערן בויך: ברררר! ברררר!... אַזוי ווי זעלצערקע מיט מילך... כאָטש זעלצער־וואַסער נעם איך אין מויל נישט. זאַטשעם

(דערנאָך) הויבט דאָס אָן גיין אַרויף צו דער פּאַטילניצע: ווו־אר־או! ור־ור־ווי!... אַ וואַיעניש אין קאָפּ, אַז עס ווערט מיר שוואַרץ פאַר די אויגן. אַזוי אַ גאַנצינקן טאָג. אָט זיץ איך דאָך און קוק אויף אייך, מיינט איר דאָך, אַז איך זע אייך? אַלע דאָקט... מייבע שונאים, מיין איך, זאָלן אַזוי זען, ווי איך זע. דאַכט זיך ווי קומט דער בויך צו די אויגן?...

— אָט דאָ טוט וויי?

— וואָס דען? עס טוט נ י ש ט וויי?

— דאָ אויך?

— אפשר נישט? וואָס?

— און ווי איז אייער דופק?

— אַי, דאָקטאָר לעבן, אויף וואָס טויג אייך מיין דופק? קיין קדחת, געלויבט דער אויבערשטער, האָב איך נישט. טוט מיר, זייט מוחל, בעסער אַ טאָפּ דאָ אונטערן אויג. אַ שטעכעניש! די אונטערשטע ברעם וואַרפט זיך מיר, וואַרפט זיך, וואַרפט זיך...

— לאָזט זשע אַ קוק טאָן, נעמט צו אייער האַנט! לאָזט!

— אָסטראָזשנע, דאָקטאָר — קוויטשעט די יענטע הינטערן טיר — ס'איז דאָך אַן אויג!

— זיצט רואיק! — דעהערט זיך דעם דאָקטאָרס קול אַ ביסל גע־רייצט — ווער וועמען היילט? איך אייך, אָדער איר מיך?

— אַי, דאָקטאָר־לעבן, איר לאָזט דאָך גאָר דעם אָטעם נישט כאַפּן, אַ וואָרט נישט אַרויסרעדן. וואָס וויל איך דען? איך וויל ברילן? איך לייען נאָך, געלויבט דער אויבערשטער, אָן ברילן. נאָר זעט האָט רחמנות! דערקוויקט מיין האַרץ! גיט מיר עפּעס „צום איינבעמען”! וואָרים ווו איר גיט אַ ריר און ווו איר טוט אַ טאָפּ, און איר גיט אַ פּיר, און־און־און — —

### 3.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אונטערהאַלטונג הינטערן טירל, צווישן פּאַ־ציענטקע און דאָקטאָר, האָט מערען אַ ביסל צעשטרויט. און ווען ס'איז געקומען איר ריי, די יענטע איז אַרויס און זי איז אַריין אין קאַבינעט, איז זי געווען אַ סך רואיקער. קורץ און געלאַסן האָט זי דערציילט וואָס מיט איר איז, ווער זי איז, ווי שלעכט זי שלאָפט ביינאַכט.

דער דאָקטאָר האָט זי באַטראַכט מיט יענער באַהאַלטענער נייגערי־קייט פון אַ פאַרזעסענעם בחור, בשעת ער קומט אין דער נאָענטקייט פון

אַ יונגער שטרויענער אַלמנה, אונטער פיר אויגן. קוים קוים, אין קרומ־לעכן קוק, איז דאָס געווען צו באַמערקן און... מער גאָרנישט.

מערע איז אָבער די לעצטע צייט געווען געוווינט צו אַ גאַנץ אַנדע־רער אומרואיקייט, וואָס זי, מערע, רופט אַרויס כמעט ביי אַלע מאַנסבילן, צו וועלכע זי דערנענטערט זיך מיט איר שלאַנקן גוף, מיט איר וואַרעמען אָטעם. כמעט אַלע זיי דערפילן גלייך דעם פייער, וועלכער ברענט זי אין די הייסע זומער־נעכט, דעם באַזונדערן ריח פון איר הויט. אַפילו דעם נייעם נגידס שקאָלע בחור הויבט זיך אָן צו טאַפּן די נאָז און ציען איין אויער... אויף אַן ענלעכער מינע ביים דאָקטאָר האָט זי אַצינד געוואַרט, ווי אַ פאַרטאַיעטע קלוגע חיה פון נאָרע אַרויס, און נישט דערוואַרט זיך. דער דאָקטאָר איז געבליבן זייער קיל און זייער לייטיש. געשטעלט פראַגן. ער האָט אַפילו שיער־שיער איינמאָל נ י ש ט אַ גענעץ געטאָן. דאָס מויל האָט זיך אים שוין געווען אויסגעקרימט. נאָר ער האָט זיך פאַר־כאַפּט. בלויע קרוהעס זענען אים געשטאַנען אונטער די אויגן, און אַ וויי־כע מידקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין געלבלעכן איידעלן פנים. ווייזט אויס פון צופיל אויסהערן מושען, זונדלס טאָכטער...

אַ ווייבערישער פאַרדראָס האָט זיך אין מערען אויפגעכאַפּט; איז זי באמת מיאוסער פאַר אָט דער אָפּגעפאָרענער לויפערקע מיט די גראָבע היפטן?... אַצינד האָט זיך איר אַליין פאַרגלוסט אויסצופרווון איר באַ־האַלטענע קראַפט. אָט וועלן מיר זען, קלערט זי מיט אַ בייזער שטיפעריש־קייט, אָט וועלן מיר אַצינד זען וואָס ער וועט מ י ר געבן „צום איינ־נעמען"...

זי האָט אויסגעגלייכט איר איינגעבויגענע פלייצע, געלאָזן אַראָפּ־גליטשן די שטוב־פאַטשיילע איבער אירע קיילעכדיקע אַקסלען און אויפן גרונט פון דער פאַרנאַכטלעכער טונקלקייט אין קאַבינעט און ביי דער גרויער באַלויכטונג פון פענצטער, איז אַרויסגעשווומען איר לאַנגלעכער בלאַסער פנים, די קאָרע הייסע אויגן מיט דעם פאַרטאַיעטן טרויער פון אַ וואָלפיכע, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון איר סטאַדע און פאַרבלאָנ־דזשעט זיך... פון יעדן קער מיטן קאָפּ, פון יעדן בויג מיטן אַקסל, האָט אַ ווייע־געטאָן מיט דעם איינגעהאַלטענעם פייער אין די איינזאַמע זומער־נעכט.

— ווי געמיין איך בין! — טראַכט זי זיך דערביי — נח זאָל עס געווען וויסן!...

און פונדעסטוועגן הנדלט זי זיך ווייטער... און אַלץ אַזוי פלינק, כלומרשט — אומגערן, נישט ווילנדיק, אַזוי צו זאָגן...

און באַלד באַמערקט זי די באַקאַנטע אומרואיקייט אויף אינעם דאָק־טאָרס פּנים. ער מאַכט אַ מינע ווי אַלע אַנדערע מאַנסבילן, וועלכע טרעטן אַריין, די לעצטע צייט, אין אירע דלד־אמות. די ליפּן האָבן זיך ביי אים פאַרוואונדערט אויפגעשפּאָלטן צווישן דער שוואַרצער בערדל און וואָנסעס, זיין קול איז געוואָרן זיסער, זיינע פראַגעס לענגער און קיצלדיקער: ווי לאַנג געלעבט מיטן מאַן נאָך דער חתונה? ווי לאַנג זי איז שוין איינע אַליין? באַלד אַכצן חדשים? האַ?...

פון יעדער ריר מיט זיין שמאָלער איידעלער האַנט איז געוואָרן אַ פאַרשטעלטער קוים־קוים ציטערדיקער גלעט. אַ פרישע באַטיסט־טיכל האָט ער אַרויסגענומען און באַדעקט מערעס האַרץ איידער אויסהערן זי. ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ מין ציטערדיקייט פון אַ לייטישן חתן, וואָס מאַדעקט זיין כלה פאַר דער חופּה. און צוטוליענדיק איין אויער צום טיכל און האַרץ האָט ער האַלב־פאַרמאַכט די אויגן. קלאַפּנדיק מיט אַ האַמערל אונטער אירע ביין־טעלערלעך, אויף די קני, האָט ער אַ ביסל צו שאַרף באַטראַכט אירע געטאָקטע פויגלשע פיס ווי זיי שפּרינגען אויף אונטער איר סיטצענעם זומער־קליידל. זי איז אַזש רויט געוואָרן פונעם דאָזיקן קוק און אַראָפּגעצויגן דאָס קליידל טיפער.

— ס'איז, — מאַכט ער, — גאָרנישט! — און צעשמייכלט זיך כדי צו פאַרמאַסקירן זיין זשעדנע־געוואָרענעם קוק. — ס'זענען נערוון... יאָ, ווען קומט אייער מאַן?

זי האָט געענטפערט, אַז זי ווייסט נישט. נאָר זי רעכנט אין... אין אַ פּאָר וואָכן אַרום.

אַ מין שאָטן איז דורכגעשווומען איבערן דאָקטאָרס פּנים:

— פאַרוואָס זענט איר ביז אַהער נישט געקומען? נישט געדאַרפט וואַרטן אַזוי לאַנג...

— נו — מאַכט דער דאָקטאָר און צעשמייכלט זיך נאָכאַמאָל מיט זיין מאַטן שמייכל — כ'וועל אייך עפּעס פאַרשרייבן. און טאָמער וועט דאָס נישט העלפן, קומט, אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך אַמאָל. איר... ווען קומען?

מערעס האָט אויף דער לעצטער אומגעריכטער פראַגע אויפגעהויבן ביידע אויגן און דערזען דעם זעלביקן קוק ווי ביי קושקע בראַנד, בשעת

יענער האָט זיך צו איר אַריינגעמאַכט ווינטער, אינמיטן דער נאַכט. נאָר דער דאָזיקער קוק איז טיפער, שענער, געפערלעכער...

דער דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַנצונעמען זי ליבלעך ביי דער האַנט. ערשט דאָ האָט זיך מערע דערשראָקן און גיך אויפגעשטאַנען פון דער ברייטער שטול. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די שפּיל גייט צו ווייט.

אַרויסגעלאָפן איז זי פונעם דאָקטאָרס קאַבינעט מיט אַ רעצעפּט און מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ אונטער דער פאַטשיילע. זי האָט דערפילט, אַז זי איז דאָ געווען אין נישט קיין קליינער געפאַר, ווי דאַמאָלסט אין דער נאַכט, ווען קושקע בראַנד דער באַלעגאָלע האָט איר כלומרשט געבראַכט איר חלק פון דער סעודה... דאָ נאָך געפערלעכער. וואָרים זי האָט זיך דאָ אַריינגעלאָזט אין אַ שטומען געוועט מיט מושע זונדל גאָטס גנבס, מיט אַ לויפּערקע. און שיער שיער נישט אויסגעגליטשט זיך אויף דער טונ־קעלער, באַרג־אַראָפּ שטעגעלע, וועלכע פירט פונעם דאָקטאָרס קאַבינעט צו זיין שלאָף־צימער...

זי האָט נאָך אין יענעם אָוונט באַשטעלט און איינגענומען די געזאַל־צענע רפואה, וואָס דער דאָקטאָר האָט איר געגעבן צום שלאָפן. נאָר ס'האָט אויך נישט געהאָלפן. זי האָט זיך אויפגעדעקט און צוגעדעקט און געטאַפּט דאָס אָרט אויפן האַרצן, וועלכן דער יונגער דאָקטאָר מיטן איי־דעלן געזיכט האָט אויסגעהערט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן. דער ריח פון יאָדאָפאָרם, וואָס איז געשטאַנען אין דאָקטאָרס קאַבינעט, האָט זיך פון קאָפּ און פון זכרון אַלץ נישט געקענט אויסוועפן. און נישט פריקרע איז איר דער דאָזיקער ריח געווען, ווי פריער,ביים אַריינגיין צום דאָק־טאָר. פאַרקערט, עפּעס אָנציענד און מוראדיק איז ער אַצינד געווען. אַ מין ווייררוך פון שווארצע זינד.

— נח! — האָט זי זיך געוואָרפן ווי אָפּגעסמט מיט גאָר אַ נייעם סם פון פאַרפירונג און אומריינקייט, — נח! — האָט זי געקריצט מיט די ציין אין הייסן חשך אַריין — דו זאָלסט קומען! דו הערסט? — אַזוי האָט זי עמיצן געסטראַשעט מיט טרוקענע ליפּן. — וואָרים... גאָט ווייסט וואָס פון מיר וועט ווערן. נח! גאָט ווייסט וואָס איך וועל דיר נאָך אָפּטאָן!...

# אין יענער נאַכט

## 1.

אינעם זעלבן טאָג, ווען די טויערן פון אָסטראָג האָבן זיך צעעפנט אַרויסצולאָזן נח פּאַנדרען, האָט מערע, זיצנדיקערהייט, אייַנגעדרימלט נאָכן אָנבייסן, און באַלד — אַ כאַפּ געטאָן זיך ווי אַן אָפּגעברענטע... עפּעס אין אַ סטאָג היי ליגט צעוואָרפן אַ דיקע גויע אין אַ רויט טיכל, און פּאַנדרע זיצט אַקעגן איר, כראָמשקעט אַ גרינע אוגערקע און קוקט אויף דער גויע מיט פאַרגאָסענע אויגן...

דאָס האַרץ האָט מערען מוראדיק געקלאַפּט ווען זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט: וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ מיאוסער חלום?... נאָר פילן האָט זי געפילט, אַז נח איר מאַן דערנענטערט זיך פון ערגעץ־ווו, אַז היינט וועט ער געוויס קומען. הייסט דאָס: דער תנכ׳ניק איז פאָרט געווען גערעכט. פונקט דרייסיק טעג זענען היינט געוואָרן זינט ער האָט איר „געטראָפן"... דאָס איז געווען יענער געפיל, ביי אַ ליידנשאַפטלעכער פּרימיטיווער נאַטור, וואָס גיט זיך איבער אויף ווייטע שטרעקן; ווי דער ריח פון זכרים און נקבות אין די גרינע פלאַנטערייען פון וואַלד, ווי די אומרואיקייט פון וואָגלענען וואָס גיט זיך איבער, אָסיען־צייט, אַלע וואַנדער־פויגלען. אַפילו די, וואָס זענען פאַרשלאָסן אין אַ שטייג.

מיט איר קינד אויף די הענט איז זי אַוועקגעלאָפן צום ברעג דניעפּער און מיט אַ נאָגנדיקן געפיל פון בענקשאַפט — באַגעגנט און אַרויסבאַגלייט אַלע אָנגעקומענע און אַוועקגעפאָרענע פאַרעכאָדן. די היצן פון חודש אב האָבן אָבער אויסגעטריקנט די וואַסערן אין טייך. דער גרויסער פאַרעכאָד פון דעם קאָפּוסטער רבין איז איינגאַנצן נישט געגאַנגען. געלעגן ערגעץ־ווו אויפן אַנקער אין מאַהליוו. און אַפילו די קליינע פאַרעכאָדן פון דער גויעשקער „קאָמפּאַניע" זענען געקראָכן איינמיטן דניעפּער ווי די שלעפּ־באַרזשעס. און שקלאָווער יידן, וואָס האָבן געהאַט עפּעס איילעק,

זענען אַוועקגעפאָרן קיין מאָהיליוו און קיין אָרשע מיט פורלעך. נישט קיין שלעכטע טעג האָבן באַלעגאָלעס געהאַט.

אין זונדל גאָטס גנבס הייזקע האָט מען זיך געפּאַקט און אויף אַ גע־דונגענער ברעטער־פורל געלאָדן. דרייזע, קאָפּלס שטרויענע אלמנה, מיט אירע צוויי קינדערלעך, האָבן זיך דאָס געקליבן פאָרן צום מאַן און טאַטן אויף „פּאָסעלעניע". די באָבע טעמע, זונדלס יידענע, האָט זיך געווישט די מאַנסבילשע נאָז און די פאַרטערטע אויגן מיטן פאַרטוך. דרייזע האָט געקוויטשעט, די קינדער האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס. מושע, די אָפּגעפּאָרענע שיינהייט, האָט מיט אַ שטעכעדיקן קוק און מיט אָנגע־בלאָזענע פליישיקע ליפּן באַגעגנט מערען, דאָס האָט געזאָלט הייסן: „בו, צנועה מיינע, ווי איז עס געווען ביי דאָקטאָר חישין?" נאָר מערעס קוק האָט איר צעשטרויט אָפּגעענטפערט: „האַלט זיך דיר דיין מציאה! איך האָב אַנדערע דאגות..."

איין זונדל גאָטס גנב איז געווען פריילעכער פאַר אַלעמען. אַן אונ־טערגעגאַרטלטער האָט ער געקנאַקט מיט דער בייטש איבער די קעפּ פון זיינע אייניקלעך, כלומרשט כדי אָנצושרעקן זיי. און אין דער אמתן, כדי אַליין אַ ביסל אַ שפּיל טאָן זיך. דאָס קנאַקן פון דער בייטש האָט אים דערמאָנט זיינע יונגע יאָרן, ווען ער איז נאָך נישט געווען צוגעבונדן צו די שווערע קאָשיקעס מיט עסנוואַרג, אויף ביידע אָרעמס, פאַר שקלאָ־ווער פּאַסאַזשירן; ווען ער האָט נאָך געטריבן פערד אויף יאַרידן, גע־שפּייט אין די דלאָניעס, געשווירן זיך און געפּליאַסקעט ציגיינער אין די הענט אַריין.

מערע האָט געפילט, אַז זי איז דאָ היינט איבעריק. נאָר איר אומרו־איקייט און איר שווער געמיט, נאָכן נישט־גוטן חלום, האָט זי געצווונגען — רייבן זיך אַרום באַקאַנטע מענטשן, טוליען זיך צו דער פאַרהאַוועטער הייזקע.

דרייזע און מערע האָבן זיך אויך אָנגעקוקט. איין מזל דאַכט זיך האָט זיי פאַראייניקט, אויסגעגליכן זיי. צוויי וואָלפיכעס, ביידע אויסגעהונגערט נאָך די געזונטע, פאַרוואָגלטע און פאַרשפּאַרטע מענער. מיט איין אונטער־שיד, וואָס מערעס וואַרט דאָ אויף אים, ער וועט קומען צו איר, און דרייזע פאָרט אַוועק צו איר „וואָלף", אויף ווייטע פאַרשנייטע וועגן אין סיביר. חדשים־לאַנג מוז זי זיך נאָך שלעפּן מיט פורלעך און מיט אייזנבאַנען, נאָכשפּירן דעם ריח פון וואָלפס לאַפּעס אין שניי. און די וועלפּעלעך אירע וועלן נאָכלויפן און וואָיען... יאָ, אויך צווישן איין אומגליק און

צווייטן איז דאָ אַ גרויסער הילוק; אויך אין אומגליק איז דאָ וואָס מקנא צו זיין... און מערע האָט די דאָזיקע קנאה קלאָר געלייענט אין דרייזעס נישט־פריינדלעכע אויגן.

ווען דער פינף־אַזייגערדיקער פּאַרעכאָד איז אָנגעקומען פון מאָהליוו און פּאַנדרע איז נישט אַראָפּגעגאַנגען, האָט זיך מערעס פּנים אויסגעצויגן. און אין דרייזעס אויגן האָט אַ בליאַסק געטאָן אַ צופרידענער „אַהאַ״־פּייערל. זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון אַ זלידנעם שמייכעלע, בשעת זי האָט מערען אַ פרעג געטאָן:

— איז ווי? קומט ער היינט דיין נח, צי ער קומט נישט?

מערע האָט דערפילט די פּאַרטאַיעטע שמחה אין דרייזעס פראַגעלע און האָט איר אויף צו להכעיס אָפּגעענטפערט מיט אַ שטייפן קול:

— ער קומט אויף געוויס.

דרייזע איז שווער אַרויפגעקראָכן אויף דעם אָרעמען פורל, און מיטן ברייטן געזעס, ווי אַ קוואָקעכע, אריינגעזעצט זיך אין דער פאַרבונדענער פּערינע מיטביידע קינדער ביי די זייטן — צוויי פּיפּסנדיקע פּיסקליאַטעס, אַריינגעזעצט זיך און מיט אַ באַזונדערער באַטאָנונג אַ קוואָצקע געטאָן צו מערען:

—— ער וועט שוין, מסתמא, היינט נישט קומען דיין נח!

— פונוואַנען ווייסטו דאָס עפּעס? — האָט זונדל אומגעדרייט צו זיין שנור צוויי רויטלעכע בייזע קוקערס. ער האָט איר דערביי געמאַכט אַ שטומען צייכן — זי זאָל זיך מער נישט רייצן מיט מערען.

אָבער דרייזע האָט זיך געמאַכט, אַז זי זעט נישט. און ווי אַ געניטע אשת־חיל פון אַ גנב, וואָס ווייסט אַלע ענינים פון אָסטראָג, האָט זי זיך גאַנץ געלאָסן געמאַכט אַ זינגעדיקן פּירוש צו איר מיינונג:

— פון אָסטראָג גייט מען אַרויס ראַנעצקע אַ זייגער זעקס. לאָמיר זאָגן, אַז צום ערשטן פּאַרעכאָד האָט ער פאַרשפּעטיקט. איז ער אַרויס־געפאָרן אַ זייגער אַכט אינדערפרי. זעקס שעה גייט דער פּאַרעכאָד אַקעגן וואַסער — וואָלט ער שוין דאָ געדאַרפט זיין אַ זייגער צוויי...

זונדל האָט זיך אַ קראַץ געטאָן די זייבע לאַנגע פּעטע האָר פון אַ לאַטיש: גערעכט איז זי גערעכט, די גנבטע, נאָר צוליב וואָס מצער זיין סענדערס טאָכטער?

— זע נאָר, — רופט ער זיך אָפּ נישט צו דער שנור, נישט צו מע־רען — זע נאָר צי קומט ער נישט אָן מיט אַ פורל פון „אונטערבאַרג״...

מערע האָט צו אים, אויף דער קעלניע, אַרויפגעקוקט מיט דאַנקבאַרע אויגן.

— ער וועט ג ע ו ו י ס קומען! — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וויאָ! — גיט זונדל אַ פּאָך מיט דער בייטש. דאָס פורל מיט קאָפּלס בעבעכעס און מיט זיין משפחה רירט זיך פון אָרט.

— שאָ! — דערמאָנט זיך זונדל און דרייט אויס דעם קאָפּ צו מע־רען — מיר פאָרן דאָך אויף דורכן „אונטערבאַרג״ צום שליאַך. עס קען זיין מירן נאָך אים באַגעגענען...

און דאָס פורל ווערט צעשווומען אין אַ וואָלקן פון שטויב.

## 2.

פאַר וועטשערע איז אָנגעקומען דער לעצטער פאַרעכאָד. נח פּאַנדרע איז מיט אים אויך נישט געקומען. מיט אַ פאַרצווייפלטער איינגעשפּאַרט־קייט האָט מערע דורכגעלאָזן יעדן פּאַסאַזשיר באַזונדער. און אַז די קלאַטקע איז געפאַלן און דער פאַרעכאָד האָט זיך אָפּגעריסן פון פריסטאַן און אַוועק, איז נאָך מערע אַלץ געשטאַנען מיט אויסגעלאָשענע אויגן, אַ פאַרגליווערטע אין איר אַנטוישונג.

די ערשטע רגע, ווען זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז שטיין אַזוי ווי אַ גולם איז קיין תכלית נישט, האָט זי זיך געוואָלט לאָזן לויפן צום תנכ׳ניק אויסזידלען אים. ער האָט דאָך געזאָגט אַ „מאָנאַט״, האָט ער דאָך געזאָגט. פון אַ סדרה אין חומש דערוויזן... נאָר באַלד האָט זי זיך דערמאָנט אָן זונדל גאָטס גנבס טרייסט־ווערטער, אַז נח האָט אפשר גע־נומען אַ פורל און קומט מיטן שליאַך. אויב אַזוי, מוז ער שוין לאַנג זיין אינדערהיים און וואַרט, אפשר, אויף איר...

דאָס האַרץ האָט איר גענומען צאַפּלען צווישן האָפענונג און פאַר־צווייפלונג. ווי מיט צוויי וואַרעמע פליגלען האָט זי אַרומגענומען איר עופעלע מיט די פאָלעס פון איר שטוב־פּאַטשיילע און געלאָזן זיך לויפן אַהיים, שטעלנדיק פיס, ווי אַ דערשראָקענער פויגל מיט אונטערגעשני־טענע קרילעס, אויף קיינעם נישט אומקוקנדיק זיך.

די אַלטע פּיגצטערניש האָט זי געטראָפן אין שטוב, די אָנדערטהאַלבן־יאָריקע פאַריתומטקייט. סענדעריכע איז ערשט געקומען פון מאַרק און קאָכט עפּעס אין אַ פאַררויכערט פענדעלע אויף אַ דרייפוס, איבער אַ פאַנ־אַנדערגעלייגטן פייער פון שפּענדלעך. די שפּענדלעך קנאַקן, סענדעריכע

האַלט אַריינגעשטעקט אַ פינגער אין באַק. טרויעריק שפּיים זי אַזוי און אָוונטלעך פאַרקלערט. דאָס פייער באַגיסט זי מיט אַ ציטערדיקער ליכ־טיקייט פון איין זייט. דערזעענדיק מערען גיט דאָס פייערל, אויפן פּריפּי־טשאָק, אַ שטעק אַרויס אַ „ציגגל" צו מערען און בייז אַ ווונק פון צווישן די הייסע קוילן, ווי דרייזע די גנבטע:

— ער וועט שוין מסתמא היינט נישט קומען, דיין נח!

סענדעריכע האָט גלייך דערזען דער טאָכטערס פאַרצווייפלטע מינע, איר טאָן אַ וואָרף דאָס קינד אין וויגעלע. איר אַוועקזעצן זיך, ווי אַ בליי, אויף אַ שטול; און האָט זי גענומען מוסרן:

— וואָס האָסטו זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז דווקא היינט וועט ער קומען? פאַרוואָס נישט מאָרגן? און וואָס איז די סכנה, אַז איבערמאָרגן?

— אַז איך האָב שוין מער קיין כוח נישט! — צערעוועט זיך מערע און פאַרדעקט דאָס פּנים מיטביידע הענט.

— נישקשה! — רופט זיך אָפּ די מאַמעלע — וועסט גאַנץ זיין!

זי פּאַדיעט אַרום איר טאָכטער, האַלב־באַלויכטן פון פייערל. זי זעט אויס ווי אַ מעשענע. אַ באַבעלע פון אַלטן, פאַרשוואַרצטן, פאַרקנייטשטן מעש, אָפּגעפּולירט מיט זאַמד נאָר פון איין זייט... זי אַליין איז מעש, און אירע ווערטער — מעשענע, זיי בעמען נישט.

טרויעריק ציט זיך די אָרעמע וועטשערע אין דער האַלב־טונקל־קייט, — און מיט אַמאָל ווערט אויף דער גאַס אַ הודזשעריי. קולות לויפן זיך צוזאַמען אין איין אויפגערעגטן גערייד. מען קוקט אַרויס פון פענצ־טער — ערשט ערגעץ־ווו ווייט, איבערן „אונטערבאַרג", ברענט עס און עס רויכערט. די פרייע פּאָזשאַרניקעס, שכנים פון דער גאַס, כאַפּן לויפן מיט די העקעלעך אין די גאַרטלען. אַ פורל צעטראַסקעט זיך מיט אירע נישט־גלייכע רעדער. אַ באַלעגאָלע טרייבט אָן דעם פערדל, שטייענדיק אין וואָגן. און נישט מיט אַ בייטש נאָר מיט די לייצעס טרייבט ער אָן: וויאָ־וויאָ!... דאָס גיט צו דער גאַס מער צערודערטקייט און דעם ווייטן פייער מער וויכטיקייט, מער געפאַר.

דאָס ערשטע געפיל ביי מערען, דערזעענדיק דעם ווייטן פייער, איז אַ גרויזאַמע פרייד אויסגעמישט מיט אַ חילדן גלויבן: באַלויכטן מיט אַ שריפה איז פּאַנדרע אַוועק פון איר, מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק, און דורך פייער פון אַ שריפה וועט ער היינט קומען צוריק... איר אויפ־רעגונג וואַקסט צוזאַמען מיט דעם רויטן פלאַם איבערן „אונטערבאַרג".

— ער וועט קומען! — רייסט זיך ביי איר אַרויס נישט ווילנדיק

און מיט אַ מאָדנעם קול פֿון אַ בויך־רעדנערין — אָט וועסטו זען, מאַמע! ער וועט היינט קומען!...

— דו ביסט שוין גאָר משוגע! — צעשרייט זיך די מאַמעלע — טפֿו זאָלן מיינע שונאים ווערן! יידן ברענען און דו — וואָס רעדסטו וואָס?

און באַלד קערן זיך אום די אָקאָרשט אַוועקגעלאָפֿענע פּאָשזאַרניק־לעך מיט די העקעלעך אין די גאַרטלען. „וואָס איז?" פֿרעגט מען זיי, „וואָס עפּעס אַזוי גיך?"

— עס, — ענטפֿערן זיי — עס ברענען נישט קיין הייזער. עס ברענט דער וואַלד.

— נו יאָ, — פֿרייען זיך יידן — טאָ זאָל דער פּריץ זאָרגן!

מערעס באַגייסטערונג פֿאַר דער שריפֿה קילט זיך גלייך אָפּ. אַצינד וואַקסט אין איר אַ פּאַרטאַיעטער שרעק: אויב פֿאַנדרע קומט מיטן מאַהלי־ווער שליאַך איז אים דער וועג אָפּגעשניטן. דער וואַלד שטעלט זיך אַקעגן. דאָס פֿייער לאָזט אים נישט צוקומען צו דער שטאָט... געפּרייט האָט זי זיך איבער אַ פֿרעמדער שריפֿה. און אָט איז זי שוין באַשטראָפֿט.

אַ צעטראָגענע, מיט דער שטוב־פּאַטשיילע איבערן קאָפּ, לאָזט זי זיך אַוועק איבער דער טונקעלער באַרואיקטער גאַס. שפּאַצירט זיך דורך אויפֿן ברעג אַזערע איין מאָל און צוויי מאָל. דער אָפּשיין פֿון רויטן פֿייער אין שוואַרצן וואַסער — אָט וואַקסט ער אויס און אָט ווערט ער קלענער און קלענער, דערווייטערט זיך. ווייטע, זייער ווייטע מענטשלעכע קולות דערגרייכן אַהער פֿון „אונטערבאַרג". שווימען איבערן שוואַרצן וואַסער און הערן זיך אָן ווי אַ פּיפּסן און אַ טרייסלען פֿון פֿויגלען:

„סי, סי! מיר האָבן מורא..." „סי, סי! מיר שטייען אויף דער וואַך. האָט קיין מורא נישט!"...

אַ טויט־מידע קערט זי זיך אום אין שטוב, וואַרפֿט זיך אַריין, נישט קיין אויסגעטאָענע, אין בעט. נאָר די מאַמע דערלאָזט נישט.

— הער אויף מיט דיינע משוגעתן, מערע! טו זיך אויס!...

זי טוט זיך אויס אַ פֿאַרשלאָפֿענע, ווי אין היבערפֿלעט. אָט־אָט שלאָפֿט זי דאַכט זיך איין. נאָר דער פֿייער פֿון וואַלד, זיין אָפּשפּיגלען זיך אין דער שוואַרצער אַזערע, די אומרואיקייט פֿונעם גאַנצן טאָג, איר אַנטוישט־קייט און קומער זידן ווי אַ געמישטער גיפֿט אין אַלע אירע אָדערן. זי שלאָפֿט און שלאָפֿט נישט. זי וואַרפֿט זיך אין פֿיבער. דער צעריסענער חלום פֿון היינט בייטאָג, נאָכן אָנבייסן, חזרט זיך איבער, נאָר אַ ביסל אַנדערש. דער סטאָג היי, וווּ די צעלאָזענע שיקסע האָט זיך געוואַלגערט,

ברענט אַצינד. נח פֿאַנדרע אַנטלויפֿט און די שיקסע קוקט זיך אום און כאַפּט נאָכלויפֿן. „נח, נח!" — שרייט זי. און נח לויפֿט אַ פֿאַרסאָפּעטער, אַ דערשראָקענער. וואָרים די צעפּאַטלטע האָר פֿון דער נפֿקא זענען ווי דער פֿייער איבערן וואַלד... ער לויפֿט ראַטעווען זיך פֿון איר און פֿאַלט אַנידער מיטן קאָפּ אין טיר פֿון פּירהויז: טראַסק! און חלשט... דער־שרעקט זיך די מאַמעלע אויף דער לעזשאַנקע, הינטערן פֿאַרהאַנגל:

— מערע, מערע! דיין מאַ—אַן!

מערע גיט זיך אַ כאַפּ אויף פֿונעם דאָזיקן קול און זעצט זיך אין בעט.

— מאַמע! — שרייט זי און ווייסט נישט אויף וואָסער וועלט זי איז — דו?

— נח איז דאַכט זיך געקומען! — ענטפֿערט איר דער מאַמעלעס קול — מ'האָט געקלאַפּט...

— נח איז געקומען! — חזרט איבער מערע ווי אַ באַנומענע און רירט זיך נישט פֿון אָרט...

— זיי נישט משוגע, — בייזערט זיך סענדעריכע הינטערן פֿאַר־האַנגל — גיי גיב אַ פֿרעג!...

דער קלאַפּ אין פּירהויז חזרט זיך איבער.

ערשט דאָ קוקט זיך מערע אַרום, אַז ס'איז נישט קיין חלום. און מיט איין שפּרונג, אַ באָרוועסע, אין איין העמד, איז זי שוין אין פּירהויז ביים ריגל. נאָר איין רגעלע דוכט זיך איר נאָך אויס, אַז הערן האָט זי אָקאָרשט געהערט דעם אָפּקלאַנג פֿון קושקע בראַנדס קלאַפּן אין טיר, ווי אין יענער ווינטער־נאַכט נאָך דער סעודה... גיט זי שטיל און דער־שטיקט אַ פֿרעג:

— נח... דו? דו?

## 3.

אינעם ערשטן טומל, ביים שיין פֿון נאַכט־לעמפּעלע, איז פֿאַנדרע אָנגעקומען אויף זיין ווייב, ווי אַ רוח, וואָס איז געקומען איבערשרעקן דאָס לעכצן נאָך איר מאַן, אָפּלאַכן פֿון איר בענקשאַפֿט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מין ברודיקער מאַסקע. אינגאַנצן פֿאַררויכערט, פֿאַרסמאַ־ליעט און אויסגעשמירט אין אַש פֿון דער וואַלד שריפֿה, וואָס ער האָט

שעות־לאַנג געלאָשן. עס האָט געשמעקט מיט סמאַלענעס פון זיינע וואַ־לענע ווינטער־קליידער און מיט דעם רויך פון פעכיקע נאָדל־בוימער.

ווי די פאַרזעצונג פון ביידן חלום האָט דאָס מערען אויסגעזען. און אפשר איז גאָר נח אין אָסטראָג נישט געזעסן? אין דער שריפה אַריין איז מיט אַ סך חדשים צוריק אַוועק פון איר און פון דער שריפה איז ער אַצינד געקומען אַ פאַרסמאַליעטער. עפּעס זייער אַ לאַנגע שריפה!... דער טאַטע ר' סענדער איז דערווייל אומגעקומען. אַ קינד איז געבוירן גע־וואָרן...

פון דער גאַנצער שוואַרצקייט און פאַררויכערטקייט האָבן נאָר ליב־לעך, ווי בלימעלעך אויף אַ רויער ערד, אַרויסגעקוקט זיינע גרויע און פרישע אויגן. נאָר ז י י האָבן מערען אָנגעקוקט אַ ביסל היימישער, אין האַרצן אַריין געטראָטן איר. אַזוי, אַז זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט:

— נח, שוין ווייטער געלאָשן שריפות? ווייטער!

פּאַנדרעס אויגן האָבן טרויעריק אַ שמייכל געטאָן פון דער ברודיקער מאַסקע. ער אַליין האָט געשוויגן.

— און דיין וויב פאַרגעסן? — האָט זיך מערע נישט געקענט באַ־רואיקן. — ווי לאַנג גייסטו שוין פון מאַהליוו?

נח האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

—פון זעקס אינדערפרי...

מערע איז ווילד געוואָרן. פון איר גאַנצער ליבשאַפט און אומגעדולד איז געוואָרן איין ווייבערישע פאַרביטערונג. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד פון וויגעלע, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון טומל און צעשריען זיך, און געשטופּט דאָס שרייענדיקע קעפּל אין נחס פאַררויכערטן פּנים אַריין, ווי אַ לעבעדיקן פאַרוואורף געשטופּט:

— נאַ, נאַ! אָן דיין קינד אויך פאַרגעסן!

נח האָט אָנגעקוקט דאָס אים אומבאַקאַנטע נפשל און נישט געוווּסט וואָס ער זאָל דאָ טאָן. מערע האָט זיך אַלץ געקאָכט:

— צוליב אַ שריפה האָסטו זיך אומגליקלעך געמאַכט און קריכסט ווידער אין פייער. אַזוי לאָזן מיך וואַרטן, נח, נח!

וואָס האָט ער דאָ געהאַט וואָס צו ענטפערן — פּאַנדרע? אין האַרצן האָט ער דאָך גוט געוווּסט, אַז געלאָשן האָט ער דעם וואַלד איבער אונטערבאַרגער ישוב נישט צוליב איבעריקע צדקות. נאָר כדי צו פאַר־

לעשן, פאַר איינע הוצאות, זיין ברענענדיקן פאַרדאַכט קעגן מערען און זיינע זינד מיט יעקאַטערינושקאַן.

— מ...מע־ר־ע, — האָט ער געגומען שטאַמלען ווי אַמאָל אין די חתן־בחורישע צייטן, — אָט זאָל איך שטאַרבן... דאָ אויף אָן אָרט...

נאָר פון זיין שטאַמלען, פון זיין נאָכגיביקייט איז מערע נאָך אויפ־געררייצטער געוואָרן. די ווילדע קאַץ פון פאַר דער חתונה האָט זיך אין איר אויפגעכאַפּט. דראַפּען זיך האָט זיך איר פאַרוואָלט, אָפּרעכענען זיך פאַר אירע יסורים אַ גאַנצן טאָג, פאַר אַלע פאַרוואָלגטע נעכט:

— אַ האַרץ פון אַ טאָטער האָסטו. אָט!... שוויג שוין בעסער.

ביז סענדעריכע האָט מער נישט אויסגעהאַלטן אַזאַ ברוך־הבא און צעשריען זיך אויף איר טאָכטער:

— גיט נאָר אַ קוק ווי זי האָט זיך דאָס צעקוויטשעט! אַפּריער אומ־געלאָפן ווי אַ פאַרסמטע מויז... אַצינד — ש״ס תחינות לייענט זי אים. גיב אים בעסער אַרומצוואַשן זיך און לאָז אים אָטכאַיען זיך לאָז אים!...

דער מאַמעס ניכטערער קול האָט אָפּגעקילט מערעס כעס. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַמעלען, אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן, און די אונטערשטע ליפּ האָט ביי איר אָנגעהויבן שפּרינגען. זי האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר איר ווייבערישער אכזריות צו באַגעגענען אַזוי אַ מאַן, וואָס קומט פון אָסטראָג, נאָכדעם ווי זי אַליין איז אַזוי אויסגעגאַנגען נאָך אים. זי האָט נישט געוווסט, אַז דאָס קומט אָפּטמאָל פאַר מיט איבער־גערייצטער בענקשאַפט, מיט איבערגעברענטער ליבשאַפט, ווען פון קוש ווערט אַ ביס, און פון פייער — ביטערער רויך...

אַ שטראָם טרערן האָט זיך איר אַ גאָס געטאָן פוןביידע אויגן, און וויינענדיק אַזוי, אָבער מיט אַ לייכטערן האַרצן, האָט זי אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד אין וויגעלע און געלאָפן אין דער פינצטערער פירהויז נאָך וואַסער.

סענדעריכע האָט זיך געשטעלט ביים פּריפּעטשאָק קאָכן טיי אויפן דרייפוס מיט שפּענדלעך, און מערע האָט נחן געהאָלפן אַראָפּצוואַרפן פון זיך זיין שוואַרצע העמד, אָנטבלויזט אים ביזקל גאַרטל. דערנאָך האָט זי מיט אַ ליבלעכער בייזקייט אַראָפּגעבויגן זיין פאַררויכערטן קאָפּ איבער אַ ליימענעם שיסל וואַסער. זי האָט אים אַצינד באַהאַנדלט ווי אַ גרויסן יינגל אַ מזיק, וואָס איז דורך זיינע שטיפערייען אַריינגעפאַלן אין בלאָטע און זי, אַ פאַרנומענע מאַמע, מוז אים רייניקן אינמיטן דער נאַכט.

אָבער באַלד האָט זי מיט אירע לאַנגע דלאָניעס דערשפּירט נחס

האַרטן קאַרק, די פעסטקייט פון זיין אָפּגעבברענטן האַלדז, און האָט אַזש די ליפּן פאַרביסן פאַר אויפגעברויזטער ליבשאַפט.

— מיין מאַן, מיין מאַן, — האָט זי וואַשנדיק און זייפנדיק אים גע־שעפּטשעט, — געזונט זאָלסטו מיר זיין...

זי האָט איבערגעביטן דאָס שוואַרץ געוואָרענע וואַסער, און מיט יעדן נייעם וואַש, וואָס זי האָט געטאָן, איז עפּעס ווי אָפּגעשווענקט געוואָרן אַ נישט־ריינע מחיצה צווישן זיי ביידן. ווי אַ מוטנעקייט אויף אַ פאַר־פרוירענער שויב איז עס צעגאַנגען. פון שוים און וואַסער־שפּריצן און שעפּטשעניש האָט זיך אויפגעהויבן נחס נאַסער קאָפּ, זיין אָפּגעברענטער האַלדז, זיין רויט־אָנגעלאָפענער פנים מיט די יינגלישע אויגן, זיין מעכ־טיקע ווייסע ברוסט מיט מאַנסבילשע ציצן וואָס זיצן האַרט אין צוויי פלאַכע לאַבנס פון פאַרטאַיעטע מוסקולן. אַ האַלב־נאַקעטער אדם איז געשטאַנען אינמיטן דער נאַכט פאַר אַ בלאַסער חוה אין העמד. ביידע פול מיט באַגער און פאַרשעמט, ווי פ אַ ר דעם ערשטן זינד. די אומ־געדולדיקע שלאַנג האָט שוין אויפגעהויבן דעם גיפטיקן קאָפּ פון אונטער די בלעטער. נאָר דערזעענדיק סענדעריכען, ביים פייערל פון פּריפּעטשאָק, האָט זי זיך דערשראָקן און צוריק באַהאַלטן זיך.

נאָכן אָפּטרינקען אַ טעפּל געלבלעכן טיי האָט זיך סענדעריכע, שטי־לינקערהייט, אַוועקגעמאַכט הינטערן פאָרהאַנגל, וואָס זעט אויס ווי אַ גרויסער פאַרטוך. אויף איר געלעגער אַרויפגעקראָכן, און מאַן און ווייב האָבן זיך ווידער אָנגעקוקט פאַרשעמטערהייט ביים שיין פון לעמפּל. אַזוי האָבן זיי זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף מערעס צעוואָרפענעם בעט. די פּרוכט פון גן־עדן האָט געווונקען צו זיי און ביידע, ווי פאַרזינדיקטע, האָבן קיין מוט נישט געהאַט אָנצורירן זי. אָה, נישט אַזוי האָבן זיי ביידע דערוואַרט זייער ערשטע באַגעגעניש נאָך אָנדערהאַלבן יאָר. שטורעם האָבן זיי דערוואַרט און בליצן. און דאָ בלאָזט גאָר אַ לינדער ווינטל. און טרויעריקע שאָטנס שאָקלען זיך פאַרקלערטערהייט.

## 4.

פאַנדרע האָט פאַוואָליע אויסגעשטרעקט זיין האַרטן בינטל פינגער, אָנגערירט מערעס שלאַנקן לייב און באַלד צוגעכאַפּט די האַנט. ער האָט דאָס געטאָן, ווי אַ קינד וואָס האָט זיך שוין איינמאָל אין לעבן אָפּגעבריט, און פרווט אַצינד דאָס פייער נאָכאַמאָל צי עס שרפעט נאָך, צי נישט.

און באַלד נאָכן ריר האָט אין אים אויפגעפלאַקערט אַדמס שנאה וואָס האָט נישט קיין נאָמען. די זעלבע שנאה, וואָס האָט אין אים געברענט די גאַנצע צייט, זינט ער האָט דערהערט דרייזעס ערשטע רכילות אויפן שליאַך. זיס און גיפטיק האָט אים געררייצט מערעס לייב אונטער איר העמד. עס וואַרעמט און עס ברענט זיך. איז ער אַזוי געבליבן זיצן לעבן איר, ווי אַ דורשטיקער לעבן אַ קוואַל, וועלכער ווייסט, אַז דאָס כלומרשט קלאָרע וואַסער איז פאַרסמט. ער האָט זיך אַזש פאַרביסן אַ ליפּ פון טיפן ווייטיק. אַפּריער, ביי זיין אָנקומען, איז מערע בייז געווען. איצטער — ער. ווי אַ וואַלד־פייערל אין פייכטן מאָך האָט דאָס אין אים געטליעט. און דאָ, אויף מערעס בעט, אויפגעפלאַקערט, ווי פריער די וואַלד־שריפה.

— זאָג! — אַזוי האָט ער, בלייך־ווערנדיק, פּלוצלונג אַ כריפּ געטאָן. — וואָס איז דאָ געווען מיט קושקען?

מערע האָט גלייך געכאַפּט און איינגעוויקלט זיך אין קאָלדרע. קאָלט איז איר מיטאַמאָל געוואָרן און איר נאַקעטקייט האָט זי אויך דערפילט. ווי אַ דערשטיקטע האָט זי קוים־קוים אַרויסגערעדט:

— האָסט שוין געהערט?

— געהערט? — האָט איר פאַנדרע גראָב איבערגעקרומט — גאַנץ שטאָט ווייסט.

— נו, איז ווייסטו דאָך.

מערעס קול הערט זיך אַצינד אָן פאַרקלעמט, אָבער רואיקער.

— כ׳ווייס גאָרנישט, — פאַלט ביי זיך פאַנדרע אַראָפּ — מ׳זאָגט, דו האָסט אים אינמיטן דער נאַכט געשלאָגן, אָבער —

— וואָס אָבער?

— איינע אַליין ביסטו אין שטוב געווען, צוליב וואָס... לכתחילה אויפמאַכן אים?...

מערע קלערט אַ ווײַלע. דערנאָך ענטפערט זי שטיל, אָבער שטייף:

— געשלאָגן... יאָ. כ׳האָב אים אָבער געוואָלט אויך... שפּעטער, אַז ער איז אַנטלאָפן. דאָס ווייסטו נישט. איז אָט זאָג איך דיר...

— געוואָלט אויך... — חוזרט פאַנדרע איבער ווי אַ ווידערקול, און דאָס בלוט שלאָגט אים אין די שלייפן.

ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ ווי אַ בייק, וועלכן מ׳האָט דערלאַנגט מיט אַ שייט־האָלץ צווישן די הערנער. נאָר מערעס קול קלינגט אויף, עפּעס גאָר אינמיטן דערינען, מיט טרערן אין האַלדז. זי בענטשט אים גאָר:

— נח מיין מאַן! געזונט זאָלסטו מיר זיין.

פאַנדרע קוקט זי אָן מיט פינצטערע אויגן. ער פאַרשטייט נישט די סמיכות־הפרשות צווישן אַזאַ שטייפן מודה זיין זיך און צווישן אַזאַ ליב־שאַפט. פרעגט ער איבער הייזעריק און צווייפלענדיק:

— מער נישט ווי געוואָלט?

— נח, נח, — צעווײנט זיך מערע שטילערהייט, — נישט גאָר אים אַליין... דעם אַפּטייקער וואָס האָט מיר פריער געשריבן צו דיר די אַדרעסן האָב איך אויך געוואָלט... אַפילו דעם נייעם נגידס יינגל האָב איך גע־וואָלט... גערייצט אים...

— גערייצט אים.... — זאָגט נאָך פאַנדרע ווי אַ ווידערקול

— חישינעז, — רעדט מערע ווייטער מיט אַ קול פון וידוי פאַרן טויט, — חישין דעם דאָקטאָר — אויך... כ'האָב אַפילו אָנגעטאָן אַ פרישע העמד ווען איך בין געגאַנגען צו אים. אַרומגעזייפט דעם האַלדז....

— אַרומגעזייפט דעם האַלדז... — זאָגט נח ווי אַ פאַרטשאַדעטער.

— און צוליב וואָס אַ נייע העמד? — גיט ער זיך הייזעריק אַ כאַפּ.

— כדי אים בעסער געפעלן ווערן...

נח לאָזט שווער אַראָפּ דעם קאָפּ. און מערע בענטש אים ווידער, אים און זיין קומער. מיט אַ קול פון געבעט ווינטשט זי אים און עפּעס גאָר נישט צו דער זאַך:

— מיין מאַן, מיין מאַן. געזונט זאָלסטו מיר זיין!

זי ציט אויס ביידע אָרעמס. זי וואָלט אים געוואָלט אַרומנעמען, און כאַפּט זיי צוריק אַוועק, ווי אַ זינדיקע, וואָס איז נישט ווערט אַרומ־נעמען אַזאַ צדיק...

— אַז דו ווייסט נישט, — אַזוי מורמלט זי צו אים ווייטער ווי פון היץ, — דו ווייסט נישט וואָס הייסט זיין אַ יונג ווייב, ווי איך, אייבינקע אַליין... דריי הדשים נאָך דער חתונה, צעברענט און צעפלאַקערט האָסטו מיך און געלאָזן אײנע אַליין... אַכצן חדשים... כ'האָב אַלעמען געוואָלט און געקלערט פון דיר, מיין מאַן. אָט דאָרטן אין פירהויז ליגט נאָך אונדזער אַלטער כאָמעט. קיינער האָט אים נישט געוואָלט קויפן, ווייל ער איז פאַרזשאַווערט. איז ער געבליבן. פאַר דער חתונה, ווען איך האָב דיר צעקאַליעטשעט, דיין אויג.. האָסטו דיך געזעצט אויף אים... כ'האָב אים אַרומגענומען איינמאָל, ווען ס'איז מיר געווען ביטער, און געקושט... מיין מאַן, געזונט זאָלסטו מיר זיין!

פאַנדרע האָט אויפגעהויבן זיין שווערן קאָפּ. מערעס לעצטע ווערטער

האָבן אים צענומען. איז אָט צו וואָס ווייבער קענען דערגיין: איבערטאָן נייע העמדער צוליב אַ דאָקטאָרל אַ כניאַק און קושן פאַרזשאַווערטע כאַמעטן... גיי דערגיי אַ טאָלק! אַ מין געצקע האָט זי גאָר געמאַכט פון אַ זאַך, אויף וועלכער ער, פאַנדרע, מיט זיין האַרטן הינטער־חלק איז געזעסן... דער כעס אויף קושקען און דער שוואַרצער חשד אויף מערען איז צעשוומען אין עפּעס אַ ליכטיקער מוטנעקייט. אַך, דאָס זענען דאָך אַלץ אַזעלכע קלייניקייטן! אָט זיצט זי סענדערס טאָכטער, מיט איר פאַר־ווינטן קאָפּ, פאַרוויקלט אין קאָלדרע, ווי אַ זינדיקע, און קיינער ווייסט נישט מיט וואָס פאַר אַ „נישט גוטע" זי האָט זיך דאָ געראַנגלט אַכצן חדשים נאָכאַנאַנד... און איז גאַנץ געבליבן. נישט ווי ער, פאַנדרע — דער גראָבער יונג...

ער האָט איר אָן שום ווייטערדיקע הקדמות אַ כאַפּ געטאָן מיט אויס־געוואַשענע שטאַרקע אָרעמס, ווי אַ פּעקל וואַטע אַ הויב געטאָן זי און דערפילט צו איר דאָס זעלבע רחמנות ווי דאַן, בשעת לויפן מיט דער האַק אין גאַרטל צום נייעם נגידס שריפה. פונקט אַזוי ווי דאַמאָלסט, מיט אַנ־דערהאַלבן יאָר צוריק, האָט ער זי אויך אַצינד פאַוואָליע אָוועקגעלייגט אין בעט, איינגעדעקט און געזעצט זיך לעבן איר אַ צעפלאַמטער, אַ צע־טרייסלטער אינגאַנצן.

— צעפּצעכעלע, — האָט ער זיך צו איר געטוליעט מיטן פייכטן קאָפּ — איך מוז דיר עפּעס אויך זאָגן. איך מוז דיר זאָגן, אַז דיין פאַד־מיאַטקע בין איך נישט ווערט. געגאַנגען בין איך אַהיים צו דיר, מריינעלע, און פאַרקראָכן בין איך גאָר אין היי... צו אַ שיקסל אין דאָרף...

— אין אַ רויטן טיכל? — זעצט זיך מערע אַוועק מיט ברייט אויפ־געעפנטע אויגן.

— אין אַ רויטער קאַצאַווייקע. — פאַרריכט איר פאַנדרע — ווער האָט דיר שוין אונטערגעטראָגן? נישט שמחהלע טורערו?

— וואָס רעדסטו וואָס? — רופט זיך מערע אָפּ מיט געחלשטע ליפּן — וואָס עפּעס טורערו? אַ חלום אַזאַ האָט זיך מיר געחלומט. אַ חלום אַזאַ... מיין מאַן, מיין מאַן! געזונט זאָלסטו מיר זיין!

## .5

ווען סענדעריכע איז צו מאָרגן אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, ווי איר שטייגער איז, צו גיין אין מאַרק אַריין, האָט זי איר פאַרפאַלק געפונען

האַרט שלאָפנדיק און פעסט אַרומגענומען, ווי צוויי וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אַן אונטערגעגאַנגענעם אָקרענט אויף אַ שמאָלן אינדזל. פאַנדרעס ברוינע און שווערע לאַפּעס זענען געווען פאַרפלאָכטן מיט מערעס בלאַסע אָרעמס און איר טונקעלער צאָפּ האָט אַרומגעוויקלט נחס קאַרק, ווי אַ צוזאַמענגעדרייטע, איינגעדרימלטע שלאַנג פון גן עדן, נאָכדעם, ווי זי האָט הוהן און אדמן איבערגערעדט.

סענדעריכע איז אַ ווײַלע געשטאַנען פאַרגאַפּט. אָנקוקנדיק איר יונגע פּאָר, שמייכלענדיק מיט אירע איינגעקנייטשטע ליפּעלעך און שאָקלענדיק מיט איר איינגעדאַרטן קעפּעלע. האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט פון אירע אייגענע יונגע יאָרן? אָדער איז זי געווען צופרידן וואָס אירע קינדער האָבן זיך אַזוי גיך איבערגעבעטן?

שטילערהייט האָט זי זיך גענומען רוקן צו דער טיר, צוהאַלטנדיק אירע שליסעלעך, זיי זאָלן נישט קלינגען. אָבער, נישט אַריבערטרעטנדיק דעם שוועל, האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט, געבליבן אַ ווײַלע שטיין און גיך צוריק אַרײַנגעלאָפן הינטער איר פּאָרהאַנגל, צווישן אויוון און וואַנט. פון פּאָליצע האָט זי דאָרט אַראָפּגעכאַפּט איר טייטש־חומש, אָנגעטאָן סענדערס ברילן מיט די מעשענע האָלאָבליעס, וועלכע זי האָט געירשנט נאָך זײַן טויט און באַנוצט זיך מיט זיי נישט ערגער פון אים, עליו השלום...

ביים ליכט פון פענצטערל, אַקעגן איר געלעגער, האָט זי גיך גענומען מישן, לעקנדיק געניט אירע איינגעדאַרטע פינגערלעך, ביז זי האָט אויפגעמישט די הפטרה פון סדרה „נח" און אַזוי לאַנג געטייטלט מיט איין פינגערל, ביז זי האָט געפונען דאָס, וואָס ס'האָט ערגעץ־ווו געטליעט אין איר זכרון. אָה!... אָט איז דאָס טאַקע:

„כי כאשה עזובה... נייערט ווי איין אשה איין פאַרלאָזענע, — אַזוי האָט סענדעריכע שטיל געפּרעפּלט, — וואָש איר מאַן צערינט אויף איר און פאַרלאָזט זי איין ווײַלע און קערט זיך ווידער אום צו איר, אַזוי האָט דיך גאָט גערופן...

און גלייך ווי איין ווייב וואָש מען האָט פון דער יוגנט, ווען זי ווערט נמאס אויף איר מאַן, אַזוי געדענקט ער זי באַלד און דער באַרימט זיך איבער איר...

בשצף קצף... מיט גרויס צאָרן האָב איך איין אויגן־בליק

פֿאַרבאָרגן מיין פּנים פֿון דיר און מיט איין אייביקן חסד האָב איך מיך איבער דיר דער באַרימט...

כי מי נח... דער אַזוי ווי די וואַשער פֿון נח אַזוי אויך איז דאָס...״

דער צוזאַמענהאַנג צווישן אַזעלכע ווערטער, אין דער הפטרה, און צווישן דעם וואָס איר פֿאַרפֿאַלק האָט זיך אַזוי גיך איבערגעבטן, נאָך דער נעכטיקער קריגעריי, און אַזוי „דער באַרימט״ זיך איינער אויפֿן צווייטן, און גראָד דאָס, וואָס די הפטרה געהערט צו סדרה „נח״ און וואָס פֿאַנדרע, איר איידעם, הייסט אויך נח — דאָס אַלץ איז סענדעריכען אויסגעקומען וווּנדערלעך, ווי אַ פֿאַרשריבענע נבואה, ווי אַ ווונק פֿון הימל... זי האָט זיך אַזש דערשראָקן פֿון אַזאַ אַנטפּלעקונג, אַ קוש געטאָן און גיך אַוועקגעשטעלט איר אַלטן טייטש־חומש אויף אַן אָרט. ווישנדיק זיך די אַלטע אויגן מיטן פֿאַרטוך, איז זי אויף די ציפּקעלעך אַרויס פֿון שטוב, כדי נישט צו שטערן דעם שלאָף פֿון איר פֿאַרפֿאַלק. ווי אַ שטילע „שמונה־עשרה״ האָט זיך איר אַצינד אָנגעהערט זייער טיפֿער אָטעם אין דער פֿרימאָרגנדיקער שטילקייט פֿון שטוב — אַ שטילקייט, וואָס טאָר נישט געשטערט ווערן.

# קולאַיע

## .1

אינדערפרי, נאָך סענדעריכעס אַוועקגיין אין מאַרק, האָט מערע אויפגעפּאַקט פאַנדרעס קלומיק. צוזאַמען מיט דער ווייבערישער תחינה און מעשה־ביכל, וואָס זימל פאַקנטרעגער האָט געשיקט פאַר מערען, און צוזאַמען מיטן בלויענקן בענטשערל פאַר פאַנדרען גופא, זענען פון קלומיק אַרויסגעפאַלן אַן אָנגעשריבענער קאָנווערט און עטלעכע רובלדיקע און דריי־רובלדיקע פּאַפּירלעך.

נח האָט אויפגעריסן די אויגן. ביי וואָוקען אין בודקע, געדענקט ער, האָט ער צוגעוואָרפן שמחהלען דאָס ביסל געלט. האָט אים, הייסט דאָס, טורערו ווידער אַמאָל אַריינגערוקט אין פּעקל דאָס נישט־כשרע געלט? אַרויסקריכן קען מען נישט פון אָסטראָג, נישט פון שעפּטעלעס גוט־ברודערשאַפט...

מערע האָט זיך געוועוגן אַ כאַפּ געטאָן צו די פּאַפּירלעך, נאָר דער־זעענדיק נחס צעמישטקייט האָט זי זיך אָפּגעהאַלטן און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געלט?

— שעפּטעלעס! — האָט פאַנדרע קורץ געענטפערט.

מערע האָט זיך דערמאָנט אָן די פינף רובל, וואָס שעפּטעלע האָט איר אַריינגעשטופּט אין האַנט, ביים פאַרעכאַד. האָט זי זיך אַליין פאַר־שעמט, אַנטשוויגן געוואָרן. פאַנדרע האָט דאָס אָבער אָנגענומען, ווי אַ שטילן פאַרוואורף.

— אַז ער האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט, — גיט נח אַ הויב מיטביידע פּלייצעס, — נאָכגעיאָגט זיך אויפן „ליסיפּעד״ (צוויי־ראַד) אין וואַלד. הכלל: „נעם און נעם!...״ אָט, דעם אַדרעס זיינעם האָט ער אויך געגעבן צו באַהאַלטן, „ס׳וועט דיר, מאַכט ער, צונוץ קומען, נעם!...״

כ'האָב דאָס געוועןאָפּגעגעבן שמחהלען, נאָר ער האָט דאָס מיר צוריק אַריינגעשטופּט אין קלומיק.

מערע האָט זיך פאַרזאָרגט. אָן איר פּנים האָט נח דערזען, אַז זי האָט נישט מיט וואָס דעם טאָג אָנצוהויבן. איז ער ווייכער געוואָרן.

— נאָ, דעם אַדרעס שעפּטעלעס באַהאַלט. און מיט די עטלעכע רובל איז... ווי דו ווילסט.

האָבן זיך ביידע מיישב געווען, אַז דערווייל זאָל מען דאָס געלט באַנוצן. און אַז גאָט וועט העלפן, זאָל מען שעפּטעלען אָפּשיקן, סיי די פינף רובל וואָס מערע האָט גענומען אין איר בויט, סיי דאָס געלט, וואָס נח האָט געבראַכט פון וועג. דעם אַדרעס שעפּטעלעס האָט מען דאָך... דאָס ערשטע פאַרדינסט וועט מען אים אָפּשיקן. און יוצא פאַר גאָט און פאַר זיך אַליין.

כדי יוצא־זיין, פאַר איינע הוצאות, פאַר לייטן אויך, זענען מאַן און ווייב מושוה געוואָרן אַראָפּצונעמען פון שעפּטעלעס געלט אַ צען גילדן, מאַכן „קולאַיע" אויף שבת און פאַררופן גוטע פריינד. ס'איז דאָך פאַרט אַ שטיקל נחמה! מען איז אַרויס פון גויאישקע הענט און געקומען געזונט־טערהייט אַהיים. און די צייט איז אויך די ריכטיקע. עס גייט אַצינד די וואָך נאָך שבת „נחמו". פאַסט זיך דאָס טאַקע גאַנץ גוט.

אַן אָרעמער כיבוד איז „קולאַיע", אָבער אַ געשמאַקער. אין שקלאָווער געגנט און אין אַ גרויסן טייל פון רייסען מאַכט מען „קולאַיע" פון קאָהענע מעל. און ווייטער, צו ווילנע און גראָדנע־צו, הייסט דאָס „קאָסלוכע". אין יענע מקומות איז, אַפּנים, קאָרענע מעל אויך אַ צו־גרויסער וווילטאָג, מאַכט מען קאָסלוכע פון קאָרענע ברויט־סקאָרינקעס פון פאַרקריאָבע, פון איינגעטריקנטע „זשליפּצעס". די מאַטעריאַלן זענען אַ ביסל אַנדערש, אָבער די מאַכעכץ און דער טעם — כמעט די זעלבע. געמאַכט ווערט „קולאַיע" אָדער „קאָסלוכע" ווען מען ציט זיך אַריין אין אַ נייער דירה, אויף אַן אָרעמען חנוכת־הבית. ווען מען שערט אָפּ אַ דריי־יאָריקן יינגעלע, אָדער ווען מען פירט אַריין אַ קינד אין „חדר". צו אַ בר־מצוה, אָדער ווען אַ קינד האָט חתונה אין דער פרעמד, קומען די עלטערן פון דער חתונה און מאַכן „קולאַיע" פאַר שכנים. און גלאַט צו יעדער שמחה ווען מען וויל פאַררופן געסט און שפּאָרן געלט. ס'איז אַ ביליקער כיבוד. דאָס נאַשן יינגלעך און מיידלעך. אַלטיטשקע לייט טוקען די וואָנסעס. באָביצעס באַלעקן זיך און אַלע האָבן הנאה.

איז דאָך אין פּלוג די קשיא, וויבאַלד ס'איז אַזוי גוט און אַזוי וואָלוול,

הײנט פֿאַר װאָס־זשע זאָל מען זיך נישט פֿאַרגינען מאַכן „קולאַיע", פֿאַר זיך אַלײן און פֿאַר דער משפּחה, אין אַ מיטן װאָך, גלאַט אַזױ זיך? דער תּירוץ איז: דער עסק צו מאַכן „קולאַיע" איז צו גרױס. ס'נעמט אַװעק צופֿיל צײַט און געדולד. האָבן דערפֿאַר שקלאָװער ײדן ליב אַ צװײטער זאָל מאַכן און זײ זאָלן עסן. אַזױ װאַרט אײן „קולאַיע"־מאַכער אױפֿן צװײטן. אָבער אינגאַנצן אױסדרײען זיך פֿון מאַכן „קולאַיע" דרײט זיך קײנער נישט אַרױס. פֿרײער־שפּעטער קומט יעטװעדערן אױס צו מאַכן און מהנה זײַן שכנים און גוטע פֿרײַנד. װאָרים אין װעלכער ײדישער הױז, געלױבט דער אױבערשטער, מאַכט זיך דאָס נישט אַ שטיקל ײדיש־לעכע שמחהלע? סוף כּל סוף דערגײט צו אַלעמען די רײ.

אַזױ גײט די „קולאַיע"־מאַכערײַ אַ קאַראַהאָד פֿון הױז צו הױז און פֿון גאַס צו גאַס; פֿון דניעפּער ביז דער אָזערע און פֿון „אונטערבאַרג" ביז די אָרשער ברעמלעך, און קלעפּט צוזאַמען די גאַנצע קהילה־קדישה שקלאָװ מיט אײן זיס־זױערלעכן פּאַפּ.

אַצינד איז די רײ פֿון מאַכן „קולאַיע", דערגאַנגען צו מערען אױך. האָט זי אױף זיך אַרױפֿגעכאַפּט די שטוב־פּאַטשײלע, אַװעקגעלאָפֿן אין מאַרק, געשעפּטשעט זיך מיט איר מאַמעלען, מיט סענדעריכען, בײַם טישל מיט גױאישקע בולקעס און לעקעכער. אײַנגעהאַנדלט אַ האַלבן פּוד קאָרענע מעל, אַ פּאָר פֿונט האָניק, אַ ביסל געװירצלעך, געליען בײַ שכנים אַ פּאָר מוראדיק גרױסע טעפּ. און אײנעם אַלײן צוגעקױפֿט, אַ רױטן, אַ געברענטן, מיט שװאַרצע „זומערשפּרינקלעך" פֿון געברענט־קײט... און געמאַכט „קולאַיע".

## 2.

דאָס רעדט זיך נאָר אַזױ: „געמאַכט קולאַיע". „קולאַיע" מאַכן איז דיר נישט פּאַרקנעטן חלה אױף שבת. „קולאַיע" מאַכן איז אַ פֿאַראַנט־װאָרטלעכע אונטערנעמונג, אַ מין עקזאַמען אױף בריהשקײט, װאָס גע־דױערט אַ װעלכענע פֿיר טעג נישט װײניקער. „קולאַיע" מאַכן הײסט: אַרױסבאַקומען אַ מין אײַנגעמאַכץ פֿון פּראָסטע מעל. און נישט אַלעמאָל גײט זיך דאָס אײַן.

קודם־כּל פּאַרקנעט מען די קאָרענע מעל אין אַ גרױסער מולטער. אױף קאַלט װאַסער פּאַרקנעט מען עס, װי אַ מצה־מײרע, כּדי עס זאָל נישט װערן קײן קליאַצקעס און עס זאָל נישט כאַפּן זױערן. מען קנעט

און מען גיסט צו. מען גיסט צו און מען קנעט. ביז אין מולטער צעלייגט זיך אַ לויזלעך טייג, ווי ראָסצענעס נאָכן יערן.

דאָס לויזע פאַרקנעטאַכץ טוט מען אַריין אין גרויסע ליימענע טעפּ. אויב מעגלעך אין נייע טעפּ, כדי עס זאָל נישט אָנציען מיטן טעם פון אַנדערע געקעכצן. מען גיסט דאָס ווידער איבער מיט קאַלט וואַסער און מען פאַררוקט, נאָכן הייצן, אין אויוון עס זאָל פּרייען. גאָר גרויסע באַלעבאָסטעס דעקן עס נאָך איבער מיט פּאַקרישקעס און מיט נאָסן ליים און פאַררוקן דאָס אין אַ לינדער אויוון איבער נאַכט. נאָר אויף דעם דאַרף מען צופיל זיין געניט, אויסרעכענען די וואַרעמקייט, עס זאָל נישט כאַפּן טריקענען פון איין זייט. איז גלייכער אַריינצושטעלן אין אַ נישט צו הייסן אויוון אויף עטלעכע שעה אין טאָג. איז מען שטענדיק דערביי און מען גיט אַכטונג. דהיינו: אַלע האַלבע שעה שלעפּט מען אַרויס די בייכיקע טעפּ מיט גרויסע ווילקעס און מען מישט דורך, דאָס געפּאַרעטע רויטלעכע טייג, מיט אַ ריינער הילצערנער קאָטשעלקע. חס־ושלום אויסצומישן דאָס, הייסערהייט, מיט אַ מעטאַלענער זאַך! דאָס מאַלציקע געמישעכץ איז זייער אַן איידעלער ענין, און האָט אַ שוואַכקייט אַריינצונעמען אין זיך כל־ערליי פרעמדע טעמים, פון זשאַווער און גרינשפּאַן... מישן מישט מען דאָס אַזוי פליסיק, כדי עס זאָל זיך נישט אָנבאַקן אָן די ווענטלעך פון די טעפּ און עס זאָל גוט „זיסן".

און כדי עס זאָל פּאַרטיק ווערן שבת צום כיבוד, מוז מען עס אָנהויבן צו „זיסן", שפּעטסטנס, מיטוואָך נאָכן הייצן, אַריינגערוקט אין אויוון און אַרויסגערוקט און געמישט ביז אין אויוון קילט אָפּ. עס טאָר נישט כאַפּן ברענען! וואָרים דאַמאָלסט ציט עס אָן מיט אַ ביטערקייט, און — געפּטרט די גאַנצע מערכה, די גאַנצע באַטעמטקייט פון „קולאַיע".

איז אויב מען איז באַהאַוונט און געדולדיק און פּאַרזיכטיק, פּרייעט דאָס צו ביסלעך און הויבט אָן צו זיסן פון זיך אַליין. מיטוואָך האָט מען עס אָנגעהויבן און דאָנערשטיק הויבט דאָס שוין אָן צו שמעקן מיט זיס־לעכקייט, און פרייטיק פּאַרשמעקט דאָס שוין די גאַנצע שטוב מיט מאַלץ פון ביר־ברויז. פונדעסטוועגן, אויפן ריח אַליין טאָר מען זיך נישט פאַר־לאָזן. די קאָטשאַלקע, מיט וועלכער מען מישט, זעט אויס ווי אַ פּענזל ביים איינבינדער. כאַפּט מען פון איר אַראָפּ מיט אַ הילצערנער לעפל, אָדער גאָר מיט אַ פינגער און מען גיט אַ לעק, ווי ס'האַלט מיט דער זיסעניש. אַ מיש און אַ לעק. אין אויוון פאַררוקט און אַרויסגערוקט און

ווידער אַ לעק. אַזוי גייט אַ סדרה מישן און לעקן, ביז מען פֿאַררוקט דאָס אין טשאָלנט.

פֿון דער גלייכמעסיקער זיסעניש און פֿרייעניש ווערט דאָס אַלץ לויזער און טונקעלער. עס באַקומט אַן אַפּעטיטלעכע ברוינקייט און פֿון דעם געדיכטן קאָרענעם פֿאַפּ ווערט אַ מין שיטערלעכער קרעם.

פֿון דער אייגענער זיסקייט, וואָס דאָס פֿרייען האָט אויסגעאַרבעט, קען אָבער די „קולאַיע" נישט געהאָלפֿן ווערן. פֿרייטיק, דער דריטער טאָג זינט מ׳האָט די „קולאַיע" פֿאַרקנאָטן, איז דער יום־הדין, דער קריטישער טאָג. מען מישט אויס און מען פֿאַרזוכט צום לעצטן מאָל און מען גיט צו האָניק. נישט אַזוי פֿיל עס זאָל ווערן פֿריקרע און נישט אַזוי ווייניק עס זאָל זיך נישט פֿילן. נאָר וויפֿל מען זאָל זיך נישט סטאַרען, וועט דער טעם, נאָכן צומישן האָניק צום הייסן פֿאַפּ, פֿאָרט אַרויסקומען פֿריקרע־זיס. און כדי צו לינדערן די זיסקייט און כדי צוצוגעבן איר אַ מחיהדיקע ווייניקייט, קוועטשט מען אויס אַ פּאָר פֿונט זשוראַווינעס (קליוקווע), אַז ס׳איז דאָ, און מען זייט עס דורך; אָדער מען צעלאָזט ציטרינזאַלץ און מען גיסט אַריין אין די טעפּ. בשעת הדחק איז זויערע בוריקעס־ראָסל אויך גוט. דער זויערער זאָפט פֿון די זשוראַווינעס צעגיסט זיך, ווי אַ העלע בלוט, איבער דער שיינער ברוינקייט פֿון דער האַלב־פֿאַרטיקער „קולאַיע", עס בלייבט שטיין אין די פּאַפּיקע קנייטשן פֿון מאַלציקן איינגעמאַכץ, ביז עס ווערט פֿאַרמישט מיט אונדזער באַקאַנטער קאָטשעלקע, וועלכע איז שוין, אגב, אָנגעשוואָלן פֿון טוקן זיך און טאַנצן, טאָג־איין טאָג־אויס, אין הייסע ראָסצעבעס...

דאָס זויערע בלוט פֿון די זשוראַווינעס ווערט איינגעזאַפּט אין דער ברוינלעכער מאַסע. דאָס צייג־פֿינגערל פֿון דער באַלעבאָסטעטשקע שטעקט זיך אַרויס, דערנאָך — איר צינגעלע, און עס ווערט ווידער פּרובירט. כאַפּט עס צו זויערלעך, גיט מען צו נאָך אַ ביסל האָניק. די קאָטשעלקע צעטאַנצט זיך און דער טעם גלייכט זיך אויס. טאָמער איז מען אָבער פֿאָרט נישט צופֿרידן מיט דער איידלקייט פֿון געשמאַק — און דאָס טרעפֿט זיך אָפּטמאָל — האָט מען שוין מורא אַליין צו טשעפּען. מיט האַלב־פֿאַרטיקער „קולאַיע" טאָר מען זיך צופֿיל נישט שפּילן... און גלייך אויפֿן אָרט, איידער פֿאַררוקן אין טשאָלנט, ווערט פֿאַררופֿן אַ באַראַטונג פֿון שכנטעס, אַלץ אַלטע ווייבער, געניטע זיס־און־זויער מישערינס, דורכגעטריבענע „קולאַיע"־לעקערינס. מען כאַפּט פֿאַר זיי אַראָפּ פֿון

יעדן טאָפּ אויף טעלערלעך און מען דערלאַנגט זיי, זיי זאָלן איינטונקען אַ פינגער און זאָגן מבינות.

### 3.

מען דאַרף אָנזען אַזאַ ערנסטן קאָנסיליום פון אַ דריי־פיר ווייבער, ביי אָפענע, פאַרעדיקע טעפּ, מיט דער אָנגעדראָלענער קאַטשעלקע, אַריינגערוקט ביז איבערן גאָפּל, אין דער זיס־שמעקנדיקער בריי — אַ כפרה טריאַטער! שטייענדיקערהייט ווערט אַזאַ אַסיפה אָפּגעהאַלטן, מיט טיפּזיניק־אַראָפּגעבויגטע, לאַסטיקענע טשעפּטשיקלעך און מיט פאַרשנדיקע אויגעלעך, וואָס לויפן אום פון די טעלערלעך „קולאַיע" צו דער באַלעבאָסטע און פון דער באַלעבאָסטע צו די טעלערלעך „קולאַיע". און די נישט־גערעאָטענע גרויסע טעפּ שטייען דאָ אַנטבלויזטע און דאַמפן מיט האָניק און זשוראַווינעס־זאַפט איבער דער גאַנצער שטוב: „מומעס, ראַטעוועט! אָן אייך זענען מיר פאַרלוירן"...

הויבט זיך אָן אַ שטומע קנייטשעניש פון פאַרוועלקטע פיסקעלעך, אַ קרימעניש אויף „גוט" און „שלעכט" מיט איינגעפאַלענע בעקעלעך, אַ הויבן מיט פלייצקעלעך, אַן אויפלויכטן און פינצטער־ווערן פון פאַרשייטע אויגעלעך. מען בויגט די פּרוביר־טעלערלעך, כדי צו זען די געדיכטקייט פון דער „קולאַיע". מען טוקט וואָרצלדיקע פינגערלעך און מען סמאַקעוועט מיט שנעבעלעך. מען ציט די לעקאַך־זיסלעכע פאַרע מיט פאַרשפּיצטע נעזעלעך. ביז איין קולאַיע־פּראָפעסאָרשע ווישט אָפּ איר פייכטן קאַריאַוון פינגער אָן פאַרטוך, לייגט אים צו, מיט נאָך אַ פינגער, צו דער באַק און זאָגט... וואָס זאָל זי זאָגן? ס'איז אַ מאכל־מלכים... אַלא וואָס דען? ס'איז נאָר אַ ביסעלע צו געדיכט. אַ קאָפּ וואַסער צוגיסן וואָלט נישט געשאַדט. נישקשה אין אויוון וועט עס זיך איינשטיין...

רופט זיך אָפּ די צווייטע באַביצע: ווו געדיכט? וואָס געדיכט? ווען געדיכט? גאָר געדיכט גאָר! אַ משל לעמעשקע! בשעתן פרייען וועט עס דאָך סיי ווי סיי ווערן שיטערער. ביין. ועדליק א י ר שכל, ועדליק ז י פאַרשטייט, מוז מען אַריינטאָן נאָך אַ קאַפּעלע האָניק, כדי אָפּצושלאָגן די זויערקייט. וואָרים קולאַיע האָט פיינט איבעריקע זויערקייט...

זאָגט די דריטע קולאַיע־לעקערקע, אדרבא נאָך אַ בעכערל סאָק פון זשוראַווינעס וואָלט גאָרנישט געשאַדט. מען זאָל איר מוחל זיין וואָס זי פאַלט אַריין אין די רייד, ווען קולאַיע איז נאָך נישט אויסגעפּרייעט און

איז צ ו ה י י ס — דוכט זיך אויס, אַז ס׳איז ווייניק. קולאַיע האָט אַ טבע פון ברויט. נישט אויסגעבאַקענער ברויט איז אויך זויער...

זאָגט די פערטע... הכלל וויפל צינגעלעך אַזוי פיל טעמימלעך. גיי שטעל אַלעמען צופרידן! מאַכט מען אַ פשרה. מען הערט אויס אַלעמענס עצות און מען נעמט פון יעדער עצה צו קאַפּעלעך. אַ ביסעלע מער האָניק, אַ צעלאָזן שטיקל ציטרינזאַלץ אין לעבלעכע וואַסער, און מען פאַררוקט מיט מזל די בכבודיקע טעפּ אין טשאָלנט. שלעפּן די ליימענע טעפּ זייערע קיילעכדיקע בייכער, פול מיט הייסער קולאַיע, איבערן אויסגעגליטן „פּאָד״ און ברומען, דאַכט זיך, פון די קלעפּיקע אָפּגרונטן: „אסור, יידן, אויב מיר האָבן נאָך כוח צו פּאַרען זיך!״ אָבער ווער הערט זיי, די ליימענע גולמס? מען פאַרשטאָפּט די הייסע אויוון מיט דער זאַסלינקע, און די זאַסלינקע לייגט מען אַרום מיט נאַסע וויעכטשעס: „פּרייעט, טעפּלעך, לכבוד שבת!״.

צעשפּילן זיך די שבתדיקע מאכלים אין אויוון. פּאַקרישקעס טאַנצן, צימעסלעך פּיפּסן, געבראָטנס — קוליעט זיך אין שמאַלץ. קוגעלעך האָצקען זיך. און די גרויסע טעפּ מיט קולאַיע שפּילן קאָנטראַ־באַס. זיי שרייען אַריבער אַלע ליימענע און טשוהונענע כלימלעך מיט זייער בורטשענדיקן „בוף־בוף״ און פאַרטויבן אַלע שבתדיקע ריחות מיט זי י ער ר י ח. אַ גאַנצן שבת־צו־נאַכטס איז די לופט אין שטוב געזיסט און געווירצט ווי ביי אַ לעקעכמאַכער.

צומאָרגנס אינדערפרי פאַרן דאַוונען, ווען מען קלעפּט אויף דעם אויוון און מען נעמט אַרויס די שבתדיקע הליאַקעס צום טיי, רוקט מען אויך אַרויס די גרויסע טעפּ מיט קולאַיע, כדי צו זען, צי ס׳איז נישט געוואָרן צו געדיכט. אויב צו געדיכט — גיט מען גלייך צו אַ ביסל הייסע וואַסער פון הליאַק. דאָס מאָל קען מען שוין צוגעבן ה י י ס ע וואַסער. ווייל די קולאַיע איז שוין אין גאַנצן אויסגעזיסט. און קליאַצקעס זענען שוין מער נישט און קענען זיך מער נישט פאַרקאָכן. דער פאַרשפּאַרטער, געמאַלצטער ריח, פון אַ גאַנצער שבתדיקער נאַכט אין אויוון, גיט איצ־טער געדיכט אַ שפּאַר אַרויס פון פריפּעטשאָק — די לאַבאָראַטאָריע פון אַלע פּאַטראַוועס. ער צעשפּרייט זיך אין שטוב, ווי אַ זיסער וואָלקן, און נעמט דורך אַלע אברים. ביי קינדער לויפט אָן דאָס וואַסער אין מויל. אַלע שבתדיקע פּלעצלעך מיטן טיי וואָלטן זיי אָוועקגעשענקט פאַר אַ לעק פרישע קולאַיע... נאָר ווער וועט זיי געבן קולאַיע פאַרן דאַוונען? נישט חולה זענען זיי צו וואַרטן ביז פיר אַ זייגער בייטאָג. די עלטערע לייט

ווייסן דען ווי שווער עס איז צו וואַרטן אַזוי לאַנג אויף אַ נאַשעריי? וואָס פּאָר אַ נאַשערס זיי אַליין זענען געווען, קליינערהייט, האָבן זיי שוין לאַנג פאַרגעסן...

הכלל, די שאַפונג, וואָס האָט זיך געשאַפן פיר אומרואיקע טעג נאָכ־אַנאַנד מיט דער הילף פון מולטער, טעפּ און קאַטשעלקעס, לינדע און הייסע אויוונס און כלערליי פּאַטראַנווס, איז אַצינד געקרוינט, אַזוי צו זאָגן, מיט דערפאָלג. די קולאַיע איז, געלויבט דער אויבערשטער, פאַרטיק!...

שטעלט מען אַראָפּ די הייסע טעפּ אונטערן בענקל אין קיך, זיי זאָלן זיך אָפּקילן. נישקשה, אַז מען וועט דאַרפן וועט מען זיי אָנוואַרעמען. וואָרים קולאַיע ווערט געגעסן אויף צוויי אופנים: קאַלט און וואַרעם. ווי איינער וויל. וואָס מער מען וואַרעמט דאָס צו, אַלץ באַטעמטער ווערט דאָס, לעקאַכדיקער, זיסער מיט אַ ווייטן טעם פון יערונג, נאָר איבער־טרייבן טאָר מען אויך נישט. עס קען דערפון ווערן אַ שיטערע בראַי פון ברויז.

הייסערהייט גיסט זיך די קולאַיע ווי אַ ברוינער קרעם. און קאַלטער־הייט איז עס לעבערדיק, און לייגט זיך אין ווייסן טעלער ווי אַ טונקל־ברוינער מאַיאָנעז. נאָר וואָס ווייסט שקלאָוו פון מאַיאָנעזן? איז גלייכער מירן זאָגן: ווי האַלב־פאַרקילטע פּעטשאַ. אַזוי איז ריכטיקער.

צום קולאַיע־כיבוד קומט מען שבת נאָכן שלעפל, אַזוי, בערך, אַ שעה פּאָר שלש־סעודות. פרעגט מען ביי די געסט ווי ווילן זיי? הייסע אָדער קאַלטע קולאַיע?

אַלטע לייט האָבן ליב הייסינקע. יונגע לייט — געדיכטערע, קאַלטע. דערלאַנגט מען יעדן גאַסט אויף אַ טעלער, ווי זיין האַרץ גלוסט. און כדי ס׳זאָל אויסזען נאָך שענער און ס׳זאָל זיין באַטעמטער, באַשיט מען יעדער פּאָרציע מיט געשטויסענע נעגעלעך און צימרינג. פון די געשטויסענע בשמים ווערט די קולאַיע מאַט, ווי מיט אַ ברוינלעכן הויך באַדעקט. און רייצט דאָס אויג און צונג נאָך מער.

היינט דער טעם גופא!... געראָטענע קולאַיע האָט אין זיך אַלע טעמים, ווי דער מן אין מדבר, זכרונו לברכה. עס האָט אין זיך דעם תמצית*) פון שוואַרצן פרישן ברויט, דעם ריח פון האָניק, די פיינע

---

*) עסענץ.

זויערלעכקייט פון קליוקווע, דעם געהויבענעם בייגעשמאַק פון טשאַלנט, די זיסקייט פון מאַלץ און אַ ווייטע שטאַרקייט פון יערונג. קיין געניטער גאַסטראָנאָם אין דער וועלט, וועלכער קען נישט די סודות פון שקלאָווער קיך, וועט אייך נישט גלויבן, אַז אַזאַ מלכותדיקע נאַשעריי שטאַמט פון אַ גראָבן מאַטעריאַל, וואָס ווערט, בטבע, גענומען צום פּראָסטן אַלטעג־לעכן זויערן ברויט. אָט צו וואָס קאָרענע מעל קען זיך דערהייבן ביי שקלאָווער בריות, אַז זיי ווילן!

שאָרבען יידן און יידינקעס. זיי באַלעקן זיך און קנאַקן מיט די צינגלעך. און יונגעלייט מאַכן „אַה״ נאָך יעדן זופּ, קוקן מיט באַדויערן, וואָס אין טעלער ווערט אַלץ ווייניקער און ווייניקער, וואַרפן אַן אויג צום קאָכשטוב און חלשן נאָך.

קלוגע לייט זענען פאַרזיכטיק. אַ גוטע זאַך, זאָגן זיי, דאַרף מען עסן, זאָגן זיי, מיט טאַלק. כדי... הכלל... האָניק, זאָגן זיי, איז אויך נישט גוט צו עסן צופיל.

נאָר וואָס הערן יונגעלייט אויף אַזעלכע עצות! איין מאָל לעבט מען אויף דער וועלט און נישט אַלע טאָג עסט מען קולאַיע. איז מען אַ גע־זונטער מענטש — וועט עס דאָך סיי ווי נישט פאַרשאַדן. אלא וואָס דען — נישט? לויפט מען אַ פּאָר טעג...

אלה תולדות קולאַיע... נאָר וואָס ווייסן דערפון אַלע היינטיקע קאָנ־דיטערקעס און בעקערייען אין די גרויסע שטעט? צו אַל־די־גוטע יאָר מיט זייערע זיסע שמאָכטעס, פעטע שאָקאָלאַדן און פריקרע אייער־קרעמען! אַלע יידישע צינגער האָבן זיי פאַרדאָרבן, אַלע „גוטע זאַכן״ אויף דער וועלט האָבן זיי פאַרשלונגען, און צווישן זיי, אויך שקלאָווער „קולאַיע״ און גראָדנער „קאָסלוכע״.

# איין לעק... וואָס קען עס שאַדן?

## 1.

די גרויסע טעפּ מיט „קולאַיע" האָבן שוין זינט אַ פּאָר טעג געפּרייעט און געזיסט אין סענדעריכעס איווון און פאַנאַנדערגעלאָזן אין דער, ביז אַהער פאַריתומטער שטוב, אַ באַטעמטן ריח פון האַניקדיקער זויערלעכ־קייט און פון נייער אויפלעבונג. און צוזאַמען מיט דער קולאַיע איז, אונטער דער וואָליקער שטוב־פּאַטשיילע, אָפּגעגאַנגען און זיסער געוואָרן מערעס האַרץ. די אומרואיקייט פון איר קוק איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. קלאָרער און דייטלעכער האָט זי דערזען זיך אַליין, אין דעם אָנגעשפּאָל־טענעם שטוב־שפּיגעלע, און — אַלעמען אַרום זיך.

אַזאַ געפיל פון אויסלויטערונג קענען נאָר די, וועלכע האָבן לאַנג געהונגערט, אָדער אַזעלכע, וועלכע זענען אויפגעשטאַנען נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט. אויסער דער איבערגעגעבנקייט צום מאַן האָט אַצינד מערע געקוקט, מיט אַ פאַרשעמטן שמייכעלע, אויף איר פּאַנדרען, ווי אויף אַ ווונדער פון גאָט געשיקט, וואָס זעטיקט זי אין די קורצע זומער־נעכט און בלייבט שטענדיק גאַנץ. אָפּגעריסן איין זאַפטיקע פּרי און אַן אַנדערע וואַקסט גלייך אויס אויף איר אָרט. און מישנדיק מיט אַ הילצערנער קאָטשעלקע די פאַרעדיקע טעפּ, האָבן אירע ליפּן געשעפּטשעט אינעם געדיכטן זיסלעכן ריח אַ ציטערדיקע תּפילה: „געלויבט דער אויבער־שטער, נח איז אינדערהיים"...

די ערד איז ווידער פעסט געוואָרן אונטער אירע הויכע געטאָקטע פיס, און מיט אַ פאַרטאַיעטער אַרויספאָדערונג אין די האַלב־אַראָפּגעלאָ־זענע נישט־אויסגעשלאָפענע ברעמען, מיט אַ מין „פּרוּווו אָקאָרשט!" האָט זי אַצינד באַגעגנט אַלע די, וועלכע האָבן איר, נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק, אויסגעזען אַזוי געפערלעך; וועלכע זי האָט אומרואיק געמאַכט

און אַליין געוואָרן שווינדלדיק לעבן זיי. עפּעס ווי זי וואָלט געשטאַנען אויפן ראַנד פון אַן אָפּגרונט.

אין מאַרק טרעפט זי אָן דאָס דעם אַפּטייקער, וועלכער האָט איר דאָ אַמאָל געשריבן אַדרעסן. דעם דאָקטאָר חישין, פאַר וועמען זי האָט זיך האַלב־אויסגעטאָן, דאָרטן —— דעם נייעם נגידס שקאָלע בחורל. זי לאָזט זיי דורך פאַרביי די אויגן. געפּלדיק, ווי דורך אַ פאַרשוויצטער שויב, זעען זיי איר אויס. און זי קען נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי אָט די צעקראָכענע נפשות האָבן זי געקענט אַזוי אומרואיק מאַכן. זאָט מיט „כשרות״, ווי זי איז אַצינד, עקלט איר פאַר די פריערדיקע באַהאַלטענע גלוסטעניישן נאָך „טרפה״. און ווייַנען ווילט זיך איר פון טיפער פרייד, וואָס אָט די אַלע יסורים האָבן זיך געענדיקט. אין האַרצן ווייסט זי זייער גוט, אַז קיין גרויסע צדקות איז עס נישט, דאָס וואָס זי וויל אַצינד נישט טרינקען קיין פרעמדע ברודיקע וואַסער, ווען זי איז אָנגעטרונקען פון איר אייגענעם קוואַל. דערפאַר טאָקע איז זי אַלעמען מוחל פאַר פריער־דיקער גרינגשעצונג צו איר. זי איז מוחל דעם אַפּטייקער, דעם דאָקטאָר חישין. אַפילו קושקע בראַנד — דעם פּרעסער... אַ נישט־גוטקייט טראָגט זי נאָר קעגן זאַוול דעם שמייסער. אַ חשד האָט זי, אַז ער, דער ווייבער־ניק, איז דער אמתער שולדיקער אין קושקעס אָנפאַל אויף איר אין דער נאַכט פון דער „סעודה״ פון חברה־לויה. דאָס האָט ער, זאַוול, אים פאַרשלעפּט און אַליין באַהאַלטן זיך הינטער קושקעס ברייטע פּלייצעס, הינטער זיין אָנגעפּרעסענעם בויך, און געטשאַטעוועט אין דרויסן אויף אַ „ביינדל״, ווי אַ הינטל —— הינטער אַ גרויסן הונט.

איר איז שוין אַפילו אויסגעקומען צו אַמפּערן זיך מכוח דעם מיט נחן. פאַנדרע איז אָבער געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר זאַוול שמייסער:

— זאָלן מירביידע אַזוי געזונט זיין, מערע, ווי מיר האָט ער עפּעס אויך אויסגעזען פאַרכעוואָטע. אַ מויל פון אַ יידענע האָט דאָס. כ׳האָב אים אַפילו געוואָלט פאַרפאָרן אין באַק ביי וואָועס בודקע... נאָר וואָלסט זען דערנאָך, ווי ער האָט זיך דאָס מוסר־נפש געוועזן ביים לעשן דעם וואַלד! אַ געהלשטן האָב איך אים אויפגעהויבן אין קאַנאַווע...

אָבער מערע מיט איר ווייבערישן חוש האָט זאַוולס מסירת־נפש אַ ביסל אַנדערש פאַרשטאַנען:

— דאָס האָט ער מורא געהאַט פאַר דיר. געוואָלט זיך אונטערלעקן... איך קען שווערן, אַז ער האָט גאַנצינקע טעג אָפּגעוואַרט אויף דיר ביים

„אונטערבאַרג״; טאָמער קומסטו מיטן שליאַך. פאַרכאַפּן די פּיש פאַרן נעץ האָט ער געוואָלט.

— נו, — פּירט פאַנדרע פאַנאַנדער מיט די הענט — האָט ער חרטה...

רופט זיך אָפּ מערע:

— אפשר קושקע אויך?

נאָר גלייך אויפן אָרט כאַפּט זי זיך, אַז דאָס האָט זי נישט געדאַרפט זאָגן. נחס כלומרשט אויסגעלאָשענער כעס טליעט נאָך אונטערן אַש. קען ער מיינען, אַז זי שטעלט זיך צופּיל איין פאַר קושקען און פאַר זיין גראָבקייט.

אין פאַנדרעס אויגן טוט טאַקע אַ בליאַסק אַן אָפּשיין פון אַ פאַר־געסענעם חשד:

— ניין, אַזאַ אַלטער חזיר! אַ טאַטע פון קינדער!...

— איך זאָג דאָך נישט, — לאָזט מערע אַראָפּ די אויגן — כ׳האָב נאָר געמיינט... אויב שוין — זאַוולען, טו זאָל מען קושקען אויך פאַר־בעטן... און זאָל נעמען אַ סוף... וועלן אַלע זען, אַז ס׳איז גאָרנישט מיט נישט אַלץ וואָס מען רעדט.

— מיט א י ם, — קערט זיך פאַנדרע אָפּ — וויל איך מער אויף איין ברעט נישט שטיין. אין אָרשע ביים באַן האָט ער מיר זיך שוין איינמאָל, באַלד נאָך דער חתונה, צעדברט וועגן דיר... ווען נישט דו וואָלט, וואָלט...

— נאָר זע, נח, — בעט זיך ביי אים מערע — פאַרפיר מער מיט קושקען נישט קיין געשעפטן! גענוג וועט זיין!...

— וואָס האָסטו אַזוי מורא? — קוקט זיך פאַנדרע אום — בישקשה כ׳וועל מיין שטעטל באַשטיין.

ער געדענקט אַפילו, אַז אין דער נאַכט פון אומקערן זיך אַהיים האָט ער זיך ביי די יאַטקעס געשוווירן מער נישט אויסצובערענגען זיינע כוחות אויף שלעגערייען מיט גראָבע יונגען. נאָר מערעס ווייכע רייד וועגן קושקען רייבן אים. קעגן זיין אייגענעם ווילן צעקאָכט זיך אין אים זיין בלוט. וואָס מער זי וועט בעטן פאַר אים, מערע, אַלץ ערגער וועט זיין...

מערע האָט גאָרנישט געענטפערט. אָפּגעזיפצט און געלאָפן צום אויוון מישן די קולאַיע. צעטאַנצט זיך מיט דער קאָטשעלקע אין ברוינ־לעכן געמישעכץ און נאָך אַמאָל אָפּגעזיפצט. אַך, קולאַיע איז דאָך ביי לייטן אַזאַ גוטער זיסער פאַפּ צוזאַמענצוקלעפּן אַלע ברוגזע... נאָר וואָס זאָל זי טאָן? זי זעט קלאָר, אַז איר נח איז ביטערער געוואָרן נאָכן אַס־

טראָג. דאָס ציגעלע ביי אים האָט זיך אויך פאַרשאַרפט. שווער געוואָרן אויסצוטענהן זיך מיט אים. פאַרן אָסטראָג — זי זאָל אים געווען בעטן — וואָלט ער זי געפאָלגט. ניין. אַזוי גלאַט וועט דאָס צווישן נחן און קושקען נישט אָפּלויפן.

ערב שבת פון דער סדרה „עקב”, אַ טאָג נאָכן אויסרעדן זיך מיט נחן, טרעפט מערע אָן זאָוול שמייסער אין מאַרק. מיט קאַלטע אויגן האָט זי אַצינד אָנגעקוקט זיין שוואַרצע טשופרינע, וועלכע רייסט זיך, ווי אַ וויכער, פון אונטער זיין קאַרטוז מיטן צעבראָכענעם דאַשיק, זיינע שטראַמע פיס אין פאַרלאַטעטע שטיוול. ער האָט אויסגעזען ווי אַ יונגער־מאַן, וואָס אין פרנסה־זאַכן איז ער ביי זיך געפאַלן, נאָר נישט אין ווייבע־רישע זאַכן... און געוווּנדערט האָט זי זיך, מערע, אין האַרצן, וואָס אַפילו אויף אָט דעם „האַלאַדראַגניעץ”, מיט די חוצפּהדיקע אויגן, האָט זי זיך איינמאָל ביים דניעפּער אויך שיער־שיער נישט פאַרקוקט.

גייט צו איר זאָוול שמייסער צו, ווי צו אַ ווייב פון זיינעם אַ גאָר גוטן פריינד:

— מיט ליב איז אייך אייער גאַסט, מערע!

האָט זי געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, כדי צו ווייזן אים זיין אָרט, און טרוקן אַ שמייכל געטאָן:

— יאָ. נח האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז ער האָט זיך שוין געזען מיט דיר...

— נאָך אַ מין זען זיך! — מאַכט זאָוול און די ממזרישע אויגן זיינע לויערן — מירן דאָך ביידע געלאָשן דעם וואַלד, האָבן מיר...

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט דער דרייסטקייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט שוין אַלע שונאים אָנגעשאָטן זאַמד אין די אויגן און האָט מער נישט וואָס מורא צו האָבן.

— ער האָט מיר געזאָגט, — ענטפערט מערע קורץ און טרעט אָפּ.

נאָר אָפּטרעטנדיק אַ פּאָר טריט, דרייט זי אום דעם קאָפּ צו זאָוולען, וועלכער שטייט נאָך אַ פאַרגליווערטער פון איר קאַלטקייט:

— יאָ, וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן? נ ח האָט דיך געבעטן שבת אויף קולאַיע.

## .2

אין באַלעגאָלישן צעך איז דערוויילע אָוועק אַ גערייד וועגן מערעס און סענדעריכעס כיבוד לכבוד פאַנדרען. ד ע ם האָט מען פאַרבעטן

שבת אויף קולאַיע און י ע נ ע ם האָט מען פאַרבעטן. מען האָט אומישנע געריעדט הויך אויפן קול, כדי, אגב אורחא, זעען וואָס פאַר אַ מינע קושקע בראַנד וועט דערביי מאַכן. קושקע בראַנד האַלט אָבער אויס. ער האָרכט — און זאָל זיך דאָס אַפילו איין אָדערל אַ ריר טאָן אין זיין רויט־אָנגעגאָסענעם פנים. ווי מיט דער קולאַיע אַזוי אָן דער קולאַיע! אַלע אין צעך ווייסן דאָך סיי ווי סיי, אַז קיין גרויסער פריינד פון ר' סענדערן איז ער קיינמאָל נישט געווען. פון פאַנדרען, זיין איי־דעמל — אַוודאי און אוודאי נישט. הייגט, וואָס שטעכן זיי אים אַזוי מיט דער פאַרדריפּעטער קולאַיע? זאָלן עס זליאָקען יידינקעס, וואָס האָבן נישט קיין צאָן אין מויל...

און כדי צו דערווייזן, אַז די קולאַיע אַרט אים ווי דער פאַראַיאָרי־קער שניי, ציט ער זיך פּאַוואָליע אַרויס זיין פלאַכע פלעשל פון כאַליאַווע. זיי, די באַלעגאַלעס, רעדן דאָרט, און ער מאַכט: „גול־גול־גול”... ס'הייסט גייט אייך לעקן קולאַיע אויב איר ווילט. איך האָב אַ בעסערע זאַך.

פאַרקאָכן טוט אים דאָס האַרץ נאָר דאָן, ווען זאַוול, זיין געוועזענער שמייסער, שפּרייזט אַריין אַ ביסל האָפּעררדיק אין צעך, צעזעצט זיך ברייט־לעך און צעגעמט זיינע פאַרלאַטעטע קני און צעפּאַנפּעט זיך הויך אויפן קול צו די באַלעגאַלעס:

— איז... וועט מען, הייסט דאָס, שבת מירצישעם עסן קולאַיע?

— דו אויך? — וווּנדערן זיך באַלעגאַלעס.

— אָט, — פאַרדרייט זאַוול שמייסער איין באַק, ווי איינער זאָגט: „וואָס דען האָט א י ר געמיינט?” — מערע האָט מיך אָקאָרשט פאַר־בעטן. נח, מאַכט זי, האָט דיך געבעטן שבת אויף קולאַיע...

דאָס קלינגט גאָר גאוהדיק. דאָס הערט זיך אָן ווי אַ נצחון פון אַ באַרעדטן בעל־עברהניק, וואָס האָט געוווּנען אַ האַרבע דין־תורה, אָפּ־געוואַשן, הייסט דאָס, פון זיך די רכילות, אַז ער האָט דאָס קושקע בראַנד געשלעפּט אַנצוקלאַפּן מערען אין לאָדן אינמיטן דער נאַכט.

אַלע באַלעגאַלעס אין צעך ווערן אַנטשוויגן און אַלע אויגן גיבן זיך אַ ווענד צו קושקען. ס'הייסט: דו הערסט דבורים? פאַרבעטן זאַוולען אויף קולאַיע!... איז דאָך דער בעסטער סימן, אַז פאַנדרע אַליין האַלט, אַז שולדיק ביסטו... דו אַליין!

פון אַזאַ האַרטן שווייגן און פון אָט די באַזונדערע קוקעלעך, גיבן זיך קושקע בראַנד אַ קער אַלע בעבעכעס אין בויך. אין האַלדז ווערט אים ביטער. גלויבט טאַקע פאַנדרע דער אָסטראָזשניק, אַז זאַוול איז גאָט

די נשמה שולדיק?... און מערע, די חכמה, האַלט אים אויך פאַר אַ שיינעם מענטשן...

— הער דו! — שפּרינגט קושקע אויף און לויפט צו צו זאַוולען — דו פראַנצעוואַטער שלעפּער דו! זאָג א י ר... זאָג א י ם אַליין, אַז כ'האָב אייך אַלעמען אין דר'ערד מיט... מיט דער קולאַיע צוזאַמען!

— גוט, כ'וועל אים זאָגן! — גיט זאַוול ממזריש אַ מאַך מיט די אויגן צו די באַלעגאַלעס און באַהאַלט זיך פונדעסטוועגן הינטער זייערע ברייטע פּלייצעס. אויף קושקעס, מיט בלוט־פאַרלאָפענעם פּנים, זעט ער, אַז שטיין אַצינד צו נאָענט צו אים קען שאַדן צום געזונט.

קריצנדיק מיט די ציין קוקט קושקע אָן די בערדיקע און אָפּגע־ברענטע באַלעגאַלישע פּנימער. אַלץ באַקאַנטע צורות. אַלטע גוטע ברי־דער פון צעך. נאָר אַצינד זענען זיי אַלע אַזוי פאַרגליווערט. אָה, די מאָרדעס! שווער דורכצוקוקן זייערע שטיינערנע אויגן. גלויבן זיי טאַקע אויך, אַט די גראָבע קעפּ, אַז זאַוול גנבֿ, אָט דער אויסוווּרף, איז מער מחותן מיט מערעס קולאַיע ווי ער? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן?...

די האַרטע באַלעגאַלישע פּנימער האָבן זיך אָן אַ שום מינע אַראָפּ־געלאָזט אונטער זיין ווילדן קוק. דאָס האָט געהייסן: „פאַנדרע אַליין קען אויך באַשטיין זיין שטעטל. מיר מישן זיך נישט".

קושקען איז איינגעפאַלן דאָס האַרץ. קיינער וויל נישט אַריינשטעקן דעם קאָפּ צווישן אַזעלכע צוויי פּיפּערנאָטערס ווי ער און פאַנדרע. אויב אַזוי, קען ער זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן, נאָר אויף זיך אַליין. ע...עך, אַ בראָך זאָל זיי אַלעמען איינלייגן! נישטאָ קיין אמת אויף דער וועלט!

בורטשענדיק און סטראַשענדיק עמיצן, אַז „ס'וועט זיך גיסן בלוט", איז ער אַרויס פון צעך, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף זיין קעלניע און ווילד גענומען טרייבן און שמייסן דעם פערד זיינעם צו זיך אַהיים. יאָגנדיק אַזוי זיין פערדל האָט ער אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל, כדי דער ערבֿ־שבתדי־קער ווינטל זאָל אים אָפּקילן זיין גרויסן פּליך מיט די פּעקלעך גרוילעך־געלבע האָר איבער ביידע צעפּלאָמטע אויערן. אָבער אויך דאָס האָט אים נישט אָפּגעקילט. האָט ער זיין גאַנצע היץ אויסגעגאָסן אויף זיין ברויטגעבער: „היניאָ, היניאָ! צו אַל־די שוואַרצע יאָר!" אַט גלייך אויפן אָרט מוז ער איבערבייטן די פּלאַכע פּלעשל בראָנפן אין כאַליאַווע אויף אַ מעסער... אָדער — ניין! בעסער אין איין כאַליאַווע דאָס פּלעשל בראָנפן

און אין דער צווייטער — אַ מעסער. אַזוי איז גלייכער. היניאָ!... בלוט ווערט זיך נאָך גיסן אין שקלאָווער גאַסן!

קושקע בראַנד האָט זיך געקאָכט און די וועלט איז זיך געגאַנגען מיט איר שטייגער. די קולאַיע האָט זיס געפּרייעט אין סענדעריכעס אויוון. און צימעסלעך האָבן פאַרשעמט געפּיפּסט ביי מערעס שכנים. וואָרים ווי קענען זיי זיך פאַרגלייכן מיט קולאַיע?

געקומען שבת נאָכן שלעפל, האָבן געגומען גיין שבתדיקע קאַפּאָטעס און ווייבערישע טשיפּיקעס צו סענדערס הייזקע. שוין לאַנג האָבן סענ־דעריכעס טיר־קליאַמקע נישט באַרירט אַזוי פיל הענט, אָן עין־הרע.

וואָס קולאַיע קען מאַכן! אַנדערהאַלבן יאָר איז סענדערס שטוב גע־שטאַנען פאַרלאָזן פון גאָט און פון לייטן. אַפילו געוועזענע גוטע ברידער פון צעך האָבן אַהער נישט געוואָלט אַריינשמעקן. מאַנסבילן האָבן מורא געהאַט פאַר אַזעלכע רכילות ווי עס גייען אום איבער קושקע בראַנד, און ווייבער האָבן מורא געהאַט פאַר זייערע גראָשנס אויף דער הוצאה. מיט העלפן זיפצן אַזאַ פאַראַרעמטע שטוב, קען מען נישט יוצא־זיין. מען מוז עפּעס געבן צושטייער אויך...

און פּלוצלונג האָט דאָס פאַרלאָזן הייזקעלע אָפּגעלעבט. די אָנגע־שפּאָלטענע פּירהויז־טיר — אָט עפנט זי זיך און אָט פאַרמאַכט זי זיך. אין דעם אָפענעם פענצטערל צו דער גאַס, זעט מען ווי סענדעריכע לויפט אַרום אויף אירע קורצינקע פיסלעך ווי אַ וועווערקע, און מערע שווימט אַרום מיט איר הויכער געשטאַלט. מאַמע און טאָכטער טראָגן פולע טעלער. פון אָפענעם פענצטערל טראָגט זיך אַ מאַלציקער וואַרעמער ריח. און די, וועלכע גייען אַרויס פון פּירהויז באַלעקן זיך נאָך.

אַריין און אַרויס. צו קולאַיע איז מען דאָך נישט מחויב צו קומען אין אַ באַשטימטער שעה, ווי צו אַ סעודה. ווער עס קומט פריער, דער שאַרבעט אָפּ זיין חלק, זאָגט אַ דאַנק, גיט אַ קוש די מזוזה און גייט געזונטערהייט. ס'איז אַ פאָלקס־כיבוד ווי אין דער פּורימדיקער מגילה שטייט: „אין אונס"... קיינעם נויט מען נישט פון קהל, ווען און ווי אַזוי צו עסן, ביירערט יעטוועדער ווי אים געפעלט און ווען אים געפעלט.

נו, אַז מ'נאַשט זיך אָן מיט קולאַיע קאָן מען דאָך קיין חזיר נישט זיין. מ'מוז ווינטשעווען, מ'מוז זיך אַ שפּיל טאָן מיט מערעס ייִנגעלע, אַ שמונצער טאָן מיט די ליפּן צו דעם יאַטעלע, וועלכער איז אַ נאָמען נאָך ר' סענדערן עליו השלום. פון גרויס ליבשאַפט גיט נאָר די אַדער יענע שכנטע אַ וויש מיטן פינגער קולאַיע־שיריים פון איר טעלער און

שטעקט אַפֿ סענדערקען צווישן די ליפּלעך. זאָל ער אויך וויסן וואָס פֿאַר אַ גוטע זאַכן עס זענען דאָ אויף דער וועלט, און זאָל ער וויסן, דער עכברש, וואָס פֿאַר אַ בריות זיין באָבע און זיין מאַמע זענען.

אַ פּאָר מאָל האָט זיך אַפילו מערע געפּרוווט אַריינמישן: „גאָט איז מיט אייך, ער איז דאָך נאָך קיין יאָר נישט אַלט!"...

מאַכט אָבער איין שכנטע אַ זיסן שנעבעלע:

— איין לעק, מערע קרוין! וואָס קען עס שאַדן?

רופט זיך אָפּ אַ צווייטע באָבעצע, אונטער איר טשאַרטעוואָקאָזשע־נעם טשעפּטשיק:

— נישקשה, צום ברית האָט מען אים געגעבן לעקן ווין פון קידוש־בעכער און ס'האָט אים אויך נישט פאַרשאַדט.

— מצ... מצ... מצ... — צוויטשערס אַ דריטע באָבעלע צו סענדער־קען — —געשמאַק, אַ? ווילסט נאָך קולאַיע, וואָס?

און סענדערקע, מערעס יאָריקער בחורעץ, מיטן פלעק אויפן העלדזל, באַלעקט זיך גאָר נישקשהדיק פון דער ברוינער האָניקדיקער געמישעכץ. און נאָך יעדן לעק בלאָזט ער אָן די אויגעלעך און די ליפּעלעך און מאַכט „בר־בר־בו" און די באַלעגאָלעס פון צעך און די מומישעס פון שכנישע הייזער קאָטשען זיך פאַר נחת און קענען זיך גאָר נישט אָפּוווּנדערן פון סענדערקעס חכמות:

— זעט, זעט, ווי ס'געפעלט אים דער באָבעס קולאַיע!

— איז אויך צופרידן, וואָס דער טאַטע איז געקומען.

## 3.

שפּעטער פון אַלעמען זענען געקומען די נאָענטסטע, די בעסטע גוטע ברידער. שמהלע טורערו, וועלכער האָט שוין פּאָספּעיעט איבערצובעטן זיך מיט פאַנדרען, נאָך זיין אַנטלויפן פון אים ביים אונטערבאַרג, איז אָנגעקומען מיט זיין פלוניתטע. וואָיטעק דער בריוו־טרעגער, וואָס האָט צוגעשטעלט מערען אַלע בריוו פון מאָהליוווער אָסטראָג און קיין קאָפּיקע קיינמאָל נישט געוואָלט נעמען; זאַוול שמייסער, פאַנדרעס בייער גוטער־ברודער זינט דער שריפה אין וואַלד; זונדל גאָטס גנב און טעמע זיין ווייב מיט דער מאַנסבילשער נאָז. באַר מושע, זייער טאָכטער, וועלכע איז אויך געוועזן פאַרבעטן, איז מיט זיי נישט געקומען. זי האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ חשד אויף מערען, אַז יענע האָט זיך געקליבן אָפּשלאָגן פון

איר דעם דאָקטאָר אירן, דאָקטאָר חישינען. האָט זי געלאָזט זאָגן, אַז זי האָט קאָפּ־ווייטיק. אַנשטאָט איר אַליין האָט טעמע, די מאַמע אירע, גע־בראַכט פונדערהיים אַ פּאַליוועַנעם טעפּלע מיט אַ פּאָקרישקע, כדי אָפּצו־טראָגן איר חלק אַהיים. אַזאַ מנהג איז ביי קולאַיע פון קדמונים אָן: ווער עס קען נישט קומען, קען שיקן אַ כלי, נאָר נישט אַ צו גרויסע כלי... מען דאַרף וויסן ווי צו האַלטן שטאָט.

פאַר אַט די נאָענטע געסט האָט מען דערלאַנגט, אַזוי צו זאָגן, אַ היי־מישע קולאַיע. פּאַנדרע, מערע און סענדעריכע האָבן אויך צוגערוקט אַ בענקל צום טיש און געהאָלפן נאַשן. דאָס ברוינע אַפּעטיטלעכע גע־מישעכץ, וואָס זעט אויס ווי צעלאָזענע חרוסות, נאָר פעטער און גלאַנ־צענדיקער, האָט מען לכבוד אַזעלכע געסט באַשאָטן מיט געשטויסענע געווירצלעך, איז דער טעם געוואָרן גאָר אַ געהויבענער.

נאָר שקלאָוווער קבצנים וועלן דען לאָזן נעמען אַ גוטע זאַך אין מויל אַריין? אויך אין קולאַיע האָבן זיי אומעטום אַ חלק.ביידע שלעפּערקעס, „אַיקעלע״ און „מחיהקעלע״ זענען אַריין אין שטוב גאָר ברייטלעך, מיט גאָר נישקשהדיקע טעפּ. מען זאָל זיי אויך מהנה זיין. נו, שלעפּערקעס זענען נישט מחויב צו האַלטן שטאָט, האָבן זיי געבראַכט די זעלבע כלים, מיט וועלכע זיי בעטלען זויער־קרויט, ווינטער־צייט... ביידן האָט מערע אָנגעלייגט מיט דער פולער האַנט. „מחיהקעלע״ האָט זיך אַזש באַלעקט פון קוקן אַליין, געגומען ווינטשעווען און שווערן זיך, אַז מ'האָט זי פשוט מחיה־געווען, האָט מען זי. דערקוויקט איר פאַרחלשט האַרץ האָט מען... און „אַיקעלע״, וואָס איז קיינמאָל נישט צופרידן, האָט אַ קוק געטאָן אין איר טעפּל אַריין מיט אַ זייטל און מיט איין אויגל, ווי אַ הון אויף אַ וואָרעמדיקן אַרבעס און האָט גיך אָפּגעזיפצט: „אַי־אַי־אַי, אַזאַ קאָפּעלע אויפן דעק?... און זי האָט געמיינט —״

און ווי זי דינגט זיך אַזוי — ערשט אַ נייע קאָנקורענטקע איז דאָ! היח־שרהקע דער משוגענערס קולכל צעגיסט זיך פאַנפאַטע אונטער דעם אָפענעם פענצטערל:

ניטשיינע האָב איך אַ שמעק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ.
דער אַסטראָזשניק מאַכט קולאַיע
דאָ, טאָקע דאָ.
מיר אַ ביסל, דיר אַ ביסל.
איכאַ, איכאַ־כאַ!

— נאַ, אָט האָסטו זי!... — גיט סענדעריכע אַ קוויטש צו מערען, — גיב איר שוין אָפּ איר חלק און זאָל זי גיין!

מיט איר לענגלעכן פּעקעלע, אָנשטאָט אַ קינד, איז חיה־שרהקע געשטאַנען אונטערן אָפענעם פענצטער און געהוידעט אים: און אירע קנײטשעלעך, אַרום א י י ן אויג און ביי די גראָבע לוסטנדיקע ליפּן, האָבן געטאַנצט. אָט־אָט ווערט זי צעפּלאַצט פון איר איינגעהאַלטענעם געלעכטער. נאָר מיט איין־אייציקן בולטן אויג ווינקט זי. דאָס צווייטע אויג איז פאַרבונדן. וואָרים בשעת זאָגן שוואַרצע בביאות אויפן „אונטערבאַרג״, ווען די וואַלד־שריפה האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן, האָט איר אימיצער געוואָרפן אַ שטיין פון באַרג־אַראָפּ און געשפּאָלטן איר דעם מוח. איבערגעריסן איר פינצטער לידעלע און... אַזוי אַרום, געראַטעוועט דעם גאַנצן אונטערבאַרגער ישוב.

כדי וואָס גיכער אָפּצושעפען זיך פון דער משוגענער, האָט איר מערע, אַרויסגעטראָגן אַ פול טעפּעלע מיט הייסע קולאַיע. און דאָס טעפעלע אויך אַוועקגעשענקט איר. וואָרים ווער וועט דאָס גיין געברויכן אַ ליימענע כלי נאָך אַ משוגענער?

חיה־שרהקע האָט דאָס זשעדנע אַ כאַפּ געטאָן מיטביידע שוואַרצע הענט, ווי מיט לאַפּעס, און, לעקנדיק מיט אַ לאַנגער צונג גלייך פון טעפּעלע, ווי אַ חיה, האָט זי געכאַפּט לויפן, פּונקט ווי זי וואָלט מערען אָקאָרשט אָפּגעטאָן עפּעס זייער אַ מיאוסע מעשה און האָט מורא פאַר קלעפּ...

ווונדערט זיך מערע: אויף אַזאַ משוגעת האָט זי זיך נישט געריכט. אַפילו משוגעים זאָגן אַ דאַנק, אַז זיי זענען צופרידן... נאָר באַלד האָט זיך חיה־שרהקעס אַנטלויפן אויפגעקלערט. ביים צוים פון אַ גרויסן קרויט־גאָרטן, אויף יענער זייט גאַס, האָט זיך חיה־שרהקע אָפּגעשטעלט און ערשט דאָ האָט זי אַרויסגעשאָסן מיט איר איינגעהאַלטענעם, גאַרגלדיקן פּאַסקודנינקן געלעכטערל: „כי־הי־הי און הי־הי־קכי״. און באַלד נאָכן געלעכטערל האָט זיך אויסגעגאָסן איר נישט־דערזונגען לידעלע:

מיר קולאַיע, דיר קולאַיע
דאָ, אויכעט דאָ.
אַי, אַ מאכל, אַי, דער בייכל!
דאָ, טאַקע דאָ.
נאָכן סענדער, מיטן סענדרוק
איכאַ, איכאַ־כאַ!

מערען האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. זי האָט זיך אָנגעשפּיצט. וועמען מיינט זי דאָס „סענדרוק״ — די משוגענע? א י ר סענדערקען אפשר? ער איז דאָך אַ נאָמען נאָכן טאָטן...

נאָר מ׳האָט זי נישט געלאָזן אַריינטראַכטן זיך אין חיה־שרהקעס געזאַנגעלע. די געסט אין שטוב זענען געוואָרן אומגעדולדיק און מ׳האָט זי אַריינגערופן פאַרענדיקן די פולע טעלער מיט הייסער קולאַיע.

## 4.

די הילצערנע לעפל פון די לעצטע בכבודיקע געסט זענען זיך ווידער צעלאָפן. לעפל איין און לעפל אויס, ביז אין טיפע טעלער איז קיין שריד ופליט נישט געבליבן. „ווער וויל נאָך?״ — האָט סענדעריכע אויסגערופן — „שעמט זיך נישט!״.

זאַוול שמייסער, זונדל און שמחהלע טורערו מיט די פלוניתטעס האָבן זיך צעמעקעט און צעכיכיקעט: „ע... יאָ. המ... אויב, הייסט דאָס, ס׳איז דאָ איז — כי־כי־כי!״...

— מיר האָבן געגעסן הייסע, — מאַכט סענדעריכע — אַצינד לאָמיר פאַרזוכן קאַלטע אויך.

ווי שטיקער האָניקדיקער לעקאַך האָט זיך געלייגט די קאַלטע קולאַיע גלייך פון טאָפּ אין די גרויסע טעלער. די אורחים האָבן זיך אַזש די הענט געגנומען רייבן פון פאַרגעניגן. ניין, אַזאַ געראָטענע קולאַיע האָט מען שוין לאַנג אין שקלאָוו נישט געזען. כאָטש נעם און שנייד פון איר צוקערלעך.

אָנגענאַשט זיך, הויבט דער ערשטער אויף דעם קאָפּ זונדל גאָטס גנב. ער איז אַן אַלטער איינגעפונדעוועטער קולאַיע־עסער. איז ער גיכער פאַרטיק געוואָרן. און זיינע בלישטשענדיקע אויגעלעך, און די טיפע האַרמאָשקע קנייטשעלעך, האָבן געהאַט אַן אויסדרוק, ווי אויסגעטשוכעט פון אַ טיפער שכורער הנאה. מיט אַ פאַרשווומענעם קוק האָט ער אַ בלאָנדזשע געטאָן איבער שמחהלע טורערו און איבער וואַיטעקן.ביידנס וואָנסעס זענען געווען אויסגעשמירט ווי מיט שיטערן ליים... דערזעענדיק אַזאַ שפע, האָט זיך זונדל דערמאָנט, אַז אויך ער האָט וואָנסעס, וועלכע זענען מסתמא אויך נישט אין אָרדענונג.

— אָך, אַ מחיה, — מאַכט ער — ווי איך בין אַ ייד! — און זויגט

בשעת־מעשה אָפּ די אויבערשטע וואַנסע מיט דער אונטערשטער ליפּ, ווי מען איז זיך נוהג מיט הבדלה־ווײַן: פּט... פּט...

דערזעט זיידע וואַיטעק, אַז דער עולם פּוצט זיך שוין, טוט ער דאָס זעלבע, פּאַוואָליע, מיט געצויגענער הנאה, און זיינע אויסגעבליטע פּיאַ־לעטע אויגן לויכטן דערביי מיט גוטסקייט.

— נו, מאַכט ער — געלויבט דער אויבערשטער. אַ וואָך נאָך „שבת נחמו" מעג מען זיך אָנטאָן אַ ביסל ווילטאָג.

ביסלעכווייז צערעדן זיך אַלע אַכט אָנטיילנעמער. און אַלע זעען אויס, אין דער גרויער ליכטיקייט פון פּאַר שלוש־סעודות, נאָך די צוויי טיפּע טעלער קולאַיע, הייסע און קאַלטע, ווי ס'וואָלט זיי אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין די אויגן.

— העך, — מאַכט זאַוול פּאַרחידושט, — וואָס פון קאָרענע מעל קען ווערן!

שמחהלע טורערו איז זאַוולס פּלוצלעכע גוט־ברודערשאַפט מיט זיין חבר פון יאַטקע און פון אָסטראָג, מיט נח פּאַנדרעץ, אַ האָר נישט געפעלן. פּויקט ער אים אויס זיין נישט־צופרידנקייט גלייך אויפן אָרט:

— פּונקט וואָס פון אַן אַרויסגעטריבענעם שמייסער קען ווערן...

ציגנדט זיך זאַוול אָן ווי אַ פייער:

— מ'רעדט דאָך נישט מיט דיר, לאַטרע!

דערזעט זיידע וואַיטעק, אַז ס'פּאַרנעמט זיך אויף אַ קריג, שלאָגט ער גלייך איבער:

— ששאַ.. מיט קולאַיע איז דאָך ווי מיט יענעם יון, וואָס איז אַריינ־געפאַלן אַ הונגעריקער צו אַ קאַרגער פּויערטע. נישטאָ, מאַכט זי, ביי מיר גאָרנישט. קיין גרייפּעלע האָב איך נישט. כ'האָב אַליין נישט וואָס צו עסן!... אַ האַק האָסטו כאָטש? — פרעגט דער יון. אַ האַק איז דאָ! גיב אַהער, וועלן מיר בראָטן די האַק. נאָר בראָטנדיק די האַק פּאַרלאַנגט ער ביסלעכווייז, דער יון, דאָס ציבעלעס, דאָס גרויפּן. די פּויערטע איז מוראדיק טשיקאַווע, גיט זי אים, כסדר, אַלץ וואָס ער בעט, אַבי צו זען ווי פון אַן אייזערנער האַק ווערט אַ געבראָטנס. לסוף, אַז ס'איז פּאַרטיק געוואָרן, האָט דער יון אַרויסגעוואָרפן די האַק און דאָס גאַנצע געקעכץ אויפגעגעסן... וואָס־זשע איז די רבותא וואָס פון קאָרענע מעל ווערט אַזאַ מאכל? מישט אויס האָניק מיט סאָק פון „זשוראַווינעס" און ווייקט אין זיי אָן סקאָרינקעס און באַשיט זיי מיט פּיסאָמים (בשמים) וועט איר אויך לעקן די פינגער.

רופט זיך אָפּ שמחהלע טורערו און ווישט זיך די וואָנסעס:

— אַצינד, אַז מיר האָבן זיך אָנגעזליאָקעט מיט קולאַיע, וואָלט נאָך געווען גוט אַ פּיינער בעכערל מיט ניינציקער און אַ שטיק לעקאָך. קולאַיע ביי לייטן איז דאָך ווי אַ הערינג פאַרן עסן. איר ווייסט דאָך, מסתמא, ווי מ׳עסט אַ גוטן הערינג?

— ס׳אַראַ קצבישע קישקע!... — גיט זאָוול אַ בורטשע. דאָס רעכנט ער זיך מיט אים אַצינד אָפּ פאַרן פריעדיקן טשעפּען זיך.

נאָר שמחהלע טורערו קוקט אַפילו נישט אין זיין זייט און רעדט ווייטער:

— אַ הערינג דאַרף מען עסן מיט שכל. מ׳דאַרף זיין אַ קענער אויף הערינג, דאַרף מען. מען מוז זען, אַז דער הערינג זאָל האָבן אַ דיקן רוקן און אַ בלוילעכע הויט, ווי די מאָרדע ביי אַ גלוח (ביי אַ געגאָלטן). וואָס בלויער דער רוקן — אַלץ פעטער איז ער. ס׳איז אַ שמאַלץ־הערינג. און מילך מוז ער האָבן אין בויך, נישט קיין רויג. פון אַ הערינג מיט רויג בלייבט גאָרנישט אין מויל און עס ברענט אויפן האַרצן. אַז מען קריגט אַזאַ רעכטן הערינג, הייסט מען אים אויסטאָן די ראַצעמאָרענע קאַפּאָטע און מ׳ציט פון אים אַרויס די מילך. אויף וואָס טויג אַ הערינג אַ זכר מילך? מילך איז גוט פאַר נקבות. די מילך צערייבט מען מיט עסיק און מען באַגיסט דעם אדם־נאַקעטן הערינג און מען לייגט אים אַרום מיט ציבעלע־רינגעלעך. מיט רעדעלעך פון אַ פרישער אוגערקע. מיט געקאָכטע בולבעס, מיט הייפּלעלעך פעפער. דערנאָך וואַשט מען זיך. מען מאַכט המוציא. מען צעשניידט דעם הערינג, מען עפנט זייער שיין אויף דאָס פענצטער און מען וואַרפט אַרויס דעם גאַנצן הערינג מיט אַלע פּאַטראָוועס אויף דער גאַס... און תיכף, אויפן אָרט, גיט מען אַ האַק אין טיש, מ׳רופט צו דאָס ווייב און מ׳הייסט דערלאַנגען דאָס גוטע שטיקל געבראָטנס מיט יויך און מיט בולבעסלעך און מיט ציבעלקעס. מ׳רייבט אַריין אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. מ׳ווייזט אָן אויפן אָפענעם פענצטער און אויפן אַרויסגעוואָרפענעם הערינג און מ׳זאָגט: „אָט דאָס איז אַן עסן?” און מ׳ווייזט אויפן טעלער מיט געבראָטנס און מ׳זאָגט אַזוי: „אָט ד אָ ס איז אַן עסן!”....

דער ווונק אויף מערעס כיבוד איז אַפילו נישט געווען אַזוי איידל, פונדעסטוועגן האָבן אַלע געלאַכט. אויסער זאָוולען.

— אַזוי ווויל — מאַכט ער — צו קצבים, וואָס ווי זיי קומען פון

אָסטראָג האָבן זיי שוין קעלבערנע יוצרות אין יאַטקע. אָבער וואָס זאָלן טאָן באַלעגאָלעס, וואָס זענען געבליבן מיט איין בייטש־שטעקעלע?

ווערן שמהלעס אויגן שאַרף ווי די נאָדלען:

— ווּעמען לעקסטו דאָ, דו? לעק בעסער די קולאַיע פון טעלער. האָסט שוין, מסתמא, לאַנג נישט געגעסן. זאָג דעם אמת.

כדי אָפּצוקילן דעם כעס צווישן זאַוול שמייסער און צווישן שמחה־לען, הויבט אָן טעמע, זונדלס יידענע, צו שמונצערן מיט די ליפּעלעך צו סענדערקען און צו קנאַקן מיטן צינגעלע. הען, אַ ייִנגעלע, אָן עין־הרע, אויסגעוואַקסן! קאַפּענע דער טאַטינקע. מצ... מצ... מצ... קולאַיע האָסטו שוין געגעסן, קולאַיע?

און שמונצערנדיק אַזוי, גיט זי קונציק אַ וויש־אויס איר טעלער מיטן קאָריאַוון פינגערל און שטעקט אַריין סענדערקען גלייך אין מיילכל.

— אַך, — גיט זיך מערע אַ כאַפּ — איך בעט אייך!... וואָס טוט איר וואָס?

— איין שמיר ביי דער ליפּ, — מאַכט טעמע, און איר מאַנסבילשע נאָז צעשמעלצט זיך אין זיסקייט — וואָס קען עס שאַדן?

— רייִנע מעל מיט האָניק! — באַשטעטיקט שמהלעס פּלוניתטע — און שטופּט סענדערקען אויך אַריין אַ שפּיץ פינגער אין מיילכל.

סענדערקע באַלעקט זיך, בלאָזט אָן די אויגעלעך, און מאַכט „בר־בו".

— הען, ווי ס'געפעלט אים! — גייט צו זיידע וואָיטעק — מצו... מצו... מצו... צוציק מיינער!

און איז אים אויך מהנה מיט אַ טראָפּן קולאַיע.

— האָט גאָט אין האַרצן! — שטעלט זיך מערע צווישן די גוטע מענטשן און צווישן איר קינד. אין קאָפּ פליט איר מיט אַ מאָל דורך חיה־שרהקעס פּאַסקודנע לידעלע „אַי, אַ מאכל, אַי דער בייכל!"...

שרייט זי אויף אַ דערשראָקענע:

— זע, מאַמע! מ'מעג אַ קינד געבן קולאַיע?

— איין לעק... — באַרואיקט זי סענדעריכע — וואָס קען עס שאַדן?

# סענדערקע איז פּאַרביי

## 1.

אינמיטן דער נאַכט, נאָך דער גרויסער קולאַיע, האָט זיך מערע אויפגעכאַפּט פון אַ שאַרפן קוויטש. איר ייִנגעלע האָט געשריען.

זי איז געשלאָפן געשמאַק, ווי עס שלאָפט זיך אַלעמאָל נאָך אַ טומל־דיקן טאָג, פול מיט געסט און לויפעריי און גערייד. און דער ערשטער געדאַנק אירער, ביים אויפכאַפּן זיך, איז געווען חיה־שרהקעס אַנצוהע־רעניש אין איר מיאוסער לידעלע:

„אַי אַ מאכל, אַי דער בייכל,
דאָ, טאַקע דאָ!...״

איז זי אַראָפּגעשפרונגען פון בעט אַ דערשראָקענע. און ס׳איז טאַקע נישט געווען קיין געוויינלעכער געוויין פון אַ קינד, וואָס דערשרעקט זיך אינמיטן דער נאַכט, אָדער וועלכער האָט עפּעס אָפּגעטאָן אַ מעשה אין די וויקעלעך און פילט זיך נישט געהויבן. דאָס איז געווען אַ פאַרגייען־זיך, אַ פאַרכלינען־זיך פון אַ קינד, וואָס וויל איבערשרייען אַ שאַרפן ווייטיק.

ביים וויגעלע, נעבן דער הרובע, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף סענ־דעריכען. יענע האָט זיך שוין, ווייזט אויס, פריער אויפגעכאַפּט און געשטאַנען איינגעבויגן, מיט איר אויסגעדאַרטן גופעלע איבער די קישע־לעך, אין האַנט — אַ האַלב גלעזל מיט געזיסטן שוואַכן טיי. נאָר דאָס קינד האָט נישט גענומען. ס׳האָט געבראָכן.

— אוי, מאַמע!... — האָט מערע אויסגעשריען ביטער און אימיצן מיט אַ פאָרוואָרף — זעסט? וואָס האָב איך געזאָגט?...

— נישקשה, — האָט זי סענדעריכע גענומען באַרויִקן — לאָז אים נאָר אַ ביסל אָפּברעכן. דאָס בייכעלע, אַפּנים.

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז אַ לעק קולאַיע קען נישט שאַטן. אָט איז דיר „אַ לעק״!...

— אַז יעדער איינער, פֿאַרענטפֿערט זיך סענדעריכע — אַז יעדער איינער וויל זיין דער גוטער... נאָך אַ לעק און נאָך אַ לעק... נאַר נישקשה, ער וועט גאַנץ זיין.

— שוין לאַנג, אַז ס׳קינד שרייט אַזוי? — טומלט זיך מערע.

— שוין אַ היפּשע ווײַלע. לאָז!... אָט מ׳עט אים צולייגן אַ הייס פּלעשל צום בייכל. נישקשה.

סענדעריכע לויפֿט אַוועק אויף אירע פֿלינקע פּיסעלעך אין קאָכשטוב. פֿאַנדרע שלאָפֿט געשמאַק. און מערע בלײַבט אַליין ביים קינד. זי קען עס אין וויגעלע נישט באַרויקן — נעמט זי דאָס אויף די הענט, הוידעט, טוליעט עס צו זיך. און ער דאָ באַמערקט זי, אַז דאָס נפֿשל איז אינגאַנצן נאַס פֿון שווייס און קאָרטשעט זיך פֿון ווייטיק.

— אָט, אָט, — לאָזט מערע אַראָפּ דאָס קינד צוריק אין וויגעלע און כאַפּט זיך פֿאַרן קאָפּ — וואָס האָבן זיי געהאַט צו מיר? וואָלטן בעסער זייער גוטסקייט באַהאַלטן פֿאַר זיך אַליין...

— שאַ—שאַ! — שרייט אויף איר סענדעריכע פֿון קאָכשטוב — לייענסט שוין תחינות, לייענסטו? גיב נאָר אַ קוק! אַ נייעס ביי אַ קינד דאָס בייכל...

פֿון דער סומאַטאָכע כאַפּט זיך פֿאַנדרע אויף און לויפֿט צו אַ פֿאַר־שלאָפֿענער. ער דערזעט ווי דאָס קינד קאָרטשעט זיך און איז בלווילעך אין געזיכט. פֿאַר די צען טעג, זינט ער איז געקומען פֿון אָסטראָג, האָט ער נאָך נישט באַוויזן צוצוגעוווינען זיך צו זיין יינגעלע, עס ליב באַקו־מען. ביי מאַנסבילן קומט אַזאַ צערטלעכקייט פּאַמעלעכער. עס מוזן אַרי־בערגיין וואָכן. אַצינד דאָ ביים וויגעלע, צום ערשטן מאָל, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דעם פֿאַרקרימטן פּנימל, אויף די אָנגעבלאָזענע בלויע אָדערן אויף דעם שרייענדיקן העלדזל, און אַ טיפֿער רחמנות האָט אים אַ טאָרע געטאָן ערגעץ־ווו ווי אַ וואָרעם. דאָס טאַטע־געפֿיל האָט אָנגעקלאַפּט אין האַרצן ווי אַ פֿאַרשפּעטיקטער אורח. און גראָד דאַן, ווען דאָס קינד האָט פֿאַרלוירן זיין חן, זיין זיסע שפּילעוודיקייט... דער רויטער געבורטס־פֿלעק ביים קינד אויפֿן העלדזל האָט אַצינד געברענט ווי אַ פֿייערדיקער שטעמפּל, ווי אַ הייסער פֿאַרוווּרף פֿאַנדרען אין די פֿאַר־שלאָפֿענע אויגן אַריין. אָט, בשעת ביים נייעם נגיד האָט געברענט, האָסטו מיך געלאָזן אייבינקן אַליין ביי דער מאַמען אונטערן האַרצן... איצטער וועסטו מיך אויך לאָזן אַליין? טאַטע!

האָט ער דאָס עופּעלע אַ כאַפּ געטאָן מיט זיינע שטאַרקע הענט צו

זיך אויף דער ברייטער ברוסט, וועלכע ברומט אַצינד, ווי אַ באַנדורע פון פּאַטערלעכע רחמנות. ווי אַזוי האָט ער דאָס ביז אַהער זיין אייגן בלוט־און־פליייש געקענט לאָזן אָן אַ זייט, זיין אַזוי קאַלט צו זיינע שמייכלעך, צו זיין שפּילן? נישט געגלעט, נישט געקושט, נישט געוויגט אויף דער קני — אַזאַ גראָבער יונג ווי איך בין!... ער האָט דאָס אַצינד געוואָלט גוט־מאַכן, פאַרגלעטן זיין האַרטקייט קעגן קינד, קעגן מערען, קעגן זיך אַליין. נאָר זיין גאַנצער רחמנות האָט איצט נישט געהאָלפן. עס האָט דאָס עופעלע נאָך מער צערייצט, געשאָטן זיך ווי זאַלץ אויף אַ וווּנד. דאָס קינד האָט מוראדיק געשריען.

מ׳האָט סענדערקען צוגעלייגט אַ הייסע פלאַש צום בייכל. דאָס קינד האָט איינגעדרעמלט מער פון אָפּמאַטערונג ווי פון דערלייכטערונג. וואָרים פון אומרואיקן שלאָף האָט דאָס אַלע ווײַלע אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן, צעצויגענעם און דערשטיקטן קרעכץ. אונטער אָט די דאָזיקע האַרצרייסנדיקע טענער פון קינדישע יסורים איז מערע אַריינגעפאַלן אין אַ נישט־געזונטן, מוטנעם דרימל.

זי גיט זיך אַ כאַפּ־אויף, ביי דער שיטערינקער מאָרגן־ליכטיקייט, און לויפט גלייך צו סענדערקעס וויגעלע. דאָס קינד דרימלט עפּעס מאָדנע, מיט האַלב־אָפענע פאַרגלאָצטע אויגעלעך און, שלאָפנדיק אַזוי, לאָזט עס אַלע ווײַלע אַרויס אַ געצויגענעם קול דורכן נעזל, וואָס הערט זיך אָן, ווי אַ זייער ווייטער פייף פון אַ באַן. אַזאַ פייף האָט זי שוין איינמאָל געהערט אין אָרשע, ביינאַכט אויפן וואָקזאַל...

זי רירט אָן דאָס אָנגעשפּאַנטע העלדזל אוטערן קאָפּטעלע און גיט די האַנט אַ כאַפּ צוריק, ווי אַן אָפּגעברענטע. עס ברענט, ווי אונטער אַ פליגל ביי אַ קראַנקער טויב.

— מאַ—מע! — שרייט מערע אויף — סענדערקע איז דאָך אַ פאַר־בייאיקער!

אין שטוב ווערט ווידער אַ טומל. פאַנדרע, אַ נישט־געוואַשענער, טאָפּטשעט זיך אויף איין אָרט. נאָר איין סענדעריכע איז רואיקער, איינגעהאַלטענער.

— אָט דאָס — מאַכט זי — איז מיט אַלע מאַמעס, וואָס האָבן נאָר איין קינד. ווי נאָר עפּעס אַ האָר, פאַרלירן זיי דעם קאָפּ. מען וועט אים צולייגן אַ ביסל קאַמפּער־בוימל צום בייכל וועט דאָס איבערגיין...

.2

האָט מען סענדערקן געטאָן אַלץ וואָס די באָבע האָט געהייסן און ס׳האָט נישט געהאָלפן. דאָס קינד האָט געברענט ווי פייער.

סענדעריכע איז שוין אין מאַרק נישט געגאַנגען. אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב ווי אַ וועווערקע און, שטילינקערהייט, אַז מערע זאָל נישט הערן, אָפּגעזיפּצט מיט איר דריבנעם צרהדיקן זיפּצעלע, אוי־אוי־אוי.

דערכאַפּט מערע איינעם אַזאַ זיפּצעלע און ס׳ווערט איר פינצטער פאַר די אויגן. אויב די מאַמע זיפּצט אַזוי, איז אַ סימן, אַז ס׳איז שלעכט... גיט זי אַ כאַפּ די שטוב־פאַטשיילע און פאַרוואַרפט דאָס איבער די פּלייצעס:

— כ׳וועל לויפן רופן דעם פערשעל.

וווּנדערט זיך סענדעריכע:

— אויב שוין רופן, רופט מען דעם דאָקטאָר חישין. ביי אָרעמעלייט נעמט ער, דאַכט זיך, נישט מער ווי דער פערשעל.

כאַפּט מערע אַ קוק אויף נחן, איר מאַן, און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

— צו א י ם גיי איך נישט מער.

דערמאָנט זיך פאַנדרע וואָס מערע האָט אים דערציילט, וויינענדיק, די ערשטע נאַכט, נאָך זיין צוריקקומען אַהיים. ווי אַזוי זי האָט געבעטן ביים דאָקטאָר עפּעס איינצונעמען צום שלאָף און ווי אַזוי דער אַלטער בחור האָט זיך באַנומען... רעדט ער נישט קיין וואָרט, ציט אָן זיין פּאַדיאָווקע און לאָזט זיך אַוועק, מיט זיינע שטאַרקע באַשטיוולטע פיס, צום דאָקטאָר.

דערזעענדיק אַזאַ גידול, ווי פאַנדרע איז, מיטן פינצטערן און געזונטן פּנים, ביי זיך אין שטוב, האָט זיך דאָקטאָר חישינען אָפּגעריסן אין האַרצן. זיין שטענדיק געלבלעכע הויט איז געוואָרן גרין. ער האָט דער־שפּירט, אַז מערע האָט עפּעס דעם מאַן אירן געמוזט דערציילן. אויף זיין אָפּענעם האַרטן פּנים און אין די גרויע אויגן איז עס אָנגעשריבן. המ... איז וואָס וויל ער דאָ דער אָסטראָזשניק?

נאָר אויסהערנדיק נחס בורטשענדיקע רייד, אַז זיין קינד איז פּלוצ־לונג קראַנק געוואָרן און ער בעט דער דאָקטאָר זאָל אַזוי גוט זיין און קומען, איז אים, דעם אַלטן בחור, אַ ביסל גרינגער געוואָרן. פון גרויס שמחה האָט ער אַזש געבעטן פאַנדרען אַ ווײלעטשקע וואַרטן. אָט באַלד! מען וועט איינשפּאַנען, וועט מען פאָרן צוזאַמען אין פאַיעטאָנדל.

נאָר פאַנדרע האָט זיך פון אַזאַ כבוד אויסגעדרייט. כ׳וועל, מאַכט ער, לויפן אַהיים... מערע איז אַליין. זי איז אויס מענטש.

און ד״ר חישין האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט און לאַנג נישט געלאָזן וואַרטן אויף זיך. באַלד נאָך נחס צוריקקומען פון גאַס, איז ער אָנגעפאָרן מיט זיין אָפּגעלאַקטער בריטשקע, וועלכע ער האָט אָפּגעראַטעוועט פון קאָפּל גנבס הענט, און מיטן גלעקל איבער דער דוהע.

אין דער גרויסער אָרעמקייט פון סענדערס אָפּגעלאָזטער שטוב און אין איר אָפּגענוצטער פאַטשיילע, האָט מערע אויסגעזען נעבעכדיקער און מיאוסער ווי ביי אים אין קאַבינעט. די זאָרג איבער איר קינד האָט איר אויסגעצויגן די נאָז, איינגעבויגן איר וווקס. אירע אָרעמס האָבן זיך עפעס אָפּגעלאָזן; נישט ווייבלעך און צו לאַנג זענען זיי געוואָרן. זי האָט אים אויך נישט געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. און ער האָט זיך געוווּנדערט, ווי אים, אַזאַ געפּיעטשטשעטער אויסקלייבער, האָט זיך גע־קענט פאַרגלוסטן אַזאַ אָפּגעפליקטער באַטשאַן אין אַ קליידל... ער האָט אויסגעהערט דאָס קינד, באַמיענדיק זיך צו זיין וואָס אויפריכטיקער, ערנסטער. אין זיין איבערגעטריבענער מינע פון איבערגעגעבנקייט איז אָבער געווען פאַרשטעקט דער דאָרן פון אויספּיינען זיך אַקעגן מערען: „נאַ, זעסט! האָסט דאָך מיך אָפּגעשטויסן? און איך טו מיין זאַך ערלעך, נאָך ערלעכער ווי אַן אַנדערן״....

נאָר פּלוצלונג, גאָר אומגעריכט, האָט ער זיך באַגעגנט מיט מערעס אויגן, וועלכע האָבן נאָכגעקוקט מיט מוטערלעכן שרעק אַלע זיינע באַ־וועגונגען. אַט די גרויסע קאָרע מאַמע־אויגן, זענען אויפגעשניטן אונטערן גלאַטן, קלאָרן שטערן ווי צוויי לאַנגע מאַנדלען. אַ וואָרעמקייט האָט פון זיי געשטראָמט און אַ געבעט צו ראַטעווען איר קינד...

פונעם דאָזיקן קוק איז אַזש דעם אַלטן בחור באַפאַלן אַ זיסע שווינד־לעניש. ער האָט פאַרלוירן די רעכענונג פון קינדס האַרצקלאַפּן. זיין כלומרשטע חרטה־האָבן אויף זיין לייכטזיניקייט ביי זיך אין קאַבינעט, זיין מכלומרשט אָפּלאַכן אין האַרצן פון מערעס פאַרפירערישקייט — זענען זיך צעפלויגן ווי רויך. ער איז זיך אַליין פאָרגעקומען ווי יענער פוקס אין פאַבל, וואָס קוקט אַרויף, אונטער אַ צו הויכן צוים, צו די צייטיק־אָנגעגאָסענע הענגלעך ווייַנטרויבן. אָט הוידן זיי זיך און ברענען ווי די הויפנס רובינען!... זיי זענען אָבער עסיק־זויער, גאָספּאָדין דאָק־טאָר! ווי זאָגט איר? מען קען זיך נאָך חס ושלום אַן אַסקאָמינע אָנ־שלאָגן... כאַ־כאַ!... און גלאַט ווי קומט דאָס עפּעס צו אַ באַלעגאָלטשיצע

אַזעלכע אויגן, אַזאַ הויט, אַזאַ איידעלע לאַנגלעכקייט פון געזיכט?... די אָרעמקייט אַרום איר איז נאָר ווי אַ וואונדערלעך־געשניצטע מיט פליגן און מיט ראַצן באַפלעקטע ראַם. ווען ער האָט שטודירט אין פעטערבורג האָט ער אין ערמיטאַזש געזען אַזעלכע בילדער. ווי קומט די פליישיקע מושע, זונדלס טאָכטער, צו אָט דער בלאַסער הויכער ווייבל? טאָג און נאַכט.

— ווו״ ווע... ווען? — האָט זיך דאָקטאָר חישין אַזש פאַרזאַאיקעט פון באַוווּנדערונג — ס׳הייסט: ווען איז דאָס קינד קראַנק געוואָרן?

אין עטלעכע ווערטער האָט אים מערע דערציילט די מעשה מיט דער קולאַיע און ווי יעטוועדערער פון די שכנים און גוטע־פריינד. האָט, מחמת גרויס פריינדשאַפט געגעבן איר יינגעלע אַ לעק טאָן.

— אַי־אַי־אַי!... — האָט דאָקטאָר חישין געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַ יידענע. אונטער מערעס אומעטיקן קוק האָט ער אינגאַנצן פאַרלוירן זיין דאָקטאָרשן האָנאָר און דערביי אַליין געפילט, אַז ער איקעט ווי אַ יידענע. — אַי—אַי—אַי, ווי דערלאָזט מען דאָס אַזאַ זאַך? קולאַיע, זאָגט איר, פריעט אין אויוון אַ טאָג פיר נאָכאַנאַנד. מעל מיט זשוראַ־ווינעס מיט האָניק?... אַי—אַי!

פון אַזאַ היימישן לשון האָט זיך אויסגעלויטערט דער נעפּל, וואָס איז נאָך געשטאַנען צווישן דאָקטאָר און זיין געוועזענער פאַציענטקע. מערע האָט דערפילט זיין אומבאַהאָלפנקייט, זיין באַהאַלטענע פאַרליבט־קייט און האָט שוואַך אַ שמייכל געטאָן צו אים, וואונדערנדיק זיך אַליין, ווי אַזוי זי קען נאָך טראַכטן פון אַזעלכע זאַכן ביים וויגעלע פון איר קראַנקן קינד. „אַ נישט־גוטער שטעקט אין מיר״... קלערט זי זיך און אירע ליפּן זאָגן גאָר עפּעס אַנדערש, פאַרענטפערן זיך:

— כ׳האָב מיך איינגעשטעלט, נאָר גיי מאַך. אַז יעדער איינער זאָגט: „אַ לעק... וואָס קען עס שאַדן?״...

דאָקטאָר חישין האָט געהייסן באָדן דאָס קינד אַלע עטלעכע שעה. פאַרשריבן אַ רעצעפּט. ביים אוועקגיין האָט אים מערע אַריינגערוקט אין האַנט זיין געוויינלעכן שכר־טרחה אין אָרעמע הייזער — צוואַנציק קאָפּי־קעס. האָט ער נישט געוואָלט נעמען, אַ מאַך געטאָן גרויסמוטיק מיט דער האַנט. אָבער מערע האָט אויף אים אַזוי שטרענג און דורכדרינגענד אַ קוק געטאָן, אַז ער האָט נישט־ווילנדיק אַ כאַפּ געטאָן די צוויי גריוונעצקעס און, ווי איינער וואָס ברענט זיך מיט הייסע קוילן, אַראָפּגעוואָרפן אין אַ זייטיקער קעשענע און גיך אַרויס.

## .3

דריי טעג זענען שוין אַריבער נאָך סענדערקעס קראַנק ווערן און ס'איז אים בעסער נישט געוואָרן. פאַרקערט, ס'האָט זיך נאָך פאַרערגערט. אַלע פאַרנאַכט האָט זיך ביים קינד אויפגעהויבן די היץ ביז איבער פערציק גראַד. דאַן פלעגט סענדערקע אָנהויבן צו קראַמפּירן, וואַרפן זיך און אָטע־מען ווי אַ פאַריאָגט הינדעלע.

כדי איינצושטילן די קרעמפן, האָט מען עס געמוזט אריינזעצן אין אַ צעבער מיט וואַרעם וואַסער. ביים לעצטן מאָל אָפּרייניקן דאָס קינד האָט זיך באַוויזן בלוט... איז מען געלאָפן נאָכן דאָקטאָר אינמיטן דער נאַכט. הישינס פּנים איז געוואָרן פאַרזאָרגט. ער האָט גלייך געהייסן קריגן אייז און צולייגן אַ פענכער צום קינדס קעפּל. וואָס עפּעס מיט אַמאָל אייז? אויף דעם האָט ער קיין קלאָרע תשובה נישט געגעבן. יאָ... אַ מוחל ביי אַ קינד איז אויך נישט פון אייזן. ביי אַ קינד איז אַפילו אַ הויכע טעמ־פּעראַטור נישט אַזוי געפערלעך, ווי ביי אַ דערוואַקסענעם. פונדעסטוועגן — און איז אַוועק.

ס'איז נישט אַזוי לייכט צו קריגן אייז סוף חודש אב אין אַ קליין שטעטל; דערצו נאָך אינמיטן דער נאַכט. אַ גוטע צוויי שעה האָבן סענ־דעריכע און פאַנדרע געקלאַפּט אין פאַרמאַכטע לאָדנס, ביז זיי האָבן געקראָגן אַן עמער מיט קרוכלע צעפאַלענע שטיקלעך אייז ביי קאַלמע דעם ווייןֿמאַכער אין פייכטן קעלער.

דאָס קינד איז דערווייל געלעגן ווי אין היגער־פּלעט, מיט האַלב־אָפענע אויגלעך, דאָס קעפּל פאַרוואָרפן. עס האָט גיך געאָטעמט און געצאַפּלט זיך אינגאַנצן, ווי אַ געבונדענע, האַלב־געשאָכטענע טויב. מערען איז דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען פאַר ווייטיק. די ליימענע טעפּ, וואָס זי האָט נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק אַנטליען אויף „קולאַיע", ביי גוט־האַרציקע שכנים, זענען נאָך געשטאַנען ליידיקע און נישט־געוואַשענע אונטערן בענקל און ווילד געדרייט מיט די אויגן — מיין קינד אָפּגעסמט... רויט און טעמפּ געגלאָצט אויף דער סומאַטאַכע אין שטוב. קאַליע געמאַכט אַ קינד און גאָרנישט... זיי האָבן מערען געשטאַכן די אויגן מיט זייערע שוואַרץ־געברענטע פלעקן איבערן רויטן ליים, מיט דער פאַרטריקנטער קולאַיע ביים ראַנד, אונטער די פּאָקרישקעס. די שוואַרצע פלעקן האָבן איר אויסגעזען ווי סימנים פון עפּעס אַ קלעפּיקע מגיפה און די צוגע־ברענטע ריטשקעלעך קולאַיע איבערן ליים — ווי פאַרטריקנטע ראָפע...

קוקן אויף די דאָזיקע גולמס האָט זי מער נישט געקענט. וואָלטן דאָס געווען אייגענע טעפּ, וואָלט זי זיי, מיט די אָפּצאָסן פון די שיך, פון שטוב אַרויסגעקייקלט און אויפן מיסט צעבראָכן.

געבראָכט דעם עמער אייז און צוגעלייגט אַ פענכערל צום קינדס מוחל, האָט מען זיך שווייגנדיקערהייט צוגעטוליעט יעדער אין זיין ווינקל. סענדעריכע האָט זיך געפילט אַ ביסל שולדיק אַקעגן איר טאָכטער. צו לייכט האָט זי לכתחילה גענומען סענדערקעס שרייען. אין אירע יונג־ווייבלשע יאָרן האָט מען שוין יאָריקע קינדער געגעבן ברויט מיט הערינג און ס׳האָט זיי נישט געשאַדט. און היינט — אַ לעק קולאַיע ביים ליפּעלע און ס׳קינד איז פאַרביי. באַשערט אַן אומגליק.

און פאַנדרע האָט זיך כמעט געשעמט אַרומפּאַדיען אין דער טרויע־ריקער שטוב מיט זיינע האַמעטנע רגלים. אַזעלכע גרויסע שטאַרקע אברים, ווי ער האָט און זיי נוצן צו גאָרנישט, ביי אַזאַ איידעלער זאַך ווי די קראַנקהייט פון אַ קינד. דאַ דאַרף מען האָבן דאָקטוירימלעך, שפּרי־צעלעך, טערמאָמעטערלעך, פענכערלעך, פלעשעלעך... זיין רחמנות צום קינד איז געוואַקסן וואָס קראַנקער דאָס קינד איז געוואָרן. נאָר גיי טר־אַהין אַזאַ גרויסע רחמנות ביי אַזאַ קליין ווייגעלע. גיי שטופּ אַריין אַ פערינע אין אַ מילך־סאָסקעלע!... זיץ שוין, פאַנדרע, אין ווינקל, אַז דו זיצט, און שווייג בעסער!...

אינדערפרי גיט ער זיך אַ כאַפּ אויף פון מערעס אַ הילכיקן געשריי:

— מאַמע, נעם אַוועק די טעפּ פון מיינע אויגן!

אַ דערשראָקענער איז צו איר פאַנדרע צוגעלאָפן. געמיינט זי איז פון זינען אַראָפּ:

— וואָס איז מיט דיר, מערע? וועלכע טעפּ?

— אָט די! — האָט מערע אָנגעוויזן אויף די רויטע בייכיקע כלים אונטערן בענקל און ווילד געדרייט מיט די אויגן — מיין קינד אָפּגעסמט... נעם אַוועק!

— נו־נו־נו! — האָט זיך פאַנדרע אויף איר אָנגעבייזערט און אַליין געכאַפּט און אָפּגעטראָגן די טעפּ צו די שכנים, געבעטן מוחל זיין, וואָס צוליב דער סומאַטאָכע אין שטוב האָט מען זיי פאַרגעסן אָפּצווייקן, אויסצוואַשן פון די פאַרדאַרטע רעשטלעך קולאַיע.

אַז די רויטע טעפּ זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן פון קאָכשטוב, איז מערען געוואָרן אַ ביסל לייכטער. די פינצטערע איינבילדונג, אַז די קולאַיע־טעפּ זענען פאַרטאַיעטע שונאים־גולמס, איז צעפלויגן געוואָרן.

אָבער סענדערקען איז דערפון לייכטער נישט געוואָרן. די היץ האָט אויף עטלעכע שעה אָפּגעלאָזט. און ווי נאָר די זון האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן, איז די היץ ווידער געשטיגן. דאָס קינד האָט מער קיינעם נישט דערקענט. גאָרנישט מער נישט געקענט אַראָפּשלינגען. „סענדערקע, סענדערקע!" — האָט אים מערע פאַרצווייפלט גערופן. סענדערקע אַהער און סענדערקע אַהין. אַ פאַרבייאיקער איז סענדערקע. ס'האָט נאָך נישט קלאָר געפּיפּסט, דאָס קראַנקע פויגעלע מיטן רויטן געבורט־פלעק אויף דעם אויסגעמאָגערטן העלדזל. און די היץ פון אָרעמניקן קערפּערל האָט געשלאָגן, ווי פון אַ פייערקע.

**.4**

פאַרנאַכט, נאָך אַזאַ שווערן טאָג, איז פאַנדרען אויסגעגאַנגען די לופט אין שטוב. ביי דער יאָרנלאַנגער שווערער אַרבעט אין אָסטראָג האָט ער זיך אָפּגעוווינט צו זיצן גאַנצענע טעג אָן באַוועגונג. און דאָ נאָך אַ צוגאָב דאָס שווערע אָטעמען פון קינד, מערעס נעמען זיך דאָס לעבן, סענדעריכעס אַרומלויפן ווי אַ מייזעלע... איז ער אַרויסגעגאַנגען דורכ־לופטערן זיך אַ ביסל און איז אַוועק מיט הינטער־געסלעך, כדי מיט קיינעם נישט באַגעגענען זיך. ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט געווינען צום אַלעמענס נייגעריקייט, צו די נאַרישע שאלות: וואָס ער קלערט איצטער אָנהויבן צו טאָן? און צי דער נייער בגיד וועט אים גאָרנישט אויסהעלפן — ער, פאַנדרע, זאָל זיך קענען איינהאַנדלען אַ פערד און שטעלן זיך צוריק אויף די פיס?... ס'איז באמת אַן עוולה! דאָס לעבן איינגעשטעלטע פאַר אַזאַ מערידאַלניק, און וואָס איז ווערט די טיראָלער בהמה אַליין? ווען נישט ער — וואָלט דאָך פון דער בהמה געוואָרן אַ געבראָטנס...

פריקרער ווי אַלעמאָל וואָלט אים אַצינד געווען אַזאַ חול־המועדיקער שמועס. האָט ער דעריבער געזען אויסצובאַהאַלטן זיך פון אַלע קלעפּיקע קליינשטעטלדיקע מיילער. אָבער ווי אויף צו להכעיס, נעבן דער נישט־געהייצטער וואָכעדיקער באָד, שטויסט ער זיך אָן אויף האַצע דעם קירזשנער.

פון אונטערן ווינקל איז אים יענער אויסגעוואַקסן מיט זיין שוואַר־צער קאַווילע (קוליע). און פונקט ווי אויפן מאָהליווער שליאַך, אַזוי האָט זיך אויך דאָ פאַנדרען אויסגעדוכט, אַז דער הינקענדיקער „ציצי־

ליסט" האָט אים דאָ אָפּגעוואַרט, אויסגעקוקט די העלישע אויגעלעך אויף אים.

— אַך, נה! — הינקט צו אים האַצע־קירזשנער צו, — גוט וואָס איך האָב דיך דאָ געטראָפן.

פאַנדרע קוקט אים אָן, פינטלענדיק מיט די גרויע אויגן, ווי אויפּ־געוועקט פון אַ שווערן חלום.

— היינט ביינאַכט האָבן מיר אַ סכאָדקע, — רוימט אים האַצע אַריין אין אויער, — נעבן די אָרשער ברעמלעך... וועסט קומען?

פאַנדרע באַוועגט מיט די לאַנגע וויעס און ענטפערט נישט.

האַצע דער הינקענדיקער מאַכט אָבער אַ צופרידענע מינע, ווי ווען פאַנדרע וואָלט אים גלייך צוגעזאָגט. אַז ער וועט געוויס קומען, און גיט אים אָן אַלע סימנים ווי אַזוי צוצוקומען צו יענעם הויז מיט די פאַרמאַכטע גרינע לאָדנס. אָט טאַקע דאָרטן ווו דער דער־טרונקענער אַמסטערדאַמער האָט אַמאָל געוווינט, דער נכתב... פאַנדרע געדענקט דאָך מסתמא? אין דער פינצטערער פירהויז וועלן שטיין צוויי יאַטן מיט „קנאַקערס". זאָל ער, פאַנדרע, זאָגן נאָר איין וואָרט, „בעני" זאָל ער זאָגן — וועט ער דורכגיין...

פאַנדרע האָט אויסגעהערט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אָט איז געקומען דאָס, אויף וואָס ער האָט זיך אין דער שטיל געגאַרט זינט זיין משפט אין מאַהליווער אָקרוזשנאַי־סוד. אָט דאָ וועט ער אפשר דערגיין דעם אמת. אָט דאָ וועט מען אים אפשר געבן צו פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט...

— אפשר אַן אַנדערש מאָל? — רעדט פאַנדרע קוים אַרויס — ווייסט? מיין ייִנגעלע איז אַ פאַרבייאיקער...

— כ'ווייס, — מאַכט האַצע דער הינקענדיקער קורץ און קוקט ער־געץ־ווו איבער פאַנדרעס קאָפּ — פונדעסטוועגן — קום!

און עפּעס, ווי רחמנות־האָבנדיק, גיט ער צו אַ ביסעלע ווייכער:

— ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך אַזוי גיך קענען טרעפן אַן אַנדערש מאָל אויף אַזאַ אָרט. עס ווערט שווערער פון טאָג צו טאָג. מיר האָבן ידיעות, אַז דער ביייער פריסטאַוו האָט פון מאַהליוו אַראָפּגעבראַכט איבער־געטאָנענע זשאַנדאַרניקעס. הונדערט אויגן האָט ער, דער מיאוסער גוי.

פאַנדרען דוכט זיך, אַז האַצע טרייבט אומישנע איבער, כדי אויסצו־פּרובירן אים, זען צי ער איז אַ שרעקעוודיקער צי נישט. איז איצטער די רעכטע צייט צו דערווייזן האַצע דעם הינקענדיקן, אַז אויף אים, אויף

פאַנדרען, קען מען זיך יאָ פאַרלאָזן, אַז מ׳מעג אים יאָ אַריינבעמען אין הברה. נאָר ער דערמאָנט זיך גלייך אָן דעם חשד אין שטוב, זיפצט ער שווער אָפּ און לאָזט זיך גיין.

חאַצע דער קירזשנער טרעט אָבער נישט אָפּ. ער הינקט נאָך אויף דער שוואַרצער קאָווילע. ער וואַרט.

גיט פאַנדרע אַ הויב מיט די ברייטע פּלייצעס:

— כ׳קען מערען נישט לאָזן איינע אַליין. פאַרשטייסט דאָך...

חאַצע קירזשנער בלייבט שטיין, דרייט אויס זיין גאַנצן גופּעלע אויף דער קוליע, ווי אויף אַן אַקס, קוקט אַריין שאַרף אין פאַנדרעס אויגן. פון אונטערן דאַשעק קוקט ער אים אָן ווי אַ נאַכט־פויגל, און זיינע ווערטער זענען האַרט און געציילט:

אויב דו ווילסט זיין מיט אונדז, מוזטו קומען. אויפן שליאַך האָסטו אַליין געבעטן און אַצינד — ווייב. קינד.

נח קוקט צוריק מיט זיינע גרויע קינדערשע אויגן. פאַרוווּנדערט קוקט ער, אינעווייניק צוזאַמענגעקלעמט, און הויבט נישט אָן צו פאַר־שטיין, ווי אַזוי ער, פאַנדרע, אַזאַ ברייטפּלייצעדיקער, שווער־אָרעמדיקער, שטאַרק־פיסיקער האָט אַזאַ געהיימע מורא, אַזאַ פאַרטאַיעטן דרך־ארץ פאַר אָט דעם צעקראָכענעם הינקענדיקן קירזשנערל. עפּעס אַ מאָדנע שליטה האָט איבער אים אָט דער נפש מיט דער שיטערינקער שוואַרצער באָרד און וועגסעלעך, מיט די שאַרפינקע הייסע אויגעלעך. און יענער ווייסט, אַז ער האָט די שליטה... אויפן מאָהליווער שליאַך האָט ער אים ווי אַ גרויסע שפּין אַרומגעפּלאָנטערט און דאָ, ביי דער קאַלטער שקלאָ־ווער באָד, ציט ער שוין די פעדימער. ער בעט נישט. ער באַפעלט:

— ביי אונדז איז נישטאָ קיין קינד. ביי אונדז איז נישט שייך ווייב. מיר שטייען אַלע טאָג און נאַכט אין געפאַר. איך אַליין האָב אַ קראַנק ווייב מיט פיר קינדער. און כ׳ווייס נישט וואָס מיט זיי וועט זיין, ווי נאָר מען זאָל מיך כאַפּן און אַריינזעצן... דער נייער נגיד וועט אפשר זאָרגן פאַר זיי? ווי?

שטאַמלט פאַנדרע:

— אָבער איך... ביי מיר... איצטער...

— אָן אָבער! — שלאָגט אים האַצע איבער און לאָזט זיך ווייטער הינקען — אָדער הייבט אָדער קיינמאָל נישט. דווקא אַצינד דאַרפסטו באַווייזן אַז דו מיינסט דאָס... אַז דו ביסט נח פאַנדרע. פאַרשטייסט! אַלע אונדזעריקע ווייסן, וואָס עס טוט זיך ביי דיר אין שטוב. און דווקא איצ־

טער וועלן זיי גלויבן, אַז מען קען זיך אויף דיר פאַרלאָזן. אַלע פישער זאָלן וואַרטן, ביז ס'וועט מער קיין ווינט נישט בלאָזן, וואָלט קיינמאָל קיין שאָלעכץ פיש אויפן מאַרק נישט געווען...

ווי מאָדנע־ניי די ווערטער קלינגען, ווי זיכער ער איז דאָס ביי זיך דער הינקענדיקער קירזשנער. ס'אַראַ לשון דאָס האָט! רוקט זיך צו אים פאַנדרע צו, גייט מיט אים זייט ביי זייט, יינגלש צוגעטוליעט. ווי ער וואָלט זיך שטום געבעטן ביי אים: אדרבא, רעד! מונטער מיך, קירזשנערוק.

און חאַצע פילט, דאַכט זיך, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים. שטעלט ער זיך אָפּ, דרייט זיך אום אויף דער קאָוילע, ווי אַ לעבעדיקער צערקל:

— אַ סך באַלעגאַלעס זענען שוין אומגעקומען פון וועלף. נו, איז דערפאַר ביסטו קיינמאָל נישט אַרויסגעפאָרן ווינטער אין אויסגעשנייטן וואַלד?... מיר דאַכט, דו האָסט אַפילו איינמאָל דערהרגעט אַ וואָלפיכע, ווי?

— אַלץ ווייסטו. — גיט פאַנדרע שוואַך אַ שמייכל.

— מיר ווייסן אַלץ.

חאַצעס קוק איז דערביי נאָך שאַרפער, נאָך דורכדרינגענדיקער גע־וואָרן. ער וועט בשום אופן נישט איינגיין אויף פשרות אָט דער הינ־קענדיקער קירזשנערל. ניין.

אונטער אָט דעם שפּיציקן קוק האָט פאַנדרע געמוזט אַראָפּלאָזן זיינע גרויע אויגן. אַ פרעמדער ווילן האַלט אים, ווי אַ ציגיינערל האַלט אַ גרויסן בער אויף אַ קייט. מיינט טאַקע חאַצע, אַז ער, פאַנדרע, איז אַזאַ שרע־קעוודיקער? אַז ער האָט מורא פאַר אַ „קנעפּל”? אַז נאַר מחמת ד ע ם וויל ער זיך אויסדרייען מיטן תירוץ וואָס סענדערקע איז טויט־קראַנק, וואָס מערע איז אויס מענטש?...

— כ'וועל קומען. — גיט פאַנדרע אַ זאָג קורץ, כמעט פלוצלונג.

האַצע גיט אַ שאָקל מיטן קעפּל. זיינע שפּיציקע אויערלעך, איבערן פאַרשמאָלצוועטן אָקאָלישעק פון היטל, גליען רויט, ווי צוויי פלעמלעך פייער, זיין טרוקענער שאָקל־טאָן מיטן קאָפּ באַדייט, אַז קיין דאַנק קומט אים נישט, פאַנדרען, פאַר זיין צוזאָג. ער, חאַצע, נעמט דאָס אָן, ווי אַ זאַך, וואָס קומט אים פון לאַנג אָן. ווי אַן אָפּצאָל אויף אַ קוויטל, וואָס פאַנדרע האָט אונטערגעשריבן, נעמט ער דאָס אָן. ער איז אַפילו ברוגז־לעך, וואָס מען האָט זיך מיט אים געדונגען.. דערפאַר האָט ער אַפילו קיין „גוטן־אָוונט” נישט געזאָגט, אַוועקהאָצקענדיק זיך אויף זיין שוואַרצער קוליע.

# אויסגעמיטן קושקעס מעסער

## .1

אַ קורצע ווײַלע נאָכדעם, ווי פּאַנדרע איז אַרויס כאַפּן לופט, איז אין שטוב מיטאַמאָל געוואָרן מאָדנע־שטיל. דאָס קראַנקע קינד האָט אויפגעהערט אַרויסצולאָזן, דורכן נעזעלע, זײַנע געצויגענע קוויטשן. מערעז איז דאָס קשה געוואָרן. זי איז צוגעלאָפן צום וויגעלע. דאָס קינד איז אַצינד געלעגן אויפן רוקן מיט ברייט אויפגעריסענע אויגלעך און געאָטעמט מיטן מײַלכל, ווי אַ פיש אָן וואַסער.

מאָדנע שוואַרץ האָבן אויסגעזען די קינדערשע אויגן. די בלויקייט אַרום די שוואַרצאַפּלען איז געווען פאַרשוווּנדן. די שוואַרצאַפּלען האָבן זיך צעגאָסן און ס'האָט זיך באַקומען אַן ערנסט־פאַרטראַכטער שטאַרער קוק פון אַ דערוואַקסענעם, וואָס קוקט, דאַכט זיך, אַרײַן אין האַרצן און... זעט גאָרנישט. אַן אומענדלעכער קוק נישט פון ד ע ר וועלט. „צי האָט דאָס קינד, חס ושלום, נישט געחלשט?" דאָס איז געווען מערעס ערשטער געדאַנק. ביין. עס אָטעמט דאָך! דער אָטעם איז אַפילו געוואָרן רואיקער, געצויגענער, נאָר מיט אָפענע ליפּעלעך. עס האָט זיך כמעט נישט געגלויבט, אַז די קליינע אויסגעפּיבערטע ברוסט פון קינד האָט נאָך אָקאָרשט געאַרבעט, ווי אַ קליינער בלאָז־זאַק און דאָס הערצל האָט געקלאַפּט, ווי אַ קאַלעקאָטקע. ס'האָט אַצינד אויסגעזען, ווי סענדערקע וואָלט מיד געוואָרן צו קעמפן מיט זײַן שווערער קינדערשער הולאת. און אָט רוט ער זיך אַ ביסל אויס, קוקט אין דער וועלט אַרײַן, און זאָל זײַן וואָס ס'וועט זײַן...

אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט דאָס אויסזען פון קינד דערשיטערט מערען ביזקל מאַרך פון די ביינער. און גאָר אומגעריכט האָט זי אַ וואָיע־געטאָן, ווי אַ וואָלפיכע, פון וועלכער אַ בייזער יעגער טראָגט אַוועק איר קראַנקן וועלפּעלע ווײַט ווײַט... אָה, דער דאָזיקער שטאַרער

קוק פון קינד דערגרייכט שוין צו איר פון דער פרעמד, פון אַן אומבאַ־קאַנט לאַנד...

סענדעריכע איז צוגעלאָפן מיט אירע וועווערקע־פּיסעלעך, אַ קוק געטאָן, אַ שאָקל געטאָן מיטן טשעפּטשיק און גיך אומגעזען זיך נאָך פּאַנדרען. ער איז אָבער אין שטוב נישט געווען. נישט רעדנדיק קיין וואָרט, איז זי אַרויסגעלאָפן, ווי זי שטייט און גייט, אין פּאַרטוך און אין די לעדערנע שטוב־פּאַנטאָפל, געלאָזן זיך לויפן צום דאָקטאָר, אין עק מאַרק.

מיט גיכע טריט האָט זיך דערווייל פּאַנדרע אומגעקערט אַהיים. נאָכן געשפּרעך מיט חאַצע קירזשנער, הינטער דער קאַלטער באָד, איז אים עפּעס געוואָרן קאַלעמוטנע: געלאָזן מערען מיטן טויט־קראַנקן סענדער־קען אין שטוב...

האַרט ביים פּירהויז האָט ער פונדערווייטנס דערזען דעם דאָקטאָרס פּאַיעטאָנדל. „עפּעס ווייטער אַ צרה!” גיט ער אַ קלער און לויפט צו. פון פּאַיעטאָנדל האָט גראָד געהאַלטן ביים אַרויסקריכן דאָקטאָר חישין. פון פּירהויז האָט אומגעדולדיק אַרויסגעקוקט סענדעריכע.

— וואָס איז? — דערשרעקט זיך פּאַנדרע און לויפט איבער מיט זיינע יינגלישע אויגן פון סענדעריכען צום דאָקטאָר און פון דאָקטאָר צו סענדעריכען.

— וואָס אי—ז? — קרימט אים איבער סענדעריכע — ווען מען דאַרף עפּעס ביסטו קיינמאָל נישטאָ.

אינמיטן שטוב איז געשטאַנען מערע מיט פאַרבראָכענע הענט. איר הויכער וווקס איז געווען איינגעבויגן ווי אַ בוים אין שטורעם. די קאָרע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט. איז אויף איר חישין אָנגעגאַנגען מיט אַ גע־מאַכטן גוטמוטיקן שמייכל. ס'הייסט: „שרעקט זיך נישט. מירן באַלד מאַכן אַלץ אין אָרדענונג”... אָבער דאָס העפלעכע שמייכעלע איז אים באַלד אָפּגעשטאָרבן אויף די ליפּן, ווי נאָר ער האָט זיך איינגעבויגן איבערן וויגעלע. „מצ...” גיט ער נישט־ווילנדיק אַ שמונצער און גלייכט זיך אויס.

האָט זיך סענדעריכע מער נישט געקענט איינהאַלטן:

— זעט, דאָקטאָר, וואָס קוקט אַזוי דאָס עופעלע?

— נעמט דאָס קינד אַרויס! — האָט חישין געהייסן — זעצט זיך מיט אים אָט דאָ! נאָענטער צום פענצטער...

די אויגעלעך ביים קינד זענען אויך ביים ליכט פון פענצטער גע־בליבן שטאַר און אָפן. די לאַנגע וויעס האָבן אַפילו קיין ציטער נישט

געטאָן. וואונדערל'עך שיין און טרויעריק האָבן זיי אויסגעזען אויפן אויס־געמאַטערטן בלאַסן פנימל.

די פאַרנאַכטיקע ליכטיקייט פון פענצטער איז אָבער אַפּנים געווען צו קנאַפּ. ווארים דאָקטאָר חישין האָט אַרויסגעכאַפּט פון זשילעט־קעשענע אַ זילבערנע פושקעלע, אָנגעריבן אַ שוועבעלע און גענומען צוטראָגן צום קינדס אויגעלעך אַלץ נעגטער און נעגטער.

דעם קינדס אויגן האָבן זיך נישט באַוועגט. שטאַר זענען זיי געבליבן שטיין מיט צעגאָסענע שוואַרצאַפּלען. דאָס אָפענע מיילכל האָט געאָטעמט.

דאָקטאָר חישין האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן. אַ קוק געטאָן אויף מערען, אויף דער באָבען און פאַרלעגן אַ הויב געטאָן איין פּלייצע. דערנאָך אַ ווונק געטאָן פאַנדרען, ער זאָל אים נאָכגיין און אַליין אויס־געדרייט זיך צו דער טיר. מערע האָט אָבער שוין דערפון אַליין פאַר־שטאַנען, אַז דאָס קינד איז פאַרלוירן און אויסגעבראָכן מיט אַ יאָמערלעכן געוויין. ד"ר חישין האָט זיך אַפילו נישט אומגעדרייט צו באַרואיקן זי מיט איין וואָרט. אַזוי שלעכט האַלט דאָס מיט סענדערקן?

פאַנדרע איז נאָכגעגאַנגען דעם דאָקטאָר ווי אַ באַנומענער. סענ־דעריכע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויך אַרויסגעלאָפן אין אירע לע־דערנע פאַנטאָפּעלעך.

צערייַנגעזעצט זיך אין פאַיעטאָנדל, האָט זיך נאָך דער געלב־בלאַסער דאָקטאָר אַרומגעקוקט צי די מאַמע פון קינד קוקט נישט אַרויס פון אַ פענצטערל. מיט אָפּגעשטאָרבענע ליפּן האָט סענדעריכע אַ פרעג געטאָן:

— ווי האַלט דאָס, דאָקטאָר?...

חישין האָט נאָר שטום אַ וויג געטאָן מיט זיין איידעלער האַנט, ס'הייסט:

— ווי.. וו... וואָס הייסט? — האָט פאַנדרע גענומען שטאַמלען.

חישין האָט אים אָנגעקוקט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. פאַנדרעס גרויער קוק איז געווען אַזוי יינגליש־אומבאַהאָלפן. דעם דאָקטאָר האָט זיך נישט געגלויבט, אַז אַזאַ שטאַרקער יונגאַטש קען האָבן אַזעלכע קוקערס.

— נאָך... אַ בלוט־שלשול — האָט דער דאָקטאָר גענומען קלייבן ווערטער — נאָך אַזאַ זאַך ביי קליינע קינדער... קומט אָפטמאָל אַ מוח־אָנצינדונג. איז אָט...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און צעפּירט מיט ביידע הענט. באַלד דער־מאָנט זיך עפּעס און צוגעגעבן:

— איר זענט אַ מאַנסביל, מעג מען אייך זאָגן.

סענדעריכע איז זיך פאַרגאַנגען אין פאַרטוכל און מיט אַ שטילינקן דריבנעם געוויין פון אַלטיטשקע לייט, וואָס הערט זיך אָן, ווי געמישט מיט אַ שמונהדיק געלעכטערל: בר־בר־בו...

חישין האָט גלייכגילטיק אַ קוק געטאָן אויף דער באָבעס קעפּעלע, וואָס איז איינגעגנורעט אין פאַרטוכל, און מיט רחמנות אָפּגעשטעלט זיך אויף דעם גרויסן געזונטן פאַנדרען מיט זיין אומבאַהאָלפענער מינע אויפן יינגלשן פּנים:

— נאָר זאָגט איר, דער ווייב אייערער, זי זאָל זיך צופיל דאָס לעבן נישט נעמען... דאָס קינד הערט שוין מער נישט און זעט נישט מער. עס ליידט שוין מער נישט...

און נישט וואַרטנדיק, וואָס דער ברייט פּלייציקער „יינגל" וועט אויף דעם זאָגן, האָט ער מיט גאָר אַן אַנדערער ניכטערער שטימע באַפוילן דעם קוטשער זיינעם:

— נו, פּראָכאָר! פּאַשאָל אויף קאַרפּילקע־גאַס!

אַ הויב געטאָן דעם קאַפּעליוש און אַוועקגעפאָרן.

## 2.

מערע איז זיך פאַרגאַנגען אין די הויכע טענער פון דער ערשטער פאַרצווייפלונג. סענדעריכע האָט איר געריבן די שלייפן מיט שוואַכן עסיק. און פאַנדרע האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, געמעקעט עפּעס און נישט געוווּסט, ווו אַהינצוטאָן זיין כוח און זיין רחמנות. געוווּנדערט האָט ער זיך נאָר אויף זיך אַליין. ווי מאָדנע דאָס איז, וואָס ווען עס קומט אויס צו העלפן אַ פרעמדן, דעם גייעם נגיד, זימל דעם פאַקנטרעגער, אַ גויע, להבדיל, אַזוי האָט ער, פאַנדרע, אי כוח אי פאַרשטאַנד; און פלינק ווערט ער ווי סענדעריכע זיין שוויגער אויף אירע וועווערקע־פיסעלעך. נאָר ווי עס קומט צו אַן אייגענעם, צו אַ קינד, צו אַן אייגן ווייב, אַזוי ווערט ער אַ שטיק ליים, אַ גולם... ער קען אַצינד אַזוי טרייסטן און באַרואיקן מערען, אַזוי ווי ער האָט איר אַמאָל געקענט דערקלערן, דאָ אין פירהויז אויף די כאָמעטן, ווי פאַרליבט ער איז אין איר.

— בר־בר־נו, מע־רינקע! — אַזוי האָט ער אויך אַצינד עפּעס אַנגע־

הויבן צו פּאַנפּען. נאָר נישט מערע און נישט סענדעריכע האָבן אים געהערט.

דערמאָנענדיק זיך, אַז ער האָט נאָך צוגעזאָגט צו קומען היינט ביי־נאַכט אויף דער „סכאָדקע", אין דער שטוב מיט די פּאַרמאַכטע גריבע לאָדנס, האָט ער געקריצט מיט די ציין. ער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון אַ מאָדנעם שרעק־געפיל, אַז דער הינקענדיקער קירזשנער האַלט אים ווי אַ בער אויף אַ קייט און ער מ ו ז גיין. ער האָט צוגע־זאָגט אויף געוויס — מ ו ז ער.

ער האָט זיך אומגעקוקט אויף מערען אין דעם צעוואָרפענעם בעט, מיטן קאָפּ איינגעגעבורעט אין קישן, אויף סענדעריכען וואָס שטייט איינ־געבויגן איבער איר מיט אַ פייכטן האַנטוך, און האָט זיך דערפילט ווי צווישן צוויי פייערן, דאָ אין שטוב, מ ו ז ער בלייבן ביים גוססדיקן קינד, און אַהין, צו יענעם שטוב, מיט די פּאַרמאַכטע לאָדן, מ ו ז ער אויך לויפן. האַצע דער הינקענדיקער וואַרט דאָרטן אויף אים. אַן איינ־געזועסענער נפש האָט דער האַצע!

כדי אָפּצושוואַכן אַ ביסל איין „מוז", האָט ער זיך גענומען בעטן, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין:

— מערע, מערײַנעלע איז... איז זיי אַ מענטש! זיי אַ מענטש...

נאָר מערע האָט אים אַפילו נישט געענטפערט... מיט איר נישט־ענטפערן האָט זי אים אַפּנים געוואָלט באַטאָנען, אַז פון זיין האַמעטנעם באַלעבאַטשען טוט איר נאָר וויי; אַז ער, פּאַנדרע, האָט נישט געגוג רחמנות אויף איר, נישט אויפן קינד. אָפּגעווויינט זיך אין אָסטראָג פון אַלעמען... אַז אָט — וואָלט ער בעסער געשוויגן, אָדער אַליין געווײַנט.

צווישן איין געוויין־קראַמף און צווייטן זענען איר פיבערדיק דורכ־געלאָפן אין אָנגעווייטיקטן קאָפּ: דאָס פאַרקנייטשט פּנימל פון קינד ווען ס׳איז געבוירן געוואָרן. דאָס ערשטע שמייכעלע, נאָך אַ צוויי וואָכן זויגן, וואָס האָט זיך ווי אַ בליץ דורכגעטראָגן איבערן קינדס געזיכט און פאַר־שוווּנדן. דאָס שאָקלען מיטן קעפּעלע, ווי אַן אַלטיטשקער, נישט קענענדיק האַלטן שטייף דאָס שוואַכע העלדזל. דער ערשטער פאַרשטאַנד אין די אויגן, דאָס צוהערן זיך צום קלאַנג פון דער באַבעס שליסעלעך אין גאַרטל פון פאַרטוך... ווי שווער דאָס איז אַלץ אָנגעקומען. וואָס ווייסן דערפון אַלע מאַנסבילן?... און איר נח, וועלכער האָט דאָס אַלץ מיט די אויגן נישט געזען, ווייסט אַוודאי נישט. און ווי גיך דאָס אַלץ וועט איצטער

אויסגעלאָשן ווערן, אַלע חנדעלעך, אַלע מינעלעך, איבער אַ גאַרנישט, איבער אַן איבעריקן לעק קולאַיע, אָה, די קולאַיע! די מיאוסע קולאַיע...

— סענדערקע, מיין זון! — האָט זי פּלוצלונג ווילד אויפגעשריען און איר לאַנגער גוף האָט זיך ווי אין קאָנווולסן געוואָרפן אין בעט.

אין איר פאַרצווייפלונג האָט זי זיך גענומען גריבלען, אויסזוכן כלערליי חטאים, פאַרוואָס עס קומט איר אַזאַ שטראָף. נאָך איידער איין אומגליק איז אַוועק, איז שוין דאָס צווייטע אומגליק געקומען. איז נח צוריקגעקומען אַהיים, נעמט ביי איר גאָט אַוועק דאָס קינד. פאַר וואָס און פאַר ווען? אפשר איז שולדיק דאָס נישט כשרע געלט, שעפּטעלע דעם גנבס געלט, וואָס פאַנדרע האָט געבראַכט אַהיים, וואָס זי אַליין האָט אַמאָל גענומען ביי שעפּטעלען, נעבן פאַרעכאָד?... אפשר איז דאָס אַ שטראָף פאַר אירע אייגענע זינד, וואָס זי האָט אין האַרצן געזינדיקט אַקעגן איר מאַן. ווי אַ הור אָפּגעגעבן זיך אין מחשבה אַ סך מאַנסבילן. קושקען, חישינען, אַפילו דעם נייעם נגידס שקאָלע־יינגל. רעכט אויף מיר, רעכט! אָבער וואָס האָט מען צו איר קינד!

— סע־ענדערקע!

— מ... מערע, מערע! — האָט פאַנדרע נאָכאַמאָל געפּרוווט מעקען און נישט זיכער צוגעגאַנגען צום בעט.

נאָר זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט מיט פיס און הענט פון אים און פון זיינע שטאַמלדיקע ווערטער:

— גיי אַוועק פון מיר, נח! האָב רחמנות, טשעפּע מיך נישט! אַ־אָה!

סענדעריכע האָט אָנגעצונדן דאָס נאַפט־לעמפּעלע מיטן פאַררויכערטן גלעזל. און זיין געלער פּלוצלעכער שיין האָט פאַנדרען געטראָפן, ווי אַ רוף פון הינטער די אָרשער ברעמלעך, פון דאָרטן, ווו חאַצע דער הינקענדיקער וואַרט אויף אים.

— עס מוז שוין זיין אַ זייגער אַכט, האַלב ניין, — האָט ער זיך משער געווען און אומגעקוקט זיך מיט שרעק אויף מערען אין בעט, אויף דעם וויגעלע. און מיט איין זייט, ווי אַ פאַראַליזירטער, גענומען רוקן זיך צו דער טיר. אין באַנומענעם קאָפּ האָבן געבלאָנדזשעט שטיקלעך־ברעקלעך פון חאַצע דער הינקענדיקנס ווערטער: „ביי אונדז איז נישטאָ קיין קינד... ביי אונדז איז נישט שייך — ווייב”...

דער פאָדעם, וואָס דער הינקענדיקער האָט אים אָנגעבונדן אויפן מאַהליוועער שליאַך, האָט זיך איצט אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע, און שלעפּט אים ווי אַ העכט פון וואַסער, צו די ברעמלעך, צו די אָרשער ברעמלעך...

אין דער פינצטערער פירהויז האָט ער נאָך דערהערט הינטער זיך סענדעריכעס נאָכשעפּטשען מיט גאַלע „סמך'ן" און „צדיק'ן":

— וווהין גייסטו דאָס איצטער אָוועק? נ—ח?

— איך קום באַלד! — גיט נח אַ זאָג אָפּ, מורא־האָבנדיק אַפילו אומצוקוקן זיך, כדי נישט צו באַגעגענען זיך מיט סענדעריכעס שאַרפע אויגעלעך און נישט פאַרלירן דעם מוט. „אָט באַלד קומט ער, יאָ", טוט אַ שפּרייז איבערן שוועל פון פירהויז און דערשפּירט אַ ווייטיק, ווי ווען אַן אָנגעצויגענער אָדער וואָלט זיך איבערגעריסן צווישן אים און די שטוביקע.

ער מאַכט צו גיך די פירהויז־טיר און שפּרייזט אָוועק האַלב־לויפנ־דיק. דער איבערגעריסענער אָדער טריפט מיט בלוט. אַ קאַלטער שווייס באַדעקט אים דעם שטערן.

ער לאָזט זיך לויפן צו די אָרשער ברעמלעך, ווי אַמאָל צו דער שריפה ביים נייעם נגיד. מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק האָט ער פונקט אַזוי געלאָזן מערען אַליין, אין אירע ערשטע חדשים פון טראָגן סענ־דערקען. דאַמאָלסט איז ער געלאָפן ראַטעווען פרעמדע האָב־און־גוטס, אַ בהמה... אַצינד ביים גוססן פון קינד לויפט ער אויך אין סכנה, אויף אַ שריפה אָן אַ פייער און אָן רויך. „מיר שטייען אַלע טאָג און נאַכט אין געפאַר", האָט האַצע געזאָגט, „מיר האָבן ידיעות, אַז דער פּריסטאַוו האָט אַראָפּגעבראַכט איבערגעטאָגנע זשאַנדאַרניקעס פון מאָהליוו"...

אים האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדוכט, אַז אימיצער לויפט אים נאָך פון הינטן. ער קוקט זיך אום: באמת, עפּעס אַ שאָטן פון אַ מענטשן שאָקלט זיך ווייט הינטער אים, צווישן הייזקעס מיט די באַלויכטענע פענצטערלעך. צי יאָגט אים דאָס נישט נאָך סענדעריכע און וויל אים אומקערן אַהיים?

כדי אָפּטאָן זיין זאַך ביזקל סוף, האָט ער געכאַפּט לויפן, אַ קער געטאָן זיך אין אַ געסקע פון צוויי פּלאַנקעס, צווישן קרויט־גערטנער, און נישטאָ!... ער האָט אַפילו נישט געוווּסט, נח פאַנדרע, פון וואָס פאַר אַ סכנה ער איז אין דעם מאָמענט ניצול געוואָרן.

## .3

אין קושקען האָט געברענט אַ העלישער כעס. זינט מ'האָט זאָוולען פאַרבעטן אויף קולאַיע און אים נישט, איז ער געווען זיכער, אַז אין

סענדערס שטוב האָט מען געמאַכט יד־אחת מיטן אויסוואָרף, מיט זיין שמייסער, וועלכער האָט אים פאַרפירט, בשעת ער, קושקע, איז געווען שיכור... אַצינד האָט ער מער גישט וואָס צו האָפן אויף שלום ווערן מיט פאַנדרען, אַכוואַשן פון זיך דעם פלעק, וואָס ער איז געקראָכן צו זיין ווייב, בשעת יענער איז געזעסן אין אָסטראָג...

מיט אַ מעסער אין איין כאַליאַווע און מיט אַ פלאַכער פלאַש בראַנפן אין דער צווייטער, האָט ער געגומען אַרומפאַדיען פאַרנאַכט־צייט אַרום סענדערס הויז, אויסקוקן אויף פאַנדרען. ער האָט כמעט ווי אויפגעהערט צו גיין אין צעך. וואָרים דאָרטן קומט אַלע טאָג צו גיין זאַוול דער ממזר. דאָס היטעלע מיטן צעבראָכענעם קאָזיראָק — אויף אַ זייט, און מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער באַלעקט זיך נאָך פון דער זיסער קולאַיע, וואָס ער האָט זיך אָנגענאַשט ביי סענדערן אין שטוב, ביי איין טיש מיט מערען און מיט פאַנדרען. אויף יעדן פאַל באַהאַלט ער זיך הינטער די פלייצעס פון די עלטערע באַלעגאַלעס, מאַכט העויות און גיט אָנצוהערעניש, אַז אַט... סענדערקע, נחס ייִנגעלע, וועט זיך נאָר אַ ביסל פאַפראַווען, וועט נח אָנהויבן גיין אין צעך. נו... וועט ער שוין וויסן וואָס ער האָט צו טאָן.

אָפגעזאָגט, גיט ער אַ וווּנק מיט איין באַק צו די באַלעגאַלעס און אַ ווייז מיט די גנבישע אויגן אויף קושקען. ער טוט דאָס אָפּ פלינק און פויגלדיק, ווי אַ פאַסקודניקער ייִנגעלע אין חדר, אַ מסור און אַן אָפּלאַ־כער, וואָס ווינקט צו זיינע חברימלעך, אַז אָט באַלד וועט קומען דער רבי און מ׳וועט דעם אָדער יענעם ייִנגעלע אָפּשמייסן, ווייל ער פאָלגט נישט דער מאַמען.

— יאָ, — מאַכט זאַוול הויך אויפן קול און באַלעקט זיך — ווען נישט דאָס ייִנגעלע, וואָלט ער שוין דאָ לאַנג געווען...

נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן אָט די אַלע רמזימלעך און שטעך־ווערטלעך און דאָס באַלעקן זיך, האָט זיך שוין קושקע בראַנד איינמאָל געוואָרפן מיטן מעסער אויף זיין געוועזענעם שמייסער. נאָר באַלעגאַלעס האָבן בהברותא אָפּגעראַטעוועט זאַוולען. און קושקען אַרויסגעשטופט מיט פאַראייניקטע כוחות פון צעך, מוסרגדיק אים פאַטערלעך־גראָב:

— קושקע פרעסער... שיכור ביסטו צי משוגע? גיי, גיי, שלאָף זיך אויס!...

קושקע איז אַוועק אַהיים, געמאַכט ווייגען פעסיען זיין ווייב, נאָר אויסגעשלאָפן איז ער זיך נישט. ער האָט געפילט, אַז ער איז מער נישט בכוח אויסצוהאַרען ביז נחס ייִנגעלע וועט געזונט ווערן און ביז דער

טאַטע זיינער, דער אָסטראָזשניק, וועט קומען אים „אָפּשמייסן"... מחמת אַזאַ נאָגנדיקער געשפּאַנטקייט האָט ער שטאַרק געגומען שיכורן. און ווי נאָר דאָס פלאַכע פלעשל אין כאַליאַווע האָט געהאַלטן ביי ליידיק ווערן, איז ער געלאָפן צו חיים־יוסף „טרעטי בייק", דעם שענקער, אָנ־צופילן עס, אויסטרינקענדיק די שיריים ביי חיים־יוספן אויפן גאַניק.

אינעם נעפל פון שיכרות און מיטן נאָגנדיקן אומעט אין האַרצן, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, אַז ס'איז נישטאָ מער וואָס צו וואַרטן ביז נח וועט אים שלאָגן בפרהסיה אינמיטן מאַרק, אָדער אין צעך פאַר אַלע באַלעגאָלעס אין די אויגן. ניין. נישט דערלעבן וועט ער, דער אָסטראָזש־ניק! ס'איז אַ סך גלייכער, אַז ער אַליין, קושקע בראַנד, זאָל אים זאָטשעפּען. און בינו לבינו, איידער וואָס ווען, אַריינפּאָרן אים מיטן מעסער אין זייט. נישקשה, פאַר שטעכן אַן אָסטראָזשניק קומט נישט קיין גרויסע שטראָף. דאָס ווייסט ער, קושקע, אויף געוויס...

דעריבער האָט ער זיך היינט פאַרנאַכט אונטערגעגנבעט הינטער סענדערס געבויטע סוכה, הינטער דער זעלבער סוכה, ווו זאָוול שמייסער האָט זיך אַמאָל אינמיטן דער נאַכט באַהאַלטן, ווען ער, קושקע, האָט אַן אָנגעפרעסענער און אַן אָנגעזויפּענער, אָנגעקלאַפּט צו מערען... אָט דאָ־אָ וועט ער פּאַנדרען אָפּוואַרטן און לערנען מיט אים בלק. אָט דאָ־אָ!

ער האָט דערזען פּאַנדרען אָנקומען פונדערווייטנס, און האָט שוין אָנגעטאַפּט דעם מעסער אין כאַליאַווע. נאָר אין דער זעלבער צייט איז דאָקטאָר חישין צוגעפאָרן. סענדעריכע איז אים אַרויס אַקעגן און דער גאַנצער פּלאַן פון פאַרטשעפּען פּאַנדרען, אויג אויף אויג, איז דערווייל צערונען געוואָרן. נאָר אַוועקגיין פון דאַנען, גייט ער, קושקע, נישט אַוועק! בלאָטע.

מיט דער עקשנות פון אַ האַלב־שיכורן, וואָס האָט זיך עפּעס אַריינ־געגומען אין נישט־קלאָרן פול־בלוטיקן קאָפּ, האָט קושקע געגומען אָפּ־וואַרטן, טשיקעווען פון הינטער דער סוכה אויף אַ צווייטן צופאַל. און כדי אונטערגעבן זיך מוט — אַלע ווילע געצויגן פון פלאַכן פלעשל און מיט אַ בייזן געמורמל צוריק אַריינגעשטעקט אין כאַליאַווע.

דעם דאָקטאָרס פאַיעטאָנדל איז אַוועקגעפאָרן, די פירהויז האָט זיך פאַרמאַכט; און פון סענדערס שטוב, האָט צו קושקעס פאַרגאָסענע אויערן דערגרייכט מערעס ביטערער יאָמער.

— ס'פאַרגייט זיי אַ ווייטיק! — האָט ביי זיך קושקע געטראַכט

מיט אַ שיכורער צופרידנקייט — זייער רעכט! זאָוולען אָנגעשטאָפּט מיט קולאַיע, מיך —— פּע... איז נאָט אייך קולאַיע, כאַ־כאַ!

ער האָט דערפילט אַ דערלייכטערונג, אַ זעטיקונג פון זיין זשעדנער פאַרשיכורטער נקמה; איז, הייסט דאָס, יאָ עמיצער פאַראַן, וועלכער שטראָפט פאַר אַזעלכע עוולות. זאָוולען געמאַכט פאַרן שיינעם מענטשן און קושקען פאַרן אויסוווּרף — איז נאָט אייך!

עס איז שוין געוואָרן גוט פינצטערלעך אויף דער גאַס. אין סענדערס פענצטערל האָט זיך אָנגעצונדן אַ געל פייערל. און קושקע בראַנד האָט זיך דערפילט זיכערער אין זיין פינצטערן ווינקל, צווישן דער געבויטער סוכה און פּוסטן שטאַל. אַמאָל האָבן דאָ דריי פערד געהירזשעט איבער די פולע זאַשיקעס, הינטער דער זעלבער בערווענער וואַנט. שמענדריקע, שמאַראָוואָז און דזשירקעליכע די קליאַטשע. אַצינד נישטאָ קיין פערד. נאָט אייך!

מערעס יאָמער אין שטוב האָט זיך איבערגעחזרט.

קושקע האָט זיך צוגעהערט און דערפילט פּלוצלונג אַ ברענענדיקעליידנשאַפט צו מערען, ווי אין יענער נאַכט, ווען זי האָט אַ האַלב־נאַקעטע צוגענומען ביי אים די חלקים פיש און געגדזשס און טייגעכץ. וועמען וועט זי דערציילן מעשׂות? זי האָט דאָך אים געוואָלט, די הויכע נפקא. געלאָזן לכתחילה אַרומנעמען צי נישט? כאַ־כאַ. ער געדענקט...

דאָס פאַרשטעלן זיך די הייסע סצענע פון פאַראַיאָרן ווינטער איבּ־מיטן דער נאַכט, האָט אויפגעבלאָזן זיין אַ ביסל איינגעשטילטן כעס. פון אכזריות צו ליידנשאַפט איז אַלעמאָל איין טראָט. און פאַרקערט אויך... מיט באַגער און אכזריות האָט ער אַצינד איבערגעמישט מערען, איר פאַרצווייפלטן יאָמער. ער האָט זיך דערביי פאַרגעשטעלט, אַז ער איז דער באַלעבאָס און מערע זיין נאָכגיביקע דינסט.

— מיע—ע—ע!... — האָט ער איר איבערגעקרומט הינטער דער סוכה — יאָמער, יאָמער! ביסטו אַזוי גוט ווי דיין אָסטראָזשניק. באַלד וועסטו נאָך מער יאָמערן, דו נפקא! סענדערס טאָכטער, אין דיין טאַטן אַריין!

איבערקרימענדיק און בורטשענדיק אַזוי, טאַפּט ער אָן דאָס הענטל פון מעסער אין דער כאַליאַווע... אָט דאָ וואַרט ער. אָט דאָ וועט זיין אַ טויט אים אָדער דעם אָסטראָזשניק!

ער פאַרקלערט זיך אַ רגעלע איבער דער בלוטיקער קאַשע, וואָס ער וויל דאָ פאַרקאָכן. און כדי איינצושטילן דאָס האַרץ־קלאַפּעניש, ציט

ער אַרויס דאָס פלאַכע פלעשל, פאַרוואָרפט דעם קאָפּ און הויבט אָן ציִען.

אין דער זעלבער רגע גיט זיך די פּירהויז־טיר אָן עפן אויף. „אַט באַלד קום איך"... דערהערט קושקע אַ באַקאַנטן קול.

פּאַנדרעס גרויסע פיגור כאַפּט זיך אַרויס פון דער פינצטער און אין דער טונקלקייט פון דער זומער־נאַכט איילט זי אַוועק. קושקע פּאַספּיעט אַפילו נישט אַריינצורוקן די פלאַש און אַרויסצוכאַפּן דאָס מעסער. ווען ער קוקט זיך אַרום, איז שוין פּאַנדרע אַוועק עטלעכע הייזער ווייטער.

מיט זיין שווערן בויך און מיט די קלאָציקע פיס נעמט קושקע בראַנד נאָכיאָגן זיך נאָך זיין שונא. ער פאַרלירט נאָך איין ווײַלעטשקע, כדי צו ציִען זיין וואָפן.

מיטן מעסער אין איין האַנט און מיט דער נישט־פאַרשטאָפּטער פלאַש אין דער צווייטער האַנט לויפט ער נאָך, ברומט פאַר זיך און כראַבעט זיך, און קומט זיך אַליין פאַר עפּעס נאַרישעוואַטע און אומגעלומפּערט, ווי אַן אָקס וואָס יאָגט זיך נאָך אַן אָגער. נישט אַזוי באַפאַלט מען אַזאַ יונג ווי פּאַנדרע איז. „וואַרט, וואַרט!" טטראַשעט ער אימיצן פונדער־ווייטנס און פילט, אַז בעצם איז ער צופרידן, וואָס פּאַנדרע האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון אונטער די הענט און וואָס דאָס דערשטעכן אים מוז מען אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל.

— נישקשה, כ'וועל זיך דערקלייבן צו דיר! — אַזוי פּאַכעט ער מיטן מעסער נאָך פּאַנדרעס אַנטרונענעם שאָטן. און אַליין בלייבט ער שטיין מיט ברייט־צעשפּרייטע האַמעטנע פיס, ווי אַ שיכורער פויער אויפן יאַריד, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ גויטיקע באַדערפעניש הינטער אַ וואָגן און דער וואָגן האָט זיך פלוצלונג אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַוועקגע־פאָרן.

און צווישן די לאַנגע קרויט־גערטנער איז פּאַנדרע פאַרשוווּנדן, נישט וויסנדיק פון וואָס פאַר אַ סכנה עס האָט אים געראַטעוועט זיין איילן זיך צו דער „סכאָדקע" ביי די אָרשער ברעמלעך.

נישט קיין בעסערע „חתונה" האָט אויף אים געוואַרט אין יענער שטוב, מיט די פאַרמאַכטע לאָדנס. נאָר דאָס האָט ער אויך נישט גע־קענט וויסן.

# אין דער שטוב מיט די גרינע לאָדן

**.1**

די געהיימנישפולע שטוב הינטער די „ברעמלעך", וווהין חאַצע קירזשנער האָט פאַרבעטן נח פאַנדרעז, איז אין שקלאָוו געווען גוט באַקאַנט. מ'האָט זיך פון איר געהאַלטן אָן אַ זייט; מיט אַ שושקען און מיט אַ שמונצערן געכודעט זיך פון איר. און נאָך אַלעמען — איז עס געווען נישט מער ווי אַ גויאישקע הייזקע, אָן אַ גאַניק, נאָר מיט אַ גרויסע פירהויז און מיט אָפּגעבליאַקעוועטע גרינע, שטענדיק צוגעמאַכטע לאָדנס. מיט יאָרן צוריק האָט דאָרטן געוווינט אַמסטערדאַם דער „ציציליסט", וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון סיביר און צוגעשריבן זיך צו שקלאָוו און געווען „פּאַד נאַדזאָר". עס הייסט: ער האָט זיך אַלע טאָג געמוזט יאַווען אין סטאַן, צום פּריסטאַוו. פון אים, פון אָט דעם „נכתב" (צוגע־שריבענעם) האָט זיך דאָס אָנגעהויבן אַלע צרות אין שטעטל, אַלע סכאָד־קעס און אַלע שטרייקן...

נאָר ס'האָט געטראָפן... פאַר וועמען אַ נס, פאַר וועמען אַן אומגליק, און דער געפערלעכער בעל־דבר האָט זיך דערטרונקען אין דניעפּער, אין די ליימיקע גריבער הינטער די קאַכעלניעס. זינט דאַמאָלסט שטייט די דירה זיינע, אָט די דאָזיקע הייזקע, אַ פאַרמאַכטע. אָפּגעזונדערט שטייט זי, מיט בלינדע פאַרלאָדנטע פענצטערלעך, אַרומגעצוימט מיט אַ צוים פון פלעקענער; און אַ שלעסל הענגט אויף דער פירהויז־טיר. און דאָס פלאַכע קוקערל, אויף איר משופּעדיקן שינדל־דאַך, שטשערעט זיך ווי אַ גרויס אויג פון אַ זשאַבע: „אַסטראָזשנע, יידן, דאָ האָט אַמאָל געוווינט אַ ציציליסט!"... פאַר אומזיסט וועט זיך אַהער אויך קיינער נישט אַריינ־ציען. וואָרים ווער וועט דאָס גיין וווינען אין אַ דירה, ווו ס'האָט געלעבט אַזאַ ווילד־פויגל, וואָס איז אַהער פאַרפלויגן פון סיביר, געווען „פּאַד נאַדזאָר" און דערצו נאָך — דערטרונקען זיך?...

נאָר אימיצער מוז יאָ האָבן אַ שליסל צו אָט דער אַרויסגעשטויסענער הייזקע, מיט די גרינע לאָדנס. וואָרים זעלטן־זועלן, ביינאַכט, זעט מען דאָרט ווי אַ שפּיצעלע שיין שטעכט דורך אַ לאָדן־שפּאַלט. און ווער עס האָט געדולד און וואַרט אָפּ ביים צוים, דער קען דערהערן אַ הודזשעריי פון מענטשן, אַ זינגען פון אַן אומבאַקאַנט ליד. גייען דאַמאָלסט יידן פאַרביי און לייגן אַ פינגער צום מויל. ס׳הייסט: „גלייכער איז מען זאָל שווייגן״.

דער נייער פּריסטאַוו מיט זיינע צוויי סטראַזשניקלעך, וועלכע ער האָט אָנגעטאָן אין נייע גאַרניטערס, מיט רויטע לאַמפּאַסן, כדי מ׳זאָל פאַר זיי דרך־ארץ האָבן, האָט שוין געפּרוּווט מאַכן אָבלאַוועס אויף דער פאַרדעכטיקטער הייזקע. נאָר איידער נאָך ער באַווייזט זיך ביי די ברעמ־לעך, ווערט דאָס ליכט אין די לאָדן־שפּאַלטן אויסגעלאָשן. ערגעץ־ווו גיט דאָס א פּייף. שאָטנס הויבן אָן צו שפּרינגען איבער די צוימען. און אז דער פּריסטאַוו, מיט די דראָטענע וואָנצעס קומט אָן, געפינט ער א שלעסל אויפן צוים פון גאָרטן און א שלעסל אויף דער טיר פון פּירהויז.ביידע שלעסלעך הענגען פון דרויסן און וועמען צו ארעסטירן איז נישטאָ. קען אזוי דער נייער פּריסטאַוו, דער המן, בשום אופן נישט באַווייזן באַטשאַל־סטוואָ זיין איבערגעגעבנהייט און זיין טריישאַפט צום קיסר, ירום הודו. פאַר כעס האָט ער שוין איינמאָל געהייסן אָפּרייסן די כיטרע שלעסלעך, און אריינגעשפּרייזט ביד רמה. מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך און מיט א קלונג פון סאַבליעס אין דער פאַרמאַכטער הייזקע. נאָר וואָס האָט ער דאָרטן געפונען? ס׳איז א חוזק צו דערציילן: פיר נאַקעטע ווענט. א פּוסטע קורצע פעסל, א הילצערן בענקל, אָפּגעפּאַלענער טינק. מער גאָרנישט. פאַר גרויס הארצווייטיק האָט אזש דער נייער פּריסטאַוו גע־מאַכט א רוסישן „מי־שברך״ אין דער פּוסטער פינצטערער שטוב, און מיט די שפּיצן פון זיינע לאַקירטע שטיוול, דערלאַנגט די ביידע סטראַזש־ניקלעך זיינע אין א ווייכן אָרט. פּונקט ווי ליקסיי און סטעפּאַן וואָלטן געווען שולדיק, וואָס ער איז אזא בליינער פויגל און וואָס די אומ־באַקאַנטע חברה־לייט זענען אזעלכע גליטשיקע שלייענס.

ווער עס ווייסט מער פון אַלעמען, וואָס אין שטוב קומט פאָר, דאָס מוז זיין יאָשקע דער שערער. הערט ער דערציילן, אַז נעכטן איז ווידער געווען אַן אָבלאַווע און מ׳האָט ווידער גאָרנישט געפונען, צעלויפן זיך זיינע חוצפּהדיקע אויגלעך אונטער די אויסגעקראָכענע ווייעס, ער גיט אַ פּוץ זיין אַרומגעשוירענע באָרד, מיט וועלכער ער שטאָלצירט, ווי מיט

זיין גרעסטער שאַפונג אין לעבן, און צעכיכיקעט זיך פאַלש און דריבנע: בייך, אַז מ׳וואָלט ביי א י ם געפרעגט וואָלט ער, מאָלט אייך, עפּעס יאָ געקענט דערציילן...

נאָר קיינער, ווי אויף צו להכעיס, פרעגט אים נישט. קיינער איז נישט נייגעריק, אויף דעם וואָס ע ר ווייסט. אָפילו יידן מיט בערד, וועלכע זענען פייער און פלאַם אויף די היינטיקע דינסטן און אויף די היינטיקע באַלמעלאָכעס, און אויף די אַלע, וואָס הויבן אַ האַנט אויפן קיסר ירום הודו, אָפילו אַזעלכע יידן רוקן זיך אויך אָפּ פון יאַשקען דעם שערער, ווי נאָר ער הויבט זיך אָן צו באַרימען, צו אונטערכיכיקען, אַז ער ווייסט עפּעס יאָ. עס רופט זיך אין זיי אָפּ דער אייביקער שרעק פאַר מוסרים פון אַלע צייטן, וועלכע זיי שילטן דריי מאָל אַ טאָג אין דער שטילער שמונה־עשרה: „ולמלשינים אל תהי תקוה״... (מוסרים זאָלן קיין האָפענונג נישט האָבן).

אַזוי זענען זיך נוהג בכבודיקע יידן. נו, און דער נייער פּריסטאַוו גופא, וועלכער זוכט אויסצופיינען זיך ביי דער העכערער נאַטשאַלסטוואָ אין מאָהליוו, איז דאָך גלאַט אַ בעל־גאוה. ער קען נאָך יאַשקע דעם שערער עד היום נישט מוחל זיין, וואָס יענער האָט אים געוואָלט אונ־טערקויפן מיט גאָלן זיין „יעהאָ בלאַהאָראָדיעס״ מאָרדע אומזיסט, דער־נאָך — מיט פעטע געגנדז, און סטעפּאַנען, זיין דעסיאַטניק און משרת אין שטוב — מיט געפילטע פיש און מיט בראָנפן. איז וואָס־זשע קומט דערפון אַרויס? לאַכט טאָקע די שטוב מיט די גרינע לאַדנס מיט איר זשאַבע קוקערל אויפן דאָך פון זייערע ביידנס קעפּ.

## 2.

צו אַט דער ד׳אַזיקער שטוב האָט זיך דאָס אַצינד פּאַנדרע געאײַלט מיט זיינע געזונטע אָבער לייכטע טריט. ביי די געמויערטע אַרשער „ברעמלעך״, וועלכע שטייען פון ביידע זייטן שליאַך, ווי צוויי קליינע קלויסטערלעך אָן צלמים, האָט ער אין דער שיטערער טונקלקייט פון דער זומער־נאַכט דערזען צוויי מענטשלעכע שאָטנס. און ווי נאָר ער האָט זיך דערנעענטערט, אַזוי זענען אים די שאָטנס געקומען אַקעגן און איינ־געקוקט זיך אים אין פּנים. איין געזיכט איז אים אויסגעקומען באַקאַנט. ער וואָלט געקענט שווערן, אַז אָט דער שוועבלדיקער קוק פון אַ קאָטער געהערט נישט קיין אַנדערן, ווי פייגקע דעם גאַרבער. ס׳איז איינער פון

פעטער־זשאַמעס באַלמעלאָכעס און האַצע דעם קירזשנערס „באַהעלפער״. אַלע „פאַטשטן״ ברעגגט ער אים אָט דער פיישקע מיט די אייביקע זומער־שפּרינקל׳עך. און ווו האַצע, דאָרטן איז ער אויך דאָ.

אַריינגעקוקט פאַנדרען אין די אויגן, מאַכט פיישקעלע דער גאַר־בער: „אַה״, אַ ווונק צום צווייטן שאָטן; און פאַנדרע גייט דורך צווישן די געמויערטע ברעמלעך, ווי דורך אַן אָפענעם טויער. און ס׳דאַכט זיך אים, אַז ווען נישט פיישקעלעס „אַה״, וואָלט ער די ברעמלעך געפונען פאַרצוימט... הייסט דאָס, אַז אימיצער האָט שוין דאָ פיישקעלען געוואָרנט, אַז פאַנדרע וועט דאָ דורכגיין. ער פאַרקירעוועט זיך צו דער סטעזשקעלע, וואָס פירט צו דעם הויז מיט די גרינע לאָדן און שטויסט זיך אָן אין אַ פלעקענער צוים.

דורך אַ הילצערן טירל פון פאַרצוימטן גאָרטן איז פאַנדרע דורכ־געקראָכן. דאָס פאַרזשאַווערטע שלעסל, וואָס הענגט דאָ אַלעמאָל, איז אַצינד נישט געווען. דאָ איז אויך אימיצער געשטאַנען אויף דער וואַך, איינגעקוקט זיך. און נישט רעדנדיק קיין וואָרט דורכגעלאָזן פאַנדרעס ברייטן גוף דורך דעם שמאָלן טירל. דערפאַר אָבער ביי דער טיר פון פירהויז, האָבן אים שוין גאַנצע צוויי יונגעלייט פאַרשטעלט דעם וועג. אין די הענט ביי זיי האָט עפּעס געבליאַסקעט. מ׳וואָלט קענען מיינען — פּיסטאָלעטן...

— וווהין? — האָט אימיצער שטיל און האַרט אַ פרעג געטאָן.

— ב... בעני — האָט פאַנדרע אָפּגעבורטשעט דעם צייכן, וואָס חאַצע דער הינקענדיקער האָט אים געגעבן און איז פריי דורכגעגאַנגען.

די גאַנצע פאַרסוד׳עטקייט אַרום דער שטוב מיט די פאַרמאַכטע גרינע לאָדן, האָט פאַנדרען אַ ביסל צעשטרויט און אָפּגעקילט דעם ברענענדיקן ווייטיק פון איבערלאָזן אינדערהיים סענדערקען, וועלכער איז פאַרביי, און מערען זיין ווייב, וועלכע באַקלאָגט שוין דאָס קינד, ווי מען באַקלאָגט אַ טויטן.

אין דער פוסטער אָפּגעלאָזענער שטוב איז קיין מעבל נישט געווען. קאַרג־באַלויכטענע פאַרשוינען זענען דאָ געשטאַנען אין קופּקעס אָדער געזעסן אויף דער הוילער פאָדלאָגע און געשמועסט שטילערהייט. אין איין ווינקל איז נאָר געשטאַנען אַ מין דייזשע, צי אַ קורצע ביר־פעסל, איבערגעדעקט מיט אַ טונקל־רויטן לייוונט, און נעבן אָט דער ברייטער פעסל — אַ פּראָסט בענקל, איינס פון יענע בענקלעך, וואָס זעען אויס ווי „קאָזלעס״ און שטייען בטבע אין קאָכשטוב. דאָס איז, אַפּנים, געווען

צוגעגרייט אַלס אַ מין באַלעמער פֿאַר די רעדנער. נאָר ווו זענען זיי די רעדנער?

ביסלעכווייז האָבן פֿון דער האַלב־טונקלקייט געגומען אַרויסשווימען געשטאַלטן און פּנימער; פּונקט ווי אַמאָל מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק, צום ערשטן מאָל אין מאַהליווער אָסטראָג... און פֿאַנדרען האָט זיך אין דער ערשטער מינוט אויסגעדוכט, אַז דאָס איז אַ משונהדיקע אָפּשפּיגלונג פֿון אַ פֿאַרגאַנגענער צייט, פֿון אַ געזען בילד. דער אָנפֿאַל פֿון דער וואַלפֿיכע אין וואַלד האָט זיך שפּעטער איבערגעחזרט אין טשורילאָ־קאַטאָרזשניק, און די גרויע אָסטראָזשניקעס ביי דער פֿאַרטאָגיקער ליכ־טיקייט חזרן זיך איבער, מיט זייער גאַנצער פֿרעמדקייט, אַצינד אין די דאָזיקע פֿאַרשווינגען פֿון דער „סכאָדקע״, ביים געלבן שיין פֿון אַ פּאָר חלבנע ליכטלעך. מאָדנע ווי אַלץ חזרט זיך איבער!

— צי בין איך אפֿשר נישט אינגאַנצן געזונט? — גיט זיך פֿאַנדרע אַ וויש דעם פֿייכטן שטערן און באַמערקט, אַז עס שווינדלט אים אַ ביסל פֿאַר די אויגן. פֿון אַלע אויפֿרעגונגען היינט פֿאַרנאַכט, באַנעמט אים אַ דריקנדיקע שפּלדיקייט, ווי בשעת ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין גרינעם גרונט פֿון דניעפּער צו ראַטעווען זימל פֿאַקנטרעגער און דער דערטרונקענער האָט אים געכאַפּט ווערגן... אוף! נישטאָ קיין לופֿט!

נאָר פּונקט ווי אַלעמאָל אין אַ מינוט פֿון געפֿאַר און ראַנגלען זיך, האָט זיך פֿאַנדרע אויך אַצינד געצוווּנגען צו ווערן רואיקער, פֿאַר־טראַכטער:

— האַלט קאָפּ, נח!

פֿון אָט דער נייער אָנשטרענגונג איז אים גלייך געוואָרן לייכטער אין מוח. די געהיימנישפֿולע, פֿאַרפֿלאָנטערטע פּנימער אַרום אים האָבן זיך גענומען פֿאַנאַנדערקניפּלען. נעזער און אויגן זענען בולטער געוואָרן. אָט די צוויי בחורים זענען דאָס משה דעם טאָקערס אַרבעטער. אָט די יונגעלייט טרעפֿט מען שטענדיק, אין אַ מאַרק־טאָג, צווישן די קראָמען. עס זענען דאָ באַקאַנטע ליימער, גלעזער און סתם יונגעלייט. ער דער־קענט אַפֿילו אַזעלכע נפֿשות, אויף וועלכע ער וואָלט זיך דאָ נישט געריכט. אָט איז אברהמעלע אַרע־מאָטעס, אַ געוועזענער גאַסן־יונג, וואָס האָט אַ שם פֿאַר אַ גזלניש האַרץ. וואָרים יינגלווייז האָט ער געקוילעט די קאַץ פֿון שטוב אויפֿן ברעג אָזערע. גלאָט אַזוי, כדי צו זען, ווי עס זעט אויס אַ געקוילעטע קאַץ, וואָס וויל נישט פּגרן. און אָט איז דעם נייעם נגידס שקאָלע־בחור און נאָך עטלעכע שקאָלע־בחורים פֿון עלטסטן קלאַס.

נעמט מען אַזעלכע שנעקעס אויך אַריין אין חברה? אַפּנים אַז יאָ. פּונקט ווי אין אָסטראָג איז דאָ נישטאָ קיין יחוס און קיין שום אונטערשיד צווישן ייִנגער אָדער עלטער. דאָ דרייט זיך אַרום אַפילו „מאָדיע מיטן אמת" — אַ געוועזענער ישיבה־בחור מיט אַ גרויסן קאָפּ, וואָס האָט אַמאָל אַלעמען געזאָגט דעם אמת אין די אויגן און שטענדיק געקראָגן דערפאַר געשלאָגן מכת־רצח. ער דינגט זיך, למשל, איבער אַ הערינג. מאַכט ער צו דער פאַרקויפערקע: „מילא, די צוויי קאָפּיקעס וועל איך אייך באַצאָלן; נאָר זאָגן מוז איך אייך דעם אמת, אַז אייער טאָכטער האָט מען אַמאָל געכאַפּט גנבענען סחורה ביים שניט־קרעמער"... ער מ ו ז דאָס זאָגן. אָן דעם אמת איז זיין לעבן קיין לעבן נישט! און ער וווּנדערט זיך נאָך מאָדיע־קאָפּ, וואָס אָנשטאָט צו דאַנקען אים פאַרן אמת, איז אים די פאַרקויפערקע מכבד מיטן נאַסן הערינג איבער דער מאָרדע. אָדער: דער פאַרשטשיק פאַרעט אים פאַר אַ קאָפּיקע מיטן גוטן בעזים, אין באָד אויף דער הייסער פּאָליצע. „שמייס, שמייס!" רופט זיך אָפּ „מאָדיע מיטן אמת" ליגנדיק אויפן בויך, „אָבער דעם אמת מוז איך דיר זאָגן. אַלע אין שקלאָוו ווייסן דאָך, ווי אַזוי דו ביסט געוואָרן אַ פאַרשטשיק. אַמאָל ביסטו גאָר געווען אַ בעקער און האָסט פאַרשיכורט ביז אַ פאַדעשקע אין שטוב"... ער מוז דאָס זאָגן! און מאַכט נאָך קולות־געוואַלדן, מאָדיע מיטן אמת, איבער דער גאַנצער באָד, ווען דער זעלבער פאַרשטשיק וואָס האָליובעט אים, נעמט פּלוצלונג אָן דעם בעזים פאַר די בלעטער און שלאָגט אים מיט דער האַרטער הענטל איבערן צעפּאַרעטן געזעס.

אַ סך אומבאַקאַנטע פּנימער דרייען זיך דאָ אויך אַרום. אַפּנים די, וועלכע אַרבעטן אויף די קאַכעלניעס און קומען זעלטן ווען אין שטאָט. אַלע זענען דאָ אויסגעמישט. באַלעבאַטישע קינדער שמועסן מיט יאַקע דעם שינדערס לערן־ייִנגל. מען איז צווישן זיך גאַנץ היימיש. און אַ מאָדנע זאַך! קיינער פון זיי אַלעמען האָט זיך אַפילו נישט געוווּנדערט וואָס אַזאַ גרויסער יונגאַטש און אַזאַ ווילד־פרעמדער, ווי פּאַנדרע, איז דאָ פּלוצלונג אויסגעוואַקסן צווישן זיי אין דער שטוב מיט די פאַרמאַכטע גרינע לאָדן. ווי באַלד דו ביסט דורכגעגאַנגען דורכן פּירהויז מיט דער שמירה, ביסטו מסתמא אַן אונדזעריקער... טאָ זעץ זיך אויף דער פּאַדלאָגע אָדער שטיי! מיר זענען נישט נייגעריק.

## 3.

האַצע דער הינקענדיקער גופא, אָט דער זעלבער האַצע, וועלכער

האָט ווי אַ גרויסער מאַגנעט אָװעקגעצויגן פֿאַנדרען פֿון ווייב און קינד און מיט זיין געהיימען כּוח פֿאַרשלעפּט אים אַהער אין שטוב, איז אַצינד געשטאַנען אין אַ ווינקל אָנגעלענט אויף זיין שוואַרצער קאַווילע. עפּעס גאָר באַשיידן, ווי פֿאַרטאָיעט, איז ער געשטאַנען און שטיל געשמועסט מיטן אַן אומבאַקאַנטן יונגנמאַן, נישט קיין היגער ווייזט אויס. אַ גרויסן געקרייזלטן קאָפּ מיט אַ פּליכל אינמיטן, בולטע, טרויעריקע אויגן און עפּעס אַ פֿרומען טרוקענעם פּנים פֿון אַ למדן, אַ פּרוש. צו דעם האָבן זיך גאָר נישט געפּאַסט, נישט זיין טונקל־רויט רוסיש העמדל איבער די הויזן, נישט דאָס רויטע גאַרטעלע מיט די פֿרענז אַרום די שוואַכע לענדן, נישט דאָס שטיין דאָ אָן אַ היטל.

ווי נאָר חאַצע קירזשנער האָט דערזען פֿאַנדרען און זיין אַרומקוקן זיך אַזוי פֿרעמד און פֿאַרלעגן, האָט ער זיך אָפּגעריסן פֿון אומבאַקאַנטן און גלייך צוגעהאָצקעט זיך צו פֿאַנדרען. חאַצע האָט דערביי בכלל נישט געהאַט קיין שיינענדיקן פּנים דערפֿאַר, וואָס ער, פֿאַנדרע, האָט געהאַלטן וואָרט. און נישט געוווּנדערט האָט ער זיך אויף פֿאַנדרעס מוט אָפּצורייסן זיך, אין אַזאַ ביטערער שעה, פֿון דער היים און אַוועקלויפֿן — דער גוטער יאָר ווייסט וווּהין. ער האָט דאָס, קענטיק, אָנגענומען ווי אַ זאַך, וואָס קומט אים. וואָרים אַ פּנים האָט ער געהאַט אַזוי טרוקן און פֿרום, ווי ביים אומבאַקאַנטן למדן אין רויטן העמדל, מיט וועלכן ער האָט געשמועסט. צוגעהונקען — און אָן שום הקדמות אַ פֿרעג געטאָן:

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס ביי דיר?

פֿאַנדרע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי איינער וואָס שעמט זיך צו קוקן אין פּנים אַריין דעם צווייטן, וועלכער האָט אים געהאָלפֿן אָפּצוּ־טאָן נישט קיין שיינע מעשה.

— מיין יינגעלע איז... איז... ער גוססט.

רופֿט זיך פּונקט אַזוי שטיל אָפּ חאַצע דער קירזשנער.

— נו, נח, גיי אפֿשר טאַקע אַהיים. וועסט אפֿשר אַן אַנדערש מאָל קומען. מ׳עט דיר שוין זאָגן.

ווו איז אַצינד אַהינגעקומען חאַצעס האַרטקייט. זיין שניידיקער קול, זיין שטעכיקער „דו מוזט״? ווייך איז אַצינד זיין קול און זיינע אויגן — וואַרעם.

פֿאַרשנדיק חאַצעס שפּיציק פּנימל מיט די אונטערגעשווירענע שוואַר־צע ווענסעלעך, האָבן פֿאַנדרעס גרויע יינגלשע אויגן געבלאָנדזשעט: צי

לאַכט ער דאָס? צי מיינט ער דאָס, דער הינקעגדיקער „טשאָרט", מיט אַן אמת?

און פּלוצלונג האָט זיך פֿאַנדרעס געשפּאַנטער פּנים אָנגעגאָסן מיטן בלוט:

— הער נאָר, האַצע, דו שפּילסט זיך מיט מיר? ס'איז נישט קיין שפּיל איז דאָס. דו... דו הערסט?

— איך... שפּיל זיך? — גיט זיך האַצע אַ האַצקע צוריק אויף זיין קאַווילע — וואָס רעדסטו וואָס?

— אַפּריער טרענסטו מיר אָדערן, — טרעט צו אים פֿאַנדרע צו מיטן רויטן פּנים און קוקט אויף אים ווי אַ הונגעריקער וואָלף אויף אַ העגדל — אַפּריער: „קום און קום!" און אַצינד „גיי־גיי?" האָסט שוין חרטה גע־קראָגן? וואָס מיינסטו עפּעס?

צעשמייכלט זיך האַצע קירזשנער אונטער זיין פֿאַרשמאָלצעוועטן דאַשיק פֿון היטעלע:

— כ'האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגן, חבר נח, ווי איך בין אַ ייד... דו ביסט אַ ווילער יונג! אָט דאָס נאָר האָב איך געמיינט זאָגן.

בלייבט פֿאַנדרע ווידער אַמאָל שטיין פֿאַרגאַפֿט. דאָס מויל עפֿנט זיך אים אויף. דאָס בלוט לויפֿט אָפּ צום האַרצן. העט, אַ קירזשנערוק מיט אַ שיטער בערדל! אין קאַלט און אין וואַרעם וואַרפֿט ער אים דאָך אַרום.

און האַצע דער הינקעגדיקער בויגט זיך צו אים צו, רוימט אים אַריין:

— נעם זיך נישט צום האַרצן. מיר פּרוּוון אַלעמען אַ ביסל אויס. איז אָט... כ'האָב קיין טעות ניט געהאַט!... גיי, נח, אַהיים! נישקשה.

נאָר פֿאַנדרע איז נאָך אַלץ פֿאַרשטאַרט, ווי יענער האָן, וואָס אַ גאַנצן טאָג איז ער געלעגן אַ געבונדענער אויפֿן מאַרק, ביים גוי אויפֿן וואָגן, און פֿאַרנאַכט, ווען די באַלעבאָסטע ברענגט אים שוין מיט מזל אַהיים און פֿענטעט אים אָפּ, ליגט ער נאָך דער שלאָק, ווי אַ פֿאַרכישופֿטער, און רירט זיך נישט פֿון אָרט. אים דאַכט זיך אַלץ, אַז די גויאישקע פֿענטע שניידט אים נאָך אונטער די אָנגעווייטיקטע פֿליגלען.

האַצע באַטראַכט אים דורכדרינגענדיק, פֿון אונטער זיין דאַשיק, און זיינע שפּיציקע אויערן פֿלאַמען ווי אַלעמאָל בשעת אַ גרויסער באַ־גייסטערונג:

— נו, נו, ווי דו ווילסט. געדענקסט דאָך מסתמא, אויפֿן מאַהליוזער שליאַך האָסטו געבעטן, איך זאָל דיר זאָגן אַ וואָרט עס זאָל דיך נעמען, עס זאָל דיך „טרייבערן", עס זאָל דיר אין די ביינער אַריין...

— יאָ, יאָ, — שמייכלט פּאַנדרע פאַרשעמט.

— איז אָט חבר „בעני״ וועט דאָס דיר דאָ היינט זאָגן... אַלעמען דאָ וועט ער דאָס זאָגן. דו וווּנדערסט זיך וואָס דאָס איז דער זעלבער נאָמען, ווי דער סימן, וואָס איך האָב דיר געגעבן? ס׳איז טאַקע געווען דער סימן פונעם גאַסט, וואָס מיר האָבן דאָ היינט. קום, כ׳וועל דיך מיט אים באַקענען.

ער האָט אים צוגעפירט צום זעלבן יונגנמאַן מיטן למדנישן פּנים און מיטן רויטן העמדל איבער די הויזן, מיט וועלכער ער, חאַצע, האָט אָקאָרשט געשמועסט. אַן איידעלע שמאָלע האַנט האָט אָנגעכאַפּט פּאַנדרעס לאַפּע. טרויעריקע אויגן האָבן אים אָנגעקוקט. אַ ברוסט־קול האָט צו אים ווייך גערעדט:

— חבר חאַצע האָט מיר שוין דערציילט פון אייך. עס איז אַ... גרויסע גבורה, וואָס איר זענט היינט געקומען אַהער, בשעת ביי אייך אין שטוב... נאָר לאָמיר דערפון נישט רעדן! ס׳איז גוט, חבר, וואָס אין אייער געזונטן גוף זיצט אַזאַ געזונטע נשמה. איך דאַנק אייך אין נאָמען פון אַלע אונ־דזעריקע, דאָ און אומעטום.

דער וואַרעמער דרוק פון דער פרעמדער, נישט־האָרעפּאַשנער האַנט, דער קול, מיט וועלכן מ׳האָט דאָ צו אים גערעדט, דאָס „אירצען״ אים, דאָס אַלץ האָט אים געמאַכט פילן, אַז מען פאַרטרויט אים דאָ ווי אַן אייגענעם, אַז מ׳האָט אים שוין אַריינגענומען אין קאָמפּאַניע. ווי אַ בוימ־אייל האָט זיך די דאָזיקע נייע און אומבאַקאַנטע גוט־ברודערשאַפט צעגאָסן איבער זיין פאַרטאַיעטן ווייטיק און זאָרג פאַר זיין היים, איבער דעם פאַרטאַיעטן שרעק פאַר דער סכנה, וועלכע לויערט אויף אים דאָ, פון אַלע שאָטנס אַרום די ברעמלעך, פונעם פּריסטאַוו מיט זיינע איבערגע־טאַנענע סטראַזשניקעס, פון וועלכע חאַצע האָט באַקומען ידיעות, אַז זיי זענען אָנגעקומען פון מאַהליוו און לויערן ערגעץ־וווּ... אָט איז ער, פּאַנדרע, דער באַלעגאָלע, דער גראָבער יונג, דער אָסטראָזשניק, שוין באַצאָלט פאַר דער גרויסער אָנשטרענגונג, וואָס ער האָט געמאַכט איבער זיך, צו קומען היינט אַהער.

פון גרויס באַגייסטערונג, וואָס אַן אומבאַקאַנטער איידעלער מענטש גיט אים אָפּ אַזאַ כבוד און רעדט צו אים אַזעלכע איידעלע ווערטער, האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעכאַפּט דעם געקרייזלטן יונגנמאַן פאַר דער האַנט:

— איר הערט, חבר בעני, זאָל איך קרענקען, ז...אָל איך שטאַרבן, דאָ אויף אַן אָרט, אויב, אויב...

פונקט אַזוי האָט ער זיך שוין אַמאָל פאַרזאַאיקעט, ווען ער האָט מ ע ר ע ן גֿעוואָלט דערקלערן ווי ליב ער האָט זי, ווי איבערגעגעבן ער וועט איר זיין.

# די אָבלאַווע

## .1

אַז דער רעדנער פון מאָהליוו, חבר בעני, איז אַרויף אויף דער איבערגעקערטער דייזשקע, מיטן רויטלעכן סיטץ באַדעקט, האָט ער קודם־כל אָפּגעגעבן כבוד דעם אָנדענק פון אַמסטערדאַמען *) — דער דערטרונקענער נכתב, וועלכער איז מיט יאָרן צוריק געקומען אַהער פון סיביר און געוווינט אינעם זעלבן הויז, מיט די גרינע פאַרמאַכטע לאָדן, וואָס קיינער וויל זינט דאַמאָלסט נישט דינגען, און ווו די „סכאָדקע" קומט אַצינד פאָר. יאָ, ער האָט זיך דערטרונקען, דער וועלכער האָט זיך אויסגעפּייניקט אין סיביר און געליטן הונגער און קעלט פאַרן אמת און פאַר אַ׳לע די, וועלכע זענען דאָ כלומרשט פריי און ליידן נישט־ווייניקער ווי ער אַליין, ביז צו היינטיקן טאָג... פון די ליימיקע דניעפּער־גריבער איז אַרויסגעשווומען דער מאַרטירער־גייסט פון דעם דערטרונקענעם און אָנגעטיילט די גאַנצע יוגנט אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל מיט זיין ווילן און מיט זיין פייער. אָט חבר האַצע, וועלכער זיצט דאָ, מחמת זיין קראַנקן פוס, אויפן איין־איינציקן בענקל, איז געווען אַן עדות פון דער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן ברעג דניעפּער. ער איז אויך געווען איינער פון די, וועלכע האָבן באַשאָטן מיט רויטע בלומען אַמסטערדאַמס קבר, פאַרטאָג, אויפן יידישן בית־עלמין, און געזונגען דאָס ערשטע רעוואָלוציאָנערע ליד, וואָס שקלאָוו האָט נאָך ביז דאַמאָלסט נישט געהערט. אַזוי אַרום אויפגעוועקט אַלע די, וועלכע זענען שוין געווען איינגעשלאָפן מיט אַ זיכערן און צופרידענעם שמייכעלע אויף די ליפּן, וואָס מ׳איז שוין, געלויבט דער אויבערשטער, פּטור געוואָרן פון געפערלעכן

---

*) איינער פון די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערן אין ווייס־רוסלאַנד אין די 90־סטע יאָרן. דערטרונקען געוואָרן איניקע יאָרן שפּעטער נאָך זיין צוריקקומען פון סיביר.

„נכתב״ און אַז מער וועט ער שוין נישט שטערן זייער באַלעבאַטישע רו, נישט קאַליע מאַכן זייערע קינדער און נישט איינרעדן זייערע באַלמע־לאָכעס צו שטרייקן. יענער געזאַנג אויף זיין קבר איז געווען אַן אַנזאָג, אַן אַמסטערדאַמס גייסט לעבט און אַז ער וועט נאָך קומען אָנקלאַפּן אַלע נאַכט אין די פאַרמאַכטע לאָדנס און נישט לאָזן שלאָפן נישט דעם אַלטן דור, נישט דעם יונגן...

נאָך אָט די הויכע ווערטער, האָט זיך חבר בעני עפּעס אַ ביסעלע פאַרשעמט, זיינע טרויעריקע אויגן האָבן זיך צעפינטלט. ער האָט אָפּגע־הוסט און, מיט אַ מער באַשיידענעם טאָן, דערקלערט, אַז צום אָנדענק פון דעם ערשטן רעוואָלוציאָנער אין שקלאָוו, וועט חבר חאַצע, נאָכן רעפעראַט, פאַרטיילן ליטעראַטור. און מ׳בעט די חברים נאָכן איבערלייענען אָפּגעבן צוריק, כדי מ׳זאָל דערנאָך קענען פאַרטיילן אין אַנדערע שטעט־לעך. וואָרים אַראָפּברענגען ליטעראַטור ווערט אַלץ שווערער און שווע־רער. מען זוכט און מען נישטערט אין יעדער ווינקעלע. דער היגער בייער פּריסטאַוו האָט זיך גענומען, נישט אויף קאַטאָוועס, אויסצורייניקן די יידישע „קראַמאָלע״. ער, בעני, איז זיכער, אַז מיט אים אויף דעם זעלבן פאַרעכאָד פון מאָהליוו זענען געפאָרן איבערגעטאָענע זשאַנדאַרניקעס. נאָר אונדזערע חברים! — אַזוי האָט בעני אויסגערופן מיט זיין פריער־דיקן געהויבענעם קול, אונדזערע חברים וועלן וויסן ווי צו געבן דעם ריכטיקן ענטפער, ווען ס׳וועט האַלטן ביי עפּעס...

ווי אַ מין פאַרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן פאַר פאַנדרעס בלאָנדזשענ־דיקע אויגן. דאָס וואָס אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, נאָך פאַר דער חתונה, האָט אויסגעזען אַזוי פאַרסודעט, איז פּלוצלונג געוואָרן פּראָסט און פשוט. וואָרים אַלע אין שקלאָוו געדענקען נאָך זייער גוט דעם בלאָנדן שלאַנקן פאַרשוין מיט די גרינע אַ ביסל בולטע אויגן, וועלכער איז אומגעגאַנגען איבער די גאַסן אַזוי האָפערדיק, אַן אַ היטל, מיט די לאַנגע האָר פאַר־וואָרפן אויפן קאַרק. ער האָט אַזוי לייכט געטראָגן אויף זיך אַלע בייזע בליקן פון פּריסטאַוו, פון פאָטשטמייסטער און פון די דעסיאַטניקלעך, און די חשדים פון חשובע באַלעבאַטים און קרעמער. ער האָט דאָס אַלץ געטראָגן מיט פונקט אַזאַ לייכטקייט, ווי זיין לאַסטיקענע זומערדיקע העמדל איבער די הויזן, ווי זיין גאַרטעלע מיט די פרענדז.

יאָ, דאָס אַלץ האָט ער, פאַנדרע, אַצינד גוט פאַרשטאַנען. נאָר דאָס וואָס בעני פון מאָהליוו האָט ווייטער גערעדט, וועגן די וואָס אַרבעטן, וועגן די וואָס גיבן אַרבעט און וועגן מענטשן מיט קאַפּיטאַל וואָס נוצן

אויס פרעמדע פראַצע — האָט ער ניט זייער קלאָר פאַרשטאַנען. אפשר דערפאַר — ווייל די צרות אינדערהיים האָבן אים געדריקט ווי אַ בליי, סענדערקעס אָפענע אויגן פון אַ גוסס האָבן פאַר אים אויך דאָ אַרומגע־שוועבט; מערעס פאַרשטיקטע שלוכצן האָבן געקלונגען אין די אויערן און נישט געלאָזן צולייגן קאָפּ צו דעם, וואָס דאָ ווערט געזאָגט. אמת, פון צייט צו צייט פלעגט אים אין בעניס ווערטער אויפבליצן אַ באַקאַנט וואָרט. ער, פּאַנדרע, וואָלט געקענט שווערן, אַז ענלעכע זאַכן האָט ער שוין געהערט אין אָסטראָג פון שעפּטעלע דעם גנבס מויל. אויך שעפּטעלע האָט גאַנץ אָפט גערעדט אַקעגן אָנגעפרעסענע גבירים, אַקעגן רייכע ליידיקגייער וואָס היילן זיך כלומרשט אין די בעדער אַרום דאַנציג און שפּילן גאַנצענע טעג אין קאָרטן. און וואָס פאַר אַ ווילדע הנאה ער, שעפּטעלע, האָט, ווען ער באַגנבעט זיי; שוין אָפּגערעדט פון דעם פאַר־געניגן פון „האָבן פרנסה"... נאָר ביי שעפּטעלען איז דאָס אַלעמאָל אַרויס־געקומען ווי אַ מין פּריוואַטער צו להכעיס, און צוליב אייגענע נוצן. און דאָ, ביים בחור מיט דעם רוסישן העמדל איבער די הויזן, וואָס פּאַסט זיך גאָרנישט צו זיינע שמאָלע אָפּגעהאָנגענע פּלייצעס פון א למדן און צו זיין דריי מיטן בלאָסן פינגער בשעתן רעדן, ביי אים קומען די זעלבע ווערטער אַרויס גוטמוטיקער, ברייטער, אַ טובה — נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אַלעמען...

און אָט דערציילט ער, בעני, אויף דער איבערגעקערטער דייזשקע, עפּעס גאָר אַן אויסטערלישע זאַך, אַז אין מאָהליוו זעצט מען אַריין אין אָסטראָג די אַרבעטער פון פאַבריקן נאָר דערפאַר, ווייל זיי פאַרלאַנגען אַ הוספה און זאָגן זיך אָפּ צו אַרבעטן פאַרן אַלטן לוין. זיי שטרייקן און הונגערן מיט ווייבער און קינדער און מ׳זעצט זיי נאָך דערפאַר אַריין אין אָסטראָג. דאָס הייסט גאָר, אַז זיי „בונטעווען זיך". און פאַרוואָס מיינט איר הייסט דאָס אַזוי? ווייל די פאַבריקאַנטן מיט דער פּאָליציי זענען יד־אחת. אָט די דאָזיקע אכזריות, זאָגט בעני פון מאָהליוו, איז שוין צו ווייט פאַרגאַנגען. עס האַלט שוין דערביי, אַז אַרבעטער ווערן באַהאַנדלט ווי די קנעכט, וועלכע מ׳קויפט אין ווילדע לענדער אויפן מאַרק. און ס׳איז נישט ווייט דער טאָג, סטראַשעט בעני מיט זיין איידעלער האַנט, ס׳איז נישט ווייט דער טאָג, ווען אַלע אַרבעטער, גויים און יידן, קליין און גרויס, וועלן זיך אויפהויבן און שטורמען אָט די אַלטע פינצ־טערע געזעצן פון די שטאַרקערע קלאַסן, אַזוי ווי דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט אַמאָל געשטורעמט די באַסטיל...

באַסטיל? עפּעס גאָר אַן אויסטערליש וואָרט! אַלע, ווייזט אויס, האָבן זיך געשעמט צו פרעגן, האָט זיך פאַנדרע אויך געשעמט... נאָר איין „מאָדיע מיט דעם אמת" האָט זיך גראָד נ י ש ט געשעמט. אַ שיי־נעם דאַנק אים דערפאַר! „מאָדיע מיט דעם אמת" האָט צוגערופן: חבר בעני זאָל אים מוחל זיין. ער, מאָדיע, פאַרשטייט נישט וואָס איז באַ... באַט... באַסטיל. ער, מאָדיע, האָט האָלט צו זאָגן דעם אמת...

און בעני האָט זיך נישט געפוילט און... פּינטלדיק מיט די קורצ־זיכטיקע אויגן פון אַ למדן, דערציילט ווי דעם 14־טן יולי 1789 האָט מען אין פּאַריז געצויגן דעם גרויסן שטורעם־גלאָק און דאָס גאַנצע באַ־וואָפנטע פאָלק האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום פינצטערן אָסטראָג, הינטער פּאַריז, וואָס האָט געהייסן באַסטיל, און געשטורעמט די דאָזיקע פעסטונג, מיט קאָטשערעס און ביקסן און מיט גראָב־אייזנס, און מיט אַלץ וואָס האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט. אונטער אַ האָגל פון זעלנערישע קוילן האָט מען געשטורעמט און באַזיגט די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן דאָרט געהאַלטן די קייזערלעכע וואַך; אויפגעבראָכן אַלע שלעסער און טירן און אַרויסגעראַטעוועט האַלב־געחלשטע אויף אייביק־פאַרמשפטע, אין קייטן געשמידטע, וואָס דער פראַנצויזישער טיראַן און זעלבסטהערשער לודוויג דער 16־טער האָט געהאַלטן פאַר שונאים פון זיין טראָן. אָט פונקט אַזוי, האָט בעני פאַרענדיקט מיט פייער, פונקט אַזוי מוז זיך אויך דאָ ביי אונדז דאָס גאַנצע פאָלק דערהויבן און שטורמען די אַלטע געזעצן וואָס די שטאַרקערע און רייכערע האָבן געמאַכט. דער חורבן פון דער באַס־טיל — דאָס איז אַ מוסטער פון מוט פאַר אַלע פאַרשקלאַפטע, פאַר אַלע דערנידעריקטע. און פריער־שפּעטער וועט דאָס זעלבע געשען, אין אַלע אָפּגעשטאַנענע לענדער, אויף דער וועלט...

און פאַנדרע הערט מיט אַ האַלב־אָפענעם מויל און דערמאָנט זיך, אַז בשעת דער פאַלשער משפט, וואָס איז איבער אים פאָרגעקומען אין מאָהליוער אָקרוזשנאַי־סוד, האָט אים אין די אויערן אָפּגעקלונגען, ווי אַ ווידער־קול פון אַן אַנדער וועלט, אַן אַלטער, פאַרגעסענער פסוק פון חדר:

פאַרשרייב אין אַ בוך און טו אין די אויערן פון יהושע, אַז מעקן און אָפּמעקן וועל איך עמלקס געדעכעניש פון אונטער די הימלען"....

צי הויבט דאָס נישט אָן מקוים צו ווערן אָט די נבואה וועגן עמלקן? וועגן אָט דעם זעלבן עמלקן, וועלכער האָט אים אַזוי לאַנג געמוטשעט

אין אָסטראָג פֿאַר אָפּרייסן אַ קנעפּל ביים נייעם פּריסטאַוו, וואָס בעצם איז דאָס אויך געווען שקר וכזב. נישט מיט אַזעלכע יונגען ווי קושקע בראַנד דאַרף מען זיך שלאָגן, נאָר אַט מיט דעם עמלקן, וואָס טוט אָן אַלעמען צרות פֿון משהס צייטן ביז אַצינד. געדענק, פֿאַנדרע, וואָס דו האָסט זיך געשווירן ביי די פֿינצטערע יאַטקעס, קומענדיק צוריק אַ פֿאַר־סמאַליעטער, אַ פֿאַרמאַטערטער פֿון אָסטראָג! און אַט האָט ער אַצינד אָנגעטאַפּט דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. ער ווייסט אַצינד מיט וועמען צו שלאָגן זיך. פֿון אָט דער שטוב, מיט די גרינע פֿאַרהאַקטע לאָדנס און פֿון נאָך אַ סך אַזעלכע הייזער, וועט אַרויסגיין אַ גרויסער בראַך אויף עמלקס קאָפּ און אויך ער, פֿאַנדרע, וועט דאָ האָבן אַ האַנט, אויך ער.

## 2.

בעני פֿון מאַהליוו האָט פֿאַרענדיקט זיינע רייד מיט אויסרופֿן, וועלכע הויבן זיך אַלע אָן מיט „דאַלאָי" און ענדיקן זיך מיט דאָס אויבערשטע פֿון שטויסל, מיט ניקאָלאַי דעם צווייטן אַליין. פֿאַרן אָסטראָג האָט שוין פֿאַנדרע געהערט כלערליי מינים „דאַלאָי". בשעת די שבתדיקע דעמאָנ־סטראַציעס וואָס די „ציציליסטלעך" פֿלעגן מאַכן האָט ער עס געהערט. אָבער דאַמאָלסט, ווען די גאַנצע מאַסע פֿון הענט און „רובאַשקעס" און קעפּ איז געווען צוזאַמענגעקנוילט אַרום אַ רויטע פֿאָן, האָט דאָס געקלונ־גען שטאַרק, ס'האָט איבערצייגט, ס'האָט זיך געגלוסט מיטשרייען. פּונקט אַזוי האָט זיך אים יינגלווייז געגלוסט מיטצושרייען „הוראַ", ווען דער נייער פּריץ איז געקומען מיטן פֿאַרעכאַד און שקלאָווער יידן זענען אַרויס אים מקבל פּנים זיין... אָבער דאָ אַצינד, ביי אָט דעם בחור מיטן פּנים פֿון אַ למדן און מיט דעם רוסישן העמדל איבער די הויזן, קומט דער „דאַלאָי" אַרויס עפּעס אומבאַהאָלפֿן, צו הילכיק און פֿאַלש. פּונקט ווי אַ קלויזניק וואָלט פֿאַרדרייט דעם דאַשעק אויפֿן נאַקן און וואָלט גענומען מאַרשירן מעשה סאָלדאַט.

פֿאַנדרע לאָזט אַראָפּ די אויגן. מיט זיין געזונטער נאַטור פֿילט ער, אַז אָן דעם „דאַלאָי" וואָלט אפֿשר די דרשה פֿון מאָהליווער בחור בעסער געווען פֿאַרענדיקט. און אַפּנים, אַז האַצע דער הינקענדיקער האָט דאָס אויך דערפֿילט, וואָרים ער איז גלייך אויפֿגעשפּרונגען מיט זיין קאַווילע פּונעם איין־איינציקן בענקל אין שטוב און געגעבן אַ צייכן.

דאָס גרעסטע טייל פֿון די יונגעלייט אויף דער סכאָדקע הויבן אָן

צו זינגען שטיל און איינגעהאַלטן, מורא האָבנדיק אַפּנים מ׳זאָל נישט דערהערן אין די פרעמדע הייזקעס, הינטער די פאַרצוימטע קרויט־גערט־נער. נאָר ביי אַלעמען טליעט נאָך אַ פּייערל פון בענקשאַפט אָבער אָט די לידל צעגליט זיך, און דער חשק פון זינגער נעמט אַלעמען אַרום. אַלע מיילער שפּאַלטן זיך אויף:

אַטרעטשאַמסיאַ אַט סטאַראָווא מי־ראַ,

אַטראַכניאַם יעווא פּראַך ס׳נאַשיך נאָג!

— ש־ש־ש־אַ! חברים! — ווערט האַצע קירזשנער אַ ביסל אומרו־איק — אַ ביסעלע שטילער!

דער צעהיצטער עולם שטייט אויף, און אַלע אויף די פיס, און זייערע פאַראייניקטע קולכער פאַרשלינגען האַצעס הייזעריקע מורא, אין איין נישט־גלייכן כאָר:

מי ניע ליובים זלאַטאָווא קומי־ירא!

מאָדנע ווערטער! מיט זיין ביסל פּויערישן רוסיש, וואָס פאַנדרע קען, איז ער נישט בכוח אַריינצודרינגען אין תוך פון אַזאַ הויכן סאָרט לשון. נאָר באַקאַנט זענען אים די ווערטער יאָ באַקאַנט. ווו האָט ער דאָס אַ שטייגער געהערט? אָך יאָ, פאַרן אָסטראָג, פאַר דער חתונה האָט ער דאָס ווען נישט ווען געהערט אין ר׳ ישיעלעס חורבה אויף דער שול־גאַס און אין פראַנצאָווקער וואַלד. דאַמאָלסט איז ער נאָך אויסגעגאַנגען נאָך מערען, וועלכע האָט אַפילו נישט געוואָלט קוקן אין זיין זייט. פלעגט ער זיך אָנטרינקען מיט זעלצערקע אויף באַרג, ביי וואָוקען אין בודקע, און אַוועקלאָזן זיך אין וואַלד מיט חברים שמייסער און באַלעגאַלעס. פלעגט זיך זיי אָפּטמאָל דערטראָגן, פונדערווייטנס, דער אָפּקלאַנג פון דעם זעלבן ליד. געהיימנישפול, מסוכנדיק, אימיצן אַרויספאָדערנדיק האָט געקלונגען דאָס ליד. איז אָט דאָס, הייסט דאָס, זענען אירע ווערטער?...

מי ניע ליובים זלאַטאָווא קומי־ירא!

שקלאָווער אייגוויינער האָבן פאַר דאָס ליד מורא געהאַט. ווי אַן אָנזאָג פון בייזע נבואות האָט זיי געקלונגען אין די אויערן. ר׳ סענדער עליו השלום אַליין פלעגט אויסשפּייען, דערהערנדיק דאָס געזינגעכץ. נאָר פאַנדרע האָט געמערקט, אַז אַפילו ביי ר׳ סענדערן קלעמט דאָס האַרץ בשעתן אויסשפּייען. ער האָט, דאַכט זיך, מורא געהאַט און פונ־דעסטוועגן נייגעריק צוגעהערט זיך... וואָרים ר׳ סענדער האָט געהאַט בשעת־מעשה פונקט אַזאַ זיס־זויער פאַרקרימט פּנים, ווי בשעת צוהערן זיך צו דער אָרגל־מוזיק אין שקלאָווער קאָסטיאָל...

אויך שעפּטעלעס לידלעך אין אָסטראָג זענען געווען טייער. אַט, למשל, דאָס לידעלע: „מ׳האָט דאָך מיר אַ שטריק געפלאָכטן, אָן אַ מעסער אָפּגעשאָכטן. פּאָניע, פּאָניע, פּאָניע גנב!"... ס׳האָט געקלונגען אַזוי פאַרבענקט און דערשטיקט צווישן די גליטשיקע „נאַרעס" אין אָסטראָג! אויך די פּויערטעס, ווען זיי יעטן די ברייטע קרויט־גערטנער און זינגען אויסציענדיק די העלדזער, ווי די גענדז, צו דער האַלב־פאַרגאַנגענער זון — צופּט דאָס ביים האַרצן. אָבער ווי קומט אַלץ צו אַט דעם פרעמדן, נישט־פאַרשטענדלעכן ליד, מיט די האַלב־טערקישע ווערטער? —

ניענאַוויסטען נאַם צאַרסקי טשערטאָג

מאַרש, מאַרש, וו׳פּעריאָד!...

אַזאַ געשמאַקע וואַרעמקייט ברומט אין די ווערטער, ווי אין ווינט אויפן שליאַך, וויעסנע־צייט, ווען מען פאָרט באַרג־אַראָפּ און מען צעיאַגט דאָס פערד, כדי צו לאָזן אויף זיך זשומען די גאַנצע זיסקייט און פרישקייט פון וויעסנע. ס׳איז אַ שיכרות נישט קיין ליד! עס גיסט אָן די הענט מיט כוח, עס גלייכט אויס די פּלייצעס, עס מאַכט פאַרגעסן אַלע קליינע צרות אינדערהיים. און עס דאַכט זיך אים, פּאַנדרען, אַז עס ברענט ערגעץ־ווו, און מען רופט אים בחברותא: לאָמיר לויפן ראַטעווען! נאָר נישט די שטאָל ביים נייעם נגיד ברענט דאָס, נישט אַ טיראָלער קו פאַרסמאַליעט זיך די פעל. די וועלט ברענט, פּאַנדרע! לאָמיר לויפן ראַטעווען זי. —

מאַרש, מאַרש, וו׳פּעריאָד!...

אָבער נישט באַשערט געווען, אַפּנים, פּאַנדרען, אויסצוהערן דאָס שיינע לידל ביזקל סוף, אָנזעטיקן זיך מיט איר, אויסטאָן זיך, מיט איר כוח, פון אַלע דאגות אינדערהיים. וואָרים אין רעכטן מיטן פון איר דערהויבנקייט, ווען די שקלאָווער שקאָלע־יונגען מיט זייערע ייִנגלשע קולכער און „מאָדיע מיטן אמת" מיט זיין ברומיקן באַס, זענען זיך פאַרגאַנגען אין די הויכע טענער, האָט ערגעץ־ווו אין גאָרטן, הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס, שאַרף אַ פייף געגעבן, איין מאָל און צוויי מאָל — דריי מאָל נאָכאַנאַנד. און באַלד נאָכדעם, האָט דאָרטן שטאַרק אַ קנאַק געטאָן. עפּעס צווישן אַ קנאַל פון אַ פּיסטאָל און אַן אייַנברוך אין אַ הילצערנער טיר׳ל פון אַ צוים. אפשר ביידע זאַכן צוזאַמען. און אַ לויפעריי פון עטלעכע פּאָר פיס האָט זיך דערהערט.

אַפּנים, אַז אָט די שאַרפע צוויי פייפן זענען געווען אָן אָפּגערעדטער צייכן. וואָרים דאָס געזאַנג איז גלייך פאַרשטומט געוואָרן, ווי מיט

אַ מעסער אָפּגעהאַקט. פֿאַרגולמט און האַלב־אָפּן זענען געבליבן די מיילער. און האַצע קירזשנער האָט זיך אַ האַקע געטאָן אויף זיין קאַווילע, ווי אַ גרויסע גריל, וועלכע מען כאַפּט אָן ביי איין פּיסל. ס׳האָט זיך דערהערט אַ גריליצענדיקע ריגלערייי. די יונגען, וועלכע זענען געשטאַנען שמירה ביי דער פּירהויז־טיר, האָבן די פּירהויז נאָך שטאַרקער פֿאַרריגלט, פֿאַר־האַקט מיט אַ דיקן דראָנג, אַליין אַריינגעלאָפֿן, צוגעהאַקט און פֿאַרקייטלט די שטוב־טיר אויך. און באַלד האָט אָן איינגעהאַלטענער טומל, ווי אַ שוי־דער, אַלעמען דורכגענומען, און אַ שושקעריי איז דורכגעלאָפֿן אַלע פֿאַר־זאַמלטע און איבערגעגעבן זיך, פֿון מויל צו מויל, ווי אַ שטויס פֿון אַ פּלוצלעכן ווינט איבער אַ וואַסער:

— אָן אָבלאַווע, חברים!

**.3**

נאָך איין רגע צעטומלעניש האָט האַצע אַ געשריי געטאָן, מען זאָל זיך האַלטן רואיק. און אַליין, שטאַרק הינקענדיק אויף זיין קוליע, צוגע־שטופּט זיך צו אַ פֿאַרלאָדענטן פֿענצטער הינטער דעם גרויסן אויוון און, אומדרייענדיק דעם קאָפּ, אַ זאָג געטאָן מען זאָל אויסלעשן די חלבנע ליכטלעך... מ׳האָט זיי גלייך אויסגעלאָשן.

אין דער פֿינצטערניש, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע סכאָדקע, האָט מען געהערט, ווי האַצע טאַפּט אָן דאָס קייטעלע פֿון דעם אייזערנעם פֿרענט, ווי ער ציט אַרויס דעם אייזערנעם פֿאַרזשאַווערטן קייל ביים לאָדן־לאָך, ווי ער קייטלט האַסטיק אָפּ די צוויי האַלבע פֿענצטער און שטויסט פּאַוואָליע דורך די פֿאַרמאַכטע לאָדן פֿון אינעווייניק. „חברים אַהער!" האָט ער אַ שושקע געטאָן. און באַלד נאָכדעם האָט קיל און פֿריש אַ שפּאַר געטאָן אין דער הייסער שטוב־לופֿט דאָס נאַכטיקע גאָרטן־ווינטל. און ווי עס וואָלט האַצען אונטערגעהאָלפֿן: „גיכער, גיכער!".

אַלע האָבן זיך שטיל און פֿלינק, ווי די קעץ, אַ וואָרף געטאָן צו דעם אויפֿגעריסענעם פֿיר־עק הינטערן אויוון. ביי דעם גרויען שיין פֿון די זומערדיקע געדיכטע שטערן האָט זיך האַרט, ביים אָפֿענעם פֿענצטער, באַוויזן אַ מין באַגראַזטע שמאָלע קעסטעלע, איינגעקלעמט צווישן צוויי שורות פֿון הויכע פֿאַרשפּיצטע פּלעקענער. אין פּלוג האָבן דאָך די דאָזיקע פּלעקענער פֿאַנאַנדערגעטיילט אַ גרענעץ־בייט צווישן צוויי גרויסע קרויט־גערטנער. נאָר אַפּנים האָט דאָס געהאַט, ווי אַ קונציק־אויסגערעכנטע און

באַשיצטע שטעגעלע צום אַנטלויפן, ווען מען באַדאַרף, פון דער פאַר־דעכטיקער הייזקע מיט די גרינע לאַדנס.

אין דער פּירהויז־טיר האָט מען זיך שוין שטאַרק געבראָכן, אין דעם דאָזיקן טומל זענען פאַרשלונגען געוואָרן די ווייכע שפּרונגען אויף דעם טויאיקן גראָז. מיט בלויזע פּיסטאָלן אין די הענט זענען די ערשטע אַרויס־געשפּרונגען, דורכן פענצטער, די יונגען וואָס האָבן פריער אָפּגעהיט די פּירהויז־טיר. טאָמער דאַרף מען, הייסט דאָס, וועלן זיי שוין וויסן וואָס זיי האָבן צו טאָן... דערנאָך — די אַנדערע. פאָרוויַיז און איינציקווייז. שפּרונג, שפּרונג נאָך שפּרונג.

נישט באַנוצנדיק זיין גרויסע קראַפט, מיט וועלכער ער וואָלט אַלע־מען געקענט פאַנאַנדערדרוקן ווי די זאַנגען אין פעלד און אַרויסשפּרינגען דער ערשטער, האָט זיך פאַנדרע קוים צוגעשטופּט צום פענצטער, און געלאָזן די שוואַכערע שפּרינגען. אָבער ווי נאָר האַצע האָט אים באַמערקט, האָט ער צו אים שאַרף און דערשראָקן אַ שושקע געטאָן:

— דו ?... שפּרינג, שפּרינג !

דאָס האָט זיך אָנגעהערט ווי אַן אָנבייזערן זיך אויף אַ מענטשן וועמענס אחריות ער, האַצע קירזשנער, טראָגט אויף זיך אַ סך שווערער ווי די אחריות פאַר אַלע אַנדערע.

— נו, און דו ? — האָט פאַנדרע צוריק אַ שושקע געטאָן.

— איך ? — האָט זיך חאַצע אַ כאַפּ געטאָן — האַ ? שפּרינג, שפּרינג זאָג איך דיר !

און, נישט אָפּוואַרטנדיק ביז פאַנדרע וועט טאָן זיין באַפעל, האָט זיך האַצע אַ האָצקע געטאָן אויף זיין קאַווילע. איין מאָל און צוויי מאָל, און מיטן דריטן הינקענדיקן שפּרונג איז ער שוין געשטאַנען ביים פּרי־פעטשאָק פון פאַרלאָזענעם גרויסן אויוון. ביים שיין פון חאַצעס אַן אָנגעצונדענעם שוועבעלע, האָט פאַנדרע דערזען אַ הייפל געדרוקטע פּאַפּירלעך, וואָס חאַצע קנייטשט פיבערהאַפטיק מיט איין האַנט און צינדט אונטער מיט דער צווייטער האַנט.

פאַנדרע האָט אויסגעגלאָצט ביידע יינגלשע אויגן זיינע און זיך נישט גערירט פון אָרט. דורכן פענצטער, נעבן אים, שפּרינגען שאָטנס אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט אַריין, און אויפן פאַרלאָזענעם פּריפּעטשאָק, אָקעגן אים, קאָרטשען זיך און קראַמפּירן אין רויטלעכן פייער די דינינקע געדרוקטע בלעטלעך. זייער שיין טאַנצט אויף דער סטעליע משונהדיק, און מאַכט בולטער די מענטשלעכע שאָטנס, וואָס לויפן דורכן פענצטער.

פון אַט די צאַפּלדיקע באַוועגונגען איז פאַנדרען פּלוצלונג באַפאַלן אַ טויט־שרעק. אין קאָפּ האָט זיך אים גענומען דרייען: „ווייטער אָסטראָג... נאַרעס... אָפּטריטן רייניקן... אַ משפט"... ער האָט זיך האַסטיק אַ קער געטאָן צום אָפענעם פענצטער און מיט איין רוק פון די אָרעמס פאַנ־אַנדערגעשטופּט די עטלעכע איבערגעבליבענע פון דער סכאָדקע, וואָס האָבן זיך נאָך געטומלטביים אַנטלויפן. ער האָט אַרויפגעשטעלט איין שטיוול אויפן פענצטער־שוועל און שוין געהאַלטן ביים אַרויסשפּרינגען. נאָר דאָ האָט ער באַמערקט, אין דער האַלב־טונקלקייט, בעניז... דעם זעלבן בעני פון מאָהליוו, מיטן פּנים פון אַ למדן און מיט דעם רוסישן העמדל איבער די הויזן, וועמענס שוואַכע האַנט ער האָט פריער געדריקט און געשוווירן זיך אַזוי אומגעלומפּערט: „אַז... אַז אַ ניפכה זאָל אים, פאַנדרען, טרעפן, אויב, אויב"...

ווי אומבאַהאָלפן ער זעט אַצינד אויס בעני! ער איז צוגעדריקט צום פענצטער־ראַם, ער קאַראַבקעט זיך מיט זיינע שוואַכע אָרעמס צווישן די שטאַרקערע, יינגערע, פלינקערע, און קען זיך צו דער אָפענער פירקאַנ־טיקער לאָך נישט דערשלאָגן. פאַנדרע איז אַזש רויט געוואָרן פאַר בושה. ס׳איז נאָך גוט, וואָס קיינער זעט נישט, אין דער פינצטער, ווי רויט ער איז געוואָרן. ער האָט זיך אָבער גלייך אויסגעניכטערט פון זיין אייגענעם שרעק און, אָנשטאָט אַרויסשפּרינגען, צוריק אַ כאַפּ געטאָן זיין באַ־שטיוולטן פוס אין שטוב אַריין און אין איין אויגנבליק אַרויסגעכאַפּט בענין פון צווישן אַלע די, וועלכע האָבן אָנגעפּראַלט צום אָפענעם פענצ־טער. ווי מען כאַפּט אַרויס אַ לייכטן בינטל שטרוי פון אַ נאָענטן פייער, כדי ער זאָל זיך נישט אָנצינדן, אַזוי האָט ער בענין אַרויסגעכאַפּט, און פלינק אַראָפּגעלאָזט אים, אונטער די פאַכוועס, איבערן פענצטער־שוועל, אין פייכטן גראָז אַריין:

— לויפט, לויפט!

אָט די דאָזיקע הילף, וואָס ער האָט באַוויזן צו געבן אַ שוואַכערן, אין אַזאַ קריטישער מינוט, האָט פאַנדרען צוריקגעבראַכט צו זיינע אינער־לעכע כוחות, צו זיין אַלטער פאַנדרישער מסירת־נפש פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען. פאַר אַ טיראַלער קו וואָס ברענט אין אַ פאַרשפּאַרטער שטאַל. צי, להבדיל, פאַר אַ מענטשן... מיט אַ זיסן שוידער. וואָס האָט אים אַלע־מאָל פאַרשיכורט, ווי ווייַן, און וואָס איז געווען אַ מין געמיש פון סכנת־נפשות און פון רחמנות, האָט ער זיך אָנשטאָט אַרויסשפּרינגען גלייך נאָך בענין, אַ מאָרדעווע געטאָן אויף צוריק, צו האַצע דעם הינקענדיקן,

ביים פּאַנאַדערגעלייגטן פּאַפּירענעם פּלאַקער אויפֿן פּריפּעטשאָק. חאַצע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זיין שוואַרצער קוליע צוגעדריקט מיטן בויך צום אויוון און מיט די בלויזע הענט ציטערנדיק געשאַרט די ברענענדיקע פּאַפּירלעך, אויפגעהויבן זיי, כדי זיי זאָלן בעסער ברענען. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ לאָמער מכשף ביי אַ פייערקע און איז געווען אַזוי פּאַרטיפט אין זיין זאַך, אַז ער האָט גאָרנישט געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

פּאַנדרע האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פון הינטן מיט זיין שוואַרצער קוליע צוזאַמען, אַרויפגעוואָרפן אים ווי אַ לעבעדיקע טאָרבע אויף דער ברייטער פּלייצע און צוגעשפּרונגען צום אָפענעם פענצטער.

נאָר זע אַ מעשה אַ ביסל! אָנשטאָט אָנהאַלטן זיך און לאָזן זיך אַרויסברענגען פון שטוב, האָט אים גאָר חאַצע גענומען שלאָגן מיט זיין איינאייניציקן פוס און מיטביידע פּאַרסאַזשעטע הענט:

— לאָז מיך, לאָז!... וואָס טוסטו? נאָך נישט אַלץ פּאַרברענט. לאָז!

פון אַזאַ פּאַרצווייפלטן און צאָרנדיקן רייסן זיך האָט זיך פּאַנדרע דערשראָקן, ווי איינער וואָס ראַטעוועט אַ כלי מיט נאַפט און די כלי צינדט זיך אָן ביי אים אין די הענט. כאַפּט ער און לאָזט אים צוריק אַראָפּ פון דער פּלייצע. פון דער האַסטיקער באַוועגונג אויף צוריק האָט זיך די קאַווילע אַרויסגעגליטשט פון חאַצעס אָרעם. אָבער חאַצע קירזשנער, כדי נישט צו פּאַרלירן קיין רגלע, האָט זיך אַפילו נישט איינגעבויגן אויפצוהייבן זי, נאָר אויף איין פיסל אַוועקגעשפּרונגען צוריק צום פייערל אויפן פּריפּעטשאָק. ער האָט דאָס געטאָן ווי אַ ייִנגל בשעת שפּילן אַ געוויסע שפּיל: „... ק... קום אַהער!” אָנגעכאַפּט זיך אָן פּריפּעטשאָק — האָט ער מיט אַ האַסטיקן גרימצאָרן אַרויסגעכאַפּט פון בוזים נאָך אַ הייפל בלעטלעך און אַריינגעוואָרפן אין פייער, און גענומען שאַרן די ברענענדיקע בלעטלעך מיט ביידע הענט, ווי פון זיבען אַראָפּ.

אין דער טיר פון פירהויז האָט מען זיך שוין, ווייזט אויס דורכגעבראָכן. וואָרים אַצינד האָט מען אַ טראַסק געטאָן מיט אַ שייט האָלץ אין שטוב־טיר, און דעם נייעם פּריסטאַווס האַרטער לשון האָט ברומיק אויסגערופן:

— אימענעם זאַקאָנאַ!... (אין נאָמען פון געזעץ(!).

נאָר אַזוי ווי קיינער האָט פון שטוב נישט געענטפערט, האָבן זיך די שייטן־האָלץ צעטראַסקעט ווי אין אַ הילצערנעם פּויק אַריין. און די שטוב־טיר האָט זיך גענומען שאָקלען אויף אירע פּעטליעס.

ערשט דאָ האָט זיך חאַצע דער הינקענדיקער אומגעדרייט און ווידער־אַמאָל דערזען פאַנדרען.

— ביסט נאָך דאָ? — האָט ער זיך צעשריען — שלימזל! לויף זאָגט מען דיר!

חאַצע האָט ווילד געפאָכעט מיט איין פרייער פאַרסאַזשעטער האַנט און זיין גרילצנדיקער קול האָט אַצינד באַפוילן צו אַנטלויפן, פונקט ווי ער האָט מיט עטלעכע שעה צוריק, הינטער דער קאַלטער באָד, באַפוילן צו  ק ו מ ע ן.  ס'איז געווען דער זעלבער כוח, די זעלבע עקשנות, וואָס לאָזט זיך נישט זאָגן עפעס אַקעגן.

פאַנדרע האָט געפאָלגט. ער האָט  ג ע מ ו ז ט  פאָלגן. אין שטוב איז שוין אויסער אים און חאַצען קיינער נישט געווען. צווישן די הויכע פאַרשפּיצטע קאָליעס, פון ביידע זייטן אויפגעריסענעם פענצטער, האָבן נאָך ווייך געטופּעט די פיס פון די אַנטלאָפענע; און שאָטנס זענען גע־שפּרונגען איבער אַ ווייטן צוים, אין עק גאָרטן. מיט אַ שאַרפן רחמנות האָט ער זיך נאָך אומגעקוקט אויף דעם קאַליקע ביים פאַפּירענעם פלאַ־קער, אויף דער טיר וואָס שאָקלט זיך אויף אירע פעטליעס, און מיט איין שפּרונג איז ער שוין געווען איבערן פענצטער־שוועל.

דאָס איז געווען אַ ווייטיקדיקער קוק פון אַ געטרייען מאַטראָס, וועל־כער ראַטעוועט זיך אויפן לעצטן שיפל, אויף שטורעמדיקע נאַכטיקע וואַסערן, בשעת דער בראַווער פאַרוווּנדעטער קאַפּיטאַן בלייבט איבער איינער אַליין, אויפן זינקענדיקן אָקרענט. די האַלב־אָפּגעריסענע טיר, אין דער פאַרלאָזענער שטוב מיט די גרינע לאָדן, האָט פונקט אַזוי אומברח־מנותדיק געשטורעמט הינטער אים, ווי בייזע וואַסערן אַרום אַ זינקענ־דיקן אָקרענט.

# ער וועט שוין מער נישט שיסן!

## 1.

נח פאַנדרע האָט זיך אָקאָרשט אַרויסגעכאַפּט פון פענצטער, נאָר ער האָט נאָך נישט פאַספּעיעט אָפּצולויפן אַ וועלכע צען טריט, ווי הינטער אים, אין דעם פאַרלאָזענעם הויז מיט די גרינע לאָדן, האָט עס הילכיק אַ בראַזג געטאָן. דורך די דורכגעשטופּטע, אויסגעשטרעקטע לאָדנס, צום גאָרטן צו, האָט זיך נאָך די דאָזיקע הילכיקייט פאַרשאַרפט; ווי פון אַ פוסטן קעלער אַרויסגעשאָסן: „בראַ—אַך!"

נישט אַנדערש, אַז די צוגעקייקלטע שטוב־טיר איז אויסגעריסן געוואָרן פון אירע פעטליעס... און גלייך נאָכדעם האָט אַ גויאישקער האַרטער באַס אַ ברום געטאָן פון אויפגעריסענעם פענצטער אַרויס:

— דערזשי יעהאָ! (פאַרהאַלט אים!).

טאָמער ווייניק — האָט נאָך אימיצער שווער אַ שפּרונג געטאָן אין גראָז און געגומען יאָגן זיך נאָך פאַנדרען מיט טופּנדיקע, אָבער זייער פלינקע פיס. אַצינד האָט זיך שוין דער זעלבער פאַרקילטער, אַנגעשפּאַל־טענער באַס איבערגעחזרט אַ סך נעענטער:

— דערזשי יעהאָ!

נישט אומקוקנדיק זיך, איז אַצינד פאַנדרע געלאָפן, צווישן די צוויי לאַנגע שורות פאַרשפּיצטע צוזאַמענגעצוימטע פלעקענער, צום עק גאָרטן. דער גויאישקער קול, וועלכער ברומט אַזוי עקשנותדיק פון הינטן, איז אים אויסגעקומען נישט באַקאַנט. שאַרף איז דאָס געהער פון די איינוווי־נער אין אַ קליין שטעטל. מען דערקענט דאָ יעדערנס תנועה פונדער־ווייטנס, נישט נאָר די שטים. אַזאַ הייזעריקן באַס האָט אָבער נישט ליקסיי דער דעסיאַטניק, נישט אַנטאָן דעם פּריסטאַווס משרת אין סטאַן. און לויפן אַזוי גיך קענען זיי אַוודאי נישט מיט זייערע פויערישע רגלים. ס'איז אַ געלויף פון געניטן יעגער־הונט, און דער „דערזשי" הערט זיך אויך

אָן ווי אַ הייזעריקער בילן. נישט אַנדערש, אַז ס'איז איינער פון די איבערגעטאָנענע זשאַנדאַרניקעס, וועלכע זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן צו מאַכן אָבלאַוועס. איינער פון די הברה־לייט, וועלכע זענען מסתמא מיט־געפאָרן מיט חבר בעניק, אויפן זעלבן פאַרעכאָד פון מאָהליוו.

צום אַריבערקלעטערן דעם בוים, אין עק גאָרטן, בשעת אימיצער יאָגט זיך אַזוי נאָך, איז שוין קיין צייט נישט געבליבן. נח פאַנדרע, מיט זיין גבורה און רירעוודיקייט בשעת אַ געפאַר, וואָל'ט דאָס נאָך אפשר יאַ דערוויזן, נאָר, ווי אַלעמאָל, האָט אים די נאָענטקייט פון אַזאַ געפאַר באַנומען ווי אַ פריילעכע שיכרות. די לעצטע שפורן פון שרעק זענען אין אים פאַרשוווּנדן. געבליבן איז נאָר די זעלבע נעפלדיקע שטיפערישקייט, ווי דאָ נישט לאַנג, בשעת אָנכאַפּן דעם צעווילדעוועטן בוהאַי פאַר די הערנער, אין מיקיטאַס הויף... עפּעס ווי נ י ש ט ע ר לויפט דאָס דאָ, נאָר אַן אַנדערער, אַ ייִנגלשער פאַנדרע, פון די אַמאָליקע יאָרן אין יאַטקע. און ער, דער אמתער פאַנדרע, דער דערוואַקסענער, דער חתונה־געהאַטער, לויפט נאָר נייגעריק מיט, און קוקט — וואָס דאָ וועט זיין.

און באַלד טאַקע האָט דער ייִנגלשער, נישט־דערוואַקסענער פאַנדרע אַרויסגעוואָרפן איינע פון זיינע שטיקלעך: ער האָט אָנגעפּראַלט, אינמיטן צעלויף, מיט איין פּלייצע אויפן צוים, וועלכער האָט זיך אים אַקעגנגע־שטעלט אין עק קרויט־גאָרטן.

דאָס שטאַרקע געפלעכט פון פלעקענער האָט אַ קרעכץ געטאָן. „ווי דער צוים אונטער דעם בוהאַיס הערנער"... איז פאַנדרען דורכגעלאָפן דורכן קאָפּ. דעם צעטרייסלטן איינגעבויגענעם צוים האָט פאַנדרע אַ כאַפּ געטאָן מיט צוויי לאַפּעס, ווי אַ רויב־פויגל מיט די נעגל אַ כאַפּ געטאָן, און מיט ביידע אָרעמס אויפגעריסן, ווי מען רייסט אויף אַ שטיק אַלטן זאַק. די איינגעדאַרטע, פאַרקלעמטע לאָזעס אַרום די פלעקענער זענען זיך, מיט אַ טרוקענעם קנאַק, צעפלויגן ווי שטרוי. דער הויכער צוים האָט אויפגעעפנט אַ מויל; אונטן שמאָל, אויבן ברייט, ווי אַ גרויסע אויפגע־מאַכטע שער, וועמענס קלינגען עס זענען אַזוי לאַנג, ווי די קאָליעס פון צוים. דורך אָט דעם צעעפנטן „מויל" איז פאַנדרע דורכגעשפרונגען. און באַלד, ווי אַלעמאָל בשעת אַן אימפעטיקן געראַנגל, געכאַפּט זיך, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער. וואָרים דעם זעלבן צוים, וואָס ער האָט דורכ־געבראָכן פאַר זיך אַליין, האָט ער דאָך אויפגעפּראַלט פאַרן נאָכיאָגנדיקן זשאַנדאַרניק אויך.

דער פועל־יוצא פון דעם דאָזיקן פעלער איז געווען נישט קיין גוטער.

די פּאָר סעקונדן וואָס פּאַנדרע האָט פאַרברויכט אויף זיין געפּערלעכער שקאָצעריי, האָט דער נאָכיאָגער אויסגענוצט, אַרויסגעשפּרונגען נאָך אים פון הינטער דעם צעריסענעם בוים, ווי אַ בייזער הונט, און שרייענדיק „סטאָי!" (שטיי!) — אַ כאַפּ געטאָן פּאַנדרען פאַרן רעקל פון הינטן. לויט די האַפּערדיקייט פונעם „סטאָי", וואָלט מען באמת געקענט מיינען, אַז ער האָלט עפּעס אַ מין פּיסקלאַניק אין ביידע הענט, אַז דער געכאַפּטער וועט שוין גאָר קיין העזה נישט האָבן אַ ריר צו טאָן זיך...

גראָד דאָס האָט נישט ווילנדיק אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף פּאַנדרעס פאַרשוויצטן פּנים, אין דער טונקלקייט. נישט אויסדרייענדיק זיך, כדי דער נאָכיאָגער זאָל נישט דערזען װ ו ע מ ע ן ער האָט דאָ געכאַפּט, גיט פּאַנדרע אַ קוויטש „איי־איי" צום גראַם פון „סטאָי" אַפּנים כדי צו שטיפן נאָך אַ ביסעלע, אָדער כדי דער כאַפּער זאָל באמת מיינען, אַז ער האַלט דאָ אַ שוואַכינקן, אַ געבראָכענעם נפש און זאָל אַ ביסל אָפּלאָזן די לאַפּעס. פּאַנדרע האָט בשעת מעשה אַליין נישט געוווּסט צי ער שפּילט דאָ און רייצט זיך, צי ער רעכנט אויס... אפשר ביידע זאַכן צוזאַמען. נאָר פּלוצים טוט ער זיך אַ ריס, מיט אַ כוח, וואָס פּאַסט זיך גאָרנישט צום נעבעכדיקן „אוי־אוי" און דער געזונטער גוי ציט זיך אויס, ווי גרויס ער איז, אין טויאיקן גראָז.

## 2.

אַצינד גוצט שוין פּאַנדרע אויס דאָס באָברען זיך מיט הענט און פיס פון זיין נאָכיאָגען און אַנטלויפט. אָבער דער פאַרפאָלגער זיינער שפּרינגט אויך באַלד אויף. „טופּ, טופּ, טופּ" הערט ווידער פּאַנדרע, אין גראָז הינטער זיך, די געניטע נאָכיאָגעריי. „אוי" — קלערט ער אַנטלויפנדיק — „דער ערל איז דאָך גאָר פון מיינע מענטשן, ער קען דאָך די מלאכה בעסער"... און דערפילט, אַז די שפּיל קען זיך דאָ ביטער ענדיקן. עס קען ווידער אויסקומען צו שלאָגן זיך מיט פּאָליצײ, ווי אַמאָל ביי דער שריפה. און דאָס ווילט זיך אים זייער שטאַרק נישט. פאַרדאַפּלט ער זיינע קרעפטן און לויפט פייל פון בויגן איבער אַ שטיק פעלד, וואָס פּוסטעוועט נעבן אָקאַרשט־פאַרלאָזענעם קרויט־גאָרטן, און וועלכער איז איינגאָנצן באַוואַקסן מיט ווילדע הויכע גראָזן.

אָבער אויך די עקשנות פונעם נאָכיאָגער פאַרדאַפּלט זיך. וועסט, הייסט דאָס, פון מיינע הענט נישט אַרויס, דו סוקין־סין! נאָר צו שרייען

„לאָווי, דערזשי!״ פאַרפעלט אים איצט אָטעם. ער איז צופיל פאַרסאָפּעט און פאַרקייכט. אָנשטאָט דעם לאָזט ער פלוצלונג אַרויס הינטער פאַנדרען אַ שאַרפן פייף פון אַ פּאָליציייאישער פייפל מיט אַן „אַרבעסל״, וואָס צעשניידט די נאַכט־שטילקייט — ווי מיט אַ לאַנגן ציטערדיקן מעסער. נאָר אין מאָהליוועו אָסטראָג, בשעת די קאָנוואָיניקעס רופן צוזאַמען די אַרעסטאַנטן פון דער אַרבעט, אָדער ווען זיי האָבן געוואָלט אָנבייזערן זיך אויף די אַרעסטאַנטן פונדערווייטנס — האָט פאַנדרע געהערט אַזאַ סאָרט פייפן.

אַ פּאָר פענצטערלעך אין די צעוואָרפענע כאַטקעס, אַרום די גערטנער, כאַפּן זיך אויף, לעבן אָפּ מיט געלבע פייערלעך. טונקעלע קעפּ רוקן זיך אַרויס פון די באַלויכטענע פיר־עקעדיקע לעכער. און פאַנדרע דערזעט, אַז נאָך איין מינוט און ער איז פאַרלוירן. וואָרים ער לויפט דאָך גלייך „אויף מענטשן״. און אַפילו, ווען עס וועט אים געלינגען צו אַנטלויפן, וועט אים שוין ווער־נישט־איז דערקענען. ווער קען דאָס נישט פאַנדרען? כאַ־כאַ, אָקאָרשט געקומען פון אָסטראָג און פּאָליציי יאָגט זיך שוין נאָך אים ווידער אַמאָל!... און מאָרגן וועט גאַנץ שטאָט וויסן, ווער ס׳איז געלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער איבער די גערטנער און ווער ס׳האָט זיך נאָכ־געיאָגט. פאַרן נייעם פּריסטאַוו, וועלכער איז אים אַ דם־שונא, איז עס גענוג...

האָט ער לויפנדיק אַזוי, אויפן פוסטן שטיק ערד צווישן די פאַר־צוימטע גערטנער, גענומען זוכן אַן אויסוועג, וואָס פירט נישט צו די הייזקעס מיט די נייגעריקע אַרויסגעשטעקטע קעפּ, נאָר צום פרייען פעלד אַרויס.

הינטער אַ הויכן צוים, ביי דער זייט, האָט ער פלוצלונג דערקענט אַ גרויסע פעלד־באַרנטע מיט אַ דיקן שטאַם און מיט צעקרימטע, שווערע צווייגן. דאָס איז געווען די זעלבע באַרנטע, צו וועלכער ער פלעגט זיך אַמאָל, אַלס חדר־ייִנגל, דערקלייבן מיט זיינע חברימלעך, על־פי־רוב שבת נאָך טשאָלנט, ווען די טאַטעס שלאָפן און די גויים אַרבעטן אויף די פעלדער און די כל־נדרי־באַרעלעך ווינקען פון צווישן די צווייגן מיט זייערע גרינע קעפּלעך אויף די לאַנגע שטאַנגעלעך. אמת, די שייגע באַרעלעך האָבן געהאַט אַ טעם פון האָלץ מיט עסיק. פונדעסטוועגן, כדי צו טרייסלען זיי, פלעגט מען גיין פשוט אויף קדוש־השם, שטעלנדיק אין קאָן אי די שבתדיקע הויזלעך אי ביידע ייִנגלשע אויערן...

ער האָט זי דאָ דערקענט, אין דער טונקלקייט, די גוטע אַלטע באַרנטע,

וואָס פּלעגט אַמאָל איבער זיך לאָזן מאַכן וואָס נאָר די קליינע חברה־לייט האָבן געוואָלט. ער קריגט מוט ווי אַ חדר־יינגל, נאָך וועמען שקצים יאָגן זיך נאָך און ער דערזעט זיין מאַמען פונדערווייטנס. אַ פּלאַן בליצט אים אויף אין קאָפּ. ניין, אַן קלעפּ וועט ער זיך שוין נישט אָפּטשעפּען פונעם פּאַסקודנעם איבערגעטאָנענעם זשאַנדאַרניק! נאָר דאָס מאָל מוז ער שוין מכבד זיין ווי פון „הינטער אַ פּלייצע", מ'זאָל נישט וויסן וואָס, ווער, וועמען. ס'איז נישט זיין שטייגער, נאָר מען מוז...

און דאָ צעשרייט זיך נאָך דער גוי מיט זיין קייכענדיקן מיאוסן קול:

— סטאָ—אָי! סטרעליאַט בודו! (שטיי... כ'וועל שיסן!).

און באַלד טאַקע האָט די שיטערע פינצטערניש איבער פּאַנדרען אַ פינטל געטאָן, ווי מיט אַ גרויסן אויג און מיט לאַנגע האָריקע וויעס, און אַ טרוקן־דונערדיקער און קורצער קנאַל האָט אויפגעשפּאָלטן די נאַכט הינטער אים. טאַקע אויסגעשאָסן פון הינטן, כדי אָנצושרעקן אים, אָדער כדי צו דערהרגענען אויפן אָרט.

סאָפּענדיק, ווי אַ פאַרעכאָד אַרויף־וואַסער, גיט זיך פּאַנדרע האַסטיק אַ קער צום צוים מיט דער באַרנטע און חזרט איבער דעם זעלבן קונץ ווי פריער. נאָר האַסטיקער און פלינקער און פאַרצווייפלטער. ער שטיפט שוין נישט מער.

פילנדיק אַ קאַלטן שווידער אין ברייטן רוקן צעטרייסלט ער דעם צוים מיט אַ שטויס פון דער פּלייצע און מיט אַ ריס אויף די הויכע פלעקענער מיט די פאַרקלעמטע איינגעטריקנטע לאָזעס אַרום זיי, ווי אַ שמשון — דעם מויל פון אַ הילצערנעם לייב...

בראַך!... אין דער אויסגעשטערנטער זומער־נאַכט אַריין, און פּאַנדרע לויפט דורך דער עפענונג. ער פאַרלויפט הינטער דעם ברייטן אָנגע־שפּאָלטענעם שטאַם פון דער באַרנטע און באַהאַלט זיך, ווי אַן אַנטוואָפּנ־טער זעלנער הינטער אַ זייל פון חרובער פעסטונג. ער כאַפּט זיך גלייך אָן פאַר אַ נידעריקן אָפּגעבראָכענעם צווייג מיט דער לינקער לאַפּע זיינער און גרייט אָן די פרייע רעכטע האַנט:

— נו, אַצינד וועט מען דיר שוין דערציילן די מעשה...

און כך־הוה. פּאַנדרע האָט נאָך נישט פאַספּעיעט אָפּצואָטעמען זיך פון זיין ווילדן געלויף, ווי דער איבערגעטאָנענער זשאַנדאַרניק איז אויך אָנגעלאָפן דורך דעם צעריסענעם צוים.

צוזאַמענגיסנדיק זיך מיטן בוים אין איין שטיק חשך, האָט אַצינד פּאַנדרע, צום ערשטן מאָל פון גאַנצן געיעג, געכאַפּט אַ קוק אויפן אומ־

באַקאַנטן בעל־דבר. ער איז געווען נייגעריק אויף דעם, וועלכער האָט אים מיט אַזאַ עקשנות, כמעט בלינדערהייט, פאַרפאָלגט פון דער „הויז מיט די גרינע לאָדן" ביז אַהער. געוואַלד! ווי קען מען נאָכלויפן נאָך אַ מענטשן, וועלכן מען קען נישט און מען ווייסט נישט, שרייען „סטאָי", פייפן, שיסן?

ביים שיטערינקן שיין פון די שטערן האָט פאַנדרע דערזען אַ פּאָר־סאָפּעטן הויכן גוי, שטאָטיש אָנגעטאָן, נאָר מיט די הויזן אין לאַנגע שמאָלע כאָליאַוועס, מיט אַ שטאָטישן קאַפּעלוישל אָנגערוקט איבער די אויגן. אין זיין אויסגעשטערעקטער טונקעלער האַנט האָט עפּעס זילבערדיק אַ גלאַנץ געטאָן. אַפּנים דער פּיסטאָל... פאַנדרע האָט דערהערט אַ צע־רייצטן קייכענדיקן סאָפּען. לויפנדיק און וואָרטשענדיק ווי אַ הונט, וועלכן מען שטערט אינמיטן כאַפּן אַ ביין, האָט דער בעל־דבר געדרייט מיטן קאָפּ און קאַפּעלוישל. דער הויכער האַלדז איז געגאַנגען ווי אויף שרויפן. געזוכט, ווייזט אויס, אין דער טונקלקייט, ווו דער אַנטרונענער איז פּלוצלונג פאַרשוווּנדן געוואָרן פון זיינע הינטיש־שאַרפע אויגן.

3.

נאָר ווייטער לויפן איז אים שוין מער נישט אויסגעקומען. וואָרים ווי נאָר ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דעם באַרנבוים, אַזוי האָט אים פון הינטער דעם ברייטן שטאַם געטראָפן אַ זעץ איבערן גאַנצן לינקן באַק און אויער. מיט דער וווכט פון אַ וואָרף־שטיין האָט דאָס אים געטראָפן און מיט דער אומגעריכטקייט פון אַן איבערגעוויגטן בעזמען, וועלכער האָט דאָכט זיך אָקאָרשט געהאַלטן אין שטילן גלייכגעוויכט, ווי די שטילקייט פון דער נאַכט אַליין. די פּלוצלעכקייט איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז ס'האָט זיך אויסגעדוכט — די אַלטע באַרנטע האָט, דורך אַ כישוף, באַקומען אַ שווערע היהשע לאַפּע אָנשטאָט אַן אויסגעקרימטן צווייג. ס'האָט אַ קנאַק געטאָן, ווי אַ חזירשער ביין וואָלט זיך איינ־געבראָכן. דאָס לויפן אָקעגן אַזאַ מתנת־יד האָט נאָך דעם מוראדיקן פּאַטש פאַרשטאַרקט. פונעם קלאַפּ אין דער לינקער באַק האָט זיך נאָך די ר ע כ ט ע אָפּגעשלאָגן אָן דער האַרטער קאָרע פון שטאַם. אַ צעטומלעניש איז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. דאָס קאַפּעלוישל איז אַוועקגעשפּרונגען, און דעם גאַנצן פּנים האָט אַ ברי געטאָן אַ ווייטיק, ווי אַ פליוך זודיקע וואַסער פון אַ קאָכיקן קעסל. אַ מין שווערער קנויל ליים, אָנגעפּיקע־

װעט מיט שטיקלעך צעבראָכענע צײן, האָט זיך אַ קײקל געטאָן צום גאָרגל. דער בעל־דבר האָט, אָנשטאָט אַ געװאַלד־געשרײ, געקענט אַרױס־לאָזן נאָר אײן דערשטיקטן שפּלדיקן „בע—ע", װי אַ טױט־שיכורער בײם ברעכן. „בע—ע"... און אַ פֿאַל געטאָן אױף צוריק, קײן פּיפּס מער נישט געטאָן.

דאָס איז דװקא געװען אײנער פֿון פֿאַנדרעס קלעפּ „מיט רחמנות", כ'הײסט: מיט אַן אָפֿענער דלאָניע און מיט אױסגעשפּרײטע פֿינגער. װאָרים אױב פֿאַנדרע װאָלט אים אַזױ דערלאַנגט מיטן גאַנצן פֿאַרקלעמטן קולאַק, װאָל'ט פֿון יענעם פּרצוף־פּנים קײן שריד ופּליט נישט געבליבן. פֿונדעסטװעגן האָט פֿאַנדרע צו זײן שרעק דערפֿילט, אַז זײן „רחמנות" האָט דאָ קײן סך נישט געהאָלפֿן, אַז אונטער זײן פּאַטש איז די חזיריש־האַרטע באַק אײנגעפֿאַלן און אַז אַ קלעפּיקע הײסע נאַסקײט האָט אים באַגאָסן די גאַנצע דלאָניע. ער טראָגט צו זײן האַנט נאָענט צו די אױגן, כדי צו זען, װאָס דאָס איז, און דערקענט אין דער טונקלקײט, אַז זי איז אײנגאַנצן שװאַרץ פֿון בלוט. מיט אַ געפֿיל פֿון נישט־גוטקײט כאַפּט ער װישן די האַנט אין טױיִקן גראָז אײן מאָל און צװײ מאָל און דרײ מאָל. די פֿרישע קילקײט פֿון גראָז באַרױיִקט אים אַ ביסל. רוקט ער זיך פּאַװאָליע אַרױס פֿון הינטער דער באַרנטע און בױגט זיך אײן איבער יענעמס פּרצוף. יענער ליגט אַ פּאַרדמטער. אײן װאָנצע שטעקט אַרױס העל־געל'בלעך, די צװײטע טוקט זיך אין טינטיק־שװאַרצן בלוט. דער אַנטבלױזטער קאָפּ איז פֿאַרװאָרפֿן און אין אומנאַטירלעך צעקרימטן מױל מיט אײן באַק צעקנײטש װי בלעך — בלעזל'ט זיך אַ גױאישער רוף נאָך הילף. „קאַראַאול", װיל דער גױ שרײען, נאָר מער װי „קאַראַ־קאַראַ" פֿון אַ גרױסן פּראָש, באַקומט זיך בײ אים נישט אַרױס.

— סטרעליאַט בודיש? (װעסט שיסן?) — מישט אים פֿאַנדרע איבער מיטן זעלבן גאָרגלדיקן כאָרכלען.

נאָר באַלד דערשרעקט ער זיך אַלײן, פֿאַר זײן אכזריות איבער אַ געפֿאַלענעם שונא, און מאַכט פּיס. ער האָט זיך קײנמאָל נישט גערײצט מיט זײנע געשלאָגענע אָנפֿאַלער. קײנמאָל נישט זינט ער לעבט. נאָר אָט ד ע ר דאָ איז דאָך ערגער פֿון אַלע שונאים אין דער װעלט! נישט ער קען אים, נישט ער װײסט אים, נישט ער האָט אים אַ האָר געקרימט. גלאַט נאָכגעלאָפֿן װי אַן אָנגערײצטער כלב נאָך אַ װילד־פֿרעמדן. רעכט געװען צו דערשיסן אין דער פֿינצטער — אַזאַ ראַזבױניק! איז נאַ־דיר! ליג!... געדאַרפֿט אפֿשר אױפֿהױבן דעם ערלס קאָפּ און אָנשפּאַרן אַן

בוים, ער זאָל זיך אָטכאַיען. נאָר... ווער ווייסט ווער הינטער אים לויפט נאָך? אפשר נאָך אַ סך זשאַנדאַרניקעס? טו ליג־זשע, אַז דו ליגסט!

פאַזע מיט דער באַרנטע איז פאַנדרע ווידער געלאָפן איבער אַ גאָרטן, איבערגעקלעטערט אַ צוים און אַרויס אין פרייען פעלד. ערשט דאָ האָט ער זיך פאַרגינען אָפּצואָטעמען, צוהערן זיך...

שטיל. מען לויפט נישט מער. קיינער יאָגט זיך נישט מער.

אָבער ווי ער ווישט זיך אַזוי דעם הייסן שווייס און כאַפּט אָטעם — פאַלט אים איין דאָס האַרץ: פון ביידע זייטן וואַקסן אויס צוויי מענטש־לעכע שאָטנס. ער גיט זיך אַ וואָרף אויף צוריק. אָבער אַ פאַרזיכטיקער קול באַרואיקט אים. מ'פרעגט אים אויף מאַמע־לשון:

— אַ חבר?

שטויסט זיך פאַנדרע אָן, אַז דאָס מוזן זיין אַנטלאָפענע פון דער „סכאָדקע", פונקט אַזוי ווי ער, מאַכט ער פאַוואָליע אַ טראָט צו זיי, און זיי — צו אים. מען קוקט זיך איין איינער אין צווייטן מיט טונקעלן פאַרדאַכט; ביז פאַנדרע דערקענט, אַז דאָס זענען די צוויי יאַטן, וועלכע זענען געשטאַנען שמירה, ביי דער שטוב מיט גרינע לאָדן, מיט די פיס־טאָלן אין די הענט. זיי האַלטן נאָך די זעלבע פיסטאָלן גרייט אויך אַצינד.

דאָס געשפּרעך צווישן זיי אינמיטן נאַכטיקן פעלד איז געווען אַ קורצער:

— אַלע אַנטלאָפן? — פרעגן יענע.

— דאַכט זיך... אַלע — קווענקלט נח פאַנדרע — ניין. חאַצע נישט...

— אַי אַי!

— אַז ער האָט נישט געוואָלט אַרויס, דער שלאַק. — פאַרענטפערט זיך פאַנדרע — כ'האָב אים שוין געהאַלטן אויף דער פּלייצע...

— נו, און ער?

— האָט מיך געשלאָגן כ'זאָל אים אָפּלאָזן... פאַפּירלעך אַזעלכענע האָט ער געברענט...

— אַי אַי!

— פאַרפאַלן אונדזער חאַצע!

אַ ווײַלע שווייגט מען. מען קוקט זיך אַרום. נאַכט. פעלד. פייערלעך פלעמלען אין דערווייטנס.

— און ווער האָט דאָס דאָרטן געשאָסן? — פרעגט איינער פון די יאַטן.

— איר האָט געהערט? אַ זשאַנדאַרניק, דאַכט זיך.

— וווּ ? — שפּיצן זיך די יונגען אָן.

— אָט דאָרטן הינטערן צוים, ביי אַ בוים ליגט ער...

די יאַטן מאַכן אַ באַוועגונג צו לויפן. נאָר פּאַנדרע באַרואיקט זיי :

— נישקשה... ער וועט שוין מער נישט שיסן, דער חזיר.

אין די נאַכטיקע פּאַרגרעסערטע אויגן פון די צוויי יונגען לויפט דורך אַ שוואַרצער פּחד. מען קוקט זיך איבער און מען פאַרשטייט. מען איז חושד מער, ווי ס'איז געשען... וואָרים פּאַנדרע ווישט זיך איין האַנט מיט אַן אויסגעריסענעם הייפל גראָז.

— הברים, — באַפעלט איינער — יעדער אין אַ באַזונדער זייט. ששאַ !

און באַלד צעפּויזען זיך דריי שאָטנס איבערן טויאיקן פעלד. איינער אַ ברייטער, אַ גרויסער שאָטן און צוויי קלענערע. יעדער שאָטן אין אַ באַזונדערער זייט.

# ביים קינדס וויגעלע

**.1**

פאַרשעמט און דערדריקט, ווי אַ נאַסער הונגעריקער צוציק, וועלכער איז געווען אַנטלאָפן פונדערהיים און אַרומגעלאָפן אַ האַלבע נאַכט מיט פרעמדע הינטעלעך, אַזוי האָט זיך פאַנדרע אומגעקערט פון דער נישט־געלונגענער סכאָדקע.

באַדעקט מיט שווייס איז ער געווען אינגאַנצן, פונעם מוראדיקן אומוועג, וואָס ער האָט געמאַכט איבער פעלדער און גערטנער; צעשליסן און צעדראַפּעט פון קלעטערן איבער צוימען, בשעת אַנטלויפן פון דער אָבלאַווע... און שוין נישט ווייט פון זיין ש׳זיגערס שטוב האָט אים אַ וויי געטאָן מיט ברענענדיקן אומעט און מיט גזר־דין.

— סענדערקע...

ווי ביי יעדער קינדיש־רויער נאַטור איז ביי פאַנדרען דער איבער־גאַנג פון היציקייט צו געפאַלנקייט געווען זייער שטאַרק. און שוין, דער־קענענדיק אין דער נאַכט־טונקלקייט דעם איינגעהויקערטן קוימענדל אויף זיין שטוב, האָט זיך אין אים אָפּגעלאָזן יעגע קראַפט פון אויפטו און מסירת־נפש, וואָס האַצע דער קירזשנער האָט אין אים אַריינגעטאָן, ווי אַ פּאַטראָן אין אַ ביקס, און געצווונגען גיין צום ערשטן מאָל אויף אַ געפערלעכער סכאָדקע אין אַ פרעמד הויז; נייגערן, הערן, שפרינגען דורך פענצטער, קריכן איבער פלעקענער צוימען, פּאַטשן אַ זשאַנדאַרניק... אַצינד האָט זיך דאָס אַלץ אַפּגערוקט אָן אַ זייט ווי אַ בייזער חלום. דאָס א י י ג ע נ ע הויז איז אויסגעוואַקסן אין איין נאַגנדיקן חוב און ווייטיק, אין איין עגבערדיקן געדאַנק:

— וואָס טוט זיך מיטן קינד? מיט מערען? וויי־וויי!

ער איז דערפאַר צוגעגאַנגען צו דער פירהויז־טיר מיט נישט זיכערע טריטעלעך. געשטאַנען אַ ווײַלע און מורא־געהאַט אָנצורירן די קליאַמקע, ווי אַ פרישע ווונד... פון דער קליאַמקע־לאָך האָט געבלאָזן אַ שטוביקע

וואַרעמקייט אין דער קילקייט פון דער נאַכט. נאָר פאַנדרען, אין זיין געפּאַלנקייט ביי זיך, האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז דער אָטעם פון אבלות, דער איינגעהאַלטענער זיפץ פון אַן איינגעדרימלטער שטוב, ווו איינער איז פאַרמשפּט צום טויט. דאָס שפּיזל־שיין פון נאַכט־לעמפּל, דורך די פאַר־מאַכטע לאָדנס, נעמט אים דורך אַזוי שפּאָטיש און מיט שטעכיקן פאַר־וואורף:

— מיט נייע חברימלעך אָנגעהוליעט זיך, פון פּענצטערלעך גע־שפּרונגען, מיט זשאַנדאַרניקלעך געלאָפן וועט־געלויף. אַצינד... לייג זיך, פאַנדרעלע! באַקום דיין לוין! סענדערקע גייט אויס...

מיט פאַרקלעמטע ציין, ווי מען באַרירט אַ האַלב־אָפּגעריסענעם נאָגל, אַזוי האָט ער אַ קוועטש געטאָן די קליאַמקע. די טיר פון פירהויז האָט ער געפונען אַ נישט־צוגעריגלטע און זי האָט גלייך נאָכגעגעבן. ער האָט נאָך דעם שוועל פון שטוב נישט אַריבערגעטראָטן, און סענדעריכע, זיין שוויגער, איז אים שוין געקומען אַקעגן, פון איר אַלקערל, פאַרלייגנדיק די מעשענע טרוקענע און גלאַנצנדיקע הענטלעך אויפן דאַרינקן בויך, האָט זי זיך צעשאָקלט אויף אים מיט איר איינגעדאַרט קעפּעלע און מיטן ברוינעם לאַסטיקענעם טשעפּטשיקל, און קיין וואָרט צו אים נישט אַרויסגערעדט. דאָס איז אָבער געווען אַ סך ערגער, און ביטערער, ווי אָוועקלייגן אים אויף אַ בענקל און אָפּשמייסן, ווי זידלען אים און מוסרן. וואָרים אין סענדעריכעס איינגעקנייטשטע טיפע אויגלעך האָט געברענט יענער צער פון אַ קלוגער באָבען, וועלכע ליידט פאַר איר קינד און פאַר איר קינדס־קינד, און וועלכע האָט נישט איבעריק פאַראיבל אויף איר איידעמל, וואָס איז סוף־כל־סוף אַ „פרעמדער". פרעמד בלוט און פרעמדע משפחה. אַט!... אַוועקגעלאָפן פון שטוב, דער גראָבער יונג, ווען עס טוען זיך דאָ אַזעלכע זאַכן...

אין צעוואָרפענעם בעט איז מערע געלעגן אַן אָנגעטאָנענע און עפּעס מאָדנע געקרעכצט. נישט מיטן מויל, נאָר מיט די נאָז־לעכער. פאַנדרע האָט גלייך געוואָלט צוגיין צו איר. נאָר סענדעריכע האָט אים געמאַכט אַ שטומען צייכן, צולייגנדיק אַ ציטערדיק פינגערל צום מויל.

אויף פאַנדרעס פינצטערן און פרעגנדיקן קוק האָט זי אים אַ שעפּ־טשע געטאָן:

— ס'איז פון שלאָף. לאָז זי!

—און סענדערקע? — האָט פאַנדרע צוריק אַ שושקע געטאָן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

אָנשטאָט ענטפערן אים, האָט סענדעריכע פינצטער אַ קוק געטאָן אויף דעם צוגעדעקטן וויגעלע, אַ קוק — אויף פֿאַנדרען, און איר קע־פּעלע האָט זיך ווידער צעשאָקלט, ווי אַ ליימענע ליאַלקע אויפֿן יאַריד. און, שאָקלענדיק אַזוי און איינגעבויגן אין דרייען, האָט זי זיך ווי אַ קראַנ־קע מורעשקע אַוועקגעשאַרט הינטערן פּאַרהאַנגל, אין איר אַלקערל אַריין, צווישן אויוון און בלינדער וואַנט פון שטוב. דאָרטן ווו איר געלעגרל שטייט, ווו איר טייטש־חומש און קרבן־מנחה שפּאַרן זיך אָן קרום אויף דער פּאָליצקע, און ווו ר׳ סענדער, עליו השלום, אַליין האָט זיך געוועזן אַריבערגעקליבן נאָך מערעס חתונה.

.2

אין פֿאַנדרעס אויערן האָבן נאָך געקלונגען: דאָס פּאַרבאַטענע געזאַנג אין שטוב מיט די גרינע לאָדן, דער טומל, דאָס פּייפן און שיסן איבער די פּוסטע פעלדער, דאָס לויפן איבערן פייכטן גראָז, דאָס קנאַקן פון די צעבראָכענע צוימען. דאָס אַלץ האָט זיך געמישט און געברויזט אין אויפ־געבראַגטן קאָפּ. אין דער געשפּאַנטקייט פון אבלדיקן שטוב האָט זיך דאָס נאָך שטאַרקער צעקלונגען, ווי אויף אָנגעצויגענע סטרונעס... אָט, פּלאַצט ביי אים אַ קליאַפּקע אין מוח.

פון מידקייט און, נישט ווויסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיין גרויסן גוף אין דער עלנטקייט פון שטוב, ווו קיינער וויל אַפילו נישט רעדן מיט אים, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קרעכצנדיקן בענקל, ווי אַן אָפּגעשמי־סענער; און אַליין גענומען שאָקלען מיטן גרויסן קאָפּ, נישט ווילנדיק נאָכגעמאַכט סענדעריכען, באַדויערנדיק זיך אַליין...

ערשט דאָ האָט ער דערהערט, ווי צו מערעס דערשטיקטע קרעכצן פון שלאָף מישט זיך צו אַ מין טרוקענער טאָן, אַ מין הייזעריק גראַגערן. ער קוקט זיך אַרום: ווער קען דאָס דאָ אַרויסלאָזן פון זיך אַזעלכע שטרויענע קולכער? און שטויסט זיך פּלוצלונג אָן, אַז דאָס טרוקענע גראַגערן גייט אַרויס פון דעם איבערגעדעקטן וויגעלע.

כדי קיינעם נישט אויפוועקן — ציט ער שטילערהייט אַראָפּ די פייכטע שטיוול, וועלכע זענען דורכגעווייקט מיט טוי פון פעלדער. באָר־וועסערהייט דערנענטערט ער זיך שטיל צו דעם פּאַרדעקטן וויגעלע אין ווינקל, און הויבט אויף די טוך.

דאָס ליכט פון נאַכט־לעמפּעלע, וואָס ברענט איבער דער גליטשיקער

לעזשאַנקע מיט די גרינע אויסגעגלעטע קאַבליעס, פאַלט אַריין אין אַ פאַר קינדיש־אויפגעריסענע אויגן מיט לאַנגע וויעס און מיט צעגאָסענע שוואַרצלען, וועלכע גיבן אַפילו קיין ציטער נישט פונעם פלוצלעכן שיין. די דאָזיקע בלינד־געוואָרענע און פאַרשטאַרטע אויגן האָט שוין פאַנדרע פריער געזען, פאַרן אַוועקלויפן צו דער סכאָדקע. וואָס עס דערשרעקט אים אַצינד — דאָס איז דאָס מיילעכל, וועלכער איז אַצינד אויך אָפן ווי אַ שנאָבעלע פון אַ האַלב־טויטן פיסקליאַניק. און פון איין זייט מיילכל ציט זיך אַ דינינקע ריטשקעלע מיט פאַרטריקנטער ראָפע. די בעקעלעך ברענען מער נישט פון אינערווייניקסטער היץ. זיי זענען גרינלעך בלאַס, פונעם בליאַסק, וואָס די גרינע קאַבליעס גיבן צו, צי פון זין אַליין?... דאָס גאַנצע פנימל איז איינגעפאַלן, די שלייפן איינגעזונקען, די אָפענע אויגן — אַריין אין גרינע לעכער. אַ שרעק, ווי דאָס קינד איז מאַגער געוואָרן פאַר די לעצטע עטלעכע שעה, זינט ער האָט דאָס פאַרלאָזן.

אָט פון דעם דאָזיקן אָפענעם מיילכל, מיט די פאַרשרפעטע ליפּן און מיטן אויסגעטריקנטן העלדזל אָן שפייעכץ, ציט זיך דאָס טרוקענע גראַ־גערן, וואָס גראַבלט אַזוי און קלימפּערט ווי אַן אַרבעסל איבער שטרוי. ס'איז אַ קול פון אַ קאַליע־געוואָרענעם בלעכערנעם זייגערל וואָס אַלע האָבן זיך שוין פון אים אָפּגעזאָגט: דער דאָקטאָר, די באָבע, די מאַמע אַליין... אַ קאַליע־געוואָרענער, וואַלוועלער וואַנט־זייגערל, וואָס וויל שלאָגן און קען נישט.

— כר... כר... כר... — כריפּעט דאָס נאָך אין סענדערקעס ברוסטעלע. אַמאָל עטלעכע כריפּקעס נאָכאַנאַנד. אַמאָל איבערגעהיפּט, אָפּגעריסן; און אַמאָל בלייבט עס אינגאַנצן שטיין. אויס סענדערקע! אָבער ווידער הויבט אָן צו כריפּען דאָס גוססדיק מענטשלעכע־זייגערל. לאָזט זיך אויף „שלאָגן". און שלאָגן קען עס נישט:

— כררר... כר... כר...

ווי אַ זעלבסט־פייניקער, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אויסצו־זופּן דעם ביטערן בעכער ביזקל דעק און מיט קיין ברעם נישט אַ ציטער טאָן, אַזוי איז פאַנדרע געשטאַנען איבערן וויגעלע און אַ גרויסער צער איז אין אים געוווען אויסגעמישט מיט אַ גרויזאַמער נייגעריקייט: זע, נח, זע ביזקל סוף, ווי דאָס קינד מאַטערט זיך און אויסגיין קען דאָס נישט! זע ווי צוזאַמענגעפּלאָנטערט עס זענען נשמה און גופעלע. אַזוי פיל פעדימער דורכגעריסן! אָבער ערגעץ־ווו האַלט זיך עס נאָך אויף איין קניפּעלע און צאַפּלט זיך, צאַפּלט... און דו, פאַנדרע, ביסט אַזוי געזונט,

אַזוי שטאַרק און קענסט נישט העלפן. וואָס פאַר אַ רעכט אַזאַ האָסטו, אַזוי געזונט צו זיין, ווען דיין קינד גייט אויס?....

אַ קנויל פון טרערן און רחמנות וואַקסט אין אים אָן, שטייענדיק אַזוי, און קייקלט זיך אים צו ביזקל האַלדז. אָט־אָט צעוואָיעט ער זיך ווי אַ געשלאָגענער הונט. אָבער וויינען קען ער נישט. עס שטיקט אים ווי אַ נישט־צעקייטער געזאַלצענער ביסן, נישט אַרויף און נישט אַראָפּ. ערשט איצטער פאַרשטייט ער, נה, וואָס פאַר אַ גזלנות עס איז געווען פון האַצע דעם הינקענדיקן אַוועקצורייסן אים אין אַזאַ צייט פונדערהיים. שיער־שיער ווידער נישט איבערגעגעבן אים אין גויאישקע הענט, פונוואַנעט ער האָט זיך ערשט דאָ נישט לאַנג באַפרייט. קיין רחמנות נישטאָ ביי אַזעלכע חברה־לייט. נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד. ווי סאָלדאַטן אויף דער מלחמה ווערן אַלע געטריבן, אויף סכאָדקעס, אויף געפאַר: „דו מוזט קומען! דו מוזט!"...

דער קנויל אין האַלדז הויבט זיך אָן צו שמעלצן. נאָך אַלע אָפּשפּאַנונגען פון היינטיקן אָוונט פילט ער, אַז די כוחות גיבן נאָך. ער וואָלט זיך נישט געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָלט ער אַרויס מיט אַ געוויין איבער סענדערקעס וויגעלע. נאָר ער דערזעט מערען אין בעט, איר פאַרצווייפלטן דרימל, איר פאַרוואָרפענעם קאָפּ, און האַלט זיך איין מיט אַן אומנאַטיר־לעכער קראַפט. אמת, די מידקייט און צערודערונג פון היינטיקן אָוונט האָבן אין אים אויסגעזויגן אַלע כוחות צו געוועלטיקן איבער זיך. אָבער מערע טאָר זיך נישט אויפכאַפּן! זי טאָר נישט.

ער נעמט שטילערהייט אַ בענקל, רוקט צו פּאַוואָליע צום אָפענעם וויגעלע, זעצט זיך און וואַרפט אַריין דאָס פּנים אין ביידע צעשונדענע דלאָניעס. אַזוי זיצט ער פאַרשטיינערט און דאָס שטרויענע גראַגערן פון סענדערקעס אויסגעבערענט העלדזל גייט איבער אים, ווי אַ שטילער שטראָם פון יסורים, ווי אַ וואַלעק נאָדלען פון אַ קראַץ־מאַשין איבער זיין קודלעוואַטן קאָפּ. יעדער האָר אין קאָפּ טוט וויי פון אָט דעם גראַגערן.

און דאָס מענטשעלע־זייגערל גייט אויס. אַ קאַליע־געוואָרענער וועקערל. די ספּרוזשינע ווערט אַלץ לויזער, שוואַכער. שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע. דערמאָנט זיך, אַז עפּעס כוח איז נאָך געבליבן, מוז מען עס אויסלעבן ביזקל כוף. אַ טראָפּן זאָל נישט בלייבן פאַר ד ע ר וועלט...

— כר... כר!... און די קינדער־אויגן קוקן פאַרוווּנדערט און בלינד אין חלל אַריין: אָט צוליב דעם האָט זיך דאָס געלוינט צו לעבן דאָ, צו זויגן חדשים־לאַנג, כדי צו שטאַרבן פון אַן איבעריקן לעק קולאַיע... אָט

צוליב דעם האָט זיך דאָס געלױנט אַרױסצוציִען פֿון אײן תוהו־ובוהו, כדי צו זינקען אינעם צווייטן? סך־הכל איין יאָר געהוידעט זיך אין וויגעלע, צווישן אָט די צוויי ימים פֿון ג אָ ר נ י ש ט... סך־הכל! צוליב וואָס? טאַטע, מאַמע, גיט מיר אַן ענטפֿער! איך האָב מער קיין כוח נישט צו פֿרעגן. איך האָב נישט קיין ווערטער! ראַטעוועט מיך! כר־כר־כר...

**3.**

וויפֿל ער איז אַזוי געזעסן, בח פֿאַנדרע, ווייסט ער נישט. איינגעקאָרטשעט אין זיך אַליין איז ער געווען, ווי אַ גרויסער שטעך־חזירל, מיט די נאָדלען אין אייגענעם פֿלייש אַריין; אַזוי איז ער געזעסן ביים קינדס וויגעלע און די יסורים מקבל־באהבה געווען. פֿאַר זיינע זינד, פֿאַר זיינע גרויסע זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען צו פֿאַרלאָזן אין אַזאַ פֿאַרנאַכט ווייב און קינד... אונטער דעם נישט רעגלמעסיקן כאָרכלען פֿון קינד דרעמלט ער איין. נאָר אינמיטן שיטערן שלאָף דערפֿילט ער, מיט זיין איינגעשלומערטן באַוווסטזיין, אַז עפּעס פֿעלט... עפּעס איז שטיין געבליבן. עפּעס גראַגערט דאָ נישט מער. ער ווייסט, אַז מען דאַרף גיין אויפֿוועקן די שוויגער הינטערן פֿאַרהאַנג אין אַלקערל. נאָר רירן זיך פֿון אָרט קען ער נישט. מיט בליי זענען ביידע באָרוועסע פֿיס אָנגעגאָסן, און ביידע דלאָניעס ברעכן זיך אונטער דער שווערקייט פֿון אָראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

נאָר פּלוצלונג גיט ער זיך אַ כאַפּ פֿון אַ שניידיקן וואָיען און שפּרינגט אויף, ווי גרויס ער איז, אויף זיינע באָרוועסע פֿיס.

דאָס האָט זיך מער'ע אויסגעטשוכעט פֿון איר קרענקלעכן הינערפּלעט, פֿון איר אומרואיקן דרימל אַזוי ווי עס דרימלען מאַמעס, ווען זייערע קינדער זענען פֿאַראומגליקט, און פֿאַרמשפּטע צום טויט — פֿאַר דער תליה. דאָס געפֿיל פֿון אומגליק איז פּלוצלונג אַדורכגעדרונגען דורכן דינעם שלייער פֿון פֿאַרגעסנקייט, און דער ווייטיק, וואָס איז וואַך געוואָרן, האָט זי אָנגעכאַפּט, ווי אַן אָנגעגליטע צוואַנג אויפֿן פּאָלטער־באַנק.

— אײַ־אײַ־אײַ! — צעוואָיעט זי זיך אינמיטן דער נאַכט איבער פֿאַנדרעס איינגעבויגענעם גוף.

דאָס טרעפֿט פֿאַנדרען, אין זיין שלומערן ביים וויגעלע, ווי אַ דונערנער שאָס אין נאַקן, ווי אַן אומברחמנותדיקער שאָס פֿון אימיצן, וואָס יאָגט זיך נאָך אים נאָך אַ גאַנצענע נאַכט און לאָזט אים נישט צורו. פֿריער — איבער די קרויט־גערטנער. און אַ צינד — דאָ... אַ צעקאַליע־

טשעטן האָט ער אים דאָך געלאָזן ליגן הינטער דער אַלטער באַרנטע, אָט דעם „אימיצן", און יענער לעבט נאָך און שיסט...

— מערע! מערע! — שרייט ער אויפגעציטערט מיט אַלע שטאַרקע אברים זיינע — מערע!

— אַוועק! אַוועק! — וואָרפט זיך מערע צוריק מיטן קאָפּ אין קישן. — אַ שטיין ביסטו, אַ האַרץ פון אַ גזלן...

דער אָנגעדראָלעטער קנויל פון געוויין און רחמנות פּלאַצט אַצינד אין פּאַנדרעס האַלדז. ווי אַ שאַרף פון מעסער אין אַן אָנגעגאָסענעם פּענכער האָט אים מערעס פאָרוווּרף געטראָפן. ער האָט אויך מער נישט צוליב וואָס און צוליב וועמען איינצוהאַלטן זיין וויטיק.

— מע־רע, — צעוויינט ער זיך ווי אַ גרויס יינגל — נעם, נאַ, קוילע מיך!... קוי־לע! בו־בו־בו...

פון אַזאַ וויטיקדיקן אויפשרייען ביי איר נחן, ביי אָט דעם שטאַרקן יונג, וועלכער שטייט אַ באָרוועסער אינמיטן שטוב, דערשרעקט זיך מערע אַ סך מער, ווי פאַר דאָס ש ט י ל ש ו ו י י ג ן אין סענדערקעס וויגעלע. זי איז בלאַס ווי קרייד. זי דערקענט אין פּאַנדרעס „בו־בו־בו", ווי ווייַ עס טוט אים. און זי האָט געמיינט, אַז עס אַרט אים גאָרנישט, אַז זיין האַרץ איז פאַרגרעבט געוואָרן. אַך, וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט איר איי־גענער שמערץ אַקעגן זיינעם! אַ צעטראָטענער וואָרעם אַקעגן אַ פאַר־ווונדעטן לייב. „בו־בו־בו" ברומט דער ווייטיק אין זיין ברוסט, ווי אַן אָנגעשטויסענע באַנדורע.

זי לויפט צו אים צו, די האָר צעפלאָשעט, די אַרבל פאַרוואָרפן, און ציטערנדיק מיטן גאַנצן שלאַנקן גוף פאַלט זי אים אַרויף אויפן האַלדז:

— נח, נח! לאָז מיך נישט אַליין! קיינמאָל נישט, נח, נח!

שטייענדיק אַזוי אַרומגענומען אינמיטן שטוב יאָמערן זיי ביידע. דער אָנגעשוואָלענער קנויל רחמנות אין נחס פאַרקראַמפּטן האַלדז לויפט אָפּ אין טרערן אויף מערעס אַנטבלויזטן אַקסל. עס ווערט אים גרינגער. אַ געדאַנק לויפט אים אויף אין קאָפּ.

— דו הערסט, מערע — וויינט ער — קיין זכר מער פון דער שריפה... אַלץ פאַרברענט. קיין טאַטע, קיין קינד, קיין פערד... ל... ל... להבדיל אַלץ פונדאַסנייַ. אַלץ, מערע!...

ער האָט איר דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז ס׳איז דאָס לעצטע קאַפּיטל פון אַ בייזער דערציילונג. דער סוף פון דער שריפה ביי דעם נייעם נגיד. אַצינד — אַ סוף. ער האָט איר דערמיט געוואָלט טרייסטן, אַז אַצינד וועט

מען אָנהויבן לעבן פונדאָסניי. אַלץ פונדאָסניי. און גאָט וועט העלפן, ער מוז זיך אַצינד דערבאַרעמען איבער זיי ביידן.

נאָר קיין איבעריקע ווערטער דערצו האָט ער נישט געהאַט.

פון פּאָרהאַנגל, צווישן אויוון און וואַנט, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ קעפּעלע. סענדעריכעס מעשענע קעפּעלע אין טשעפּטשיקל און גע־שאָקלט זיך, געשאָקלט. וואָס האָט זי דערמיט געמיינט? צי האָט זי שטומערהייט מסכים געווען מיט פאַנדרעס האַלבע ווערטער? אָדער פרום באַדויערט, וואָס מען האַלט זיך גאָר אַרומגענומען, אינמיטן דער נאַכט,ביים וויגעלע פון אַ טויטן קינד? אפשר טאַקע ביידע זאַכן צוזאַמען.

# מ׳איז פאַנדרען מנחם־אבל

## 1.

### „מאָדיע מיטן אמת״

צו מאָרגנס פרי האָבן זיך איבער גאַנץ שקלאָוו, צווישן אָזערע און דניעפּער, צעטראָגן נישט־גוטע נייעסן. פון מויל צו מויל האָבן זיך די הערענישן איבערגעגעבן, און פון אויער צו אויער; מיט אַ שושקע און מיט אַ שמונצערן און מיט פאַרקוועטשן אַן אויג.

ערשטנס — אַז דער נייער פּריסטאַוו האָט סוף־כל־סוף געכאַפּט האָצע דעם הינקעדיקן, ביים פאַרברענען נישט־כשרע פּאַפּירלעך, און האָט אים אַרעסטירט. נאָר מורא־האָבנדיק חברה זאָל אים נישט אָפּשלאָגן מיט געוואַלד, האָט מען אים אין דער נאַכט אַוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ קיין מאָהליוו, און די נישט־גוטע שטוב מיט די גרינע לאָדן, האָט מען פאַר־חתמעט.

ווייטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ביי אַ בוים אין פעלד, האָט מען געפונען ליגן אַ זשאַנדאַרניק, מיט אַ צעמזיקטן פּרצוף־פּנים און מיט אויסגעהאַקטע ציין, און מ׳האָט אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. ליגט ער דאָרטן, דער חזיר, אין היץ און ווייסט נישט אויף וואָסער וועלט ער איז. אַפילו ווער ס׳האָט אים מכבד געווען ווייסט ער אויך נישט...

האָבן באַלעבאַטים אין ליובאַוויטשער בית מדרש, ביי דער אָזערע, און באַלעבאַטים אין צייטלינס בית מדרש, ביים דניעפּער, גאָר אָנגע־קוואָלן: נאָ, מ׳האָט זיך געגומען פאַר „די דאָזיקע״ — ווערט דאָס אָנגע־רופן!... נישטאָ קיין מכה אָן אַ רפואה. דער נייער פּריסטאַוו איז אַפילו אַ צורר־היהודים, נאָר אפשר וועט זיך אים איינגעבן צו מאַכן אַ טאָלק מיט דער שיינער חברהצקע, וואָס ס׳האָט זיך דאָ פאַרפירט. דער הינקענ־דיקער „ציציליסט״ ליגט שוין אַלעמען אין די ביינער. אומעטום האָט

ער אַ האַנט און קיינער האָט אים קיינמאָל נישט געקענט דערטאַפּן גע־כאַפּט אַזאַ העכט — ווען דער פּריסטאַוו אפשר ווייכער ווערן צו שטאָט, וואָס שטעלט זיך נישט און קלערט נישט צו שטעלן זיך אַקעגן קיסר ירום הודו.

און נאָך אַ נייעס האָט מען זיך אינעם זעלבן אינדערפרי דערוווּסט, נישט אַזאַ גרויסע און נישט אַזאַ וויכטיקע, נאָר פון וואָס צו רעדן איז געווען. דערוווּסט האָט מען זיך, אַז ביי פּאַנדרען, וועלכער איז אַקאָרשט געקומען פון אַסטראַג, האָט זיך נישט פּאַר קיינעם געדאַכט, אַוועקגעפּאַקט זיין יאָריק קינד און אַט ווי אַזוי ס׳איז געשען: פון גרויס שמחה, וואָס דער מפרנס איז צוריק אַהיימגעקומען, האָבן די באַלעגאָלטשיקעס אָנגע־קאָכט „זיבעצן" טעפּ מיט קולאַיע. אַליין איבערגעפרעסן זיך און דאָס קינד איבערגעשטאָפּט. נו־נו!

— אָט דאָס זענען קבצנים! — האָט מען ביים נייעם נגיד געשמועסט. מיט אַ געלן שמייכעלע פון איידעלע מענטשן מיט שוואַכע געדערים האָט מען געשמועסט. מענטשן, וואָס האָבן אין לעבן אויסגעגעבן אויף רפואות אַ מטמון מיט געלט, און זענען דערפאַר זייער באַהאַוונט אין אַלע ענינים פון קאַליע מאַכן זיך דעם מאָגן.

— זיי אַליין, די קבצנים, האָבן אַ קישקע אָן אַ דעק, מיינען זיי, אַז פּיצלעך קינדער — אויך...

ביי פּאַנדרען אין הייזקע האָט מען אָבער פון אָט די אַלע באַשולדי־קונגען און באַרעדערייען נישט געוווּסט. דער סוף זומער־טאָג איז, אין די קליינע פענצטערלעך, אויפגעגאַנגען אַ ליכטיק־טרויעריקער. עפּעס פאַרשטויבט האָט ער געלויכטן, ווי אַ לאַנג נישט־געברויכטער שפּיל. שפּינוועבסן זענען געשוווּמען אין דער לופט, ווי פעדימער פון אַ צעפּליקטן זיידענעם טלית. און באַהאַנגען מיט אַזעלכע פעדימער איז פון חברה־לויה געקומען מלך „מעבר־יבק". דער זעלבער מלך, וועלכער פּעקלט אַריבער אַלע פאַרבייאַיקע אויף יענער וועלט, אָפּוואַרטנדיק ביי טויט־קראַנקע דעם לעצטן אָטעם מיט אַ פעדערל אין האַנט. דיק און שוואַרץ און האָריק און געקרייזלט האָט ער זיך אַריינגעקייקלט אין סענדערס הייזקע, מיט אַ שוואַרצער אויסגעבעטער קערבעלע אונטערן פאַכווע. און באַלד האָט אין שטוב אַ ווייע געטאָן מיט „לויה" און מיט „בית עלמין"; און ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ ווייבערישער יאָמער. אָבער מלך איז דערפון ווייניק וואָס נתפּעל געוואָרן. ווי אַ געניטער מעבר־יבק־מייסטער, האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיט זיינע ביסטרע אויגעלעך אונטער די מאָכיקע ברעמען. און

דאָס בעריש־כּיטרע פּייערל איז זיי האָט, דאַכט זיך, אונטערגעוווּנקען צו די אבלים אין שטוב: „נו, וואָס הערט זיך עפּעס?... כ'האָב דאָך אייך געוואָרנט, אַז סוף־כּל־סוף וועט איר צו מיר אַלע מוזן אָנקומען"...

רייסט מלך־מעבר־יבק אויף מיט כּוח די דראָטענע שוואַרצע און סיווע קרייזעלעך פון באָרד און וואָנסעס, וועלכע זענען ביי אים אַלעמאָל צוזאַמענגעריינגלט. צערויטלען זיך אינעם דאַזיקן געפלעכט אַ פּאָר פליי־שיקע לעפצן, און קול פון אַ נקבה — מלכּס קולכל, צעקוואָקטשעט זיך:

— נו... ווו איז דאָס דאָרטן?

סענדעריכע, פּאַנדרעס שוויגער, האָט אַ פּאַטש געטאָן מיטביידע מעשענע הענטלעך, און פונדעסטוועגן — צוגעלאָפן, ווי אַ וועווערקע, און אָנגעוויזן ר' מלכן אויף דעם איבערגעדעקטן וויגעלע.

מערע אַליין איז געלעגן איינגענורעט אין קישן און געוויינט. נאָר בשעת מלך־מעבר־יבק האָט, שאָקלענדיק מיט זיינע ווייבערישע ליטקעס, גענומען אַרויסטראָגן דאָס גרין־געוואָרענע גופעלע, אינעם שוואַרצן לויה־קערבעלע, האָט מערע ווילד אַ קוויטש געטאָן, פּונקט ווי מען וואָלט איר גראָב אַ ריס געטאָן אַן אָנגעווייטיקטן צאָן. זי האָט אַפילו גענומען לויפן נאָך מלכן, פּונקט ווי יענער וואָלט זי געשלעפּט פאַר אַ קראַנקן נישט־איבערגעשניטענעם אָדער. אָבער, נישט־דערלויפנדיק צו דער טיר, איז זי געפּאַלן און געחלשט אויף פּ אַ נ ד ר ע ס אויסגעשטרעקטן אָרעם.

פאַרנאַכטלעך, בשעת די אָנגעצונדענע נשמה־ליכט נאָך סענדערקען האָט מיט כשרער טרויעריקייט געברענט, און פּאַנדרע, אין בלויזע זאָקן אויף אַ נידעריקן פוס־בענקעלע, איז געבליבן זיצן שבעה איינער אַליין, האָט זיך אין שטוב אַריינגעכאַפּט אַ יונגערמאַן מיט אַ גרויסן קאָפּ. פּאַנדרע איז געווען געשפּאַנט פון אַלע איבערלעבונגען, זינט עטלעכע טעג. האָט ער פון די שטילע אומגעריכטע טריט אַ שוידער געטאָן. נאָר אַז ער האָט זיך איינגעקוקט האָט ער דערזען, אַז ס'איז „מאָדיע מיטן אמת", וועלכן ער האָט נעכטן געזען אויף דער סכאָדקע. און אים האָט זיך געדוכט, אַז מאָדיע האָט ערגעץ־ווו הינטער אַ שטוב־ווינקל אָפּגע־וואַרט, געטשיקעוועט, ווען פּאַנדרע וועט אַ ווײַלע בלייבן איינער אַליין. וואָרים ווי נאָר ער איז אַריין, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן, און ווי אַ פאַרשווערער שטיל און געהיימנישפול אַ פרעג געטאָן:

— קיינער נישטאָ?

— מערע וועט באַלד אַריין. — ענטפערט פּאַנדרע.

— נאַ, — שאָקלט מאָדיע מיט זיין גרויסן קאָפּ — „גוט־נאָוועגט"

וועל איך דיר נישט זאָגן. ביסט דאָך אַן אָבל. נאָר דעם אמת מוז איך דיר זאָגן. אַלע חברים רעדן פון דיר. זיי זאָגן, אַז דו ביסט דער איינציקער וואָס האָט נעכטן עפּעס אויפגעטאָן... וואָרים די שומרים אונדזערע מיט די פּיסטאָלן האָבן דאָך געמאַכט פּליטה. האָבן קיינעם נישט געדעקט און די ערשטע געשפּרונגען פון פענצטער...

— המ... — הוסט פאַנדרע אָפּ פאַרלעגן, מיינענדיק, אַז מאַדיע מיינט דעם צעפּאַטשטן זשאַנדאַרניק. — מ׳דאַרף דערפון נישט רעדן...

— הוסט נישט, — שטעלט אים אָפּ מאַדיע, — דעם אמת מוז איך דיר זאָגן. אַלע זענען אויסער זיך, וואָס דו האָסט געהאַט אַזאַ גבורה צו לאָזן אַ פאַרבייאיק קינד און קומען צו גיין. ביסט אַפילו שיער אַליין נישט אַריינגעפאַלן. איבער האַצען, מיט אים צוזאַמען...

— אַז ער האָט זיך נישט געלאָזן! — פאַרענטפערט זיך פאַנדרע און ווערט רויט. אים דוכט זיך, אַז ער איז דאָ נאָך עפּעס שולדיק. ער וואָלט זיך נישט געוועזן דערשראָקן פאַר האַצעס וואַרפן־זיך — וואָלט ער אים פאַרט אַרויסגעראַטעוועט.

— ער האָט געמוזט בלייבן. — באַרואיקט אים מאַדיע. — נישט אַזוי די געדרוקטע בלעטלעך, וואָס הבר בעני האָט געבראַכט פון מאָהליוו, ווי די רשימה פון אַלע שקלאָווער און קאַפּוסטער חברים. געווען געשריבן מיט טינט...

— מיין נאָמען אויך? — בלייבן פאַנדרעס אויגן שטיין.

ערשט אַצינד באַגרייפט ער, פאַרוואָס האַצע האָט זיך אַזוי געוואָרפן, אַזוי געזידלט זיך, הענגענדיק ביי אים, מיט זיין קורצן פיסל, אויף איין פּלייצע.

— מס—תמא!... — טראַכט מאַדיע אויפן קול — נאָר האָב קיין צער נישט! דערפון איז קיין שריד ופּליט נישט געבליבן. מ׳וואָלט דאָס פאַר־פּירל געפונען ביי אים, וואָלטן מיר ביידע דאָ נישט געזעסן, נאָר גאָר אין אַן אַנדער אָרט... — ווו האַצע איז ווייסטו דאָך מסתמא?...

— יאָ. די שוויגער האָט דערציילט.

— ער ליגט אין פּעקל. ער איז שוין אין מאָהליוו. ער וואָלט בעסער געזעסן דאָ אין סטאַן!... אָט! מיט די צוויי דעסיאַטניקעס וואָלטן מיר זיך שוין ספּראַוועט, האָסט שוין געהערט? — לאָזט פּלוצלונג מאַדיע אַראָפּ דעם קול — איינעם פון די איבערגעטאָנענע מאָהליווער זשאַנדאַרניקלעך האָט מען געפונען אַ געניזוקטן. מען רעדט, אַז אין דער פינצטער, שיכור־רערהייט אפשר, איז ער אָנגעלאָפן אויף אַ בוים. גיי ווייס אַ טאָלק!

— אָ! — מאַכט פאַנדרע קורץ און קוקט אַוועק.

— נו, איך מוז גיין. — ווערט מאָדיע אומרואיק — נאָר דעם אמת מוז איך זאָגן: אַזוי גלאַט וועט די נעכטיקע אָבלאַווע נישט אָפּלויפן.

שוין אַרויסגייענדיק, לויפט מאָדיע צוריק צו פאַנדרעס בענקעלע:

— דעם אמת מוז איך דיר זאָגן, נח! ווייסט וואָס חאַצע האָט פון דיר געזאָגן?

— חאַצע? ווען האָט ער דאָס פּאָספּיעט זאָגן?

— נאָך איידער דו ביסט געקומען צו אונדז. אַ רויע טייג, זאָגט ער, איז אָט דער פאַנדרע. לייגט נאָר אין אים אַריין הייוון, וועט איר האָבן ברויט. נו, קיין „גוטע נאַכט" וועל איך דיר נישט זאָגן.

## .2

## זאַוול שמייסער

נאָך דער אבלדיקער וועטשערע — אַ געקעכץ פון מאָגערע לינזן — איז געקומען זאַוול, קושקעס געוועזענער שמייסער. ער איז ברייטלעך אָנגעקומען מיט זיינע פאַרלאַטעטע שטיוול און מיטן צעבראָכענעם דאַשיק איבער די פייערדיקע, ממזרישע אויגן. און ווי אַן עכטער עם־הארץ אַ מרוקע געטאָן:

— גוט־נאָוועגט, נח! — וואָס מאַכסטו?

דערמאָנט אים סענדעריכע פון דער גרינער לעזשאַנקע מיט די אויסגעגעלטע קאַליעס:

— אַן אָבל זאָגט מען נישט „גוט־נאָוועגט".

צעמישט זיך זאַוול שמייסער פון אַזאַ שטרענגן מוסר־קולכל. און פון צעמישטקייט גיט ער זיך ברייטלעך אַ זעץ אויף אַ בענקל אַקעגן פאַנדרעס שבעה־בענקעלע.

— וואָס זאָגסטו, — גיט ער אַ פּאָר אַריין אין אַן איידעלן און פּאַסיקן שמועס — וואָס דו זאָגסט, נח, וואָס קולאַיע קען אָנמאַכן!...

— ששש! — זידט סענדעריכע פון לעזשאַנקע און ווינקט צו אים מיט איין מעשענעם פינגערל. אַ דייטלעכער צייכן איז דאָס, אַז מ'רעדט נישט פון אַ שטריק אין אַ שטוב פון אַ געהאָנגענעם.

הען, אַ מעשה אַ ביסל! די אַלטע סענדעריכע, אָט דאָס טרוקענע מייזל, לאָזט דאָך גאָר אַ קאָפּ נישט אויפהויבן, אַ וואָרט נישט אַרויסרעדן, ווי

די נייע נגידיתטע קרימט זי זיך. ער, זאָוול, וויל דאָך נאָר אַריינלאָזן זיך אין אַ גוט־ברודערישן שמועס, מנחם־אָבל זיין. נאָר ווו ער גיט דאָ אַ גיי, דאַרטן טרעט ער אַריין אין דיעגאַכץ.

דאָס צערייצט אים זיין באַלעגאָלישן האָנאָר. ער פּאַרלירט דעם קאָפּ. דער באַלעגאָלישער מויל צעלאָזט זיך און ער לויפט אַריין ראַפּטום, ווי אַ בלינד פערד אין קאַנאַווע.

— איך מיין נישט סענדערקען, — בורטשעט ער צו סענדעריכען אויף דער לעזשאַנקע — איך מיין קושקען, מיין איך. אָט וואָס איך מיין מיט דער קולאַיע... איז הער! — גיט ער זיך אַ דריי אויפן בענקל צו פּאַנדרען — הער, ברודער נח, ס'איז אפשר נישט די רעכטע צייט... כ'בין אַ פּראָסטער חי־וקים בין איך. ביי אַזעלכע זאַכן פּראַוועט מען נישט קיין חסידישע שטיק...

— וואָס שוין ווייטער? — שפּיצט זיך מערע אָן. זי לאָזט אָבער אַראָפּ אירע פּאַרווינטע אויגן. אַלעמאָל ווען מען רעדט פון קושקען פילט זי זיך נישט גוט.

נישט ווענדנדיק דעם קאָפּ צו מערען פינצטערט זאָוול אָן די ברעמען און רעדט צו פּאַנדרען אַזוי:

— זאָלסט זיך היטן, זאָג איך, פאַר קושקען זאָלסטו...

רופט זיך אָפּ סענדעריכע פון לעזשאַנקע, מיט אַ גרין שמייכעלע:

— ווייסט וואָס, זאָוול? לאָז דאָס אפשר גאָר אויף אַן אַנדערש מאָל!

— ניין, — גיסט זיך זאָוולס פּנים אָן מיט בלוט — נישט אויף אַן אַנדערש מאָל. אָט טאַקע היינט זאָל דאָס נח וויסן. זינט דו האָסט געמאַכט קולאַיע, — גיט ער זיך ווידער אַ ווענד צו נחן — זינט דער קולאַיע, אויף וועלכער דו האָסט אים נישט פּאַרבעטן, ברענט ער און בראָט, קושקע. טראָגט זיך אַרום מיט אַ מעסער אין כאַליאַווע. שיכורט און סטראַשעט...

דערהערט אַזעלכע קלאָרע דבורים, פלאַטערט שוין מערע אויף, אונטער איר שטוב־פּאַטשיילע, אין וועלכער זי טוליעט זיך און שוידערט אין איר טרויער. ווי אַ קוואָקעכע, ווען מען גיט אַ טשעפּע איר לעצטע פּיסקל'יאַטע, שוידערט זי אויף. זי גלאָצט אויס אירע פּאַרווינטע, קאָרע אויגן. זי פּאַרגעסט אַפילו אַ רגע פון איר אומגליק

— זעסט? — מאַכט זי — נח, כ'האָב דיר פריער געזאָגט!

פּאַנדרע שווייגט איצטער. נאָר, דערזעענדיק די אַנגסטן אין מערעס אויגן, דערשטיקט ער אין זיך דאָס נישט־גוטע געפיל, וואָס קושקעס

נאָמען רופט ביי אים אַרויס, זינט ער האָט זיך דערוווּסט ווי אַזוי קושקע איז געקראָכן צו זיין ווייב —

— נו־נו, מערע!

און צו זאָוולען גיט ער זיך אַ קער און — אַ הויב מיט איין פּלייצע:

— מיר ליגן איצטער אַנדערע דאגות אין קאָפּ.

שטעלט זיך זאָוול אויף, ווי גאָר אַ געטרייער באַשיצער, וואָס קיין זאַך שטערט אים נישט אַרויסצווייזן זיין געטריישאַפט. מעג זיין דאגות, מעג זיין שבעה־זיצן:

— און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: היט זיך פאַר קושקע בראַנד! דו זיצט דאָ אויף אַ בענקעלע און ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך. אין צעך ווייסן אַלע. זינט די קולאַיע — שיכורט ער און באַרימט זיך, אַז ער וועט נישט וואַרטן וועט ער...

— אויף וואָס נישט וואַרטן? — פרעגט מערע איבער מיט צעשראָקענע אויגן.

— ער וועט נישט וואַרטן, ביז נח וועט אים קומען, זאָגט ער, שלאָגן זאָגט ער. איידער וואָס ווען — מיטן מעסער צווישן די ריפּן! פאַר אַן אָסטראָזשניק, זאָגט ער, צאָלט מען נאָר דריי רובל שטראָף...

— אַ קבצן טאָר קיין הנאה נישט האָבן! — צעוויינט זיך פּלוצלונג מערע — אין אַ פינצטערער שעה האָט זיך מיר פאַרגלוסט קולאַיע. טאָמער ווייניק מיין סענדערקע איז, איז, איז...

— מערע! — שרייט אויף איר פאַנדרע און מיט געבעט.

נחס וואַרעמער קול שטאַרקט זי אַ ביסל.ווישט זי אויסביידע אויגן מיטן ברעג פאַטשיילע:

— אפשר האָט מען גאָר געדאַרפט זאָגן דעם פּריסטאַוו?

— איך — דעם פּריסטאַוו? — שטעלט זיך פאַנדרע אויף — איך — אים זאָגן? — אַ האָס ברענט אין זיינע גרויע אויגן ביים אָפּשיין פון סענדערקעס נשמה־ליכט. — צו אָט דעם גוי וועל איך זיך גיין קלאָגן? משוגע ביסטו, מערע!

— אָט, — גיט ער זיך אַ ווענד צו זאָוולען אַ ביסל שטילער און זעצט זיך צוריק אויפן בענקעלע — לאָז מיך נאָר אָפּזיצן שבעה! כ'וועל זיך שוין מיט אים אַליין ספּראַווען...

— ווען דו גייסט אַרויס, — וואָרנט אים זאָוול — טאָ קוק זיך אַרום! כ'האָב אים שוין נעכטן געזען הינטער אייער סוכה...

— הינטער אונדזער סוכה? — מאַכט מערע גרויסע אויגן.

די סוכּה דערמאָנט איר אַן אַנדער נאַכט און אַן אַנדער אַנגסט, ווען קושקע בראַנד האָט אָנגעקלאַפּט צו איר אין לאָדן און הינטער דער סוכּה האָט זיך באַהאַלטן דער יעצטיקער באַשיצער — זאַוול שמייסער, קושקעס דאַמאָלסטדיקער באַהעלפער... די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג דערשרעקט זי אַצינד ווי אַן אָפּשפּיגלען פון אַ פאַרגעסענעם בייזן חלום. זי ווייסט שוין אַליין נישט, וועמען צו גלויבן און וועמען נישט. זי ווייסט נאָר, אַז מ׳איז שטענדיק אַרומגערינגלט מיט בייזוויליקע גראָבע־יונגען, שרייט זי צום מאַן:

— נח, נח, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? נויטיק געדאַרפט! געקענט שלום־מאַכן... איבער אַ לעפל קולאַיע... נח!....

פאַנדרע קוקט זי דורכדרינגענדיק אָן און מערע לאָזט אַראָפּ די אויגן און פאַרוויקלט זיך שטאַרקער אין איר וואָליקער שטוב־פאַטשיילע. זי פאַרשטייט וואָס דער האַרטער קוק מיינט: נאָכדעם, ווי קושקע איז צו דיר געקראָכן — זאָל איך קריכן צו אים? פאַרבעטן אים צו מיין טיש? פאַר וועמען האַלסטו דיין פאַנדרען, דו, יידענע איינע!

### 4.

## יאָשקע דער שערער

צו מאָרגנס, נאָכן אָפּדאַווענען שחרית אין ליובאַוויטשער בית מדרש, נאָך פאַרן אָנבייסן, איז אין סענדערס אָרעמער הייזקע אַראָפּגעקומען אַ גאָר אומגעריכטער מנחם־אָבלניק: יאָשקע דער שערער.

ווי אַלעמאָל איז יאָשקע געווען אַרומגעשווירן, די באָרד פיר־קאַנטיק און פלאַך, ווי אַ נייע לאָפּעטע. און אינגאַנצן אויסגעפּוצט, ווי אַ דאַמסקער שניידער, וואָס קומט אָקאָרשט פון פאָטאָגראַפירן זיך.

דערזען זיינע בוימלדיקע אויגלעך, אונטער די אויסגעקראָכענע וויעס, האָט פאַנדרען אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. דער צעבלוטיקטער זשאַנ־דאַרניק האָט זיך אים דערמאָנט הינטערן באַרגבוים אין פינצטערן פעלד... און אָט דער דאָ האָט זיך דאָך, זאָגט מען, שטענדיק געריבן אַרום שקלאָווער נאַטשאַלסטוואָ.

מאַכט יאָשקע דער שערער אָן אָנשטעל, אַז ער זעט גאָר נישט נחס פאַרוואונדערטע אויגן מיטן פאַרטאַיעטן השד אין דער טיף פון די שוואַרצ־אַפּלען. זיין אויסגעפּאַשעטער פּנים לויכט אים פון דער פּירעקיקער באָרד

אַרויס ווי פון אַ האָריקער ראָם. שטייט ער אַזוי אינמיטן שטוב, קוקט זיך אַרום. און די כיטרע אויגלעך אונטער די אויסגעקראָכענע וויעס שווימען אין טרייסט און אין פריינדשאַפט.

— איך זע, — הויבט ער אָן געלאַסן — אַז דו וווּנדערסט זיך גאָר וואָס מ׳קומט צו דיר מנחם־אָבל זיין. וואָס איז די מעשה? פאַרגיגנסט אפשר נישט אַ מצוה? אַ קינד! דאָס ערשטע קינד. אַך — יאָ־יאָ!... און דאָ, עטלעכע טריט פון ליובאַוויטשער בית מדרש, נאָכן צווייטן מנין... קלער איך: לאָמיך אַריינגיין. שכנים זענען מיר אַפילו ווייטע. נאָר פונ־דעסטוועגן... נו, באַשערט איז באַשערט. נאָר מ׳קען נישט זאָגן... אַ שיינעם צוריקקומען פון אָסטראָג האָסטו נישט געהאַט. גאָט זאָל שוין טאָקע שומר ומציל זיין!

פאַנדרען דוכט זיך, אַז יאָשקעס מויל רעדט און קלערן קלערט ער פון עפּעס אַנדערש. פונדעסטוועגן ווערט ער ביי זיך אַ ביסל רואיקער. אפשר האָט זיך אים, פריער אַ ביסל, אויסגעדוכט, ווייל חאַצע קירזשנער האָט אַזוי שלעכטס גערעדט פון אָט דעם יאָשקען.

— זעצט זיך! — מאַכט ער צום שערער — וואָס שטייט איר?

לאָזט זיך יאָשקע נישט בעטן. נעמט בנעימותדיק אַ שטול און זעצט זיך אַקעגן פאַנדרעס בענקעלע. גיט זיך אַ גלעט די אַרומגעשוירענע לאָפּעטע זיינע און זאָגט אַזוי צו זאָגן:

— אַ האַרץ אויף דיר האָב איך יאָ געטראָגן. אַצינד מעג מען דיר ברוך־השם זאָגן. דו גייסט אַרויס פון גויאישקע הענט, קומסט גאָר נישט אַריין אָפּשערן זיך. נישטאָ יאָשע. געשטאָבן יאָשע. לויפסטו גאָר שערן זיך אין מאַרק, שדים ווייסן צו וועמען. מיך אַרט דען דער פּיאַטאַק? נאָר גלאַט אַזוי. מען פרעגט, מען דערציילט. אַנדערהאַלבן יאָר נישט געזען זיך... נישט שיין! דיין שווער, עליו השלום, האָט פון מיר דווקא יאָ געהאַלטן...

— ס׳האָט זיך עפּעס נישט געמאַכט! — זאָגט פאַנדרע פאַרלעגן.

— מיר קענסטו דאָך זאָגן ווי אַן אייגענעם מענטשן! — רוקט יאָשקע צו זיין בענקעלע נענטער — זאָג שוין דעם אמת, מ׳האָט דיך אוודאי געוואָרנט האָט מען דיך, אַז איך האַלט נישט פון היינטיקע יידישע בחורים מיט זייער איינשטעלן זיך פאַרן גויאישן פויער, אָדער פאַר די פאַר־סמאָדרעטע באַלמעלאָכעס פון קאָכעלניע. ווי? איז מילא חאַצע דער הינקענדיקער איז ברוגז, מסתמא ווייסט ער פאַרוואָס. נאַ זלאָדזי שאַפּקאָ

האַריטש *)... אָבער דו, ר׳ סענדערס, עליו השלום, אַן איידעם. אויף ס כ אָ ד ק ע ס  ג י י ס ט ו  נ י ש ט און מיט אַזעלכע נפשות ווי חאַצע דער קירזשנער  ח ב ר ס ט ו  ז י ך  נ י ש ט, ווי קומסטו צו דערווייטערן זיך אַזוי פון מיר?...

פאַנדרע קוקט ווידער אַן דעם „אייגענעם מענטשן" מיטן פריערדיקן פאַרוואונדערטן קוק. אים דוכט זיך עפּעס, אַז „סכאַדקעס" און „חברן זיך מיט חאַצען" האָט דער „אייגענעם מענטש" באַזונדערס אַ קוועטש־געטאָן.

נאָר יאַשקעס קוקערלעך זענען אַזוי עניוותדיק אַראָפּגעלאָזט אונטער די אויסגעקראָכענע אויגן־פּאַרטעכלעך. ווי פון אַ שפּעלטעלע שפּאַרט זיך נאָר אַרויס אַ פאַרשווומענער קוק פון אַ יאַשטשערקע. און פון מויל, מיט די שצאַגעלסקע אונטערגעשוירענע וואָנסעס, טריפן זיסע ווערטער פון אַן אמתן אייגענעם מענטש:

— זעסט... ס׳איז דאָך טאַקע אַ סך גלייכער וואָס דו האָסט זיך מיט חאַצען  נ י ש ט  געחברט. אָט אייערנעכטן בייטאָגס האָט מען דעם בעל־דבר געכאַפּט ביי זיינע מעשים־טובים. אין בעקל וועט מען אים דערפאַר  נ י ש ט  אַ גלעט טאָן... און צווישן אונדז רעדנדיק: מ׳האָט דאָך פון דעם הינקענדיקן שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן. פרעג ביי זשאָמע דעם סקאָרניאַק! ווער האָט אויף אים אָנגערייצט אַלע זיינע באַלמעלאָכעס? — חאַצע. פרעג ביים קופּאַלשציק: ווער האָט אים אין אַ פינצטערן געסל מכבד געווען מיט דער קוליע איבערן האַלדז און נאַקן? — חאַצע. אַ טענה: הלמאי דער קופּאַלשציק האָט אַמסטערדאַם דעם „סיבירניק" נישט געלאָזן באָדן זיך אין קופּאַלניע. דערפאַר, הייסט דאָס, האָט זיך אַמסטערדאַם דערטרונקען אין דניעפּער... און ווער מיינסטו האָט מיר געשריבן אהובי־ידידי בריוועלעך אַן אַ חתימה אַז, אַז... הכלל מ׳עט מיך ממיתן? — אַלץ חאַצע.

גיט פאַנדרע אומגעדולדיק אַ הויב מיט די פּלייצעס:

— צוליב וואָס זאָגט איר מיר דאָס אַלץ?

— איך זאָג דאָס, — מאַכט יאַשקע — אַקעגן דעם, אַז אַצינד, ווען גאָט האָט דיר געהאָלפן, ביסט צוריקגעקומען פון אָסטראָג און ביסט, צווישן אונדז רעדנדיק, פאַרשריבן אַלס איינער אַזעלכער, וואָס האָט אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אַ „קנעפל", איז אַ סך גלייכער, זאָג איך,

---

*) אויפן גנב ברענט דאָס היטל.

וואָס מיט אַזאַ צאַצקע, ווי האַצע דער הינקעגדיקער איז, האָסט זיך נ י ש ט געחברט, וואָרים —

דאָ בלייבט יאָשקע דער שערער אַ ווײַלעטשקע שטיין, עפּנט אויף די יאַשטשערקע־אויגן און קוקט אָן פֿאַנדרען מיט אַן־אַ־זייט־פֿאַרוואָר־פֿענעם קאָפּ, ווי דער תם אין דער הגדה:

— וואָרים... האָסט דאָך מסתמא געהערט, וואָס אייערנעכטן, נאָך אַרעסטירן האַצען... וואָס מ׳האָט געפֿונען היטער אַ בוים אין פֿעלד?...

— אַ זשאַנדאַרניק מיט אַ צעמזיקטער באָק! —— העלפֿט אים פֿאַנדרע קרייען מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס אויסגעמישט מיט פֿאַר־טאַיעטן שרעק. ער האָט דאָס האַסטיק אַ זאָג געטאָן, און אַליין געוווּנדערט זיך דערבײַ אויף זיין קאַלטבלוטיקייט און חוצפּה, אויף אַזאַ דרייסטן אונטערהעלפֿן יאָשקען, בשעת יענעמס שליימיקע אויגלעך עס לויגען אויף יעדן ריר וואָס ער טוט, און יענעמס הינטישע אויערן שפּיצן זיך אויף יעדן וואָרט זיינעם. כאָטש מאַכן מאַכט ער, אַז ער הערט גאָרנישט און זעט גאָרנישט. דאָס געזונטע נאַטור־געפֿיל האָט אָבער פֿאַנדרען אונ־טערגעזאָגט, אַז אַזאַ האַלטונג איז אַצינד דאָס איינציקע מיטל נישט אַרויסצוגעבן זיך. אַך, יאָ! ווען נישט די אבֿלות נאָך סענדערקן זיין קינד, וועלכע דריקט אַזוי אויף אים און פֿאַרשטאַרט דאָס בלוט אין די אָדערן, וואָלט ער אַזוי מאַסקירן זיך נ י ש ט געקענט. רויט ווי צונט, אָדער בלאַס ווי די וואַנט, וואָלט ער געוואָרן. ער וואָלט ווייניקסטנס נישט געוווּסט וווּ די אויגן אַהינצוטאָן.

אַצינד קוקט יאָשקע א י ם אָן פֿאַרוווּנדערט, ווי ער וואָלט פֿאַנדרען, אויפֿן שבעה־זיצן בענקעלע, דערזען היינט צום ערשטן מאָל.

— צעמזיקט, — מאַכט ער — צו צעמזיקן איז נישט גלייך. דו האָסט אַ פֿאַניאַטיע (אַ באַגריף) וואָס הייסט צעמזיקט? דער ביין פֿון באָק געבראָכן. אַ צאָן אין מויל איז דעם זשאַנדאַרניק נישט געבליבן. די אויגן פֿאַרשוואָמען פֿון געשווילעכץ. העט אַ פֿראַשק!

אַזוי לאָזט יאָשקע דער שערער אויס מיט אַ קוויטש פֿון באַ־גייסטערונג.

נאָר באַלד לאָזט ער אַראָפּ דעם באַגייסטערטן טאָן און גיט צו, כמעט שושקענדיק און מיט האַלב אָפֿענע יאַשטשערקע־אויגן:

— דאַוון איך מיר היינט אַזוי און קלער... ס׳איז מער נישט וואָס גראָד אייערנעכטן האָט ביי דיר געטראָפֿן אַזאַ ביטערע מעשה מיט דיין

קינד נעבעך. ווארים אַז נישט — ווער ווייסט וואָס מען וואָלט געקענט מיינען...

— וואָס געקענט מיינען? — פרעגט פאַנדרע מיט פינצטערע אויגן און רירט זיך אויפן בענקעלע — וואָס האָט דאָס צו טאָן מיטן קינד?

— מאַלע וואָס שונאים קענען מיינען — בויגט זיך שוין יאָשקע דער שערער צו און שושקעט פאַנדרען גלייך אין אויער אַריין, — אַזאַ פאַטש קען געבן נאָר איין מענטש אין גאַנץ שקלאָוו. אַ פּראַשק, וואָס ברעכט איין אַ גויאישן ביין? וואָס רעדסטו וואָס? גאָט איז מיט דיר!...

— ווער קען געבן? — פרעגט איבער פאַנדרע ווי אַ פאַרשטיינער־טער. אין האַלדז איז אים מיטאַמאָל טרוקן געוואָרן און שעפּטשען טוט ער ווי זיין אומגעבעטענער מנחם־אַבליק.

— ווער־זשע, אויב נישט פאַנדרע? — ענטפערט יאָשקע דער שערער מיט גרויס עניוות. נאָר זיינע האַלב־פאַרמאַכטע יאַשטשערקע־אויגן גלאַנצן אַצינד אויף מיט זשעדנע בייגעריקייט. די אויגן־פאַרטעכלעך אָן וויעס פאַרשטאַרקן נאָך דעם דאָזיקן איינדרוק.

פאַנדרע לאָזט אַרויס פון די נאָז־לעכער אַ הייזעריקן דערשטיקטן ברום, נישט אַ הוסט, נישט אַ זיפץ. און גאָר פלוצלונג צינדט זיך אָן אַ העלישער פייער אין זיינע גרויע טרויעריקע קוקערס. אַזוי שאַרף ווערט דער דאָזיקער קוק, אַז די עניוותדיקע זשעדנעקייט אין יאָשקע דעם שע־רערס אויגן גייט איבער אין אַ דערשראָקענעם פינטלען. דער שערער הויבט זיך פאַוואָליע צו הויבן פון שטול און פאַנדרע — פון בענקעלע. גיט פאַנדרע אַ צוויטן ברום, אַצינד קלאָרער און קירצער:

— וואָס זענט איר אַהערגעקומען פראָוען הינטישע שטיק? אַרויס מיט לשון, יאָשקע!

דער דאָזיקער ברום צעטרייסלט יאָשקען ווי אַ לעכערדיקן זאַק מיט ווערעמדיקע אַרבעס. כדי צו אָפּווענדן פאַנדרעס כעס, שיט ער אַצינד גיך, גיך, ווי אין אַ מעדניצע אַריין.

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקן וואָס? איך וועל דיר אפשר גיין מסרן? גלויבסט אוודאי וואָס אַזעלכע שיינע מענטשן ווי חאַצע זאָגן? ער וועט שוין מער נישט זאָגן! נאָר גלאַט אַזוי... איך גיי מיר פון דאַוונען — פאַלט מיר איין: אַזוי מכבד־זיין קען נאָר מכבד זיין סענדערס איידעם. נאָר ווי אַזוי קען דאָס זיין, אַז דו ביסט גאָר אַ גאַנציקן אָוונט געזעסן אין שטוב. דיין סענדערקע נעבעך —

— דיין עסק?

— כ'בין נאָר אַריין מנחם־אָבל זיין בין איך. קלער איך: אויף טשיקאַוועס... כ'וועל אַ פרעג טאָן, כ'מיין, מ י ר קענסטו דאָך זאָגן ווי אַן אייגענעם מענטשן. אַ רעטעניש איז דאָס דאָך. סענדערס איידעם וועט זיך דאָך נישט הברן מיט אַזאַ נפש ווי דער... ווי חאַצע. אויף זיינע סכאָדקעס גייסטו נישט, הײנט ווי קומסטו צו די סטראַזשניקעס ווע... ווע... וועל....

ער האָט אַלע זיינע ווערעמדיקע ווערטער נישט באַוויזן אויסצושיטן. אויף דעם וואָס ס'איז פּלוצלונג געשען האָט זיך דער „אייגענער מענטש" גאָר נישט געריכט. נישט געקענט ריכטן זיך, אַז פּאַנדרע זאָל זיך דערוועגן צו טאָן אַזאַ זאַך אינמיטן שבעה־זיצן.

מיט אַ ברום פון אַ צערייצטן לעמפּערט האָט זיך פּאַנדרע אַ וואָרף געטאָן. און אין דער זעלבער רגע האָט יאַשקע דערפילט, אַז ער הענגט אויף זיין אייגענעם קאָלנער, ווי אַ הערינג אויף די זשאַברעס, און באַמבלט אין דער לופטן מיט ביידע געפּוצטע שטיוועלעך. פון דער אויסגעכאַליע־טער, אַרומגעשווירענער, אויסגעפּלאַכטער, האָר־אין־האָר אויסגעפּרעסטער לאָפּעטע־באָרד ווערט גאָר אַ צעפּליאָשעטע פּאָמיעלע. און באַמבלענדיק אַזוי און שטיקנדיק זיך אין אייגענעם קראַגן שווימט ער האַסטיק אין אַ פּוסטן חלל, פון שטוב אין פירהויז, פון פירהויז אין דרויסן. אַ באַסאָווער קול ברומט אים דערביי אין האַלדז און נאַקן: „דו מסור, דו!... אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין!"... סענדעריכע לויפט נאָך, פּאַרלויפט פּאָראויס און מאַכט עפּעס מיט די טרוקענע גלאַנציקע הענטלעך. אַפּנים כדי צו ראַ־טעווען אים, יאַשקען, נאָר זי פּאַספּעיעט נישט. וואָרים גלייך נאָכדעם פליט ער ערגעץ־ווו, אַן פליגלען, און גיט אַ פּאַל אין נייעם שצאָגעלסקן זומער־גאַרניטער אינמיטן גאַס. אין דיקן שטויב באַברעט ער זיך אַ ווײַלע, ווי אַ פּאַרזינדיקט הינטל. אַ פירהויז־טיר פּאַרהאַקט זיך הינטער אים. סענדערס פירהויז־טיר אַפּנים.

ער קוקט זיך אַרום, צי קיינער זעט נישט זיין שאַנד, און דערזעט אַ פּאָר באָרוועסע חברהשע יינגלעך לויפן צו אים, כדי אָנצוקוקן אַ ביסל נאָענטער, ווי אַזוי אַזאַ בכבודיקער אויסגעפּוצטער ייִד קען אַזוי פליען און אינמיטן דרינען אַנידערפאַלן... גאַרטלט ער זיך אונטער, יאַשקע דער שערער, שפּרינגט אויף און הינקענדיק און אָכצענדיק טראָגט ער זיך אָפּ אין אַ שמאָלער געסקע, צווישן צוויי פלעקענער־צוימען. דאָ גלייכט ער זיך אַ ביסל אויס, פּוצט אָפּ די שצאָגעלסקע הויזן, גיט אַ קאָם די צע־

פּאַטלטע לאָפּעטע־באָרד און קוקט אַריבער, איבער די קאָליעס, צו סענ־דערס הייזקע. מיט שפּאָט קוקט צו אים אַראָפּ דער רויטער ציגל־קוימען אונטערן מיט מאָך־באַוואַקסענעם הויקערדיקן דעכל. מאַכט אויף אים יאָשקע מיטן צעשונדענעם קולאַק און מיט טיפע שנאה:

— וואַרט, וואַרט! ווער האָט געממיתט דעם זשאַנדאַרניק? איך וויי—ס!...

אין האַרצן איז אים אָבער קלאָר, אַז ער סטראַשעט דאָ מיט אַ צור־געפּערלעכן געווער. די ערשטע וואָרענונג האָט ער שוין דאָ באַקומען. און ווייטער שפּילן זיך — איז גאָר אַ גרויסע סכנה, מען ווייסט גאָר נישט וועמען עס קען נאָך טרעפן. פּאַנדרען, דעם אָסטראָזשניק, צי טאַקע אים אַליין...

# „אברעמעלע די געקוילעטע קאַץ"

## .1

אינעם זעלבן טאָג, נאָכן אַרויסוואַרפן יאָשקע דעם שערער איז ווייטער געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט אַ טאָג פריער. דהיינו: ווי נאָר מערע איז אויף אַ ווײַלע אַרויס פון שטוב, האָט זיך אימיצער אַרײַנגעמאַכט שטילערהייט, אָן אָנצוקלאַפּן אין פירהויז־טיר, אָן אַ וואָרט צו זאָגן. דאָס מאָל איז עס געווען נישט „מאָדיע מיטן אמת", נאָר „אברעמעלע אָרע־מאָטעס".

אַ נאָז האָט ער געהאַט, אָט דער אַברעמעלע, אַ שפּיציקע. דער סאַמע שפּיץ באַזאַלבט מיט אַ גיפּטיק שמייכעלע. און דווקא אין זיינע אויגן איז נישט געווען קיין סימן פונעם זעלבן שמייכעלע. אַ ווייסלעכן פאַר־שטאַרטן גלאַנץ האָבן זיי געהאַט, די דאָזיקע אויגן. פונקט ווי די ווייסלען וואָלטן זיך צעגאָסן איבער די שוואַרצאַפּלען און זיי מילכיק געמאַכט. אַ פאַרטאַיעטע שאַרפקייט, אַ שימער פון אַ האַק האָט אין זיי געדרימלט. נישט אומזיסט האָט מען פון אים דערציילט, אַז נאָך אַלס חדר־ייִנגל האָט ער אײנמאָל, מיט אַ צעראַצטן מעסער, געשאָכטן אַ קאַץ אויפן ברעג אָזערע. קומט, קינדער! — מאַכט ער צו תלמוד־תורה ייִנגלעך אין טאַטנס הדר — כ'וועל אייך, מאַכט ער, ווייזן ווי עליע דער שוחט קוילעט אַ קעלבעלע!...

און ווען אַלע ייִנגל'עך זענען זיך צעלאָפן מיט גרויס שרעק, איז ער אַליין געבליבן, אַראָפּגעזעצט זיך אויף די ציפּקעלעך און מיט מערדער־לעכער נייגעריקייט צוגעקוקט זיך, ווי די פאַרבלוטיקטע חיה וואַרפט זיך אין די טראָסטינעס און וויל נישט פּגרן.

אמת, דער טאַטע זיינער, אָרע־מאָטעס דער מלמד, האָט אים פאַר אַזאַ כשרער שחיטה, אַזוי צעקאָטעוועט, אַז אברעמעלע האָט דערנאָך אַ וואָך צייט נאָכאַנאַנד, נישט געקענט רירן מיטן געזעס. ס'איז אָבער אויך אמת, אַז אַברעמעלע גופא האָט די האַרבע שטראָף אויפגענומען

מיט נישט־קינדערשער פאַרביסנקייט. ער האָט אַפילו נישט זייער שטאַרק געשריען, בשעתן שמייסן. ווי איינער זאָגט: „ס׳האָט זיך געלוינט!״.... אָבי איינמאָל אויסגעפירט דעם בייזן רצון ביזקל סוף, נישט געשאַנעוועט אַ לעבעדיקע זאַך און גרויזאַם הנאה געהאַט...

דער צעשונדענער געזעס האָט זיך פאַרהיילט, אָבער נישט אַברעמע־לעס נייגונג צו ווילדע מעשים. אַלע קינדער אין שטאָט האָבן פאַר אים געציטערט. וואָרים דאָרטן, וווּ אַנדערע ייִנגלעך באַגנוגענען זיך מיט אַ שטורך, פלעגט „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ״ מכבד־זיין מיט אַ האַלבן ציגל איבערן קאָפּ. ווו אַנדערע גיבן אַ קניפּ — קראַצט אַברע־מעלע אויס אַן אויג, אָדער ער רייסט אויס אַ שטיק פלייש מיט זיינע נישט־ריינע נעגעלעך. נישטאָ קיין קאַטאָוועסן ביי אַברעמעלען. הייבט ווער־זשע וועט זיך מיט אים אָנהויבן? דאָס איינציקע וואָס פאַרטשע־פּעטע ייִנגלעך פלעגן זיך יאָ דערלויבן, איז אַ געשריי טאָן: „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ!״ און אַנטלויפן. דאָס שיינע צונעמעניש איז אים אַזוי פאַרבליבן ביז אין די בחורישע יאָרן.

און נישט אָן אַ גרונט. וואָרים צוזאַמען מיט אים זענען געוואַקסן זיינע מעשים־טובים. מ׳האָט אים אַפילו, שפּעטער מיט יאָרן, חושד געווען, אַז דאָס האָט ער, נישט איינמאָל, פאַרשלעפּט חיה־שרהקען די משוגענע אין ר׳ ישיעלעס חורבה און געשפּילט זיך מיט איר. וואָרים ס׳איז געווען זייער קשה, וואָס חיה־שרהקע מיט איר געבוירן קינד אויף די הענט, פלעגט זיך אַוועקשטעלן אונטער אָרע־מאָטע דעם מלמדס פענצטערלעך און צעלאָזן זיך מיט אירע ספּעציעל־פאַרפאַסטע לידעלעך:

ניטשיינע האָב איך אַ האָב געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ!
פון אַברעמל מיטן שוועמל
דאָ, טאַקע דאָ.
נישט קיין ייִנגל, נישט קיין מיידל
איכאַ־איכאַ־כאַ.

מיט פלעקענער האָט מען זי נישט געקענט פאַרטרייבן. און אַפילו דערנאָך, ווען זי האָט שוין, ווי איר שטייגער איז, דאָס ביי־געבוירענע קינד אויסגעבאָדן אין דער פערד־קאַרעטע ביי אַ ברונעם און דערטרונקען, פלעגט זי נאָך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד קומען אויסוויינען איר משוגענע האַרץ אונטער אָרע־מאָטעס פענצטערלעך:

ניטשיינע האָב איך אַ באָד געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ!
נאָכן יינגל מיטן צינגל
דאָ, טאַקע דאָ.

משוגע איז זי טאַקע חיה־שרהקע און נישט־קלאָר. נאָר גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין וועט זי נישט באַזינגען און נישט באַוויינען איר קינד אונטער פרעמדע פענצטער, ווו מען וואַרפט איר שערבל אין קאָפּ אַריין. מסתמא מוז דאָך עפּעס זיין!...

צו יענער צייט האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ הילוך ביי „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ", אַ ספּעציעלער גאַנג פון אַ ווילן יונג, וועלכער וואַרפט זיך איבער, ביי יעדן טראָט, פון רעכטס צו לינקס און פון לינקס צו רעכטס. מעשה גיבור, הייסט דאָס, ביי וועלכן די ערד ציטערט אונטער די פיס. כאָטש אין זיין מאָגערן בולבע־בלאַסן האַלדז און אָרעמס האָט זיך קיין באַזונדער גבורה נישט אָנגעזען. אינעם דאָזיקן האַלב־געמאַכטן גאַנג, מיט האַסטיקע וואַקל־טריט, האָט זיך אָבער דייטלעך געפילט דער אימפּעט פון געפאַר־זוכעריי און דער פייער פון אַ מוראדיקער חוצפה. ס'איז געווען גענוג צוקוקן זיך און צוהערן זיך צו אים איין ווילע, כדי צו טרעפן, אַז נישט נאָר אויף זוכן געפאַרן אויף פאַרבאָטענע סכאָדקעס טויג ער זיך, נאָר אַפילו אַרויסצופירן פערד פון פרעמדע שטאַלן קען מען זיך אויף אים אויך פאַרלאָזן; אונטערצושיסן אימיצן, אָדער אונטערצינדן — וואָלט ער זיך אויך אונטערגענומען. אַבי ס'זאָל זיין פאַרבונדן מיט סכנה און מיט ריזיקע. אַבי דאָס אומרואיקע בלוט זאָל זיך וואַרפן אין בלאַסן קאָפּ און פּנים און פאַרשיכורן, וואָרים איינמאָל לעבט מען אויף דער וועלט!...

האָט זיך אָבער געמאַכט אַזוי, אַז „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ" האָט זיך גראָד באַגעגנט מיט האַצע דעם קירזשנער. און י ע נ ע ר האָט אים אַריינגעצויגן אין נעץ פון געפאַר און קאָנספּיראַציע. אויפגע־נומען אים אין חברה ווי אַ קרומען, משונהדיקן וואָפן פון אַ ווילדן, וועלכן מ'וועט פריער־שפּעטער קענען אויסנוצן, און וועלכן מ'האָט טאַקע שפּע־טער אויסגענוצט...

מיט דעם זעלבן דערפאָלג וואָלט „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ" געקענט אַריינגעצויגן ווערן אין שעפּטעלע גנבס גוטער קאָמפּאַניע אויך. נאָר ס'האָט זיך נ י ש ט געמאַכט.

## 2.

מיט אַ פֿאַרטאַיעטן געפּיל פֿון פֿריקרעקייט האָט אים פֿאַנדרע דערזען ביי זיך, אין דער פֿאַראַבלטער שטוב. ס'איז קודם־כל געווען דאָס נאַ־טירלעכע געפיל פֿון אַ געזונטן פֿול־בלוטיקן מענטשן צו אַ קרענקלעכן נפֿש, מיט משונהדיקע בייגונגען, מיט צו־פֿרי איבערגעקאָכטער און איי־בערגעזויערטער „יוכע" פֿון אַן אויסוווּרף. אַ געפּיל פֿון אַ גראָדער, ערלעכער נאַטור צו איינעם וואָס פּאַסט זיך אָן צו אַלץ און צו אַלעמען, אַבי געפּערלעך און אויסטערליש זאָל עס זיין... נאָר ער, פֿאַנדרע, האָט אים אייערנעכטן געזען אויף דער סכאָדקע אין דער שטוב מיט די גרינע לאָדן, ווי ער שטייט אַזוי, אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ, מיט האַלב־פֿאַרגלאָצטע מילכיקע אויגן און לעכצט נאָך יעדן וואָרט וואָס „בעני" רעדט אַרויס. בעני רעדט זיינע האַרבע ווערטער קעגן דער מלוכה און נגידים, און אַברעמעלע שלינגט דעם גאָרגל, נאָך יעדן געלונגענעם זאַץ, מיט אַ זשעדנעקייט פֿון אַ שיכור, וואָס האָט שוין לאַנג אַ ביסל משקה אין מויל נישט געהאַט. אָפּט מאָל האָט ער דערביי געסקאַליעט די ציין אַזוי, אַז די מאָגערע קינבאַקן זיינע האָבן זיך ביי אים אָנגעשפּיצט. דערי־בער האָט שוין נח פֿאַנדרע אויך אַצינד געמוזט גובר זיין אין זיך דאָס נישט־חברישקייט און אויפֿנעמען אַברעמעלען אַזוי, ווי אַן אבל איז בכוח אויפֿצונעמען אַ גאַסט אין שטוב. פֿאַרפֿאַלן! חבר איז חבר.

אָן שום הקדמות איז אַברעמעלע צוגעטרעטן צו נחן און גיך אַ זאָג געטאָן:

— דאָ איז ביי דיר הייגט געווען יאַשקע? וואָס האָט ער דאָ געטאָן, דער מסור?

— כ'ווייס?... געקליגלט זיך.

— גוט, — מאַכט אַברעמעלע — וואָס דו האָסט אים געגעבן האַלדז און נאַקן... איינגאַנצן נישט געדאַרפֿט אַריינלאָזן —

— ביסט מסכים? — כמורעט פֿאַנדרע אָן די שוואַרצע ברעמען — כ'דאַרף דיר אָפּגעבן חשבון?

פֿאַרלירט אַברעמעלע זיין ברייטלעכקייט. ער הויבט אָן צו קלייבן ווערטער:

— פֿריער נישט. נאָר... זעסטו?... ביסט געווען מיט אונדז? איז עפּעס אַנדערש.

— מיט „אונדז״? — קרימט נח אַ ביסעלע איבער — פאַראַן אַלערליי סאָרטן „אונדז״.

— ניין, — שלינגט אַברעמעלע אַראָפּ דעם שטאָך און דרייט מיטן שפּיציקן קאָפּ — נישטאָ קיין אַלערליי „אונדז״. חברים איז חברים.

שווייגט מען אַ ווײַלע. נח זעט באַשײַנפּערלעך, אַז „אברעמעלע די געקווילעטע קאַץ״ האָט נאָך עפּעס צו זאָגן, אַז נישט צוליב יאַשקען אַליין האָט ער זיך אַרײַנגעמאַכט אין שטוב און גראָד דאַמאָלסט, ווען מערע איז נישטאָ.

הויבט אויף אים פֿאַנדרע אויף די גרויע, אָפּענע אויגן:

— ווילסט מיר עפּעס זאָגן?

אַזאַ קוק קען אַ געוועזענער גאַסן־יונג ווי אַברעמעלע נישט פֿאַר־טראָגן. ער לאָזט אַראָפּ זײַנע מילכיקע קוקערס און רעדט, כּמעט שעפּ־טשענדיק:

— נישט „עפּעס״... כ׳האָב היינט אינדערפרי געזען איינעם פון אונ־דזערע „באַיעווקעס״ (שלעגער), וואָס האָבן געהיט דעם אַרײַנגאַנג צו דער סכאָדקע. ווייסט דאָך. האָבן זיי מיר דערציילט —

— זיי — דיר? — הויבט זיך פֿאַנדרע אויף פון זײַן שבעה־בענ־קעלע און קוקט זיך אַרום —ס׳איז פון זיי... פון זיי... אַ חזיריי איז דאָס!

— האָסט אַ טעות, — צעשמייכלט זיך אַברעמעלעס שפּיץ נאָז — כ׳בין אויך אַ „באַיעוויק״...

נישט וואָרטנדיק פֿאַנדרע זאָל אים גלויבן אויפן וואָרט, ציט ער אַרויס פון דער טיפער פּלודערן־קעשענע אַ פּיסטאָל און שפּילט זיך מיט אים אויף די קני:

— ס׳האָב איך באַקומען פון האַצען. און ז י י אויך.

דערזעענדיק, אַז אַזאַ כּלי האָט אויף פֿאַנדרען יאָ געמאַכט אַ שטיקל איינדרוק, דערפילט אַברעמעלע אַ באַדערפעניש צו כראַברען זיך אַ ביסל:

— אַז מ׳דאַרף אימיצן דערציילן יענע מעשה, בין איך דער ער־שטער. אויף דער סכאָדקע איז נישט געווען מיין „אָטשערעד״ (ריי). נאָר איך קען מיר נישט מוחל זיין, וואָס איך בין נישט געווען מיט דיר צוזאַמען. אויב שוין אַזוי מכבד זיין אַן איבערגעטאָנענעם „שפּיק״ און אין דער פינצטער איז — ביזקל סוף... צוליב וואָס איבערלאָזן אַן עדות?

פֿאַרטראַכט זיך פֿאַנדרע:

—אַן עדות? ער האָט מיך נישט געקענט זען. פון הינטער אַ דיקן

בוים האָט ער געקראָגן... כ'האָב נאָר מורא פאַר יאָשקע דעם שערער, ער ווייסט עפּעס יאָ, דאַכט זיך...

— יאָשקע? — פון וואַנעט ווייסט ע ר?

— דער'שמעקט אַפּנים. דאָס איז ער הייבט, פאַרן אָנבייסן, געקומען אויספרעגן. אַהער געגרעדט, אַהין גערעדט. אַזאַ פראַשק... מאַכט ער, קען דערלאַנגען נאָר סענדערס איידעם. איך — הייסט דאָס. מיר האָט זיך אַפילו אויסגעדוכט, אַז ער פרעגט אויס און לאַכט פון מיר אָפּ, שפּילט מיט מיר אין באַהעלטערלעך. דערפאַר טאַקע האָב איך אים אַרויסגעוואָרפן. אַזאַ פאַרך אַ ייד!

— נאָר דערפאַר?... און דאָס וואָס ער קען מסרן?

און נישט אַפּוואַרטנדיק וואָס פאַנדרע וועט אויף דעם ענטפערן, שפּרינגט אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ אויף און ענטפערט זיך אַליין:

— ער וועט נ י ש ט מסרן. אַ פּיפּס, אין זיין טאַטן אַריין, וועט ער נישט טאָן. אַ מסור אַפילו, לעקט אַלע „קנעפּלעך", אָבער אַ טרוס — אַ נישקשהדיקער... איך גיי צו אים באַלד אין קרעמעלע. ביים גאָלן וועט מען זיך שוין ד ו רכ ש מ ו ע ס ן. עס האָט שוין אַמאָל אַזוי געהאַלטן מיט האַצע דעם הינקענדיקן. דאַמאָלסט האָב איך זיך מיט יאָשקען אויך ד ו ר כ ג ע ש מ ו ע ס ט.

דאָס וואָרט „דורכשמועסן" האָט אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ אַרויסגערעדט מיט אַזאַ באַטאָנונג, מיט אַזאַ זידנדיקן גיפט און מיט אַזאַ מעסער־גלאַנץ אין די ווייסלעכע אויגן, אַז פאַנדרען איז נישט ווילנדיק דורכגעפלויגן אַ קעלטל דורכן רוקן. ער האָט קלאָר געזען, אַז דאָס זענען נישט גלאַט אַזוי ווערטער. נישט נאָר אַ קאַץ, נאָר יידן מיט אַ געכאַליעטער באָרד, ווי ביי יאָשקע דעם שערער, וועט ער אויך קענען שעכטן ביים ברעג אָזערע אין די טראַסטינעס. אַ ברעם וועט ביי אים דערביי נישט אַ ציטער טאָן... און נישט־קוקנדיק אויף אַזאַ אַנטפּלעקונג, האָט זיך פאַנדרע פאַר זיך אַליין געוווּנדערט וואָס, אין זיין שפּלדיקייט, צו אַברעמעלעס גאַנצן מהות, מישט זיך אַצינד אַ מאָדנע דאַנקבאַרקייט אויך. ער איז כמעט ווי צופרידן, וואָס אַברעמעלע באַפרייט אים פון אַלאַ בלאָטיקער שטיקל אַרבעט, ווי „אַנצושרעקן"... נאַ. פון ד ע ר זייט, איז ער פאָרט געזיכערט. יאָשקע וועט מורא האָבן...

— נאָר זע, — מאַכט ער, — די אונדזעריקע זאָלן נישט צופיל באַלעבאַטשען. פאַרשטייסט דאָך...

אברעמעלע דערפילט זיך אַ ביסל האָפּערדיקער, וואָס אַזאַ גבור ווי פֿאַנדרע, שפּאַרט זיך אויף אים אָן, פֿאַרלאָזט זיך אויף אים:

— זאָלסט נאָר קיין צער נישט האָבן, בח!

ער מאַכט אַ באַוועגונג אָוועקצוגיין און דרייט זיך ווידער אום צו נחן. — אָך, יאָ — מאַכט ער — אַצינד האָט ער זיך דערמאָנט. מ׳האָט היינט גערעדט פֿון אים, פֿון נחן... האַצע דער הינקענדיקער איז נישטאָ. פֿאַרשפּילט האַצען. האָט „מאָדיע מיטן אמת" איבערגענומען זיין אָרט. „בעני" האָט געמוזט שטילערהייט צוריק אָוועקפֿאָרן קיין מאָהליוו, כדי נישט צו וואַרפֿן זיך דאָ צופֿיל אין די אויגן... האָט מען גערעדט דערפֿון, אַז ער, פֿאַנדרע, זאָל אַריין אין דער גרופּע פֿון די „באַיעוויקעס" און מיט הוילע הענט נישט שלאָגן זיך. אַ „שפּייער" וועט ער אויך קריגן...

— מ׳וועט נאָך זען! — שאָקלט זיך פֿאַנדרע אָפּ פֿון אַזאַ כבוד. אַ געפֿיל פֿון עקל האָט ער אַלעמאָל געהאַט צו מעסערס און פּיסטאָלן, מיט וועלכע שוואַכינקע באַוואָפֿענען זיך, ווי אַ טכויר באַוואָפֿנט זיך מיט זיין שלעכטן ריח...

— צוליב וואָס זען? — טרעט צו אים אַברעמעלע צו נעענטער — אַ קנאַקער איז קנאַקער. ס׳וועט דיר צונוץ קומען.

— צוליב וואָס אַ פּיסטאָל? — פֿאַרקרימט זיך פֿאַנדרע — אַז מ׳וועט דאַרפֿן, וועל איך מיר שוין אַזוי אויך אַן עצה געבן.

— נו, נו! — גיט אַברעמעלע אַ גלאַנץ מיט די גזלנישע אויגן — נישט אַלעמאָל קען מען גיין מיט הוילע הענט.

— וואָס עפּעס מיט אַמאָל? — שפּיצט זיך נח אָן — עס ברענט דאָך נישט.

— עס קען י אָ ברענען — שעפּטשעט אַברעמעלע געהיימנישפֿול און ווערט פּלוצלונג אַנטשוויגן. וואָרים עס דערהערן זיך טריט. די פֿיר־הויז־טיר זינגט אויף, און מערע, איינגעוויקלט אין איר שטוב־פּאַטשיילע, טרעט אַריין מיט אַ מינע פֿון אַ מענטשן, וועמען ס׳איז קאַלט, אַפֿילו אין אַזאַ שיינעם זומערדיקן טאָג; קאַלט פֿון אבלות און קאַלט פֿון אַ באַנגדיקן ווייטיק...

## 3.

— וואָס האָט ער דאָ געטאָן די געקוילעטע קאַץ? — שטעלט מערע אָן אירע קאַרע אויגן אויפֿן מאַן, ווי נאָר אַברעמעלע גייט אַוועק.

— גאָרנישט, — מורמלט פאַנדרע אויף זיין שבעה־בענקעלע — געקומען מנהם־אָבל זיין איז... ער.

— נח, נח, — צעשאָקלט זיך מערע מיט איר אָנגעפּאַטשיילעטן קאָפּ — סודות האָסטו! מיינסט — איך זע נישט?

— וואָס ווילסטו, מערע? — כמורעט זיך פאַנדרע און קוקט זיך אַליין צווישן די וואָלענע אָבל־זאָקן — א י ך האָב אים גערופן?

— נעכטן „מאָדיע מיטן אמת", הייַנט — אָט דער אויסוואורף. עפּעס אַלץ בייע פאַרשוינען גייען צו דיר.

מאַכט זיך פאַנדרע תמעוואַטע:

— ס׳אַלעמאָל אַזוי. אַז אימיצן טרעפט אַן אומגליק, שטופּן זיך אַלע אַ קוק צו טאָן. אַפילו יאָשקע דער מסור ווערט אַ נאָענטער מענטש...

פאַרטראַכט זיך מערע. ס׳אַראַ לשון איר נח האָט געקראָגן זינט ער איז אַרויס פון אָסטראָג! נישטאָ קיין שלעכטס אויף דער וועלט אַן אַ גוטער פעולה. פריער האָט נח אַ וואָרט מיט אַ וואָרט נישט געקענט צוזאַמענבינדן. געברומט האַלבע ווערטער ווי פון אַ פּוסטער פאַס אַרויס. מ׳האָט זיך געמוזט אַליין אָנשטויסן, וואָס ער מיינט. איז דאָס שעפּטעלע גנב געוועז אַזאַ גוטער רבי?

— פונדעסטוועגן, — אַזוי מאַכט זי צו אים שטיל נאָך אַ ווײַלע שווייגן — הבר זיך נישט צופיל מיט אַזעלכע פאַרשוינען. קיין גוטס און קיין כבוד וועט דיר דערפון נישט אַרויסקומען, זע, נח, איך בעט דיך!

און פאַנדרע הערט אויס און שעמט זיך אויסצוזאָגן, אַז אים אַליין איז לייכטער געוואָרן, ווען אַברעמעלע איז אַוועק פון שטוב. ס׳וואָלט געווען פריילעכער אויפן האַרצן, וואָלט ער אויפגעמאַכט אַלע פענצטער, כדי אויסצולופטערן זיך און אָפּקרעכצן אַ לאַנג־געצויגענעם „אוף!".

צו הילף איז אים, גאָר אומגעריכט, געקומען זיידע לייזערל וואָיטעק. ווי אַ קיל ווינטל האָט אַ ווייע געטאָן אין שטוב, ווען וואָיטעק איז אַריבער־געטראָטן דעם שוועל, מיט זיין אונטערגעגאַרטלטער זומערדיקער אויס־געגרינטער „כאַלמידע", מיט זיין קאָרענער פּיפּקע, מיט זיינע מילכיק־גרינע האָר פון באָרד און פיאות און מיט זיין גאַנצן אָנבליק פון אַ מאַ־כיקן אַלטן פּיען, אין אַן אָסיענדיקן וואַלד... זיידע וואָיטעקס טונקל־בלויע, אַלעמאָל פריילעכע אויגן, האָבן דאָס מאָל געבלאַנדזשעט, פון מערען אויף פאַנדרען און פון פאַנדרען אויף מערען. ער איז עפּעס געוועזן נישט מיט אַלעמען, לייזערל וואָיטעק. פאַרשעמטערהייט איז ער אַריינגעגאַנגען און פאַרשעמט האָט ער אָפּגעקרעכצט.

רופט זיך אָפּ מערע:

— וואָס קרעכצט איר, זיידע? זעצט זיך!

זויגט זיידע וואָיטעק זיין פּיפּקע ווי אַ קינד אַ סאָסקעלע. פון די לעכעלעך, אין דער קופּערנער היטעלע פון ליולקע, שלענגלען זיך בלויע רויכעלעך, און פון וואָיטעקס מאָכיקע נאָזלעכער קרייזלט זיך אַ געלב־ווייסער רויך. מישן זיך די רויכעלעך צוזאַמען מיט זיין באָרד און פּיאות, וועלכע זענען מילכיק־גרין ווי „פּוטער־שוועמלעך". אָפּגערויכערט אַזוי אַ ווײַלע, האָט ער געגומען זוכן ווערטער, ביז ער האָט נחן און מערען שעמעוודיק דערציילט, אַז די באַלעגאָלעס אין צעך האָבן היינט געהאַט אַן אַסיפה. מ׳האָט גערעדט, הייסט דאָס, דערפון, אַז מ׳זאָל אים, פּאַנדרען, אויסבאָרגן אַ פערד. אויב ער וויל, איז אויף אויסצאָלן אויך רעכט. מ׳האָט איינער דעם צווייטן אויפגעוואָרפן, וואָס מ׳האָט ביז איצטער געשוויגן. סענדערס איידעם גייט אַרויס פון גויאישקע הענט און האָט נישט קיין פּרנסה — שווייגט מען? ס׳איז סדום!... זאַוול, קושקעס געוועזענער שמייסער, האָט וועלטן איינגעלייגט, אַז מ׳עט דאַפן, זאָגט ער, וועט ער ווערן פּאַנדרעס שמייסער, אָן שכירות, נאָר פאַרן עסן אַליין. ביז נח, זאָגט ער, וועט זיך שטעלן אויף די פיס. ס׳איז גאַנץ פיין פון אַזאַ יונגנ־מאַן ווי זאַוול, וואָס גייט אַליין אום אָן פּרנסה... איז ער, וואָיטעק, געקומען זאָגן נחן, ער זאָל זיך נישט אַראָפּפּאַלן. וואָרים כל זמן אַ מענטש לעבט — הע־הע, באמונות...

אַזוי האָט וואָיטעק געקליבן ווערטער און זיינע אויגן האָבן זיך צעבליט ווי פּיאַלקע־בלימלעך פון קאַלטן מאָך אַרויס, און זיין גוטער אַלטיטשקער שמייכל האָט זיך צעשיינט. אָבער ווי נאָר מערע האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעקערט, איז וואָיטעקס שמייכל אויסגעלאָשן געוואָרן. און ער האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך אויסגעקוועטשט אַן אָנגע־ווייטיקט אָרט אין לייב.

— וואָס —— מאַכט ער שטילינקערהייט — זאָל איך דיר זאָגן, נח, מיין קינד? אין די אויגן קען איך דיר נישט קוקן. מ׳רעדט, אַז ס׳איז דיין סענדערקען עליו השלום געקומען פון דער קולאַיע... איך אַליין האָב דאָך געשטופּט דעם קינד אין מויל אַן איינגעטונקטן פינגער. נאָכגעטאָן די יידענעס. ווייַ איז מיר, ווינד איז מיר!

— פאַרפאַלן, זיידע. — טרייסט אים פּאַנדרע און קערט אָפּ דעם קאָפּ — ד ע ר איז שולדיק, י ע נ ע ר איז שולדיק. קיינער איז נישט שולדיק. באַשערט אַזוי...

— אַך, נה, נח! אַזאַ ווויל קינד געווען, אַ רואיקס. אויף מערעס הענט איז דאָס געלעגן און מיך אָנגעקוקט. קאַפּענע דו געווען. איך זיץ אַזוי ביים לעמפּל און דערצייל מערען אַ מעשה. ווינטער איז דאָס געווען. זי האָט מיך געבעטן. און סענדערקע, עליו השלום, קוקט מיך אָן. אַ מענ־טשעלע פּאַר צוויי קאָפּיקעס. איך קען מיר קיין אָרט נישט געפינען. מנחם־אָבל זיין בין איך צו דיר געקומען, און איך באַדאַרף גאָר אַנדערע זאָלן מ י ך מנחם־אָבל זיין...

— זיידע, — שעפּטשעט נח צו מיט פאַרלאָפענע אויגן — לאָמיר בעסער נישט רעדן דערפון. מערע קאָן נאָך דערהערן — וועט ווייטער זיין אַ „חתונה”. איר זעט ווי זי דרייט זיך אַרום אין קאָכשטוב? אַ גיבורטע איז זי, מען מעג זיך ביי איר לערנען. נאָר דעם ערשטן טאָג און נאַכט האָט זי געוואַלדעוועט. כ'האָב געמיינט, מיר ביידע וועלן פון זינען אַראָפּ. אַצינד זעט נאָר, ווי זי האַלט זיך, זיפצט נישט כלומרשט. וויינט נישט. זי טרייסט מיך אַפילו. טרייסט די שוויגער... אָבער זי וועט דאָך מיך נישט נאַרן. זי מיינט, איך ווייס נישט צוליב וואָס זי לויפט היינטערן שטוב, אין גערטל אַריין. זי וויינט זיך דאָרטן גוט אויס. נעכטן אַזוי. היינט אויך אַזוי...

— סענדערס טאָכטער! — שאָקלט צו לייזערל וואָיטעק — שפּילסט זיך מיט סענדערס טאָכטער? ר' סענדער עליו השלום —

נאָר נח פאַנדרע האָרכט מער נישט וואָס דער אַלטיטשקער רעדט וועגן ר' סענדערן עליו השלום... ער פילט זיך אַצינד מאַט און דערדריקט פון דער אומרואיקייט, אין וועלכער ער געפינט זיך, זינט חאַצע דער קירזשנער האָט אים פאַרבעטן קומען צו דער „סכאָדקע”. עס איז דאָך מאָדנע, — קלערט ער, — פון גויאישקע הענט אַרויס, אין יידישע — אַריין. אין מאָהליוו, אין אָסטראָג, נישט געווען באַלעבאָס איבער זיך אַליין און דאָ, ביי חאַצע מיט זיין חברה — אויך נישט! „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ” האָט איבער אים אויך אַ שליטה. געוואַלד, ווהין פירט מען דאָס מיך!

ער קוקט אָן וואָיטעקן, די רויכעלעך פון זיין קאָרענע פיפקע, ווי ער זיצט זיך אַזוי בנעימותדיק און שמועסט מיט זיין אַלטער רואיקייט, פון די קינדערשע און בחורישע יאָרן. און עס גלוסט זיך נחן צוצודריקן דעם האַרטן, צעטומלטן קאָפּ צום „זיידנס” גרינלעך־ווייסער באָרד, ווי צו אַ קילן מאָך. ער זאָל אים באַרואיקן, ער זאָל שמייכלען צו אים... אָבער די יינגלשע בענקשאַפט זיינע דריקט זיך אויס גאָר אַנדערש:

— זיידע! — שלאָגט אים נח איבער.

פאַנדרע מאַכט דערביי אַ פאַרסודעטן פנים. וואָיטעק פאַרשטייט אים אויפֿן ווונק און בויגט זיך צו אים צו.

— נישט אַזוי צוליב מיר, — שעפּטשעט ער — ווי צוליב מערען. זי איז דאָך אויס מענטש... פאַררעדט איר דעם ציינוויייטיק... דערציילט עפּעס! זי לעקט דאָך די פינגער פון אייערע מעשות...

לויכטן ווידער אויף וואָיטעקס פּיאַלקע־אויגן אונטער די מאַכיקע ברעמען:

— על פּי דין — מאַכט ער — טאָר מען דיר און מערען קיין מעשות נישט דערציילן. אַפילו תורה טאָר אַן אבל נישט לערנען. ווייל תורה דערקוויקט די נשמה... נאָר „איוב" מעג מען יאָ לערנען. איובס פּורעניות — דאָס יאָ.

לאָזט פּאַנדרע אַראָפּ דעם שווערן קאָפּ. ער האָט גרויס כוח אין די פּלייצעס, נאָר מיט דינים קען ער זיך נישט ראַנגלען. דינים זענען אַלע מאָל געווען שטאַרקער פאַר אים. דאַכט זיך קליינע שוואַרצע אותיות־קעס — און שטאַרקער...

— נאָר איך, — ווישט זיך זיידע וואָיטעק די אויגן — איך וועל היינט עובר זיין אויף אַ דין. סענדערס טאָכטער... בישקשה, איך נעם די עבירה אויף מיר!

— מערע! — רופט נח, ווי מען רופט אַ קינד פאַרזוכן אַ גוטע זאַך.

אָבער מערע רופט זיך נישט אָפּ. אין קאָכשטוב איז זי מער נישטאָ.

— ווו ביסטו? — שטייט נח אויף און טרעט ווייך אין זיינע וואַלענע אבל־זאָקן. — איך ווייס דאָך צוליב וואָס דו באַהאַלטסט זיך ביי דיין מאַמען אין אַלקערל... מע־רע! געגוג וועט דיר שוין זיין... קום אַהער בעסער! קום, טייערינקע, אַהער!

# דרך־ארץ פאַר אַ בער

## וואַיטעקס אַ נייע מעשה

### 1.

די מעשה, וואָס לייזערל וואַיטעק האָט דערציילט אין יענעם פאַר־נאַכט, כדי צו טרייסטן מערען און נחן, איז געווען גאָר אַ זעלטענע. און אַזוי האָט זי זיך אָנגעהויבן:

— דו קענסט דאָך, נח, די שענק אין אַלעקסאַנדריע, אויפן מיטן וועג קיין אָרשע, אויף דער לינקער זייט פון שליאַך? אַצינד האַלט איר, די שענק, שכנא דער למדן מיט די אָפּגעפּרוווירעגע פיס, און חיה זיין ווייב. ר׳ שכנא באַרימט זיך ביז היינטיקן טאָג מיטן זילבערנעם יעקאַטערינאַ־רובל, וואָס זיין זיידע האָט באַקומען פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, ווען יענער איז דאָרטן דורכגעפאָרן... איז אָט דאָס, וואָס איך דערצייל אייך, האָט טאַקע געטראָפן מיט שכנאס זיידע — ר׳ שבתיל, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן.

ר׳ שבתיל איז געווען אַ פייערדיקער חסיד און נאָך אַ גרעסערער למדן, זאָגט מען, פון ר׳ שכנאן. ער האָט פון קיין זאַך נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אין שענק און אין דער באַלעבאַטישקייט. טאָג און נאַכט געזעסן און געלערנט. די גאַנצע בריה איז געווען הדסה זיין ווייב, סיי אין שטוב, סיי ביי דער סטאַיקע פון שענק, אין שטאַל און אין הויף. דאַרף מען איינקויפן אין אָרשע, קויפט זי איין. אַלץ זי. אַן אשת־חיל פון אַמאָליקע צייטן!

נאָר ווען ס׳איז געקומען די צייט מ׳האָט געדאַרפט איינצאָלן פּאַכטע, האָט זיך ר׳ שבתיל געמוזט אָפּרייסן פון לערנען און אַרויספאָרן צום פּריץ, אין הויפל, אויף זיין אייגענער פור.

פּאַכטע צאָלן איז נישט קיין ווייבערישע זאַך, בפרט — ס׳איז אויסער הדסהן נישט געווען אויף וועמען צו לאָזן די שטוב אַן איבעריקן טאָג.

און טאַקע אויך דערפֿאַר ווייל הדסה איז, אויסער איר בריהשקייט געווען אַ יידענע אַ קראַסאַוויצע. הויך און געזונט. אַ ליכטיקער פּנים. איז מאַלע וואָס פֿאַר אַ משוגעת אַ פּריץ קען איינפֿאַלן... מיט אַ פּריץ שפּילט מען זיך נישט. אַמאָליקע צייטן!

כ׳געדענק נאָך ווי היינט, איידער מ׳האָט מיך אָוועקגעגנבעט פֿון דער מאַמען און אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ. כדי אָפּצוגעבן מיך פֿאַר אַ יון, האָט מען אין דער קצבישער שול געלאַכט אין די הויפֿנס פֿון דעם אַפּטייקערס אַ חכמה. אַ גלוח און אַ לץ איז יאַניע דער אַפּטייקער געווען. איז ער איינמאָל שפּעט אין דער נאַכט, בשעת אַ גרויסן פֿראָסט, אָפּגעפֿאָרן מיט דער בויד אין אַלעקסאַנדריע. דערזען הדסהן אין שענק איינע אַליין ביי דער סטאָיקע, האָט ער זיך געגומען שאַרן אַרום איר ווי אַ קאָטער; געמאַכט אָנשטעלן, אַז ער איז גאָר דערפֿרוירן געוואָרן. „האַ־האַ, באַלע־באָסטעצקע! אַי־אַי, אַ פֿרעסטעלע, טייערינקע!”... האָט זיך הדסה גענומען רוקן פֿאַרשעמטערהייט צום אויוון. „נאָך פֿאַראַן — מאַכט זי — אין הרובע הייסער קרופּניק. דערלאַנגען?”

— אַזאַ שיינע יידענע, — רופֿט זיך אָפּ יאַניע דער אַפּיקורס — ר׳ שבתליס אַ ווייב און אַזאַ עם־הארצקע! קיין וואָרעמערע זאַך ווי קרופּניק מיינט איר איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ? דוד־המלך, אַז אים איז קאַלט געוואָרן אין בעט אויף די עלטערע יאָרן, האָט ער, מיינט איר, נישט געקענט דאַקאַזשען הייסן קרופּניק? מסתמא האָט אים אַזאַ מויד ווי אבישג השונמית בעסער געוואָרעמט...

נאָר וואָס טויגן אייך די אַלע מעשׂות? מ׳זאָגט אייך אַ קראַסאַוויצע איז הדסה געווען און געפֿירט דאָס גאַנצע רעדל.

מיט אַמאָל האָט מען גענומען רעדן דערפֿון, אַז אין די געדיכטע דאַמאָלסטדיקע וועלדער, צווישן אָרשע און אַלעקסאַנדריע, האָט זיך פֿאַרנאַדיעט אַ בער. דאָ אַ בהמהלע אַוועקגעטראָגן, דאָ אַ פֿאַרפּענטעט פֿערדעלע צעריסן. האָט מען מורא געקראָגן אַרויסצוטרייבן די סטאַדע צו ווייט אין וואַלד; און פֿאַרקירעווען זיך פֿון שליאַך אויף אַ זייטיקן וועג האָט מען אויך מורא געהאַט. מ׳האָט אָבער באַלד דערהערט, אַז דער פּריץ, טאַקע דער זעלבער פּריץ פֿון דער געגנט, וועמען ר׳ שבתיל צאָלט פּאַכטע, האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט אַ כאַפּטע יעגערס און היינט אויף אַן אָבלאַווע, צו כאַפּן דעם בער אַ טויטן אָדער אַ לעבעדיקן. האָט מען זיך אַ ביסל באַרויִקט. אַ גאַנצער פֿלאָקנשיסער איז יענער פּריץ געווען...

קומט אָן אַ פֿרייטיק, פֿאַר אָנבייסן. ס׳איז זומער. שטייט הדסה ביים

אויוון און קאַכט פיש אויף שבת. ר׳ שבתיל זיצט ביי דער אָפענער גמרא און לערנט. מיט אַמאָל רייסט זיך אַריין אין שענק אַ פּאַרסאָפּעטער פּיעטרוק, דער שבת־גוי, וואָס באַדינט גויאישע דורכפאָרער אום שבת און וועגט אָפּ היי און האָבער פאַר יידישע באַלעגאָלעס, און פאַרט, אַז מען דאַרף, קיין אַרשע מיט הדסהס אַ צעטעלע אָפּצונעמען סחורות. הײנט ראַנעצקע איז ער טאַקע געוווען אַרויסגעפאָרן אויפן אַרשער שליאַך.

— כאַזשאַין! — שרייט ער — ראַבין כאָלשצאַוואַי!... אָר שליאַכו נאַשאָוו!...

ס׳הייסט: באַלעבאָס!... דער „לייוונטענער" רבי!... ביים שליאַך גע־פונען!...

ד׳ערהערט אַזאַ נאָמען — דער „לייוונטענער", שפּרינגט ר׳ שבתיל אויף פון דער גמרא און הדסה רייסט זיך אָפּ פון פיש־פענדל: ווו? וואָס? ווען?

און פּיעטרוק, רויט און פאַרשוויצט, בוקט זיך און באַלעבאָטשעט האַלבע ווערטער; ער שווערט זיך, אַז אויף אַ פּיען אין וואַלד האָט ער דעם רבין געפונען זיצן און האָט אים געבראַכט אַהערצו.

און וויסן דאַרפט איר זיין, אַז דער „לייוונטענער" האָט אין יענע צייטן געהייסן ר׳ שלמהלע דער ליובאַוויטשער, וועלכער האָט כל ימיו געטראָגן נאָר לייוונטענע מלבושים, כדי צו פאַרהיטן זיך פון „שעטנז", פאַרן קלענסטן געמיש פון וואָל און לאַין, וואָס איז אַ גרויסער איסור... ר׳ שלמהלע דער „לייוונטענער" האָט דאַמאָלסט געשמט פאַר אַ גוטן־יידן און בעל־מופת. ער פלעגט זיך באַווייזן אין אַ שטעטל און פאַרשווינדן. זיין לייוונטענעם אַנטועכץ מיט דער שמויסען שטראַימל, סיי זומער סיי ווינטער, האָט מען אומעטום געקענט. אַפילו גויים פלעגן פאַר אים רייסן דאָס היטל פון קאָפּ... פאַרשטייט איר דאָך אַצינד פאַרוואָס ר׳ שבתיל איז אַזוי אויפגעשפּרונגען.

לויפט דאָך דער שענקער אַרויס, נאָכן גוי נישט־טויט נישט לעבעדיק און גלויבט נישט די אויגן זיינע. אינמיטן אַרומגעצוימטן הויף פון דער שענק, שטייט דער „לייוונטענער", זאָל געזונט זיין. זיין פּנים לויכט אונטערן שמויסען־שטראַימל און זיינע ווייסע לייוונטענע מלבושים מיטן ווייסן גאַרטל לויכטן, און פון ביידע זייטן, ווי אומעטיקע אונטערפירער, שטייט אַ שמש אין שוואַרצן און אַ פאַרקרימטער באַלעגאָלע מיטן בייטש־שטעקל אונטער דער פאַכווע. נאָר ר׳ שבתיל האָט דען כוח און צייט צו באַטראַכטן זיי? אַז יעדער אבר צאַפּלט אין אים: „שלום עליכם, רבי!

שלום עליכם, יידן! וואָס שטייט איר אין דרויסן? איך בין גאָר נישט ווערט אַזאַ כבוד, בין איך נישט"...

## 2.

אַריינגעפּירט אַזעלכע דערהויבענע געסט אין שטוב — דערוויסט זיך ר' שבת'יל פונעם רבינס שמש, וואָס דאָ איז געשען און פאַרוואָס דער באַלעגאָלע איז, רחמנא לצלן, אַזוי טרויעריק: מ'איז פאַרטאָג אַרויסגע־פאָרן פון אַ נאָענטער שטעטל מיט דער פור. און ווי נאָר די זון האָט גענומען אויפגיין, האָט דער "לייוונטענער", זאָל געזונט זיין, געהייסן אָפּשטעלן דאָס פערד. אַראָפּגעקראָכן, געוואַשן די הענט אין טוי אויפן גראָז און געשטעלט זיך דאַווענען, אַזוי ווי זיין שטייגער איז, ביחידות און מיט דבקות; אַ שטאָם פון אַ סאָסנע־בוים — אַנשטאָט אַן עמוד. קוקנדיק אויפן רבין און אויפן שמש, האָט דער באַלעגאָלע צוגעבונדן זיין פערדל אָן דער זייט, אַרויסגעשלעפּט פון שטרוי זיין פאַרשמאָלצע־וועטן תפילין־זעקעלע און זיך אויך געשטעלט דאַווענען.

אָבער אינמיטן דער שטילער שמונה־עשרה, בשעת אַלע דריי זענען געשטאַנען ווי געפּענטעטע, להבדיל, גראָד דעמאָלסט האָט דאָס פערד גענומען דרייען מיט די אויערן, פּירכן און רייסן זיך. און גאָר פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ ברום פון אַ חיה... דאָס פערד האָט מוראדיק אויפ־געהירזשעט. אַ ריס געטאָן דעם שוואַכן צוימל, ווילד צעטראָגן זיך, אַראָפּ פון שליאַך און אַריינגעריסן זיך,משוגענערווייז, צווישן די בוימער. איין טראַסק אָן אַ בוים — און אָפּגעשלאָגן איין האָלאָבליע. נאָך אַ טראַסק — אַ ראָד מיט דער צווייטער האָלאָבליע. און אין איין בלויזן כאָמעט און מיט אָפּגעריסענע לייצעס, וואָס שלעפּן זיך נאָך, איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די בוימער, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ הורבע ברוכוואַרג פון וואָגן־ברעטער און רעדער.

דער "לייוונטענער", זאָל געזונט זיין, האָט אָבער הס ושלום נישט מפסיק געווען. פאַרקערט, דערהערנדיק אַזאַ ברום מיט אַזאַ טאַראַראַם, האָט ער זיך, מיט נאָך מער דבקות, צעשאָקלט ביים בוים, ווי ביי אַ הויכן עמוד. עפּעס גאָר נישט ווי בשעת אַ סכנה, נאָר ווי ווען אַן עם־הארץ וואָלט, הינטער אים צו פרי אויסגעגאַנגען שמונה־עשרה און אָנגעמאַכט אַ טומל...

קוקנדיק אויפן רבין האָט ער, דער שמש, זיך אויך נישט דערוועגט

מפסיק צו זיין. ווײַבאַלד דער רבי, זאָל לעבן, האָט קיין מורא נישט, הייסט וואָס זאָל ע ר מורא האָבן ?... האָט ער פאַרקוועטשט די אויגן און צעשאָקלט זיך ווי דער „לייוונטענער" אַליין.

נאָר דער איינציקער באַלעגאָלע, אַ פּראָסטער חי־וקים, ווי ער שטייט אַזוי שמונה־עשרה, איז ער אַרויסגעלאָפן אינמיטן מיט די תפילין אויפן קאָפּ און אַ לאָז געטאָן זיך באַכיאָגן און שרייען: „אײ־אײ, דאָס פערד!" און „אײ־אײ דער וואָגן!"...

נאָר אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז שוין דער זעלבער באַלעגאָלע געקומען צו לויפן צוריק, נישט־טויט נישט־לעבעדיק. דער „לייוונטענער", זאָל געזונט זיין, האָט שוין געהאַלטן ביים אויסגיין שמונה־עשרה.

— רבי! — שרייט צו אים דער באַלעגאָלע, דער עם־הארץ — ראַטעוועט מיך! כ'האָב דורך די בוימער געזען — אַ גרויסער בער יאָגט זיך נאָך מיין פערד... רבי!

דער „לייוונטענער", האָט אים, אָבער, דעם עם־הארץ, געגעבן אַ צייכן נישט צו רעדן מיט אים ביזקל סוף דאַווגען. און רואיק, ווי ביי זיך אין קלויז, אָפּגעזאָגט אַלע נאָך־שמונה־עשרה תפילות, וואָרט ביי וואָרט. און דער באַלעגאָלע שטייט מיט טרערן אין די אויגן און שלינגט יעדעס וואָרט. ער וואַרט און קען זיך נישט דערוואַרטן...

אויסגעשפּייט צו „עלינו", אָפּגעדאַוונט — רופט זיך אָפּ דער „לייוונטענער", זכרונו לברכה:

— נישט געדאַרפט מפסיק־זיין, מיין זון!

— רבי, — וויינט דער באַלעגאָלע, — מיין פערד... מיין פרנסה! זעט וואָס פון מיין וואָגן איז געוואָרן...

האָט דער „לייוונטענער" אויף דעם גאָרנישט נישט געענטפערט, נאָר פאַר זיך געשמייכלט. צוזאַמענגעלייגט זיין טלית און געמאַכט: בים־באָם־באָם... די זון האָט אים געשיינט אין שיינעם פּנים, באַלויכטן די לייוונטענע זשופּיצע, דעם אָפּגעלייגטן חסידישן קאָלנער. נישט־רעדנדיק קיין וואָרט, האָט זיך דער רבי געלאָזן גיין מיטן שליאַך צופוס. און דער שמש און באַלעגאָלע, ווי די שטומע אונטערפירער, פון ביידע זייטן. אָפּגעגאַנגען אַ ווערסט, האָט ער, זכרונו לברכה, זיך ווידער צעשמייכלט און צוגעזעצט זיך אויף אַ פּיען אָפּצורוען. אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון גלעקל. פּיעטרוק דער גוי פון ר' שבתליס שענק איז אָנגעפאָרן מיטן וועגל און אַלע דריי, מיט גרויס כבוד, אַראָפּגעבראַכט אַהער...

— אַפּנים, — זיפצט אָפּ ר׳ שבתיל — דער פּריץ האָט נאָך דעם בער פאָרט גישט דערשאָסן...

ער זיפצט נאָר אַזוי אָפּ פון יוצא וועגן. אַלע ביינער קוועלן אין אים. מ׳זעט באַשיינפּערלעך, אַז ער האָט הנאה וואָס דער בער אין וואַלד לעבט נאָך און וואָס דורך אַ פאַרצוקטן פערדל, פון אַן אָרעמען באַלעגאָלע, האָט ער זוכה געווען צו אַזאַ גדולה, דער „לייוונטענער״ אַליין זאָל צו אים אַראָפּקומען אין שענק. באַמערקט אָבער דער רבי ר׳ שבתילס הנאה און כמורעט אָן די ליכטיקע אויגן אונטערן שמויסען־שטראַימל.

## 3.

איר קענט אַליין פאַרשטיין, ווי ר׳ שבתיל און הדסה זיין אשת־חיל האָבן אַרומגעפּאַדיעט אַרום אַזאַ געהויבענעם אורח. וואָס ס׳איז נאָר געווען אין שטוב און אין שענק האָט מען אַרויפגעטראָגן אויפן געדעקטן טיש צום אָנבייסן. פון גרויס שמחה האָבן זיי אַפילו פאַרגעסן אָן דעם באַלע־גאָלע, וועלכער איז געזעסן אין אַ ווינקעלע מיט טרערן אין די אויגן און מיטן בייטש־שטעקעלע אויף די קני, ווי איינער זאָגט: „אַרויסגעפאָרן מיט אַ גאַנצן פערד און מיט אַ נייער פור, און אַט וואָס פון דעם איז געבליבן״... פאַר אַזאַ פאַרגעסן האָבן אַפּנים דער שענקער און שענקערקע שפּעטער באַקומען זייער שטראָף, אַזוי ווי איר וועט הערן...

הדסה די שעקערקע האָט זיך אַזוי צעוואָרעמט, אַז זי האָט אַזש אַרויפגעטראָגן אויפן טיש דעם גאַנצן פאַלומעסיק מיט געפילטע פיש, וואָס זי האָט אָקאָרשט אָנגעקאָכט. נאָר דער „לייוונטענער״, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „ביין״ און האַרבל׳עך אַ זאָג געטאָן: „אָה, אָה... לכבוד שבת!״... און אַליין נישט צוגעריירט זיך צו אַלע גוטע זאַכן, וואָס מ׳האָט אים דאָ אָנגעשטעלט, נאָר באַגנוגנט זיך מיט אַ שיסעלע זויער־מיל׳ך און מיט אַ פענעצל קאָרענעם ברויט. און אויך דאָס האָט ער אַליין נישט געוואָלט עסן, נאָר אַפריער געבעטן רשות ביי ר׳ שבתיל דעם שענקער, ווי ביים באַלעבאָס פון טיש, דערנאָך צוגערופן דעם באַלעגאָלע, געהייסן אים וואַשן זיך און מאַכן המוציא. אָפּגעגעסן זויער־מילך מיט ברויט, האָט דער „לייוונטענער״ מכבד געווען דעם באַלעגאָלע מיט „רבותי, מיר וועלן בענטשן״... איר הערט אַ מעשה? נישט דעם שמש זיינעם און נישט ר׳ שבתילען, נאָר דעם באַלעגאָלע! אַלץ כדי צו טרייסטן אים...

און גיב נאָר אַ קוק! מ׳האָט נאָך נישט פּאַספּעיעט אָפּצובענטשן — ערשט פּיעטרוק לויפט ווידער אַריין, מיט אַ נייער בשורה: „כאַזשאַין!״ — שרייט פּיעטרוק און בוקט זיך. גיט מען דאָך אים אַ צייכן, ער זאָל שווייגן און וואַרטן ביז מ׳וועט אָפּבענטשן. נאָר פּיעטרוק קען זיך נישט איינהאַלטן און שיט אויס אין איין אָטעם, אַז דאָ אין נאָענטן דערפל, צוויי ווייאָרסט פון אַלעקסאַנדריע, האָט מען נאָר וואָס געכאַפּט אַ פּאַר־בלאָנדזשעטן פערד. פון וואַלד איז דאָס פערד אָנגעלאָפן, איינגאַנצן באַ־דעקט מיט שוים און מיט שטיקער קאָרע אין דער צעפּלאָנטערטער גריווע, מיט אַ כאָמעט און מיט צוויי אָפּגעריסענע לייצעס. לויט אַלע סימנים — דעם באַלעגאָלעס אַנטרונענער פערד.

דער „לייוונטענער״ מאַכט זיך ווי ער הערט נישט. בענטשט מיט כונה. און קוקנדיק אויף אים — דער שמש און ר׳ שבתיל דער שענקער. נאָר דער באַלעגאָלע קען מער נישט בענטשן. ער שפּרינגט אויף אינמיטן און פאַלט צו צום רבינס פיס אין שיך־און־זאָקן:

— מיט אייער זכות, רבי, איז מיין פערד גאַנץ! מיט אייער זכות!...

מאַכט אים דער „לייוונטענער״ אַ צייכן „נו, אָה״. ער זאָל, הייסט דאָס, אויפשטיין און לאָזן אָפּבענטשן.

פאַרטיק געוואָרן מיט ברכת המזון, זיצט אַ ווײַלע דער רבי פאַר־טראַכט, און ערשט דערנאָך ווענדעט ער זיך צום באַלעגאָלע און דאָס פנים לויכט ביי אים:

— איז דאָס פערד האָט דיר דער אויבערשטער אומגעקערט און פאַרן וואָגן וועל איך דיר באַצאָלן...

וויינט דער באַלעגאָלע:

— רבי, ווי אַזוי זאָל איך אייך אָפּדאַנקען?... מיט וואָס האָב איך דאָס פאַרדינט?״

ברוגזט זיך כלומרשט דער „לייוונטענער״ אָן:

— שאַ! ביסט מיין שליח געווען. קומט דיר על פי דין! נאָר... אינ־מיטן בענטשן האָסטו נישט געדאַרפט מפסיק זיין...

— רבי, — פאַרשעמט זיך דער באַלעגאָלע — די ביטערע פּרנסה.... כ׳בין דאָך געווען געבליבן ביים בייטש־שטעקל...

גיט דער „לייוונטענער״ אַ מאַך מיט דער האַנט:

— נו־נו, פאַרשעמען אַן אָרעמאַן איז אַ ה אַ ר ב ע ר ע עבירה....

בלייבן אַלע זיצן ביים טיש און האָבן מורא אַ ריר צו טאָן זיך. ווען מיינט דאָס דער רבי? — גיט ר׳ שבתילען דעם שענקער אַ טיאָכקע אין

האַרצן: אפשר מיינט מען דאָס אים? אפשר איז ער נישט יוצא געווען? נאָר דעם רבינס שמש לאָזט אים לאַנג נישט טראַכטן. ער מאַכט אַ צייכן מען זאָל שווייגן. דער רבי, זאָל געזונט זיין, וויל עפּעס זאָגן. ווערט שטיל אין שענק. אַ פּאַרע הערט מען נישט. און דער קול פון „לייוונטער־נעם" קלינגט אויף, ווי אַ יום־טובדיקע הפטורה:

— גרויס איז די מצוה פון הכנסת־אורחים... נאָר דער צער פון אַ יידן, וואָס בלייבט אָן פּרנסה, איז אַ העכערע זאַך... המ... המ... ווי גרויס דער פּראָסט זאָל נישט זיין, טאָר מען נישט וואַרעמען די הענט ביי אַ שריפה! יידן ברענען!... מ׳קומט דערפאַר אָפּ...

שטייט הדסה די שענקערקע ביי דער סטאָיקע מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און ר׳ שבתיל אַליין זיצט נישט־טויט נישט־לעבעדיק. שוין צ ו גרויס איז געווען זיין הגאה וואָס דער „לייוונטענער" איז אַריינגעפאַלן צו אים אין שענק. ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף קיינעם. פון גרויס פרייד געלאָזן שטיין דעם אָרעמען באַלעגאָלע אָן אַ זייט, ביז דער רבי אַליין האָט זיך דערמאָנט אָן אים און געגומען רשות צו טיילן מיט אים זיין שיסעלע זויער־מילך. וועט ער דערפאַר מוזן אָפּקומען?

נאָר קיין סך צו קלערן און תשובה צו טאָן אויף אָן אָרט לאָזט מען אים נישט. דער „לייוונטענער" רעדט ווייטער, און עפּעס גאָרנישט צו דער זאַך:

— און פאַראַן מינים היות — זאָגט ער — גייען זיי אויף צוויי פיס, ווי אַ מענטש, להבדיל,בערן, למשל. זענען דאָס פאַרלוירענע נשמות, גאָט זאָל אונדז שומר ומציל זיין. גלגולים זענען דאָס, וואָס לויטערן זיך אַ צווייטן מאָל אויף דער וועלט אין געשטאַלט פון אַ חיה. גאָרן זיי, אַזעלכע חיות, מ׳זאָל זיי מהנה זיין מיט אַ שטיקל חלה, מיט אַ טראָפּן משקה וואָס איז איבערגעבליבן פון קידוש. אַזוי זענען זיי מתקן זייער נשמה...

פאַרטראַכט זיך דער רבי אַ ווײַלע, און אַלע זיצן אין אימה און וואַרטן וואָס דער רבי וועט ווייטער זאָגן.

כאַפּט זיך פלוצלונג אויף דער „לייוונטענער" און גיט זיך אַ ווענד צו ר׳ שבתיל דעם שענקער, קוקט אים אָן זייער שאַרף און רעדט צו אים, ווי ער וואָלט אים געוואָרנט:

— דרך־ארץ, ר׳ שענקער! דרך־ארץ פאַר אַ בער!

— רביניו, — בלייבט ר׳ שבתיל אַ פאַרציטערטער — וואָס מיינט איר דערמיט?... וואָס דאַרף איך טאָן?

נאָר דער „לייוונטענער" ענטפערט נישט מער. נישט געוועזן זיין שטייגער צו רעדן אַ סך, מאַכן פּירושים. ער שטייט אויף פון טיש, וויב־טשעוועט די באַלעבאַטים פון שענק אַ כשרן שבת, גיט אַ קוש די מזוזה און לאָזט זיך גיין אינדרויסן.

אין הויף שטייט שוין געשפּאַנט ר׳ שבתילס פורל מיטן באַלעגאַלעס אַנטרונענעם פערדל, וועלכן מ׳האָט אָפּגעבראַכט פון נאָענטן דאָרף. ביז קאָפּוסט האָט ר׳ שבתיל אויסגעבאָרגט זיין פור, ווהין דער „לייוונטנער" פאָרט צו זיינע קרובים, די שניאורסאָנס, האַלטן שבת. שטייט אַזוי ר׳ שבתיל ביים אַרויסבאַגלייטן דעם רבין און ווייסט נישט צי האָט ער יוצא געווען פאַר זיינע געסט, צי נישט? צי האָט אים דאָס דער „לייוונ־טענער" געבענטשט, צי חס־וחלילה געשאָלטן? אפשר ביידע זאַכן צוזאַ־מען. נאָר איין זאַך ווייסט ער אויף געוויס, אַז מ׳האָט אים געוואָרנט פאַר אַ בער...

און דאָ ענדיקט זיך דער אַריינפאָר צו דער מעשה. און די אמתע מעשה הויבט זיך ערשטן אָן.

# בערישע קונצן

## 1.

געווען אַריבער אַ פּאָר חדשים זינט דער „לייוונטענער" רבי האָט באַזוכט ר׳ שבתליס שענק. ס׳ווערט ימים־נוראימדיק און ס׳קומט אָן די צייט איינצוצאָלן הכּירה־געלט דעם פּריץ. רייכט זיך אָפּ ר׳ שבתיל פון דער גמרא, טוט אָן די שבתדיקע זשופּיצע און איבער דער זשופּיצע — אַ פּראָסטע כאַלמידע, דער אַטלעסנער בגד זאָל נישט פאַרשטויבט ווערן אונטערוועגנס. הדסה זיין ווייב פאַרנייט אים אין אַ לייוונטענעם זעקעלע די אַפּותיקו, טוט אָן ר׳ שבתיל דאָס לייוונטענע טאָרבעלע אויפן האַלדז אונטערן העמד, לאָזט אַראָפּ די שפּיצן פון ברייטן חסידישן קראַגן, גאַרטלט זיך אונטער און זעצט זיך אַריין אין פּיעטרוקס אויסגעבעטן וואָגן.

פאָרט ער אַזוי דורכן וואַלד אויף אָרשע. ס׳איז שוין אַפילו סוף זומער, נאָר דער וואַלד איז אַ וואַלד. די סאָסנעס שמעקן מחיהדיק. אַ גאַנצן זומער קוקט דאָך ר׳ שבתיל נישט אָן די ליכטיקע וועלט. טשוכעט ער זיך אַציגנד אויס. און אַלץ וואָס ער זעט איז אים אַ חידוש. שטייט אַן אַלטע יאָדלע, וווּנדערט זיך ר׳ שבתיל ווי זי וואַקסט. אָט פון דעם מאַכט מען דאָס פּאָמיעלעס? פרעגט ער ביי פּיעטרוקן. „פון דעם כאַ־זשאַין!" שאָקלט צו פּיעטרוק. און ר׳ שבתיל דאַנקט דעם אויבערשטן וואָס ער האָט באַשאַפן אַזעלכע פאַרטיקע גרינע בעזימער. פּשוט משיחס צייטן! און ווי, אַ שטייגער, וואָלטן דאָס יידישע באַלעבאָסטעס אויסגע־קערט די אָנגעהייצטע אויוונס אויף באַקן חלות, ווען נישט אַזעלכע פּאָמיעלע־בוימער? דערזעט ער אַ וועווערקע שפּרינגט, פרעגט ער ביי פּיעטרוקן: וואָס דאָס איז פאַר אַ מין חיה אַזאַ? זי בייסט זיך? „ניין, ניין! — מאַכט פּיעטרוק — ס׳איז אַ פייגעלע, אַ גאָטס באַשעפעניש. קנאַקט ניסלעך בעסער ווי אַ מענטש!"... ווערט ר׳ שבתיל ווייטער נתפּעל. פאָרט מען אַריין אין די אָפּגעפאַלענע געלבע בלעטער פון בעריאָזעס.

פּאַדיעט דאַרטן אַרום עפּעס אַ גרויסע פּעטע מויז מיט שטעכיקע האָר ווי אויף אַ קיילעכדיקן לאָמפּ־בערשטל. דערהערט דאָס גלעקל פון פור קנוילט זיך די חיה צוזאַמען. דערשרעקט זיך ר׳ שבתיל: זע, זע פּיעט־רוק! און וואָס איז דאָס? „דאָס, כאַזשאַין, איז אַ יאָזש!״ (אַ שטעך־חזירל) אַ־אַ... וואָס? דערשרעקט זיך ר׳ שבתיל נאָך מער, אַ יאָזש איז דאָך אַ מוראדיקע חיה...

אַז אַ „יאָזש״ איז אַ מסוכנדיקע חיה ווייסט ר׳ שבתיל פונעם קאַפּוס־טער מגיד, וועלכן ער האָט נישט איינמאָל געהערט דרשהנען ימים־נוראים־צייט. דער קאַפּוסטער מגיד האָט אַלעמאָל אַ משל אַקעגן יצר־הרע, אַלעמאָל דעם זעלבן משל. אַמאָל, מאַכט דער קאַפּוסטער מגיד, איז געווען אַ גרויסער מלך. האָט דער מלך צוזאַמענגענומען אַלע זיינע יעגער, אַלע זיינע הינט. אַלע ביקסן און האַרמאַטן און פּיסטאָלן און פּיסטאָלעט־לעך און אַרויסגעלאָזן זיך אין פינצטערן וואַלד, כדי צו שיסן — אַ „יאָזש״...

אָבער פּיעטרוק, דער שענק־גוי, לאַכט גאָר פון דער דאָזיקער חיה. חוזק־חזקות מאַכט ער פון ר׳ שבתילס שרעק. ער שטעלט אַפילו אָפּ דעם וואָגן און קיצלט דעם צוזאַמענגעקנוילטן „יאָזש״ מיטן בייטש־שטעקל. „אַ טינוף אַ חיה!״ אַזוי באַרויקט ער ר׳ שבתילען. שטעכט זיך נאָר אַ ביסל און איז פול מיט פליי... נאָר ציגיינער עסן אַזאַ מיאוסקייט. לייגן אים אַרום מיט פייכטן ליים און בראָטן אים אויפן פייער, די ניע־כריסטן, טפו!״

צעשמייכלט זיך ר׳ שבתיל אין זיין באָרד אַריין און אויפן האַרצן ווערט אים פריילעכער: מילא, איז דער קאַפּוסטער מגיד נישט אַזוי באַהאַוונט אינעם ענין פון וואַלד־חיות... אבי דער משל מיטן יצר־הרע קומט ביי אים גוט אַרויס. אַזוי ווי דער גרויסער מלך האָט צוזאַמענגענומען אַלע יעגערס און ביקסן און האַרמאַטן און פּיסטאָלן און פּיסטאָלעטלעך, כדי צו שיסן דעם יאָזש, אַזוי זאָלן די מאַנסבילן מיט זייערע תפילות און די ווייבער מיט זייערע תחינות צוזאַמענגעמען זיך און דערשיסן דעם יצר־הרע... אַן אַנטיק אין דער וועלט! אַצינד איז דאָך טאַקע ימים־נוראים־צייט, וואָלט אַ סך גלייכער געווען, ער, ר׳ שבתיל, זאָל בלייבן זיצן ביי דער גמרא, איידער פאָרן איבער וועלדער און צוקוקן ווי אַ „יאָזש״ באַברעט זיך אין פוילע בלעטער. נאָר וואָס זאָל ער טאָן, אַז גראָד אין דער זעלבער צייט קומט אַלעמאָל אויס צו צאָלן פּאַכטע. דער פּריץ איז אַצינד אויף זיין אימעניע, אַלע תבואות קומען אַריין אין די

שפּייכלערס. גיט ער אומעטום אַכטונג דער פּריץ. נעמט צו, צאָלט אויס. נישט ווי די הײַנטיקע פּריצים, וואָס הולטאַיעווען אַ גאַנצינקן יאָר אין פּייטערבאַרג...

פּאָרט אַזוי אָפּ ר׳ שבתיל אַ פּאָר וויאָרסט און שעפּט נחת נישט ווילנדיק. ווייל זיך אַרײַנטאָן אין פרומע מחשבות און די עולם־הזה קריכט, אַזוי צו זאָגן, פון אַלע שפּאַרונקעס. ער וויל טראַכטן פון תשובה טאָן, פון לערנען אַן איבעריקן בלאַט גמרא, און עס שטעלט זיך אים גאָר פאָר, ווי ער וועט דאָס אָפּצאָלן פּאַכטע ביים פּריץ אין קאַנטאָר. ווי ער וועט שטעלן בראָנפן דעם פּריצס משרתים, ווי ער וועט איבערנעכטיקן אין אָרשע, און מאָרגן באָכן דאַוונען אײַנהאַנדלען וואָס מען דאַרף אויף די ימים־טובים. שיכעלעך די קינדער און הדסהן אַ זײַדן טיכל מיט טערקישע קווייטן. שוין לאַנג, אַז זי בעט ביי אים אַזאַ טיכל...

.2

נאָר עפּעס גאָר פּלוצים אינמיטן אַזעלכע מחשבות: טרראַך! דאָס פורל טוט זיך אַ זעץ אָן אַ גרויסן שטרויכל אינמיטן שליאַך, צעהאַצקעט זיך און בויגט זיך אָן אויף אַ זייט. זידלט זיך פּיעטרוק אויס, אויפן גויאישקן שטייגער, אין דער מאַמען אַריין און אין דער מאַמעס־מאַמען אַריין און קוקט אַראָפּ פון קעלניע. דערזעט ער, אַז איין הינטערשטע ראָד האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון אַקס. דער פאַרדיעגעכצטער אייזערנער שפּונט איז ערגעץ־ווו אַרויסגעשפּרונגען... ער קוקט זיך אום, אָן וואָס דער וואָגן האָט זיך אַזוי געקענט אָפּקלאַפּן און בלייבט זיצן מיט אַן אָפענעם מויל.

— וואָס איז געשען? — פרעגט ר׳ שבתיל.

און פּיעטרוק קראַצט זיך אין פּאַטילניצע און דברט:

— דער „פּיען״, טריאַסצאַ יעהאָ מאַטערי! יענער דער זעלבער פּיען, אויף וועלכן כ׳האָב געפונען זיצן דעם לייוונטענעם ראַבין דייגעם!...

בלייבט ר׳ שבתיל זיצן אין וואָגן אַ דערשטוינטער. אַ פרעסטל גייט אים דורכן רוקן דורך. ער גלויבט נישט די אייגענע אויערן זיינע. און פּיעטרוק איז זיך דערווײַלע־וואָס מטריח, קריכט אַראָפּ און זוכט דעם אייזערנעם שפּונט. ער געפינט אים ביים סאַמע פּיען, אָן וועלכן מ׳האָט זיך אָקאָרשט אָנגעקלאַפּט. בורטשענדיק טוט ער אָן דאָס ראָד, פאַר־שטאָפּט די לאָך אין אַקס און לאָזט זיך ווייטער פאָרן. מען פאָרט אָבער

נישט אָפּ קיין צוויי מינוט ערשט — האָפּ! אַ נייע צרה. דער שווערער כאָמעט אויפֿן פערדס האַלדז עפֿנט זיך אויף און די דוהע מיטן גלעקל מיט ביידע האָלאָבליעס שטעלן זיך דיבאָם. צעזידלט זיך ווייטער פּיעטרוק. לאָזט אויס דעם פֿויערישן כעס צום פערדס קאָפּ: „קאָליב טאַביאַ פּראַנצי!" און „קאָליב טאַביאַ וואָווקי זאַיעלי!..." *) נאָר וואָס איז דאָס פערד שולדיק? שטייט ע ר, נעבעך, אַ פאַרפּלאָנטערטער און פּירכעט, ווי מען וואָלט אים געוועזן מכבד־זיין מיט שמעק־טאַבאַק. איז זיך פּיעטרוק מיט זיין אייגענעם כבוד ווידער אַמאָל מטריח, ער קריכט אַראָפּ פון וואָגן און טאַפּט אַרום דעם אויפגעעפנטן כאָמעט. דערזעט ער, אַז די אייזערנע שרויף אין פאַרשלאָס איז נישטאָ. אַרויסגעשפּרונגען ערגעץ־ווו. הויבט ער זי אָן צו זוכן אויפן שליאַך. נישטאָ. גיי זוך אַ נאָדל, הייסט דאָס, אין שטרוי! ווערט שוין ר' שבתיל אומגעדולדיק: „וואָס, פּיעטרוק, מיר פאָרן צום פריץ אין הויפל, צי מיר פאָרן נישט?... אינדערהיים גע־דאַרפט אַרומזען זיך!"... בורטשעט פּיעטרוק פון עפּעס אַ „ניעטשיסטיאַ־סילאַ" אין וואַלד. גיט אַ מאַך מיט דער פאַרדיעגאַכצעטער לאַפּע אויף דער פאַרלוירענער שרויף און נעמט זיך בינדן דעם כאָמעט מיט אַ שטריקל. ער פאַרבינדט ווי־נישט־איז, פּלאָנטערט אויף דעם געשפּאַן און דרייט מיטן קאָפּ. וואָס פאַר אַ צורה האָט אַ כאָמעט וואָס איז אַזוי פאַרבונדן, מעשה פאַרטאַטש? און ווי לאַנג וועט דאָס האַלטן? און דאָ איז נאָך דער „כאַזשאַין" חושד, אַז ס'איז ז י י ן שולד... פאַר גרויס פאַרדרוס גיט זיך פּיעטרוק אַ שטעל־אויף אין וואָגן, צעפּאָכעט זיך מיט דער בייטש איבערן פערדס רוקן און גיט מיט כוח אַ צי ביידע לייצעס. דאָס פערד גיט זיך אַ ריס פון אָרט. אָבער מיט אים צוזאַמען רייסט זיך איבער אַ לייצע. דאָס פערד גיט נישט־ווילנדיק אַ טראָג אָן אַ זייט און פאָרט אַריין ביז איבער דער דוהע צווישן צוויי סאָסנעס. נישט אַהער נישט אַהין.

לאָזן זיך ביי פּיעטרוקן אָפּ ביידע פויערשע הענט. „ביע ק'דאָברו העטאָ!" (נישט צום גוטן איז דאָס) שאָקלט ער מיטן קודלאַטן קאָפּ און דרייט זיך אויס צום באַלעבאָס, כדי צו הערן וואָס ער וועט דערצו זאָגן. דערזעט ער, אַז יענער זיצט גאָר מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און קוקט, ווי אַ באַנומענער, אין די ביימער אַריין, איבערן פערדס קאָפּ.

---

*) פּראַנצן זאָלסטו האָבן, וועלף זאָלן דיך אויפפרעסן!

— טשהאָ? — דערשרעקט זיך פּיעטרוק — וואָס קוקסטו אַזוי, כאַזשאַין?

— אָט דאָרטן! — שטאַמלט ר׳ שבתיל — עפּעס אַ ווייסע זאַך! דער „לייוונטענער” שטייט דאָרטן...

צלמט זיך פּיעטרוק איבער און כאַפּט אַ קוק.

— ס׳איז נישט דער לייוונטענער, כאַזשאַין! — מאַכט ער — ס׳האָט זיך דיר אויסגעדוכט. אַ בעריאָזקעלע איז דאָס אַ ווייסינקע. פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער צווישן די סאָסנעס — גאָטס בוימעלע...

— ביסט גערעכט, — זיפצט ר׳ שבתיל אָפּ — אַצינד זע איך אויך. ס׳איז טאַקע אַ בעריאָזקעלע איז דאָס... פּאַר, פּאַר!

קראַצט זיך פּיעטרוק אין פּאַטילביצע:

— זעסט דאָך ווי דער שלימזל דער געפּאַדקאָוועטער איז פֿאַרקראָכן. אַ האַלבע שעה וועט איצט געדויערן אויסשפּאַנען און איינשאַפּנען... ווילסטו טאַקע פּאָרן?

שווייגט ר׳ שבתיל און טוליעט זיך אין זיין „דעליע”. עפּעס ווי אַ קעלט וואָלט אים דורכגענומען. רעדט צו אים פּיעטרוק אַזוי:

— פֿאָלגט מיך, „כאַזשאַין”, לאָמיר זיך בעסער אומקערן. וועסט מאָרגן באַצאָלן דעם פּריץ...

וווּנדערט זיך פּיעטרוק. ר׳ שבתיל זיין באַלעבאָס — נישט נאָר ער שרייט אויף אים נישט אָן פֿאַראַ אַזאַ עצה, נאָר ער קריכט אַליין אַרויס פֿון וואָגן, וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ די וואַרעמע „דעליע” און בלייבט שטיין אין דער אַטלאַסענער זשופּיצע, און גיט אַ טאַפּ די טאָרבעלע מיטן געלט אויפֿן האַרצן.

— נאַ, — מאַכט ער נאָך אַ ווײַלע טראַכטן — אָן מיר וועט דיר גרינגער זיין אויסצוקערעווען, און מיר וועט אָן דער דעליע גרינגער זיין צו גיין. די פּאָר ווערסט צוריק אַהיים וועל איך שוין בעסער גיין צופֿוס. וועסט פֿאַרטיק ווערן מיטן שפּאַן, וועסטו אונטערפֿאָרן און מיך נעמען. דאָברע?

— דאָברע, — מאַכט פּיעטרוק — גיי געזונטערהייט, כאַזשאַין! גלייכער אַזוי.

### 3.

הויבט אויף ר׳ שבתיל זיינע פּיס אונטער דער שבתדיקער זשופּיצע און לאָזט זיך גיין מיטן שליאַך אויף צוריק אַהיים. ער שפּרייזט אַזוי

און טראַכט, ווי אַזוי האָט ער געקענט אַזאַ טעות האָבן? ער געדענקט דאָך גאַנץ קלאָר, ווי צוויי בלאַסע הענט אין ברייטע לייוונטענע אַרבל האָבן זיך אויסגעשטרעקט דעם פאַרלאָפענעם פערד אַנטקעגן. און פּלוצלונג איז גאָר דערפון געוואָרן אַ בעריאָזקע. אַן איין איינציקע בעריאָזקע צווישן געדיכטע סאָסנעס. אַ זעלטענע זאַך!...

גייט ער אַזוי אָפּ אַ ווערסט, אַנדערהאַלבן ווערסט, און קוקט זיך אַ פּאָר מאָל אום. אפשר פאָרט שוין אונטער פּיעטרוק מיטן פאַרריכטן געשפּאַן און נעמט אים אין וואָגן אַריין? פּיעטרוק פאָרט נישט. „וואָס קאָפּטשעט ער זיך דאָס, דער ערל, אַזוי לאַנג? — ווונדערט זיך ר׳ שבתיל. אפשר גאָר שטעלן זיך דאַוונען מנחה? בינו־לבינו וועט ער אָנפאָרן...״ נאָר קיין געדולד איז נישטאָ. אַן אומרואיקייט טאָרעט ר׳ שבתילען. ער קען זיך נישט דערוואַרטן. ער וויל וואָס גיכער זיין אינדערהיים. שפּרייזט ער און ווונדערט זיך אַליין אויפן כוח פון גיין אין זיינע פיס. ער איז גאָרנישט געוווינט דערצו. ווי קומט אַ לערנער צו גיין אַזוי ווייט? און דאָ — נישט נאָר צוריק אויף אַלעקסאַנדריע, ביז קאָפּוסט וואָלט ער אַוועק אין איין אָטעם. אַן אימפּעט טראָגט אים.

און קיין גאַנצע שעה גייט נישט אַריבער און ר׳ שבתיל קומט אָן צוריק אַהיים. נישט מער ווי דריי ווערסט האָט פּיעטרוק פּאָספּעיעט אָפּצופאָרן.

דערזעט אים הדסה דורכן פענצטערל פון שענק און לויפט אַרויס נישט־טויט נישט־לעבעדיק. פאַרשיט אים מיט שאלות. אַ יידענע!

— שבתיל! גאָט איז מיט דיר? וואָס האָט פּאַסירט? דאָס געלט איז גאַנץ? און וווּ איז פּיעטרוק?

דערציילט איר ר׳ שבתיל די גאַנצע מעשה. ווי דריי מאָל האָט זיך דער וואָגן געמוזט אָפּשטעלן. לסוף האָט זיך אים דער „לייוונטענער״ מתדמה געווען צווישן די ביימער. כ׳זאָג דיר, פאַרענדיקט ר׳ שבתיל, דאָס האַרץ קלאַפּט מיר נאָך אַצינד״...

— און איך און די קינדער — רופט זיך אָפּ הדסה — האָבן דאָ אויך געהאַט אַ שרעק... וואָס זאָגסטו עפּעס!

— דו אויך?

— אַ בער מיט אַ ציגיינער זענען דאָ געווען. געבעטן זיך נעכטיקן...

— נו?

— נו־נו! האָבן זיך די קינדער איבערגעשראָקן. קולי־קולות געמאַכט.

ווערט ר׳ שבתיל אומרואיק:

— וואָ־זשע זענען זיי, דער ציגיינער מיטן בער, הייסט דאָס?

— גאָט צו דאַנקען אַוועק. פטור געוואָרן. כ׳האָב פאַרריגלט די טיר און געבעטן אַוועקגיין.

שפּרינגט אויף ר׳ שבתיל. באָרד און פּיאות טרייסלען זיך אים:

— יידענע! — שרייט ער — אַ מאָדנע אשה וואָס דו ביסט. האָסט שוין פאַרגעסן וואָס דער „לייוונטענער״, זאָל לעבן, האָט אונדז אָנגעזאָגט? „דרך־ארץ פאַר אַ בער!״... ווי קענסטו אָפּטאָן אַזאַ זאַך?

— אָי וויי מיר נישט געשען! — גיט הדסה אַ פּאַטש מיט ביידע הענט — ס׳איז מיר גאָר פון קאָפּ אַרויס...

— וווהין זענען זיי אַוועק? — קאָכט זיך ר׳ שבתיל — ווייז, ווייז! אין וועלכער זייט?

שטאַמלט הדסה אַ דערשראָקענע:

— אויף... אויף קאַפּוסט, דאַכט זיך. איינגאַנצן אַ פערטל שעה, אַז זיי זענען אַוועק... מיט דער פור וואָלט מען זיי נאָך געקענט אָניאָגן.

נאָר ר׳ שבתיל חסיד וואָרט נישט ביז פּיעטרוק וועט אָנפאָרן. מיד און פאַרשוויצט, ווי ער איז, לאָזט ער זיך לויפן מיטן שליאַך אויף קאַפּוסט. דעם רבינס וואָרט איז אים טייערער ווי זיינע פיס און זיין אַטלאַסענע זשופּיצע. ער קוקט אַפילו נישט, וואָס אין וואַלד הויבט אָן טונקעלער צו ווערן. אָן אַנדערש מאָל, פאַרנאַכט, וואָלט ער זיך דערוועגט צען קלאַפּטער אַפּצוגיין פון שטוב. נאָר דאָ טראָגט אים די התלהבות. ער האָט פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט. אָי וואָס, ער וועט דאָך פאַרשפּעטיקן מנחה? וועט ער צו מעריב שטיין צוויי שמונה־עשרהס. נישט אומזיסט, הייסט דאָס, האָט זיך דאָס ראָד אַראָפּגעגליטשט, דער כאָמעט אויפגעבונדן זיך, די לייצע געריסן זיך, און גראָד אויף יענעם אָרט, וווּ פּיעטרוק האָט אַמאָל געפונען דעם „לייוונטענעם״ אויף אַ פּיען. אַצינד ווייסט ער, ר׳ שבתיל, אַז די בעריאָזקע איז טאַקע קיין בעריאָזקע נישט געווען. ניין, ניין! ס׳האָט זיך אים נ י ש ט אויסגעדוכט. ער האָט בעסער געזען ווי דער ערל. דער רבי, זאָל לעבן, אַליין האָט דאָס אים אָנגעוויזן ער זאָל זיך אומקערן צוריק, מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים. מתקן זיין די נשמה פון אַ זינדיקן, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין אַ בער, מיט אַ סקאָרינקע פון שבתדיקע חלה, מיט שיריים פון שבתדיקן קידוש־בראָנפן.

## .4

אין יענער צייט, דאַרפט איר וויסן, זענען וואַנדער־בערן נישט געווען קיין זעלטענע זאַך. אין אונדזערע מקומות פלעגן זיי אַרומפירן אַלטע ציגיינער אויף אַ קייט. איין עק פון קייט איז געווען צוגעשמידט צום אייזערנעם רינג אויפן בערס העלדזעלע, דער צווייטער עק — צו אַ שטאַרקן דעמבענעם פלאָקן מיט אַן אייזערנעם שפּיץ. טאָמער ווערט רבי בער אַ ביסל ווילד, זאָל זיין אַ שפּיז אונטער דער האַנט צו לערנען אים דרך־ארץ, דערמאָנען אים, אַז ער איז צוגעשמידט... אויסער דעם האָט נאָך דער ציגיינער געהאַט ביי זיך אַ פּייקל מיט באָם־טשיק־טשאַקלעך, צוגעבונדן צום גאַרטל, אָן אַ זייט, ווי די טאָרבע ביי סאָלדאַטן. געקומען צו אַ וואַלד, פלעגט דער ציגיינער נעמען באַראַבאַנעווען אין פּייקל אויף וואָס די וועלט שטייט, כדי צו פאַרהאַקן דעם בער אַ קאָפּ, וואָרים ווי נאָר רבי בער דערשמעקט דעם פרישן ריח פון וואַלד, דעם גערוך פון שוועמ־לעך און סאָסנע־פּעך, — מעג דער בער זיין צוגעווויינט צו זיין פירער וויפל יאָר ער וויל — העלפט דאָס נישט. ער ווערט בייז און צערייצט. ער הויבט אָן גלייך קרימען מיט דער ווייכער נאָז, ווי פון חלשות־טראָפּנס. ער דערפילט באַלד דעם בערישן כוח זיינעם אין די קרומע לאַפּעס און די נישטיקייט פון דעם מענטשל וואָס פירט אים אויף אַ קייט. אַ זלידנער פייערל צינדט זיך אים אָן אין די אויגעלעך. גיט ער זיך אַ ריס מיט קייט און פלאָקן און אַ וואָרף אַנידער דעם „וואָזשאַטי״ (פירער). לאָזט זיך דער פירער, בשעת דער בער ווערט אַזוי צעלאָזן, איז אַזוי וווּיל צו אים. אלא וואָס דען — נישט? ער שטעלט זיך אָקעגן? ער יאָגט זיך נאָך און כאַפּט אָן זיין בער פאַר דער קייט? — דאַמאָלסט איז זיין לעבן אַ שאָלעכץ פון אַ ציבעלע נישט ווערט. וואָרים רבי בער איז דאַמאָלסט קאַפּאָבעל צערייסן איין אייגענעם באַלעבאָס אויף שטיק־שטיקלעך. שוין געטראָפן אַזעלכע מעשות, ווו מ'האָט דעם „וואָזשאַטי״ געפונען אַ צע־טרייבערטן אונטער אַ בוים, און אויבן א ו י פ ן בוים זיצט זיך רבי בער מיטן צוגעשמידטן פלאָקן אויפן האַלדז. ער גריזשעט זיין קייט מיט רוגזה און כאַפּט אַלע ווײַלע אַ קוק אַראָפּ מיט רוצחישע אויגעלעך אויפן פּגר פון זיין געוועזענעם האַר. ער קרימט דערביי מיט דער חזירשער נאָז, לצעוועט דאַכט זיך: „נו, וואָס? ווערסט זיך ווייטער טשעפּען מיט אַ בער?״...

ס'האָט אָבער אויך געטראָפן, אַז נאָכן אַפּטאָן אַזאַ שטיקעלע אַרבעט,

האָט זיך ר׳ בער אויסגעטשוכעט, ווי פון אַ שיכרות, און געבליבן זיצן ביים פגר אַן אומעטיקער, אַ פאַרזינדיקטער, און די בערישע שקורע ציטערט אויף אים. אַזוי האָט ער געוואַרט ביז מענטשן זענען אָנגעלאָפן און זיך אָפגערעכנט מיט אים...

די „וואָזשאַטעס" האָבן דאָס אַלץ גוט געוווּסט. און דעריבער, ווי נאָר געקומען צו אַ וואַלד — איז פאָדאַוואַי פויקן, באַראַבאַנעווען, כדי דער בער זאָל מיינען, אַז ער געפינט זיך גאָר נאָענט צו אַ ישוב. און אָט־אַ באַלד וועלן אָנלויפן יינגלעך און מיידלעך, באָבעס און זיידעס וועלן זיך אַרומשטעלן און צוקוקן ווי ער טאַנצט.

אַרויס פון וואַלד — איז ווידער פאַררוקט דעם פויק־פּלעקל אין גאַרטל און גענומען רעדן מיטן בער אויף גאָר אַן אַנדער לשון: קריך, דו קרום־לאַפּניק דו! אָט אַזוי זאָלסטו מיר גיין, דו חזיר־שנויץ דו! און אַזוי זאָלסטו מיר שטיין! וואָרים אַז נישט קריגסטו באַלד מיטן שפּיז אין זייט אַריין... אָט!

אָנגעקומען אין אַ דאָרף ביים קלויסטערל, אָדער אין אַ יידיש שטעטל אויפן מאַרק — איז ערשט, מיט גאָר אַ נייער פרישקייט, געהאַקט אין פּייקל אַריין. די מעשענע באָם־טשיק־טשאַקלעך צעצימבלען זיך און דער אָנגעלויף וואַקסט: „קוקט, קוקט! אַ ציגיינער מיט אַ בער זענען גע־קומען!"

און רבי בער אַליין איז זיך טאַקע מטריח און שטעלט זיך אויף די הינטערשטע לאַפּעס, גייט אום ווי אַ מענטש, להבדיל, מיט די צען פאָדערשטע נעגל האַלט ער אַ טאַץ אַרומגענומען און דרייט זיך אַרום ווי אַ סאַרוועד אויף אַ חתונה.

שטעלט אָפּ דער „וואָזשאַטי" זיין צימבל און רעדט צום אָנגעלאָפּע־נעם עולם מיט זיין ציגיינערישן חתוך־הדבור:

— יענאַ הורעלקאַ כאָטשיטש! („זי" וויל אַ טרונק בראָנפן).

שטעלט מען אַוועק דעם בער אויפן טאַץ אַ פּלעשעלע משקה. לאָזט ער פּאַוואָליע אַראָפּ די טאַץ, נעמט אָן די כלי אין די נעגלדיקע לאַפּעס, שטעלט זיך צוריק אויף „צוויי", פאַרוואַרפט דעם קאָפּ און גיסט אַריין ווי גאָר אַ געניטער פּיאַניצע.

כדי אַ טראָפּן זאָל נישט אַרויסרינען פון גרויסן מויל, פאַררוקט ער דאָס העלדזל פון בוטל טיף אין דער בערישער גרגרת אַריין און מאַכט בול־בול־בול. מ׳זאָל פאַרמאַכן די אויגן וואָלט מען געקענט מיינען: אַ גוי

אַ בעל־גוף לאָזט זיך ווילגיין אויפן יאַריד, ווו ער האָט אָקאָרשט פאַר־האַנדלט, פאַר מזומן, זיין גאַנצן קאָרן...

אַריינגעגאָסן אַזאַ „כוסה", באַלעקט זיך רבי בער מיט זיין שוואַרצער צונג, ווי נאָך אַ צימעס פון שוואַרצע יאַגדעס. ער הויבט אויף די טאַץ און וויל ווייטער בעטלען אַ ביסל משקה, שרייט אָבער אויף אים דער „וואָזשאַטי" אויף זיין פּאַניש־ציגיינערישן לשון, מיט רוגזה כלומרשט און מיט שטראָם־גראָם:

— געַנוג דו פּיאַניצע־פּוסטאָפּאַסניק! זויערער קוואַסניק! זאָג אַ דאַנק, דו דיקער, לאַכמאַטער פרעסער און שיכור!

## 5.

קאַטשעט זיך דער עולם אַרום און אַרום פאַר געלעכטער. און רבי בער שטעלט זיך אויף ווי גרויס ער איז, פאַרלייגט די פאָדערשטע לאַפּעס אויף דער האָריקער ברוסט, דעם גרויסן קאָפּ מיט די אָפּגעקנייפּטע אויערן פאַרוואַרפט ער אָן אַ זייט, ווי דער תם אין דער הגדה. אַזוי בויטשעט ער אים אויף אַלע זייטן. „ער דאַנקט", ווערט דאָס אָנגערופן!... דערנאָך ערשט נעמט ער זיך ווייזן זיינע אמתע קונצן.

אָן בייכער פלעגט מען בלייבן הערנדיק ווי דער וואָזשאַטי קנעלט מיט אים אויף זיין צוקאַליעטשעטן לשון.

— פּאָקאַזש־נאָ יאַק סטאַרי באַבי, כוואָרי באַבי ויעדרי וואָדי נאָשי! עס הייסט: באַווייז אָקאָרשט, ווי אַן אַלטע באָבעצע, אַ קראַנקע באָ־בעצע, טראָגט וואַסער אין עמערס. — ער זינגט דאָס אויס משונהדיק ווילד, דער אַלטער ציגיינער, מיט אַ קול פון הייזעריקע „יעלות" און צעציקלט זיך ביים סוף געזאַנגעלע מיט גרויס כונה: „נאָ—אָ—אָ—שי!"

גיט דער בער אַ נעם דעם שפּיציקן פלאָקן פון קייט און פאַרוואַרפט אים קרום איבער דער בערישער פּלייצע, ווי אַ קאָראָמיסעל. מיט ביידע פאָדערשטע לאַפּעס אָנגעכאַפּט פאַרביידע עקן גייט ער איינגעבויגן אין דרייען. טיאָפּ טיאָפּ אויף די נעגלדיקע פּיס, און בורטשעט און קרעכצט. טאַקע אַן אַלטע באָבעצע מיט צוויי פולע עמערס. אַ טריאַטער!

כדי אונטערצוגעבן אים מער חשק גייט אים דער „וואָזשאַטי" נאָך טראָטביי טראָט מיטן פויק־פּלעקל און צימבלט צו: „איזדינק! איזדינק! זדינק־זדינק־דינק!" אַזעלכע מיני טענער גיט אַרויס דער ציגיינערישער פּייקל. און עס הערט זיך אין זיי די סומנעקייט פון וואַלד. די הילכיקייט

פון פעלד, דער הור־האַ פון אַ ציגיינערישן טאַבאָר... האָרכט דער בער און האָט קיין העזה־נישט נישט צו פאָלגן.

— פּאָקאַזש־נאַ! — ציקלט זיך ווייטער דער וואַזשאַטי מיט זיינע האַרטע „למדן" און מיט זיין שיטערינקן געזאַנגעלע — פּאָקאַזש־נאַ יאַק פּיאַני זאָלדאַט, דראַני זאָלדאַט וואַ גראַז וואָלאָאיטסאַ!

ס'הייסט: באַווייז אָקאָרשט ווי אַ סאָלדאַט אַ שיכורער, אַ סאָלדאַט אַ געמיינער — אין בלאָטע וואַלגערט זיך.

אויסגעזונגען מיט אַ באַגרעבעניש־ניגון און דער פייקל צעפּייקלט זיך, ווי אַן אָנגעשפּאָלטענע בלעכערנע כלי:

— איזדינק־איזדינק־זדינק־דינק!

מאַכט זיך רבי בער, אַז עס שווינדלט אים נעבעך און די נשמה קערט אים אויס. ער גייט און שקאָלט זיך, אָט־אָ פאַלט ער, דאַכט זיך, און — דערפאַלט נישט. שלעפּט די פיס און פלאָנטערט לאַפּע אָן לאַפּע. בויטשעט מיטן קאָפּ. צעשאָקלט זיך, כלומרשט, ביי אַ קאַנאַווע און וויל זי אַריבערשפּרונגען. און מיט אַ מאָל — בום! אַ בוכצע זיך געטאָן אין קאַנאַווע, ליגט אויסגעשפּרייט מיט „הענט און פיס" און כראָפּעט. אַ שכור! זאָל עס פעלן אַ האָר!

נו, יעדער קונץ האָט רבי בער געמוזט פאַרבייסן מיט אַ טענצל. איר האָט דאָך מסתמא געהערט זאָגן „בערישער חן"? איז אָט, אין די דאָזיקע טענצלעך איז געלעגן דער אמתער „בערישער חן". דאָס שאַרן מיט די קרומע לאַפּעס, דאָס וויגן כלומרשט ווייבעריש־איידל מיט איין באַקע ביים אָנהויב טאַנץ, דאָס אונטערהאַצקען מיטן פלאַכן האָריקן הינטן ביים אַרומדרייען זיך און דאָס אָפּפּאָכען זיך דערביי מיטן לאַטקע־עקעלע, ווי מיט אַ פוכענעם פעכערל, דאָס שנויפלען מיט דעם לאַנגן שנוק און דאָס צו־שמייכלען מיט די זשעדנע אויגעלעך... קיין מאַרשעלאָק אין דער וועלט האָט נישט געקענט אַזוי לוסטיק מאַכן ווי אַזאַ בערישע ברוגז־טענצל.

אָפּגעמאַכט עטלעכע קונצן און אָפּגעטענצלט, נעמט רבי בער ווידער די טאַץ אין די לאַפּעס און לאָזט זיך אַוועק בעטלען צווישן עולם. טאָמער פוילט מען זיך געבן, בורטשעט ער מיט רוגזה, און דער וואַזשאַטי, מיטן פייקל הינטער אים, העלפט צו:

— הורעלקי — יענאַ. הראָשי — מאָיאַ! ס'הייסט: משקה „זי" — פאַרן בער הייסט דאָס. געלט — פאַר מיר!

עס רעדט זיך נאָר אַזוי „הראָשי"! דער בער פלעגט זיך נישט פוילן

און צונעמען אַלץ, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַן אלף: אַ שטיק ברויט, אַן עפּל, אַ בייגל, אַ רעטאַך, אַן איי. אַ מזומנער גראָשן איז אוודאי און אוודאי גוט. — און דאָס אַלץ פּלעגט זיך שיטן פון טאַץ אין דעם וואַ־זשאַטיס טאָרבע אַריין. איז דער עולם געווען גוט, און געגעבן, פּלעגט דער בער וויזן נאָך אַ קונץ, כאַפּן אַ נייעם טענצל. אַלא וואָס דען נישט — איז פאַררוקט דעם פּייקל מיטן פּלעקל אין גאַרטל, אָנגענומען דעם תכשית פאַר דער קייט און פּאַשאַל! אַוועקגעלאָזן זיך טריט ביי טריט אין אַ צווייטן ישוב, ווו דער עולם איז נייגעריקער און די האַנט איז ברייטער.

# גזלנים אין ר׳ שבתילס שענק

## 1.

— איז אָט!... — אַזוי דערציילט ווייטער לייזערל וואָיטעק — דער בער מיטן בערנטרייבער, וואָס האָבן זיך געבעטן נעכטיקן אין שענק, האָבן געמוזט זיין פון דעם זעלבן סאָרט וואַנדערבערן, וועגן וועלכע כ׳האָב אייך דאָ דערציילט. נאָר הדסה מיט די קינדער האָבן זיך פאַרט דערשראָקן און פאַרריגלט די טיר. פאַרגעסן, וואָס דער „לייוונטענער רבי״ האָט אָנגעזאָגט...

דערהערט פון אַזאַ קבלת פנים, וואָס זיין ווייב האָט דאָ געגעבן אַ גלגול פון אַ זינדיקער נשמה, דעם בער, הייסט דאָס, האָט זיך ר׳ שבתיל גלייך אונטערגעגאַרטלט. נישט געוווינט צו גיין אַ סך צופוס און אַליין אָקאָרשט געקומען צולויפן פון אָרשער וואַלד אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַר־סאָפּעטער, האָט ער זיך פונדעסטוועגן אַוועקגעלאָזן מיטן קאָפּוסטער שליאַך אָנצויאָגן דעם ציגיינער. פון גרויס אימפּעט האָט ער אַפילו נישט איבערגעטאָן די שבתדיקע זשופּיצע, וועלכע ער האָט היינט געוועזן אָנגעטאָן צוליבן פּריץ. ס׳איז שוין אַריבער די צייט פון מנחה־דאַוונען אויך. דער אָנזאָג פונעם „לייוונטענעם רבין״ איז אָבער, ביי אַזאַ חסיד, ווי ר׳ שבתיל, געווען אַצינד חשובער, ווי אַלע זאַכן אין דער וועלט:

„דרך ארץ פאַר אַ בער!״ — האָט דער רבי געזאָגט.

לויפט ר׳ שבתיל אָפּ איבער דעם קאָפּוסטער שליאַך אַ וויאָרסט, אַנדערהאַלבן וויאָרסט. נישטאָ קיין סימן פון קיין בער און פון ציגיינער. עס קאָכט אים אין האַרצן פון פאַרמאַטערטקייט, און פון די פּיאות רינט דער שוויס אין ריטשקעלעך. אָט־אָט פאַלט ער אַנידער, ר׳ שבתיל, און מיטאַמאָל, גאָר פּלוצלונג, ווי פון הימל, פאַלט אים אַראָפּ אַ טרוקענער צימבלען פון אַ צימבל. אינעם פאַרנאַכטיקן וואַלד האָט זיך דאָס מאָדנע הילכיק אָפּגעגעבן, עפּעס סומנע און נישט געוויינלעך:

— איזדינק־איזדינק־זדינק־דינק!

לויפט דאָך ר׳ שבתיל אויפן קול. נאָר דאָס פּייקל ווערט מיטאַמאָל אַנטשוויגן, און אין וואַלד זעט מען שוין קוים־קוים־קוים.

פאַרקלעמט אים דאָס האַרץ, ר׳ שבתילן. עפּעס רייצט זיך מיט אים דאָ אַ „נישט־גוטער". גאָט ווייסט, מיט וואָס היינטיקע לויפּעבישן וועלן זיך ענדיקן... ער האָט שוין געהאַט בדעה פאַרקירעווען און אַנטלויפן צוריק. נאָר דער בטחון, אַז גאָט וועט אים העלפן און דער „לייוונטענער" וועט אים נישט פאַרפירן צום בייזן, האָט אים צוגעגעבע פרישע כוחות.

לויפט ער ווייטער און די אויגן בלאָנדזשען אויףביידע זייטן שליאַך. און גאָר אומגעריכט וואַקסן אויס צוויי שוואַרצע שאָטנס לעבן אים. זיצט אויף אַן אויסגעקאַלכטן שטיין ביי דער זייט פון שליאַך אַ ציגיינער און אַ גרויסער בער שטייט נעבן אים אויף די הינטערשטע לאַפּעס. לכתחילה האָט גאָר ר׳ שבתיל געמיינט, אַז ס׳איז אַ ברוינער שטיק שטאָם פון אַ בוים מיט אָפּגעזעגטע אָרעמס. נאָר אַ פּאָר טראָט נעענטער האָט שוין ר׳ שבתיל דערקענט, אַז ס׳איז אַ לעבעדיקע זאַך, האָריק און גרויס, ווי עוג־מלך־הבשן, און צוויי בערישע אויגעלעך קוקן אים אָקעגן כיטרע און לעבעדיק. ווי איינער זאָגט: „וואָס אַזוי שפּעט מיישב געווען זיך, ר׳ שבתיל לעבן?".

— גוט־נאָוונט! — מאַכט ר׳ שבתיל צום „וואָזשאַטי" אויף גויאיש. נאָר דער וואָזשאַטי ענטפערט נישט און קערט אָפּ דעם קאָפּ. ברוגז... ווונדערט זיך ר׳ שבתיל: פון וואַנעט ווייסט דאָס דער פרעמדער ציגיינער, אַז ער, און נישט קיין אַנדערער, איז דאָס דער שענקערקעס מאַן, וועלכע האָט אים אַוועקגעטריבן?

— א י ך בין דאָס דער באַלעבאָס פון שענק! — זאָגט ר׳ שבתיל מיט אַ קוועטש אויפן „איך" — קום, קום צוריק!

— ניע! (ניין) — טרייסלט דער וואָזשאַטי מיטן קאָפּ. ס׳הייסט, ער גייט נישט. און דער בער ברומט אונטער, איז מסכים מיטן באַלעבאָס...

— קום! — בעט זיך ר׳ שבתיל און ציטערט מיט אַלע אברים — קום, גוטער מענטש, צוריק! מיין זשינקאַ האָט דיך נישט אַריינגעלאָזט. אַ יידענע!

— ניע! — טרייסלט דער ציגיינער מיטן קאָפּ, שטייט אויף און גיט אַ ציפּ די קייט פון בער. הויבט אָן אַוועקצוגיין.

לויפט אים ר׳ שבתיל נאָך און טענהט:

— סטייטש, די קינדער האָבן זיך דערשראָקן. איך בין אין שטוב נישט געווען. דאַרפסט דאָך פאַרשטיין! צוויי וויאָרסט בין איך דיר נאָכ־

געלאָפן צופוס. בעס איך דיך, נעם נישט אָן פאַר אומגוט און קום צוריק! כ׳וועל דיר געבן ווו צו נעכטיקן און עפעס איבערצובייסן וועסטו אויך קריגן.

גיט שוין דער ציגיינער אַ שמייכל. עפנט אויף אַ מויל ווייסע ציין. און דער בער עפנט אויך אויף אַ מויל. בלישטשען ביידנס ציין אין דער טומנעקייט פון וואַלד. מענטש און חיה פאַרשטייען זיך, און ר׳ שבתילן דוכט זיך, אַז ס׳איז גאָרנישט גלאַט אַזוי אַ שמייכל. נישט קיין גויאישער שמייכל, נישט קיין חיהשער.

## .2

פירט ער אַזוי מיט מזל דעם בער און בערנטרייבער פון קאַפּוסטער וואַלד אַהיים, און הדסה די שענקערקע וואַרט אָפּ ביים שליאַך, נישט ווייט פון שענק, קוקט די אויגן אויס. עס טונקלט שוין און עס איז שווער צו זען אינדערווייטנס. דערהערט זי מיטאַמאָל אַ קלונג פון אייזנס. און ביסלעכווייז אַנטפּלעקט זיך פאַר אירע אויגן אַזאַ מין סצענע: אַ גרויסער בער גייט דיבאָם און קלינגט מיט דער שווערער קייט אויפן האַלדז. און פון ביידע זייטן — צוויי נעבעכדיקע מענטשעלעך. פון איין זייט אַ שוואַרצער גוי מיט אַ פּייקל אין גאַרטל און מיט אַ שפּיציקן פלאָקן אין האַנט. און פון דער צווייטער זייט — ר׳ שבתיל, איר מאַן אין זיין אַטלאַסענער זשופּיצע. שפּרייזט אַזוי רבי בער, ווי אַ מאָוימדיקער חתן־בחור, צווישן צוויי קליינע אונטערפירער. מיט פאַררייסענעם קאָפּ שטעלט ער לאַפּעס. נעמט, אַפּנים, אָן אַזאַ כבוד, ווי אַ זאַך, וואָס קומט אים. אַ ביסל נעענטער דערזעט הדסה, אַז ר׳ שבתילס פאַרשוויצט פּנים לויכט ווי ביי אַ גליקלעכן מחותן, און זי דערהערט ווי אינעם בערישן האַלדז גראַגערט דאָס און עס כריפּעט פון צופרידנקייט. אַ בער, אַז ס׳איז אים ווויל, בורטשעט אַלע מאָל אַזוי.

אַנגעקומען צוריק אין שענק מיט אַזאַ פּאַראַד און מיט אַזעלכענע חשובע געסט, גיט קודם־כל ר׳ שבתיל אַ פרעג ביי זיין פלוניתטע:

— נו, וואָס? געקומען שוין פּיעטרוק?

דערהערט ער אַ תשובה, אַז דערווייל איז ער נאָך נישט געקומען, פּיעטרוק, דער גוי פון שענק.

— וואָס טוט זיך דאָ היינט?... — ווערט שוין ר׳ שבתיל אומרואיק נישט אויף קאַטאָוועס — וווּ־זשע איז ער פּאַרט, פּיעטרוק? אינגאַנצן

דריי וויאָרסט פון דאַנעט איז ער שטעקן געבליבן. אָט־אָ, האָט ער געזאָגט, פאַרריכט איך די לייצע און איך פאַר אונטער!

— ער וועט גאַנץ זיין! — טרייסט אים הדסה, כאָטש איר אויפן האַרצן איז עפּעס אויך קאַלעמוטנע.

— ס׳וואָלט נישט געווען אַזוי פּינצטערלעך — ציט זיך ר׳ שבתיל אַ האָר פון באָרד — וואָלט איך צוגעלאָפן אַ קוק טאָן.

— גענוג דיר שוין היינט אַרומצולויפן! — בייזערט זיך הדסה אויף אים אָן — אַ נאָווינע ביי פּיעטרוקן! מסתמא אַ „קום״ (אַ קרוב) זיינעם אָנגעטראָפן אויפן אָרשער שליאַך...

— אפשר ביסטו גערעכט — איז מסכים ר׳ שבתיל — נאָר גיי מאַך אָן אָרט פאַרן גוי צום נעכטיקן און זע מהנה צו זיין דעם בער זיינעם אויך. אפשר איז דאָ אַ סקאָרינקע פון שבתדיקער חלה?... געדענק, וואָס דער „לייוונטענער״, זאָל לעבן, האָט אונדז אָנגעזאָגט...

פליסט זיך הדסה און טוט דעם רצון פון איר מאַן. זי דערלאַנגט מיט אַ ביסל פּחד ברויט און זויערמילך פאַרן ציגיינער. אַ גרינע ציבעלע און אַ טרונק בראָנפן. און פאַרן בער — אַ פאַרטריקנט שטיק שבתדיקע חלה, אַ זיסע ריבן.

בוקט זיך דער גוי ביזקל גאַרטל, בוקט ער זיך פאַר הדסהן און פאַר ר׳ שבתילן און פאַר שבתילס קינדער, וואָס זענען אַרויסגעלאָפן אויפן בייזן ווונדער און טוליען זיך ביי דער מאַמען אין פאַרטוך. ער ווינטשע־וועט זיי, דער גוי, אויף זיין גויאישקן שטייגער: אַ דאַנק דיר, כאַזשאַין, און אַ דאַנק דיר, כאַזשאַיקע! און אַ דאַנק אייך, פּאַניטשי! (יונגע האַרן), און דער בער טוט אים נאָך, בוקט זיך אויך, פאַרוואָרפט דעם קאָפּ ווי דער תּם אין דער הגדה און אין האַלדז גראַגערט ביי אים פון בערישער צופרידנקייט.

אָפּגעגעסן, געקומען אייַנצולייגן די שיינע אורחים שלאָפן, כאָפּט מען זיך, אַז ס׳איז נישטאָ ווו. פאַרן גוי אַליין וואָלט מען שוין געקראָגן אָן אָרט, אין פירהויז אָדער אין קיך. נאָר נישט פאַר אַזאַ „גדול״ ווי דער בער איז. איין קער מיטן הינטן, מאַכט ער אַ תל פון דער גאַנצער באַלע־באַטישקייט. סיידן אין שפייכלער מיט היי.

נאָר ווי אויף צו להכעיס, האָט מען היינט געבראַכט די לעצטע וועגענער היי אויף ווינטער, פאַר דעם פערד און בהמה. אָנגעפּראָפּקעוועט דעם שפייכלער אַזוי, אַז דאָס טירל האָט זיך קוים פאַרקייטלט. פּוילט זיך נישט ר׳ שבתיל, טוט פון זיך אויס די אַטלאַסענע זשופּיצע, פאַרקאַטשעט

די אַרבל און נעמט זיך אַרויסגראַבלען פון אָנגעשטאָפּטן שפּייכלער מיט זיינע לומדישע הענט. גייט אָפּ מיט שווייס, ביז דער ערל דערזעט, וואָס ר׳ שבתיל מיינט דאָ צו מאַכן און צוליב וועמען ער וויל דאָס מאַכן. כאַפּט ער אים אָן פאַר אַן אַרבל און לאָזט אים נישט מער. שמייכלט צו אים מיט די ציגיינערישע ווייסע ציין.

— ניאָ טרעבאַ! — מאַכט ער צו ר׳ שבתילן און ווייזט אָן אויפן בער — יענאַ — שיפּקאַ! (מען דאַרף נישט. „זי״ וועט גיך!...) ס׳הייסט, דער בער וועט גיכער מאַכן.

און דער ציגיינער גיט אַ טורקע דעם בער מיטן שפּיציקן פלאָקן און שרייט אויף אים אָן. און רבי בער איז זיך מטריח און נעמט איבער ר׳ שבתילס אַרבעט.

מיטביידע האָריקע אָרעמס, ווי מיט אַ מאָרימדיקן צוואַנג, שעפּט ער פון שפּייכלער גאַנצענע הורבעס מיט היי און וואַרפט זיי אין הויף. אין עטלעכע מינוט אַרום איז פאַרטיק אַ גרויסע נאָרע. און דער ציגיינער קריכט אַריין טיף אין היי און שלעפּט נאָך זיך נאָך דעם בער אויף דער קייט...

ווינטשט אים ר׳ שבתיל אַ גוטע נאַכט און פאַרמאַכט דאָס הילצערנע טירל. געלויבט דער אויבערשטער! יוצא געווען פאַרן בער און פאַרן בערנטרייבער לכל הדעות. נאָך מער ווי דער „לייוונטענער״, זאָל לעבן, האָט מרמז געווען...

אָבער פּיעטרוק? ווו איז פּיעטרוק מיטן וואָגן? פּיעטרוק אַהער, פּיעטרוק אַהין. נישטאָ נאָך פּיעטרוק.

אַ פאַרדאגהטער האָט ר׳ שבתיל אָפּגעגעסן וועטשערע. אַלע געשעע־נישן פון היינטיקן טאָג, זינט ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, כדי צו פאָרן צום פּריץ, האָבן אים אויסגעזען אויסטערליש. ס׳האָט זיך אים געפלאָנטערט אין קאָפּ דער וואַלד, דער שליאַך, די אַראָפּגעגליטשטע ראָד, דער אויפגעריסענער כאָמעט, די געפּלאַצטע לייצע, דאָס לויפן צוריק אַהיים צופוס. דערנאָך — דער וואַנדער־בער, דער ציגיינער... און מיד פון אַלע לויפעני׳שן און האָרץ־קלאַפּעני׳שן, איז ער קוים איינגעזעסן ביים טיש און געבענטשט.

פאַרזאָרגט איז אויך געווען הדסה די שענקערקע: ווי אַזוי זשע וועט שבתיל מאָרגן נאָכאַמאָל פאָרן צום פּריץ, אַז פּיעטרוק מיטן פערד און פורל זענען פאַרפאַלן געוואָרן? מ׳וועט מאָרגן מוזן דינגען אַ פורל מיט אַ פרעמדן גוי. מיטן פּריץ שפּילט מען זיך נישט... נאָר ווי אַ געטריי

ווייב, ווייל זי נישט לייגן דעם מאַן קיין שטיינער אויפן האַרצן. מאַכט זי צו ר׳ שבתילען אַזוי:

— גענוג וועט דיר שוין זיין צו פינטלען מיט די אויגן אויפן לאָמפּ! גיי און לייג זיך בעסער שלאָפן. ס׳איז אויסגעבעט. ער וועט גאַנץ זיין דער פּיעטרוק.

און ר׳ שבתיל האָט געפאָלגט זיין ווייב און אונטערגעקראָכן אונטער דער פּערענע. ער האָט נאָך קוים פאַספּעיעט אָפּלייענען קריאת שמע, ווי ער איז שוין איינגעשלאָפן, פאַרלאָזנדיק זיך אויפן רבונו של עולם, אַז אַלץ וועט זיין צום גוטן.

דערהערט, אַז דער מאַן פייפט מיט דער נאָז, איז הדסה אויף די ציפּ־קעלעך אַרויס פון שטוב און אָנגעשפּיצט זיך, צי הערט מען נישט פּיעטרוקס וועגל אָנקומען איבערן שליאַך? זאָל מען עס האָרכן אַ פּיפּס! שטיל. אַפילו פון היי־שפּייכלער, ווו דער ציגיינער שלאָפט מיט זיין בער, הערט מען קיין אָטעם נישט. וווּנדערט זיך הדסה: ווי קומט דאָס אַ בער און אַן ערל זאָלן ״פּאָפּן״ און נישט כראָפּען? אַריינקוקן ביינאַכט אין שפּייכלער גלוסט זיך איר נישט. עס פּאַסט אויך נישט פּאַר אַן אשה... מיטאַמאָל דערכאַפּט מיטן אויער עפּעס אַ שושקעניש. מען שעפּטשעט זיך, צי בוימער פלאַפּערן? הינטער דער בלינדער וואַנט פון שטוב וואַקסן אַ פּאָר בוימלעך. זאָלן דאָס זיין די בלעטעלעך? אַ שוידער נעמט זי דורך. איר דוכט זיך אויס, אַז אימיצער טשיקעוועט אויף איר פון דער נאַכט אַרויס. לויפט זי אַריין צוריק אין שטוב, פאַרריגלט די פּירהויז־טיר און לייגט זיך אין בעט.

נאָר שלאָפן שלאָפט זיך איר נישט. אָנגעהאַרעוועט האָט זי זיך אַפילו אַ גאַנציקן טאָג אין קיך און אין שענק, אַן עין הרע. אַ באַלעבאָסטע פון אַמאָליקע צייטן! בפרט ווען דער שטוב־גוי און דער מאַן זענען היינט געווען אַוועקגעפאָרן... זי פאַרשטייט אַליין נישט פּאַר וואָס זי איז אַזוי אומרואיק. דעם מאַן האָט זי, כלומרשט, געטרייסט, אַז ס׳איז גאָרנישט, און אַליין שרעקט זי זיך. פאַרוואָס ווייסט זי נישט. טראַכט זי און דער־מאָנט זיך, אַז שוין היינט בייטאָג איז איר עפּעס געווען קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. בערך אַ שעה, איידער ר׳ שבתיל, איר מאַן, האָט זיך געריררט אין וועג אַריין צום פּריץ, זענען אַריינגעקומען אין שענק צוויי גויים נעמען אַ טרונק בראָנפן. מאָדנע גויים. אַפריער זענען זיי געשטאַנען אין דרויסן און גערעדט מיט פּיעטרוקן, וועלכער האָט געהאַלטן אינמיטן איינשפּאַנען דאָס פערד. דערנאָך ערשט זענען זיי אַריין אין שענק. ביי

ביידן האָבן געשטעקט הילצערנע העק־הענטלעך פון די טאָרבעס אַרויס. און בייביידן זענען די פנימער געווען פינצטער. איינער אַ געשטופּלטער, אַ הויכער, מיט שמאָלע טאַטערישע אויגן. דער צווייטער אַ קלענערער, אַ ברייט־פּלייציקער, אַ קורנאָסער, מיט אַ שראָם אויף דער באַק. ביידע האָבן זיי אויסגעזען ווי האַלץ־העקער, וואָס זוכן אַרבעטן אין די ישובים אויפן שליאַך, אַזוי ווי עס טוען אַ סך אָרעמע גויים נאָכן שניט, ווען די אַרבעט אויף די פעלדער ענדיקט זיך. נאָר אָט די צוויי גויים מיט די העק אין די טאָרבעס האָבן דאָ קיין אַרבעט נישט געבעטן. עס איז איר לכתהילה גאָרנישט איינגעפאַלן, פון וואַנעט אַזעלכע האַלאַדראַנצעס האָבן דאָס געלט אויף בראָנפן?... יאָ, אַצינד דערמאָנט זי זיך, בשעת זי האָט זיי אַנגעגאָסן די צווייטע כוסה, האָט זי ביים הויכן געשטופּלטן גוי דער־כאַפּט אַ קרומען קוק. ער האָט מיט איין אויג געקוקט אויף ר׳ שבתילען, ווי ער גאַרטלט זיך אונטער צו פאָרן אין וועג אַריין, און מיטן צווייטן אויגל אויף איר, אויף הדסהן ביי דער סטאַיקע. „טשאָהאָ טיאַביע?״ (וואָס ווילסטו?) — האָט זי אים האַסטיק אַ פרעג געטאָן, כדי אָפּצוווענדן זיין קוק פון ר׳ שבתילס הכנות... „פּיאַרצו!״ (פעפער) מאַכט צו איר דער געשטופּלטער הויכער גוי מיט פּונקט אַזאַ האַסטיקייט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַזאַ פרעגן און אָנגעגרייט אַן ענטפער. פעפער, הייסט דאָס, זאָל מען אים אַריינשיטן אין גלעזל. וואָרים די הורעלקע איז אים נישט גענוג שטאַרק... איר, הדסהן, האָט זיך אָבער אויסגעדוכט, אַז ס׳איז נאָר אַן אויסרייד, כדי זי זאָל אים דאָ צופיל נישט נאָכקוקן.

ווי אַזוי זשע איז דאָס איר איינגעפאַלן אַרויס פון קאָפּ? אַצינד דער־מאָנט זי זיך. שבתיל האָט איר צוגעשריען, זי זאָל וואָס ווייניקער דברן מיט די גויים. זאָלן זיי אָפּזויפן און גיין, וואָרים ער מוז נאָך אָפּעסן וואַרעמעס און פאָרן...

באַלד נאָכן צווייטן טרונק בראָנפן מיט פעפער זענען טאַקע ביידע גויים אַוועק. פאַרן פאָרן איז דער קאָפּ געווען גענוג פאַרדרייט. האָט זי דאָס איינגאַנצן פאַרגעסן. און אָט דערהערנדיק, ווי די בוימלעך שושקען זיך הינטער דער שטוב, האָט זי זיך דערמאָנט. פאַרוואָס גראָד אַצינד? איר פאַרדריסט, וואָס זי האָט ביי פּיעטרוקן נישט געפרעגט מכוח וואָס די האַלץ־העקער מיט די טאָרבעס האָבן מיט אים אין דרויסן געדברט. פאַרפאַלן. פּיעטרוק איז נישטאָ... צי איז דאָס עפּעס, חס ושלום, נישט קיין אָפּגערעדטע זאַך? נאַרישע זאַכן. פּיעטרוק דינט שוין ביי זיי אין

שענק באַלד זיבן יאָר. רעדט שוין יידיש ווי אַ גר. נאָר אַ גוי בלייבט אַלעמאָל אַ גוי.

פון איר פרומען מאַן ווייסט זי, אַז צו שלעכטע מחשבות פאַרן שלאָף איז די בעסטע סגולה צו לייענען קריאת־שמע. און טאָמער העלפט נישט איינמאָל — לייענען אַ צווייטן מאָל. לייענט זי מיט כוונה, וואַרט ביי וואָרט איינמאָל, און הויבט אָן לייענען אַ צווייטן מאָל. פּאַספּעיעט זי נישט אָפּצולייענען ביזקל סוף און שלאָפט אויך איין גאַנץ געשמאַק, ווי ר׳ שבתיל, איר מאַן.

זי האָט דערנאָך אַליין נישט געוווּסט, הדסה, ווי לאַנג זי איז אַזוי געשלאָפן. נאָר גאָר פּלוצלונג רייסט זי אויף פון שלאָף אַ טראַסק אין טיר. זי גיט אַ קוק אויף שבתילען. ר׳ שבתיל שלאָפט האַרט מיט דער יאַרמאָלקע אויפן קאָפּ. וויל זי אים נישט וועקן, כאַפּט אויף זיך אַרויף אַ בגד און לויפט אין פירהויז עפענען. געלויבט דער אויבערשטער: פּיעטרוק מיטן וועגל איז צוריקגעקומען...

— פּיעטרוק, דו? — פרעגט זי בשעתן אויפריגלען, גלאַט פון יוצא וועגן, ביינאַכט דאַרף מען אַ פרעג טאָן.

נאָר אינגאַנצן ריגלט זי נישט אויף. זי בלייבט שטיין. איר דאַכט זיך, אַז מ׳האָט עפּעס אַ שפּעטשע געטאָן אויף גויאיש. איז דאָ פּיעטרוק נישט איינער אַליין?

— פּיעטרוק, דו? — פרעגט זי איבער און דאָס האַרץ קלאַפּט איר.

— פּיעטרוקן — ענטפערט איר אַ הייזעריקער קול — האָבן מיר אין וואַלד געפונען אַ... געשאָכטענעם. געבראַכט אים אַהער...

ווערט דאָך הדסה אַ פאַרצאַפּלטע: ווו? וואָס? ווי אַזוי?... דער קול פון דעם, וואָס רעדט הינטער דער טיר, איז איר עפּעס אַ ביסל באַקאַנט. כאַפּט זי זיך ווייטער צום ריגל... איר שפּילט זיך מיט אַ יידענע, ווען זי פאַרלירט דעם קאָפּ? אין דעם גרעסטן אומגליק ווער זי דאָך אייך אַריינשפּרינגען. נאָר איידער דער עק פון ריגל גייט אַרויס פון אייזערנעם רינג, גיבן די אייזנס אַ בראַזג, די אַלטע טיר פון פירהויז פראַלט אויף און אַליין באַקומט זי, הדסה, אַ שטויס און אַ וואָרף־אַריין אינמיטן פירהויז. אַ הויכער, געשטופּלטער גוי רייסט זיך אַריין, נאָך אים אַ קורנאָסער, אַ ברייטפּלייצעדיקער. די טאָרבעס אויף די פּלייצעס און די העק אין די הענט.

— אַי, שבתיל! — טוט זי אַ געשריי און דערשרייט נישט. וואָרים

אַ האַרטע לאַפּע פאַרשטאָפּט איר דאָס מויל. אַ האַלב־דערשטיקטע, אַ פאַרחלשטע, דערקענט זי אָבער פאָרט, אַז דאָס זענען די זעלבע צוויי גויים — האָלץ־העקער, וועלכע האָבן דאָ היינט בייטאָג געטרונקען בראָנפן מיט פעפער.

# הילף פון אַלע זייטן

## .1

פונעם טומל אין פירהויז גיט זיך ר׳ שבתיל אַ כאַפּ־אויף, פון טיפן שלאָף, און בלייבט זיצן אויפן בעט מיט אָפּגעחלשטע הענט און פיס. ביים שיין פון נאַכט־ליכטל אויפן קאַפּטער דערזעט ער אַ זאַך, וואָס זעט אים אויס ווי אַ בייזער חלום. צוויי געזונטע גויים מיט גזלנישע פּנימער און מיט העק אין די הענט שלעפּן אַריין הדסהן, זיין ווייב, אַ האַלב־געחלשטע און לאָזן זי זיצן אויף דער פּאָדלאָגע אינמיטן שטוב. דערזען ר׳ שבתילען אויפן בעט, מיט דער יאַרמאָלקע אויפן קאָפּ, גיט זיך צו אים דער הויכער גוי אַ וואָרף און פאָכעט מיט דער האַק:

— דאָס געלט ווו איז? זשיד!

— וועלכע געלט? — שטאַמלט ר׳ שבתיל מיט אָפּגעשטאָרבענע ליפּן.

— וואָס דו האָסט געפירט צום פּריץ, דו הינטישער זון!

און דאָ כאַפּן זיך אויף די קינדער און שרייען געוואַלדן. הדסה קריגט לשון און צעיאָמערט זיך. נאָר דער הויכער געשטופּלטער גוי לאָזט נישט וויינען. ער צעפאָכעט זיך אויף אַלעמען מיט דער האַק און שיפּעט הייזעריק:

— ציץ, ציץ!*) אַ פּיפּס, זשידאָווסקע אַטראָדיע, זאָל מען פון אייך נישט הערן! וואָרים איך צעהאַק אייך דאָ אַלעמען, אויף פּיץ־פּיצלעך צעהאַק איך אייך!

ציטערן אַלע ווי אַ בלאַט, יעטוועדער אין זיין ווינקעלע, און אין שטוב ווערט שטיל. נאָר הדסה בעט זיך, מען זאָל רחמנות האָבן אויפן מאַן און קינדער.

קוקט זי אָן דער הויכער, געשטופּלטער גוי מיט אַ געזאַלצן שמיי־

*) שטיל, שטיל!

כעלע, נעמט זי דורך מיט זײַנע שמאָלע גזלעוואָיסקע אויגן אַזוי, אַז הדסהן גייט דורך אַ קעלט דורכן רוקן.

— גוט, — מאַכט ער, דער גזלן — וואָס דו האָסט אונדז פאַרשפּאָרט אַ טרחה. וואָלסטו נישט אויפגעריגלט, וואָלטן מיר די טיר אַליין אויפֿגעבראָכן. מירן דיך דערפאַר אַ גלעט טאָן, באַלעבאָסטעצקע...

און צו ר׳ שבתילען ווענדעט ער זיך אַזוי:

— בקיצור, מאַשקע, אָדער „שעפּציל" (שבתיל). ווי הייסטו דאָרטן? די מעשה דערפון איז אַזוי: מיר האָבן אויף דיר געוואָרט אין וואַלד ביים שליאַך דו זאָלסט דורכפאָרן. דער טייוול האָט דיך אויסגעהיט. זענען מיר געקומען אַהער, צו דיר... דאָס געלט גיב אַהער! אַז נישט טוען מיר דיר דאָס, וואָס מיר האָבן געטאָן מיט דיין פּיעטרוקן...

— שבתיל, דו הערסט? — שרייט־אויף הדסה — שבתיל!

— מאַך נישט קיין געוואַלדן! — גיט איר אַן עצה דער קלענערער גוי, דער קורנאָסער מיטן שראַם אויף דער באַק. ער האָט, ווייזט אויס, יאָ אַ ביסל רחמנות געקראָגן. — מיט קולות — מאַכט ער — וועסטו גאָר נישט מאַכן. זאָג בעסער דיין „שעפּצלען", ער זאָל אונדז אָפּגעבן דאָס געלט. מיר זענען „דושעהובן" (רוצחים), זענען מיר. מיר אַנטלויפן פון קאַטאָרגע. אויפן מיטן עטאַפּ האָבן מיר צעמזיקט די קאָנוואָיניקעס און אַנטלאָפן. מיר האָבן נישט וואָס אַנצוווערן, קראַסאַוויצע! אָט דעם הויכן, געשטופלטן זעסטו? ס׳איז טימאָשקאַ דער האַלדז־שניידער. און איך בין אַפּאַנאַס קורנאָסי. אויך נישקשה פון אַ ראַזבאַיניק. דער אוריאַדניק פון מאַהליוו יאָגט זיך נאָך אונדז אַרום אויפן שליאַך — האָבן מיר זיך איבערגעטאָן ווי די מוזשיקעס, ווי די האַלצהעקער־האָלאָדראַנצעס. איצטער ווייסט איר שוין מיט וועמען איר האָט צו טאָן?

— שבתיל, דו הערסט? — ברעכט הדסה די הענט — גיב זיי שוין אָפּ דאָס געלט און ראַטעווע אונדז...

דאַרף זיך נאָך שבתילען פאַרוועלן טאָן אַ נאַרישקייט און אַנהויבן בעטן זיך ביי די ראַזבאָיניקעס, מ׳זאָל אויף אים רחמנות האָבן, וואָרים אויב ער וועט נישט אָפּצאָלן פּאַכטע אין אַ טאָג אַרום, וועט מען אים און ווייב און קינדער אַרויסוואַרפן פון שענק...

צעברענט זיך אין דעם גרויסן, געשטופלטן גוי די רציחה:

— אַך, דו דינגסט זיך נאָך? דו זשיד!... מיט טימאָשקאַן דינגסטו זיך? וואָרט אָקאָרשט!

און ער כאַפּט אַרויס אַ שטריק פון טאָרבע און בינדט, נישט פאַר קיין

יידן געדאַכט, ר׳ שבתילען, ווי אַ קאַלב צו שחיטה. הענט און פיס בינדט ער אים.

— אַצינד — צעלאַכט זיך טימאָשקע — אי דאָס געלט וועל איך צונעמען, אי קיין לעבעדיקער וועסטו פון מיינע הענט נישט אַרויס...

דערזעט ר׳ שבתיל, אַז ער האָט דאָ ערגער געמאַכט, בעט ער זיך שוין:

— אָט דאָ אויפן האַלדז ביי מיר איז דאָס טאָרבעלע מיט געלט! נעם־צו, טימאָשקע־סערצע, און האָב רחמנות!

טימאָשקע גיט אַ ריס־אויף דאָס העמד אויף ר׳ שבתילס האַרץ און רייסט אָפּ דאָס לייוונטענע זעקעלע מיט די פּאַכטע־געלט.

— געדאַרפט פריער זאָגן! — גיט ער ר׳ שבתילען אַ שטויס מיט דער לאָפּטיע אין זייט, — אַצינד וועט אונדז דיין „חייטשקע״ מוזן עפּעס צוצאָלן...

ער קוקט אָן הדסהן מיט זיינע טאָטערישע אויגן. און אין שטוב ווערט שטיל ווי אויף אַ בית הקברות. אַפילו די קינדער האָבן מורא אַ ריר צו טאָן זיך.

גיט טימאָשקע אַ שפּרונג־צו צו דער סטאָיקע און גיט אַ כאַפּ דעם שטאָף בראַנפן, וועלכער שטייט אַלעמאָל גרייט פאַר אָנגעקומענע באַלע־גאָלעס. ער פאַרוואַרפט דעם קאָפּ און הויבט אָן זויפן גלייך פון שטאָף. אָפּגעטרונקען אַ רעכט ביסל, גיט ער איבער די פלאַש דעם קורנאָסן חבר זיינעם, אָפּאַנאַסקען. אַזוי בייטן זיי זיך ביז אין שטאָף בלייבט קיין שריד ופליט נישט איבער.

און מאַן און ווייב ליגן געבונדענע ווי די לעמער און קוקן צו ווי די גזלנים טרינקען זיך אָן פון פלאַש. נישט אַנדערש, כדי די רציחה זאָל אין זיי זיין נאָך שטאַרקער, כדי פאַרגיסן דאָס לעצטע ביסל רחמנות.

— הדסה — מאַכט שבתיל שטילערהייט צום ווייב — זאָג וידוי, וואָרים מיר זענען פאַרפאַלענע!

איז דאָך הדסה אַ יידענע. זי האָט נישט אין זיך אַזאַ, כוח ווי ר׳ שבתיל־חסיד. כאַפּט זי אָן ספּאַזמען און זי ברעכט אויס מיט אַ מאָרימ־דיקן געוויין.

— ציץ! — גיט שוין אויף איר דאָס מאָל אַ ברום דער קורנאָסער גוי אויף און צעפּאָכעט זיך מיט דער האַק. — וואָיעסט נאָך ווי אַ הינטיכע? ווילסט אונדז אַרויסגעבן?

און טימאָשקע, דער הויכער, גשטופלטער גוי, גייט צו איר צו גאָר בגילופינדיק, שאָקלט זיך איבער איר.

— קלאָג נישט! — מאַכט ער, און דער טרפהנער פנים צעלאַכט זיך ביי אים. — איידער מאַכן מיט אייך אַ סוף, וועלן מיר זיך מיט דיר אַ שפּיל טאָן. ביסט אַ קראַסאַוויצע — „חייטשקע"!

— האָט רחמנות אויף מיינע קליינע קינדער! — בעט זיך חדסה.

— אַז דו וועסט זיין גוט צו אונדז, וועלן מיר דיינע קינדער נישט טשעפּען...

אַזוי טרייסט זי דער שיכורער רוצח און גיט זי אַ נעם אין די לאַפּעס, און דער צווייטער גוי גייט נאָך מיט דער האַק, כדי אָפּהיטן זיין חלק אויך...

— וואַרף זיך בעסער נישט! — אַזוי שרייט אויף איר אָן טימאָש־קע — קום, חייטשקע! ווו זענען דאָס דיינע זשידאָווסקע פּערינעס? אַלע זשידעס האָבן ליב ווייכע פּערינעס. נישקשה, וועסט פאַרן טויט קיין חרטה נישט האָבן, חייטשקע! בעסער ווי פון דיין צעקראָכענעם מאַנעלע מיט די פּיאותלעך...

— הדסה! — וואַרפט זיך ר' שבתיל אויף דער פּאָדלאָגע — זיי מקדש־השם, הדסה! וואַרף זיך! בייס זיך! הד —

כאַפּט זיך טימאָשקע וואָס דאָ טוט זיך, פאַרוואָס הדסה בייסט זיך אַזוי. לאָזט ער אָפּ די שענקערקע און פאַלט אָן אויף ר' שבתילען מיט שיכורער רציחה:

— וואָס? דו יישיד פּרעקליאַטער! דו מישט זיך נאָך אַריין? טו נאַ־זשע דיר, פאַרכאַטער!

ער גיט אַ הויב די האַק איבער ר' שבתילס קאָפּ.

## 2.

נאָר ער פאַספּעיעט נאָך נישט אַראָפּצולאָזן די האַק, ווי זי גליטשט זיך אים אַרויס פון דער האַנט. וואָרים די טיר פראַלט־אויף און אַ גרויסע אימה קייקלט זיך אַריין אין שטוב. ס'איז דאָ פאַר וואָס פאַרציטערט צו ווערן. אַ מוראדיקע האָריקע חיה אויף אַ קייט רייסט זיך אַריין מיט אַ ברום און מיט אַ כריפּ און שטעלט זיך דיבאָם. זי איז מיט אַ קאָפּ העכער פאַר טימאָשקען דעם געשטופלטן גזלן. צוזאַמען מיט דער חיה

לויפט אַריין אין שטוב אַ שוואַרצער גוי מיט ברענענדיקע אויגן — אַ ציגיינער.

— וואַליאַי!... שיפּקאַ! (וואַרף! גיכער) — שרייט דער שוואַרצער גוי אויף דער חיה און ווייזט אָן אויף די גזלנים.

און רבי בער מאַכט נישט קיין שהיות, גיט זיך אַ וואַרף אויף טימאָשקען און דערלאַנגט אים איין מאָל און צוויי מאָל, מיט די פּאַדערשטע לאַפּעס, אין געשטופּלטן גזלוואַיסקען פּנים. ווי אַ גבר אַ מענטש דערלאַנגט ער אַזוי, אַז טימאָשקען דעם אַרעסטאַנט פאַרגייט יעדער חשק צו יידישע ווייבער. ער ציט זיך אויס, ווי גרויס ער איז, אויף דער ערד, נאַרעט איין דעם צעבלוטיקטן פּרצוף אין ביידע אָרעמס און שרייט קולות־געוואַלדן ווי אַ באַנומענער. און נאָך איידער ער קומט צו זיך, כאַפּט שוין דער ציגיינער אַראָפּ דעם לאַנגן רויטן גאַרטל פון די לענדן און בינדט אים, טימאָשקען. דערזעט אַפּאַנאַסקע, דער קורנאָסער, ווו עס האַלט דאָ, טשוכעט ער זיך אויס פון זיין צעטומלעניש און פון זיין שיכרות און לאָזט זיך לויפן צו דער טיר. אָבער דער בער איז פלינקער פאַר אים. ער שניידט אים אָפּ דעם וועג און לאָזט נישט, כאַפּט אַפּאַנאַסקע די האַק זיינע און לאָזט זיך אויף דעם בער.

— וואַליאַי! שיפּקאַ! — שרייט צו אים דער ציגיינער.

און רבי בער גיט אַ פאַל אויף די פאָדערשטע פיס, קויקלט זיך דורך, אונטער דער צעפאָכערטער האַק, און דערלאַנגט אַפּאַנסקען דעם קורנאָסן אַ גאַר אומגעריכטן טערעבענץ פון אַ צווייטער זייט. אַפּאַנאַסקע פאַלט אַנידער און קריכט אויף אַלע פיר ווי אַ חיה. אַצינד קריכט ע ר און דער בער שטייט איבער אים און שלאָגט אים און זעצט אים וויפל נאָר עס גייט אַריין. אַזוי פאַריאָגט ער אים אין אַ ווינקל, פאַרקוועטשט אים דאָרטן, און לייגט זיך איבער אים, ווי אַ באַרג פלייש אָן האָר, אַז אַפּאַנסקען גייט שיער דער טרפהנער „דוך” נישט אַרויס.

— ראַטויטשאַ! — (ראַטעוועט) — שרייט ער פון אונטערן בער צום ציגיינער.

— זאַראַ! (באַלד) — ענטפערט אים אָפּ דער ציגיינער גאַנץ רואיק. — דו זעסט דאָך מ׳איז פאַרנומען! מיט דיין חברל נאָך נישט פאַרטיק.

פאַרטיק געוואָרן מיט טימאָשקען — גייט דער ציגיינער צו גאַנץ געלאַסן צו אַפּאַנאַסן. טרייבט פון אים אַראָפּ דעם בער און לצוועט נאָך איבערן גוי:

— נו, וואָס? ווילסט אפשר נאָך אַמאָל שלאָגן זיך מיט „מישקען״, מיטן קאַלטונעוואַטן? (מיטן האָריקן בער).

— ניין, ניין! — קרעכצט אַפּאַנאַסקע דער קורנאָסער.

— טו גיב־זשע די הענטעלעך דיינע און לאָמיך דיך בינדן!

קיין מינוט גייט נישט אַריבער און ביידע גזלנים ליגן געבונדענע ווי די קעלבער, און דער בער שטייט איבער זיי דיבאָם גרייט מכבד צו זיין יעטוועדערן פון זיי, ווי נאָר מ׳וועט זיך אַ ריר טאָן, און אין גאָרגל גראָגערט ביי אים, ביי רבי בערן, ווי דער שטייגער איז פון אַ בער בשעת ער איז צופרידן. רבי שבתילס פּענטעס ווערן דורכגעשניטן מיט אַ מעסער. ער טוט אָן די יאַרמאָלקע, הויבט זיך אויף פון דער פּאָדלאָגע. און ערשט דאָ קומט ער אינגאַנצן צו זיך, און דערזעט מיט ביידע אויגן ווער ס׳האָט אים דאָ געראַטעוועט. ער מיט זיינע אייגענע הענט האָט אַריינגעבראַכט די ישועה צו זיך אין שטוב. די רפואה פאַר דער מכה אַראָפּגעבראַכט. דאָס וואָס די יידענע זיינע האָט אַרויסגעוואָרפן... שטייט ער אַזוי און קוקט אויפן ציגיינער. קיין ווערטער האָט ער נישט. נאָר פון די אויגן גיסן זיך אים טרערן.

פאַרשעמט זיך עפּעס דער ציגיינער, קוקנדיק אויף ר׳ שבתילען, לאָזט אַראָפּ די ברענענדיקע אויגן און בורטשעט:

— ניטשאַוואָ!... כ׳האָב דערהערט די קולות אין שטוב, בין איך אַריין...

שאָקלט ר׳ שבתיל, וויינענדיק, מיטן קאָפּ און יאַרמאָלקע. ס׳הייסט: „יאָ, יאָ! דערציילט מיר מעשות...״

נאָר נישטאָ אַצינד קיין צייט צו טראַכטן און צו רעדן פון געהויבענע זאַכן. קודם־כל שלעפּט מען צוריק אַרויס ביי טימאָשקען דאָס לייוונטענע טאָרבעלע מיט די פּאַכטע־געלט פאַרן פּריץ. דערנאָך בינדט נאָך דער ציגיינער צו ביידע „גוטע גויים״ איינער צום צווייטן און זאָגט זיי אָן אויף זיין פּויעריש ציגיינערישן לשון, אַז אויב זיי ווילן לעבן אויף דער וועלט, זאָלן זיי זיך קיין ריר נישט געבן. וואָרים „מישקאַ״, דער בער, הייסט דאָס, שטייט דאָ אויף דער וואַך און היט. מישקאַ זיינער האָט פיינט חכמות...

טימאָשקאַ דער געשטופּלטער און עלטערער גזלן ליגט און שילט אַלע זשידעס אין טאַטן אַריין און אין דער מאַמען אַריין. עס פאַרדריסט אים, זאָגט ער, וואָס ער האָט „שעפּצלען״ דעם קאָפּ דעם פּאַהאַנעם נישט אָפּגעהאַקט, ווי נאָר ער איז אַריין אין שטוב. נאָר אַפּאַנאַסקע דער קלע־

נערער האַלט אין איין וויינען און זאָגן קינות. ער קלאָגט און בעט איין קלייניקייט: מ׳זאָל אים אָפּלאָזן... ער האָט נישט געוואָלט, זאָגט ער... נאָר טימאָשקאָ דער ראַזבאָיניק האָט אים צו אַלץ צוגערעדט! אַלדאָס בייז, אַזוי קלאָגט אַפּאַנאַסקע, שטאַמט פון טימאָשקען. אַפריער בשעתן גיין מיטן עטאַפּ האָט אים טימאָשקאָ צוגערעדט צו פלעטן די קאָנוואָיניקעס דעם מוח און אַנטלויפן, אַצינד — צו בגזלעווען אַ שענקער און אַ שפּיל טאָן זיך מיט זיין ווייב. אַלץ טימאָשקאָ...

— איצטער זאָגט ע ר גאָר וידוי! — שמייכלט הדסה און די טרערן שטייען איר אין די אויגן.

— אַז גאָט וויל! — שאָקלט ר׳ שבתיל מיט דער יאַרמאָלקע.

נאָר לאַנג „זאָגן וידוי" איז אַפּאַנאַסקען אויך נישט אויסגעקומען. וואָרים אין דרויסן, פאַרן שענק, דערהערט זיך אַ קלונגען פון אַ פּאָיעטאָן־גלעקל און אַן אָנפאָרן פון פורן. הדסה גיט זיך אַ וואָרף צו דער טיר. מסתמא פאַרשפּעטיקטע באַלעגאָלעס אָנגעקומען. וועלן זיי העלפן אָוועק־צופירן די ראַזבאָיניקעס אין קאָפּוסטער סטאַן. עס עפנט זיך אָבער אויף אַ טיר און פון דער נאַכט אַרויס לויפן אַריין פּאַרסאָפּעטע אַן אוריאַדניק, צוויי סטראַזשניקעס און פּיעטרוק — דער פאַרפאַלענער גוי פון שענק. פון וואַנען האָט זיך דאָ מיט אַמאָל גענומען פּיעטרוק און נאַטשאַלסטוואָ? פּונקט ווי מ׳וואָלט זיי באַשטעלט. ר׳ שבתילען און הדסהן זיין ווייב זעט דאָס אויס ווי אַ חלום, ווי אַ נישט־אמתע זאַך. דער אָוונט האָט זיך היינט אָנגעהויבן מיט אַ פּלאָנטער און עס פּלאָנטערט זיך אַלץ ווייטער. הדסה האָט שוין געוואָלט אַ קניפּ־טאָן זיך אין לייב, זען צי זי שלאָפט נישט. נאָר פּיעטרוק הויבט זיך מיט אַמאָל אָן צו צלמן אויף דער שיינער אַסיפה אין שענק און הויבט אָן דברן. און מ׳דערזעט באַשיינפּערלעך, אַז ס׳איז אויפן וואָר.

— כולאָ טע—ע באָזשע! — צלמט זיך פּיעטרוק און בוקט זיך — געלויבט דער אויבערשטער, באַלעבאָס און באַלעבאָסטעצקע, וואָס איך זע אייך לעבעדיק און ביים גאַנצן געזונט...

און צום אוריאַדניק ווענדעט זיך פּיעטרוק אַזוי:

— אָט זענען זיי, וואַשע בלאַהאָראָדיע, די „דושעהובן" (רוצחים), וואָס זענען מיך אין וואַלד באַפאַלן. ליגן געבונדן ווי די חזירים פאַר חגא...

גיט דער אוריאַדניק אַ קלונג מיט דער סאַבליע, אַ גיי־צו צו די

קאַטאָרזשניקעס. אַ בוכצע איינעם מיטן שפּיץ שטיוול, אַ בוכצע דעם צווייטן:

— דאָס ביסטו טימאָשקאַ דושעהוב? דו געשטופּלטער חזיר דו?

— טאַק טאָטשנאָ, וואַשע בלאַהאָראָדיע! — ענטפערט טימאָשקאַ.

— און דאָס ביסטו אַפאַנאַסקע דער ראַזבאָיניק, דער אַנטלויפער?

— טאַק טאָטשנאָ!

— דאָס האָט איר געפּלעט דעם מוח די קאָנוואָיניקעס בשעת פירן אייך מיטן עטאַפּ און אַנטלאָפן?

— מיר, וואַשע בלאַהאָראָדיע! פאַרזינדיקט זיך פאַרן קיסר און פאַרן פּראַוואָסלאַוונעם פאָלק.

צעכאָכאָטשעט זיך דער אוריאַדניק פאַר שמחה, וואָס אים איז אַזוי לייכט אָנגעקומען צו כאַפּן אַזעלכע צוויי העכט:

— איז אָט ווו איר זענט גאָר, מיינע טייערינקע!... און זוך אייך דאָך אַרום צווישן אָרשע און מאָהליוו אויף אַלע וועגן, אין אַלע דערפער. איר ליגט גאָר געבונדענע אין אַ זשידאָווסקן שענק... שיינע ראַזבאָיניקעס, כאַ־כאַ! אויף דיר, טימאָשקאַ־קאָפּ־שניידער, וואָלט איך זיך גאָר נישט געריכט. זעסט דאָך גאָר אויס ווי אַ נאָסער האָן אונטער אַ סטרעכע...

צעלאַכן זיך די אָנגעקומענע סטראַזשניקעס פון דעם אוריאַדניקס חכמהס. און דער אוריאַדניק שטייט נאָך אַלץ איבער די צוויי געפּענטעטע קאַטאָרזשניקעס און נעמט זיי די לעבער:

— איז ליגט־זשע מיינע טייבעלעך, מיינע מאַלאָסאָלנע אוגערקעלעך! אָט וועל איך גאָר אָנשרייבן אַ פּראָטאָקאָלכעלע, וועלן מיר אייך אָפּפירן אין קאָפּוסטער סטאַן, וועט מען אייך שוין שינדן די שקורעלעך מיט שפּיצרוטן. די באַקן די רוצחישע מיט הייסע אייזנס אויסברענען. וואַרט, וואַרט אָקאָרשט, מיינע עפּעלעך!

# נישט קיין בער, נישט קיין בעריאָזקע...

**.1**

אַז ר׳ שבתיל און הדסה זענען אַ ביסל געקומען צו זיך און די טויט־דערשראָקענע קינדער האָבן זיך אַ ביסל באַרואיקט, איז דאָך די ערשטע קשיא געווען: פּיעטרוק, ווי קומסטו אַהער? און ווו האָסטו גענומען נאַטשאַלסטוואָ אינמיטן דער נאַכט? און ווו ביסטו ביז איצטער פאַרפאַלן געוואָרן? און צי פערד און וואָגן זענען גאַנץ?

— גאַנץ, באַלעבאָס! גאַנץ באַלעבאָסטעצקע! — מאַכט פּיעט־רוק — אָט שטייען זיי אינדרויסן, פערד און וואָגן, מיט יעהאָ בלאָהאָ־ראָדיעס פאַיעטאָנדל צוזאַמען. אַ שטרויעלע פעלט נישט, געלויבט דער אויבערשטער!

און אָט וואָס דער גוי פון שענק האָט אויף פויעריש דערציילט ר׳ שבתילען און הדסהן, און צום צווייטן מאָל — דעם אוריאַדניק:

באַלד נאָכדעם, ווי ר׳ שבתיל האָט זיך דערשראָקן פאַר דער ווייסער בעריאָזקע אין וואַלד און איז אַוועק צופוס צוריק אַהיים, האָט ער, פּיעטרוק, אויסגעשפּאַנט דאָס פערדל, כדי אַרויסצונעמען די דוהע און כאָמעט פון קלעם. ער האָט פּאַוואָליע אַרויסגעצויגן דעם וואָגן, אויסגע־גלייכט די האָלאָבליעס, צוזאַמענגעבונדן די איבערגעריסענע לייצע, צוגעגאָסן דיעגאַכץ אין די אַקסן. דאָס וואָלט ביי אים אַן אַנדערש מאָל פאַרנומען אַ האַלבע שעה. נאָר דאָס מאָל — אַ סך מער. אַ „ניעטשיסטאַיאַ סילאַ" האָט אים נישט דערלאָזן. די הענט האָבן זיך ביי אים געטרייסלט. נישטאָ וואָס צו שעמען זיך. ער האָט מורא געהאַט. ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס... נישט צום גוטן האָט אים אַלץ אויסגעזען. און ס׳איז טאַקע אַזוי געשען. ער האָט שוין אָנגענומען די בייטשן אין האַנט, גע־האַלטן ביים אָפּפאָרן צוריק מיטן זעלבן וועג, אָניאָגן ר׳ שבתילען אויפן שליאַך, ערשט — נאַ דיר!... אימיצער גיט גזלניש אַ געשריי „סטאָי!" און פון הינטער די ביימער לויפן אַרויס צוויי האָלאָדראַנצעס. אָט־אָ דער

טימאָשקאַ דזשעהוב און אַפּאַנאַסקע דער קורנאָס. ער ט'זיי שוין הייַנט פאַרן אָנבייסן איינמאָל געזען אין הויף פון שענק, האָבן זיי מיט אים געכאַפּט אַ שמועס. און ביי דער סטאָיקע — אַ טרונק בראָנפן מיט פעפער. ער האָט זיי גלייך דערקענט. שוין הייַנט בייטאָג איז אים, פּיעטרוקן, נישט געפעלן געוואָרן דאָס אויספרעגן זייערער ביים איינשפּאַנען: ווער פאָרט? וווהין מען פאָרט... דערזען זיי אינמיטן וואַלד, ווי זיי לויפן אָן פון הינטן, איז אים גלייך פינצטער געוואָרן אין די אויגן. נאָר כדי זיי זאָלן גאָרנישט באַמערקן, האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז צופרידן צו זען זיי נאָכאַמאָל:

— זדאַראָוואָ, זעמליאַקי! *) וואָס? אין וואַלד פאַרבלאָנדזשעט זיך?... אונטערפירן אייך אַ ביסל?

באַפאַלן אים אָבער די טייערע זעמליאַקעס, כאַפּן אים אָן פאַר ביידע הענט, די דזשעהובן.

— מיר דאַרפן, — זאָגן זיי, — צו אַלדי רוחות דיין „גאָט העלף". מיר דאַרפן האָבן עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך. דיין באַלעבאָס מוזן מיר האָבן. ווו איז ער, דער זשיד מיט די פּאותן?

זעט שוין פּיעטרוק מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן און מיט וואָס דאָ שמעקט. וויל ער נאָר געווינען צייט, ר' שבתיל זאָל וואָס ווייטער אַוועקגיין מיטן שליאַך.

— מיין באַלעבאָס? — ציט ער ווערטער — אַוועקגעגאַנגען מיין באַלעבאָס. אויף וואָס דאַרפט איר מיין באַלעבאָס?

כאַפּן אָבער די דזשעהובן אַרויס די העק פון די טאָרבעס:

— דו זאָגסט, צי דו זאָגסט נישט? דו פּויערישע מאָרדע, דו פאַר־קויפטע נשמה!

— כ'וועל זאָגן, כ'וועל זאָגן! — טרייסלט זיך פּיעטרוק און עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן, — וואָס איז דאָ וואָס צו זאָגן, טייערינקע?

— געפירט הייַנט געלט צום פּריץ?

— געפירט, דאַכט זיך, טייערינקע.

— ווו־זשע איז דער באַלעבאָס מיטן געלט?

— אַוועק צוריק אַהיים איז ער, ברידערלעך, וואָט כרעסט! *)...

---

*) אַ גאָט העלף, לאַנדסלייט.

*) איך שווער אייך ביים צלם!

צוריק אַהיים אַוועק... אַ נישט־גוטער האָט זיך אַריינגעמישט. אַ ראָד אַראָפּגעפאַלן, אַ לייצע צעריסן זיך, ווי אַ צלם איז מיר הייליק!

— וואָס דערציילסטו מיר בייקעס? — צעשרייט זיך טימאָשקאָ דער ראַזבאָיניק, — זאָג, דו הינטישע נשמה, ווו האָסטו אים דאָ באַגראָבן דיין זשידאָווסקן באַלעבאָס מיט דער „מטבע”?..

טענה אַהער, טענה אַהין מיט אַזעלכע דושעהובן. טימאָשקאָ איז אים, פּיעטרוקן, גלייך אַריינגעפאָרן מיטן קולאַק אין מאָרדע. אָט זאָל מען נאָר אַ טאָפּ טאָן. ס'איז נאָך גוט געשוואָלן. ער זעצט מיטן קולאַק און שיפּעט נאָך דורך די ציין אַזאַ „האַדיוקע” (שלאַנג). טאָמער, מאַכט ער, גיבסטו נאָר איין פּיפּס — מאַכן מיר מיט דיר וואָס מיט אַ חזיר פאַר חגא!...

אָנגעבראָכן אים גוט די ביינער, האָבן זיי אים געבונדן, פאַרפּירט מיט פערד און וואָגן טיף אין וואַלד אַריין, ווייט פון שליאַך, דורכגעזוכט אים ביזקל העמד, דורכגעטאַפּט דאָס גאַנצע שטרוי אין וואָגן. דערנאָך מאַכט צו אים טימאָשקאָ דושעהוב אַזוי:

— איבער דיין ראָד, די פּרעקליאַטע, און איבער דיין לייצע, די פּאַהאַנע, האָסטו אונדז געבראַכט דערצו מיר זאָלן אַ נשמה „זאַהובען” (אומברענגען). וואָלסטו אָפּגעפאָרן מיט דיין זשידאָווסקן שענקער נאָך אַ וויאָרסט־צוויי, וואָלטן מיר נאָר דאָס געלט אָפּגענומען, דיר און דעם יידן וואָלטן מיר אין קאַלבער אָנגעלייגט, און... זוך דעם ווינט אין פעלד!... אַצינד מוזן מיר בלוט פאַרגיסן אָפּריער — דיין פּראַוואָסלאַווגע נשמה אומברענגען, דערנאָך — די זשידאָווסקע נשמות. אָט וועט פינצטער ווערן, וועלן מיר דיר דעם קאָפּ אָפּהאַקן, און קיין אַלעקסאַנדראָווקע, אין שענק אַריין וועלן מיר זיך מיטן סומנעם וואַלד אַוועקלאָזן. דיין באַלעבאָס מיט די פּאָותלעך וועלן מיר טאָן דאָס רעכט און דיין באַלעבאָסטעצקע — דאָס רעכט. יעדערן ווי ס'געהערט צו זיין. אַ שיינע איז זי, דיין „כאַייטש־קע”, אין איר מאַמען אַריין...

בעט זיך ביי זיי פּיעטרוק אַ געבונדענער:

— ווי אַזוי האָט איר דאָס קיין מורא נישט פאַר גאָט? און טאָמער כאַפּט אייך נאַטשאַלסטוואָ, וועט מען דאָך אייך הענגען, אָדער אין סיביר פאַרשיקן. אָט וואָס מ'וועט טאָן, טייערינקע!

לאַכן פון זיינע קלוגע רייד די ראַזבאָיניקעס:

— פּראָפּאַדאָט טאַק פּראָפּאַדאָט! *), אַז שוין פּרעסן באָרשץ, טאָ זאָל זיך גיסן איבער דער באָרד! מיינסט, די פּויערישע מאָרדע, אַז מיר

זענען באַנדערס וועלכע, אָדער האַלץ־העקער? כאַ־כאַ! שאַרבנס האַקן מיר! ביעגלע קאַטאַרזשניקעס זענען מיר! מיר האָבן זיך נאָר איבער־געטאָן אַזוי. פון קאָנוואָי זענען מיר אַנטלאָפן אינמיטן וועג. אונדזערע סאָלדאַטיקלעך געפּלעט דעם מוח מיט אַ ציגל. טאָמער כאַפּט מען אונדז, וועלן מיר זיך סיי־ווי־סיי וויגן אויף אַ שטריקל, טאָ זאָל כאָטש זיין פאַר־וואָס. לאָמיר כאָטש אַ הוליע טאָן פאַר דער פּגירה. מיט בראָנפן אָנטרינקען זיך, מיט ווייבער אָנשפּילן זיך...

ליגט פּיעטרוק אין וואָגן און אין האַרצן צלמט ער זיך. ער וואַרט מ׳זאָל אים דערלאַנגען מיט אַ האַק אין קאָפּ...

גענוואָרן פינצטערער, איז זיך אָבער טימאָשקאַ מיישב:

— טאַק אי ביט!*) — מאַכט ער, — ביסט אַ פּראַוואָסלאַוונער און וואַיעסט נישט ווי אַ באַבע, כמאָרקעסט זיך נישט ווי אַ פּויערל. וועלן מיר דיך נישט הרגענען. נאָר צובינדן דיך צום וואָגן מוזן מיר. און פאַרשטאָפּן דיר דאָס מויל מוזן מיר אויך. דריכניע דאָ, סוקין סין! אָבער מיט דיין באַלעבאָס פון שענק און מיט דיין באַלעבאָסטעצקע — אַ־כאַ־כאַ!...

זעט פּיעטרוק, אַז די סכנה פאַר זיינע באַלעבאַטים איז גרויס. הויבט ער אָן כיטרעווען, בעטן זיך, כלומרשט, פאַר זיין אייגענעם קאָפּ:

— לאָזט מיך נישט, גוטע מענטשן, אַ געבונדענעם אינמיטן וואַלד. אַ בער אַ בייזער האָט זיך דאָ פאַרנאַדיעט אין די היגע מקומות. דער פּריץ איז געווען אַרויס אויף אַן אָבלאַווע און נישט געכאַפּט אים. ער וועט נאָך דאָס פערדל פאַרגריזשען און מיר די געדערים אַרויסלאָזן. נישט דערלאָזט, ברידערלעך, צו אַזאַ זאַך...

אָבער די ראַזבאָיניקעס לאַכן גאָר איבער אים פון פולן האַלדז: נו, גוט, רייצן זיי זיך, וועלן מיר דיר טאַקע דעם קאָפּ אַראָפּנעמען. וועסטו נישט הערן, ווי דער בער דער קרומפּיסיקער וועט קומען.

בקיצור, זיי האָבן אים דעם מויל מיט אַ שמאַטע פאַרשטאָפּט, די דושעהובן. און איינגעבונדן אין וואָגן, מיטן פּנים צו די אויסגעבעטע שטרוי און מיט די מייטקעס, במחילה, צום הימל. איבערגעדעקט אים מיט אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין וואָגן, כדי איינגאַנצן צו זאַדושען זיין קול, טאָמער שרייט ער מיט די נאָזלעכער. און אַליין האָבן זיי זיך געזעצט צובייסן פון די טאָרבעס. ער האָט געהערט ווי זיי זשוואַקען, די

---

*) אומגעקומען איז אומגעקומען!

קאַטאָרזשניקעס, און רעדן זיך איבער מיט אָנגעשטאָפּטע מיילער. נאָר שפּעט אין דער נאַכט, ווען ס'איז גוט פינצטער געוואָרן, האָבן זיי זיך אַוועקגעמאַכט צום שליאַך, טאַפּנדיק די בוימער־שטאַמען מיט די לאַפּעס. מער האָט ער זיי אין וואַלד נישט געהערט און נישט געזען.

## .2

ליגט ער אַזוי פּיעטרוק אין געהאַקטע ווונדן. די נאַכט ציט זיך אַ מינוט — אַ יאָר! „איך וועל שוין ווי נישט איז אַרויסקריכן", טראַכט ער זיך, „אָבער ווי ראַטעווער מען די באַלעבאַטים? מיט די העק וועלן זיי דעם באַלעבאָס צופּאַסעווען און די באַלעבאָסטע די קראַסאַוויצע — באַליידיקן. און די קינדער די אומשולדיקע שלעכטס טאָן"...

וואַרפט ער זיך ווי אַ לעשץ אין נעץ. די שטריק שניידן אים ווי מעסערס. זיי האָבן אים שוין איינמאָל איינגעבונדן און צוגעבונדן, די דושעהובן! דעם מויל מיט פּאַסקודסטוואָ אָנגעשטאָפּט. אָט־אָט ווערט ער דערשטיקט. נאָר מיט דער נאָז קען ער נאָך אַ ביסל טראָמייטערן, קען אַרויסלאָזן אַ קול פון אַ פליג אין שפּינוועבס. נאָר ווער וועט דערהערן אַזאַ זשומען? ס'איז ווייט פון שליאַך. מיט היי און מיט טראַנטעס איז אים דער קאָפּ איבערגעדעקט. אַ פּאָר מאָל הערט ער, ווי אַ פורל האַצקעט זיך דורך אויפן שליאַך. וואַרפט ער זיך און רייסט זיך איינמאָל און צוויי מאָל און עס געלינגט אים אויסשפּייען אַ שטיקל שמאַטע פון מויל. פּרוווט ער זיך אַרויסצולאָזן אַ מענטשלעכן קול פון האַלדז. איז שוין אָבער קיינער נישטאָ. אַוועקגעפאָרן. פאַרפאַלן, קלערט ער, די באַלעבאַטים, פאַרפאַלן!

מיטאַמאָל דערהערט ער ווייט־ווייט — אַ גלעקעלע קלינגט. ער שפּיצט זיך אָן. אַ גלעקל! ווי גאָט איז הייליק — אַ גלעקל! אַ פּאָטש־טאַליאָן פאָרט, אָדער נאַטשאַלסטוואָ. נאָר אַזעלכע האָבן אַזאַ גלעקל איבער דער דוהע. ער דערקע־ענט...

טוט ער זיך אָן אַ כוח, פּיעטרוק, הויבט אָן וואַרפן מיט קאָפּ און פּלייצעס ווי אַן „אוטאָפּליעניק" (אַ דערטרונקענער), ווען מען מינטערט אים. די שטריק שניידן מוראדיק, די אויערן הערן זיך אָבער צו נאָר צום גלעקל. דאָס קלינגען ווערט אַלץ נעענטער און נעענטער. פּאָמאַהאַי באָך! (העלף גאָט!).

מיט הוסטן און מיט שנאָרכען און מיט בלוט און מיט גאָטס הילף

געלינגט אים אַרויסבאַקומען די גאַנצע שמאַטע פון גאַרגל און אַ געשריי טאָן. נאָר דער געשריי איז אַזוי דערשטיקט אין היי און אין גאַנצן צודעק וואָס די ראַזבאַיניקעס האָבן אויף אים אַנגעוואָרפן. דאָס גלעקעלע גלייכט זיך אויס מיטן וואָגן אין וואַלד. אָט־אָט פאָרט ער פאַרביי און אַ סוף! נאָר גאָט אַליין דערבאַרעמט זיך אויף פּיטרוקן. זיין פערד אין שפּאַן טוט אַ הירזשע. די סקאַטינאַ פאַרשטייט אויך, אַז איר האָר איז אין אַן אומגליק, אַז ער שטיקט זיך. טוט ער שוין אַן אַ כוח אַריבערצושרייען דאָס פערד. ס׳איז שוין איינמאָל געווען אַ געשריי! אַ רעווע פון אַ נישט־דערשטאָכענעם אָקס איז דאָס געווען. ער אַליין האָט זיין אייגענעם קול נישט דערקענט. עפּעס ווי גאָר אַ פרעמדער פּיעטרוק וואָלט אין פינצטערן וואַלד אַ יאָמער געטאָן...

דאָס גלעקל שטעלט זיך אָפּ. אַנטשוויגן געוואָרן. אַ ווײַלע איז שטיל־שטיל. דערנאָך דערהערן זיך מענטשלעכע קולות. מען רעדט צווישן זיך. אימיצער באַפעלט מיט אַ האַרבן קול, אַ קול פון נאַטשאַלסטווע. דערנאָך דערהערן זיך טריט אינעם נאָדל־אַפּפאַל פון די סאָסנעס. אַ פייערל אַ שוואַכינקער בלאַנדזשעט. צווישן די שפּאַלטן פון וואָגן קריכט ער דורך. גיט ער, פּיעטרוק, אַ הויב דעם קאָפּ פון אונטער די טראַנטעס: שאָטנס מאָרימדיקע שוואַרצע קריכן, אַ האַנט, אַ קאָפּ — ביזקל הימל. אַ לאַמטערנדל זוכט...

— כטאָ טאָם? — גיט אַ קול האַרב אַ פרעג, אַזוי ווי נאַטשאַלסטוואָ פרעגט. מיט כוח און מיט שטרענגקייט. און כדי אָנוואָרפן אַ מורא שיסט מען אויס. טראַך—טאַ—ראַ—ראַך!

נאָר פּיעטרוק האָט קיין מורא נישט פאַרן שאָס. ער ווייסט, אַז נישט אים מיינט מען דאָס. „ראַטעוועט אַ פּראַוואָסלאַוונעם!"... — שרייט ער אויס אַ לעצטן מאָל און בלייבט ליגן אַ געחלשטער.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער שוין געלעגן אין וואָגן אַן אָפּגעפּענטערטער. יעהאָ בלאַהאָראָדיע דער אוריאַדניק איז נעבן אים געשטאַנען. צוויי דעסיאַטניקעס מיט אַ לאַמטערנע אַן אָנגעצונדענע. — „ווער האָט דאָס דיר געטאָן?" — האָט דער אוריאַדניק גענומען אויספרעגן, אָבער פּיעטרוק האָט זיך נישט געלאָזן. „גיכער, גיכער", מאַכט ער, „וואַשע בלאַהאָראָדיע! קום, לאָמיר פאָרן קיין אַלעקסאַנדראָווקע אין שענק, די דושעהובן וועלן נאָך נישט איין מענטשן אומברענגען. אויפן וועג וועסטו מיך, האַרעלע, אויספרעגן"...

די דעסיאַטניקעס, אַ דאַנק זיי אַ גרויסן, האָבן געהאָלפן אַרויסקלייבן

זיך מיט פערד און וואָגן אויפן שליאַך. די בייטשן האָבן אַ קנאַל געגעבן און אָט, געלויבט איז גאָט, געקומען און געפונען אַלעמען גאַנץ. אַלץ ווי געהערט צו זיין. אָנשטאָט די באַלעבאַטים ליגן גאָר די ראַזבאָיניקלעך אַליין געבונדענע, און אַ בער שטייט איבער זיי... אַ טשיקאַווע זאַך! ער, פּיעטרוק, האָט דאָך אין וואַלד מורא געהאַט אַ בער זאָל אים נישט פאַרגריזשען. שטייט גאָר איבער די שיינע לייט אַ בער און זיי האָבן אַצינד מורא. טשודאָ־יודאָ שעפּציל האַרציקער! (אַ גרויסער וווּנדער, שבתיל!).

— ✶ —

נו, וואָס זאָל איך אייך ווייטער מאריך־זיין? אַזוי האָט לייזערל וואַיטעק פאַרענדיקט זיין מנחם־אָבלדיקע מעשה. די ראַזבאָיניקעס האָט מען געבונדענע אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן און איינגעפּאַסעוועט זיי מיט שטריק אינעם זעלבן וואָגן, אין וועלכן פּיעטרוק איז פריער, מיט אַ פּאָר שעה, געלעגן אַ געפּענטעטער אין וואַלד. און צוויי סטראַזשניקעס מיט בלויזע שווערדן האָט דער אוריאַדניק אָוועקגעשטעלט היטן זיי ביז פאַר־טאָג, ווען מען וועט זיי אָפּפירן אין סטאַן קיין קאַפּוסט.

אין שענק גופא איז ביסלעכווייז געוואָרן לעבעדיקער. מ׳האָט זיך צעקלאַפּט מיט די גלעזלעך ביי דער סטאָיקע: ר׳ שבתיל מיטן אוריאַדניק, דער ציגיינער מיט ר׳ שבתילען, פּיעטרוק מיטן ציגיינער. אַזוי איינער מיטן צווייטן. לכתחילה — אַ קאַפּעלע פאַרשעמט. פּאַרט, אָקאָרשט, אַזאַ הושך געווען אין שטוב!... נאָר ביסלעכווייז איז מען אַריבערגעגאַנגען אויף ווישניק, און פון ווישניק אויף זובראָווקע און פון זובראָווקע אויף די אמתע ביינציקער ספּירט, וואָס איז געבליבן פון פּסח. הדסה האָט דעם בער אויך נישט געוואָלט פאַרשעמען און אויף אַ טאַץ אַלעמאָל צוגע־טראָגן אים אַ כוסה. טרינקט רבי בער און אין דעם בערישן האַלדז גראָגערט ביי אים. ס׳הייסט: „לחיים יידן און לחיים גויים!" און מאַכט בול־בול־בול. אַ טראָפּן פאַלט נישט אַראָפּ. שיכורים געניטע וואָלטן אים געמעגט מקנא זיין.

לויפט ר׳ שבתיל צו צו זיין ווייב מיט אַ פולן קעלישאָק:

— לחיים, הדסה! אַצינד זעסטו שוין וואָס דער „לייוונטענער", זאָל לעבן, האָט געמיינט מיטן „דרך־ארץ פאַר אַ בער!" אַצינד ווייסטו שוין ווער ס׳האָט אָפּגעקלאַפּט די ראָד אויפן שליאַך?

אַ קעלישאַק אַריינגעגאָסן און אַ קעלישאַק אַנגעגאָסן, און דער געמישטער עולם איז שענק צעוואַרעמט זיך. ר׳ שבתיל האַלובעט שוין דעם בער און ווינטשעוועט זיך מיט אים: „לחיים, ר׳ בער! איך ווייס״, מאַכט ער בגילופינדיק, „אַז איר, ר׳ בער, זענט אַ גלגול פון אַ נשמה... זאָל שוין טאַקע דער אויבערשטער געבן איר זאָלט וואָס גיכער אויסגעלייזט ווערן, מיט דעם זכות פון די גוטע מעשים וואָס איר האָט היינט אויפגעטאָן, מיט דעם זכות פון פסחדיקן בראָנפן, וואָס איר האָט געטרונקען און מיט דעם כוח פון די שטיקלעך איינגעדאַרטע יידישע חלה, מיט וועלכע איר האָט פאַרביסן!״... קוקן די גוים צו און לאַכן. וואָס פאַרשטייען זיי אין אַזעלכע חסידישע זאַכן? נאָר דער בער אַליין בורטשעט צופרידן אויף ר׳ שבתילס דרשה. בורטשעט און גיסט אַריין ווי אַ בן־אדם. ביסלעכווייז הויבט מען זיך אָן בראַטעוועו מיטן אוריאַדניק אויך. אויך נישקשה פון אַ בער!... וואָרים צוצוגיין אַמאָליקע צייטן צו אַן אוריאַדניק מיט עפּאָלעטן און מיט מעשענע קנעפּלעך איז דאָך געווען מסוכנדיקער ווי צו אַ בער אין וואַלד... נאָר דער יידישער ווישניק און די רעשטלעך פסחדיקע ספּירט זענען שטאַרקער פאַר „קנעפּלעך״ און פאַר עפּאָלעטן... פאַרוואַרפט מען האַנט אויף אַקסל פריער ר׳ שבתיל מיטן אוריאַדניק, דערנאָך שטייען צו פּיעטרוק און דער ציגיינער אויך. דערנאָך כאַפּן אָן דעם שענקערס קינדער די דערוואַקסענע לייט פאַר די פּאָלעס, און מ׳לאָזט זיך אַוועק אַ האָפּקע אינמיטן שטוב, אַז ס׳איז אַ מחיה. שטייט דער בער און פינטלט מיט די בערישע אויגעלעך. ער וווּנדערט זיך, אַפּנים, וואָס מענטשן, צוויי־פיסיקע, טוען דאָס, וואָס ע ר טוט אויפן מאַרק אין שטעטלעך, און פאַרן קלויסטערל — אין די דערפער. הויבן ביי אים אויך אָן בייסן די הינטערשטע לאַפּעס. וואַרט ער נישט ביז דער ציגיינער וועט אַ קלאַפּ טאָן אין פּייקל, און לאָזט זיך אַליין אַוועק דרייען און האַצקען זיך מיט זיין גאַנץ שווערן הינטער־חלק, פּאַכעט מיט דעם קורצן עקל ווי מיט אַ פעכערל, און פּאַטשט זיך מיט די פאָדערשטע לאַפּעס אויפן האָריקן בויך. ווערט דאָך אַ גרויס געלעכטער. מאַכן שוין די מענטשן אַרום אים אַ ראָד און פּאַטשן לאַדעזשקעס. קען שוין דער ציגיינער אויך קיין חזיר נישט זיין. כאַפּט ער אַרויס דאָס פּויק־פּלעקעלע און באַראַבאַנעוועט אין פּייקל אַריין: „איזדינק־איזדינק־זדינק דינק! כאַטשי־פּאַטשי־

מאַטשי־לאָטשי! פּאַקאַזש נאָ יאַק פּיאַני זאָלדאַט, דראַני זאָלדאַט וואַ גראַז וואָלאַ־איט־סיאַ! *).

און רבי בער פּוילט זיך טאַקע נישט און איז מהנה די שטוביקע און די געסט מיט זיינע קונצן ביים אוריאַדניק פּלאַצן שיער נישט אַלע קנעפּלעך איבערן בויך. ער זעט באַשיינפּערלעך, ווי זיינע אייגענע דער־סיאַטניקלעך וואַלגערן זיך אין בלאָטע, ווען זיי זויפן זיך אָן. זאָל עס פעלן אַ האָר...

### 3.

אַזוי שקאַצעוועט מען און מען נעמט אַ כוסה און מען פּאַרבייסט מיט קאַלטע לעבערקעס און מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער סטאַיקע און אין שטוב, ביז פּאַרטאָג. אויפן קאַפּטער, איבערן אויוון גייט מיט־אַמאָל אויס דאָס הלבנע ליכטל. אַמאָליקע באַלייכטעניש! מ׳האָט זיך אַזוי פאַרהוליעט, אַז מ׳האָט זיך גאָרנישט אַרומגעקוקט. אין פענצטערל גרויט קוים־קוים אויף טאָג. לויפט הדסה זוכן אַ פרישׁ ליכטל אין קאָכ־שטוב. בלייבט דער צעהוליעטער עולם אין שענק אין דער טונקלהייט. מ׳זעט נישט קלאָר איינער דעם צווייטן, די אויגעלעך, נאָך אַזוי פיל גוטע משקה, קלעפּן זיך אויך צו ביסלעך. אָנגעצונדן אַ פרישע חלבנע ליכטל און צוגעקלעפּט צום קאַפּטער, קוקט מען זיך אַרום און מען דערזעט, אַז אין שטוב איז עפּעס שיטערער געוואָרן, אַז די שטוב־טיר איז אָפן און פון דרויסן ווייעט אַריין אַ ווינטעלע, לעשט דעם פלאַם פון ליכטל, בויגט אים אַהער און אַהין. קוקט מען זיך איבער: ווער פעלט דאָ? דער בער מיטן ציגיינער פעלן...

וווּנדערט זיך הדסה: גאָרנישט געהערט זיי אַרויסגיין? ניין, קיינער האָט נישט געהערט די טיר זאָל אַ סקריפּ טאָן. אפשר זענען זיי צוריק אַרויס און אַוועקגעלייגט זיך שלאָפן אין שפּייכלער מיט היי? אפשר. נאָר עפּעס גאָר אָן אַ גוטע־נאַכט, אָן אַ גוט־יאָר. גלאַט גענומען און אַרויס־געגנבעט זיך און אַוועק פּאָפן אין דער נאָרע, וואָס דער בער האָט פאַר־נאַכט אַליין אויסגעגראַבלט? מאָדנע זאַכן!

לויפט מען צום שפּייכלער, דערזעט מען, אַז די הורבע היי, וואָס איז

---

*) ווייז נאָר ווי אַזעלנער אַ שיכורער, אַ זעלנער אַ געמיינינקער, קייקלט זיך אין בלאָטע...

געלעגן דערביי, איז נישטאָ. אימיצער האָט זי אַריינגעקוועטשט צוריק אין דער נאָרע אַריין. דאָס הילצערנע טירל איז צוגעמאַכט און די קליאַמקע, פון דרויסן, איז מיט אַ הילצערנעם שטעקעלע פאַרשפּונטעוועט. נישט קיין בער, נישט קיין ציגיינער, נישט קיין שוואַרצע יאַגדעס...

וואַרפט מען זיך דאָך צו די סטראַזשניקעס, וועלכע שטייען ביי פּיעטרוקס וואָגן און היטן, די געבונדענע קאַטאָרזשניקלעך, מיט די בלויזע שווערדן אין די הענט. דער אוריאַדניק אַליין בייזערט זיך:

— געזען דעם „וואָזשאַטי״? ווו איז דער וואָזשאַטי?

— ניקאַק ניעט, וואַשע בלאַהאָראָדיע! — ענטפערן די סטראַזשניקעס.

— אַ בער גאָר נישט געזען אַרויסגיין פונדאַנען? איר בלינדע שלאַיענס, איר ליימענע גולמס!

— ניקאַק ניעט! — ציטערן די סטראַזשניקעס — קיינעם אין די אויגן נישט געזען.

בלייבן אַלע שטיין ווי די אָפּגעשמיסענע. הדסה, אַ יידענע, באַגרייפט נאָך נישט, וואָס דאָ טוט זיך. זי ווייסט איר זאַך. זי שאָקלט צו ר׳ שבתילען, איר מאַן, מיטן קאָפּ:

— אַזאַ מעשה, אַ? אָנגעגרייט פאַרן ציגיינער אַ לעבעלע ברויט, אַ הערינג, אַ פלעשל בראָנפן אויפן וועג. אַ מענטש האָט דאָך אונדז געראַטעוועט. און מיטאַמאָל —

צעווייינט זיך ר׳ שבתיל, איר מאַן, אויסהערנדיק אירע רייד, אײַנמיטן הויף, פאַר אַלעמען אין די אויגן און אָן אַ פּיצל בושה. אָט ערשט, דאַכט זיך, אַזוי בגילופינדיק און מיטאַמאָל צעווייינט ער זיך גאָר. עס פאַרדריסט אים מוראדיק וואָס ער איז געווען אַזוי נאָענט צו גאָטס שלוחים און געלאָזן זיי „אַוועקפליען״. נישט באַשערט געווען אַפילו צו באַדאַנקען זיי ווי ס׳געהער צו זיין. ווי אברהם אבינו האָט באַדאַנקט זיינע שליחים...

נאָר אַ יידענע פאַרשטייט דען וואָס עס טוט זיך מיט איר מאַן, מיט אַזאַ פייערדיקן חסיד, ווי ער איז?

— שבתיל, גאָט איז מיט דיר! — פאַלט זי צו אים צו, — וואָס עפּעס אינמיטן־דרינען?

— דו הערסט? — מאַכט ר׳ שבתיל ווישנדיק זיך די אויגן — דו הערסט, הדסה, מיין ווייב? ס׳איז ביי אונדז געווען אַזאַ בער ווי ס׳איז געווען אַ בעריאָזקע אין וואַלד — — —

און כך הוה. מיט אַ טאָג שפּעטער, ווען פּיעטרוק, דער משרת פון שענק, איז שוין געקומען צוריק פון קאָפּוסט, וווהין ער מיטן אוריאַדניק האָבן אָפּגעפירט די אָסטראָזשניקעס, האָט ר׳ שבתיל ווידער אַמאָל אָנגע־טאָן די אַטלאַסענע זשופּיצע, און איבער דער זשופּיצע די כאַלמידע און אָוועקגעלאָזן זיך אין וועג אַריין אָפּצאָלן פאַכטע דעם פּריץ. האָבן זייביידע נישט ווייט פון אָפּגעשניטענעם פּיען געגומען זוכן דאָס ווייסע בוימעלע צווישן די סאָסנעס, אָט דאָס זעלבע בוימעלע, וואָס ר׳ שבתיל האָט אָנגענומען פאַרן „לייוונטענעם״ רבי, און פּיעטרוק — פאַר אַ פּראָס־טע בעריאָזקע... ווו אַ ווייס בוימל? וואָס בעריאָזקע? קיין זכר נישטאָ. קיין סימן נישט געבליבן!

זיי האָבן אַפילו אָפּגעזוכט די צוויי סאָסנעס, צווישן וועלכע דאָס פערד איז אַנומלטן אַריינגעפאָרן און פאַרקלעמט די דוהע. אָפּגעריסענע קאָרע איז נאָך געלעגן אויף די וואָרצלען, אָבער די בעריאָזקע הינטער זיי איז נישט געווען.

איז ר׳ שבתיל חסיד באימה־ופחד אַוועקגעפאָרן קיין אָרשע. תהילים דעם גאַנציקן וועג געזאָגט. אָפּגעצאָלט פאַכטע דעם פּריץ, געשטעלט אַן עמער בראָנפן די גוים אין קאַנטאָר. אין בית־המדרש נאָכן דאַווענען גומל געבענטשט און ווייטער געשטעלט משקה. דאָס מאָל פאַר אַ מנין חסידים. פאַר הדסהן זיין ווייב האָט ער איינגעהאַנדלט אַ זיידענע קאָפּ־טיכל מיט טערקישע קווייטן, פאַר די קינדער — שיכעלעך. אָבער באַרואיקן זיך האָט ער מער נישט געקענט. דער פאַרשווונדענער בער האָט אים געטאָ־רעט אין מוח און אַלע נסים, וואָס האָבן זיך אַרום אים אָפּגעשפּילט, זינט דער „לייוונטענער״ איז צו אים אַראָפּגעקומען אין שענק.

און טאָקע באַלד, נאָך יענעם שבת, האָט ער ווייטער געהייסן פּיעט־רוקן שפּאַנען דאָס פערד. אָפּגעזעגנט זיך מיט ווייב און קינדער. גענומען אַ גוטן „פּדיון״ אין קעשענע און אַרויסגעלאָזן זיך זוכן דעם „לייוונטע־נעם״. און אַ נדר האָט ר׳ שבתיל געטאָן אָפּצוגעבן דעם פּדיון דעם רבין און נאָך אַ שיינע נדבה דעם רבין אין האַנט אויף צדקה. און זאָגן מוז ער דעם לייוונטענעם, זאָל לעבן, אַז ער, ר׳ שבתיל, פאַרשטייט אַצינד דעם רבינס ווערטער, דאַמאָלסט, נאָכן אָנבייסן... אַז מ׳טאָר נישט וואַ־רעמען די הענט אָן דעם צווייטנס אַ שריפה, ווי גרויס דער פּראָסט זאָל נישט זיין. אַז מ׳קומט דערפאַר אָפּ... שוין צו שטאַרק האָט ער, ר׳ שבתיל, דאַמאָלסט הנאה געהאַט פונעם רבינס אַראָפּקומען צו אים. די הנאה איז אָבער געווען געבויט אויף דעם, וואָס אַן אָרעמער באַלעגאָלע איז געבליבן

אָן פערד און וואָגן און אָן פרנסה. פאַר גרויס הנאה האָט ער אַזש געלאָזן שטיין דעם זעלבן באַלעגאָלע אָן אַ זייט און נישט פאַרבעטן צום טיש. האָט אים אויך דער אויבערשטער באַשטראָפט מיט פיעטרוקס פערד און וואָגן, וועלכע זענען פאַרפאַלן געוואָרן און מיט אַן אימת־מות פאַר ראַז־באָיניקעס, וועלכע זענען אים באַפאַלן אינמיטן דער נאַכט. און ער פאַר־שטייט אַצינד, ר׳ שבתיל, דעם גאַנצן ווונק פון „דרך ארץ פאַר אַ בער״, וואָס דער לייוונטענער״ האָט אים געגעבן פאַרן אָפּפאָרן. אָי, אָי, פאַר־שטייט ער!... ווי וואָלט ער, מיט ווייב און קינדער געוועזן אַצינד, ווען נישט אָט דאָס טייערע וואָרט?...

אָט דאָס אַלץ מוז ער אים זאָגן, דעם „לייוונטענעם״, און בעטן אַ תיקון, ווי אַזוי בעסער תשובה צו טאָן...

נאָך אַ סך טעג האָט ער זיך נאָך אַרומגעדרייט, ר׳ שבתיל, צווישן כאַסלאַוויטש און ליובאַוויטש און לאָזאָוויטש... וואָרים — גיי זוך דעם ווינט אין פעלד!... אַז ווו דער „לייוונטענער״ האָט געטאָגט, דאָרטן האָט ער נישט גענעכטיקט, און ווו גענעכטיקט — דאָרטן נישט געטאָגט. און דווקא ווען מ׳האָט שטאַרק געוואָלט, האָט מען אים קיינמאָל נישט געקענט געפינען.

(סוף פון דריטן טייל)